STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01026

# YIDN UN ANDERE ETNISHE GRUPES

Charles B. Sherman

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ira M. Frank, M.D.
in memory of
Leona Juliet Frank & Maurice Lewis Frank*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

פון

בצלאל שערמאַן

פאַרלאַג „אונדזער וועג"
ניו יאָרק, 1948

# YIDDEN UN ANDERE ETNISCHE GRUPES IN DIE FAREINIGTE SHTATEN

Jews and Other Ethnic Groups in the United States

by

**CHARLES BEZALEL SHERMAN**

Copyright by Charles B. Sherman
New York, 1948

Published by
**UNDZER VEG**
Room 410, 305 Broadway, New York 7, N. Y.

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press, 227 W. 17th St., New York, N. Y.
255

# אינהאַלט

הקדמה — — — — — — — — — — — — — 5
ערשטע טייל : „די מערהייט" — — — — — — — — 13
צווייטע טייל : אימיגראַנטן פון אייראָפּע — — — — 81
דריטע טייל : יידן — — — — — — — — — — — — — 239
נאָטיצן און ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — 393
זוך־צעטל — — — — — — — — — — — — — — 415

# הקדמה

עמיצער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אין ערגעץ אין דער וועלט פּראָדוצירט מען ניט וועגן אַלצדינג אַזוי פיל אינפאָרמאַציע און אין ערגעץ ווערט די אינפאָרמאַציע ניט אַזוי ווייניק אויסגענוצט, ווי אין אַמעריקע. דער ענין מינדערהייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ניט קיין אויסנאַם. אַ קאָלאָסאַלע ליטעראַטור איז וועגן אָט דעם ענין געשאַפן געוואָרן, אָבער אַ ווערק וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס פּראָבלעם אין אַלע זיינע אַספּעקטן, וואָס זאָל אַנאַליזירן און קאָאָרדינירן אַלע שטודיעס, באַריכטן און אָפּהאַנדלונגען, וואָס זאָל אונטערציען אַ סך הכל אונטער דעם פאַראַנענעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל און פעסטשטעלן די געזעצן לויט וועלכע עס ריכטן זיך די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן פון די מינדערהייטן — אַזאַ ווערק איז נאָך דערווייל ניטאָ. עס איז נאָך אפילו ניטאָ קיין קלאָרע פאָרמולע פון דעם, וואָס אַ מינדערהייט שטעלט מיט זיך פאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און יעדער פאָרשער האָט זיך זיין אייגענע דעפיניציע. פאַראַן דעפיניציעס, וואָס אַז מען פּרוּווט פון זיי אַרויסציען אַלע מעגלעכע קאָנסעקווענצן, באַקומט זיך אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז גאָר קיין מערהייט־גרופּע ניטאָ; און פאַראַן ווידער דעפיניציעס, וואָס אַז מען ווענדט זיי אָן לויט זייער אינערלעכער לאָגיק, געפינט מען אַז עס זיינען אין לאַנד קיין מינדערהייטן ניטאָ. אין אַ באַשטימטן זין זיינען ביידע סאָרטן דעפיניציעס ריכטיק: אויב מען זאָל די מערהייט־גרופּע פאַנאַנדערנעמען לויט די באַזונדער טיילן וואָס שטעלן זי צונויף, וועט זי אויפהערן צו זיין אַ מערהייט. אויב, פון דער אַנדערער זייט, מען זאָל אַ מינדערהייט פאַרגלייכן מיט די באַזונדערע קלענערע טיילן פון דער מערהייט, וועט די ערשטע אויפהערן צו זיין אַ מינדערהייט. מערהייט און מינדערהייט זיינען ניט קיין אַבסאָלוטע קאַטעגאָריעס: זיי זיינען מערהייטן אָדער מינדערהייטן נאָר אין פאַרהעלטעניש איינע צו דער אַנדערער. פון אַן אַבסטראַקט־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז בכלל ניטאָ אַזאַ זאַך ווי מערהייט און מינדערהייט, ווייל עס פעלט אַן אָביעקטיווער מאַסשטאַב צו מעסטן די גרויס פון אַ סאָציאַלער גרופּע אין פאַרהעלטניש צו

דער אַלגעמיינער סביבה פון וועלכער זי איז אַ טייל. פון דעם איז קלאָר, אַז אין אַן אמתער דעמאָקראַטיע וואָלט ניט געדאַרפט זיין קיין פּלאַץ פאַר די קאָנצעפּציעס מערהייט און מינדערהייט; די עצם צעטיילונג פון אַ באַפעלקע־רונג פון אַ לאַנד לויט אָט די קאָנצעפּציעס — איז אַ באַשרענקונג פון דע־מאָקראַטיע.

און דאָך ווייסט יעדער איינער, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דאָ אַ זייער ערנסטע פּראָבלעם פון מינדערהייטן. די ריזיקע ליטעראַטור, וואָס איז דאָ וועגן אָט דעם ענין, איז ניט צופעליק אויפגעקומען: זי שפּיגלט אָפּ די באַדינגונגען אין לאַנד, וואָס זיינען אין אַ גאַר גרויסער מאָס באַאיינפלוסט פון די באַציאונגען צווישן מערהייט און מינדערהייט גרופּעס. וואָס עס פעלט אין דער דאָזיקער ליטעראַטור, איז די אַנערקענונג, אַז ניט נאָר האָבן מינ־דערהייטן אַ יורידישע רעכט זיך ניט אויפצעלייזן אין דער מערהייט, נאָר אויך, אַז אַמעריקע וואָלט אַ סך געוואונען פון זייער ניט אויפלייזן זיך. גראָד דורך די קאַנאַלן פון זייער אייגענער אידענטיטעט וואָלטן די אַזוי־גערופענע מינדערהייטן געקאָנט צוטראָגן דאָס בעסטע וואָס זיי פאַרמאָגן צו דעם אַל־געמיינעם שאַץ־קאַמער פון אַמעריקאַנער גייסטיקע ווערטן. חוץ אַ פּאָר זעלטענע אויסנאַמעס, נעמט אָן די גאַנצע ליטעראַטור וועגן היגע מינדערהייט־ענינים אַז דאָס פּראָבלעם פון אַ מינדערהייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן — איז דאָס פּראָבלעם פון איר וואָס פריערער שפּורלאָזער פאַרשווינדונג ווי אַ באַ־זונדערע גרופּע. די דאָזיקע ליטעראַטור שטעלט קיין מאָל ניט אונטער פרעג־צייכן די צוועקמעסיקייט פון דער דאָזיקער פאַרשווינדונג; און אודאי פרעגט זי ניט אָפּ די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פון דער מערהייט צו פאַרלאַנגען די אומבאַדינגטע און תיכפדיקע אויפלייזונג פון דער מינדער־הייט.

„מערהייט" אין אָט דער פאָרמולירונג פון דעם פּראָבלעם איז, אין דעם לעצטן סך הכל, דער טייטש: דאָ־געבוירענע ווייסע פּראָטעסטאַנטן פון אַנגלאָ־זאַקסישן אָפּשטאַם. דאָס איז אַ פאַלשע פאָרמולע, וואָס הערט ניט אויף צו זיין פאַלש אפילו ווען מען שליסט אין איר איין די אַנדערע אַזוי־גערופענע „נאָרדישע" עלעמענטן. וואָס עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש אין אָט דעם אופן פון אָוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם איז דער פאַקט, אַז בעת די מערהייט פאָ־דערט פון די מינדערהייטן פולשטענדיקע גרופּעשע ליקווידאַציע, וויל זי זיי ניט אַלע מאָל אַבסאָרבירן. פאַראַן מינדערהייטן — נעגערס זיינען די וויכטיק־סטע גרופּע צווישן זיי — וואָס וואָלטן מיט גאַנצן האַרצן זיך געוואָלט פאַר־לירן אין דער מערהייט און אויפהערן עקזיסטירן ווי באַזונדערע אידענטיטעטן, אָבער די לעצטע טוט אַלצדינג אין דער וועלט צו דעם ניט צו דערלאָזן. דער

ערנסטער סאָציאַלער פאָרשער ווערט דאָ געשטעלט פאַר אַן אייזערנער וואַנט, וואָס ער דאַרף ממש מיט זיין אייגענעם קאָפּ דורכברעכן: ווען מען רעדט פון מינדערהייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן — וועמען האָט מען דאָ אין זינען? די גרופּעס, פון וועלכע די מערהייט פאָדערט באַלדיקע פאַרשווינדונג אָדער די גרופּעס, וואָס זי לאָזט ניט אַז זיי זאָלן פאַרשווינדן? רעליגיעזע גרופּעס? — אָבער מערהייט און מינדערהייט געהערן דאָך גאַנץ אָפּט צו דעם זעלביקן גלויבן. פּרואוון די פאָרשערס זיך געבן אַן עצה דורך איינטיילן די מינדערהייטן אין צוויי עיקרדיקע קאַטעגאָריעס: ראַסן־גרופּעס און אימיגראַנטן־גרופּעס. די שייד־ליניע איז דאָ אַ קלאָרע: די ערשטע זיינען פאַרמשפּט צו פאַרבלייבן אייביקע מינדערהייטן, די לעצטע וועלן אויפהערן צו זיין מינדערהייטן אַזוי שנעל, ווי זיי וועלן זיך באַפרייען פון דעם אויסלענדישן באַגאַזש, און אַן קשיות זיך אַריינגיסן אין דעם אַלגעמיינעם קולטורעלן און סאָציאַלן שטראָם, וואָס שלאָגט פון דעם קוואַל, וועלכן די מערהייט האָט אויסגעגראָבן.

די דאָזיקע איינטיילונג האָט אַ מאָס היסטאָרישע באַרעכטיקונג: זי שטיצט זיך אויף דעם פאַקט אַז ניט פאַרשוואונדן זיינען די ראַסן־גרופּעס, בעת די אימיגראַנטן־גרופּעס האָבן זיך יאָ אויפגעלייזט אָדער זיי זיינען אין פּראָצעס פון אויפלייזן זיך. יידן האָבן זיך אָבער דער סאָציאַלער פאָרשונג געשטעלט אין האַלדז און זי האָט ניט געוואוסט צו וואָסער קאַטעגאָריע זיי צוצושרייבן: יידן געהערן צו דער ווייסער ראַסע און לייזן זיך פונדעסטוועגן ניט אויף ווי אַ גרופּע. האָט די פאָרשונג פאַרנאַטירט דעם פאַקט פון יידישער אויסנאַמיקייט — און איז אַריבער צו דעם טאָג־סדר.

איז דערפאַר די אויפגאַבע פון אַ פאָרשער, וואָס וויל דוקא דעם פאַקט פון יידיש־גרופּעשער־ניט־פאַרשווינדונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן מאַכן פאַר דעם צענטער פון זיין באַטראַכטונג, זייער אַ שווערע. ניט־יידן האָבן די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן ישוב געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט; יידן אַליין — ניט קיין סך מער. דער רעזולטאַט איז, אַז זייער ווייניק מאַטעריאַל איז וועגן אַט דעם ענין פאַראַן — און דאָס ביסל וואָס איז דאָ, איז אויך צעזייט און צעשפּרייט און אין ערגעץ ניט סיסטעמאַטיזירט און אודאי ניט סינטעטיזירט. אין אַט דער אַרבעט ווערט געמאַכט אַ פאַרזוך — און ניט מער ווי אַ פאַרזוך — דעם פאַראַנענעם מאַטעריאַל צונויפצונעמען, אַנאַליזירן און אים צו נוצן אין אַ פּרואוו פעסטצושטעלן די דינאַמיק און ריכט־ליניעס פון יידישן גרופּע־לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער מחבר האָט געקאָנט דערגאַנצן דעם מאַטעריאַל מיט פּערזענלעכער אָבסערוואַציע וואָס דעקט אַ צייט־שטח פון אַריבער דריי־צענדליק יאָר און שפּרייט זיך איבער דער לענג און ברייט פון דעם לאַנד. עס איז בפירוש ניט דער צוועק פון דעם

מחבר — און איך וויל דאָס אָקצענטירן אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך — צו געבן די געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב. עס איז נאָר אַ פּאַרמעסט צו פעסטשטעלן וועלכע סאָציאַלע פאַקטאָרן עס האָבן דער דאָזיקער געשיכטע געגעבן איר אייגנאַרטיקע ווענדונג. עס איז, אין אַנדערע ווערטער, אַ פּאַרזוך צו באַשטימען די געזעצמעסיקייט פון די יידישע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן אין די ראַמען פון די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן פון דעם לאַנד ווי אַ גאַנצן.

אין דער ערשטער טייל פון אָט דער אַרבעט ווערט געגעבן דער אַלגעמיי־נער הינטערגרונט פון דער אַמעריקאַנער אַנטוויקלונג. דאָ ווערט אויך אונטער־געזוכט די ראָלע פון דער אַזוי־גערופענער מערהייט אין דער דאָזיקער אַנט־וויקלונג, ספּעציעל אין דער פאָרמירונג פון דער אַמעריקאַנער קולטור און לעבנס־שטייגער. אין דער צווייטער טייל ווערט אַנאַליזירט די דערפאַרונג פון ווייסע אימיגראַנטן־גרופּעס פון איירָאָפּע אויף דעם פאָן פון אָט דעם הינטערגרונט; און די דריטע גיט זיך אין גאַנצן אָפּ מיט יידן.

ווי אַ רויטער שנור וועט זיך דורך די ווייטערדיקע זייטן דורכציען די טעזע, אַז די הינטערשטעליקייט פון דער אַמעריקאַנער מאָראַלישער אַנטוויק־לונג לגבי דעם טעכנישן פּראָגרעס איז געווען איינער פון די עיקרדיקע פאַק־טאָרן אין דער געשטאַלטונג פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט. אַלץ, וואָס גייט אַריין אין דעם באַגריף מאָראַלישע אַנטוויקלונג, שליס איך איין אין דעם אויסדרוק „קולטור"; אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט טעכנישן פּראָגרעס — אין דעם אויסדרוק „ציוויליזאַציע". קולטור, ווי דער באַגריף ווערט אין אָט דער אַרבעט גענוצט, איז דעריבער דער אַקומולירטער סכום ווערטן וואָס ליגט אין יסוד פון דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט, פון זיינע מאָראַלישע, עטישע און עסטעטישע עמפּפינדונגען; בעת דער באַגריף ציוויליזאַציע שליסט איין דעם סכום ווערטן וואָס באַשטימט דעם מאַטעריעלן אויסזען פון דעם מענטשלעכן לעבן — אַלץ דאָס, וואָס האָט צו טאָן מיט זיין קאַמפּאַרט און עקאָנאָמישע אינטערעסן. די דאָזיקע דעפיניציעס, וואָס ווערן אָפט גענוצט אין דער סאָציאַלער ליטעראַטור, פּרעטענדירן לחלוטין ניט אויף וויסנשאַפטלעכער פּרעציזקייט, זיי זיינען אָבער גענוג קאָנקרעט צו ציען אַ ליניע צווישן די צוויי ווערטן־סכומען, וואָס — אין דער שפּראַך פון טעאָלאָגיע — וואָלט מען איינעם געקאָנט באַצייכענען ווי נשמה און דעם צווייטן ווי גוף. אויב עס וועט וועמען טענהן, אַז אין תוך זיינען גוף און נשמה איין זאַך — וועט דער מחבר זיך מיט אים ניט קריגן; ער וועט אים נאָר דערמאָנען, אַז די פאַרשיידענע טיילן פון דעם מענטשלעכן קערפּער אַנטוויקלען זיך אויך ניט גלייכמעסיק.

און רעדט מען פון וויסנשאַפטלעכער פּרעציזקייט, איז נייטיק צו וואָרנען, אַז ניט נאָר אין שייכות צו די באַגריפן קולטור און ציוויליזאַציע פעלט אַב־

סאָלוטע קאָנקרעטקייט פון אויסדרוק. עס פעלן אויך עקזאַקטע, אַלגעמיין־אָקצעפּטירטע דעפיניציעס פאַר אַזעלכע באַגריפן ווי ראַסע, פאָלק, נאַציע, סאָציאַלע גרופּע וכדומה. די דאָזיקע אויסדרוקן ווערן אין אונדזער אַרבעט דעריבער ניט גענוצט ווי וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע, נאָר ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען אין טעגלעכן געברויך; פונדעסטוועגן באַמי איך זיך, אויף וויפיל דאָס לאָזט זיך, אויסמיידן צו לויזע פאָרמולירונגען און צו אַריינטראָגן אין די פאַרשיידענע טערמינען דעם זין, וואָס עס גיט זיי די סאָציאַלע וויסנשאַפט.

אַ מוסטער פון גרינטלעכקייט אין סאָציאַלער שטודיע האָבן געגעבן די פאָרשערס פון יאַנקי סיטי, וואָס וועלן אַסך מאָל דערמאָנט ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך. זיי האָבן די באַפעלקערונג פון דער שטאָט אין ניי־ענגלאַנד, וואָס זיי האָבן אויסגעפאָרשט, צעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) אין יאַנקיס — אַ קאַטעגאָריע, וואָס שליסט איין די אָפּשטאַמיקע פון די אַנגלאָ־זאַקסישע פּיאָנערן (אין אַ באַגרעניצטער מאָס, אויך אָפּשטאַמיקע פון אַנדערע „נאָרדישע" לענדער); 2) עטניקערס — אַ קאַטעגאָריע, וואָס נעמט אַרום אַלע ראַסן־, רעליגיעזע און נאַציאָנאַליטעטן גרופּעס וואָס גייען ניט אַריין אין דער ערשטער קאַטעגאָריע. פאַר אונדז איז די דאָזיקע איינטיילונג ניט גענוג. דערפאַר, ווייל זי נעמט אַריין אין איין ראַם סיי די קאָלירטע ראַסן־גרופּעס סיי די ווייסע עטנישע גרופּעס. איך רעד דעריבער אין אַלע באַטראַכטונגען פון דריי גרופּעס: 1) יאַנקיס, אַ גרופּע וואָס איז מער־ווייניקער אידענטיש מיט דער דעפיניציע פון די מחברים פון יאַנקי סיטי; 2) ראַסן־גרופּעס — צו באַצייכענען די מיטגלידער פון די פאַרביקע גרופּעס, און 3) עטניקערס צו באַצייכענען אַלע אימיגראַנטן און זייערע אָפּשטאַמיקע — אויסער אַנגלאָ־זאַקסן, — וואָס האָבן ווען עס איז זיך געפונען אין אַ סטאַטוס פון מינדערהייט, ווי אַ מינדערהייט ווערט דעפינירט אין דער ערשטער טייל פון אָט דער אַרבעט. אַזוי ווי דער צענטער פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט זיינען יידן און אַזוי ווי אין דער אַנטוויקלונג פון יידן האָבן די ערשטע און דריטע גרופּעס געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע, דעריבער פיגורירט די צווייטע גרופּע ניט קיין סך אין אונדזער אַרבעט.

וואָס איז שייך צו אימיגראַנטן־גרופּעס, פאַרנעמט זיך אָט די אַרבעט כמעט אויסשליסלעך מיט די גרופּעס וואָס שטאַמען פון אייראָפּע און באַרירט בלויז פאַרבייגייענדיק די גרופּעס פון אַנדערע קאָנטינענטן. אָבער אפילו פון די אייראָפּעאישע אימיגראַנטן ווערן ווייט ניט אַלע דערמאָנט — בלויז יענע, וואָס גיבן דעם שליסל צו דער אַנטוויקלונג פון עטנישע גרופּעס בכלל אין די פאַראייניקטע שטאַטן און העלפן אונדז בעסער צו פאַרשטיין יידישע אַנטוויקלונג. חוץ מיט דער אַלגעמיינער דערמאָנטער שוועריקייט פון געפינען עקזאַקטע

אויסדרוקן פֿאַר די באַגריפֿן, מיט וועלכע די אַרבעט אָפּערירט, האָב איך זיך די גאַנצע צייט געראַנגלט מיט דער ספּעציעלע שוועריקייט, וואָס עס פֿעלן אין דער יידישער שפּראַך עקוויוואַלענטן פֿאַר די סאָציאַלע אויסדרוקן וואָס האָבן אויפֿגעהערט צו זיין ווערטער און זיינען געוואָרן באַגריפֿן. איך האָב זיך ניט געקאָנט באַנוצען מיט פּרעצעדענטן און געמוזט האַנדלען לויט אייגענער איינזעעניש. אַזעלכע ווערטער ווי „סעטלערס״ און „פּראָנטיר״, וואָס זיין כולל אין זיך גאַנצע עפּאָכעס פֿון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, גיב איך אין זייער אָריגינעלער פֿאָרם. אַנדערע ווערטער האָב איך פֿאַריידישט (דאָס וואָרט עטניקער גופֿא איז אַ גוטע אילוסטראַציע) און וואו דאָס האָט זיך ניט געלאָזט — האָב איך, בלית ברירה, זיך געמוזט באַנוצן מיט אַנגליציזמען. איך בין זיכער, אַז אין יעדער פֿאַל וועט דער אויפֿמערקזאַמער לייענער גרינג באַנעמען דעם זין וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין די ווייניקער־פּאָפּולערע ווערטער און איך מייד דעריבער אויס איבעריקע פֿאַרטייטשונגען.

עס איז דעם מחבר געגאַנגען אין אַנאַליזירן די ווירקלעכקייט און אין אָפּשאַצן פּראָצעסן, ווי ער זעט זיי, און ניט אין פֿאָרשלאָגן פּראָגראַמען. ער האָט מיט אַזוי פֿיל אָביעקטיווקייט וויפֿיל עס איז בכלל מעגלעך אַריינצוטראָגן אין אַ אינדיווידועלער אַרבעט, געפּרוּווט באַלויכטן פּראָבלעמען — געפֿינען לייזונגען איז עפּעס, וואָס גייט אַרויס פֿון די גרעניצן פֿון אָט דער אַרבעט.

# ערשטע טייל

## די „מערהייט״

## .1

קאַרגע דריי און האַלב יאָרהונדערטער — איינגעטיילט אין כמעט צוויי גלייכע פּעריאָדן — זיינען פאַרבייגעגאַנגען זינט עס איז פאַרלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דעם ישוב, פון וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. דער ערשטער — קאָלאָניאַלער — פּעריאָד האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז גלייכצייטיק אויך געווען דער אָנהייב פון דעם צווייטן פּעריאָד. די אַמעריקאַנער געשיכטע־שרייבער זיינען געניגט צו באַטראַכטן אַלע וויסע מענטשן וואָס זיינען געקומען אַהער פאַר דער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד פאַר סעטלערס; די געקומענע נאָך דער רעוואָלוציע — פאַר אימיגראַנטן.

צו דעם סוף פון דעם ערשטן פּעריאָד, וואָס האָט געדעקט אַ צייט־שטח פון וואָסערע 170 יאָר, האָבן די דרייצן קאָלאָניעס וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון ענגלאַנד געהאַט אַ באַפעלקערונג פון אַרום דריי מיליאָן נפשות; אין די נעקסטע 165 יאָר האָט זיך די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן געכפלט אויף וואָסערע 43 מאָל. אין 1790 האָט די פאַראייניקטע שטאַטן געהאַט קאַרגע 4 מיליאָן איינוואוינער, וואָס פון זיי זיינען 700 טויזנט געווען שוואַרצע שקלאַפן און באַלד 60 טויזנט פרייע נעגערס [1]). אין 1940 האָבן די אַריבער 11 מיליאָן איינוואוינער פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין אויסלאַנד אויסגעמאַכט אַ באַפעלקערונג וואָס איז געווען באַלד דריי מאָל אַזוי די גרויס, ווי גאָר די באַפעלקערונג פון לאַנד מיט 150 יאָר פריער. אין משך פון אָט די 150 יאָר זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַריינגעקומען אַרום 40 מיליאָן אימיגראַנטן.

געקומען זיינען אָט די אימיגראַנטן פון אַלע עקן וועלט. זיי האָבן זיך רעקרוטירט פון אַלע פעלקער, גלויבנס און ראַסן. זיי האָבן גערעדט אַלע לשונות און פאַרטראָטן אַלע סאָציאַלע שיכטן און עקאָנאָמישע קלאַסן. צווישן זיי זיינען געווען מענטשן פון דער העכסטער קולטור און אַן־אַלף־ביתניקעס; סאָציאַלע בעלי־חלומות און געוועזענע פאַרברעכער; אידעאַליסטישע גאָט־

זוכערס און הפקרדיקע אַוואַנטוריסטן. די גרויסע מערהייט פון די אימיגראַנטן איז אָבער באַשטאַנען פון פּשוטע מענטשן, וואָס עקאָנאָמישע נויט און פּאָלי־טישע און רעליגיעזע רדיפות האָבן זיי פאַרטריבן פון זייערע געבוירן־לענדער. די זעלביקע פאַקטאָרן האָבן פריער אויך געבראַכט אַהער די סעטלערס.

די סעטלערס זיינען ניט אַלע געקומען פון איין לאַנד, האָבן ניט אַלע געהערט צו איין פאָלק און ווייט ניט אַלע גערעדט איין לשון. אַ פּאָר צענדליק יאָר איידער די ענגלענדער האָבן פאַרנומען ניי־אַמסטערדאַם — די איצטיקע ניו יאָרק — האָט אין און אַרום דער שטאָט זיך געפונען אַ באַפעלקערונג וואָס האָט גערעדט גאַנצע אַכצן שפּראַכן. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע זיינען אין די קאָלאָניעס געווען 25 דייטשע צייטונגען. אין 1789 דערשיינט די ערשטע פראַנצויזישע צייטונג. אָנהייב 18טן יאָר־הונדערט האָט די באַ־פעלקערונג פון פילאַדעלפיע, צו יענער צייט אַ דאָרף, פאַרמאָגט, חוץ ענגלענ־דער, אויך: האָלענדערס, דייטשן, פראַנצויזן, סקאַנדינאַוון, א. א. אין פינף שטעט זיינען געווען יידישע שולן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. פונדעסט־וועגן איז די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג קיין מאָל ניט געווען אַזוי האָמאָגען, ווי צו דעם סוף פון דעם קאָלאָניאַלן פעריאָד. איבער 82 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָט אָפּגעשטאַמט פון ענגלאַנד, נאָך 7 פראָצענט פון שאָטלאַנד. ווינציקסטנס 91 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז געקומען פון ענגליש־רעדנדיקע לענדער און וואָסערע 98 פראָצענט האָט געהערט צו דעם פראָטעס־טאַנטישן גלויבן. „עס איז ניטאָ קיין ספק" — זאָגן די בירדס — „אַז די אי־בערוועגנדיקע מערהייט פון דער ווייסער באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס איז געווען פון ענגלישן אָפּשטאַם; דער קלאַסן־איינשטעל איז געווען ענגליש; דאָס געזעץ וואָס האָט געהאַלטן צוזאַמען דעם גאַנצן סאָציאַלן שטייגער איז אין תוך, ווען אפילו מאָדיפיצירט, געווען ענגליש; די הערשנדיקע רעליגיעזע אינסטיטוציעס און טעאָלאָגישע שטייגערס זיינען געווען ענגלישע אַדאַפּטאַציעס פון קריסטנטום; די נוסחאות פון פאָרמעלער בילדונג, פאַרוויילונגען, מעבל, פאַסאָנען, קונסט און היים־קאָדעקסן זיינען אויך אַלע געווען הויפּטזעכלעך ענגליש" [2].

אַזוי איז דאָס געווען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, אָבער אין 1940 איז דאָס בילד געווען אין גאַנצן אַן אַנדערס. אַרום 51 פראָצענט פון דער ווייסער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז באַשטאַנען פון אי־מיגראַנטן און זייערע אָפּשטאַמיקע און בלויז 49 פראָצענט פון אָפּשטאַמיקע פון די סעטלערס. די אַנגלאָ־זאַקסישע עלעמענטן האָבן אויסגעמאַכט ווייניקער ווי 35 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג. 22 מיליאָן מענטשן — באַלד 17 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד — האָבן אין דעם צענזוס פון 1940 אָנגעגעבן

אַן אַנדער שפּראַך ווי ענגליש ווי זייער מאַמע־לשון. מען דאַרף אָבער דערביי געדענקען, אַז מאַמע־לשון איז ניט די זעלביקע זאַך ווי גערעדטע שפּראַך: דאָס צענזוס ביוראָ דעפינירט מאַמע־לשון, ווי די שפּראַך, וואָס דער אויסגעפרעגטער האָט צו מיינסטן געהערט רעדן ביי זיך אין דער היים ווען ער איז געווען אַ קינד. ווען מען זאָל זיך רעכענען בלויז מיט דער צאָל מענטשן וואָס באַנוצן זיך טאַקע מיט אַ ניט־ענגלישער שפּראַך אין זייער טעגלעכן געברויך, וועט דער פּראָצענט זיכער זיין וויניקער פון 10, אָדער קלענער נאָך ווי אין 1776. אין אַנדערע ווערטער: בעת, דער צופלוס פון אימיגראַנטן פון ענגליש־רעדנדיקע לענדער איז כסדר רעלאַטיוו געפאַלן און דער צופלוס פון אימיגראַנטן פון ניט־ענגליש־רעדנדיקע־לענדער איז רעלאַטיוו כסדר געשטיגן; בעת די עטנישע, ראַסן־ און רעליגיעזע פיזיאָנאָמיע פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָט זיך גרינטלעך געביטן — אין אָט דער צייט האָט די ענגלישע שפּראַך — דער שפּראַך־אינסטרומענט פון דער אַמעריקאַנער קולטור — נישט נאָר איינגעהאַלטן איר פּאָזיציע, נאָר האָט זיך פּראָפּאָרציאָנעל נאָך שטאַרקער פאַרפעסטיקט. אין דער צייט, הייסט עס, ווען די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער פון דער עטנישער האָמאָגענישקייט פון דעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד, דערנענטערט זי זיך אַלץ מער און מער צו אַ לינגוויסטישן טאָטאַליטאַריזם.

וואָס־זשע איז געוואָרן פון די אַלע עטנישע גרופּעס וואָס זיינען אַהער געקומען פון ניט־ענגליש־רעדנדיקע לענדער? האָבן זיי זיך אין גאַנצן אויפגעלייזט אין דעם כלומרשטן שמעלץ־טאָפּ און אין אים פאַרברענט די אייגנאַרטיקע גייסטיקע ירושה, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, אָדער האָבן זיי בלויז אויסגעפורעמט אַ נייעם שפּראַך־אינסטרומענט פאַר זייערע אַלטע קולטור־ווערטן? מען קאָן די פראַגע אויך אַנדערש שטעלן: איז די איין־שפּראַכיגקייט דער רעזולטאַט פון אַן אויפגעלייזטער גרופּע־אידענטיטעט מצד די ניט־אַנגלאָ־זאַקסישע אימיגראַנטן, אָדער האַלטן זיי איין זייער גרופּעשקייט טראָץ דעם, וואָס זיי גיבן אויף זייערע אייגענע שפּראַכן? ביים באַהאַנדלען אַמעריקאַנער מינדערהייט פּראָבלעמען זיינען דאָס די עיקר־פראַגעס, אָבער מיר וועלן דאַרפן גיין אַ לאַנגן וועג איידער מיר וועלן צוקומען צו אַן ענטפער אויף זיי.

וואָרום מינדערהייט־פּראָבלעמען אין די פאַראייניקטע שטאַטן — דאָס איז גאָר אַן אַנדער ענין, ווי מינדערהייט־פּראָבלעמען אין אַנדערע וועלט־טיילן. דאָרט באַצייכנט מען געוויינלעך מיטן נאָמען מינדערהייטן — עטנישע גרופּעס, וואָס הגם זיי לעבן קאָנצענטרירט אויף דורכאויסיקע געאָגראַפישע שטחים און פאַרמאָגן אייגענע קולטורן און געשיכטעס, געפינען זיי זיך אָבער אונטער דער פּאָליטישער הערשאַפט פון אַנדערע פעלקער. די דאָזיקע מינדערהייטן

שטרעבן צו באַפֿרייען זיך פֿון דער פֿרעמדער ממשלה און צו דערגרייכן אייגענע
מלוכהשאַפֿט. כּל זמן זיי זייַנען געצוואונגען צו פֿאַרבלייבן מינדערהייטן,
פֿאָדערן זיי, בדרך כּלל, דאָס רעכט צו פֿירן זייער קאָלעקטיוו לעבן אויף זייער
אייגענעם שטייגער און אין הסכּם מיט זייער אייגענער געשיכטלעכער אַנט־
וויקלונג.

מינדערהייט־פּראָבלעמען זייַנען דעריבער נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין איי־
ראָפּע און אַנדערע קאָנטינענטן, — פּראָבלעמען פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט־
באַשטימונג־רעכט. די נאַציאָנאַלע קאָנפֿליקטן שטאַמען אַרויס פֿון דעם פּאָלי־
טישן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געראַנגל צווישן די מינדערהייטן און מער־
הייטן. אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווייסט מען ניט פֿון אַזעלכע פּראָבלעמען;
ממילא זייַנען שוין דאָ אויך ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע קאָנפֿליקטן. פֿאַרקערט, דאָס
אייגנאַרטיקע אין דער אַמעריקאַנער שטאַטלעכער אַנטוויקלונג איז טאַקע דאָס,
וואָס זי האָט אויסגעמיטן נאַציאָנאַלע קאָנפֿליקטן צווישן די צאָלרייכע עטנישע
גרופּעס וואָס האָבן זיך געפֿונען אין לאַנד. אויף וויפֿיל עס זייַנען געווען צוזאַ־
מענשטויסן צווישן זיי — און מיר וועלן זען, אַז אַזעלכע צוזאַמענשטויסן זייַנען
געווען, — זייַנען זיי ניט פֿאָרגעקומען אויף דער פֿלאַך פֿון נאַציאָנאַלע זעלבסט־
באַשטימונג רעכט. מיט דער אויסנאַם פֿון אַ פּאָר איזאָלירטע פֿאַרזוכן פֿון
אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, האָט דאָ קיין עטנישע גרופּע זיך קיין מאָל ניט
געפּרוווט אָרגאַניזירן ווי אַ באַזונדערער פּאָליטישער איינס אין די ראַמען
פֿון דער אַמעריקאַנער מלוכהשאַפֿט. קיין עטנישע גרופּע האָט דאָ אויך קיין
מאָל ניט געזוכט פֿאַר זיך קיין סטאַטוס פֿון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. גאָנאַר
מוירדאַל מאַכט די טרעפֿלעכע באַמערקונג, אַז „די מינדערהייט־פֿעלקערשאַפֿטן
פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן קעמפֿן פֿאַר אַ סטאַטוס אין דער גרעסערער גע־
זעלשאַפֿט: די מינדערהייטן פֿון אייראָפּע קעמפֿן דער עיקר פֿאַר אומאָפּהענ־
גיקייט פֿון איר" (דער גרעסערער געזעלשאַפֿט [3]).

איז דעריבער זייער שווער צו דעפֿינירן גענוי, וואָס אַ מינדערהייט שטעלט
מיט זיך פֿאָר אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פּראָפֿעסאָר פֿראַנציס בראַון גיט
די פֿאָלגנדיקע פֿאָרמולע: מינדערהייטן זייַנען —

> יחידים און גרופּעס וואָס אונטערשיידן זיך, אָדער מען נעמט אָן אַז זיי אונטער־
> שיידן זיך, פֿון דער הערשנדיקער סאָציאַלער גרופּע און וואָס האָבן אויף פֿאַר־
> שיידענע גראַדן אַנטוויקלט אַ געמיט־צושטאַנד וואָס גיט זיי אַ געפֿיל פֿון גרעסערער
> זיכערקייט אין זייער אייגענער גרופּע ווי אין זייערע באַציאונגען מיט דער דאָמי־
> נירנדיקער גרופּע [4].

די פֿאָרמולע האָט אַ צאָל גרונט־פֿעלערן. קודם כּל לייַדט זי פֿון דעם,
וואָס זי רעדוצירט דעם גאַנצן ענין צו אַ סאָציאַלן פּראָבלעם פֿון בלויז פּסיכאָ־

לאַגישע אַספּעקטן. צווייטנס איז זי צו אַלגעמיין און אַבסטראַקט: זי קאָן, פון איין זייט, אָנגעווענדט ווערן אויף מינדערהייטן אין די מינדערהייטן גופא און, פון דער אַנדערער זייט, — אויף גרופּעס וואָס זיינען אין תוך גאָר קיין מינדערהייטן ניט. יעדער פּראָטעסטאַנטישע גרופּע באַזונדער איז זיכער אַ מינדערהייט אין פאַרהעלטניש צו דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד — און אַ מיטגליד פון יעדער באַזונדערער פּראָטעסטאַנטישער גרופּע פילט זיך געוויס זיכערער אין זיין אייגענער גרופּע ווי אין אַן אַנדערער, — פונדעסטוועגן וועלן מיר וועגן די דאָזיקע גרופּעס ניט רעדן ווי וועגן מינדערהייטן אין דעם זעלביקן זין, ווי מיר רעדן וועגן נעגערס, קאַטאָליקן, יידן אָדער מעקסיקאַנער. אַ מינדערהייט איז אַ מינדערהייט ניט בלויז דערפאַר, ווייל זי אונטערשיידט זיך פון דער מערהייט, נאָר אויך דערפאַר — אפשר דער עיקר דערפאַר, — ווייל אין דעם פּראָצעס פון אינטעגרירן זיך אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד שטויסט זי זיך אָן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד דער הערשנדיקער סאָציאַלער גרופּע. די דאָזיקע הערשנדיקע גרופּע מוז ניט נומעריש דווקא זיין די מערהייט־גרופּע: מיר האָבן שוין געזען, אַז די אַנגלאָ־זאַקסן האָבן היינט ווייט ניט קיין אַבסאָלוטע מערהייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פונדעסטוועגן זיינען זיי זיכער די הערשנדיקע עטנישע גרופּע אין לאַנד. פּראָפעסאָר בראַונס דעפיניציע דאַרף דעריבער אַמענדירט ווערן. זי דאַרף איינשליסן דעם פאַקט, אַז אין די באַציאונגען צווישן מינדערהייט און מערהייט גרופּעס קומט אַריין דער עלעמענט פון פאַראורטיילן, וואָס די לעצטע ווייזן אַרויס לגבי די ערשטע. די פאַראורטיילן קאָנען אָננעמען פאַרשיידענע פאָרמען, זיי האָבן אָבער אַלע איין וויכטיקן כאַראַקטער־שטריך: זיי פאַרשווערן די אַסימילאַציע פון דער מינדערהייט מיט דער מערהייט.

מינדערהייטן פון אַט דעם מין האָט די פאַראייניקטע שטאַטן געהאַט — און האָט היינט — אַסך. מיר וועלן זיך פאַרנעמען בלויז מיט יענע וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ווייסער אימיגראַציע פון אייראָפּע. פריער דאַרפן מיר זיך אָבער באַקענען מיט דער אַזוי־גערופענער מערהייט.

.2

פּראָפעסאָר טורנער מאָלט אַזוי די אָקופּאַציע פון אַמעריקע:

פריער איז געקומען דער בופל־אָקס וואָס האָט זיך געצויגן צו די פלעצער וואו עס האָבן זיך געפונען די זאַלץ־קוואַלן. דער בופל־אָקס האָט אויסגעטראָגן דעם וועג פאַר דעם אינדיאַנער; דער אינדיאַנער — פאַר דעם ווייסן פוטערוואַרג־הענדלער און יעגער, זיי — פאַר דעם פיצוכטער, דער פיצוכטער — פאַר דעם

פּיאָנער־לאַנדווירט. צום סוף זיינען געקומען די מענטשן פֿון קאָמערץ און אינדוסטריע [1]). אין 16טן און אָנהייב 17טן יאָרהונדערט האָט בלויז ענגלאַנד געהאַט די נייטיקע מיטלען און דערפֿאַרונג צו קאָלאָניזירן נייע לענדער. זי האָט, קודם כל, פֿאַרמאָגט די פּיאָנערן־קאַדרען, וואָס זיינען געווען גרייט צו נעמען אויף זיך די אַלע אומגעהייערע שוועריקייטן וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט דער אָקופּאַציע און באַאַרבעטונג פֿון ווילדע געגנטן. ענגלאַנד האָט אויך געהאַט גענוג שיפֿן אויף איבערצופֿירן די דאָזיקע קאַדרען, צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער, צו די וויטסטע מקומות און זי איז געווען בכוח זיי צו שיקן די הילף, וואָס אָן דעם האָבן די פּיאָנערן קיין נייע לענדער ניט געקאָנט בויען. דעריבער זיינען ענגלענדער געוואָרן די פּיאָנערן פֿון דער אַמעריקאַנער לאַנדווירטשאַפֿט.

ניט ווי אָפּוועזנדיקע לאַנד־אייגנטימערס וואָס עקספּלואַטירן די ביליקע אַרבעטס־קראַפֿט פֿון דער נאַטיווער באַפֿעלקערונג זיינען די פּיאָנערן אַהער געקומען. פֿאַרקערט, די אינדיאַנער האָבן בשום אופֿן ניט געוואָלט אַקצעפּטירן דעם נייעם סדר, וואָס די סעטלערס האָבן אַהער געבראַכט, און זיך בעסער געלאָזט אויסשעכטן איידער איינגעשפּאַנט צו ווערן אין דעם אַרבעט־וואָגן פֿון די ווייסע אָקופּאַנטן. די פּיאָנערן האָבן דעריבער געמוזט מיט די אייגענע הענט אויפֿרייסן און פֿאַרזייען פֿאַרוואָרלאָזטן באָדן און אַליין באַקעמפֿן די געפֿאַרן וואָס האָבן אויף זיי געלויערט פֿון אַלע זייטן. שפּעטער, ווען זיי האָבן געדאַרפֿט אָנקומען צו דער אַרבעטס־קראַפֿט פֿון אַנדערע, האָבן זיי דאָס אויך ניט געקאָנט קריגן פֿון דער אינדיאַנישער באַפֿעלקערונג. נאָר דאָס געמוזט אימפּאָרטירן פֿון דער מעטראָפּאָליע אין דער פֿאָרמע פֿון „פֿאַרמשכנטע דינער”. דאָס זיינען געווען ענגלענדער וואָס האָבן זיך אויסגעדונגען אויף אַרבעט אין די קאָלאָניעס אויף באַשטימטע טערמינען און די טערמינען געמוזט אויסדינען איידער זיי זיינען געוואָרן פֿרייע מענטשן. די דאָזיקע עלעמענטן האָבן אין די ערשטע 50 יאָר פֿון דער אַמעריקאַנער קאָלאָניזאַציע צוגעשטעלט די גרעסטע טייל פֿון דער אַרבעטס־קראַפֿט וואָס די באַאַרבעטונג פֿון די פֿעלדער האָט געפֿאָדערט. שפּעטער, ווען די „פֿאַרמשכנטע דינער” האָבן מער ניט געקאָנט באַפֿרידיקן דעם נאָכפֿרעג אויף אַרבעט־קראַפֿט, האָבן די סעטלערס אָנגעהייבן אימפּאָרטירן שוואַרצע שקלאַפֿן פֿון אַפֿריקע. מיט דער צייט איז שקלאַפֿעריי געוואָרן איינער פֿון די זיילן פֿון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע.

ניט בלויז מאַטעריעלע אינטערעסן האָבן געטריבן די פּילגרימען צו די ברעגעס פֿון אַן אומבאַקאַנטן און ווילדן קאָנטינענט. זיי זיינען אויך געטראָגן געוואָרן אויף די פֿליגלען פֿון אַ רעליגיעזן דראַנג — און דאָס איז אפֿשר די הויפּט נפֿקא־מינא צווישן די פּוריטאַנער וואָס זיינען געקומען פֿון ענגלאַנד און די סעטלערס וואָס זיינען געקומען פֿון אַנדערע לענדער. די לעצטע, אפֿילו אויב

זיי זיינען געקומען מיט דער כוונה דאָ צו בויען פאַר זיך פערמאַנענטע היימען, האָבן ניט געהאַט קיין שום סאָציאַלן ציל אָדער גייסטיקן אידעאַל; ממילא האָבן זיי אין זייער אַרבעט זיך ניט געשטעלט קיין שום באַוואוסטזיניקע גע־זעלשאַפטלעכע צוועקן. דאָס, וואָס זיי האָבן געבויט, האָבן זיי געבויט פאַר זיך אַליין און זיי זיינען דערביי געגאַנגען אויף דער ליניע פון דעם קלענסטן ווידערשטאַנד. אַנדערש איז דאָס געווען מיט די פוריטאַנער. אין זייער אַלטן היימלאַנד זיינען זיי אויסגעשטאַנען רעליגיעזע רדיפות, האָבן זיי דעריבער אין דער נייער וועלט, קודם כל, געזוכט אויפצובויען אַ געזעלשאַפט וואָס זאָל שטיין אויף דעם באָדן און זיך געפינען אין דער אַטמאָספער פון דעם רעליגיעזן סדר, וואָס מען האָט זיי אין ענגלאַנד ניט געלאָזט איינשטעלן, ווייל ער איז געקומען אין קאָנפליקט מיט די הערשנדיקע רעליגיעזע איינריכטונגען. די פו־ריטאַנער זיינען שוין גאָר ניט געווען גלייכגילטיק צו דעם, וואָס פאַראַ סאָציאַלע סטרוקטור עס וועט דאָ אויפקומען אויף דעם יסוד, וואָס זיי האָבן פאַרלייגט. זיי האָבן בפירוש געוואָלט דער סטרוקטור געבן אַ באַשטימטן אויסזען כדי זי זאָל דינען אַ באַשטימטן צוועק — און זיי האָבן עס דערגרייכט. זיי האָבן געשאַפן אַ טעאָקראַטיע, אַ רעליגיעזן שטאַט וואָס זיין אויסווירקונג פילט זיך נאָך היינט גאַנץ שטאַרק אין דעם אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָ מערקט זיך דער ערשטער ווידערשפרוך אין דעם סאָציאַלן לויף פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. בעת די פוריטאַנער זיינען אין ענגלאַנד אַליין געווען אָפּאָזיציאָנערן און האָבן דאָרט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די מנהגים פון דער מערהייט, מיט וועלכע זיי זיינען ניט געווען מסכים, און זיינען געווען גרייט צוליב דעם אויסצושטיין רדיפות, — האָבן זיי אַ לאַנגע צייט מיט אַן אייזערנער האַנט ניט דערלאָזט, אַז ווער עס איז זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון דער דיסציפּלין וואָס זיי אַליין האָבן איינגעשטעלט אין די קאָלאָניעס. זיי זיינען אַליין געווען פרום און זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון אָנווענדן פּאָליציייִשע מאַכט קעגן אַנ־דערש־גלויביקע און אַפּיקורסים. „די צפון־אַמעריקאַנער קאָלאָניעס" — זאָגט דער קאַטוילישער פאָרשער געראַלד שאונעסי — „...זיינען דער עיקר גע־גרינדעט געוואָרן אויף דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון רעליגיעזער פרייהייט, אָבער ניט פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ" [2]). אָבער אויך די פרייהייט איז געווען אַ היפּש ביסל באַשרענקט. ראָדזשער וויליאַמס, וועלכער האָט געגליבט אין אמתער רעליגיעזער פרייהייט און טאָלעראַנץ, האָט געמוזט פאַרלאָזן מאַסאַט־שוסעטס און גרינדן דעם שטאַט ראָד איילאַנד, וואו ער האָט געקאָנט איינפלאַנצן אַ פרייערן גייסט. אָבער אפילו דאָרט האָט דאָס געזעץ אַרויפגעלייגט אַ צאָל רעסטריקציעס אויף די באַוועגונגען פון די איינוואוינער אום זונטיק. אין מאַסאַטשוסעטס, אין ווירדזשיניאַ און אין אַנדערע קאָלאָניעס האָט דאָס געזעץ

אַרויפגעלייגט געלט־ און תפיסה־שטראָפן אויף מענטשן וואָס זיינען זונטיק ניט געגאַנגען אין קירכע. אפילו קוויקער פּענסילווייניע, וואָס איז, ווערליק פאַר יענער צייט, געווען אַ פרייע קאָלאָניע, האָט אין נאָוועמבער, 1700 ענגע־נומען אַ געזעץ צו צווינגען די באַפעלקערונג צו לייענען די ביבל אום זונטיק. מענטשן האָבן נאָר געהאַט די ברירה צו טאָן עס ביי זיך אין דער היים אויב זיי האָבן ניט געוואָלט אָדער ניט געקאָנט גיין אין קירכע. האָבן זיי אָבער ניט געטאָן ניט דאָס ערשטע ניט דאָס צווייטע — האָט זיי געדראָט אַ שטראָף פון 20 שילינג. אַלע קאָלאָניעס האָבן געהאַט געזעצן וואָס האָבן פאַרבאָטן צו פאָרן אום זונטיק.

אָבער ניט בלויז אין שייכות צו דער קירכע האָט געהערשט אַ רעגימענ־טאַציע; די רעגימענטאַציע האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף אַלע אַספּעקטן פון דעם גייסטיקן לעבן. עס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם פּוריטאַניזם, באַמערקט דר. מאַרקוס ל. האַנסען, וואָס ער האָט געזוכט צו „רעגולירן די מאָראַל און האַנדלונגען פון יענע, וואָס די רעגולאַטאָרן האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט, ווייל זיי (די רעגולירטע — ב. ש.) האָבן ניט געקאָנט אַכטונג געבן אויף זיך אַליין”[3]. קומענדיג אין אַ נייער וועלט, האָבן די סעטלערס — און ניט בלויז די וואָס האָבן געשטאַמט פון ענגלאַנד — זיך געהאַלטן ביי די געדאַנקען און פירונגען, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים.

דער ווידערשפּרוך באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס בעת זיי האָבן בנוגע צו פיזישע הצטרכותן זיך געמוזט פאַרנעמען אויף נייע וועגן, זיינען זיי אין שייכות צו גייסטיקע באַדערפנישן געגאַנגען אויף דעם אויסגעטראָטענעם שליאַך וואָס זיי האָבן נאָך אויסגעלייגט אין אייראָפּע. אין אַנדערע ווערטער: זיי האָבן געבויט אַ נייע ציוויליזאַציע, אָבער זיך געהאַלטן ביי דער אַלטער קולטור. די קולטור האָט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, קיין מאָל ניט געקאָנט אָניאָגן די ציוויליזאַציע און צווישן די צוויי איז געשאַפן געוואָרן אַ תהום וואָס איז נאָך ביז היינט אין גאַנצן ניט פאַרשאָטן. אין אָט דעם תהום געפינט זיך דער קוואַל פון אַלץ וואָס איז ווידעראַנאַנדיק אין דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט.

### .3

בויען אַ נייע ציוויליזאַציע האָבן די סעטלערס געמוזט דערפאַר, ווייל זיי האָבן פיזיש אַלץ געמוזט אָנהייבן פון אָנהייב. די ערשטע יאָרן פון דעם 17טן יאָרהונדערט זיינען פאַר זיי אין בוכשטעבלעכסטן זין פון וואָרט געווען יאָרן פון בראשית. זיי האָבן דאָ גאָרניט געפונען וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַר־

זעצן. אַליין האָבן זיי געדאַרפט אי פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פון אַ נייַ לעבן, אי אַליין בויען די ווענט, אי אַליין שמידן די געצייג און אַליין פּראָדוצירן די רויע מאַטעריאַלן וואָס זיינען פאַר דעם בוי געווען נייטיק. די דערפאַרונג וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים האָט זיי געקאָנט ווייניק נוצן. די ענגלאַנד וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן איז שוין געווען אַ הויך־אַנטוויקלט לאַנד מיט אַ קלאָרן סאָציאַלן פּרצוף; אַמעריקע איז געווען אַ ווירטשאַפטלעכע מדבר און סאָציאַל קיינעמס לאַנד. הגם די ערשטע סעטלערס האָבן אין אָסך פאַלן געהאַט הינטער זיך מעכטיקע געזעלשאַפטן און די אונטערשטיצונג פון זייערע היים־רעגירונגען, זיינען זיי אָבער אין גרויסן גאַנצן געווען אָנגעוויזן אויף די אייגענע כחות.

און כחות און איניציאַטיוו האָט דאָס איינגעמען אַמעריקע געפאָדערט זייער אַסך. מען האָט געדאַרפט צוימען אַ האַרטע און אומפרייַנטלעכע נאַטור; אויפרייסן און באַפרוכפערן עקרהדיק באָדן; לייגן וועגן איבער טויזנטער מיילן פוןווילדערניש; אָפּרייניקן ריזיקע שטחים פון גיפטיקע פלאַנצן; דאָמעסטיצירן אָדער אויסהרגענען ווילדע חיות. און דערצו האָט מען נאָך געדאַרפט ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די אינדיאַנער — אָפט מיט שווערד און פייער. דאָס לעבן פון דעם פּיאָנער איז געווען, ווי עס דריקט זיך אויס ריטשאַרד מ. סמיט, „אַ מין כסדרדיקע וואַך־פליכט, אַן פויזע, אָן אָפּרו און פּאַקטיש אָן וואָפנשטילשטאַנד“[1]. שוואַכע זיינען געפאַלן אונטער דער לאַסט, אָבער אויך די שטאַרקסטע האָבן געקאָנט אָנגיין מיט דער אַרבעט נאָר מיט די גרעסטע קרבנות. זיי האָבן קאָנצענטרירט זייער גאַנצע ענערגיע צו בויען פאַר זיך אַ היים און דערביי אַרויסגעוויזן אַן אומפאַרגלייכלעכע פּיאָנערישע געוואַגטקייט, וואָס האָט זיך געשפּייזט, אין גאָר ניט קיין קליינער מאָס, פון דעם רעליגיעזן ברען וואָס האָט זיי אויפגעהייבן פון זייערע אַלטע היימען און געבראַכט זיי אויף דער זייט אַטלאַנטיק.

רעליגיע איז געווען זייער וויכטיקסטע גייסטיקע באַדערפעניש — און כדי אָט די באַדערפניש צו באַפרידיקן, האָבן זיי קיין נייע גייסטיקע ווערטן ניט געדאַרפט שאַפן. אַדרבא, דאָס האָט נאָר געפאָדערט די אָנווענדונג אויף דער אַמעריקאַנער ערד פון די מעטאָדן וואָס מען האָט גענוצט אין אייראָפּע. אָבער מיט איין אויסנאַם: אין אייראָפּע האָבן אַנדערע רעליגיעזע סעקטעס אָנגעווענדט די דאָזיקע מעטאָדן קעגן די פּוריטאַנער; אין די קאָלאָניעס האָבן די פּוריטאַנער אָנגעווענדט די מעטאָדן קעגן אַנדערע סעקטעס. „די אַמעריקאַנער סעטלערס“ — לייענען מיר ביי גוסטאַוואוס מייערסן — „זיינען געקומען אין אַ נייעם רייך, אָבער זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַלט־וועלטיקע אידייען פון איסור, וואָס מיט

זייער כּח האָט די עטאַבלירטע רעליגיע געזוכט אַרויפצוצווינגען איר קאָדעקס פון דאָקטרינען און פאַרזיכערן איר אויבערהערשאַפט"[2]).

אין אַזאַ לאַגע האָבן די סעטלערס ניט געקאָנט בויען קיין נייע גייסטיקע קולטור; ניט עס האָט ביי זיי פאַר דעם געקלעקט ענערגיע, ניט זיי האָבן געפילט וואָסער עס איז נויטווענדיקייט פאַר דעם. קיין נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר האָבן זיי ניט געוואָלט שאַפן: זיי זיינען געווען פולשטענדיק צופרידן מיט דער סאָציאַלער אָרדנונג וואָס האָט געהערשט אין ענגלאַנד. ניט מער — דאָרט האָבן זיי געהערט צו די געקריוודעטע, גרעסטנטיילס צו דעם קליינבירגערטום, און געהאַט קנאַפּע אויסזיכטן צו שטייגן העכער אויף דעם סאָציאַלן לייטער דערפאַר, ווייל די אויבערשטע טרעפּ זיינען געווען פאַרנומען פון ביל־כערע; אין די קאָלאָניעס, פאַרקערט, האָבן זיי אַליין געבויט דעם לייטער און קיינער איז זיי ניט געשטאַנען אין וועג. דאָ האָט דער היימישער קליינבירגער זיך געקאָנט פירן אויף אַ גרויס־בורזשואַזן שטייגער און אַפילו זיך איינקויפן אין יחוס. קיין אינסטיטוציאָנאַליזירטע אַריסטאָקראַטיע האָבן די קאָלאָניעס ניט געקאָנט אויסהאַלטן — זייערע פינאַנצן וואָלטן עס ניט דערלויבט, — אָבער פראַווען אַריסטאָקראַטישן שטאַט האָבן די מער פאַרמעגלעכע סעטלערס יאָ געקאָנט, פון די ווייניק־פאַרמעגלעכע האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ באַציאונג פון דרך ארץ און געהאָרכזאַמקייט און — ווי אין דעם פאַל פון רעליגיע — האָבן זיי, ווען עס איז זיי געווען נייטיק, אויסגענוצט די שטאַט־מאַכט די געהאָרכזאַמקייט אַרויפצוצווינגען אויף די מאַסן. די וויכטיקסטע קאָנסעקווענץ פון דער רעוואָלוציע — זאָגט פּראָפעסאָר פאַרינגטאָן — איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אַרונטערגעהאַקט דעם „שטייגנדיקן אַריסטאָקראַטישן גייסט וואָס האָט געמאַכט שנעלן פאָרשריט מיט דער פאַרמערונג פון רייכטום"[3]). דאָס מיינט ניט, אַז די אַריסטאָקראַטישע תשוקות זיינען אין גאַנצן פאַרשוואונדן נאָך דער רעוואָלוציע: צווישן די אונטערשרייבערס פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט און די מחברים פון דער קאָנסטיטוציע זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט איינפירן אַ מאָנאַרכיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך ווייניקער האָבן די סעטלערס געזוכט פּאָליטישע רעפאָרמען. פּראָפעסאָר מעריאַם מאַכט די אינטערעסאַנטע באַמערקונג, אַז וואָס די פּוריטאַנער האָבן געוואָלט שאַפן איז ניט אַזוי אַ שטאַט, ווי אַ קירכע[4]); אָבער ניט דערפאַר, ווי ער מיינט, ווייל פּאָליטישע צילן זיינען ביי די פּוריטאַנער געווען ביי־זאַכן, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט געזוכט קיין פּאָליטישע ענדערונגען.

און די רייכערע קאָלאָניסטן האָבן איידער עס איז אויפגעקומען אַ זעלבסט־שטענדיגע אַמעריקאַנער בורזשואַזיע ניט געהאַט קיין גרונט ניט צו זיין צופרידן. מיט דעם כּח פון די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע אינסטיטוציעס האָבן זיי זיך

געקאָנט באַזאָרגן מיט ביליקער אַרבעט־קראַפט. מיט דעם כח פון די זעלביקע אינסטיטוציעס האָבן זיי זיך אויך געקאָנט באַוואָרענען, אַז די פּאָליטישע מאַכט אין די קאָלאָניעס גופא זאָל זיך כסדר געפינען ביי זיי אין די הענט. שטימרעכט איז געווען באַגרעניצט און אַמטן האָבן געקאָנט האַלטן נאָר די פּאַרמעגלעכע. בלויז קירכע־מיטגלידער האָבן געקאָנט שטימען אין די פּאָליטישע וואַלן און נאָר אַרום אַ פערטל פון דער דערוואַקסענער באַפעלקערונג האָט מחמת רעס־טריקציעס געקאָנט זיין מיטגלידער פון קירכעס. אפילו נאָך דער רעוואָלוציע האָבן אַלע שטאַטן געפאָדערט פון די בירגער צו באַווייזן, כדי צו קריגן שטים־רעכט, אַז זיי האָבן אַ פינאַנציעלן אינטערעס אין דער געזעלשאַפט. אין אַ צאָל שטאַטן האָט אַ וויילער געמוזט פאַרמאָגן לאַנד אָדער אַנדער אייגנטום איידער מען האָט אים צוגעלאָזט צו דעם שטימקאַסטן. קאַנדידאַטן אויף אַמטן האָבן געמוזט האָבן נאָך מער אייגנטום, וואָס דאָס האָט געמיינט אַז בלויז רייכע האָבן געקאָנט האָפן צו זיין אין דער רעגירונג.

די פּוריטאַנער זיינען טאַקע ניט געווען גרייט אָנערצוקענען די גלייכ־באַרעכטיקונג פון אַנדערע, אָבער וואָס איז שייך צו זיך אַליין, האָבן זיי מיט־געבראַכט מיט זיך דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. וואָס זייער סאָציאַלער שטאַנד זאָל ניט האָבן געווען אין ענגלאַנד, האָבן אָבער די פּוריטאַנער געפאָדערט פאַר זיך אַלע פּאָליטישע רעכט וואָס עס האָט צו יענער צייט געקומט דעם ענגלענ־דער. דאָס באַשטעטיקט נאָך אַמאָל אַז ניט אין דער אויסבילדונג פון נייע פּאָליטישע אינסטיטוציעס זיינען די קאָלאָניסטן פון ענגלאַנד געווען פּאַראיב־טערעסירט, נאָר אין דער געניסונג פון די רעכט, וואָס די דאָזיקע אינסטיטו־ציעס האָבן געגעבן די מער פּריווילעגירטע קלאַסן אין דער מעטראָפּאָליע.

קולטורעל זיינען די סעטלערס נאָך מער געווען פאַראַנקערט אין דעם אַלטן סדר, ווי סאָציאַל און פּאָליטיש. ענגלאַנד האָט באַפרידיקט אַלע זייערע קול־טורעלע הצטרכותן, וואָס זיינען ניט געווען קיין צו גרויסע. ווען די קאָלאָניסטן זיינען נאָך געווען אין ענגלאַנד, האָבן זיי דאָרט צו די קולטורעלסטע קלאַסן ניט געהערט — די קולטורעלסטע קלאַסן זיינען געווען די אַריסטאָקראַטיע און די גרויס־בורזשואַזיע, בעת די קאָלאָניסטן האָבן זיך רעקרוטירט, ווי אַנגעוויזן, דער עיקר פון דעם קליינבירגערטום. פונדעסטוועגן האָבן די פּוריטאַנער מיט־געבראַכט אַ, פאַר יענער צייט, גאָר ניט קיין נידריקע בילדונג און אַ גאָר הויכע באַטירלעכע אינטעליגענץ. זיי האָבן טאַקע צווישן זיך ניט געהאַט קיין יחידים פון גרויסן אינטעלעקטועלן פאַרנעם, אָבער דערפאַר האָט זיך זעלטן צווישן זיי געפונען אַן אַן־אלף־ביתניק. זייערע רעליגיעזע מנהגים האָבן זיי דערמוטיקט צו לערנען. דאָס קאָנען אַליין לייענען די ביבל איז געווען אי אַ גרויסע מצוה אי אַ פאַרגעניגן.

אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די סעטלערס איז בילדונג געווען אַ קנאַפּע הילף. „בוך־קענטשאַפט” — זאָגט פּראָפעסאָר סטואַרט נאָבל — „האָט ניט געקאָנט פאַרבייטן אַרבעטזאַמקייט און נאַטירלעכע אינטעליגענץ. אַ דאַך איבערן קאָפּ, קליידער און טעגלעך ברויט זיינען געקויפט געוואָרן פאַר דעם פּרייז פון אומדערבאַרעמדיקער פיזישער פּראַצע. יעדער מיטגליד פון דער משפּחה, פון דעם אינגסטן ביז דעם עלטסטן, האָט געהאַט אַ פונקציע אין דעם פאַרדינען אויף „דערנערונג און אויסהאַלט”. עס איז געווען ווייניק צייט צו לייענען, אפילו ווען איינער האָט שוין יאָ געקאָנט לייענען, און גאָר אַ קנאַפּע עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט צו דערווערבן זיך די דאָזיקע קונסט”[5].

פאַקטיש די איינציקע גייסטיקע באַדערפניש וואָס די ערשטע סעטלערס האָבן געפילט איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, פאַרבונדן מיט רעליגיע. האָט זיך טאָקע די בילדונג־סיסטעם אָנגעהייבן אין די קאָלאָניעס פון דאַך. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן קאָלעדזשעס איידער עס זיינען געווען עלעמענטאַר־שולן. די ערשטע קאָלעדזשעס זיינען געווען טעאָלאָגישע סעמינאַרן אויף צו אויסבילדן גייסט־לעכע. פון די צען קאָלעדזשעס, וואָס זיינען אין די קאָלאָניעס געעפנט געוואָרן אין די הונדערט און פערציק יאָר וואָס צווישן 1637 אין 1776 איז בלויז דער איינער פענסילווייניער אוניווערזיטעט, געעפנט אין 1749, ניט געווען פון אַ רע־ליגיעז־סעקטאַנטישן כאַראַקטער.

ווייט ניט אַלע קינדער זיינען אין דעם קאָלאָניאַלן פעריאָד געגאַנגען אין שול — און די מערסטע פון די וואָס זיינען יאָ געגאַנגען, האָבן זיך קוים מיט צרות אויסגעלערנט צו לייענען די ביבל און אַ ביסל שרייבן. ווי ווייניק די קאָלאָניסטן האָבן זיך אינטערעסירט מיט בילדונג פאַר די קינדער און ווי גרויס עס איז געווען זייער קולטורעלע אָנגעווייזנקייט אויף ענגלאַנד, באַווייזט דער פאַקט, וואָס לערערס זיינען געוואָרן אַ מין סחורה. מיט יעדער שיף פלעגן אימפּאָרטירט ווערן לערערס וואָס זיינען נאָך דעם אויסגעדונגען געוואָרן צו פאַרשיידענע בעלנים. די צייטונגען פלעגן אָפט דרוקן באַצאָלטע אַנאָנסן צו מעלדן וועגן דעם אָנקום אין לאַנד פון אַ טראַנספּאָרט לערערס. דר. האָוואַרד ביל ברענגט אין זיין געשיכטע פון לערן־פרייהייט אין די אַמעריקאַנער שולן אַ מוסטער פון אַזאַ אַנאָנס, וואָס איז דערשינען אין אַ באַלטימאָרער צייטונג אַרום דער צייט פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. אין דעם אַנאָנס לאָזט אַ פירמע צו וויסן, אַז ביי איר קריגט מען צו קויפן: „פאַרשיידענע אירלענדישע סחורות, צווישן זיי לערערס, פלייש, חזיר־פלייש און קאַרטאָפל”[6].

די דערציאונג פון קינדער אין די קאָלאָניעס האָט ניט געהאַט קיין שום קולטורעלע צילן — בלויז רעליגיעזע אויפגאַבן. אין 1621 האָט די האָלענ־דישע מאַכט אָנגעזאָגט דער דאַטש וועסט־אינדיע געזעלשאַפט, אַז זי זאָל זאָרגן

פאַר דעם אַז די קאָלאָניעס זאָלן אויסהאַלטן אַ לערער און גלח, כדי די „געטלעכע עבודה און רעליגיעזער ברען" זאָלן דאָרט „איינגעפלאַנצט ווערן". דאָס געזעץ, וואָס מאַסאַטשוסעטס האָט אָנגענומען אין 1647, צו פאַרפליכטן עלטערן און אויפזעערס אין יעדער שטעטל פון 50 משפחות און מער צו צאָלן פאַר אויסהאַלטן לערערס פאַר קינדער, איז מאָטיווירט געוואָרן מיט דעם, וואָס דאָס וועט מאַכן אַ שטריך אין דער אַרבעט פון „דעם אַלטן שווינדלער, סאַטאַן", וועלכער האָט פריער געזוכט רעכט־גלויביקע צו באַרויבן פון אַ באַקענטשאַפט מיט די הייליקע שריפטן דורך האַלטן די ביבל אין אַ פרעמדער שפּראַך — אַ קלאָרע אָנצוהערעניש אויף דער שעדלעכקייט פון דער קאַטוילישער קירכע — און איצט זוכט ער צו דערגרייכן דעם זעלביקן צוועק דורך אַנאַלפעביטיזם.

די ערשטע קהלשע קינדער־שולן אין אַמעריקע זיינען געווען צדקה־אינס־טיטוציעס — און אַזוי האָבן זיי טאַקע געהייסן. די אָרעמע — זאָגט ריטשאַרד בון — האָבן געהאַסט די שולן, ווייל זיי האָבן אין זיי געזען אַ „צייכן פון דער־נידעריקונג; די רייכע האָבן פון זיי געוויכט ווי פון עפּעס דעגראַדירנדיקס" [7]). אויב קינדער־דערציאונג האָט געצויגן אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט איז שוין גרינג זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער קולטור־פאַרשפּרייט צווישן די דערוואַקסענע. אַ טרוקענער פּוריטאַניזם, וואָס האָט געקוקט אויף טעאַטער אָדער אויף טאַנצן ווי אויף זינד און אויף יעדער פאָרם פון פאַרווייַ־לונג, ווי אויף אַן אומפאַרגעבלעכער צייט־פאַרשווענדונג, האָט געהאַט ווייניק אינטערעס פאַר אַ קונסט און קולטור וואָס איז אַרויס פון די טאָוולען פון די געטלעכע ספרים.

מיט דעם אַוועקגיין פון דער וועלט פון די ערשטע פּיאָנערן, האָט זיך אָנ־געהייבן אַ קולטורעלע ירידה אין די קאָלאָניעס. די עטלעכע נאָכפאָלגנדיקע דורות זיינען אין בילדונג געשטאַנען אויף אַ נידעריקערער מדרגה, ווי די אימיגראַנטן פון ענגלאַנד. „בריוו, צוואות און כראָניקעס" — זאָגט דר. ביל — „פון מענטשן פון צווייטן און דריטן דור באַווייזן אַ מערקבאַרע פאַרקלענערונג אין דער פעאיקייט צו שרייבן, אויסלייגן און צוזאַמענשטעלן פראַזן. עגעלטאַן גלייבט אַז די פאַרקלענערונג אין בילדונג איז ניט נאָר געווען אַן אַלגעמיינע, נאָר אויך אַן אומפאַרמיידלעכע" [8]).

אָבער בעת די קאָלאָניעס האָבן קולטורעל סטאַגנירט, איז זייער עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג געלאָפן מיט אַ זייער גרויסער שנעלקייט. זיי האָבן באַזייטיקט די שווערסטע נאַטור־מניעות און איינגענומען נייע שטחים לאַנד ממש איבערנאַכט. יעדער טאָג האָבן זיי געעפנט נייע האַנדל־געביטן און עס האָבן זיך אין די קאָלאָ־ניעס שוין געהערט די ערשטע קנאַלן פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. פּאָליטיש האָבן די קאָלאָניעס זיך געקליבן צו ווערן זעלבסטשטענדיק, קולטורעל

אַבער זיינען זיי נאָך געווען — און פאַרבליבן אויף וואָסערע הונדערט יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — אַ פּראָווינץ פון ענגלאַנד. האָט זיך געשאַפן אַ פּאַראַדאָקסישע לאַגע: סטאַטישקייט בנוגע צו גייסטיקע ווערטן איז געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט אוימגלויבלעכער דינאַמישקייט בנוגע צו מאַטעריעלע דערגרונגען. דער ריס צווישן דער קולטור און דער ציוויליזאַציע אין אַמעריקע איז געוואָרן ברייטער; און ווי שטאַרק עס איז שפּעטער ניט אויסגעוואָקסן די אַמעריקאַנער קולטור — זי איז אין אונדזערע טעג אפשר די רייכסטע אין דער וועלט — האָט זי זיך קיין מאָל ניט געקאָנט אויסגלייכן מיט דעם טעכנישן פּראָגרעס. מיר וועלן זען ווייטער, אַז אויף יעדער עטאַפּ פון דעם אַמעריקאַנער געשיכטלעכן גאַנג האָט זיך געמערקט און האָט געשפּילט אַ ראָלע די דיסטאַנץ צווישן דער גייסטיקער און מאַטעריעלער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד.

4.

די רעוואָלוציע פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט דעם ווידערשפּרוך צווישן אַ נייער ציוויליזאַציע און אַן אַלטער קולטור ניט געלייזט, הגם זי האָט אין אַמעריקע געעפנט ריזיקע קוואַלן פון גייסטיקער שעפערישקייט. ביים רודער פון דער יונגער מלוכה זיינען די ערשטע דריי צענדליק יאָר געשטאַנען די מחברים פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט וואָס האָבן אין פּראָפּאָרציע צו דער באַפעלקערונג פון לאַנד מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאַדער פון אינטעליגענץ, וואָס זעלטן אין דער געשיכטע האָט מען געזען זיין גלייכן. אָבער ווען די לעצטע פון אָט דעם קאַדער זיינען אויסגעשטאָרבן אין די צוואַנציקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט, האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייער צוריקגאַנג אין דער קולטורעלער שעפערישקייט פון דער יונגער רעפּובליק. אויך אָט דער צוריקגאַנג האָט זיין מקור געהאַט אין דעם מהלך צווישן דעם גייסטיקן און מאַטעריעלן פּראָגרעס פון לאַנד.

דער ים־ברעג ביים אַטלאַנטיק איז צו יענער צייט שוין געווען פאַרנומען. די, וואָס זיינען געבליבן זיצן אויף די ערטער, האָבן שוין ניט געדאַרפט אַרבעטן אַזוי שווער, ווי זייערע פאָרגייערס. אַ בורזשואַזיע איז אַנטשטאַנען, וואָס האָט שוין געהאַט אי די צייט אי די מיטלען זיך אָפּצוגעבן מיט קולטור־ענינים, אַריינגערעכנט עסטעטישע פאַרגניגנס. אָבער דער אַטלאַנטישער ים־ברעג איז, צו נוצן פּראָפעסאָר טורנערס כאַראַקטעריסטיק, געווען ניט אַזוי די ערשטע גרעניץ פון אַמעריקע, ווי די לעצטע גרעניץ פון אייראָפּע. אַנשטאָט צו שאַפן אייגענע קולטור, האָט די אויפגעקומענע בורזשואַזיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, געפונען אַז עס איז גרינגער צו קויפן קולטור־שאַפונגען פון אייראָפּע.

אין דער זעלביקער צייט האָט דער פּראָצעס פון כסדרדיקן איבערוקן די גרעניצן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן דורך אָקופּירן דעם מערב אָנגענומען מאַסן־פּראָפּאָרציעס. אין 1775 זיינען אין דעם מיסיסיפּי טאָל געווען ניט מער ווי אַרום 5000 ווייסע איינוואוינער; אין 1790 איז שוין די צאָל געווען 110,000 און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט — 377,000. „אין די פערציק יאָר נאָך דעם ווי די גרויסע מיגראַציעס האָבן זיך אָנגעהייבן״ — אָבסערווירן די בירדס — „האָט די מערבדיקע טעריטאָריע צוגעקראָגן מער איינוואוינער איידער די אָריגינעלע דרייצן קאָלאָניעס אין הונדערט יאָר אַנטוויקלונג אונטער דעם סטימול און מיט דער הילף פון רעגירונגען, געזעלשאַפטן און אייגנטימערס; מער איידער קאַנאַדע אין די הונדערט יאָר נאָך דעם בריטישן איינגעמען פון יענער גרויסער טעריטאָריע״ [1]). וואָס ווייטער די מיגראַנטן זיינען אַוועק פון דעם אַטלאַנטישן ים, אַלץ מער האָבן זיי זיך אויסגעליידיקט פון דעם אייראָ־פּעאישער קולטורעלער ירושה, אָבער אַלץ נענטער זיינען זיי גלייכצייטיק צוגעקומען צו אַ פּרימיטיווער סביבה. „דער פּראָנטיר״ — זאָגט פּראָפעסאָר טורנער — „איז דער פּונקט, וואו ווילדקייט און ציוויליזאַציע באַגעגענען זיך״ און ער גיט צו, אַז דער גאַנג צו דעם מערב האָט באַפרייט די פּאַראייניקטע שטאַטן פון דער קולטורעלער אָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד, האָט אַנטוויקלט די אַמעריקאַנער אַגריקולטור און פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער מאַסן־אינ־דוסטריע [2]).

נאָר ניט קיין גרינגער גאַנג איז דאָס געווען און קיין וועגן זיינען נאָך ניט געווען אויסגעלייגט. דער פּראָנטירמאַן איז אין גאַנצן געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. עס איז ניט געווען קיין אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג, פון וועלכער ער האָט געקאָנט לערנען: ער האָט די דערפאַרונג ערשט אַליין געדאַרפט שאַפן — און שאַפן גאַנץ אָפט מיט דער ביקס אין האַנט. בלויז מענטשן מיט אומגעהייערער געוואַגטקייט, מיט אַוואַנטוריסטיש בלוט אין די אָדערן, מיט גרייטקייט אויף די גרעסטע קרבנות און מיט אומבאַגרעניצטן גלויבן אין די אייגענע כחות האָבן זיך געקאָנט דעצידירן זיך צו לאָזן אין וועג אין די באַדינגונגען וואָס האָבן געהערשט אין אָנהייב פון דעם 19טן יאָרהונדערט. נאָך אין 1794 האָט דער גאָווערנאָר פון לואיזיאַנאַ, אין דער צייט ווען דער דאָזיקער שטאַט האָט נאָך געהערט צו פראַנקרייך, אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם פּראָנטירמאַן:

> אַ ביקס און אַביסעלע קאָרנמעל אין טאָרבעלע זיינען גענוג אויף אַ חודש צייט פאַר אַן אַמעריקאַנער וואָס וואַנדערט אַליין אין די וועלדער. מיט קלעצער וואָס קרייצן זיך דורך איינס אויף דעם צווייטן מאַכט ער זיך אַ הויז און אפילו אַ פעס־טונג וואָס די אינדיאַנער קאָנען ניט דורכברעכן... קעלט שרעקט אים ניט;

> און ווען אַ משפּחה ווערט מיד פֿון איין פּלאַץ, קלייבט זי זיך אַריבער אויף אַ צווייטן [פּלאַץ] און אָרדנט זיך דאָרט איין מיט דער זעלביקער גרינקייט[3].

די גרינגקייט איז מער געווען אַ פּסיכאָלאָגישע ווי אַ פיזישע. ניט אַלע מאָל האָט דער פּראָנטירמאַן געקאָנט גובר זיין די פיזישע שוועריגקייטן וואָס ער האָט באַגעגנט. מען וועט מסתמא קיין מאָל ניט וויסן וויפיל מענטשן עס זיינען אונטער די שוועריקייטן געפאַלן; אַז זייער צאָל איז געווען זייער גרויס — אויף דעם זאָגן עדות אַלע כראָניקעס. דערפאָלג איז געקומען נאָר נאָך אַ ביטערן, אָפּט האַרץ־ברעכנדיקן, קאַמף און נאָך פּיינלעכע אַנטוישונגען. דער פּראָנטיר־מאַן האָט זיך ניט געקאָנט אַריינלאָזן אין חקירות: שטיל, אומדערשראָקן און אַנטשלאָסן האָט ער אָפּגעראַמט איין שטרויכלונג נאָך דער צווייטער פון זיין וועג — און פאַרזייט אַ נייַ לעבן ניט בלויז אין דעם מאַטעריעלן, נאָר אויך אין דעם גייסטיקן זין. נאַטירלעך איז די מאַטעריעלע באויאונג געגאַנגען אומפאַרגלייכלעך שנעלער: די היגטערשטעליקייט פון די גייסטיקע ווערטן איז דעריבער געוואָקסן. דער פּראָנטירמאַן האָט פאַרגיכערט דעם טעכנישן פּראָגרעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און, אויף אַ צייט, פאַרלאַנגזאַמט דעם פּראָצעס פון קולטורעלער אַנטוויקלונג.

וואָרום אין דעם קלומיק, וואָס דער פּראָנטירמאַן האָט פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אומבאַקאַנטע וועגן, האָבן זיך קיין ביכער ניט געפונען. וואָס האָט ער פון די ביכער געהאַט צו לערנען, ווען ער וואָלט אפילו געקאָנט לייענען? — און ער האָט מערסטנטיילס ניט געקאָנט. די געבילדעטע מענטשן אין לאַנד האָבן געהערט אָדער צו דעם קלאַס פון שקלאַפן־אייגנטימערס און גרויסע לאַנד־באַזיצערס אָדער צו דעם קלאַס פון הענדלערס און אויפקומענדיקע אינדוסטריעלער. זיי זיינען געזעסן אין דער היים און זייער קולטור־הונגער געשטילט מיט די הייליקע שריפטן אָדער מיט ווערק וואָס זיי האָבן אויסגעשריבן פון אייראָפּע. פּאָליטיש איז די פאַראייניקטע שטאַטן שוין לאַנג געווען זעלבסטשטענדיק און זיך שוין אַפילו אָנגעהויבן פאַר־מעסטן קעגן בריטאַניע אויף דעם וועלט־מאַרק; קולטורעל איז אָבער דאָס לאַנד נאָך אַלץ געווען אַ קאָלאָניע פון ענגלאַנד. די אַמעריקאַנער ליטעראַטור, זאָגט דער יונג־פאַרשטאָרבענער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיקער, וו. פּ. קאַלווערטאָן, האָט, ווי יעדער קאָלאָניאַלע ליטעראַטור, „געליטן פון די אַלע חסרונות פון אַזאַ ירושה: אינטעלעקטועלע אינפעריאָריטעט, אַרטיסטישע נאָכ־מאַכונג און קולטורעלע הינטערשטעליקייט“[4].

וואָס־זשע האָט דאָס אַלץ דעם פּראָנטירמאַן געטויגט? וואָס האָט אים אַ געפיל פון שפלות געקאָנט העלפן, בעת ער האָט זיך געניטיקט אין — און

טאָקע פאַרמאָגט אויך — אַ געפיל פון זעלבסטזיכערקייט? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט נאָכקרימען מנהגים וואָס האָבן געהאַט זייער יסוד אין פאַרגליווערטע לעבנס־שטייגערס בעת ער אַליין האָט זיך געפונען אין אַ פולשטענדיק פרימי־טיווער סביבה? און ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן הינטערשטעליקייט, בעת אַלץ אַרום אים האָט אים געטריבן פאָראויס? ניין, אַזאַ קולטור האָט אים גאָר ניט געקאָנט געבן; און אויף וויפיל ער האָט בכלל געטראַכט פון דעם, האָט ער אויף קולטור געקוקט פון אויבן־אַראָפּ, באַטראַכט עס פאַר ניט זיין עסק. דער פּראָנטיר — זאָגט פּראָפעסאָר ביל — „האָט ניט געפילט קיין יראת הכבד פאַר דער חכמה פון דער פאַרגאַנגענהייט. דערפאַרונג מיט דער ציוויליזירטער וועלט איז געווען אומגייטיק. בילדונג און דערציאונג זיינען ניט געווען קיין פאַרמעגן אין די רויקייטן פון די נייע ישובים, נאָר שטערונגען. דער פּראָנטיר האָט פאַרגעטערט פּראַקטישקייט. געלערזאַמקייט איז געווען אומפּראַקטיש. ערגער נאָך: עס איז געווען ווייבעריש. דאָס פּלאַץ פון דעם מאַן איז געווען זיך צו שלאָגן מיט אינדיאַנער, יאָגד, האַקן ביימער, באַאַרבעטן פעלדער"[5]). איז דעריבער דער פּראָנטירמאַן זיך באַגאַנגען אָן בילדונג. דער־פאַר אָבער, ווען ער האָט שפּעטער אַליין אָנגעהייבן שאַפן גייסטיקע קולטור, איז דאָס שוין געווען זיין אייגענע קולטור — אַ קולטור וואָס איז געווען פריי אי פון ענגלישן איינפלוס אי פון די פּוריטאַנישע פענטעס.

## 5.

אפילו פאַר דער רעוואָלוציע איז אין אַמעריקע שוין געווען אַ באַטייטיקער הענדלער־קלאַס און עס זיינען געווען אָנהייבן פון אָן אינדוסטריע. די רע־וואָלוציע האָט פאַר דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע געשאַפן די שוץ־מיטלען און פּאָליטישע פאַרבאַדינגונגען פון וואוקס, וואָס נאָר אַ מלוכה קאָן געבן און וואָס זי האָט פריער ניט געקראָגן פון ענגלאַנד. די אומאָפּהענגיקייט האָט דעריבער געעפנט אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן פאַר די אַמעריקאַנער באַזיצנדיקע קלאַסן, — מעגלעכקייטן, וואָס זיי האָבן ניט פאַרפעלט אויסצונוצן. מיט דעם אָפּשאַף פון די רעסטריקציעס, וואָס ענגלאַנד האָט אַרויפגעצוואונגען אויף דער ווירטשאַפט פון די קאָלאָניעס כדי צו פאַרטיידיקן די פּריווילעגירטע פּאָזיציעס פון איר אייגענער בורזשואַזיע, זיינען באַזייטיקט געוואָרן די לעצטע פאַקטאָרן וואָס האָבן געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון אַ זעלבשטענדיקער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע. אַלע אַנדערע תנאים זיינען געווען גינציק פאַר דער דאָזיקער אַנט־וויקלונג; און מיט דער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהייבן אַ פּראָצעס פון עקאָ־נאָמישן פּראָגרעס, וואָס בלויז די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע נאָך דעם בירגער־קריג האָט איבערגעטראָפן.

אַן אַלץ־שטייגנדיקע אימיגראַציע פון אייראָפּע אין די שטעט און כסדרדיקע מיגראַציעס פון אַמעריקאַנער תושבים צום מערב האָבן זיך פּאַראייניקט צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן פלוס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואָס די וועלט האָט נאָך אפשר אַזוינס קיין מאָל ניט געזען. אויף די כוואַליעס פון דעם דאָזיקן פלוס האָט זיך דאָס לאַנד ראַשיק קאַפּיטאַליזירט. זייט־ביי־זייט מיט געאָגראַפישער עקספּאַנסיע איז געגאַנגען אַ פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטי־שער קאָנסאָלידאַציע, וואָס האָט זיך געצויגן אין צוויי ריכטונגען: 1) אין דער ריכטונג פון עקסטענסיווער ווירטשאַפט אין דער אַגריקולטור און 2) פון אינ־טענסיווער ווירטשאַפט אין דער אינדוסטריע.

די פּאַראייניקטע שטאַטן איז דאָס איינציק מאָדערן לאַנד אין דער וועלט וואָס האָט ניט דורכגעמאַכט קיין פעאָדאַלן פּעריאָד אין זיין עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג. קיין פּויערימשאַפט אין דעם אייראָפּעאישן זין איז דאָ קיין מאָל ניט געווען. דער אַגריקולטורעלער איינס איז דאָ ניט געווען דער דאָרף אָדער דער הויף, נאָר די אינדיווידועלע פאַרם וואָס איז אין פאַרנעם און עקאָנאָמישער וואָג אָפּט אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג. ווי אַזאַ, האָט זי פּרי דערפילט דעם דרוק פון די שטעט, וואָס טראָגן אַריבער דעם עקאָנאָמישן שווערפּונקט פון דער אַגריקולטור צו דער אינדוסטריע. דער קאַמף צווישן דער רוראַלער באַפעלקערונג פון לאַנד און דער אורבאַנישער איז דעריבער ניט זעלטן געווען ניט אַזוי אַ שטרייט צווישן צוויי אַנטקעגנגעזעצטע קלאַסן, ווי אַ קאַמף צווישן צוויי טיילן פון דעם זעלביקן קלאַס וואָס האָבן פאַרטראָטן פאַרשיידענע עטאַפּן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

פּאָליטיש איז, ווי מיר וועלן זען, דער קאַמף צווישן דער אַגריקולטור און אינדוסטריע ניט געווען קיין קלאָר־געשניטענער. די אַגריקולטור גופא איז ביז צו דעם בירגער־קריג געווען צעריסן אויף דריי הויפּט־טיילן: 1) די רייכע פאַרמערס אין די מזרח־שטאַטן, וואָס זיינען אין תוך געווען קאַפּיטאַליסטן און האָבן געהאַט ניט קיין קליינעם חלק אין דער אינדוסטריע און דעם האַנדל פון די שטעט; 2) די שקלאַפן־אייגנטימערס אין די דרום־שטאַטן וואָס האָבן אַרויס־געוויזן אַ טענדענץ זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן אַריסטאָקראַטיע; 3) די פּראָנטיר־מענטשן וואָס האָבן אָקופּירט נייעם באָדן און וואָס דער עקאָנאָמישער ווערט פון זייער באָדן איז געווען מער אַ פּאָטענציעלער, ווי אַן אַקטועלער. אין דער באַציאונג פון אָט די דריי גרופּעס צו קולטור שפּיגלט זיך אָפּ די פאַרשיידנ־אַרטיקייט פון די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין די ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן פון לאַנד.

די גרויסע פאַרמערס פון די מזרח־שטאַטן האָבן אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט דערגרייכט אַ גאַר גרויסע מאָס פון סטאַביליזאַציע

און זיינען אין שייכות צו קולטור־ענינים געווען טראַדיציאָנאַליסטיש. זיי האָבן דעריבער זייער קולטור־יניקה געשעפּט פון ענגלאַנד. די צווייטע גרופּע — די שקלאַפן־אייגנטימערס — האָט יאָ אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו שאַפן אַן אייגענע קולטור, אָבער דאָס איז געווען אַן איינזייטיקע און אומרייפע קולטור. ערשטנס האָבן די פּלאַנטאַטאָרן, ווי אַריסטאָקראַטן אומעטום, אַרויסגעוויזן אַ נויגונג דער עיקר צו ראָמאַנטיק. צווייטנס איז דער אַלגעמיינער בילדונג־ניוואָ פון די דרום־שטאַטן געווען אַ נידעריקער. דריטנס האָבן די וויכטיקסטע אינ־טעלעקטואַלן פון דעם דרום, אין זייער זוכן צו באַרעכטיקן שקלאַפעריי, קאָנ־צענטרירט זייער גאַנצע גייסטיקע טעטיקייט אויף פּאָליטישער וויסנשאַפט. זיי האָבן טאַקע אויף דעם געביט, ווי עס וועט קלאָר ווערן שפּעטער, אסך אויפגעטאָן, אָבער צו שאַפן אַ ברייטע קולטור אויף אַנדערע געביטן — איז זיי שוין ניט געבליבן גענוג ענערגיע. די „דריטע גרופּע — די פּראָנטירמענשן — האָט בכלל געהאַט אַ ניהיליסטישע באַציאונג צו קולטור, אָבער אויף וויפיל זי האָט דאָך געשאַפן קולטור, האָט זי געדאַרפט אָנהייבן אַלצדיגנ פון דאָס ניי.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אַגריקולטורעלע גרופּעס איז געווען דאָס, וואָס גראַד זייערע דערפאָלגן אויף דעם מאַטעריעלן געביט זיינען געווען אַ שטער צו זייער קולטורעלן פּראָגרעס. די פיזישע אָנשטרענגונג איז ביי אַלעמען געווען זייער גרויס און זי האָט געלאָזט ווייניק מעגלעכקייט פאַר גייסטיקער אָנשטרענגונג. פון דער אַנדערער זייט האָט די פיזישע אָנשטרענגונג, מחמת דעם אומגעהייערער רייכקייט פון לאַנד, געגעבן אַזעלכע גלענצנדיקע רעזול־טאַטן, אַז זי האָט מיט דעם אַליין שוין אין אַ גרויסער מאָס געדעמפּט די גייסטיקע קאַפּאַציטעט פון די לאַנדווירטן.

די ערשטע און צווייטע גרופּעס — פּונקט ווי די שטאָטישע בורזשואַזיע — האָבן זיך געשפּייזט מיט אַ קולטור, וואָס אָדער זי האָט וועגעטירט, ווי אין די ניי־ענגלאַנד־שטאַטן, אָדער זי איז געווען אַ מין אַנטלויפן פון דער ווירקלעכ־קייט, ווי אין דרום. דאָס איז געווען אַ קולטור, וואָס האָט ניט אָנטשפּראָכן ניט דעם טעמפּאָ פון דער אַמעריקאַנער דינאַמיק, ניט דעם פאַרנעם פון דער אַמעריקאַנער פיאָנערישקייט; אַ קולטור, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַלן אונטער דער לאַסט פון איר אייגענער פאַראַנקערטקייט אין די אויסגעלעבטע באַדינגונגען פון ענגלאַנד. מיט ביטערקייט האָט ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן גערעדט פונם גייסטיקן לעבן אין מאַסאַטשוסעטס גלייך נאָך דער רעוואָלוציע. אין די דריי צענדליק יאָר וואָס זיינען געלעגן צווישן 1790 און 1820, קלאָגט זיך עמערסאָן, איז אין יענעם שטאָט ניט געווען ניט „קיין בוך, רעדע, געשפּרעך אָדער געדאַנק". וועגן דעם זעלביקן פּעריאָד זאָגט ווערנאָן פּאַרינגטאָן, אַז די אַלטע אַמעריקע האָט דאַן געהאַלטן אין שטאַרבן. די נייע אַמעריקע וואָס האָט אָנגעהייבן אויפקומען,

איז געווען „אַ פליסיקע, אומרואיקע וועלט, יוגנטלעך אָפּטימיסטיש, גיריק צו (זוכן) פאַרבעסערונג פאַר זיך, אַנטשלאָסן צו געפינען גרינגערע וועגן צו רייכטום, ווי דעם האַרעפּאַשנעם וועג פון נאַטירלעכן וואוקס. זי האָט אויפגעפּאַסט מענטשלעכע נאַטור ווי אַן אַקוויזיטיווע נאַטור און אָפּשאַצנדיק אַקוויזיטיווקייט ווי אַ קאַרדינאַלע מידה טובה, האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט אויסגעפינען וואָס פאַראַ געלעגנהייטן עס האָבן געוואַרט אויף איר אין די ניט־עקספּלואַטירטע רעסורסן פון דעם קאָנטינענט" [1]). אַ מוסטער פון אָט דער נייער אַמעריקע האָבן מיר שוין געזען אין דער מערבדיקער עקספּאַנסיע, וואָס האָט אין דער צייט, ווען וועלכער עס רעדט זיך דאָ, קיין נייע קולטור ניט געשאַפן און זייער ווייניק פון דער אַלטער קולטור גענוצט.

אַ צווייטן מוסטער פון דער נייער אויפקומענדיקער אַמעריקע געפינען מיר אין די שטעט. אין דעם צווייטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אַ רוראַלע. בלויז 25 שטעט האָבן זיך דאַן געפונען אין לאַנד וואָס האָבן געהאַט צו 8000 איינוואוינער אָדער מער יעדער — און זיי אַלע צוזאַמען האָבן געהאַט בסך הכל וואָסערע 25 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. „עס איז געווען אַ צייט" — זאָגט פּראָפ. טורנער — „ווען שטעט זיינען פאַקטיש געווען אָן וואַסערלייטונג, אָן גאַז, אָן עלעקטרישע באַלייכטונג, אָן גוט־געפּלאַסטערטע גאַסן און אָן באַצאָלטע פּראָפעסיאָנעלע פייער־דעפּאַרטעמענטן אָדער פּאָליציי־אַמטן" [2]). אָבער דאָס אַלץ האָט זיך שנעל געביטן, ווען די אינדוסטריאַליזאַציע האָט זיך אויף אַן אמת געלאָזט אין גאַנג. אַ טעכנישער שטראָם האָט זיך צעטראָגן פון איין עק לאַנד צו דעם צווייטן מיט דער קראַפט פון אַ וואולקאַנישן אויסברוך. אָט ווי אַזוי בירדס מאָלן יענעם פּעריאָד :

> דערפינדערס האָבן געהאַלטן אין איין בייטן דעם פּנים פון יבשה און ים ; בויערס פון פאַבריקן און אייזנבאַנען האָבן מאַרשירט פאָראויס מיט ריזן־טריט און נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ שטייגנדיקע אַרמיי פון אינדוסטריעלע אַרבעטער ; דאַמפּ־שיפן האָבן אָנגעהייבן אַראָפּטרייבן זעגל־שיפן פון די וואַסערן ; און די פּעקלעך ווערטפּאַפּירן אין די פייער קאַסעס זיינען געוואָרן שווערער טאָג איין, טאָג אויס [3]).

אין אַזאַ צייט האָט קאַפּיטאַל געהאַט ווייניק געדולד פאַר אַנשטרענגונגען פון אַ ריין־גייסטיקן כאַראַקטער. ער האָט ניט געקאָנט זיך שטעלן וואַרטן ביז די קולטור וועט דעריאָגן די ציוויליזאַציע און זיך אויסגלייכן מיט דער טעכניק. קאַפּיטאַל האָט געהאַט אַ וויכטיקערע זאַך צו טאָן: ער האָט געדאַרפט שעפּן פולע צעבערס כל זמן דער קוואַל פון פּראָפיט איז געווען פול און דער מאַרק איז געווען אויפנעם־פעאיק און די נאַטור־רייכטימער האָבן זיך געבעטן מען

זאָל זיי עקספּלואַטירן. די אינדוסטריאַליסטן האָבן זיך אַליין ניט געקאָנט אָפּ־געבן מיט אײדעלע גייסטיקע ענינים און האָבן זיך ווייניק געזאָרגט וועגן דער גייסטיקער אויסבילדונג פון זייערע אַרבעטער. זעלטן־ווען האָט די וועלט געזען אַזאַ בולטע באַשטעטיקונג פון מאַרקסעס טעאָריע, אַז אַרבעט־קראַפט איז אַ סחורה וואָס דער קאַפּיטאַליסט קויפט פאַר אַזוי ביליק ווי עס לאָזט זיך כדי צו עקספּלואַטירן איר געברויך־ווערט — אַרבעט. די אַרבעטער זיינען פאַר דעם אויפקומענדיקן האָפּערדיקן קאַפּיטאַליזם ניט געווען קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר די כלים, אין וועלכע עס האָט זיך אויפגעהאַלטן די סחורה וואָס ער האָט גע־דאַרפט האָבן כדי צו באַטרייבן די אינדוסטריע. ספּעציעל איז דאָס געווען אמת בנוגע צו אימיגראַנטן וואָס האָבן אין דער צייט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, אָנגעהייבן קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין גרויסע מאַסן. אין לאַנד איז שוין דאַן אויך אָנגעגאַנגען דער גרויסער ויכוח וועגן שקלאַפעריי, וואָס האָט, אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, געפירט צו דעם בירגער־קריג. האָבן די שקלאַפן־אייגנטימערס געטענה׳ט, אַז דער מצב פון די שקלאַפן אין די דרום־שטאַטן איז אָפּט בעסער ווי די לאַגע פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער אין צפון; און זיי זיינען ניט געווען אין גאַנצן אויסערן וועג.

אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל האָט געהאַט נאָך אַ וויכטיקע אויפגאַבע, וואָס צוליב איר האָט ער זיך ניט געלאָזט אַראָפּשלאָגן אויף זייטיקע דרכים. ער האָט, נעמלעך, געדאַרפט פירן גלייכצייטיק אַ קאַמף אי קעגן די פאַרמעגלעכע פאַר־מערס וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט אַראָפּשטופּן צו אַ סובאָרדינירטער עקאָנאָמי־שער פּאָזיציע, אי קעגן די אַרבעטנדיקע מאַסן אין די שטעט וואָס האָבן פאַר זיך געזוכט אַ גרעסערן חלק פון דעם וואַקסנדיקן רייכטום אין לאַנד. דאָס איז געווען אַן אַלטער קאַמף, וואָס האָט זיך נאָך אייגנטלעך אָנגעהייבן לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע און האָט, נאָך דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, געקראָגן זיין קלאַסישן אויסדרוק אין דעם פּאָליטישן שטרייט צווישן דזשעפערסאָנען און האַמילטאָנען.

### 6.

מיט אַריבער הונדערט יאָר צוריק האָט אַ זייער שאַרף־זעעוודיקער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַט, אַלעקסיס דע טאָקוויל, וואָס האָט טיף און גרינט־לעך געשטודירט די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, געשריבן:

> די אויבערפלאַך פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט איז, אויב איך מעג נוצן דעם אויסדרוק, צוגעדעקט מיט אַ שיכט פון דעמאָקראַטיע, פון אונטער וועלכער עס קוקן אַמאָל אַרויס אַלטע אַריסטאָקראַטישע קאָלירן [1].

מיט קאַרגע הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר טשאַרלס מעריאַם, רעדנדיק פון דער אַנטשטייאונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, אויסגעדריקט דעם זעלביקן געדאַנק אין די פאָלגנדיקע ווערטער:

בעת די רעוואָלוציאָנערע טעאָריע איז געווען דעמאָקראַטיש אויף דער דעסטרוק־טיווער זייט און אין אַ געוויסער מאָס אויך אויף דער קאָנסטרוקטיווער זייט, זיינען אין איר אָבער אויך געווען אַריסטאָקראַטישע טענדענצן פון אַן אויסגע־שפּראָכענעם כאַראַקטער [2].

נעמען נעמט זיך עס פון דעם, וואָס אין איר גאַנצער געשיכטע האָט אַמעריקע געזוכט אַ פּשרה צווישן צוויי פּאָליטישע קאָנצעפּציעס, וואָס אין תוך שליסן זיי איינע די אַנדערע אויס. די ערשטע איז, צו נוצן די פאָרמולי־רונג פון דזשיימס ברייס, „די טענדענץ וואָס פאָראורזאַכט אַז געוויסע מענטשן זאָלן אָפּשאַצן די פרייהייט פון דעם יחיד ווי די ערשטע פון די סאָציאַלע מצוות”; די צווייטע איז די טענדענץ וואָס באַוועגט אַנדערע מענטשן „צו באַשטיין אויף דעם” אַז די אימפּולסן פון דעם יחיד זאָלן „געצוימט און רע־גולירט” ווערן [3]. דער פּאָליטישער יסוד פון דעם שטרייט צווישן אָט די צוויי קאָנצעפּציעס ליגט אין די חלוקי דעה וועגן דער ראָלע פון דעם שטאַט און וועגן די פונקציעס פון דער מלוכה. נאַטירלעך וואַרצלען די דאָזיקע חלוקי דעה אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. דער סכסוך דרייט זיך אַרום אַ זייער פּשוטע פראַגע: פון וועלכע קוואַלן שעפּט די מלוכה איר מאָראַלישע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג און וועלכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינטערעסן דאַרף זי דינען מיט איר פּאָליטישן כח?

פאַר די ערשטע קאָלאָניסטן איז די פראַגע פון דעם מאָראַלישן יסוד פון דער מלוכה ניט געשטאַנען. ווי מיר האָבן געזען, האָבן זיי אַהער אַריבערגע־טראָגן די פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון ענגלאַנד און געזאָרגט פאַר דעם, אַז די דאָזיקע אינסטיטוציעס זאָלן דאָ אויספילן די סאָציאַלע פונקציעס, וואָס זיי האָבן אויסגעפילט אין דער אַלטער היים, נאָר לטובת די באַזיצנדיקע שיכטן אין די קאָלאָניעס. די פאַרמעגלעכע סעטלערס האָבן אָן וואָסערע עס איז גע־וויסן־באַוואָרענישן באַשרענקט די פּאָליטישע רעכט פון דער אָרעמשאַפט און פאַרפעסטיקט דעם טעאָקראַטישן פונדאַמענט פון דעם שטאַט. כל זמן עס איז ניט געווען קיין סתירה צווישן די אינטערעסן פון די דאָזיקע פאַרמעגלעכע קלאַסן און די זעלביקע קלאַסן אין דער מעטראָפּאָליע, איז דעריבער ניט גע־ווען נייטיק פאַר די ערשטע זיך צו פאַרנעמען מיט פּאָליטישע חקירות און צו זוכן קאָמפּראָמיסן צווישן פאַרשיידענע פּאָליטישע טעאָריעס. ווען אַזאַ סתירה האָט זיך אָבער יאָ אַנטוויקלט און האָט מער ניט געקאָנט געלייזט ווערן

אין דער עקזיסטירנדיקער שטאַטלעכער ראַם, האָבן די קאָלאָניסטן אָנגעהייבן זוכן אַ אידעאישע באַרעכטיקונג פאַר אַ פּאָליטישן אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד.

די טעאָריע וואָס האָט צום בעסטן אַנטשפּראָכן די פאָדערונגען פון דער צייט איז געווען די, וואָס האָט אָנערקענט, אַז מענטשן ווערן געבוירן מיט באַשטימטע רעכט וואָס קומען פון דער נאַטור גופא און וואָס קאָנען דעריבער דורך קיינעם ניט צוגענומען ווערן. טאָמאַס דזשעפערסאָן, דער וויכטיקסטער פּאָליטישער אידעאָלאָג פון דער רעוואָלוציע, האָט אָט די טעאָריע אין אומפאַרגעסלעכע ווערטער אויף אייביק פאַרשריבן אין דער אומשטערבלעכער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט.

דזשעפערסאָן איז ניט געווען דער טאַטע פון דער טעאָריע, ווי ער אַליין האָט צוגעגעבן. אין אַ בריוו, וואָס ער האָט אין 1825 אַדרעסירט צו הענרי לי, שרייבט ער: עס איז ניט געווען דער צוועק פון דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע „צו אויסגעפינען נייע פּרינציפּן אָדער נייע אַרגומענטן וואָס מען האָט פון זיי פריער ניט געטראַכט“ אָדער „סתם צו זאָגן זאַכן וואָס זיינען קיין מאָל פריער ניט געזאָגט געוואָרן“. דער צוועק פון דער דעקלאַראַציע איז געווען צו אַפּעלירן צו דער וועלט און צו טאָן דאָס אין אַזאַ פאָרם, אַז אַלע זאָלן דאָס פאַרשטיין און זען אין דעם „אַן אויסדרוק פון דעם אַמעריקאַנער געדאַנק“.

ניט די טעאָריע פון נאַטירלעכע רעכט גופא, נאָר דער פאַרזוך די דאָזיקע טעאָריע צו פאַרוואַנדלען אין דעם ווינקלשטיין פון דעם נייעם שטאַט — דאָס איז געווען דער גרויסער פּאָליטישער אויפטו פון דער רעוואָלוציע. עס איז אָבער געווען אַסך גרינגער צו פאָרמולירן אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ איידער דעם פּרינציפּ צו רעאַליזירן אין דעם לעבן פון דער נייער רעפּובליק. דאָ איז דער פּרינציפּ געקומען אין קאָנפליקט מיט ווידעראַנאַנדיקע עקאָנאָמישע אינטערעסן. קיינער האָט ניט אויסגעזעצט קעגן דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע, ווען זי איז לכתחילה אָנגענומען געוואָרן ווי אַ ווענדונג צו דער מענטשהייט און ווי אַ באַרעכטיגונג פון דעם אויפשטאַנד, אָבער ווען דזשעפערסאָן און זיינע אָנהענגער האָבן געפּרוווט איבערזעצן די פּרינציפּן פון דער דעקלאַראַציע אין קאָנקרעטע מעשים, האָבן זיך איבער אַמעריקע צעטראָגן גאָר אַנדערע טענער. מענטשלעכע גלייכקייט און נאַטירלעכע רעכט זיינען גוט אין אַ מאַניפעסט, אָבער ווי רעשטאַוואַניעס פון אַ שטאַט־סטרוקטור — דאָס איז אַקוראַט ווי די בורזשואַזיע פון די צפון־שטאַטן און די פּלאַנטאַטאָרן פון די דרום־שטאַטן האָבן ניט געוואָלט.

ווען זיי, די בורזשואַזיע און פּלאַנטאַטאָרן, האָבן געדאַרפט האָבן די מאַסן צו פירן די מלחמה קעגן ענגלאַנד, האָבן זיי גערעדט וועגן דער גלייכקייט פון אַלע מענטשן; אָבער ווען די מאַסן האָבן די מלחמה געוואונען און עס

איז געקומען די צייט צו שרייבן אַ קאָנסטיטוציע פֿאַר דער רעפּובליק — האָבן די באַזיצנדיקע קלאַסן אָנגעהייבן רעדן אַן אַנדער שפּראַך. „די מאַסע איז אַ חיה" — האָט דער אידעאָלאָג פֿון די דאָזיקע קלאַסן, אַלעקסאַנדער האַמילטאָן, מיט פֿאַראַכטונג אויסגערופֿן. די מאַסע קאָן זיך אַליין ניט רעגירן — האָבן אונטערגעכאַפּט די סאָציאַלע שיכטן, וואָס האַמילטאָן איז געווען זייער טאַלאַנט־פֿולסטער וואָרט־זאָגער. צו דער פּוריטאַנישער נויגונג צו רעגולירן די מאָראַלישע פּירונגען פֿון די מאַסן איז צוגעקומען דער אינטערעס פֿון דער בורזשואַזיע צו האַלטן די מאַסן אין שפּאַן סאָציאַל. פֿון דעם שדוך איז געבוירן געוואָרן דער פֿאַרלאַנג פֿון דער בורזשואַזיע צו שאַפֿן אַ צענטראַליסטישע מלוכה מיט באַשרענקטע רעכט פֿאַר דעם דורכשניטלעכן בירגער.

דזשעפֿערסאָן, דערקעגן, האָט געהאַלטן, אַז ווי שלעכט דאָס פֿאָלק אַליין זאָל זיך ניט רעגירן, וועט עס אַלץ ניט אָנטאָן אַזוי פֿיל שאָדן, וויפֿיל עס האָבן אָנגעטאָן די מאָנאַרכן. נעם — האָט ער אין 1816 געשריבן צו אַ פֿריינט — אַ פּופֿצן — צוואַנציק רעגירונגען „און ווייז מיר וואו די מאַסן האָבן אין... פֿערציק יאָר אָנגעמאַכט העלפֿט אַזוי פֿיל צרות, וויפֿיל איין דעספּאָט וואָלט פֿאַראורזאַכט אין איין יאָר". דעם אונטערשייד צווישן זיין אייגענער באַציאונג צו די מאַסן און דער באַציאונג פֿון דער שטאָטישער בורזשואַזיע האָט דזשעפֿערסאָן סומירט אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו דופּאָנט דע נעמורן אין 1816:

> מיר בײדע באַטראַכטן די מאַסן פֿאַר אונדזערע קינדער און האָבן זיי ליב מיט דער צערטלעכקייט פֿון עלטערן. אָבער דו האָסט זיי ליב ווי עופֿעלעך, ווען דו האָסט מורא צו געטרויען אַן אַמען; און איך — ווי דערוואַקסענע, וועמען איך לאָז פֿריי איבער צו זעלבסט־רעגירונג.

די בעסטע רעגירונג איז פֿאַר דזשעפֿערסאָנען די, וואָס רעגירט צום ווינציקסטן. פֿאַר אים איז מלוכה ניט געווען קיין פֿאַרגליווערטע אינסטיטוציע, נאָר אַ דינאַמישער פּראָצעס וואָס באַנייט זיך כסדר. יעדער דור איז דער באַלעבאָס איבער זיין אייגענעם גורל און דאַרף זיך באַפֿרייען פֿון דער טויטער האַנט פֿון די פֿריערדיקע דורות. ניט אומעטום איז מעגלעך צו האָבן די זעלביקע פֿאָרם פֿון רעגירונג — און אַ רעוואָלוציע כאָטש איין מאָל אין צוואַנציק יאָר איז גאָר ניט קיין שלעכטע זאַך. „דער בוים פֿון פֿרייהייט" — האָט ער זיך אין 1787 אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו וויליאַם ס. סמיט — „דאַרף פֿון צייט צו צייט אָפּגעפֿרישט ווערן מיט דעם בלוט פֿון פּאַטריאָטן און טיראַנען. דאָס איז זיין נאַטירלעכע באַמיסטיקונג". [4])

דזשעפֿערסאָן איז געווען צו פֿיל פּאָליטישער דענקער און רעאַליסט ניט

צו איינזען, אַז מאַטעריעלע באַדינגונגען באַשטימען דעם אויסזען פון פּאָליטישע אינסטיטוציעס. ער האָט געהאַלטן — זאָגט דזשאָן דיואי, — אַז „אינטערעסן וואָס ווערן אויסגעכאַוועט פון באַשטימטע באַשעפטיקונגען (פּוירסוטס) קאָנען פונדאַמענטאַל ענדערן די אָריגינעלע מענטשלעכע נאַטור און די אינסטיטוציעס וואָס זיינען קרוביש צו איר“ [4]). דזשעפערסאָן האָט דעריבער געגלייבט, אַז אַמעריקע וועט אָנהאַלטן איר דעמאָקראַטיע נאָר אַזוי לאַנג ווי איר עקאָנאָמיע וועט זיין באַזירט אויף אַ ווירטשאַפט פון אומאָפּהענגיקע אַגראַריער. ער האָט געזען די געפאַרן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע, וואָס ברענגט מיט זיך אורבאַניזאַציע און די אויסבילדונג פון אַ קלאַס וואָס איז אויסגעוויזן אויף דעם חסד פון אַ צווייטן קלאַס. אין אַנדערע ווערטער: ער האָט קלאָר באַנומען דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דעם מאָדערנעם שטאַט.

אין אַ דעם באַנעם האָט דזשעפערסאָן זיך באַגעגנט מיט האַמילטאָנען, וועלכער האָט טאַקע דערפאַר געוואָלט אַן אויטאָריטאַטיוון שטאַט, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרזיכערן די ממשלה פון דער שטאָטישער בורזשואַזיע. מיט אַ דערשטוינענדיקער טיפקייט האָט די ראָלע פון דעם שטאַט דעפינירט דזשיימס מעדיסאָן, דער „טאַטע פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע“ און פערטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. 60 יאָר פאַר מאַרקסן האָט ער געגעבן אַ פּאַקטיש־מאַרקסיסטישע אויסטייטשונג פון די פונקציעס פון דעם שטאַט און פון דער ראָלע, וואָס פּאָליטישע פּאַרטייען שפּילן אין דעם שטאַט. פּאַרטייען אָדער פראַקציעס — זאָגט מעדיסאָן — זיינען דער פּראָדוקט פון דער קלאַסן־צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט. די דאָזיקע צעטיילונג שטאַמט אַרויס פון דער אומגלייכער דיסטריבוציע פון אייגנטום. „דער געוויינלעכער און דויערנדיקסטער מקור פון פראַקציעס“ — לייענען מיר אין דעם באַרימטן צענטן אַרטיקל פון דער „פעדעראַליסט“־סעריע — „איז געווען די פאַרשיידנאַרטיקע און אומגלייכע פאַרטיילונג פון אייגנטום. די וואָס פאַרמאָגן אייגנטום און יענע וואָס האָבן עס ניט, האָבן אַלע מאָל אויסגעפורעמט בולטע אינטערעסן אין דער געזעלשאַפט. די וואָס זיינען קרעדיטאָרן און יענע וואָס זיינען בעל־חובות, פאַלן אַרונטער אונטער דער זעלביקער פאַרטיילונג. אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אינטערעס, אַ פאַבריציר־אינטערעס, אַ האַנדלס־אינטערעס, אַ געלט־אינטערעס און אַסך קלענערע אינטערעסן וואַקסן נייטווענדיקערווייס אויס אין ציוויליזירטע נאַציעס און צעטיילן זיי אויף פאַרשיידענע קלאַסן, וואָס ווערן באַווירקט פון פאַרשיידענע סענטימענטן און אָנשויאונגען“ [5]). פון דעם איז קלאָר, אַז מען קאָן פּאַרטייען און פראַקציעס ניט אָפּשאַפן און עס קאָן נאָר זיין אַ רעד פון קאָנטראָלירן די סיבות וואָס ברענגען זיי צום לעבן.

דער קאָנטראָל — גייט ווייטער מעדיסאָנס טעזע — ליגט אין די הענט פון דעם שטאַט — און פון דעם שטאַמט דער פּאָליטישער קאַמף. יעדער פּאַרטיי, זוכט אַריינצוכאַפּן די רעגירונג, כּדי צו האָבן צוטריט צו די קאָנטראָל־אינסטרומענטן פון דעם שטאַט. נעמט, זאָגט מעדיסאָן, אַזאַ פּשוטע זאַך ווי שטייערן. דאָס איז, דאַכט זיך, עפּעס וואָס פאָדערט די גרעסטע אומפּאַרטייאישקייט — „און דאָך איז אפשר ניטאָ אַ געזעצגעבנדיקער אַקט וואָס גיט אַ גרעסערע מעגלעכקייט און רופט אַרויס אַ גרעסערן יוצר הרע ביי אַ הערשנדיקער פּאַרטיי צו טרעטן אויף די פּרינציפּן פון גערעכטיקייט.״ פון דעם איז געדרונגען, אַז אין אַ ריין־דעמאָקראַטישן שטאַט קאָנען די אינטערעסן פון מינדערהייטן און שוואַכע גרופּעס קיין מאָל ווי געהעריק ניט אָפּגעהיט ווערן, ווייל די מערהייט וועט שטענדיק פירן דאָס לאַנד לויט דעם, ווי עס וועט זיך איר לוינען. דער־קעגן גיט אַ רעפּובליק ווי די פּאַראייניקטע שטאַטן מער מעגלעכקייטן אַ מינדערהייט צו קריגן גערעכטיקייט, ווייל אין אַזאַ רעפּובליק הערשט ניט דאָס פאָלק דירעקט, נאָר דורך דעלעגירטע שליחים — און די דאָזיקע שליחים קאָנען זיך גיכער אויפהויבן איבער די אינטערעסן פון איין קלאַס און רעגירן אין הסכּם מיט די אינטערעסן פון דעם גאַנצן פאָלק.

ווען מען ווענדט אָן מעדיסאָנס טעאָריע אין איר אמתן זין, ווערט קלאָר, אַז מערהייט און מינדערהייט דאַרף מען אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט ניט מעסטן אין טערמינען פון צאָל, נאָר אין טערמינען פון עקאָנאָמישער מאַכט — און עקאָנאָמישע מאַכט ליגט אין די הענט פון דער סאָציאַלער שיכט וואָס נומעריש דינט זי די אינטערעסן פון דער קלענסטער צאָל בירגער. דאָס האָט דזשעפּער־סאָן פאַרשטאַנען און ער האָט זיך דעריבער געשראָקן פאַר דער אינדוסטריאַלי־זאַציע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. אין דער דאָזיקער אינדוסטריאַליזאַציע האָט ער געזען די פּאָטענציעלע איינשרומפּונג פון דער פּאָליטישער דעמאָ־קראַטיע.

די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע פון דער נייער רעפּובליק איז געווען פאַראינטערעסירט אין אַ שטאַרקן שטאַט. זי האָט דעריבער געפירט אַ קאַמף קעגן די אַגראַרע עלעמענטן, דער עיקר קעגן די שקלאַפנהאַלטערישע פּלאַנטאַטאָרן, וואָס האָבן געוואָלט פונקט דעם היפּוך. דער שטריט האָט זיך געדרייט אַרום דעם, צי די רעפּובליק זאָל זיין אַ פעדעראַליסטיש־צענטראַליזירטע מלוכה, אין וועלכער די באַזונדערע שטאַטן זאָלן זיין פּראָווינצן מיט אַ היפּשער מאָס אויטאָנאָמיע און זעלבסט־רעגירונג אין אינערלעכע שטאַט־ענינים, אָדער אַ לויזע פאַראייניקונג פון פּאַקטיש־אומאָפּהענגיקע פּראָווינצן.

ווען די קאָלאָניעס האָבן זיך אָפּגעריסן פון ענגלאַנד, איז דאָס אַמעריקאַ־נער פאָלק אין נאַציאָנאַלן זין נאָך ניט געווען אויסגעקריסטאַליזירט און פּאָלי־

טיש נאָך ניט פאָרמירט. דער אָריגינעלער אָפּמאַך, לויט וועלכן די 13 שטאַטן האָבן זיך געפירט איידער די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן, האָט, צווישן אַנדערן, אַנטהאַלטן דעם וויכטיקן פּונקט:

> יעדער שטאַט פאַרהאַלט פאַר זיך זיין סוּאווערעניטעט, פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט און יעדער מאַכט, יוריסדיקציע און רעכט וואָס איז ניט בפירוש דעלעגירט געוואָרן צו די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרזאַמלט אין קאָנגרעס דורך אָט דער קאָנפעדעראַציע.

די קאָנסטיטוציע, ווען דאָס לאַנד האָט זי ענדלעך אָנגענומען, איז געווען — און געבליבן — אַן איינאַרטיק־געמישטער פּאָליטישער אינסטרומענט, וואָס אין אים זיינען פעדעראַליסטישע און נאַציאָנאַלע פּרינציפּן פון רעגירונג פאַראייניקט. דזשיימס מעדיסאָן האָט אַזוי דעפינירט דעם אונטערשייד צווישן אָט די צוויי מינים פּרינציפּן: אין אַ פעדעראַלער רעגירונג אַפּערירט די צענטראַלע מלוכה־מאַכט דורך די פּאָליטישע איינסן וואָס שטעלן צונויף די פאַראייניקונג; אין אַ נאַציאָנאַלער רעגירונג אַפּערירט זי דורך די אינדיווידועלע בירגער וואָס שטעלן צונויף די נאַציע. געמאָסטן מיט אָט דער מאָס, זאָגט מעדיסאָן, איז די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן ניט קיין פעדעראַלע און ניט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ געמיש פון ביידע. „אין איר יסוד — זעצט ער פאָר — „איז זי פעדעראַל. ניט נאַציאָנאַל; אין די קוואַלן, פון וועלכע די געוויינלעכע מאַכט פון דער רעגירונג ווערט גענומען, איז זי טיילווייז פעדעראַל און טיילווייז נאַציאָנאַל; אין דער אַפּערירונג פון דער דאָזיקער מאַכט איז זי נאַציאָנאַל, ניט פעדעראַל; אין דעם פאַרנעם [פון דער מאַכט] איז זי ווידער פעדעראַל, ניט נאַציאָנאַל; און, ענדלעך, אין דעם אויטאָריטאַטיוון אופן פון פאָרשלאָגן ענדערונגען איז זי ניט אין גאַנצן פעדעראַל און ניט אין גאַנצן נאַציאָנאַל" [6]).

אפילו נאָך דעם, ווי די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן און דער בונד פון די שטאַטן האָט זיך טראַנספאָרמירט פון אַ לויזער קאָנפעדעראַציע אין אַ פעדעראַטיווער מלוכה מיט אַ היפּשער מאָס שטאַט־מאַכט קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער פעדעראַלער רעגירונג, — אפילו נאָך דעם איז אַמעריקע נאָך אַלץ ניט געווען קאָנסאָלידירט ווי אַ נאַציע. עטלעכע יאָר נאָך דער רעוואָלוציע האָט אַ צוזאַמענפאָר פון דער עפּיסקאָפּעלישער קירכע באַשלאָסן אַריינצונעמען אין איר ליטורגיע אַ תפילה וואָס האָט, צווישן אַנדערן, אויך אַנטהאַלטן די ווערטער: „אָ, גאָט, בענטש אונדזער נאַציע". דער דאָזיקער באַשלוס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורם פון אומצופרידנקייט, אַז אויף מאָרגן איז דער צוזאַמענפאָר געווען געצוואונגען צו פאַרבייטן די ציטירטע ווערטער מיט די ווערטער: „אָ, גאָט, בענטש אָט די פאַראייניקטע שטאַטן." ערשט דאָס פייער פון

דעם בירגער־קריג האָט צעשמאָלצן דעם סעקציאָנאַליזם און אויסגעשמידט אַן אַמעריקאַנער נאַציע. ניט קיין קליינע ראָלע האָט דערביי געשפּילט די כוואַליע פֿון נאַציאָנאַליזם וואָס האָט זיך, אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, פֿאַנאַנדערגעטראָגן איבער גאָר דער מאָדערנער וועלט און געפֿירט צו דער אויסבילדונג פֿון אַ צאָל נאַציאָנאַלע שטאַטן אין אייראָפּע. „עס איז אַ וויכטיקער פֿאַקט” — זאָגט פּראָפֿעסאָר מעריאַם — „אַז אין איין דעקאַדע האָבן דריי גרויסע פֿעלקער — די פֿאַראייניקטע שטאַטן, דייטשלאַנד און איטאַליע — מיט „בלוט און אייזן” עטאַבלירט דעם פֿאַקט פֿון [זייער] נאַציאָנאַלער איינהייט” [7].

דער עקאָנאָמישער קאַמף צווישן די אַגראַרע עלעמענטן און דער בורזשואַזיע און צווישן דער בורזשואַזיע און די שקלאַפֿנאייגנטימערס האָט אומפֿאַרמיידלעך געמוזט אַריבערגיין אויף פּאָליטישע רעלסן — און די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנפֿערענץ איז געווען די ערשטע אַרענע. קיין גרופּע איז אין איר ניט געווען שטאַרק גענוג אַרויפֿצוצווינגען איר ווילן אויף אַלע אַנדערע גרופּעס, ווייל קיין גרופּע איז ניט געווען שוואַך גענוג זיך צו דאַרפֿן אונטערוואַרפֿן פֿולשטענדיק דעם ווילן פֿון אַן אַנדער גרופּע. דער רעזולטאַט איז געווען — די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז פֿאַרבליבן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג אַ דאָקומענט פֿון קאָמפּראָמיסן, „אפשר” — אין די ווערטער פֿון דזשיימס ברייס — „דער דערפֿאָלגרייכסטער ביישפּיל אין דער געשיכטע פֿון דעם, וואָס אַ מיושבדיקער גייסט פֿון פּשרה קאָן אויפֿטאָן” [8].

אָבער, ווי אין דעם פֿאַל מיט אַלע פּשרות, האָט די קאָנסטיטוציע איבערגעלאָזט אַ צאָל פֿראַגעס ניט פֿאַרענטפֿערט און וואונדן וואָס האָבן ניט אויפֿגעהערט צו אייטערן. דער קאַמף אַרום דער קאָנסטיטוציע האָט אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע שפּיל פֿון סאָציאַלע כּחות, דעם געראַנגל צווישן די פֿאַרשיידענע עקאָנאָמישע אינטערעסן און דעם קאָנפֿליקט צווישן די צוויי קאָנצעפּציעס, וועגן וועלכן עס איז גערעדט געוואָרן אויבן. דער קאַמף איז נאָך ניט פֿאַרענדיקט, און פּראָפֿעסאָר ווערנאָן פּאַרינגטאָן איז זיכער ניט געווען ווייט פֿון דעם אמת, ווען ער האָט אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע געשיכטע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווי צום טייל אַ „שטרייט צווישן דעם גייסט פֿון דער דעקלאַראַציע פֿון אומאָפּהענגיקייט און דעם גייסט פֿון דער קאָנסטיטוציע; דער ערשטער רעכנט זיך דער עיקר מיט די רעכט פֿון מענטש, דער צווייטער איז מער פּראַקטיש באַזאָרגט וועגן די רעכט פֿון אייגנטום” [9]. אין דער באַציאונג צו דער נעגער־פֿראַגע קומט דאָס אַלץ צום אויסדרוק און עס איז דעריבער נייטיק, איידער מיר גייען ווייטער, אַריינצוקוקן אַ ביסל אין דעם דאָזיקן ענין.

## 7.

„די אַמעריקאַנער דילעמע" — אַזוי באַצייכנט גאַנאַר מוירדאַל דאָס נעגער־פּראָבלעם. און ער דעפינירט עס ווי אַן אומאויפהערלעכן קאָנפליקט צווישן די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און קריסטלעכער מאָראַליטעט פון דער אַמעריקאַנער קרעדאָ, פון איין זייט, און פון אַ שטייגער־לעבן און מנהגים וואָס האָבן זייערע וואָרצלען אין פּאָראורטיילן, אייפערזוכטן, פּרעסטיזש־חשבונות, קאַסטע־פּאַרטיילונג, ניט־פּאַרגינערייַ און אומצוטרוי, פון דער אַנדערער זייט [1]).

די דילעמע איז שוין אַזוי אַלט, ווי די מאָדערנע אַמעריקע גופא: די ערשטע גרופּע שקלאַפן איז געבראַכט געוואָרן פון אַפריקע אויף אַ האָלענדישער שיף אין 1619. עס האָט מיט דער דילעמע זיך געראַנגלט די קירכע. דער רעליגיעזער פּרינציפּ, אַז אויף אַלע מענטשנקינדער רוט די שכינה און אַז פאַר אַלעמען איז אָפן דער וועג צו גאָטס האַרץ, איז געקומען אין קאָנפליקט מיט די אינטערעסן פון די שקלאַפן־אייגנטימערס, וועלכע האָבן מורא געהאַט אַז פון אַזאַ תורה קאָן נאָך דעם נעגער איינפאַלן צו צווייפלען אין דער מאָראַלישער באַרעכטיקונג פון שקלאַפעריי. האָט די טייל פון דער קירכע וואָס האָט געדינט די פּלאַנטאַטאָרן געפּרואווט אויף דער דילעמע געבן פאַרשיידענע ענטפערס. איין ענטפער איז געווען, אַז דער נעגער געהערט ניט צו דעם מין מענטש און האָט ניט קיין נשמה, ממילא שטייט אים שוין ניט פאַר קיין שום קריסטלעכע אויסלייזונג. אַ צווייטער ענטפער האָט אָנגעוויזן, אַז די ביבל כשרט שקלאַפעריי — און קיינער טאָר דאָך ניט גיין קעגן דער ביבל. אַ דריטער ענטפער האָט אויף די נעגערס יאָ אויסגעשפּרייט דאָס הימלישע קעניגרייך, האָט אָבער געזען אין דער לאַגע פון די שוואַרצע גאָטס שטראָף וואָס זיי וועלן מוזן טראָגן ביז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון זייערע זינד. דער וועג פון תשובה איז פאַר זיי, לויט אָט דעם ענטפער, ניט געווען פאַרמאַכט, אָבער קיין מעגלעכקייט תשובה צו טאָן — האָט דער שטאַט פונדעסטוועגן זיי ניט געגעבן. כמעט אין דעם גאַנצן דרום האָט מען פאַרבאָטן צו לערנען נעגערס לייענען און שרייבן אויס מורא, אַז זיי וועלן זיך באַקענען מיט דער אַבאָלאַציאָניסטישער ליטעראַטור. אַי, בלייבנדיק אומוויסנדיק, האָבן זיי דאָך אויך ניט געקאָנט לייענען די הייליקע שריפטן — איז דאָס, האָבן די שקלאַפן־אייגנטימערס געענטפערט, גראַד אַ טובה פאַר די זינדיקע נעגערס. די דרום־שטאַטן האָבן געלייקנט — זאָגט וויליאַם ס. דזשענקינס — אַז די געזעצן וואָס האָבן ניט דערלויבט צו לערנען נעגערס דעם אלף־בית האָבן אָנגערירט די אינטערעסן פון רעליגיע, מחמת די דאָזיקע געזעצן „זיינען בלויז אויסן געווען צו פאַרמיידן דאָס איינשאַפן זיך פון וויסן

וואָס האָט געהאַט די טענדענץ צו מאַכן דעם שקלאַף אומצופרידן מיט זיין גורל״ [2]).

נאָך שווערער איז די דילעמע געשטאַנען אויף דער פּאָליטישער פלאַך. די דרום־שטאַטן האָבן, ווי אַ פּרייז פאַר זייער באַטייליקונג אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנפערענץ, געפאָדערט אַז די פראַגע פון שקלאַפעריי זאָל אונטער אַלע אומשטענדן בלייבן אונטער דער אויסשליסלעכער יוריסדיקציע פון די באַזונדערע שטאַטן און עס זאָל דער פעדעראַלער רעגירונג פאַרווערט זיין אין דעם ענין זיך צו מישן. די דרום־שטאַטן האָבן אויסגעפירט, אָבער זיי האָבן גיך אויסגעפונען, אַז עקאָנאָמישע דערשיינונגען האָבן זיך זייערע אייגענע געזעצן און פירן זיך ניט אַלעמאָל לויט דעם בוך. עס האָט לאַנג ניט גענומען איידער סיי דער צפון סיי דער דרום האָבן אַנטדעקט, אַז עס איז ניט לייכט צו פאַרבלייבן, ווי לינקאָלן האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט, האַלב־פריי, האַלב־פאַרשקלאַפט: עס איז אָדער אין גאַנצן פריי אָדער אין גאַנצן פאַרשקלאַפט. צווישן די צווי טיילן פון לאַנד האָט זיך געשאַפן אַ ריס, וואָס ניט די קאָנסטיטוציע, ניט דער שפּעטערדיקער „מיזורי קאָמפּראָמיס״, וואָס האָט געצילט צו פאַרפירן שקלאַפעריי אין באַשטימטע געאָגראַפישע גרעניצן, האָט געקאָנט פאַרלאַטען. אויף די שלאַכטפעלדער פון דעם בירגער־קריג האָט זיך דער שטרייט פאַרענדיקט, אָבער די דילעמע איז געבליבן ניט געלייזט.

עקאָנאָמיש איז דאָס געווען אַ שטרייט צווישן דעם בורזשואַז־אינדוסטריעלן צפון און פּלאַנטאַטאָריש־שקלאַפן־אייגנטימערישן דרום; פּאָליטיש האָט דער שטרייט אָנגענומען די פאָרמע פון אַ קאָנפליקט צווישן צווי באַגריפן וועגן דער סטרוקטור פון דעם אַמעריקאַנער שטאַט. די אידעאָלאָגן פון דרום האָבן געהאַלטן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן איז ניט קיין געשלאָסענע נאַציאָנאַלע מלוכה, נאָר אַ פריוויליקער בונד פון זעלבסטשטענדיגע שטאַטן, וואָס האָבן — אויסער אין שייכות צו די ענינים, וועגן וועלכע זיי האָבן איבערגעגעבן די יוריסדיקציע צו דער פעדעראַלער רעגירונג — רעזערווירט פאַר זיך סאָווערעניטעט. די דאָזיקע סאָווערעניטעט שליסט אויך איין דאָס רעכט ניט צו אָנערקענען געזעצן מיט וועלכע אַ שטאַט איז ניט מסכים און דאָס רעכט אין גאַנצן אַרויסצוטרעטן פון דעם בונד, אויב דער שטאַט געפינט, דאָס פאַר נייטיק צו טאָן. דעריבער — ווער עס פרואווט איינפירן אין אַמעריקע אַ צענטראַליזירטע מלוכה, יענער גראָבט אונטער די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אין די ריין־פּאָליטישע אַספּעקטן פון דעם שטרייט איז דער גייסטיקער פירער פון די דרום־שטאַטן, דזשאָן סי. קאַלהון, איינער פון די טיפסטע פּאָליטישע דענקערס וואָס אַמעריקע האָט ווען עס איז אַרויסגעגעבן, צייטנווייז געווען

גאַנץ נאָנט צו דזשעפערסאָנען. דער לעצטער, ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט אויך מורא געהאַט פאַר אַ צענטראַליזירטער מלוכה און געהאַלטן אַז ווען די רעגירונג־מאַכט וועט איינשטיין ביי די באַזונדערע שטאַטן, וועט זיין אַ קלענערע געפאַר פאַר דעמאָקראַטיע, ווי אַז זי וועט ליגן ביי דער פעדעראַלער רעגי־רונג. וואָס פאַראַ אונטערשייד עס איז אָבער געווען אין די סאָציאַלע כוונות פון די צוויי מענטשן און אין די שלוסן וואָס זיי האָבן געצויגן!

קאַלהון האָט זיינע וואונדערלעכע פּאָליטישע פעאיקייטן אויסגענוצט כדי צו באַרעכטיקן די פאַרשקלאַפונג פון די שוואַרצע דורך די ווייסע — און באַרעכטיקט האָט ער עס אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן אינטערעס — אויפן עקאָנאָמישן געביט ווי אויף דעם סאָציאַלן, אויף דעם פּאָליטישן ווי אויף דעם מאָראַלישן.

אַנדערע האָבן זיך געפילט אַפּאָלאָגעטיש אין שייכות צו שקלאַפעריי — ניט קאַלהון. ער האָט אַנטוויקלט די באַרימטע טעאָריע פון דעם „פּאָזיטיוון גוט" וואָס שקלאַפעריי האָט געבראַכט סיי די שוואַרצע סיי די ווייסע. סאָציאַלע צעטיילונג, האָט קאַלהון געטענהט, איז אַן אָרגאַנישער אַרויסשפּראָץ פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און שקלאַפעריי האָט דעריבער אַ סאָציאַל־סטאַבי־ליזירנדיקע אויסווירקונג, דערפאַר, ווייל זי דערלאָזט ניט, אַז דער סאָציאַלער מצב פון די ווייסע זאָל פאַלן נידריקער פון אַ באַשטימטער פלאַך. די טעאָריע, אַז שקלאַפעריי איז גורם די סאָציאַלע אויסגלייכונג פון דער ווייסער באַפעל־קערונג מחמת דעם וואָס ווי עקאָנאָמיש צעטיילט די דאָזיקע באַפעלקערונג זאָל ניט זיין, איז זי אָבער האָמאָגען אין שייכות צו די שקלאַפן, — איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין די דרום־שטאַטן פאַר דעם בירגער־קריג. סענאַטאָר בראַון פון מיסיסיפּי, אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין סענאַט, האָט די טעאָריע אַזוי פאָרמולירט: „די ווייבער און טעכטער פון אונדזערע מעכאַני־קערס און אַרבעטנדיקע מענטשן שטייען ניט איין אינטש נידריקער אויף דער סאָציאַלער סקאַלע פון די ווייבער און טעכטער פון אונדזערע גוּבערנאַטאָרן, סעקרעטאַרן און ריכטער". אָט די גלייכקייט, האָט ער פאַרגעזעצט, „אונטער־דריקט אַזוי אַרום אַסך פון די בייזע ליידנשאַפטן וואָס אַנטשטייען און טרייבן מענטשן צו משוגעת אין די ישובים, וואו די ווייסע מענטשן זיינען ניט גלייך" [6].

פאַרשיידענע תירוצים זיינען געגעבן געוואָרן, ווען מען האָט די פּלאַנ־טאַטאָרן אויפגעוואָרפן, אַז זייערע האַנדלונגען זיינען סותר די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, וואָס רעדט פון גלייכע נאַטירלעכע רעכט פאַר אַלע מענטשן. אייניקע שקלאַפעריי־טעאָרעטיקערס האָבן געהאַלטן, אַז די דעקלאַ־ראַציע האָט נאָר פּראָקלאַמירט אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ וואָס איז ניט געווען אויסגערעכנט אויף פּראַקטישער אָנווענדונג. אַנדערע האָבן געטענה'ט, אַז

אַלע „מענטשן קאָנען אפשר געבוירן ווערן פריי אין אַ נאַטור־מצב און דאָך ניט פאַרבלייבן אַזוי אין אַ ראַם פון אַ געזעלשאַפט"[4]). קאַלהון, ווידער, האָט מיט זיין געוויינלעכער גרינטלעכקייט און געוואַגטקייט אַנטוויקלט די טעאָריע, אַז פרייהייט איז ניט קיין נאַטירלעכע רעכט פון מענטשן, נאָר אַ באַלוינונג, וואָס מענטשן דאַרפן זיך פאַרדינען דורך אינטעליגענץ און געזעלשאַפטלעכער ווערטפולקייט. פרייהייט איז אַ מין גייסטיקער פאַרמעגן, וואָס די געזעלשאַפט האַלט אין רעזערוו כדי צו סטימולירן יחידים און גרופּעס צו קלעטערן צו העכערע מדרגות פון מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. אויף אַזאַ אופן האָט קאַלהון געשאַפן אַ בריק פאַר יענע, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַריבערשפּרינגען דעם תהום וואָס איז געווען צווישן דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט און דער „אינסטיטוציע" פון דרום־שטאַטן. שקלאַפערײ איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפט, אָבער דער תהום איז נאָך ניט פאַרשאָטן און קאַלהונס בריק איז נאָך אַלץ — באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, אין גאַנצן אָדער בלויז צום טייל — די ראַציאָנאַליזאַציע פאַר האַלטן די נעגערס אין אַ מצב פון שפלות ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פאַר דעם געזעץ זיינען זיי היינט טעאָרעטיש גלייך מיט די ווייסע. מיט אַט דעם ווידערשפּרוך צווישן קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט און זייער רעאַלער דורכפירונג וועלן מיר זיך באַגעגענען אויף שריט און טריט און זיין מקור געפינט זיך, ווי שוין דערמאָנט, אין דעם קאָנפליקט צווישן רעכט פון מענטשן און רעכט פון אייגנטום, וואָס דאָס איז אויך אַן אַספּעקט פון דעם מהלך צווישן קולטור און ציוויליזאַציע.

8.

פון דער קאָנסטיטוציע־אָן האָט אַמעריקע געפּרואווט צו אויסגלייכן דעם קאָנפליקט צווישן די רעכט פון מענטשן און רעכט פון אייגנטום דורך אַ פשרה, וואָס אין איר פּראַקטישער אויסווירקונג האָט זי אויסגעזען אומגעפער אַזוי: בעת די „מאַסן" האָבן אַפּט געוואונען פּאָליטיש — אין דעם זין, וואָס עס איז זיי אָפּט געלונגען צו דערוויילן זייערע קאַנדידאַטן צו פּאָליטישע אַמטן — האָבן, בדרך כלל, די „קלאַסן" [לייען: קאַפּיטאַל] געוואונען עקאָנאָמיש — אין דעם זין, וואָס די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דעם לאַנד איז אַלע מאָל געפירט געוואָרן אין הסכם מיט זייערע אינטערעסן.

און די ערשטע צייטן האָט עס אַנדערש גאָר ניט געקאָנט זיין. די פּאַראייניקטע שטאַטן איז געקומען אין אַ פּעריאָד און אין אַ לאַנד, ווען און וואו אַלע באַדינגונגען זיינען געווען גינציק פאַר אַ ראַשיקער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. עס איז שוין געווען צו שפּעט פאַר דער עקאָנאָמיע פון אומאָפּהענגיקע אַגראַריער, וואָס פון דעם האָט געחלומט טאָמאַס דזשעפערסאָן. ער אַליין, ווען ער

איז געווען פּרעזידענט, איז געווען אין אַ גרויסער מאָס געצוואונגען צו פּאַרזעצן די עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס האַמילטאָן האָט אָנגעהייבן, ווען ער, האַמילטאָן, איז געווען פינאַנץ־מיניסטער אין דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס קאַבינעט. „דזשע־פערסאָן אַליין" — זאָגט דער יונגער אַרטור מ. שלעזינגער — „האָט געהאָלפן אויסהאָדעווען די שלאַנג אין זיין גן עדן דורך איינער פון זיינע ליבלינג־איינפירן די עמבאַרגאָ פון 1807 וואָס האָט פעסט אָװעקגעשטעלט אויף די פיס פאַבריציר־אונטערנעמונגען, וואָס זיינען עקספּערימענטאַל אָנגעהייבן געוואָרן ביי דעם אַט־לאַנטישן ים־ברעג אין די צוואַנציק פאַרגייענדיקע יאָר" [1]). דזשעפערסאָן איז ניט געווען בלינד צו דער ווירקונג פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן. אין 1816 האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו אַ פריינט: „דערפאַרונג האָט מיך געלערנט אַז פאַבריקאַציעס זיינען איצט פונקט אַזוי נייטיק פאַר אונדזער אומאָפּהענגיקייט, ווי פאַר אונדזער באַקוועמלעכקייט". ציטירנדיק אָט די ווערטער, קאָמענטירט דער יונגער שלעזינגער: „אַכט יאָר פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט פאַרזיכערט דעם טריאומף פון דעם שטאַטסמאַן איבער דעם פילאָסאָף" [2]).

אפילו ענדרו דזשעקסאָן, מיט וועמען מיר וועלן זיך באַלד אינטימער באַ־קענען, וועלכער האָט צעשטערט אַ היפּשע טייל פון דעם בנין, וואָס אַלעקסאַנדער האַמילטאָן האָט אָנגעהייבן בויען אין די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, — אפילו ער האָט ווירטשאַפטלעך די רעדער פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע אויף צוריק ניט געקאָנט דרייען. ער האָט ניט געקאָנט איגנאָרירן די אינטערעסן פון דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליסטישן־קלאַס, ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער לעצטער האָט אים פּאָליטיש ניט אויפגעהערט צו אַטאַקירן ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

דזשעקסאָן איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער טיפענישן פון דעם פאָלק. ער איז געבוירן געוואָרן אין אָרעמקייט, בעת אַלע פּרעזידענטן פאַר אים האָבן געהערט צו די באַזיצנדיקע קלאַסן. קיין סיסטעמאַטישע בילדונג האָט ער ניט געקראָגן און מיט געלערזאַמקייט האָט ער זיך קיין מאָל ניט אויסגעצייכנט. ער האָט גערעדט די אומגעהובלטע שפּראַך פון דעם פאָלק און איז געווען פלייש פון דעם פלייש און ביין פון דעם ביין פון דער פאָלקס־מאַסע. אין דעם איז געלעגן דער גרונט־אונטערשייד צווישן אים און דזשעפערסאָנען, וועלכער האָט געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע. עס האָט דזשעפערסאָנען גענומען אַ צייט איידער ער האָט שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז אַלע בירגער דאַרפן האָבן שטימרעכט, ער האָט מורא געהאַט, ווי מיר האָבן געזען, פאַר די גרויסע שטעט און זייערע מאַסן: „די מאָבס פון די גרויסע שטעט" — האָט ער זיך אויסגעדריקט — „זיינען וואונדן אויף דעם פּאָליטישן קערפּער." פאַר דזשעקסאָנען זיינען די

אַגריקולטורעלע עלעמענטן אויך געווען די סאַמע וויכטיקסטע אין לאַנד ער האָט אָבער זיך אויך באַטראַכט פאַר דעם פירער, ווי ער האָט זיך אַליין באַצייכנט, פון די „פּשוטערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — די פּאַרמערס, מעכאַ־ניקערס און אַרבעטער", — וואָס זיינען אַליין ניט בכח אויסצוקעמפן פאַר זיך אַ מצב פון פּריווילעגירטקייט. די דזשעקסאָניער — לייענען מיר ביי דעם יונגן שלעזינגער — „האָבן פאַרשמעלערט דעם אַספּעקט פון דזשעפערסאָניזם וואָס האָט גערעדט פון אַגריקולטורעלער צניעות, אומאָפּהענגיקע באַלעבאַטים, „נאַטירלעכן" אייגנטום, אָפּשאַף פון אינדוסטריאַליזם און האָבן אומגעהייער אויסגעברייט דעם אַספּעקט וואָס האָט גערעדט פון עקאָנאָמישער גלייכקייט, די אַרבעטנדיקע קלאַסן, מענטשלעכע רעכט און קאָנטראָל פון אינדוסטרי־אַליזם" [3]).

די דזשעפערסאָניער — זאָגט דר. ביל — „האָבן געזוכט, דורך דער באַ־זייטיקונג פון אַלע קינסטלעכע רעסטריקציעס, צו געבן דעם פּשוטן מענטשן יעדער געלעגנהייט מיט וועלכער אומגעבונג האָט אים געקאָנט באַזאָרגן צו ווערן אַ גלייכער מיט די פירערס... דזשעקסאָנישע דעמאָקראַטן זיינען געווען דאָס פאָלק גופא. עס איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז זיי דאַרפן [ערשט] האָבן אַ געלעגנהייט צו ווערן די גלייכע פון וועמען עס איז" [4]). דזשעקסאָן איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער פּאָליטישער פאָלקס־פירער וואָס האָט פאַראיי־ניקט אונטער זיין פאָן די מאַסן פון אַלע געאָגראַפישע און סאָציאַלע טיילן פון לאַנד — די אַרבעטער און האַנטווערקער פון די גרויסע שטעט אין די מזרח־שטאַטן, די אָרעמע עלעמענטן פון די דרום־שטאַטן און די פּאַרמערס פון די זיך־אויסשפּרייטנדיקע מיטל־מערב שטאַטן. עס וועט דעריבער זיין כדאי זיך אַ ביסל אָפּצושטעלן אויף די באַדינגונגען וואָס האָבן אַרומגערינגלט זיין אַד־מיניסטראַציע און אויף די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן וואָס זי האָט געזעצט אין באַוועגונג. דאָס וועט אונדז העלפן בעסער זיך צו פאַנאַנדערקלייבן אין דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער און קולטורעלער אויסווירקונג פון דער דיספּראָפּאָרציע צווישן דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן פאַרשריט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן — עפּעס, וואָס איז נייטיק כדי צו פאַרשטיין די אייגנאַרטיקייט פון די מינדערהייט־פּראָבלעמען אין לאַנד.

## 9.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס האָבן די מאַסן אין די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָר פון דער אַמעריקאַנער זעלבסטשטענדיקייט ניט רעוואָלטירט קעגן אַ מצב וואָס האָט זיי פּאָליטיש ניט געגעבן קיין גלייכע רעכט מיט די רייכערע בירגער און וואָס האָט די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון לאַנד געטריבן דער עיקר אין דער

ריכטונג פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, — איז דער וויכטיקסטער ענטפער: די באַוועגלעכקייט פון דער באַפעלקערונג. די מעגלעכקייטן פאַר אינדיווידועלער עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג זיינען געווען אַזוי צאָלרייך, פרייער באָדן איז געווען אַזוי פיל און דער אונטערנעמונגס־גייסט פון דעם יונגן אַמעריקאַנער איז געווען אַזוי געוואַגט אַז ער איז געווען ווייניק אָנגעוויזן, און האָט זיך נאָך ווייניקער פאַרלאָזן, אויף סטאַביליזירטע סיטואַציעס. האָט ער זיך עקאָנאָמיש ניט געקאָנט איינאָרדנען אויף איין אָרט, איז ער אַוועק זוכן הצלחה אויף אַ צווייטן אָרט, זיינען אים ניט געווען געפעלן די געזעצן וואָס האָבן געהערשט אין די באַפעלקערטע טיילן פון לאַנד, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין די מדבריות און דאָרט זיך געפירט לויט זיינע אייגענע געזעצן. „ווען נאָר" — זאָגט טורנער — „סאָציאַלע באַדינגונגען האָבן אָנגעהייבן אַרויסווייזן אַ טענדענץ זיך צו אויסקריסטאַליזירן אין מזרח, ווען נאָר קאַפּיטאַל האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג אַרויפצוצווינגען אויף אַרבעטער פּאָליטישע רעסטריקציעס בכדי צו האַמעווען די פרייהייט פון די מאַסן — איז געווען אָט דער טויער דורך וועלכן מען האָט געקאָנט אַנטלויפן צו די פרייע באַדינגונגען פון דער פראָנטיר" [1]).

דער פראָנטירמאַן האָט ביי קיינעם ניט געזוכט קיין שוץ און ספּעציעל ניט ביי דער רעגירונג. אַליין האָט ער זיך געוואָלט פאַרמעסטן אי קעגן דער נאַטור אי קעגן די אינדיאַנער. זיין סאָציאַלע אומצופרידנקייט איז דעריבער ניט געקומען צום אויסדרוק אין מאַסן־פּראָטעסן, נאָר אין אינדיווידועלע אַקציעס. זיין גלויבן אין די אייגענע כחות, איז פון איין זייט, געווען דער מקור פון זיין פּערזענלעכער שטאַרקייט און, פון דער אַנדערער זייט, אַ קוואַל פון אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכער שוואַכקייט. דער פראָנטיר — האַלט פּראָפעסאָר דאָנאַלד טאַפט מיט רעכט — האָט טאַקע געלערנט דעם פראָנטירמאַן זיך צו פאַרלאָזן אויף זיך אַליין, עס האָט גלייכצייטיק „אָבער אויך געפלעגט גלייכגילט צו די נויטן פון דער סאָציאַלער גרופּע. דער פאַקט, וואָס אַמעריקע איז אויף יאָרצענדליקער געווען הינטערשטעליק לגבי אַ צאָל אייראָפּעאישע לענדער אין דער אַנטוויקלונג פון איר סאָציאַלער און אַרבעטער געזעצגעבונג, איז אין אַ גרויסער מאָס געווען צו פאַרדאַנקען דעם דויערנדיקן איינפלוס פון דעם פראָנטיר. און שפּעטער אַז דער פראָנטיר איז שוין געווען אַוועק, איז די טראַדיציע פון אינדיווידואַליזם, וואָס ער האָט געשאַפן פאַרבליבן אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער אַמעריקאַנער פילאָסאָפיע" [2]). עס וועט זיין נייטיק די לעצטע ווערטער צו געדענקען.

מיט פּאָליטיק האָט ער זיך יאָ אינטערעסירט, דער פראָנטירמאַן — אי ער, אי דער אַרבעטער אין שטאָט, אי דער האַנטווערקער, אי דער הענדלער, אי דער פאַרמער. מחמת פּראַקטישע טעמים און אויך ניט ווייניק מחמת פּסי־

כּאַלאַגישע, האָט זיי פֿאַרדראָסן, וואָס בלויז די רייכע און געבילדעטע עלעמענטן שטייען ביי דעם מלוכה־רודער. ערשט מיט דער דערוויילונג פֿון ענדרו דזשעקסאָן האָבן זיי דערפֿילט, אַז זיי האָבן דערגרייכט די פּאָליטישע פולווערטיקייט, וואָס זיי זיינען געווען זיכער אַז עס האָט זיי געקומט. און דערגרייכט האָבן זיי — האָבן זיי זיך געשמייכלט אין זייער באַוואוסטזיין — ניט אין רעזולטאַט פֿון וואָסער עס איז ספּעציעלער טרענירונג אָדער בילדונג, נאָר מיט דער קראַפֿט פֿון זייער אייגענער אָנשטרענגונג.

צו דער עקאָנאָמיש־האָפֿערדיקער זעלבסטזיכערקייט פֿון דעם דורכשניט־לעכן אַמעריקאַנער איז אַזוי אַרום צוגעקומען אַ געפֿיל פֿון פּאָליטישער חשיבות — און ער איז געוואָרן נאָך תּקיפֿדיקער ביי זיך. „זייער גלויבן אין דער גלייכ־ווערטיקייט פֿון מענטשן" — זאָגט דר. ביל — „האָט איבערצייגט די דזשעקסאָ־נישע דעמאָקראַטן אַז יעדער מענטש איז פֿעאיק אויסצופֿילן יעדער פּאָליטישן אַמט און אַז אויב ער קאָן דאָס ניט, דאַן דאַרף דער אַמט געביטן ווערן"[3]).

דזשעקסאָנס דערוויילונג און זיין אַדמיניסטראַציע זיינען געווען אַ גרויסער זיג — איינער פֿון די אַנטשיידנדיקע נצחונות — פֿאַר דער דעמאָקראַטיע פֿון גאָר דער וועלט. דאָ ווערט באַשטעטיקט די גלענצנדיקע טעזע פֿון דעם שאַרף־זעעוודיקן דע טאָקוויל וועלכער איז, אגב, געווען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין דער צייט פֿון דער דזשעקסאָן־עפּאָכע, אַז „אַזאָ איז דער איצטיקער גוטער מזל פֿון דער נייער וועלט, אַז די עבֿרות פֿון אירע אינוואוינער זיינען קוים ווייניקער גינציק פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, ווי זייערע מצוות" [4]). די באַשטעטי־קונג ליגט דאָ אין דעם פּאַראַדאָקס, וואָס בעת דער גרויסער זיג פֿאַר דער דע־מאָקראַטיע האָט אַרויסגעשטראַמט פֿון דעם אַמעריקאַנער פּרינציפּ פֿון אינדיווי־דועלער פּאָליטישער גלייכווערטיקייט, האָט דער זעלביקער פּרינציפּ געהאַלטן צוגעשמידט צו אַ סדום־בעטל די אינדיווידואַליטעט פֿון דעם יחיד. עס האָט גורם געווען די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דעם וואָס דע טאָקוויל אַליין האָט אָנגערופֿן „די טיראַניי פֿון דער מערהייט" — אַ טיראַניי וואָס איז, זאָגט ער, אַסך מער דערדריקנדיג, פֿון דעם גייסטיקן שטאַנדפּונקט, ווי די טיראַניי פֿון מלכים. וואָרום די אויטאָריטעט פֿון מלכים איז נאָר אַ פֿיזישע, אַזאַ וואָס האָט קיין שליטה ניט צו דעם ווילן פֿון מענטשן. דערקעגן האָט אַ מערהייט אַ כּח וואָס „ווירקט אויף דעם ווילן אַזוי גוט ווי אויף די האַנדלונגען פֿון מענטשן". קעגן מלכים קאָן מען זיך שטעלן; אַ מערהייט אָבער נעמט צו פֿון דער מינדערהייט דעם חשק צו זיין אין דער אָפּאָזיציע און „אונטערדריקט ניט בלויז שטרייט, נאָר אויך קאָנטראָווערזיע" [5]).

אין דער דזשעקסאָן־עפּאָכע איז אָט די טיראַניי פֿון דער מערהייט, וואָס שפּאָרט זיך ניט אָן אויף קיין שום געזעצלעכן צוואַנג, געוואָרן כּמעט ווי אַ

פּאָליטישע סיסטעם. ווי שטאַרק אַז אָנהענגער פון דזשעקסאָנען האָט ניט געגלייבט אין די פּערזענלעכע כחות האָט ער פונדעסטוועגן געוואוסט, אַז געזיגט פּאָליטיש האָט ער דערפאַר, ווייל ער געהערט צו די גרויסע צאָלן. „דזשעקסאָנישע דעמאָקראַטיע״ — באַמערקט דר. ביל — „איז געבויט אויף דער איבערצייגונג, אַז דער ווילן פון דער מערהייט איז אי קלוג אי גערעכ־טיק״ [6]). אַזאַ איינשטעל גיט קנאַפּע דערמוטיקונג פאַר טעטיקייט וואָס גייט קעגן שטראָם.

די טיראַניי פון דער מערהייט איז נאָך אַ סימפּטאָם פון דעם פאַקט, וואָס פּליסיק איז אין לאַנד געווען אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו מאַטעריעלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, בעת אין שייכות צו גייסטיק־קולטורעלע ענינים האָט געהערשט אַ סטאַגנאַציע, אָדער לכל הפּחות אַ זייער לאַנגזאַמער פּאָרשריט. נאָך אַמאָל דאַרפן מיר דאַנקען דע טאָקווילן פאַר אַ קלאָרער און פּרעציזער פאָר־מולירונג פון אָט דער דערשיינונג. „אין דער מאָראַלישער וועלט״ — האָט ער געשריבן — „איז אַלצדינג קלאַסיפיצירט, צוגעפּאַסט באַשלאָסן און פאָראויס־געזען; אין דער פּאָליטישער וועלט איז אַלצדינג אויפגערודערט, אומזיכער און אונטער דיספּוט; אין דער ערשטער הערשט אַ פּאַסיווע, הגם אַ פרייוויליקע, געהאָרכזאַמקייט; אין דער אַנדערער — אַן אומאָפּהענגיקייט וואָס איז פול מיט בטול צו דערפאַרונג און איז אייפערזיכטיק בנוגע צו אויטאָריטעט״ [7]).

## 10.

די טיראַניי פון דער מערהייט און די שווערלייביקייט בנוגע צו מאָראַלישע ווערטן האָבן געשאַפן אַ סטאַנדאַרטיזאַציע וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם גייסטיקן לעבן פון לאַנד און האָט זיך קודם כל אויסגע־דריקט אין מיסטרוי און פאַראַכטונג צו עפּעס וואָס איז אַנדערש פון דעם נאָרם. נאָך אַ כאַראַקטעריסטישע מאַניפעסטאַציע פון אָט דער סטאַנדאַרטיזאַציע איז דער גייסט פון אוטיליטאַרישקייט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי דעם אַמעריקאַ־נער פאָלק — אַן אוטיליטאַרישקייט, וואָס האָט קיין געדולד ניט פאַר אַבסטראַק־טע טעאָריעס און מעסט אַלצדינג מיט דער מאָס פון פּראַקטישקייט.

מיט דעם גייסט פון אוטיליטאַרישקייט האָבן מיר זיך שוין באַקענט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן די ערשטע סעטלערס. זיי האָבן אַלצדינג סובאָרדינירט צו די קאָנקרעטע אויפגאַבן וואָס זיינען געשטאַנען פאַר זיי און געהאַט בלויז איין קריטעריע פאַר אַלע זייערע טעטיקייטן: אויף וויפיל זיינען די דאָזיקע טעטיקייטן אַ הילף צו רעאַליזירן די אויפגאַבן וואָס שנעלער און וואָס שפּאָרזאַמער? מיר האָבן באַטאָנט אַז אויב די סעטלערס האָבן ניט געזען קיין נוצן אין בילדונג, האָבן זיי זיך מיט דעם ניט געדרייט קיין

קאַפּ. אין די ווערטער פון סטואַרט נאָבל: „מאַכן אַ לעבן איז געווען די ערשטע זאַך, און אין דעם באַוואוסטזיין פון די פריע סעטלערס האָט די נאַקעטע רעאַליטעט פון די זאַכן וואָס זיינען דירעקט נוצלעך זיך שאַרף אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט"[1]. א. געאָרג פיין דריקט דעם זעלביקן געדאַנק אויס נאָך קלאָרער:

> פון דעם אָנהייב פון אונדזער געשיכטע האָבן מיר זיך געקימערט וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון אַ לאַנד פון אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן, מיר האָבן געזאַמלט רייכטום, האָבן צוגעשטעלט דער וועלט רויע מאַטעריאַלן, אין איין וואָרט, מיר האָבן געקעמפט קעגן דער נאַטור און פאַר איר באַהערשונג און ניט קעגן קולטור. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו אַרבעטן, צו בויען אונטערנעמונגען, צו דערפינדן מאַשינעס און צו אַנטוויקלען די נאַטור־וויסנשאַפטן ווי אַ צושטייער צו אונדזער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג; אָבער מיר האָבן זיך ווייניק געקימערט וועגן רו, וועגן געזעלשאַפטלעכע [סיוויק] פאַרבעסערונגען און וועגן די פונדאַמענטאַלע פראַגן פון קולטורעלע באַציאונגען[2].

די ערשטע עפנטלעכע שולן זיינען, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אויבן, געווען שולן פאַר אָרעמע קינדער. אָבער די פּראַקטישע אַמעריקאַנער בירגער האָבן שנעל אַנטדעקט, אַז זיי קאָנען אויסשלאָגן באַלדיקן נוצן פון די שטייערן, וואָס זיי זיינען געצוואונגען צו צאָלן פאַר די דאָזיקע שולן. זיי האָבן די אָרעמע קינדער אָנגעהייבן לערנען אַ מלאכה און מיט איין שאָס געטראָפן צוויי האָזן: אי זיי האָבן פאַרקירצט דעם טערמין פון זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די נויטבאַדערפטיקטע קינדער אי זיי האָבן צוגעגרייט פאַר זיך אַ רעזערוו פון אַרבעטקראַפט. פון יענער צייט־אָן ביז צו אונדזערע טעג האָט דער גייסט פון נוצלעכקייט באַהויכט די אינטעלעקטועלע טעטיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די אַמעריקע וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל לאַנד צו אָקופּירן און צו באַאַרבעטן, אַזוי פיל אוצרות אויסצוגראָבן, אַזוי פיל נאַטור־רייכטימער צו עקספּלואַטירן, אַזוי פיל וואַסער־וועגן אויפצועפענען, אַזוי פיל אייזנבאַן־ליניעס אויסצולייגן, אַזוי פיל באָדן צו פאַרפלאַנצן און אַזוי פיל שטעט אויפצובויען — אָט די אַמעריקע האָט קיין צייט ניט געהאַט פאַר אַבסטראַקטן טראַכטן און מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס. „אַבסטראַקטע פּלפּולים" — זאָגט ברייס — „האָבן זיי [אַמעריקאַנער] ניט ליב; צו סובטעלע חקירות באַציען זיי זיך מיט חשד; פאַר זיי איז קיין זאַך ניט פּראַקטיש וואָס איז ניט פּשוט, צום פּונקט און באַגרייפלעך פאַר דעם געוויינלעכן פאַרשטאַנד"[3]. ביז צו דעם 20טן יאָרהונדערט האָט אַמעריקע אפילו ניט געפונען פאַר נייטיק צו אונטערזוכן די טעאָרעטישע יסודות פון איר אייגענער פּאָליטישער סיסטעם. נאָך דע טאָקוויל האָט באַמערקט, אַז הגם אַמעריקע נעמט אָן אומצאָליקע געזעצן, האָט זי ביז צו די

דרייסיקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט ניט אַרויסגעגעבן קיין איין גרויסן שרייבער וואָס זאָל האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו אונטערזוכן די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון איר געזעצגעבונג. דאָס איז פאַרבליבן אַזוי פאַר די נעקסטע 70 יאָר. פּראָפעסאָר מעריאַם קאָנסטאַטירט, אַז ביז צו דעם סוף פון דעם 19טן יאָרהונדערט זיינען די צוויי וויכטיקסטע ווערק וועגן דער דעמאָקראַטיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן געשאַפן געוואָרן פון ניט־אַמעריקאַנער: פון דעם פראַנצויז דע טאָקוויל און דעם ענגלענדער ברייס[4]). מען קאָן צוגעבן אַז ביז היינט האָט דאָס וויכטיקסטע ווערק וועגן דעם נעגער־פּראָבלעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן געשאַפן דער שוועד גאַנאַר מירדאַל.

איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס אַמעריקע איז קיין מאָל ניט געווען קיין אָנהענגער פון קונסט לשם קונסט. כמעט אַלץ, וואָס דאָס לאַנד האָט געשאַפן אויף דעם געביט פון שיינער ליטעראַטור, מוזיק און פּלאַסטישער קונסט האָט געטראָגן אויף זיך דעם צייכן פון נוצלעכקייט. דער אָריגינעלער און וויכטיקסטער צושטייער וואָס אַמעריקע האָט געמאַכט צו דער פילאָסאָפיע איז דער פּראַגמאַטיזם. די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע, זאָגט וויליאַם דזשיימס, איינער פון די שאַפערס פון דעם פּראַגמאַטיזם, איז ניט פאַרצוזעצן אין דער אומענדלעכקייט אַריין מעטאַפיזישע דיספּוטאַציעס, נאָר זיי צו ליקווידירן. עס דאַרף זיין — שרייבט ער — „די גאַנצע פונקציע פון דער פילאָסאָפיע אויסצוגעפינען וואָס פאַרא באַשטימטע נפקא מינא עס וועט זיין צו אייך אָדער מיר, אין באַשטימטע מינוטן פון אונדזער לעבן, אויב די וועלט־פאָרמולע אָדער יענע וועלט־פאָרמולע וועט זיך אַרויסווייזן פאַר דער ריכטיקער"[5]). אויב עס מאַכט קיין אונטערשייד ניט — איז די גאַנצע דיסקוסיע צוועקלאָז — און פּראַגמאַטיזם פאַרנעמט זיך ניט מיט צוועקלאָזע ענינים. וואָרום פּראַגמאַטיזם זוכט ניט קיין ריין־אָביעקטיווע אמתן, וואָס ווער ווייסט, צי זיי זיינען בכלל דאָ: פּראַגמאַטיזם זוכט צו געבן אָריענטאַציע און באַציאונג — „די באַציאונג פון אָוועקקוקן פון די ערשטע זאַכן, פּרינציפּן, קאַטעגאָריעס, כלומרשטע נויטווענדיקייטן און פון קוקן צו די לעצטע זאַכן, פּרוכט, קאָנסעקווענצן, פאַקטן"[6]).

דער צווייטער שאַפער פון דעם פּראַגמאַטיזם, דזשאָן דיואי, רעדנדיק וועגן דער אַמעריקאַנער קולטור, וואָס איז לויט זיין מיינונג אַ קולטור פון די מיטל־קלאַסן, גיט אין די ווייטערדיקע ווערטער דעם היסטאָריש־סאָציאַלן יסוד פון דער דאָזיקער פילאָסאָפיע: די מיטלקלאַסן „האָבן קיין מאָל ניט געהאַט קיין אינטערעס אין אידעען ווי אידעען, אויך ניט אין וויסנשאַפט און קונסט פאַר דעם וואָס די דאָזיקע קאָנען טאָן צו באַפרייען און דערהויבן דעם מענטשלעכן גייסט. וויסנשאַפט יון קונסט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי ראַפינירן און פוצן אָפּ דאָס לעבן, שטעלן צו „קולטור", צייכענען אָן עטאַפּן אויף דעם באַרג־אַרויף

סאָציאַלן שליאַך און האָבן דירעקטע נוצלעכע סאָציאַלע אָנווענדונג — יאָ; אָבער ווי עמאַנציפּאַציעס, ווי ראַדיקאַלע ריכט־ליניעס צו לעבן — ניין" [7]. אויף אַ צווייטן אָרט זאָגט דיואי: „וויסנשאַפטלעכע קאָנצעפּציעס זיינען ניט קיין רעוועלאַציע פֿון פֿריערדיקער אומאָפּהענגיקער רעאַליטעט. זיי זיינען אַ סיסטעם פֿון היפּאָטעזן וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין באַדינגונגען פֿון קאָנקרע־טער פּרוּוואונג, וואָס מיט זייערע מיטלען ווערט אונדזער פּאַרקער מיט דער נאַטור געמאַכט פֿרייער, מער זיכער און מער באַטייטיק" [8].

צווישן דעם פֿילאָסאָפֿישן פּראַגמאַטיזם און דער פּראַקטישער אָנווענדונג פֿון וויסנשאַפֿטלעכן פּראָגרעס ציט זיך אַ גלייכע ליניע. אַמעריקע האָט אַרויס־געגעבן אַסך מער פּראַקטישע דערפֿינדערס איידער טעאָרעטיקער פֿון אַבסטראַק־טער וויסנשאַפֿט. פּראַקטישע דערפֿינדונג איז איין געביט, וואו די געוואַגטקייט פֿון די פּיאָנערן און די אַנטשלאָסנקייט פֿון די פּראָנטירמענטשן האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט דעם גייסט פֿון אוטיליטאַריזם און אַרויסגעגעבן רעזולטאַטן וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן ניט אין ערגעץ אין דער וועלט. אויף דעם געביט פֿון אָנווענדבאַרער וויסנשאַפֿט האָט אַמעריקע דערגרייכט נסים. אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון דער אַמעריקאַנער שעפֿערישקייט האָבן זיך דאָ צונויפֿגעגאָסן אין איין מעכטיקן שטראָם וואָס האָט טעכנאָלאָגיש געביטן דעם פּנים פֿון דער גאַנצער וועלט. די טעכנישע אַנטוויקלונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן דער עיקר אויסגענוצט די „קלאַסן", זי האָט אָבער אומגעהייער גרינגער און רייכער גע־מאַכט דאָס לעבן אויך פֿון די „מאַסן". אין דער טעכנישער אַנטוויקלונג איז געקומען צום פֿולן אויסדרוק דאָס געניוס פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק. אָנגעהייבן האָט זי זיך פּאַקטיש פֿון יענעם מאָמענט, ווען דער ערשטער פּילגרים האָט באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד: „דער פּיאָנער" — לייענען מיר ביי נאַבלען — „אין זיין קאַמף מיט די כּחות פֿון דער נאַטור, איז געשטעלט גע־וואָרן פֿאַר פּראָבלעמען, פֿאַר וועלכע טראַדיציע האָט ניט אָנגעבאָטן קיין שום פּראַקטישע לייזונגען. כּדי אויפֿצוהאַלטן זיין לעבן, כּדי צו האָבן חיונה, כּדי צו דערציען קינדער — האָט ער זיך געדאַרפֿט פֿאַרמעסטן אַנטקעגן די כּחות פֿון אַ מדבר וואָס איז ווייט ניט געווען גוטמוטיק. די פּיינטלעכע סביבה איז געווען אַ כּסדרדיקער אַרויסרוף צו זיין דערפֿינדערישן געניוס" [9].

די טעכנישע אַנטוויקלונג האָט געטריבן די פֿאַראייניקטע שטאַטן צו אומפֿאַרגלייכלעכן מאַטעריאַלן פּראָגרעס. אַמאָל איז זי געלאָפֿן שנעלער, אַמאָל האָט זי זיך באַוועגט לאַנגזאַמער; זי איז דורכגעגאַנגען נאַטור־קריזיסן און סאָציאַלע דיסלאָקאַציעס, פּאָליטישע איבערקערענישן און מלחמות — אָפּגע־שטעלט אין גאַנצן האָט זיך די אַנטוויקלונג קיין מאָל ניט. דער דערפֿינ־דערישער געניוס האָט באַגלייט אַמעריקע אויף יעדער טראָט וואָס זי האָט גע־

שטעלט — נייק, ניט נאָר באַגלייט געגאַנגען אין פֿאָראויס און מיטגעשלעפּט דאָס לאַנד — אָבער אַלץ אין דער ריכטונג פֿון אוטיליטאַרישקייט. אין דער זעלביקער צייט זײַנען די אַספּעקטן פֿון גייסטיקער שעפֿערישקייט וואָס האָבן ניט געקאָנט איבערזעצט ווערן אויף דער שפּראַך פֿון באַלדיקן פּראַקטישן נוצן פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. איז דעריבער געווען אַן איינזייטיקייט אין דעם מאַרש פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן צו סאָציאַלן פּראָגרעס. אין שפּיץ פֿון דעם מאַרש איז געגאַנגען די ציוויליזאַציע, אין די לעצטע רייען — די קולטור. צווישן די צוויי איז געווען בלויז אַ לויזער קאָנטאַקט, וואָס איז אין גאַנצן אי־בערגעריסן געוואָרן אין צײַטן פֿון צעטרייסלונג. ניט אומזיסט האָט וואָלט וויטמאַן זיך געקלאָגט נאָך דעם בירגער קריג:

> איך זאָג, אַז אונדזער נײַע וועלט־דעמאָקראַטיע, ווי גרויס עס זאָל ניט האָבן געווען איר דערפֿאָלג אין אַרויסהויבן די מאַסן פֿון זייערע זומפּן, אין מאַטעריעלער אַנטוויקלונג [און] פּראָדוקטן, אין אַ געוויסער הויך־פֿאַרפֿירערישער אינטעלעק־טואַליטעט — איז דערווײַל אַ כּמעט פֿולשטענדיקער דורכפֿאַל אין אירע סאָציאַלע אַספּעקטן, אין אמתדיק־גראַנדיעזע רעליגיעזע, מאָראַלישע, ליטעראַרישע און עס־טעטישע רעזולטאַטן. אומזיסט מאַרשירן מיר מיט ביישפּיללאָזע טריט צו אַן אימפּעריע, וואָס איז אַזוי קאָלאָסאַל, אַז זי פֿאַרשעמט דאָס אַנטיקע, איבערטרעפֿט אַלעקסאַנדערן און שטײַגט אַריבער דעם שטאָלצן שוואונג פֿון רוים. אומזיסט האָבן מיר אַנעקסירט טעקסאַס, קאַליפֿאָרניע, אַלאַסקאַ און זיך געצויגן אין צפֿון פֿאַר קאַנאַדע און אין דרום פֿאַר קובאַ. עס איז ווי מיר וואָלטן עפּעס באַשענקט געוואָרן מיט אַ ריזיקן און גוט־אײַנגעאָרדנטן קערפּער — און דאַן איבערגעלאָזט געוואָרן מיט אַ קליינער נשמה אָדער מיט גאָר קיין נשמה ניט.

אַזוי וויניק האַרמאָניע איז געווען צווישן דעם טעכנישן גאַלאָפּ און די לאַנגזאַמע טריט פֿון גייסטיקער באַוועגונג, אַזוי פּלאַנלאָז איז צוגעגאַנגען די אַנטוויקלונג פֿון לאַנד און אַזוי כאַאָטיש, ספּעציעל אין סוף פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פֿון דעם צוואַנציקסטן, אַז וויסנשאַפֿטלייט און סאָציאַלע פֿאָרשערס האָבן זיך אָנגעהייבן שרעקן, צי דער ריס צווישן גוף און נשמה אין דעם אַמעריקאַנער פֿאָלקס־אָרגאַניזם וועט אין דער צוקונפֿט ניט ווערן נאָך טיפֿער און, אַנשטאָט אָניאָגן די מאַשין, וועלן די גייסטיקע ווערטן פֿון אַמעריקע פֿאַרבלײַבן אַלץ מער און מער הינטערשטעליק. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז די עקזיסטירנדיקע דיסטאַנץ צווישן די צוויי וועט כאָטש ניט ווערן ברייִ־טער. צום גליק פֿאַר דער מענטשהייט, איז זייער שרעק ניט אין גאַנצן געווען באַרעכטיקט. אַ דיסטאַנץ צווישן קולטור און ציוויליזאַציע איז טאַקע פֿאַר־בליבן, אָבער, ווי מער וועלן זען, ניט אויף אַ גרעסערן, נאָר אויף אַ קלענערן שטח.

.11

פּאַר באַלד 125 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע איז די סאָציאַלע אויסווירקונג פון דעם מהלך צווישן דער קולטור און דער ציוויליזאַציע געווען אַ העכסט עגרעסיווע. ביי דער גאַנצער דינאַמישקייט פון דעם טעכנישן פּראָגרעס, וואָס האָט כסדר געהויבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער באַפעלקערונג, האָט זיך אין סאָציאַלן זין געמערקט אַ געוויסע סטאַטישקייט. די אומבאַגרעניצטע מעגלעכקייטן, וואָס דאָס לאַנד האָט אָנגעבאָטן צו מענטשן פון פעאיקייט און איניציאַטיוו; דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט וואָס האָט די שטימע פון איין בירגער געגעבן פונקט אַזוי פיל וואָג ווי דער שטימע פון דעם צווייטן; דער אָפּטאָמיס־טישער גלויבן אין די אייגענע כחות; די אומאויפהערלעכע מיגראַציעס און דער כסדרדיקער פלוס; — אָט דאָס אַלץ, פון איין זייט, און די „טיראַניי פון דער מערהייט" און די נויגונג צו אוטיליטאַרישקייט, פון דער אַנדערער זייט, האָבן ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל זיך אויסבילדן אַ קלאַסן־באַוואוסטזיין ביי דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער מענטשן. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט גיכער געטראַכט אין באַגריפן פון זיין אייגענער געגענט ווי אין נאַציאָנאַלע טערמינען, האָט ער קיין מאָל ניט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ מיטגליד פון אַ באַשטימטער עקאָנאָמישער גרופּע, וואָס אירע אינטערעסן מוזן שטיין אין שטענדיקן קאָנפליקט מיט די אינטערעסן פון אַ צווייטער עקאָנאָמישער גרופּע. אָט ווי אַזוי קאַלווערטאָן כאַראַקטעריזירט דעם סאָציאַלן מהות פון דעם פּראָנ־טירמאַן:

> די מערבדיקע פּראָנטירמענטשן האָבן מאַרשירט אין די ווילדערנישן ווי גלייכע, געקעמפט ווי גלייכע און אַוועקגעשטעלט זייערע ישובים אויף אַ יסוד פון גלייכקייט. קלאַס־צייכנס האָבן געקאָנט האָבן אַ קנאַפּן באַטייט אין אַ סביבה וואָס האָט געפאָדערט אינדיווידועלע איניציאַטיוו, ענערגיע, קראַפט, מוט, און אַ ווילן צו אַרבעטן גיכער ווי אַ ווילן צו לעבן אויף דער אַרבעט פון אַנדערע. די געזעלשאַפט האָט אָנגענומען אַ פליסיקייט־פאָרם, וואָס זי האָט פריער קיין מאָל ניט געזען און וועט קיין מאָל ניט זען נאָך אַמאָל. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן יחידים זיך דערפילט ניט געפענטעט פון קלאַס אָדער ראַנג, ניט געבונדן דורך די קולטורעלע און עקאָנאָמישע רעשטלעך פון דעם עבר [1].

ווען די אַרבעטער אין די מזרח שטאַטן זאָגט קאַלווערטאָן, אַז הגם זיי האָבן געפילט דעם דרוק פון די אַנדערע קלאַסן, האָט אָבער די אויסזיכט אויף דעם מערב ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל זיך ביי זיי אַנטוויקלען אַ פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע. די אַרבעטער האָבן זיך קיין מאָל ניט באַטראַכט פאַר אַ זעלבסט־שטענדיקן קלאַס, נאָר פאַר שותפים מיט די באַלעבאַטים אין דעם אינדוסטרי־

עלן פּראָצעס. מען קאָן דאָס מער ווי אומעטום זען אין דער פּאָליטישער טעטיקייט פון די אַמעריקאַנער מאַסן.

אין אַ באַשטימטן זין איז פּאָליטיק דער רינג וואָס פאַראייניקט די ציוויליזאַציע און די קולטור. על כל פנים רירט פּאָליטיק זיכער אָן די אינטערעסן פון מענטשן אין זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין זייערע באַקוועמלעכקייטן און לעבנס־סטאַנדאַרט; און פּונקט אַזוי זיכער רירט פּאָליטיק אָן זייערע גייסטיקע אינטערעסן, זייער בילדונג, קאָנצעפּציעס פון מאָראַליטעט און זייערע סאָציאַלע נויגונגען. דערפאַר טאַקע איז די פּאָליטיק גאַנץ אָפט די אַרענע, וואו די צוויי טיילן פון מענטשלעכן שאַפן פירן דעם שטרייט צווישן זיך אָדער שטעלן איין פרידליכע באַציאונגען איינע מיט דער אַנדערער. איך האָב שוין דערמאָנט פאַרינגטאָנס כאַראַקטעריזאַציע פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער געשיכטע, ווי אַ געראַנגל צווישן דעם הומאַניזם פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט און דעם מאַטעריאַליזם פון דער קאָנסטיטוציע.

עס איז נאָך איינער פון די פּאַראַדאָקסן פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, אַז גראָד די געזעלשאַפטלעכע צעפלאָסנקייט פון דער באַפעלקערונג און די אומאויפהערלעכע שטראָמיקייט פון דערווירטשאַפט האָבן געפירט צו אַ מין פּאָליטישער סטאַגנאַציע. וואָרום אַזוי לאַנג אַמעריקאַנער האָבן אָן גרויסע שוועריקייטן געקאָנט אַריבערגיין פון איין סאָציאַלן שטאַנד אין אַ צווייטן, מחמת דער שפע פון עקאָנאָמישע געלעגנהייטן, האָבן זיי ניט געוואָלט קיין מלוכה־אַריינמישונג אין פּריוואַטע געשעפטן און ניט געזוכט קיין פּאָליטישע רעפאָרמען, נאָר די פאָרזעצונג פון דעם סטאַטוס־קוואָ. ווען מען גיט צו דעם צו די ווירקונג פון דער טיראַניי פון דער מערהייט, הייבט מען אָן אײַנזען, פאַרוואָס די צוויי־פּאַרטיי סיסטעם האָט זיך סטאַביליזירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט אַזוי אויף דעם יסוד פון סאָציאַלער גלידערונג, ווי אויף דער באַזע פון טראַדיציאָנעלער שטייגערישקייט. לכתחילה זיינען צווישן דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און דער רעפּובליקאַנער געווען ערנסטע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אונטערשיידן. די ווירטשאַפטלעכע פליסיקייט האָט די אונטערשיידן פאַרטושט כמעט ביז צו פאַרשווינדונג, אָבער די לאָיאַליטעט פון די אָנהענגער האָט עס ניט אַרונטערגעשווענקט, נאָר, פאַרקערט, צעמענטירט.

די טראַדיציאָנעלע לאָיאַליטעט צו די צוויי פּאַרטייען האָט דורכגעקרייצט סאָציאַלע ליניעס און עקאָנאָמישע פּלאַסטן. אויב די אַמאָליקע דורות האָבן געשטימט פאַר די דעמאָקראַטן אָדער רעפּובליקאַנער מחמת אידעאָלאָגישע מאָטיוון, שטימען היינטיקע דורות פאַר זיי מחמת דעם, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן אַזוי געשטימט. צוגעהעריקייט צו אַ פּאַרטיי איז אין די פאַראייניקטע

שטאַטן ניט אַזוי אַ סאָציאַלער ענין, ווי אַ מין משפּחה־פֿירונג און געגנט־מנהג. אין נאָרמאַלע צייטן איז דעריבער געווען ריכטיק די אָבסערוואַציע, וואָס דזשיימס ברייס האָט געמאַכט נאָך מיט 60 יאָר צוריק: „די מיינונג פֿון דער נאַציע איז דער רעזולטאַט פֿון די מיינונגען ניט פֿון אַ צאָל קלאַסן, נאָר פֿון אַ מאַסע יחידים, וואָס זיינען בלי ספק פֿאַרשיידן איינער פֿון דעם אַנדערן, אָבער פֿאַר פּאָליטישע צוועקן ווייניקער צעגלידערט ווי ווען זיי וואָלטן געווען מיטגלידער פֿון גרופּעס וואָס זיינען דעפֿינירט לויט סאָציאַלן ראַנג אָדער אייגנטום" [2]). ריכטיק איז אויך אין נאָרמאַלע צייטן די באַמערקונג פֿון ברייסן, אַז „אין אַמעריקע קאָנסטו ניט אָפּעלירן פֿון די קלאַסן צו די מאַסן. וואָס דער באַלעבאָס טראַכט, טראַכטן זיינע אַרבעטער. וואָס דער הורטאָוונער סוחר פֿילט, פֿילט דער לאַחודימדיקער קרעמער און פֿילן די אָרעמע קונים. חלוקי דעות זיינען ווערטיקאַל ניט האָריזאָנטאַל" [3]).

דאָס אַלץ, זאָג איך, איז טאָקע ריכטיק אין נאָרמאַלע צייטן: דאָ זעען מיר די סטאַגנאַציע, וואָס די קולטורעלע הינטערשטעליקייט לגבי דער ציוויליזאַציע האָט פֿאַראורזאַכט אויף דעם פּאָליטישן געביט. עס זיינען אָבער דאָ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אויך אומנאָרמאַלע צייטן — פּעריאָדן, וואָס אין זיי קומט די פּראָגראַם פֿון דער רעגירונג אין שאַרפֿן צונויפֿשטויס מיט די אינטערעסן פֿון געוויסע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג — און דאַן ווערט אַ שטיין אַריינגעוואָרפֿן אין זייער פּאָליטישן מוראַשקע־נעסט. די צונויפֿשטויסן זיינען כמעט אַלע מאָל אַ רעזולטאַט פֿון דער קאָנצענטראַציע פֿון אינדוסטריעלן און באַנקקאַפּיטאַל, וואָס דריקט, פֿון איין זייט, אויף דער רעגירונג און דיקטירט איר פּאָליטיק, און לאָזט זיך אַראָפּ, פֿון דער אַנדערער זייט, מיט דער גאַנצער לאַסט אויף די אַרבעטנדיקע, קלייןבירגערלעכע און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע עלעמענטן. די לעצטע זעען איין אין אַט אַזעלכע פּעריאָדן, אַז דער פּרינציפּ, אַז די מלוכה זאָל זיך ניט מישן אין „פֿרייער אונטערנעמונג" שפּילט אין דער אמתן אַריין אין די הענט פֿון די טראַסטן און גרויסע באַנקען. זיי דערזעען אויך אין דער זעלביקער צייט, אַז די צוויי גרויסע פּאַרטייען זיינען אין דער אמתן ווערקצייג פֿון די פֿינאַנץ־מאַגנאַטן. אין אַזעלכע פּעריאָדן שאַפֿן זיך געוויינלעך אָפּאָזיציעס אינערהאַלב די צוויי פּאַרטייען אָדער דריטע פּאַרטייען. אַזוי זיינען אַנטשטאַנען די אַזוי־גערופֿענע פֿאַלקישע, אָדער, ווי זיי זיינען באַקענט אין אַמעריקע, פּאָפּוליסטישע באַוועגונגען.

פּאָפּוליסטישע באַוועגונגען זיינען געווען אַסך און זיי האָבן געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. פֿון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט זעט פּראָפֿעסאָר פֿאַרינגטאָן די וויכטיקע דריי הויפּט־פּאָזן אין אָט דער געשיכטע: „די דזשעפֿערסאָנישע באַוועגונג, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם

אידעאַל פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע; די דזשעקסאָנישע באַוועגונג, וואָס האָט עס אויף אַ האַמעטנעם אופן עטאַבּילירט אין דער פּראַקטיק; און די ריי דריטע פּאַרטיי־באַוועגונגען, וואָס האָבן געפּרואווט צוריקצוגעווינען דעם פאַר־לוירענעם באָדן, צו אויסברייטן דאָס [דעמאָקראַטישע] פעלד און צו פאַרפּולקאָ־מענען די מאַשינעריע פון דעמאָקראַטישער רעגירונג" [4]).

פאַרינגטאָן מאַכט דאָ דעם טעות, וואָס ער מישט אויס אין איין טאָפּ אַלע דריטע פּאַרטייען. דער אמת איז, אַז עס זיינען געווען לפּחות צוויי מינים דריטע־פּאַרטיי באַוועגונגען. עס זיינען געווען, ערשטנס, די פאַרשיידענע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז די סאָציאַלע איבלען, קעגן וועלכע די אומצופרידענע מאַסן פּראָטעסטירן, שטאָמען אָרגאַניש אַרויס פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־אופן און קאָנען ניט אָפּגעשאַפט ווערן סיידן דער קאַפּיטאַליזם גופא ווערט אָפּגעשאַפט. די דאָזיקע פּאַרטייען זיינען דעריבער געווען אורבאַניסטישע פּאַרטייען וואָס האָבן זייערע אָנהענגער רעקרוטירט דער עיקר פון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. און עס זיינען, צווייטנס, געווען די דערמאָנטע פּאָפּוליסטישע באַוועגונגען, וואָס ניט נאָר האָט אין זיי געלעבט דער גייסט פון דזשעפערסאָנען און דזשעקסאָנען; עס האָט אין זיי אויך געלעבט דער גייסט פון דעם פּראָנטירמאַן. דער לעצטער איז, ווי מיר האָבן געזען, געווען סעקטאַנטיש; אים איז מער אָנגעגאַנגען זיין געגנט, ווי דאָס לאַנד. זיין סאָציאַלע באַזע איז געווען די משפּחה, ניט דאָס פּאָלק. אָט ווי אַזוי פּראָ־פעסאָר טורנער, דער גרעסטער אויטאָריטעט בנוגע דער געשיכטע פון דעם פּראָנטיר, כאַראַקטעריזירט די סעקטאַנטישע נויגונגען פון דעם פּראָנטיר־מאַן: אַ „קאָמפּליצירטע געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט זיך דורך דער ווילדערניש אין אַ מין פּרימיטיווער אָרגאַניזאַציע וואָס איז באַזירט אויף דער משפּחה. די טענדענץ איז אַנטיסאָציאַל. זי פּראָדוצירט אַנטיפּאַטיע צו קאָנטראָל און דער עיקר — צו דירעקטן קאָנטראָל. דער שטייער־זאַמלער ווערט באַטראַכט פאַר אַ פאַרשטייער פון אונטערדריקונג" [5]).

מיט דער השפּעה פון דעם פּראָנטיר דערקלערט זיך אין אַ גרויסער מאָס, פאַרוואָס דער פּאָפּוליזם איז אויפגעקומען אין די מערב שטאַטן. אויך דערקלערט זיך מיט דער השפּעה פון דעם פּראָנטיר, פאַרוואָס דער פּאָפּוליזם האָט אָנגע־נומען אַזאַ אייגנאַרטיקע סאָציאַלע פיזיאָנאָמיע. זיין נאָכפאָלגערשאַפט האָט דער פּאָפּוליזם רעקרוטירט הויפּטזעכלעך פון די אַגראַרע עלעמענטן און פון דעם קליינבירגערטום. אין גרויסן גאַנצן איז דער פּאָפּוליזם געווען אַ רוראַלע באַוועגונג.

דער פּאָפּוליזם איז עלטער פון דער „פאָלקס פּאַרטיי פון קענזאַס", פון וועלכער ער האָט געקראָגן זיין נאָמען, און ער האָט די דאָזיקע פּאַרטיי איבער־

געלעבט אויף אַ האַלבן יאָרהונדערט. אין אַזאַ אָדער אַנדער פֿאָרם עקזיסטירט ער נאָך היינט. „די פֿאָלקס פּאַרטיי" האָט זיך געגרינדעט אין קענזאַס אין דעם יאָר 1890. צוויי יאָר שפּעטער האָט אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי אין אָמאַהאַ אָנגענומען אַ פּלאַטפֿאָרמע, וואָס האָט, צווישן אַנדערן, געהאַט דעם ווייטערדיקן פּונקט:

> רייכקייט געהערט צו דעם וואָס שאַפֿט עס, און יעדער דאָלאַר וואָס ווערט אַרויסגענומען פֿון דער אינדוסטריע אָן אַן עקוויוואַלענט איז גזילה... די אינטערעסן פֿון די רוראַלע און שטאָטישע אַרבעטער זיינען אידענטיש; זייערע שונאים — די זעלביקע [6].

דאָס איז געווען דער סאָציאַליסטישער הויך־פּונקט פֿון דער פּאָפּוליסטישער באַוועגונג. אין אַלגעמיין האָט זי געזוכט אויסצעמיידן די קאָנסעקווענצן פֿון דעם קאַפּיטאַליזם אָן אַנצורירן דערביי זיינע יסודות. און געזוכט האָט זי דאָס אין אירע פֿאָדערונגען, אַז די רעגירונג זאָל אָפּשטעלן די צענטראַליזאַציע פֿון קאַפּיטאַל און די טראָסטיפֿיקאַציע פֿון דערווירטשאַפֿט. אין אַנדערע ווערטער: דעמאָקראַטיש איז דער פּאָפּוליזם געווען בלויז אין דעם פּאָליטישן זין; אין דעם עקאָנאָמישן זין איז ער אין תוך געווען רעאַקציאָנער דערפֿאַר, ווייל ער האָט געוואָלט דרייען די רעדער פֿון דער געשיכטע אויף צוריק.

צוליב זיין רוראַלער באַזע איז דער פּאָפּוליזם געווען שמאָל אין זיין באַנעם פֿון סאָציאַלע פּראָבלעמען; מחמת זיין פֿילאָסאָפֿיע פֿון אינדיווידואַליזם איז ער אָפֿט געווען אומטאָלעראַנט פֿון דעם קולטורעלן שטאַנדפּונקט; און, ווי אַ רעזולטאַט פֿון זיין רעאַקציאָנערער עקאָנאָמישער פּראָגראַם, האָט ניט זעלטן געליטן אויך זיין פּאָליטישע דעמאָקראַטיע. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גראַד די מערב־און מיטל־מערב שטאַטן, וואו דער פּאָפּוליזם האָט געהאַט זיינע גרעסטע דערפֿאָלגן, זיינען שפּעטער אין משך פֿון יאָרן געווען פֿעסטונגען פֿון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי; און גראַד אין די זעלביקע שטאַטן איז דער איזאָלאַציאָניזם בנוגע צו אַמעריקאַנער אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען געווען צום ברייטסטן פֿאַרשפּרייט. אין דער אינערלעכער פּאָליטיק זיינען די פּאָפּוליסטן געווען אַנטי־אויסלענדער און אַנטי־אימיגראַציאָניסטיש. כמעט אַלע אַזוי־גערופֿענע „אַמעריקע צו ערשט" באַוועגונגען האָבן אָנגעשלאָגן אַ פּאָפּוליסטישע נאָטקע און האָבן צווישן די פּאָפּוליסטישע אָנהענגער געהאַט דעם הילכיקסטן אָפּקלאַנג.

אין היסטאָרישן זין איז דעריבער דער ליבעראַליזם פֿון דעם פּאָפּוליזם פֿון צווייפֿלהאַפֿטיקן כאַראַקטער, הגם עס זיינען געווען צייטן, ווען ער האָט געשפּילט אַ פּראָגרעסיווע ראָלע. איין זאַך איז זיכער: צו דער סאָציאַלער

דיפערענצירונג פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָט ער ווייניק צוגעטראָגן; אין אַ באַשטימטן זין האָט ער נאָך צוגעהאָלפן די דיפערענצירונג צו פאַרלאַנג־זאַמערן. פּאָליטיש האָט ער געהאַט מער דערפאָלג ווען ער האָט פונקציאָנירט ווי אַ בלאָק אין איינער פון די צוויי פּאַרטייען, ווי ווען ער האָט זיך געפּרואווט אָרגאַניזירן אין אַ דריטער פּאַרטיי. דאָס האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט די צוויי־פּאַרטיי טראַדיציע אין לאַנד. אויף אַזוי פיל איז די דאָזיקע טראַדיציע ממש אַריין אין דעם בלוט פון דער באַפעלקערונג, אַז זינט דער „נייער דיל״ איז אויפגעקומען, האָבן אפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איינגעשלאָסן די קאָמוניסטישע — פּאַקטיש אויפגעגעבן זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. אונטער פריינקלין דעלאַנאָ רוזוועלטס פירערשאַפט האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איינגעשלונגען אַלע דריטע־פּאַרטיי באַוועגונגען.

דער „נייער דיל״ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם ערשטן פּאַרזוך פון אַ מלוכה־פּאַרטיי צו באַלאַנסירן אַ פּראָגרעסיווע עקאָנאָמישע פּראָגראַם מיט אַ ליבעראַלער פּאָליטישער פּראָגראַם; רעפאָרמען לטובת די אַרבעטער אין די אינדוסטריעלע צענטערן מיט רעפאָרמען לטובת די אַגראַרע עלעמענטן אויף די פאַרמס; אַ פאָרגעשריטענע לאַנד־פּאָליטיק מיט אַ פּראָגרעסיווער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אַז דער פּאַרזוך האָט זיך ניט איינגעגעבן און אַז דער „נייער דיל״ איז אין פּראָצעס פון ליקווידאַציע איז קלאָר איצט, ווען אָט די שורות ווערן געשריבן. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. וואָס עס איז אָבער יאָ כדאי צו אונטערשטרייכן איז, אַזעלכע שטאַטן ווי קענזאַס, נעבראַסקאַ און קאָלאָראַדאָ, וואָס זיינען פּאַקטיש געווען דאָס וויגעלע פון דעם פּאָפּוליזם, זיינען געווען צווישן די ערשטע זיך אָפּצוקערן פון דעם נייעם דיל: זיין אורבאַניזם איז פאַר זיי געווען צו פיל.

.12

ווי באַלד דער אַמעריקאַנער מענטש האָט געאַרבעט אַזוי שווער און האָט, געטריבן פון אַזאַ מעכטיקן מאַטעריעלן אימפּעט, געלאָפירט מיט אַזאַ קאָפּ־שווינדלענדיקער שנעלקייט; און ווי באַלד מיט ענינים וואָס האָבן געפאָדערט אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג האָט ער אין זיין ניט־געשעפטלעכן לעבן זיך ווייניק אָפּגעגעבן און קיין ראַפינירטן עסטעטישן געשמאַק האָט ער ביי זיך ניט אַנטוויקלט און קיין אַבסטראַקטע קונסט האָט אים ניט אינטערעסירט — טאָ וואָס האָט ער געטאָן מיטן ביסל פרייע צייט, וואָס ער האָט דאָך געהאַט? ווען האָט ער רעלאַקסירט? ווי אַזוי האָט ער פאַרבראַכט? וואָס איז געווען זיין פאַרוויילונג? — איז דער ערשטער תירוץ אויף אָט די אַלע פראַגן: די קירכע.

די קירכע, זאָגט דע טאָקוויל, נעמט ניט קיין דירעקטן אַנטייל אין דעם פּאָליטישן לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פונדעסטוועגן איז זי דאָ איינע פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע אינסטיטוציעס. אָבער ניט נאָר אַ פּאָליטישע אינסטיטוציע איז זי; זי האָט אויך אויף אַן אומגעהייערן אופן באַאיינפלוסט דעם געשמאַק און באַשטימט די אַמוזירונג־פאָרמען פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק.

ווי מיר האָבן געזען, האָט די קירכע אין דער פּוריטאַנישער אַמעריקע ניט דערלאָזט צו קיין שום פאַרברעכנגען וואָס איז ניט געווען ענג פאַרבונדן מיט רעליגיע. זי האָט דאָן ניט נאָר דיקטירט דער באַפעלקערונג ווי אַזוי זיך צו אַמוזירן, זי האָט אויך אַליין צוגעשטעלט די אַמוזירונג. מיט דער אויסנאַם פון רייך־ביאָלאָגישע הצטרכותן זיינען כמעט אַלע פאַרוויילונגען געווען פּראָדוקטן פון דער קירכע.

אויף דער אינטעליגענץ פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד האָט די קירכע געהאַט אַ קלענערע השפעה. די דאָזיקע אינטעליגענץ איז שוין געווען שטאַרק אָנגעשטעקט פון דעם ראַציאָנאַליזם פון דעם 18טן יאָרהונדערט און האָט געהאַט אַ גאָר שוואַכע פאַרבינדונג מיט אינסטיטוציאָנאַליזירטער רעליגיע. אונטער איר ווירקונג איז אויפגעקומען אויך אַ סעקולערע קולטור און אַן אויסגעשפּריי־טער קרייז פון פאַרוויילונג־פאָרמען. מיט דעם אויסשטאַרבן פון דער רעוואָלו־ציאָנערער אינטעליגענץ, האָט זיך, ווי מיר האָבן געזען אויבן, געמערקט אַ קולטורעלע ירידה און, אַנטשפּרעכנדיק, האָט זיך פון דאָס ניי פאַרשטאַרקט די השפּעה פון דער קירכע. דאָס מאָל האָט שוין די קירכע ניט געהאַט קיין שטאַט־מאַכט, אָבער זי איז געווען דאָס פּלאַץ, וואו די ברייטע מאַסן האָבן געזוכט אַן איבערברוך אין דער גרויקייט פון זייער טאָג־טעגלעך לעבן — האָט זי דעריבער געפירעמט די מנהגים און געוווינהייטן פון דער באַפעלקע־רונג אין אַ גרעסערער מאָס איידער וואָסער עס איז אַנדער אינסטיטוציע אין לאַנד. עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער ערשטער פאָלקס־מענטש צו ווערן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענדרו דזשעקסאָן, איז אויך געווען דער ערשטער פּרעזידענט וואָס איז רעגולער געגאַנגען אין קירכע.

פאַר דעם פראָנטירמאַן איז רעליגיע געווען מער ווי אַ פּסיכישער אינסטרו־מענט צו רעגולירן זיינע באַציאונגען מיט גאָט: זי איז אויך געווען דער איינ־ציקער יום טוב אין דער וואָכעדיקייט פון זיין שווערער עקזיסטענץ. נאָך איי־דער נייע ישובים זיינען געווען גרויס גענוג אויסצוהאַלטן אייגענע קירכעס, האָבן זיך דאָרט באַוויזן מיסיאָנערן און רייזנדיקע גלחים, וואָס האָבן גלייכ־צייטיק אויסגעפילט עטלעכע נוצלעכע פונקציעס פאַר דעם פראָנטירמאַן. קודם כל האָבן זיי אין דער געאָגראַפישער עקספּאַנסיע געפּרואווט אויפשטעלן

גייסטיקע גרעניצן. מיר האָבן שוין געזען, ווי ווייניק דער פראָנטירמאַן האָט זיך גערעכנט מיט מלוכהשע געזעצן; די פאָדערונגען פון רעליגיע זיינען פאַקטיש געווען די איינציקע מאָראַלישע אויטאָריטעט, וואָס ער האָט ווי עס איז אָנערקענט און וואָס האָבן אים אָפּגעהאַלטן פון פולשטענדיקן פאַרווילדעוועט ווערן. די מיסיאָנערן און גלחים האָבן פאַרקערפּערט אָט די אויטאָריטעט. זיי זיינען אויך געווען די ערשטע טרעגערס פון קולטור און בילדונג אין די נייע געגנטן וואָס די פראָנטירמענטשן האָבן אָקופּירט. זיי האָבן געלערנט קינדער לייענען, שרייבן און די התחייבותן פון בירגערשאַפט. און צו דעם אַלעמען האָבן זיי דעם פראָנטירמאַן געבראַכט אַ רעליגיעזן עקסטאַז וואָס איז אויך געווען זיין בעסטע פאַרווייַלונג.

צוליב זיין פיזישער אויסגעמאַטערטקייט, נערוועאישער אָנגעשטרענגט־קייט און צוליב דער אומאַנטוויקלטקייט פון זיין עסטעטישן געשמאַק, האָט דער פראָנטירמאַן געקאָנט געפינען אַמוזירונג גאָר אין שאַרפע עמאָציאָנעלע איבער־לעבונגען. אַ רעליגיע פון געוואויגענע און געמאָסטענע מאָניערן און פון אַ קאַנאָניזירטן גאָטעסדינסט וואָלט אים ניט געקאָנט צופרידנשטעלן. ער האָט געזוכט רעליגיעזע פאָרמען, אין וועלכע צו איבערגיסן זיין ניט־אויסגענוצטע פסיכישע קראַפט און דורך וועלכער זיך אויפהויבן צו דער הויך פון זיין צע־היצטער פאַנטאַזיע. ער, דער געשוואָרענער אינדיווידואַליסט, האָט אין רעלי־גיע געזוכט צוגויפגוס מיט מאַסן. ער האָט געוואָלט פילן דעם טעם פון טונקען זיך אין אַ ים פון מענטשן און פון פרייען טראָגן זיך אויף די עמאָציאָנעלע כוואַליעס פון אָט דעם ים.

אין לעבן איז דער פראָנטירמאַן געווען חוצפּהדיק און איינגעגלייבט אין זיך; אין דער רעליגיע איז ער געווען הכנעהדיק און גרייט צו בעטן מחילה פאַר זיינע עבֿרות. אין לעבן איז ער געווען האַרט ווי שטאָל; אין דער רעלי־גיע איז ער געווען כמעט קינדיש־סענטימענטאַל. וואָרום אַזאַ איז ער, דער אַמעריקאַנער פאָלקס־מענטש — אַ געמיש פון האַרטקייט וואָס ברעכט געטער און אַ סענטימענטאַלישקייט וואָס ווייקט זיך אין אָבערגלויבנס. אַמעריקאַנער זיינען אימפּרעסיאָניסטיש, זאָגט ברייס, אָבער „עס איז ניט זייער אינטעלעקט וואָס איז אימפּרעסיאָניסטיש, נאָר זייער פאַרשטעלונג־קראַפט און זייערע עמאָ־ציעס, וואָס רעאַגירן אויף אומדערוואַרטעטע אופנים אויף אַפּעלס וואָס ווערן געמאַכט אינעם נאָמען פון אַ צוועק וואָס שיינט צו האָבן אין זיך עפּעס נאָ־בעלעס אָדער פאַטעטישעס" [1]).

עוואַנגעליציזם האָט צוגעשטעלט די רעליגיעזע פאָרמען, וואָס דער פראָנ־טירמאַן האָט זיך געניטיקט אין זיי אין דעם צווייטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט, אָט ווי אַזוי די בירדס דערקלערן עס:

> די איינגעשפּאַנטע ביימער פון דעם פּאַראויסגייענדיקן פּראָנטיר זיינען נאָך ניט געווען טויט, ווען וואַנדערנדיקע פּרעדיקערס האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען מענער און פרויען פון דער געפאַר צוריקגעוואָרפן צו ווערן צו באַרבאַריזם. ספּעציעל צאָלרייך און מעכטיק זיינען געווען די מעטאָדיסטישע און באַפּטיסטישע אַרומפאָרערס, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט אַ ליידנשאַפטלעכע תורה פון גהינום־בראַנד און אויסלייזונג, אַזאַ וואָס האָט די ערגסטע שיכורים, די מוטיקסטע קעמפּערס און די געמיינסטע בעל־עברהניקעס פון דעם הינטערלאַנד גערירט צו תשובה, לכל הפּחות פון צייט צו צייט [2]).

דזשאַן דיואי אַקצענטירט מער דעם סאָציאַלן באַטייט פון דער זעלביקער דערשיינונג :

> די קירכעס האָבן דורכגעפירט אַ וויכטיקע סאָציאַלע פונקציע מיט דעם, וואָס זיי זיינען געוואָרן די זאַמל־פּונקטן פון אָרדנונג און בילדונג אין אַ סביבה פון אַנאַרכיע און אומוויסנקייט. אַזוי האָבן זיי איבערגעלאָזט זייער חותם אויף דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, ווען זי איז אַריבערגעגאַנגען פון דער אַריסטאָקראַטישער פירערשאַפט פון די פּאַטערס צו די דעמאָקראַטיע פון די מאַסן [3]).

דער עוואַנגעליציזם איז געווען אַ רעליגיע, וואָס האָט אַריבערגעטראָגן דעם יחיד פון זיין אייגענער שווערער ווירקלעכקייט צו דער נשמה־גרינגקייט פון אַ צעפלאַמטער מאַסע. ער איז געווען דעמאָקראַטיש, ווייל ער האָט גערעדט ניט צו די אויבערשטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, נאָר צו דעם פאָלק. ער איז געווען עכט אַמעריקאַניש, ווייל ער האָט, אין דעם גייסט פון דער טיראַניי פון דער מערהייט, אַפּעלירט צו דעם „סטאַדע"־געפיל פון דער מאַסע. זיינע גאָטעסדינסטן זיינען געווען ניט נאָר רעליגיעזע צערעמאָניעס: מיט זייערע מאַסן־ספּעקטאַקלען, „רעווייוולען" און „תשובה־וועגן" — זיינען זיי אויך געווען אַמוזירונג. און טאַקע דערפאַר האָט דער עוואַנגעליציזם אין אַסך פּרטים געהאַט אַ שעדלעכע קולטורעלע אויסווירקונג: ער האָט דאָס גייסטיקע סדום־בעטל אַריינגעטראָגן אויך אין דער פאַרוויילונג.

אויף אַזאַ אופן איז דער עוואַנגעליציזם געקומען אין קאָנפליקט מיט זיין אייגענעם דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. „די עצם רעליגיעזע געטריישאַפט" — צו ציטירן נאָך אַמאָל דר. בילן — „און ענטוזיאַזם פון די עוועגעליקאַלישע סעקטעס האָבן געהאַט אַ טענדענץ זיי צו מאַכן אומטאָלעראַנט לגבי די וואָס האָבן פון זיי זיך אונטערגעשיידט. זייער צוגעבונדקייט צו דער ביבל, ווי צו דעם קוואַל פון אַלץ וואָס איז גוט, האָט אין זיי אַנטוויקלט אַ געוויינהייט, וואָס שפּרייט זיך אויס איבער אַלע ספערן פון לעבן, צו אַקצעפּטירן אויטאָריטעט" [4]).

דער מאַסן־עקסטאַז וואָס פאַרשיכורט ממש דעם אַנטיילנעמער איז אפשר דער וויכטיקסטער עלעמענט אין אַלע נאַציאָנאַלע פאַרוויילונגס־פאָרמען אין די

פּאַראייניקטע שטאַטן. אין בייסבאָל, פוטבאָל, ראַנגלען, באָקסן, פערדגעיעג און ענלעכע שפּילן איז די רעאַקציע פון דעם עולם ניט ווייניקער אַ טייל פון דער פאָרוויילונג, ווי די ראָלן פון די הויפּט־שפּילער. אָן דער דאָזיקער רעאַקציע וואָלט עס פאַר די פּראָטאָגאָניסטן פון די ספּעקטאַקלען געווען שווער איינצו־האַלטן דעם אינטערעס פון די צוקוקערס. אין דער מאַסנהאַפטיקייט פון דער פאַרוויילונג איז דאָ אַן אויסגלייכנדיקער עלעמענט, וואָס לייזט אויף דעם יחיד אין דעם כלל.

און פונקט אַזאַ אויסגלייכנדיקער עלעמענט האָט זיך געמערקט אין דעם ליטעראַטור־געשמאַק פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. נאָך אַמאָל איז נייי־טיק צו דערמאָנען, אַז די אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אויף גייסטיקע קעסט ביי ענגלאַנד. די ליטעראַטור האָט דעריבער ניט אָפּ־געשפּיגלט די היגעווירקלעכקייט, נאָר אַן אויסלענדישע אומווירקלעכקייט. איך זאָג „אומווירקלעכקייט“ דערפאַר, ווייל די לאַגע אין ענגלאַנד איז אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט געווען גאָר אַן אַנדערע, ווי זי איז געווען געמאָלן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור פון יענער צייט. אויב אָבער די דאָזיקע ליטעראַטור האָט ניט אָפּגעשפּיגלט די הערשנדיקע באַדינ־גונגען, האָט זי אָבער אַנטשפּראָכן די פאָדערונגען פון אירע קאָנסומענטן; און קאָנסומענטן האָט זי געהאַט צוויי סאָרטן. זי האָט געהאַט די בורזשואַזיע, וואָס האָט זי אויך געשאַפן, — און דאָס איז איינער פון די אייגנאַרטיקע שטריכן פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, פון דער אַמעריקאַנער קולטור בכלל: זי איז די איינציקע באַטייטיקע מאָדערנע קולטור וואָס איז אויפגעקומען אין גאַנצן אָן דער הילף פון אַן אַריסטאָקראַטיע. די בורזשואַזיע פון דער יונגער רעפּובליק האָט געפאָדערט סטאַטעטשניקייט. „ביי די פּוריטאַנער“ — זאָגט קאַלווערטאָן — „איז דער טראָפּ געשטעלט געוואָרן אויף כאַראַקטער: ביי דער רייכער בורזשואַזיע איז דער אַקצענט געווען אויף רעפּוטאַציע“[5]. די לעצטע האָט דעריבער געוואָלט אַ ליטעראַטור פון מדות טובות און רעספּעקטי־באַליטעט.

דער צווייטער סאָרט קאָנסומענט איז געווען — די ברייטע מאַסע. איר געשמאַק איז זיך צונויפגעפאַלן מיט די פאָדערונגען פון דער בורזשואַזיע. עס האָט די מאַסן געצויגן צו רעספּעקטאַביליטעט אין דער פאַנטאַזיע, אויב זיי האָבן זי ניט אַלע מאָל געקאָנט האָבן אין דער וואָר. זיי האָבן געוואָלט אַ סענטימענטאַלע ליטעראַטור וואָס זאָל זיין פונקט דער היפּוך פון דער פאַר־האַרטעוועטקייט וואָס האָט אָנגעפילט זייער ווירקלעכקייט.

די מאַסן האָבן אויך געפאָדערט אַ ליטעראַטור וואָס זאָל זיי פאַרהערלעכן די פּראַצע און די קאַמפן פון די געוואַגטע יחידים און אַרויסשטעלן די דאָזיקע

יחידים אין דעם שענסטן מאָראַלישן ליכט, אי באַווייזן אַז שווערע אַרבעט, אַנטשלאָסנקייט און ערלעכקייט בלייבן ניט אומבאַלוינט. דער גוטער מוז אין דער ליטעראַטור דעריבער אַלע מאָל זיגן און דער שלעכטער — פֿאַרלירן. פֿון קיין פֿאַרקערטן אויסגאַנג אין אַ ראָמאַן אָדער דראַמע האָבן גאָר די מאַסן ניט געוואָלט הערן — און די פֿאַרלעגערס און אימפּרעסאַריאָס האָבן זיי צוגעשטעלט וואָס זיי האָבן געוואָלט. „יעדער גרופּע, די געהויבענע און נידריקע" — באַמערקן די בירדס לאַקאָניש — „האָט געפֿונען אירע באַדינערס; יעדער גרופּע האָט מען באַלד אָנגעבאָטן סחורה וואָס האָט אַנטשפּראָכן איר געשמאַק"[6].

אַמעריקע — די רעאַלע, די פּראַקטישע — האָט אין איר פֿאַרווײַלונג געוואָלט דווקא אומרעאַליטעט און פֿאַרחלומקייט. אַמעריקע — די אוטיליטאַרע — האָט אין איר פֿאַרווײַלונג געוואָלט זען דווקא אַלטרואיזם. אַמעריקע — די מאַשין־באַוואוסטזיניקע — האָט אין איר פֿאַרווײַלונג געפֿאָדערט דווקא דעם זיג פֿון מענטש איבער דער טעכניק. ווײַל אײַן זאַך האָט דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער ניט געוואָלט אַקצעפּטירן — בשום אופן ניט געוואָלט: — אַן אײַנגעפֿרוירענע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שיכטונג. דער אָרעמסטער האָט ניט געוואָלט, אַז די פֿאַרווײַלונג זאָל אָפּשפּיגלען זײַן אייגענע לאַגע, נאָר דווקא דאָס לעבן פֿון די רײַכסטע אין לאַנד דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט דער האָפֿנונג ווען עס איז צו זײַן אין דעם מצב פֿון די לעצטע. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז דער אונטערנעמערישער אַמעריקאַנער האָט ניט געגלייבט, אַז עס איז נייטיק בילדונג אָדער וואָסער עס איז ספּעציעלע שולונג דעם איבערגאַנג צו אַן אַנדער עקאָנאָמישן לאַגער צו מאַכן: בלויז אײַנגעבוירענע פֿעאיקייט און אַ וויליקייט אויסצונוצן געלעגנהייטן. איז קיין וואונדער ניט, וואָס בעת אַמעריקע האָט טעכניש מאַרשירט מיט ריזן־טריט פֿון איבערקערעניש צו איבערקערעניש, איז זי ביז צו דעם סוף פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט אין דער קונסט געווען צוגעקלעפּט צו דעם לאַקריץ־פּאַפּיר פֿון אַ נאַאיווער סענטימענטאַלישקייט. נאָך אין 1919 האָט זיך וואַלדאָ פֿראַנק געקלאָגט: „דער אַמעריקאַנער וואָס איז געווען דערוואַקסן אין דער דרויסנדיקער וועלט, איז געווען קינדיש אין דער אינווייניקסטער וועלט. ער האָט געוואָלט אַ ליטעראַטור פֿון העראָאישער רײַפֿקייט, אָבער זײַן אויסגעהונגערט אינערלעך לעבן האָט געקאָנט געבערן בלויז אַ קינדישן עמאָציאָנאַליזם וואָס האָט מער ווי בבא־מעשיות ניט געקאָנט פֿאַרדײַען"[7]. פֿראַנק איז דאָ צו ביטער — דערפֿאַר ווײַט פֿון צו זײַן אין גאַנצן גערעכט. עס בלײַבט אָבער אַ פֿאַקט, אַז אפֿילו אין דעם 20טן יאָרהונדערט, ווען די גרעניצן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען שוין געווען געשלאָסן, פֿרייער באָדן אויסגעשעפּט, עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פֿאַר די ברייטע מאַסן זייער שטאַרק באַשרענקט און די קלאַסן־צעטיילונג סטאַ־

בילייזירט — זיינען די פאַרווײלונגס־פאָרמען אין גרויסן גאַנצן פאַרבליבן צו־געשמידט צו די אַלטע טראַדיציעס און צו אַ פאַרעלטערטן געשמאַק. די אַנט־וויקלונג פון די נייע פאַרווײלונג־פאָרמען, ווי דער פילם און די ראַדיאָ, וועגן וואָס עס וועט גערעדט ווערן באַריכות אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל, איז גע־גאַנגען אויף אויסגעטראָטענע וועגן. די סטאַנדאַרטיזאַציע פון פאַרברענגען איז פאַרבליבן; די טיראַניי פון דער מערהייט גילט. פאַרגלייכט דעם טעכנישן פּראָגרעס פון פילם און ראַדיאָ מיט זייער גייסטיקן אינהאַלט — און איר האָט פאַר זיך אין אַ זייער רעליעפער פאָרם דעם גאַנצן מהלך וואָס ליגט צווישן דער ציוויליזאַציע און קולטור פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

לאָמיר דאָס קלאָר מאַכן כדי אויסצומיידן מיספאַרשטייענישן. דאָ רעדט זיך ניט פון אַן אַבסאָלוטער קולטורעלער צוריקגעשטאַנענקייט, אויך ניט פון אַ קולטורעלער פאַרגליווערקייט. אדרבא, אין דעם אַבסאָלוטן זין האָט אמעריקע דורכגעמאַכט אַ גלענצנדיקן קולטורעלן פאָרשריט: דער בילדונג־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג איז אומגעהייער אויסגעוואַקסן; די בעסערע טייל פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור — וואָס איז, אמת, אַ מינדערהייט איז פאַרגלייך מיט דעם ים אינפאַנטיליש־סענטימענטאַלע ווערק — געהערט היינט זיכער צו די בעסטע ליטעראַטורן אין דער וועלט; אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער קונסט האָבן אויך דערגרייכט זייער הויכע מדרגות. אַמעריקע שאַצט היינט אָפּ אמתע מוזיק מער ווי ווען עס איז פריער אין איר געשיכטע. אַ נעץ פון שולן, ביבליאָטעקן, מוזייען, קונסט־גאַלעריען, אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס נעמט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד. דערפאַר טאַקע האָב איך פריער געזאָגט, אַז וואַלדאָ פראַנק איז צו ביטער, ווייל ער ווייזט אַרויס אַ טענדענץ דאָס אַלץ צו אונטערשאַצן. אָבער ווען איך רעד וועגן קולטור און ציוויליזאַציע, רעד איך ניט אין אַבסאָלוטע טערמינען, נאָר אין רעלאַטיווע, אין דער פאַרהעלטניש איינע צו דער אַנדערער. אין אָט דער פאַרהעלטניש, קאָן מען זאָגן, אַז בעת אַמעריקע האָט אין שייכות צו ציוויליזאַציע געמאַכט רעוואָלוציאָנערע שפּרונ־גען, האָט זי אין שייכות צו קולטור זיך געשלעפּט אויף אַ לאַנגזאַמען עוואָלו־ציאָנערן וועג. די קולטורעלע בגדים פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען טאַקע אויסגעוואַקסן, אָבער אויף דעם אינדוסטריעלן גיגאַנט וואָס עס איז די היינטיקע אַמעריקע, פּאַסן זיי זיך אַזוי ווי די קליידער פון אַ קינד אויף אַן דערוואַקסענעם מענטשן.

.13

ביי דער גאַנצער אויטאָריטאַרישקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דאָס לאַנד געבויט געוואָרן פּלאַנלאָז. די אויטאָריטאַרישקייט האָט געטראַכט אין

טערמינען פֿון מאָמענט, ניט פֿון געשיכטע; פֿון פּערזענלעכע אינטערעסן, ניט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע נוצן. אין אַ לאַנד, וואָס זיינע בירגער האָבן אַזאַ לאַנגע צייט ניט געטראַכט אין באַגריפֿן פֿון נאַציע, איז בכלל געווען זייער שווער צו אויסצולייגן נאַציאָנאַלע פּלענער. „די פֿאַראייניקטע שטאַטן" — האָט טורנער געשריבן אין 1909 — „איז אין שטח און נאַטירלעכע רייכטימער אַן אימפּעריע, אַ זאַמלונג פֿון פּאָטענציעלע נאַציעס, גיכער ווי אַן איינציקע נאַציע" [1] — און אַזוי האָט זיך דאָס לאַנד געפֿירט אין משך פֿון דורות. ביי אַזאַ צושטאַנד וואָלט אפֿילו פֿאַר אַ צענטראַליזירטער מלוכה געווען זייער שווער אַריינצוטראָגן פּלאַנירונג אין דער אַנטוויקלונג פֿון דעם לאַנד, ספּעציעל אין אירע פּיאָנערישע און פֿליסיקע פֿאַזן. אָבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז, ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, ניט געווען קיין צענטראַליזירטע מלוכה, ספּעציעל אין דער ערשטער העלפֿט פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען די גייסטיקע פֿיזיאָנאָמיע פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק האָט זיך געפֿורעמט. קולטור־ענינים האָבן געהערט ניט צו דער פֿעדעראַלער רעגירונג, נאָר צו די באַזונדערע שטאַטן — און דער אינטערעס פֿון די לעצטע איז געווען אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער.

ביים אָנהייב פֿון דעם צווייטן פֿערטל פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט די באַפֿעלקערונג פֿון די צפֿון־שטאַטן גענומען פֿאָדערן פֿרייע קינדער־שולן. באַזונדערס אַגרעסיוו האָבן עס געפֿאָדערט די אַרבעטער, וואָס האָבן צו יענער צייט אָנגעהייבן ווערן אַ כח אין צאָל און איינפֿלוס. אין 1827 האָט זיך געגרינדעט אין פֿילאַדעלפֿיע די „מעקאַניקס יוניאָן אָוו טרייד אַסאָסיאיישאָנס", וואָס איז פֿאַקטיש געווען דער ערשטער לאַנד־פֿאַרבאַנד פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניען אין דער וועלט. די אַרבעטער האָבן אויך אָרגאַניזירט די „אַרבעטער פּאַרטיי" (וואָרקינגמענס פּאַרטי), וואָס האָט, אונטער דער ווירקונג פֿון דער דזשעקסאָנישער באַוועגונג, געהאַט אַ גאַנץ באַטייטיקן דערפֿאָלג. די וויכטיקסטע פּאָליטישע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער זיינען געווען: 1) גלייכע שטימרעכט, 2) „פֿרייע, גלייכע, ניט־סעקטאַנטישע, רעפּובליקאַנער" בילדונג פֿאַר די קינדער. זיי האָבן דעם קאַמף פֿאַר אָט די פֿאָדערונגען געוואונען. אַרום 1850 איז פֿרייע קינדער־בילדונג געווען איינגעפֿירט אין אַלע צפֿון־שטאַטן. דערצו האָט זייער אָסך צוגעטראָגן, ווי מיר וועלן זען אונטן, דאָס אָנקומען אַהער פֿון אַ גרויסער צאָל קאַטוילישע אימיגראַנטן.

אין דעם דרום האָט זיך דער פּראָצעס פֿאַרשפּעטיקט. די ווייסע האָבן ניט געקאָנט האַלטן אַזאַ גרויסע טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, ווי די נעגערס האָבן אויסגעמאַכט, אין אומוויסנקייט און דערביי ניט אַרונטערשלעפּן זייער אייגענעם קולטור־ניוואָ. „די סאָציאַלע און קולטורעלע הינטערשטעליקייט פֿון דעם

דרום גופא" — זאָגט טשאַרלס ס. דזשאָנסאָן — „איז צום טייל לפּחות אַ רעזולטאַט פון דער סאָציאַלער נויטוועניקייט וואָס ער האָט געפילט כדי אָנ־צוהאַלטן דעם דאָזיקן [שקלאַפן] סטאַטוס. די נעגער־פראַגע און די אָנהאַלטנ־דיקע באַציאונג צו איר האָבן צוגעטראָגן צו דער הינטערשטעליקייט פון דער וויסער באַפעלקערונג".
און ווייטער:

אין הסכם מיט זיינע סאָציאַלע דאָגמעס, האָט דער דרום יאָרן־לאַנג געמוזט זיך שטעלן אַקעגן, און האָט זיך געשטעלט אַקעגן, געצוואונגענער בילדונג, ווייל דאָס האָט געמיינט נאָך אַ פינאַנציעלע לאַסט און האָט געדראָט אומצואוואַרפן דעם ראַסן־איינשטעל [2]).

אָבער ניט אין צפון ניט אין דרום איז ווען עס איז איינגעפאַלן צו פאָדערן פון דער רעגירונג — פעדעראַלער צי שטאַטלעכער, — זי זאָל סובּ־סידירן אַ טעאַטער, אַן אָפּערע, אַן אָרקעסטער אָדער אַן אַנדער אַמוזירונג־מיטל. און אודאי איז קיינעם ניט איינגעפאַלן צו פאַרלאַנגען, אַז די רעגירונג זאָל זאָרגן פאַר דעם, אַז די געאָגראַפישע עקספּאַנסיע זאָל גיין אָרגאַניזירטער־הייט און ניט אַוועקלויפן צו ווייט אין פאָראויס לגבי די מעגלעכקייטן פון דער געזעלשאַפט צו באַדינען די באַפעלקערונג מיט קולטור־הצטרכותן. דאָס איז אַקוראַט, וואָס די מיגרינדיקע באַפעלקערונג האָט ניט געוואָלט. זי האָט ניט געוואָלט, אַז ווער עס איז זאָל איר שטערן אין דער עקספּלואַטאַציע פון די נאַטור־רייכטימער וואָס זי האָט געפונען אויפן וועג. מיט אַ ריקזיכטלאָזיקייט, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט וואַנדאַליזם, האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פעלדער, וועלדער, טייכן, און מינען. אַלץ וואָס האָט ניט געקאָנט ברענגען מאָמענטאַנעם נוצן איז געפאַלן אונטער דער האַק אָדער אַוועק מיט רויך. שטעט זיינען אויפגעקומען איבער נאַכט, אָבער איבער נאַכט האָט מען אויך אומגע־בראַכט ריזיקע ווערטן וואָס מען האָט ניט געקאָנט תיקון איינשפּאַנען. גאַנץ אָפט זיינען די נייע שטעט גופא אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ שאָקלדיקן פונ־דאַמענט — און אַסך פון זיי זיינען טאַקי באַלד איינגעפאַלן. ערשט אין 20טן יאָרהונדערט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן שטייט פאַר דער געפאַר פון בלייבן אָן ביימער, אָן וואַלד־חיות, אָן געוויסע פישן און מיט אַ פאַרוואָרלאָזטער און אויסגעשעפּטער ערד אין ריזיקע טיילן פון לאַנד.

ניט געקוקט אָבער אויף דעם גאַנצן וואַנדאַליזם האָט די פלאַנלאָזיקייט פון דער בוי־טעטיקייט אין דעם 19טן יאָרהונדערט פונדעסטוועגן אַ צייט לאַנג אויך געטראָגן אַ ברכה פאַר דעם לאַנד. דע טאָקוויל איז ווידער געווען גערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז די חסרונות פון אַמעריקע זיינען אויך אירע

מעלות. צוליב דער פיבערישער ריקזיכטלאָזיקייט וואָס מען האָט אַריינגע־טראָגן אין דעם בוי, האָט מען אין עטלעכע דורות אָפּגעטאָן אַן אַרבעט וואָס וואָלט אין אַנדערע באַדינגונגען אפשר גענומען עטלעכע יאָרהונדערט. דאָס איז אָבער געווען אמת אין דער צייט, ווען עס איז נאָך געווען פּלאַץ פאַר עקס־פּאַנסיע. אָבער ווען די רעזערוון האָבן זיך אויסגעשעפּט, האָט מען איינגעזען אַז קיין לאַנד איז געאָגראַפיש ניט גרעניצלאָז און קיינע ערד־פאָנדן זיינען ניט אָן אַ דעק. אַמעריקע האָט זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז זי האָט באַצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר דער פלאַנלאָזיקייט. אַ טייל פון דעם פּרייז האָט זי מיט דער צייט אויפגעמאַנט, נאָך אַ טייל וועט זי אפשר ווען עס איז צוריקקריגן; אָבער אַ גרויסע טייל איז אויף אייביק פאַרלוירן — און סיי אַמעריקע גופא סיי די וועלט איז דורך דעם אָרעמער.

באַזונדערס האָט זיך די פּלאַנלאָזיקייט געמערקט אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט — נאָך דעם בירגער־קריג. דאָס איז געווען די צייט, וואָס די בירדס האָבן אָנגערופן די „גילדערנע עפּאָכע״ און פּאַרינגטאָן האָט זי באַצייכנט ווי די „גרויסע סעודה״ (דהי גרייט באַרבעקיו). וועגן אָט דער צייט זאָגט דער לעצטער, אַז זי „האָט אַ ביסל צו בוכשטעבלעך זיך צוגעהערט צו דעם ביבלישן אָנזאָג ניט צו דאגהנען וועגן מאָרגן און איז געווען דעצי־דירט צו צענטרענצלען די רעסורסן פון אַ קאָנטינענט״ [8].

.14

דער סוף פון דעם בירגער־קריג האָט געעפנט אַלע שליוזן וואָס האָבן פאַרהאַלטן דעם שטראָם פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַן עקאָנאָמישע פאַרפלייצונג, וואָס די וועלט האָט ביז דאַן אַזוינס ניט געזען. עס איז ניט די אויפגאַבע פון אָט דער אַרבעט צו געבן די עקאָנאָ־מישע געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. עטלעכע פאַקטן, באַזירט דער עיקר אויף דעם מאָנומענטאַלן ווערק פון טשאַרלס און מערי בירד, „די רייז אָוו אַמעריקאַן סיווילייזיישאַן״, וועלן דעריבער זיין גענוג.

אין די 40 יאָר צווישן 1860 און 1900 איז די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן פון 31 מיליאָן ביז 76 מיליאָן. אין 1860 האָט די פאַראייניקטע שטאַטן איבערגעיאָגט די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד; אין 1870 — די באַפעל־קערונג פון פראַנקרייך; אין 1880 — די באַפעלקערונג פון דייטשלאַנד. אין 1900 האָט פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער בלויז רוסלאַנד געהאַט אַ גרע־סערע באַפעלקערונג ווי די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער זעלביקער צייט איז דער אינלענדישער מאַרק פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויף אַזוי פיל אויס־געברייט געוואָרן, אַז ער האָט באַטראָפן מער ווי דער אויסלענדישער מאַרק

פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע און עסטרייך־אונגאַרן צוזאַמענגענומען. האָט זיך טאַקע אין 1890 באַרימט אַן אַמעריקאַנער אינדוסטריאַליסט: „די היינטיקע פינף־און־זעכציק מיליאָן אַמעריקאַנער קאָנען אָפּקויפן די הונדערט־און־פערציק מיליאָן רוסן, עסטרייכער און שפּאַניער; אָדער, נאָך דעם ווי זיי וואָלטן אָפּגעקויפט די רייכע פראַנקרייך, וואָלטן זיי נאָך געהאַט גענוג קעשענע־געלט צו איינשאַפן זיך דענמאַרק, נאָרוועגיע, די שווייץ און גריכנלאַנד" [1]).

אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר ראַשיקן אינדוסטריעלן וואוקס האָבן עקזיסטירט. יעדער טאָג זיינען אַרויסגעקומען צענדליקער טעכנישע דערפינדונגען. נייע קוואַלן פון נאַטור־רייכטימער זיינען כסדר געעפנט געוואָרן און נייע באַן־ליניעס זיינען צוגעקומען איבערנאַכט. עס זיינען אין לאַנד אויך געווען די סוביעקטיווע כחות וואָס האָבן געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן די אָביעקטיווע באַדינגונגען. עס איז געווען די עפּאָכע פון די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַנען און פינאַנץ־מאַגנאַטן, וואָס וועגן זיי ווערט נאָך אונדז אויסקומען מער צו רעדן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל. זיי האָבן געהאַט ווייניק בילדונג, אָבער גאָר אַסך אונטערנעמונג־גייסט און וויזיע. זיי זיינען געווען די אַרכיטעקטן, אינדזשינערן און אָרגאַניזאַטאָרן פון די נייע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע קלאַסן. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון טעכנישער אַנטוויקלונג, וואָס אויף איר רוקן האָבן זיך מיליאָניקע מאַסן געטראָגן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע און פון איין עק פאַראייניקטע שטאַטן צו דעם צווייטן. אין דער צייט פון לינקאָלנס ערשטער אַדמיניסטראַציע האָט בלויז אַ זעקסטל פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד געלעבט אין שטעט פון 8000 און מער איינוואוינער; סוף 19טן יאָרהונדערט האָט שוין איין דריטל פון דער באַפעלקערונג געלעבט אין אַזעלכע שטעט. בלויז צוויי־פינפטל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך אין יענער צייט געפונען אויף פאַרמס.

דאָס דאַרף אָבער ניט באַטייטן, אַז די אַגראַרע באַפעלקערונג איז געפאַלן אין דעם אַבסאָלוטן זין. פאַרקערט, דאָס האָמסטעד געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1862, האָט געעפנט טיר און טויער פאַר אַלע די וואָס האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אויף פרייער ערד. אין 1827 האָט דער אַמעריקאַנער פינאַנץ־מיניסטער דערקלערט, אין אַן אָפיציעלן באַריכט, אַז עס וועט נעמען 500 יאָר צו באַזעצן דעם ניט באַאַרבעטן עפנטלעכן באָדן וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. טעקסאַס און אַנדערע מעקסיקאַנער שטחים האָבן נאָך צו די פאַראייניקטע שטאַטן דאַן ניט געהערט; זיי זיינען אַנעקסירט געוואָרן לאַנג נאָך דעם דערמאָנטן באַריכט. פונדעסטוועגן איז אַרום 1890 שוין כמעט גאָר דער טויגבאַרער עפנטלעכער באָדן געווען פאַרנומען. אין 1850 איז די

גאַנצע באַפעלקערונג אין לאַנד געווען 30 מיליאָן, אָבער דער ערשטער צענזוס פון דעם 20טן יאָרהונדערט האָט אַנגעציילט בלויז פּאַרמערס און איינוואוינער אין דוראַלע געגנטן וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף אַגריקול־טור אין אַ צאָל פון 50 מיליאָן נפשות. אין 1860 איז אין לאַנד געווען 2 מיליאָן פּאַרמס; 50 יאָר שפּעטער — העכער 6 מיליאָן. דער באַאַרבעטער שטח איז פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 200 מיליאָן אַקער, וואָס דאָס אַליין איז אַ גרע־סערער שטח ווי פיל עס האָט פאַרנומען גאָר דער באַאַרבעטער באָדן אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד צוזאַמענגענומען. אין משך פון אַט דעם פּעריאָד איז די פּראָדוקציע פון ווייץ געשטיגן פון 173 מיליאָן בושלס ביז קאַרגע 700 מיליאָן בושלס — „אַ זעקסט־חלק פון גאָר דער גערעטעניש אויף דער וועלט", זאָגן די בירדס [2].

אין די הונדערט יאָר, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען צווישן באַפעלקערונג מפּלה אין וואַטערלו און דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די באַפעל־קערונג פון דער מערב־וועלט פאַרדרייפאַכט, אין דער זעלביקער צייט האָט זיך די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרצוועלפאַכט. „ווען די דאָזיקע הונדערט יאָר האָבן זיך אָנגעהייבן" — זאָגט סטואַרט טשייס — „איז די אַרבעט פון דער מערב־ציוויליזאַציע געטאָן געוואָרן דורך די מוסקולן פון מענטשן, פערד און אָקסן — און זיי האָבן געהאַט די הילף פון עטלעכע רינגענדיקע, סאָפּענדיקע דאַמף־מאַטאָרן. צום סוף פון די הונדערט יאָר איז די אַרבעט געטאָן געוואָרן דורך דער ניט־בעל־חיימדיקער ענערגיע פון קוילן, נאַפט, פאַלנדיק וואַסער — און די זיינען אַרויסגעהאָלפן געוואָרן דורך די מוסקולן פון מענטשן. פערד און אָקסן האָבן שוין געליטן די ווייטיקן פון טעכנאָלאָ־גישער אַרבעטלאָזיקייט" [3]. אַמעריקע האָט צוגעטראָגן דעם גרעסטן חלק צו אַט דער רעוואָלוציע און באַזונדערס — נאָך דעם בירגער־קריג.

אין וואַסער ווינקל פון דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן מען זאָל ניט אַריינ־קוקן, וועט מען זען האַסטיקן בוי, מעכטיקן אויפבלי, אַ ניט־געצווימטן רייסן זיך צו גרעסערע און גרעסערע הויכן. פּאָליטיש האָט דאָס לאַנד אויך דורכ־געמאַכט אַ בלוטיקע רעוואָלוציע. אין די פלאַמען פון דעם בירגער־קריג האָט זיך אויסגעשמידט אַן אַמעריקאַנער נאַציע. די לעצטע פּאָליטישע רעסטריק־ציעס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן און פּאָליטישע גלייכקייט איז — לכל הפחות פאָרמעל — איינגעשטעלט געוואָרן פאַר אַלע בירגער. אַריינגערעכנט שוואַרץ־הויטיקע. די שאַנד־פלעק פון נעגער־שקלאַפעריי איז אָפּגעוואַשן געוואָרן מיט דעם בלוט פון ברידער וואָס האָבן געפירט מלחמה מיט ברידער. אַ טיפע צע־רודערונג איז אויך אַריינגעטראָגן געוואָרן אין די סאָציאַלע באַציאונגען פון דער באַפעלקערונג.

אין וואָס איז מכח קולטור? — לאָמיר נאָך אַמאָל לאָזן רעדן די בירדס:

> טראָץ דער גאַנצער זאָרג וועגן דעם לויף פון געשעענישן אין אַמעריקע אין משך פון דער גילדערנער עפּאָכע, האָט זיך ניט באַוויזן קיין סאָציאַלער פילאָסאָף וואָס זאָל זיין קאָמפּעטענט צו באַטראַכטן די געזעלשאַפט פון אויבן ביז אונטן, אָנ־צייכענען די ריכטונג פון דעם פּלוטאָקראַטישן אויפשטייג און פאַרטייטשן דעם שוואונג פון געשעענישן אין גרויסן גאַנצן[4].

די פּלוטאָקראַטישע קאַפּיטאַנען, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דעם רודער פון דער ווירטשאַפטלעכער שיף און זי ריקזיכטלאָז געטריבן אין די צעבושעווע־טע וואַסערן פון דער אינדוסטריעלער פאַרפּלייצונג, האָבן זיך מיט צופיל תורה ניט אויסגעצייכנט. קאַרנעגי, קוק, גולד, האַנטינגטאָן, אַרמאָר, קלאַרק, היל, האַרימאַן, ראָקאָפעלער — זיי אַלע האָבן געהאַט אַ מיטל־שול בילדונג אָדער ווייניקער. די פיסקס און דרוס זיינען געווען כמעט אַן־אלף־ביתניקעס. בלויז דער אַלטער מאָרגאַן האָט געהאַט צוויי יאָר קאָלעדזש־בילדונג. און וואָס איז שייך די מאַסן איז נאַטירלעך זייער בילדונג־ניוואָ ניט געווען צו הויך, אָבער שוין אויך ניט אַזוי נידריק, ווי מיט יאָרן פריער. מען דאַרף ניט פאַר־געסן, אַז אַן אַלגעמיינע געצוואונגענע און פרייע שול־סיסטעם האָט שוין צו יענער צייט עקזיסטירט אין אַלע אַנטוויקלטע שטאַטן. עס איז טאַקע אמת, ווי די בירדס, ווייזן אָן, אַז קיין עפּאָכע־מאַכנדיקע אַנטדעקונגען וואָס זאָלן זיך פאַרגלייכן מיט דער אַרבעט פון די קוריעס, פּאַסטערס און רענטגענס, זיינען אין אַמעריקע צו יענער צייט ניט געמאַכט געוואָרן, אָבער דערפאַר האָבן זיך געמערט די דערפינדונגען וואָס האָבן געקראָגן תיכפדיקע אָנווענדונג און געהויבן דעם קולטור־סטאַנדאַרט פון דער באַפעלקערונג — אָבער קיינ־מאָל ניט צו דער הויך פון דער ציוויליזאַציע.

דאָס איז געווען די צייט, ווען די געלט־באַראָנען, וואָס האָבן ממש ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זייערע ריזיקע פאַרמעגנס, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט זוכן קונסט־אַרטיקלען, פאַר וועלכע זיי האָבן באַצאָלט פאַבל־האַפטיקע פרייזן. דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען די זעלביקע געלט־באַראָ־נען האָבן אָנגעהייבן אַוועקגעבן צאָללאָזע מיליאָנען אויף קולטורעלע און וואוילטעטיקע צוועקן. זיי האָבן געבויט קירכעס, שפּיטאָלן, יתומים־הייזער, מושב זקנימס, א. א. וו. און אין דערזעלביקער צייט — אוניווערסיטעטן, קאָלעדזשעס, ביבליאָטעקן, מוזייען און קונסט־גאַלעריי<br>ען. קיין מאָל פריער אין דער געשיכטע זיינען אין ערגעץ ניט אויסגעטיילט געוואָרן אַזעלכע קאָ־לאָסאַלע סומען אויף צדקה; קיין מאָל פריער האָבן יחידים ניט געבויט אַזוי פיל געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ניט אומזיסט האָט אַן אייראָפּעער,

וואָס איז געווען אויף אַ באַזוך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אויסגערופן, אַז אין ערגעץ האָט ער ניט געזען מענטשן מיט אַזעלכע האַרטע קעפּ און ווייכע הערצער.

די כאַראַקטעריזאַציע איז גאָר ניט קיין שלעכטע: אַ גוט־האַרציקער ווילן צו העלפן געקריוודעטע פון דער געזעלשאַפט האָט זיך דאָ פּאַראייניקט מיט אַ האַרט קעפּיקער אָפּשאַצונג פון די אינטערעסן פון דעם עקזיסטירנדיקן עקאָנאָמישן סדר. וואָלטן די קאַפּיטאַליסטן ניט געגומען אויף זיך אויסצוהאַלטן אַזוי פיל פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וואָלט די סאָציאַלע געזעצגעבונג אין לאַנד זיך ניט פאַרשפּעטיקט אויף הונדערט יאָר. וואָס עס זאָלן ניט האָבן געווען די סוביעקטיווע כוונות פון די מנדבים, איז אָבער קלאָר, אַז ווי אַ קלאַס וואָלטן די קאַפּיטאַליסטן געדאַרפט מער באַצאָלן אין שטייערן פאַר אַ פּראָגראַם פון סאָציאַלער שוץ און דינסט, ווי עס האָט זיי געקאָסט אויסצוהאַלטן די פּריוואַטע צדקה־אינסטיטוציעס. דאָס באַציט זיך אויך אויף די קולטורעלע אַנשטאַלטן. דאָס, וואָס די וויכטיקסטע אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס און הויך־שולן זיינען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אָנגעוויזן אויף פּריוואַטער אונטער־שטיצונג, האָט ניט ווייניק צוגעטראָגן צו דעם, וואָס אין לאַנד איז נאָך עד היום ביטאָ קיין פעדעראַלע בילדונגס־סיסטעם און וואָס די באַזונדערע שטאַטן גיבן אויס ווייניקער אויף בילדונג, ווי זיי וואָלטן געדאַרפט אויסגעבן.

אָבער ניט נאָר אין געלט דאַרף געמאָסטן ווערן די רעזולטאַטן פון אָט דער אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג פון די אַמעריקאַנער „ערן־“ און געזעלשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס. עס איז איבעריק צו אונטערשטרייכן, אַז דורך דער דאָזיקער אַנטוויקלונג האָט קאַפּיטאַל געקראָגן אַ קאָנטראָל איבער דער גייסטיקער אויסבילדונג פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, וואָס ער וואָלט קיין מאָל ניט געקאָנט באַקומען, ווען די מלוכה נעמט אַ גרעסערן אַנטייל אין אָט דער אויסביל־דונג. אָבער דער גרעסטער בענעפיט, וואָס קאַפּיטאַל האָט אַרויסגעצויגן פון זיין האַרטקעפּיקער ווייכהאַרציקייט — און וואָס עס גייט אונדז דאָ אָן צום שטאַרקסטן — איז געווען דאָס, וואָס ער האָט דורך דעם ווייטער געפלעגט אינדיווידואַליסטישע אילוזיעס צווישן די ברייטע מאַסן און פאַרשווערט דעם פּראָצעס פון סאָציאַלער דיפערענצירונג. עס האָט זיך אויסגעבילדט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט ביי די „מאַסן“ וואָס האָבן גענאָסן פון די טובות פון די „קלאַסן“. דאָס האָט די לעצטע זייער גוט געדינט אין שייכות צו דער אָרעמ־שאַפט וואָס האָט געמוזט אָנקומען צו צדקה און, ניט ווייניקער, אין שייכות צו דער אויסבילדונג פון אַן אינטעליגענץ, וואָס אין דעם האָט די קאַפּיטאַליס־טישע עקספּאַנסיע זיך זייער שטאַרק גענייטיקט.

## 15.

דער טעכנאָלאָגישער פּראָצעס, וואָס האָט צעבראָכן די אומאָפּהענגיקייט פון דעם האַנטווערקער, ווייל ער האָט איבריק געמאַכט זיין פאַכמענערישע קוואַליפיצירטקייט, האָט אין דער זעלביקער צייט אַרויסגערופן אַ פאָדערונג אויף הונדערטער נייע מינים קוואַליפיצירטע אַרבעטער. בעת, די אינדוסטריעלע מאַשין האָט געהאַלטן אין איין שלינגען אַרבעטער און זיי באַרויבט פון יעדער סימן פון אינדיווידואַליטעט, האָט זי פון זיך אויך אַרויסגעגעבן אַ דינע שיכט בעסער־באַצאָלטע פאַרדינערס וואָס זיינען ביסלעכוויַיז אַרויס פון דער קאַטעגאָריע פון לוין־אַרבעטער און געוואָרן אַ טייל פון די מיטלקלאַסן. די דאָזיקע שיכט איז געווען די בריק צווישן אינדוסטריע און פינאַנץ־קאַפּיטאַל, פון איין זייט, און צווישן פּראָדוצירער און קאָנסומענט, פון דער אַנדערער זייט. אין דער זעלביקער צייט איז אין די ווערקשטאַטן און פאַבריקן גופא אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקע אומשיכטונג. פון דרויסן איז געקומען ביליקע אַרבעט־קראַפט; פון אינווייניק זיינען אַרבעטער אַריבערגעגאַנגען פון ערגער־באַצאָלטע צו בעסער־באַצאָלטע פּאָזיציעס. ניט נאָר איז דער לוין אין די לעצטע געווען אַ העכערער און ניט נאָר איז די אַרבעט אין זיי געווען אַ גרינגערע, נאָר די אַרבעטער, וואָס האָבן די דאָזיקע בעסערע פּאָזיציעס פאַרנומען, האָבן אויך גענאָסן פּריווילעגיעס לגבי די אַרבעטער אין די ערגערע פּאָזיציעס.

די דאָזיקע פּריווילעגיעס האָבן געשאַפן אַ מין אַריסטאָקראַטיע אין דעם אַמעריקאַנער אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט און האָבן געוויסע טיילן זיינע אינטעגרירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. די אינטעגראַציע איז געווען מער אַן אילוזאָרישע ווי אַ רעאַלע, פונדעסטוועגן איז זי ניט געווען אַן עקאָנאָמישע וואָרצלען. די דאָזיקע וואָרצלען זיינען, חוץ די העכערע שכירות און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, באַשטאַנען אין אַקציעס און אַנדערע ווערט־פּאַפּירן, וואָס די באַלעבאַטים האָבן דערמוטיקט די אַרבעטער־אַריסטאָקראַטן צו קויפן אויף פאַרהעלטנישמעסיק גרינגע תנאים. דורך דעם האָבן די לעצטע זיך דערפילט ווי שותפים אין די אונטערנעמונגען, וואו זיי האָבן געאַרבעט; אָבער ניט נאָר אין אָט די אונטערנעמונגען. אַסך אַרבעטער האָבן אויך געהאַט אַקציעס אין אַנדערע אונטערנעמונגען: באָנדס, פאַרזיכערונגס־פּאָליסיס, באַנק־ביכלעך וכדומה. אַנדערע האָבן נאָך דערצו געהאַט אייגענע הייזער און — אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אויטאָמאָבילן. קורץ, זיי האָבן געהאַט עפּעס פאַרמעגן וואָס האָט געשפּייזט זייערע באַזיץ־געפילן. דער לאָזונג, אַז די אַרבעטער האָבן גאָרניט וואָס צו פאַרלירן אויסער זייערע קייטן, איז בנוגע צו די בורזשואַפיצירטע אַרבעטער ניט געווען עקאָנאָמיש אין גאַנצן ריכטיק — און פּסי־

כּאַלאַגיש איז דאָס אודאי ניט געווען ריכטיק. די דאָזיקע אַרבעטער האָבן גע־קוקט אויף זיך ווי אויף אַ וויכטיקער טייל פון דער פּראָדוקציע און האַנדל־מאַשין און האָבן זיך צוגעשריבן צו אירע אייגענטימערס, ניט צו אירע קרבנות.

עס איז קלאָר, אַז סיי די קאָמערציעלע פונקציעס וואָס האָבן זיך געמערט אין לאַנד, סיי די פּראָפעסיעס, סיי די ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונגען, סיי די פּאַרוואַלטנדיקע און אויפזעערישע פּאָזיציעס אין דער אינדוסטריע, סיי די אַריסטאָקראַטיע פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געקאָנט רעקרוטירן נאָר פון שיכטן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ העכערן ווי דורכשניט בילדונג־ניוואָ און אַ פּריווילעגירטן סאָציאַלן סטאַטוס. דעם אויבן־אָן צווישן די דאָזיקע שיכטן האָבן פאַרנומען די אַנגלאָ־זאַקסישע עלעמענטן, וואָס אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבן זיי, ווי מיר האָבן געזען, אויסגעמאַכט אַרום 90 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד און וואָס מחמת דעם, וואָס זיי זיינען אַהער געקומען פריער און געקאָנט זיין ביי דעם אָנהייב פון יעדער פּראָצעס, האָבן זיי זיך תמיד געפונען אין אַ גינציקערער לאַגע פון אַנדע־רע. זיינען זיי טאַקע געוואָרן די אַריסטאָקראַטיע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. אויף ווי ווייט פּריווילעגירט עס איז דער סטאַטוס פון אָט דער אַריסטאָקראַטיע, וועט קלאָר ווערן ערשט ווען מיר וועלן אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלעך פאַר־גלייכן איר מצב מיט דער לאַגע פון אַנדערע עטנישע גרופּעס, דערווייל וויל איך נאָך אַמאָל ציטירן די בירדס:

> צווישן די אורבאַנישע מאַסן און זייערע צירקן און פּרייז־פּעכטן און דער פּלו־טאָקראַטיע מיט אירע „פּאַלאַצן״ און סאָציאַלע אַספּיראַציעס האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ ברייטער און אַקטיווער מיטלקלאַס וואָס איז געווען אַנגאַזשירט אין פּראָפעסיאָנעלע, מערקאַנטילישע און ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונגען. עס איז געווען אין אָט דער גרופּע, וואו די פרייע פּוריטאַנישע כאַראַקטעריסטיקעס פון שפּאָרזאַמקייט, ניכטערקייט און איינגעהאַלטנקייט (סעלף דעניאַל) האָבן גע־שיינט צו פאַרבלייבן לעבן און צו פּאַנאַנדערוויקלען זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן. עס איז געווען אין אָט דעם קלאַס, וואו זין און טעכטער פון דעם אַלטן קאָלאָניאַלן מין האָבן אין טויזנטער געפונען זייער וועג אַוועק פון די פאַרמס און מילן, בעת זייערע פּלעצער האָבן פאַרנומען אויסלענדער וואָס האָבן געשטראָמט אין לאַנד צו טאָן די „שוואַרצע אַרבעט.״

> צי די מיטגלידער פון אָט דער שיכט האָבן פאַרמאָגט אַ העכערן נאָרדישן טאַ־לאַנט, ווי אייניקע האָבן געזאָגט, אָדער זיי האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט קלעטערנדיק אויף די פּלייצעס פון די אומווויסנדיקע אימיגראַנטן, ווי אַנדערע האָבן געטענהט — סיי ווי האָט זייער טעטיקייט אָן ספק באַשטימט דעם צענטראַלן שטייגער פון דער צוקונפטיקער אַמעריקע. זיי האָבן געהערשט אין די שולן, קאָלעדזשעס

און פּראָפּעסיעס. זיי האָבן צוגעשטעלט די העכערע פּאָליטישנס און פּאָרמירערס פון דער עפנטלעכער מיינונג — שטאַטלייט, זשורנאַליסטן, ליטעראַרישע פּאַכלייט וואָס האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען אין דעם לויף פון אינטעלעקטועלע אינטערעסן. מיטגלידער פון אָט דעם קלאַס האָבן אויך פאָרמירט דעם רוקנביין פון פּראָטעסטאַנטישן קריסטנטום. זיי האָבן באַשטימט דעם געשמאַק אין קונסט און ליטעראַטור אויף אַ גרויסן שטח פון דער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט [1]).

האָבן מיר שוין אָן אָנטייט אויף דעם, ווער עס האָט אין צפון געטאָן די „שוואַרצע אַרבעט״ — אימיגראַנטן (אין דרום האָבן עס געטאָן נעגערס). אָבער איידער מיר רעדן פון דעם, לאָמיר אונטערציען אַ סך הכל פון דעם ביז איצט געזאָגטן.

.16

אין אַ ווילד לאַנד פון אומפאַרגלייכלעכער פּאָטענציעלער רייכקייט קומען מענטשן פון געוואַגטקייט און אַנטשלאָסנקייט און שטעלן דאָ אויף זייערע געצעלטן. זיי זוכן רו און זיכערקייט פאַר זיך און זייערע משפּחות; אָבער אַזאַ איז די לאַגע, וואָס זיי געפינען דאָ, אַז אינדיווידועלע רו און זיכערקייט קאָנען זיי האָבן נאָר דאַן, ווען זיי בויען ניט נאָר נעסטן פאַר זיך אַליין, נאָר ווען זיי פאַרלייגן אויך אַ יסוד פון אַ היים פאַר די מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען וואָס וועלן קומען נאָך זיי. זיי שטעלן זיך ניט קיין וועלט־איבעראַנדערשנדיקע צילן: זיי זוכן נאָר אַ מעגלעכקייט צו לעבן, ווי מענטשן פון זייער שטאַנד האָבן ניט געקאָנט לעבן אין זייער אַלטן וואוין־לאַנד. זייערע שטרעבונגען זיינען אַלט־וועלטישע שטרעבונגען. אין ענגלאַנד זיינען די העכערע טרעפּלעך פון דעם סאָציאַלן לייטער געווען פאַרנומען פון אַנדערע, לאָזן זיך די פּוריטאַנער אַוועק אויף אַ נייעם פּלאַץ, וואו זיי אַליין וועלן זיין די באַלעבאַטים פון דעם לייטער און וועלן קאָנען קלעטערן אַזוי הויך, ווי זיי ווילן. געזוכט האָבן זיי אַ ניי לאַנד, געשאַפן האָבן זיי אַ נייע וועלט.

קיינער ווייסט ניט, צי זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון פון די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט. איין זאַך איז זיכער: וואָלטן זיי געזוכט בלויז מאַטעריעלע פאַרבעסערונג, וואָלטן זיי קיין כּח ניט געהאָט די שוועריקייטן גובר צו זיין. זיי האָבן, חוץ דעם באַזיץ פון דעם סאָציאַלן לייטער, געמוזט נאָך פאַרמאָגן אַ גייסטיקן אידעאַל צו קאָנען זיך אויפהויבן ווען די פיזישע לאַסט איז געווען אומדערטרעגלעך, בלויז אַ דאַנק דעם סינטעז פון פּראַקטישע אינטערעסן און טיפער רעליגיעזער איבערציגונג איז מעגלעך געווען, אַז פון די סוביעקטיווע כּוונות פון די ערשטע סעטלערס

זאָלן אַרויסוואַקסן אָביעקטיווע סיטואַציעס וואָס האָבן געביטן דעם פּנים פון דער וועלט.

ווען דע טאָקוויל האָט געזאָגט, אַז די חסרונות פון אַמעריקע זיינען באַלד אַזוי נוצלעך, ווי אירע מעלות, האָט ער מיט דעם אייגנטלעך כאַראַקטעריזירט די גרונט־איינאַרטיקייט פון דער אַמעריקאַנער אַנטוויקלונג. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם פון די פּוריטאַנער און זייער אָפּגעבן זיך אויסשליסלעך מיט פּראַקטישער בוי־אַרבעט ביז צו דער אויסשליסונג פון עסטעטישע פאַרגניגנס, און די חוצפּהדיקייט, אומטאָלערנטקייט, אַוואַנטוריסטישע ריקזיכטלאָזיקייט און עמאַציאַנעלישקייט פון דעם פּראַנטירמאַן האָבן געשפּילט באַלד אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם אויפבוי פון אַמעריקע, ווי אירע קלאַסאַלע נאַטור־רייכטימער און מיליאַנען אַקערס פרייער באָדן. בראַזיל האָט מער לאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אירע נאַטירלעכע רייכטימער זיינען אין לשער, עס האָבן אָבער איר געפעלט די קאַדרען פון שמאַל־פּאַרעקשנטע פּיאָנערן, איז זי געבליבן הינטערשטעליק אויף אַסך דורות. קאַנאַדע איז אויך גרעסער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און צו אירע אוצרות האָט מען זיך נאָך כמעט ניט צוגערירט; זי האָט אָבער ניט געהאַט די נערוועאישע אומרואיקייט פון די קאָלאָניסטן און די הפקרדיקע פרייקייט פון דעם פּראַנטירמאַן — איז זי פּאַקטיש פאַרבליבן לער. ווען מען פאַרגלייכט בראַזיל און קאַנאַדע מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, זעט מען וואָס די נייע ציוויליזאַציע וואָס איז אויפגעקומען אין אַמעריקע באַטייט פאַר דער מענטשהייט.

אָבער טאָקע דערפאַר, ווייל דאָס בויען אַ נייע ציוויליזאַציע איז געווען אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג, האָט עס פאַרשלונגען גאָר די ענערגיע פון דער באַפעלקערונג, און עס איז איר ניט פאַרבליבן גענוג כוחות אויף צו בויען קולטור מיט דעם זעלביקן גראַד פון שנעלקייט.

דער סינטעז פון פּראַקטישע אינטערעסן און אידעאַליסטישע איבערצייגונגען האָט קיין פּסיכישן עקוויליבריום ניט געשאַפן אין אַמעריקע. גאַנץ אָפט זיינען די אינטערעסן געקומען אין קאָנפליקט מיט די איבערצייגונגען, און ווען דאָס איז געשען — האָבן די לעצטע זיך געבויגן פאַר די ערשטע. גייסטיקע ווערטן זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר קרבנות אויף דעם מזבח פון מאַטעריעלן פּראָגרעס; אַבסטראַקטע פּרינציפּן האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר די פאָדערונגען פון דעם אוטיליטאַריזם.

האָט זיך פון דעם אַלעם באַקומען, אַז די צווי פיס פון דער אַמעריקאַנער שעפערישקייט — די ציוויליזאַציע און קולטור — זיינען קיין מאָל ניט געגאַנגען אין איין טראַט. בעת איין פוס האָט זיך געריסן צו דעם 20טן יאָרהונדערט, האָט עס דעם צווייטן פוס אָפט געצויגן צו דעם 18טן יאָרהונדערט. בעת איין

פוס האָט גאַלאָפּירט, האָט דער צווייטער פוס זיך קוים געשלעפּט. אַ ווידער־שפּרוך? — זיכער. אָבער פאַרשטייט מען ניט אָט דעם ווידערשפּרוך, האָט מען ניט קיין שליסל צו די ווידערשפּרוכן, מיט וועלכן די אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט איז פול.

די זעלביקע אַמעריקע, וואָס באַציט זיך מיט אַזוי פיל באַוואונדערונג צו דעם מענטשן וואָס ווייזט אַרויס אינדיווידועלע געוואַגטקייט בנוגע צו מאַטעריעלע ענינים, באַציט זיך מיט מיסטרוי צו מענטשן וואָס זיינען אַנדערש אין גייסטיקער הינזיכט. די אַמעריקע, וואָס שפּיגלט זיך אין דעם שיין פון די אינדיווידועלע דערגרייכן פון אירע פּיאָנערן און בויערס, האָט אַנטוויקלט אַ טיראַניי פון דער מערהייט אין איר קולטורעלן גאַנג.

אָבער אפילו אַ טיראַניי פון דער מערהייט דאַרף האָבן עמיצן וואָס זאָל איר דירעקטירן און איר דינען ווי אַ ביישפּיל. דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ גייסטיק סדום־בעטל, מוז אויך זיין עמיצער וואָס האָט דאָס בעטל געשאַפן און איז פאַראינטערעסירט אַז עס זאָל בלייבן. דער עמיצער זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן די אַנגלאָ־זאַקסישע פּראָטעסטאַנטישע עלעמענטן. זיי זיינען די סאָציאַלע אַריסטאָקראַטיע פון לאַנד און דיקטירן די ריכטונג פון זייער באַוואוסטזיניקן גאַנג. זיי האָבן פאָרמירט די עפנטלעכע מיינונג; פון זיי האָט זיך רעקרוטירט די איינפלוסרייכסטע אינטעליגענץ; און זיי האָבן געגעבן דעם טאָן צו רעקרעאַציע און אַמוזירונג. צו זיי האָבן אַלע זיך געדאַרפט צופּאַסן, ווי עס וועט ווייטער ווערן קלאָר, און די גאַנצע סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען אַזאַ, וואָס זאָל די אָפּשטאַמיקע פון ענגלאַנד פאַרפעסטיקן אין זייער פּריווילעגירטן סטאַטוס.

וואָלטן זיי געבליבן זיצן אויף איין אָרט, וואָלט זייער איינפלוס ניט געווען אַזוי דעצידירנדיק. האָבן זיי אָבער פון זיך אויך אַרויסגעגעבן דעם פּראָנטירמאַן, וועלכער האָט זייער דאָמינאַציע צעטראָגן איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דעם ריזיקן לאַנד. דערצו זיינען זיי געווען פיזיש־געזונטע און פּרוכטבאַרע מענטשן. זיי האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט אויף אַן אומגלויבלעך־שנעלן אופן. די ערשטע צייטן פלעגט די באַפעלקערונג אין לאַנד זיך טאָפּלען אַלע 25 יאָר. ווי ווייניק אימיגראַציע האָט דערביי געשפּילט אַ ראָלע קאָן מען זען פון די ווייטערדיקע ציפערן, וואָס עדוואַרד דזשאַרוויס האָט צונויפגעשטעלט נאָך מיט 70 יאָר צוריק: פון 1790 ביז 1800 זיינען אין לאַנד אַריינגעקומען 44,282 אימיגראַנטן; פאַר די זעלביקע יאָרן איז דער נאַטירלעכער צוואוקס פון דער ווייסער באַפעלקערונג געווען — 1,090,158. אַקעגן אַ נאַטירלעכן צוואוקס פון 1,503,179 ווייסע נפשות אין די צען יאָר וואָס צווישן 1800 ביז 1810, זיינען אין לאַנד אַריינגעקומען 52,443 אימיגראַנטן. פון 1810

ביז 1820 איז געווען אַ נאַטירלעכער ווייסער צוואַוואוקס פֿון 1,924,148 נפשות און 80,100 אימיגראַנטן; פֿון 1820 ביז 1830 — אַ נאַטירלעכער ווייסער צוואוואוקס פֿון 2,532,032 און אַן אימיגראַציע פֿון 139,005 [1]). ערשט אין דער לעצטער טייל פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען דאָס לאַנד האָט שוין געהאַט אַ פֿעסטן קולטורעלן יסוד און אַן אויסגעפֿורעמטן לעבנס-שטייגער און איז גע־ווען אויפֿן וועג פֿון פֿולער סאָציאַלער סטאַביליזאַציע, איז די פּרוכטבאַרקייט און די געבירטיקייט פֿון די אַנגלאָזאַקסישע עלעמענטן געוואָרן קלענער [2]). איינוואַנדערונג איז קיין מאָל ניט געווען גרעסער פֿון דעם נאַטירלעכן צו־וואוקס — און די נאַטיווע באַפֿעלקערונג האָט זי געקאָנט אַן שווערקייטן קול־טורעל איינזאַפּן אין זיך.

אין די געגעבענע באַדינגונגען וואָלט עס געווען זייער שווער פֿאַר ניט־ענגליש־רעדנדיקע גרופּעס דאָ אָנצוהאַלטן זייער עטנישע אידענטיטעט אפֿילו ווען זיי באַגעגענען דאָ ניט קיין אַנדערע מניעות. עס זיינען אָבער, וועלן מיר זען אין דער ווייטערדיקער טייל, יאָ געווען אַנדערע מניעות — און דער רע־זולטאַט איז, אַז דאָס לאַנד, וואָס פּראָפֿעסאָר טורנער האָט כאַראַקטעריזירט ווי אַ נאַציע פֿון נאַציעס, האָט אין גאַנצן אויסגעמיטן מינדערהייט־קאָנפֿליקטן אויף דער נאַציאָנאַלער פּלאַן.

מיט אומגעפֿער 100 יאָר צוריק — דערציילט מאַרקוס ל. האַנסען — האָבן דריי שיפֿן, אָנגעלאָדן מיט דייטשן, פֿאַרלאָזן דעם האַפֿן פֿון האַמבורג. איין שיף איז געפֿאָרן קיין ניו אָרלעאַנס, די צווייטע — קיין רעאָ דע זשענעראָ, די דריטע — קיין אויסטראַליע. וואָס איז פֿון זיי געוואָרן? — דערציילט דר. האַנסען:

אין אַמעריקע האָבן די דייטשן זיך אַריינגעגאָסן אין דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג. אין בראַזיל רעדן די אָפּשטאַמיקע פֿון דער צווייטער שיף, וואָס געפֿינען זיך שוין איצט דאָרט אין דעם פֿערטן און פֿינפֿטן דור, דייטש, „טראַכטן דייטשיש און שטימען דייטשיש. זיי שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ טעווטאָנישן שטאַט אין דער בראַזילישער פֿעדעראַציע". וואָס איז שייך די פּאַסאַזשירן פֿון דער דריטער שיף, האָבן זיי „געגרינדעט אַ ישוב וואָס האָט אויפֿגעהאַלטן זיין דייטשע אינדיווידואַליטעט מיט אַסך מער פֿאַרעקשנקייט, ווי עס האָבן אַרויסגעוויזן זייערע לאַנדסלייט אין מיזורי [וואו די פּאַסאַזשירן פֿון דער ערשטער שיף האָבן זיך באַזעצט — ב. ש.] — און דאָס טראָץ דעם, וואָס אין אויסטראַליע זיינען זיי געווען אַרומגערינגלט פֿון אַן אַטמאָספֿער וואָס איז געווען נאָך גרינטלעכער אַנגלאָ־זאַקסיש" [3]).

ווי אַזוי און פֿאַרוואָס איז דאָס געשען? דאָס וועלן מיר זען אין דער צווייטער טייל.

צווייטע טייל

# אימיגראַנטן פון אייראָפּע

## .1

אין דער פריערדיקער טייל האָב איך גערעדט פון דעם סינטעז, וואָס אַמעריקע האָט געשאַפן צווישן פּראַקטישע אינטערעסן און גייסטיקן אידעאַליזם. אין ערגעץ מערקט זיך דאָס ניט אַזוי שטאַרק, ווי אין דער באַציאונג צו אימיגראַציע, הגם ניט אין דער באַציאונג צו אימיגראַנטן. אין משך פון וואָסערע הונדערט יאָר — זאָגט דער אָנגעזעענער פאָרשער פון מינדערהייט־פּראָבלעמען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ט. דזש. וואופטער, דזשוניאָר, — „זיינען עקאָנאָמישע אינטערעסן און פּאָליטישער אידעאַליזם זיך צונויפגעפאַלן לטובת אַ פּאָליטיק פון אַן אָפענער טיר"[1].

דעם פּאָליטישן אידעאַליזם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם קוקן אויף די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אויף אַ מקום מקלט פאַר אַלע קרבנות פון פּאָליטישע רדיפות, האָט פּרעזידענט זכריה טיילאָר פאָרמולירט אין אַ מעסעדזש צום קאָנגרעס אין 1841 אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „צו מענטשן פון אַנדערע לענדער שטרעקן מיר אויס אונדזער איינלאַדונג צו קומען זיך באַזעצן צווישן אונדז ווי מיטגלידער פון אונדזער משפּחה". אין אַ סך אַ פּאָעטישערער פאָרם האָט די איינלאַדונג איבערגעחזרט די יידיש־אַמעריקאַנישע דיכטערין עמאַ לאַזאַרוס, וואָס האָט זיך געווענדט צו דער וועלט צו שיקן אַהער אירע „מידע און אומגליקלעכע". אירע ווערטער האָט די רעגירונג אויסגעקריצט אויף אַ בראָנזענעם טאָוול און אויפגעהאָנגען אויף דער „סטאַטוע פון אומאָפּהענגיקייט", וואָס היט דעם אַריינגאַנג צום לאַנד. די וועלט האָט געענטפערט: פון 1820 ביז 1943 זיינען אין לאַנד אַריינגעקומען 38,394,753 אימיגראַנטן; פון זיי — פון איראָפּע אַליין 32,667,249. די איבעריקע זיינען געקומען פון אַלע וועלט־טיילן: פון די אַמעריקעס — 4,458,446; פון אַזיאַטישע לענדער — 921,238; דאָס רעשט — פון אַפריקע, אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד, פּאַציפישע אינזלען א. א. וו. פון אַט די אַלע אימיגראַנטן זיינען אַרום 30 מיליאָן געבליבן ווי תושבים אין לאַנד.

ווי מיר האָבן געזען, האָט די איינוואַנדערונג פון ניט־ענגליש־רעדנדיקע עלעמענטן זיך אָנגעהייבן גאַנץ פרי אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. ניט

געקוקט אויף דעם, וואָס אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע איז די באַפֿעלקע־רונג אין די קאָלאָניעס געווען אויף 90 פּראָצענט פֿון אַנגלאָ־זאַקסישן אָפּשטאַם, איז — צו ציטירן פּראָפֿעסאָר וויטקע — „דאָס אַמעריקאַנער בלוט אין 1776 שוין געווען היפּשלעך געמישט. אַפֿילו ניי־ענגלאַנד, וואו די פּוריטאַנער טאַ־טעס זיינען קיין מאָל ניט געווען צו גאַסטפֿריינטלעך צו מענטשן „וואָס זיינען געגאַנגען אויף אַנדערע דרכים״ בנוגע צו רעליגיע אָדער אַנדערע ענינים... האָט געהאַט אירע שאָטלענדער־אירלענדער אויף איר גרעניץ, איר הוגענאָטן אין די גרעסערע שטעט און אַ וויכטיקע יידישע קאָלאָניע אין ניופּאָרט, ראָד־איילענד״ [2]). דייטשן זיינען שוין געווען שטאַרק אָנגעזען אין פּענסילווייניע און האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעשפּרייט איבער די אַנדערע טיילן פֿון לאַנד, אַריינגערעכנט די דרום־שטאַטן. די דאָמינירנדיקע פּאָליטישע און קול־טורעלע אינסטיטוציעס זיינען טאַקע געווען ענגלישע, אָבער „דער איינפֿלוס פֿון ניט־ענגלישע אימיגראַנטן״ — זאָגט ווייטער וויטקע — „אויף דער סאָ־ציאַלער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿון קאָלאָניאַלער אַמע־ריקע איז געווען אַ באַטייטיקער״ [3]).

זינט דער מאָדערנער אַמעריקאַנער ישוב איז אַנטשטאַנען און ניט געקוקט אויף דער אומגעהייערער ראָלע וואָס איינוואַנדערונג פֿון דרויסן האָט אין אים געשפּילט, זיינען אין אים געווען עלעמענטן וואָס האָבן געקוקט מיט חשד, אומצוטרוי און קעגנערשאַפֿט אויף אימיגראַציע און אימיגראַנטן. די דאָזיקע עלעמענטן האָבן אַלע מאָל געפֿאָדערט פֿאַרמאַכטע טירן אין אַמע־ריקע און די פֿאָדערונגען מאָטיווירט מיט פֿאַרשיידענע אַרגומענטן, דורך וועל־כע עס האָט זיך אָבער דורכגעטראָגן איין כאַראַקטעריסטישער איינשטעל — דער איינשטעל, אַז ווייטערדיקע איינוואַנדערונג איז אַ געפֿאַר פֿאַר דעם סטאַביליזירטן סדר אין לאַנד. אָט דער איינשטעל איז אָנגעווענדט געוואָרן אויף אַלע עטנישע גרופּעס, אַריינגערעכנט, ווי מיר וועלן באַלד זען, ענגלענ־דער, און אין אַלע צייטן. אַמאָל איז די קעגנערשאַפֿט צו איינוואַנדערונג געווען מער אַגרעסיוו, אַמאָל ווייניקער אַגרעסיוו — אין גאַנצן פּאַסיוו איז זי קיין מאָל ניט געווען. און וואָס נענטער די אַנטוויקלונג פֿון דעם לאַנד איז צו־געקומען צו אונדזערע טעג, אַלץ מער דערפֿאָלג האָבן די שונאים פֿון אימיג־ראַציע באַגעגנט אין זייער אַרבעט. וואָופּטער האָט דורכגעשטודירט די אַנטי־אימיגראַציע ליטעראַטור פֿון דעם 20טן יאָרהונדערט און געקומען צו דעם שלוס, אַז פֿון 1900 ביז 1907 האָט זיך די קעגנערשאַפֿט צו ווייטערדיקער איינוואַנדערונג געדרייט אַרום עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן; פֿון 1907 ביז 1914 איז די מאָטיווירונג דער עיקר געגאַנגען אויף ראַסן־ און היגיענע־ליניעס; פֿון 1919 אָן — אויף פּאָליטישע און ראַסן־ליניעס [4]).

עס איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז אַלע אַרגומענטן און מאָטיוון, וואָס די קעגנערס פון אימיגראַציע האָבן אַרויסגערוקט אין דעם 20טן יאָרהונדערט, האָבן שוין אויך פיגורירט אין דעם 18טן יאָרהונדערט און אין דעם אָנהייב פון דעם 19טן יאָרהונדערט. דאַן זיינען זיי ניט געווען געריכט קעגן די קאַטאָליקן, יידן און גריכישע אָרטאָדאָקסן וואָס האָבן אין די אַכציקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט אָנגעהייבן קומען אַהער פון מזרח־אייראָפּע אין גרויסע מאַסן מיט דער אַזוי־גערופענער „נייער" אימיגראַציע, נאָר קעגן ענגלענדער, דייטשן, סקאַנדינאַוון און אַנדערע „נאָרדישע" פּראָטעסטאַנטן פון דער אַזוי־גערופענער „אַלטער" אימיגראַציע. „אַ צאָל פון די כאַראַקטעריסטישע פּראָבלעמען און אַרגומענטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אימיגראַציע־סיטואַציע" — שרייבט אין 1933 פּראָפעסאָר הענרי פּראַט פערטשיילד, אַליין אַ קעגנער פון אימיגראַציע, — „זיינען שוין געווען באַקענט לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע"; און ער ברענגט אַ צאָל באַווייזן דאָס צו באַשטעטיקן [5]).

אין 1727 האָט פּענסילוויינער אָנגענומען אַ געזעץ צו קאָנטראָלירן די איינוואַנדערונג נאָך דעם, ווי דער גאָווערנאָר האָט קאָנסטאַטירט אַז די אימיגראַנטן קענען ניט קיין ענגליש און האַלטן זיך צוזאַמען „אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַ באַזונדער פאָלק". 25 יאָר שפּעטער האָט בענדזשאַמין פרענקלין, אין אַ בריוו צו אַ פריינט, זיך געקלאָגט, אַז די דייטשן פאַרכאַפּן אַלצדינג אין פּענסילוויניע. זיי זיינען, טענהט ער, בדרך כלל, די נאַרישסטע און אומוויסנדיקסטע עלעמענטן פון זייער אייגענעם פאָלק און — זעצט ער פאָר — „סיידן דער שטראָם פון אימפּאָרטאַציעס וועט קאָנען געריכט ווערן פון אַט דער צו אַנדערע קאָלאָניעס... וועלן זיי אין גיכן [אונדז] איבעריאָגן אין צאָל, און אַלע פאָרצוגן וואָס מיר וועלן האָבן, וועלן, אין מיין מיינונג, ניט קאָנען אויפהיטן אונדזער שפּראַך, און אפילו אונדזער רעגירונג וועט זיך אָנהייבן שאָקלען".

וואָס איז שייך די אימיגראַנטן וואָס זיינען אָנהייב 19טן יאָרהונדערט געקומען פון ענגלאַנד, וואָס וועגן זיי האָבן די טעאָרעטיקער פון דעם „נאָרדיקיזם", אָנהייבנדיק מיט גענעראַל וואָקער, אין די שפּעטערדיקע יאָרן געהאַלטן אין איין זינגען, האָבן זיך וועגן זיי געהערט גאָר אַנדערע טענער אין דער צייט ווען זיי זיינען געקומען. זיי, מיט אַ צומיש פון נאָך אַ ביסל אימיגראַנטן פון „נאָרדישע" לענדער, האָבן אויסגעמאַכט דעם הויפּט־עלעמענט אין די אויסלענדישע קאָלאָניעס וואָס האָבן זיך געשאַפן אין די גרעסערע שטעט. דער עיקר זיי האָט עס געהאַט אין זיבעצן די ניו יאָרקער „געזעלשאַפט צו פאַרמיידן פּויפּעריזם", ווען זי האָט מיט אַ וואָסערע 130 יאָר צוריק אין אַן אָפיציעלן באַריכט געשריבן:

... פּויפּעריזם דראָט אונדז מיט איבערגוואַלטיקנדיקע קאָנסעקווענצן... [אונדזער] לאַנד איז אַ רעזאָרט פֿון אומגעהייערע צאָלן נייטבאַדערפֿטיקטע און מיזעראַבלע באַשעפֿענישן... מען געפֿינט זיי אָפּט הילפֿלאָז אויף אונדזערע גאַסן, זיי זוכן אַרבעט ביי אונדזערע טירן; מען געפֿינט זיי אין אונדזערע קצבה־הייזער און שפּיטאָלן; מען געפֿינט זיי אויף דער באַשולדיקונג באַנק אין אונדזערע קרימי־נעלע טריבונאַלן, אין אונדזער ברײַדוועל, אונדזער קאַרצער, אין אונדזער שטאַט־תּפֿיסה, און מיר באַדויערן צו זאָגן, אַז זיי ווערן דורך נויט, דורך זינד און גע־וויינהייט געטריבן צו פֿאַרמירן אַן אַרמיי פֿון רויב און דעגראַדאַציע, וואָס דאָס זעצט אויס אונדזער שטאַט צו דער פֿאַרמערונג פֿון פֿאַרברעכן...[6]).

מיט אַ דור שפּעטער האָט דער בירגערמייסטער פֿון ניו יאָרק, רעדנדיק, וועגן ניט־ענגלישע „נאָרדישע" אימיגראַנטן, זיך געקלאָגט, אַז די גאַסן פֿון דער שטאָט זיינען פֿול מיט אַ וואַנדערנדיקן המון „וואָס איז ניט צוגעפּאַסט צו אונדזער קלימאַט, איז אַן באַשעפֿטיקונג, אָן פֿריינט, רעדט ניט אונדזער שפּראַך, און וואָס האָט ניט אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן בנוגע שפּייז, אָדער קליידונג אָדער נאַכטלעגער, און איז מיט קיין זאַך ניט זיכער אויסער מיט צרות און אַ קבֿר"[7]).

אפֿילו דעם פּאָליטישן געשריי, אַז די „פֿרעמדע" גראָבן אונטער די יסודות פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונגס־פֿאָרם, — אַ געשריי וואָס האָט זיך אַזוי היל־כיק צעטראָגן איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, — אפֿילו אָט דעם געשריי האָט מען אויך געהערט אין די אַלטע צייטן. אין 1798 איז אָנגענומען געוואָרן דער באַרימטער „אויסלענדער ביל", וואָס האָט געגעבן דעם פּרעזידענט דאָס רעכט צו דעפּאָרטירן אימיגראַנטן וואָס ער וועט געפֿינען אַז זיי זיינען שעדלעך פֿאַר דעם לאַנד. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָבן דעם דאָזיקן געזעץ דורכגעפֿירט אין אַ היפּשער מאָס דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועלן קומען אַהער מענטשן וואָס זיינען אין איראָפּע אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די פּראָגרעסיווע געדאַנקען פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע און וועלן דאָ צושטיין צו דער דזשעפֿערסאָנישער באַוועגונג.

איך וועל זיך נאָך אומקערן צו די אַנטי־אימיגראַציאָניסטישע באַוועגונגען וואָס האָבן אין מיטן 19טן יאָרהונדערט אָנגענומען גאָר שאַרפֿע פֿאָרמען, דערווייל איז נייטיק צו קאָנסטאַטירן, אַז קעגנערשאַפֿט האָט מען אַרויסגעוויזן ניט נאָר לגבי שטאָטישע עלעמענטן, נאָר אויך לגבי לאַנדווירטשאַפֿטלעכע עלעמענטן — אפֿילו דאַן ווען פֿרייער באָדן איז נאָך אין לאַנד געווען לרובֿ.

## 2

פאַרזוכן צו קאָנטראָלירן און באַשרענקען אימיגראַציע אויף אַ שטאַט־מאָס־שטאַב האָבן זיך אָנגעהייבן אין 1830 און אָנגעהאַלטן 50 יאָר. אין 1882 איז ענדגילטיק באַשטימט געוואָרן אַז אימיגראַציע איז אַ פעדעראַלער ענין. ווי מיר האָבן געזען, האָבן די דאָזיקע פאַרזוכן תמיד געהאַט די אונטערשטיצונג פון אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, און די דאָזיקע טייל האָט אַרויסגעוויזן אַ כמעט אומאונטערגעבראָכענע טענדענץ צו וואַקסן אי אין צאָל אי אין השפעה. פרעגט זיך: פאַרוואָס־זשע איז ביז צו דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה אַריינגעקומען אין לאַנד אַן אָלץ־שטייגנדיקע איינוואַנדערונג, וואָס איז נאָר אין דער צייט פון בירגער־קריג און פון עקאָנאָמישע קריזיסן צייטווייליק אונטערגעבראָכן געוואָרן? איז דער ענטפער אַ צווייענדיקער: 1) דער רוף פון פרייען באָדן; 2) די אינדוסטריעלע עקספּאַנסיע.

נאָך אין מיטן 19טן יאָרהונדערט איז אויף יעדער אימיגראַנט וואָס איז אַריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען 374 אַקערס קהלשער באָדן, וואָס לפחות העלפט דערפון איז געווען טויגבאַרע אַגריקולטורעלע ערד. קיין אָפּאָזיציע, ווי מעכטיק זי זאָל ניט האָבן געווען, וואָלט אין אַזעלכע באַדינגונגען ניט געקאָנט פאַרצאַמען דעם אַטלאַנטיק פאַר אימיגראַנטן. דער פּראָגרעס פון לאַנד האָט געפאָדערט אַ גרעסערע באַפעלקערונג און דאָס האָט גובר געווען די קעגנערשאַפט צו אימיגראַציע. פאַר דער רעוואָלוציע איז צווישן די קאָלאָניעס אפילו אָנגעגאַנגען אַ מין קאָנקורענץ, וועלכע פון זיי וועט שנעלער פאַרגרעסערן איר באַפעלקערונג.

די לאַנד־הונגעריקע אימיגראַנטן זיינען געגאַנגען דער עיקר אין די צפון־שטאַטן. צוליב דער שקלאַפעריי האָט דער דרום געגעבן וויניק געלעגנהייט פאַר אַגראַרער אינטעסיפיקאַציע, און אודאי האָט ער ניט געהאַט קיין צוציאונגס־קראַפט פאַר שטאָטישע עלעמענטן. אפילו דאַן, ווען דער דרום האָט זיך אָנגעהייבן אינדוסטריאַליזירן, האָט ער אין די באַפרייטע נעגערס געהאַט אַזאַ ריזיקן רעזערוו פון ביליקער אַרבעטס־קראַפט, אַז ער האָט צו אויסלענדישער אימיגראַציע קיין מאָל ניט געדאַרפט אָנקומען. בלויז דער צפון, וואָס האָט דורכגעמאַכט די ראַשיקע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג וואָס איז באַשריבן געוואָרן אין דער ערשטער טייל, האָט זיך גענייטיקט אין איינוואַנדערונג פון דרויסן.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אַרויסגערופן אַ באַדאַרף אויף אַרבעטער וואָס דאָס לאַנד האָט אין פול ניט געקאָנט באַפרידיקן. אַ געוויסן פּראָצענט אַרבעטער האָט צוגעשטעלט די פאַרם, ווייל, ווי אומעטום, האָט דער קאַפּיטאַליזם

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פרי אָנגעהייבן אַ באַוועגונג וואָס האָט זיך גע־צויגן פון דאָרף אין שטאָט. אָבער אַ מאַסן־כאַראַקטער האָט דאָ די דאָזיקע באַוועגונג אָנגענומען ערשט סוף 19טן יאָרהונדערט; פריער זיינען ניט געווען קיין סך אומאָפּהענגיקע אַמעריקאַנער פאַרמערס וואָס זאָלן אַרויסוויזן אַ חשק צו ווערן אינדוסטריעלע לוין־אַרבעטער. חוץ דעם האָט דער פּראָצעס פון איינעמען דעם פראָנטיר וואַרשיינלעך אָפּגעצויגן מער מענטשן פון די שטעט, ווי די שטעט האָבן אָפּגעצויגן פון דער לאַנד־ווירטשאַפט, וואָס זי אַליין האָט אויך, ווי מיר האָבן געזען, דורכגעמאַכט אַ ריזיקע עקספּאַנסיע.

די שטאָטישע אָרעמשאַפט האָט צוגעשטעלט נאָך אַ טייל פון דער נייטיקער אינדוסטריעלער אַרבעט־קראַפט. אָבער דאָס איז געווען ווי אַ טראָפּן אין ים, בפרט ווען גאַנץ פרי האָט די אַנגלאָ־זאַקסישע „אַריסטאָקראַטיע" זיך אויסגע־לערנט צו ווייכן, אויף ווי פיל דאָס האָט זיך נאָר געלאָזט, פון שווערער „שוואַרצער" אַרבעט. בלויז אימיגראַציע פון אויסלאַנד האָט אויף אַזאַ שטייגער געקאָנט שטילן דעם הונגער אין אַרבעט־קראַפט. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַ־ליסט, דערצויגן אויף אַמעריקאַנער אוטיליטאַרישקייט, האָט זיך ניט געקאָנט אַריינלאָזן אין ראַסן־חקירות. „פונקט ווי דער נאַרדישער פלאַנטאַטאָר פון דעם דרום, אין זיין ליידנשאַפטלעכן זוכן עשירות, איז געווען גרייט צו דער־טרינקען זיין אייגענעם מין אין אַ מבול פון נעגערס פון די ווילדערבישן פון אַפריקע" — שרייבן די בירדס, — „אַזוי האָט דער נאַרדישער ווערקשטאַט־אייגנטימער, מיט זיין אויפמערקזאַמקייט געווענדט צו דיווידענטן, זיך ווייניק געקימערט וועגן דער נאַציאָנאַליטעט אָדער דעם קאָליר פון די, וואָס זיינען געדולדיק געשטאַנען ביי זיינע שפינדלען אָדער זיך געפּאַקט אין די טענעמענטן פון זיינע שטעט"[1].

ניין, אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט זיך ניט געקאָנט פאַרנעמען מיט ראַסן־טעאָריעס. ברייט האָט ער פאַנאַנדערגעעפנט די טויערן פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן פאַר אַלע וואָס האָבן געוואָלט קומען. און טאָמער האָבן זיי עס ניט געוואָלט שנעל גענוג און ניט אין די געהעריקע צאָלן, האָט קאַפּיטאַל אַרויסגעשיקט אַגענטן איבער כל תפוצות אייראָפּע צו אונטערוואַרעמען דעם ווילן מיט בלענדנדיקע בילדער פון אַ שיינענדיקער קעגנוואַרט און גלאָררייכער צוקונפט. דערביי האָט דער קאַפּיטאַליזם ניט פאַרגעסן אונטערצובעטן זיינע מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן מיט אַן אידעאַליסטישן אונטערשלאַק; ער האָט — אין די ווערטער פון די בירדס — דאָס באַטראַכט פאַר „העכסט־מאָ־ראַליש אויפצושרייבן אויף די טירן די פיינע הומאַניטערע פראַזע: „אַ מקום מקלט פאַר די אונטערדריקטע פון יעדער לאַנד"[2].

## 3

פּאַראורטיילן קעגן די „אונטערדריקטע פון יעדער לאַנד" האָבן אין דעם מקום מקלט ניט געפעלט — ניט אין די רוראַלע געגנטן, ניט אין די שטעט. עס איז אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די אימיגראַנטן וואָס זיינען געגאַנגען אויף לאַנד און די אימיגראַנטן וואָס זיינען אַריין אין דער אינדוסטריע. צווישן די ערשטע און דער נאַטיווער באַפעלקערונג איז זעלטן געקומען צו קאָנפליקטן; דערפאַר אָבער האָבן כמעט קיין מאָל ניט אויפגעהערט די קאָנפליקטן אין די שטעט צווישן די נאַטיווע און די אימיגראַנטן. די הויפּט-טענה איז געווען, אַז בעת די אַגריקולטורעלע אימיגראַנטן אַמעריקאַניזירן זיך שנעל, ווייזן די אינדוסטריעלע אימיגראַנטן אַרויס אַ טענדענץ זיך צו קאָנסטיטואירן ווי פרעמדע קאָלאָניעס אין דעם אַמעריקאַנער שטאַט. דאָס איז געווען אַ פאַראיינפאַכונג פון אַ קאָמפּליצירטער סיטואַציע, וואָס די נאַטיווע אַמעריקע האָט זיך ניט גענומען די מי געהעריק אָפּצושאַצן. דער אמת איז געווען, אַז די ניט-ענגליש-רעדנדיקע אימיגראַנטן וואָס זיינען געגאַנגען אויף לאַנד, זיינען די ערשטע צייטן כמעט קיין מאָל ניט געקומען אין באַריר מיט זייערע ענגליש-רעדנדיקע שכנים, ממילא האָט דאָס אויסגעמיטן רייבונגען. גראַד דורך איזאָלאַציע, זאָגט פּראָפעסאָר לאָרענס ג. בראַון, האָבן די דאָזיקע אימיגראַנטן אומגעשטערט זיך געקאָנט איינאָרדנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. יעדער אימיגראַנט — זעצט פאָר פּראָפעסאָר בראַון — מוז זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען, וואָס ער געפינט אין דעם לאַנד פון זיין איינוואַנדערונג. ווען מען האָט צו טאָן מיט אַ דערוואַקסענעם מענטשן, גייט די צופּאַסונג פון דעם אימיגראַנט פון דעם ערשטן דור ניט אין דער פאָרם פון „אַסימילאַציע, נאָר פון אַקאָמאָדאַציע אין באַגריפן פון זיין היימישער קולטור און דער סאָציאַלער סיטואַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן" [1]).

די אַמאָליקע אַגריקולטורעלע אימיגראַנטן האָבן זיך באַזעצט אין ווייניק-באַפעלקערטע געגנטן און האָבן זיך ניט צופיל געהאַט צו רעכענען מיט דער סאָציאַלער סיטואַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן; זיי האָבן דעריבער זיך מער געקאָנט אויסלעבן אין דער גייסטיקער ירושה און מיט די מנהגים, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די אַלטע היימען. מחמת זייער איזאָלירקייט, האָט אַזאַ אויסלעבן זיך קיינעם ניט געשטערט און קיינעם ניט אויפגעריסן די אויגן. אויף וויפיל ער האָט ניט אַנגערירט די אינטערעסן פון אַנדערע, פלעגט דער אימיגראַנט אויף זיין אייגן לאַנד קאָנען טאָן כמעט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געקאָנט רעדן זיין אייגענע שפּראַך און זיך פירן לויט זיינע אייגענע געוווינהייטן. אויף אַזאַ אופן האָט די צופּאַסונג גופא ניט געפאָדערט

פון אים קיין צו גרויסע אָנשטרענגונג און ער האָט גאָר זיין ענערגיע אָוועקגעגעבן אויף צו איינאָרדנען זיך עקאָנאָמיש. ער האָט, אין אַ גרעסערער מאָס, ווי דער אינדוסטריעלער אימיגראַנט, אויסגעמיטן גייסטיקע קאָנפליקטן מיט זיך אַליין. גראַד דאָס, וואָס ער האָט די ערשטע צייטן זיך צום ווינציקסטן צוגעפּאַסט צו דעם אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, האָט געמאַכט מעגלעך, אַז ער זאָל אינערלעך בלייבן גאַנץ אַ לענגערע צייט. דורך איזאָלאַציע האָט ער זיך אויסגעהיט פון דעם סאָציאַלן חלול, אין וועלכן ער וואָלט אַריינגעפאַלן, ווען ער וואָלט געדאַרפט אין גאַנצן זיך אָפּרייסן פון זיין היימישן שטייגער נאָך איידער ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו אינטעגרירן אין דעם אַמעריקאַנער סאָציאַלן געוועב.

געהאָלפן די אַמאָליקע אַגריקולטורעלע אימיגראַנטן אויסמיידן קאָנפליקטן מיט די תושבים האָט אויך דער פאַקט, וואָס אין רעליגיע האָבן זיך די ערשטע ניט אונטערגעשיידט פון די לעצטע: זיי האָבן אַלע געהערט צו דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן. קיין עקאָנאָמישע קאָנקורענץ איז צווישן די נייע און אַלטע פאַרמערס אויך ניט געווען. „די פריערדיקע אימיגראַנטן פון צפון־מערב אייראָפּע" — לייענט זיך אַ באַריכט פון דער נאַציאָנאַלער רעסורסן קאָמיסיע — „זיינען נאָך געקומען אין צייט צו נעמען אַנטייל אין דעם פּראָנטיר־פּראָצעס" [2]). אפילו די אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך גענומען צו לאַנדווירטשאַפט נאָך דעם בירגער־קריג, האָבן אויך ניט באַגעגנט קיין צו גרויסע קעגנערשאַפט מצד דער נאַטיווער באַפעלקערונג. פאַרקערט: איינע פון די פּאָפּולערע לאָזונגען וואָס מען האָט אַרויסגערוקט לטובת דעם האָמסטעד ביל, לויט וועלכן רעגירונגס־באָדן איז צעטיילט געוואָרן פריי צווישן די וואָס האָבן זיך אונטערגענומען עס צו באַאַרבעטן, איז געווען, אַז ער וועט פאַרקלענערן די ענגשאַפט אין די שטעט. ווען דאָס געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן, האָבן אַסך אימיגראַנטן זיך מיט אים באַנוצט. „זיי האָבן" — דערציילט פּראָפעסאָר לאָרענס בראַון — „זיך גלייך אַריבערגעצויגן אין די מערב שטאַטן, וואו זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין קאָלאָניעס און דאָרט פאַרגעזעצט צו לעבן אין די באַדינגונגען פון דער אייראָפּעאישער קולטור, און דאָס האָט געגעבן ווייניק אורזאַך פאַר דעזאָרגאַניזאַציע" [3]).

אויך אין די שטעט האָט פאַר די דערוואַקסענע אימיגראַנטן ניט געקאָנט, די ערשטע צייט, זיין קיין רעד פון אַסימילאַציע, נאָר פון אַקאָמאָדאַציע. און אַקאָמאָדירן זיך האָבן זיי געקאָנט נאָר דעמאָלט, ווען זיי זיינען ניט געבליבן אין גאַנצן אויסגעוואָרצלט פון דער אַלטער היים איידער זיי האָבן זיך איבערגעפלאַנצט אין דער נייער היים. זייער קאָנצענטרירן זיך אין באַשטימטע קוואַרטאַלן, וואו זיי האָבן אין מיניאַטור אַריבערגעטראָגן זייערע געבוירן־לענדער,

איז דעריבער געווען אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. די דאָזיקע קוואַרטאַלן האָבן פאַר די אימיגראַנטן געשאַפן אַ סביבה, וואו זיי האָבן זיך געזעלשאַפטלעך געקאָנט אויסלעבן און זיי געגעבן אַ געפיל, אַז זיי געהערן אין ערגעץ. אַזוי אַרום האָבן די אימיגראַנטן־קאָנצענטראַציעס אין די שטעט אויסגעפילט די זעלביקע פונקציעס וואָס די אימיגראַנטן־קאָלאָניעס האָבן אויסגעפילט אין דער לאַנד־ווירטשאַפט. זאָגט פּראָפעסאָר לאָרענס בראַון:

די אימיגראַנטן־קאָלאָניעס אין די אַמעריקאַנער שטעט היטן אויס דעם אימיגראַנט פון ווערן אַ גרעסערע פּראָבלעם, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט. בלויז אין דער געמיינדע פון אויסלענדער האָט ער בכלל וואָסער עס איז סאָציאַל לעבן, און די סעגרעגאַציע, פאַר וועלכער ער ווערט קריטיקירט, היט אים אויס פון דעזאָרגאַניזאַציע און דעמאָראַליזאַציע [4]).

אָבער זייער ווייניק אין דער נאַטיווער אַמעריקע, בפרט צווישן די יאַנקיס, האָבן פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די פּאָזיטיווע ראָלע פון די אימיגראַנטן־קוואַרטאַלן. די גרויסע מערהייט האָט די דאָזיקע קוואַרטאַלן ניט נאָר קריטיקירט, נאָר אויך שאַרף פאַרדאַמט און אפילו גערודפט. אויף די ברייטע שטחים פון דער אַמעריקאַנער אַגריקולטור זיינען די אימיגראַנטן־ישובים געווען רחבותדיקע קאָלאָניעס; אין די ענגע שטעט זיינען זיי געווען שמוציקע געטאָס: קליין־אירלאַנדס, קליין־איטאַליעס, קליין־פּוילנס, „טשיינטאַונס", וכדומה. ווי שטאַרק אָפּגעגרענעצט די איינוואוינער פון די געטאָס זאָלן ניט האָבן געווען פון דער נאַטיווער באַפעלקערונג, האָבן זיי ניט געקאָנט אויסמיידן אין גאַנצן באַריר מיט איר. זיי האָבן זיך יאָ געוואָרפן אין די אויגן און אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער אַריסטאָקראַטיע. זיי האָבן זיך אויך, ווי מיר וועלן זען ווייטער, אָנגעשטויסן אויף פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, וואָס דאָס האָט זייערע שוועריקייטן נאָך מער פאַרגרעסערט. ווי אַזוי די נאַטיווע אַמעריקע, וואָס האָט זיך אין גאַנצן געפונען אונטער יאַנקישער גייסטיקער און סאָציאַלער אָנפירונג, האָט זיך באַצויגן צו די אימיגראַנטן־קבוצים אין די גרויסע שטעט, אילוסטרירן די ווייטערדיקע ווערטער וואָס זיינען אַרויסגענומען פון אַ באַריכט, וואָס „די געזעלשאַפט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרעמע" האָט פאַרעפנטלעכט אין 1867:

אַזוי גרויס זיינען די אָנזאַמלונגען פון די פאַרשיידענע אויסלענדישע נאַציאָנאַליטעטן, אַז זיי זיינען שוין מער ניט אין הסכם מיט אונדזערע געוווינהייטן, מיינונגען און מאַניערן, נאָר, פאַרקערט, זיי באַשאַפן פאַר זיך אויסגעשפּראָכענע קבוצים וואָס זיינען כמעט אַזוי ווייניק אויסגעזעצט צו אַמעריקאַנער סענטימענטן

און השפּעות, ווי עס זיינען די איינוואוינער פון דובלין און האַמבורג. אַט דער פּרינציפּ אָדער טענדענץ פון סעגרעגאַציע טראָגט זיך אַריבער אויף זייער פּריוואַטן, סאָציאַלן און עפנטלעכן לעבן — און יעדער ניי־געקומענער אימיגראַנט פּאַרגרעסערט דאָס אין צאָל און כח. זיי האָבן זייערע אייגענע טעאַטערס, אונטער־האַלטונגען, פּאַרווייילונגען, מיליטערישע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס; און אין אַ גרויסער מאָס — זייערע אייגענע צייטונגען און פּעריאָדישע ליטעראַטור... בקיצור, היות ווי די דאָזיקע אויסלענדישע מאַסן האָבן ווייניק באַריר מיט דער נאַטיווער באַפעלקערונג, חוץ די פּאָדערונגען פון געשעפט, און לייענען ווייניק אַמעריקאַנער צייטונגען, — זיינען זיי בדרך כלל אַזוי אומוויסנדיק בנוגע צו אַלץ וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אינסטיטוציעס פון אונדזער לאַנד, פּונקט ווי עס וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט אַזעלכע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע אָדער אַזוי ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ געווען אונטערטאַנען פון אַ פרעמד לאַנד [5].

מיר האָבן געזען אין פריערדיקן קאַפּיטל, אַז מיט 50 יאָר פריער האָט די זעלביקע חברה געניצט כמעט די זעלביקע ווערטער אין שייכות מיט די אימיג־ראַנטן פון ענגלאַנד. איצט גייט עס וועגן אירלענדער און דייטשן. שפּעטער וועלן מיר הערן די זעלביקע רעד אין פאַרבינדונג מיט ייִדן און סלאַוון. זיי וועלן ניט דערציילן אַז די „אויסלענדישע קליין־לענדער" זיינען פאַר מיליאָנען מענטשן געוואָרן די בריק צו די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי וועלן אויך ניט דערציילן, אַז אימיגראַנטן האָבן זיך געמוזט אַריינשפּאַרן אין געטאָס, ווייל קיין אַנדער ברירה האָט זיי אַמעריקע ניט געגעבן.

קורצזיכטיקע פילאַנטראָפּן האָבן רחמנות געהאַט אויף די אימיגראַנטן און פונדעסטוועגן ניט באַנומען דעם טיפן אמת פון פּראָפעסאָר בראַונס גע־דאַנק, אַז מיט דעם, וואָס די אימיגראַנטן האָבן אַריבערגעטראָגן אַהער גאַנצע שטיקער פון זייערע אַלטע וואוין־לענדער, האָבן זיי זיך געראַטעוועט פון דעמאָראַליזאַציע. אימיגראַנטן־פרעסער האָבן אין די געטאָס געזען אַ שטער צו אַמעריקאַניזאַציע. זיי האָבן ניט געזען — און ניט געוואָלט זען — די אַנדע־רע זייט פון דער מטבע, נעמלעך, אַז דאָס אַריינלעבן זיך אין אַמעריקע איז ניט קיין איין־מאָליקער אַקט, נאָר אַ פּראָצעס, וואָס גייט דורך פאַרשיידענע עטאַפּן. די דאָזיקע עטאַפּן האָט פּראָפעסאָר טאַפּט אַזוי אָנגעצייכנט:

די דריי פּראָצעסן: סעגרעגאַציע, קאָנפליקט און אַסימילאַציע גיסן זיך אַריין איינער אין דעם אַנדערן. עס איז אַ טעות צו קוקן אויף זיי ווי זיי וואָלטן אין גאַנצן געגאַנגען אין סתירה איינער צו דעם אַנדערן. סעגרעגאַציע און קאָנ־פליקטן פאַרהאַלטן טאַקע די אַסימילאַציע, אָבער עס וועט זיין מער אַקוראַט צו טראַכטן וועגן אָט די דריי [פּראָצעסן] ווי פון אופנים פון צופּאַסונג, וואָס יעדער איינער האָט די טענדענץ זיך צו פאַרענדיקן אין דעם צונויפגוס פון קולטורן אָדער לכל הפחות אין קולטור־פאַרענדערונג [6].

די אַנטי־אימיגראַציע עלעמענטן האָבן אָט דאָס אַלץ ניט פאַרשטאַנען און פאַרגעזעצט זייער אַגיטאַציע קעגן איינוואַנדערונג: אָבער פאַרשליסן די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז זיי ביז צו דעם צווייטן פערטל פון דעם 20טן יאָרהונדערט ניט געלונגען: צו גרויס איז געווען די פאָדערונג פון דער בליענדיקער אינדוסטריע אויף אַרבעטס־הענט. ביז 1825 איז די איינוואַנדערונג געווען אַרום 10,000 אַ יאָר; אין 1837 איז אַריינגעקומען אין לאַנד אַרום 79 טויזנט אימיגראַנטן; אין 1842 האָט די צאָל שוין דערגרייכט אַרום 100,000: און אין 1854 זיינען אַריינגעקומען 427,833 אימיגראַנטן. אין דעם לויף פון אָט די דרייסיק יאָר זיינען פאַרגעקומען אַ פּאָר דעפּרעסיעס וואָס האָבן פאַראורזאַכט צייטווייליקע פאַרקלענערונגען אין דער איינוואַנדערונג. אין אַלגעמיין אָבער איז די טענדענץ געווען באַרג־אַרויף. רעדנדיק וועגן די יאָרן האַרט פאַר דעם בירגער־קריג, קאָנסטאַטירט פּראָפעסאָר פאַוקנער, אַז „קיין מאָל פריער אָדער שפּעטער... איז די צאָל אימיגאַנטן ניט געווען אַזוי גרויס אין פּראָפּאָרציע צו דער באַפעלקערונג״ [7]). אין 1870 זיינען אויף יעדער טויזנט מענטשן אין לאַנד געווען: 435 געבוירטיקע פון דאָ־געבוירענע עלטערן; 292 געבוירטיקע פון אימיגראַנטישע אָדער טיילווייס־אימיגראַנטישע עלטערן; 144 ווייסע אימיגראַנטן; 127 נעגערס; אייך אינדיאַנער און איין כינעזער.

הגם אַ גאַר היפּשער פּראָצענט פון דער אימיגראַציע פון יענער צייט האָט זיך געצויגן צו דער לאַנדווירטשאַפט, האָט אָבער די פּראָפּאָרציע פון אימיגראַנטן וואָס זיינען געבליבן אין די שטעט געהאַלטן אין איין שטייגן. די אַנטי־אימיגראַנטן־שטימונגען האָבן זיך אַנטשפּרעכנדיק פאַרשטאַרקט. כל זמן אָבער די איינוואַנדערונג האָט זיך רעקרוטירט דער עיקר פון ענגלאַנד און אַנדערע צפון־איראָפּעאישע לענדער, האָבן די דאָזיקע שטימונגען קיין גאָר ערנסטן כאַראַקטער ניט אָנגענומען. ערשטנס האָבן עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל (אויסער אין שפּראַך וואָס שייך די ניט־ענגליש־רעדנדיקע עלעמענטן) אימיגראַנטן פון צפון־איראָפּע ניט מיט קיין סך זיך אונטערגעשיידט פון די אַנגלאָ־זאַקסישע תושבים. צווייטנס זיינען זיי אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע געגאַנגען אויף לאַנד און געהאַט ווייניקער געלעגנהייט צו טרעטן אויף די היי־נער־אויגן פון דער „אַריסטאָקראַטיע״. דריטנס — און דאָס איז אפשר דער עיקר — האָט מחמת דעם, וואָס זיי האָבן געהערט צו דעם פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, געפעלט אין זייער באַציאונג מיט דער נאַטיווער באַפעלקערונג דער אויפרייצנדיקער מאָמענט פון רעליגיעזער צעטיילונג. גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער לאַגע האָט זיך אָבער באַקומען, ווען אימיגראַנטן פון דרום־אירלאַנד האָבן אָנגעהייבן צו שטראָמען אַהער אין ריזיקע כוואַליעס און פאַקטיש געשאַפן דאָס ערשטע פּאָליטישע מינדערהייט־פּראָבלעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

## 4.

ווען אַמעריקע וואָלט זיך באַוואוסטזיניק אַרויסגעלאָזט זוכן אַ גרופּע וואָס זאָל נעמען אויף זיך צו שפּילן די ראָלע פון אַן עטנישער מינדערהייט, וואָלט זי קיין פּאַסיקערע גרופּע, ווי די דרום־אירלענדער זיינען געווען צו דעם דריטן יאָרצענדליק פון דעם 19טן יאָרהונדערט, ניט געקאָנט געפינען.

אימיגראַנטן פון צפון־אירלאַנד — די אַזוי־גערופענע שאָטלענדער־אירלענדער — האָבן אָנגעהייבן צו קומען אין אַמעריקע נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבן זיי שוין געשפּילט אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע. אָבער אין זייערע אָדערן האָט געפלייצט אַסך אַנגלאָ־זאַקסיש בלוט און זיי האָבן געהערט צו דעם זעלביקן גלויבן וואָס די אָפּשטאַמיקע פון די בריטישע אינזלען — איז דעריבער פּאַקטיש צווישן די צוויי קיין נפקא־מינא ניט געווען. א נפקא־מינא איז יאָ געווען אין שייכות מיט דרום־אירלענדער, וואָס האָבן, אין קלענערע צאָלן, אויך אָנגעהויבן צו קומען אַהער גאַנץ פרי אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. עס איז אפילו פאַראַן א סברא, אַז אין מיטן 17טן יאָרהונדערט האָבן די ענגלענדער אַריינגעשיקט אין די קאָלאָניעס דרום־אירלענדער ווי שקלאַפן [1]. אויף זיכער איז דאָס קיין מאָל ניט באַוויזן געוואָרן, עס איז אָבער יאָ באַקענט, אַז דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט אויסגענוצט דעם האַס פון די דרום־אירלענדער קעגן ענגלאַנד אין דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט. פון די 300 טויזנט פונט, וואָס 92 פילאַדעלפיער סוחרים האָבן אין 1780 געשאַפן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, איז אַריבער אַ דריטל געקומען פון דער אירלענדישער חברה „די זין פון דעם הייליקן פּאַטריק" [2]. אין 1818 איז בלויז ביי דער אַרבעט אויף דעם אירי קאַנאַל געווען באַשעפטיקט אַרום 3000 אירלענדער. עס ווערט גערעכנט, אַז צו יענער צייט האָט זיך אין ניו יאָרק אַליין געפונען אַרום 10,000 אירלענדער.

אָבער וועגן אַ מאַסן־אימיגראַציע פון דרום־אירלאַנד קאָן מען רעדן ערשט אין שייכות מיט די צוואַנציקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט. ווי הויך די כוואַליעס פון דער דאָזיקער אימיגראַציע האָבן זיך נאָך דעם געהויבן קאָן מען משפּטן פון די ווייטערדיקע ציפערן: דער צענזוס פון 1850 ציילט אַן 961,719 אירלענדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן; צען יאָר שפּעטער ציילט שוין די צענזוס אַן 1,611,304 אירלענדער.

ווען דער שטראָם האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן פון דרום־אירלאַנד, איז די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי מיר האָבן געזען, געווען אַן אַגריקולטורעל לאַנד. דער קאַמף צווישן דאָרף און שטאָט איז שוין אָבער געווען אין פולן גאַנג.

דאָס איז געווען די צייט פון דער דזשעקסאָנישער עפּאָכע, וואָס האָט, פון איין זייט פאַרשאַרפט די געמיטער צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער באַפעלקערונג צוליב אירע סאָציאַל־פּאָליטישע רעפאָרמען און, פון דער אַנדערער זייט, פאַרלייגט אַ גיבציקן באָדן פאַר מאַסן־היסטעריע. די שפּאַנונג צווישן די צפון און דרום שטאַטן איז געוואָרן אָנגעצויגענער מיט יעדער טאָג.

אין אָט אַזאַ צערודערטער צייט הייבן אָן צו קומען אַהער אין די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער אומוויסנקייט און אָרעמקייט. געווען זיינען זיי אין דער אַלטער היים פּויערים און לאַנדאַרבעטער, דאָ באַזעצן זיי זיך אין די גרויסע שטעט און פאַלן אַריין אין דעם אומקוואַליציפירטן פּראָלעטאַריאַט. אויף וויפיל זיי האָבן זיך גלייך פון אָנהייב אורבאַניזירט קאָן מען זען פון דעם, וואָס אַרום דריי־פערטל פון דער אירלענדישער אימיגראַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אין די פאָלגנדיקע שטאַטן: ניו יאָרק, מאַסאַטשוסעטס, פּענסילווייניע, אילינאָיס, ניו דזשורזי, קאָנעטיקאַט, אָהייאָ, קאַליפאָרניא. אין אָט די אַכט שטאַטן האָבן זיי זיך באַזעצט אין 12 שטעט; און אין די דאָזיקע 12 שטעט האָבן זיי זיך אַריינגעפּאַקט אין עטלעכע גאַסן — און דאָרט געשאַפן פאַר זיך קליין־אירלאַנדס.

אויבן האָבן מיר שוין געזען ווי אַזוי עס האָט אויסגעקוקט דאָס ניו יאָרקער קליין־אירלאַנד. אָט איז אַ בילד פון קליין־אירלאַנד אין באָסטאָן אין דעם יאָר 1864:

די איינוואוינער שיינען פולשטענדיק צו איגנאָרירן פּערזענלעכע ריינקייט אויב ניט די סאַמע ערשטע פּרינציפּן פון אָנשטענדיקייט. זייערע אַלגעמיינע האַנדלונגען און אויסזען שטימען מיט זייערע מיזערנע וואוינונגען. אָט די גלייכגילטיקייט צו אייגענער און היים־ריינלעכקייט איז זיכער געקומען פון אַ לאַנגער פאַמיליאַרקייט מיט אַ העסלעכער אומגעגנט, וואָס איז אין היפּוך צו אַלע סאָציאַלע און מאָראַלישע פאַרבעסערונגען [3].

אין די ציטירטע ווערטער וואָס זיינען גענומען פון דעם באַריכט פון אַ שטאָט אינספּעקטאָר, איז דאָ מער ווי אַ בילד פון דעם פיזישן אויסזען פון דעם אירלענדישן געטאָ אין באָסטאָן; עס איז שוין אין זיי אויך דאָ די באַציאונג פון דער נאַטיווער באַפעלקערונג. און אָט איז נאָך אַ בילד פון דעם ניו יאָרקער דרייצענטן שטאָט־באַצירק, די צייט איז דיזעלביקע, די זעכציקער:

פון דער פערציקסטער צו דער פופציקסטער גאַס איז די אויסלענדישע באַפעלקערונג געווען דער עיקר אירלענדיש אָדער פון אירלענדישן אָפּשטאַם. [זי איז געווען] אַריינגעפּאַקט אין שמוציקע טענעמענטס [און געהאַט] די סאַמע אומריינסטע און דעגראַדירטסטע פּערזענלעכע געוויינהייטן [4].

מיט אַט דער גוואַלטיקער קאָנצענטרירטקייט אַליין האָבן די אירלענדער זיך שוין שטאַרק אויסגעצייכנט פון די אַנדערע אימיגראַנטן וואָס זיינען געקומען פאַר זיי און באַגלייך מיט זיי. זיי זיינען געבליבן אין די שטעט ערשטנס דערפאַר, ווייל עס האָבן זיי געפעלט די מינימום־מיטלען וואָס זיינען געווען נייטיק צו גיין אויף לאַנד; צווייטנס דערפאַר, ווייל די שטעט האָבן זיך אין זיי געניייטיקט בעת די לאַנדווירטשאַפט האָט זיך גריילעך געקאָנט באַגיין אָן זיי. די וואַקסנדיקע אינדוסטריע האָט, ווי מיר האָבן געזען, אויף דעם אינערלעכן אַרבעטמאַרק בשום אופן ניט געקאָנט געפינען די אומקוואַליפיצירטע אַרבעט־קראַפט, וואָס זי האָט באַדאַרפט האָבן. פונקט, ווי די קאָלאָניסטן האָבן זייער אַרבעט־קראַפט געשעפּט פון „פּאַרמשכנטע דינערס״ און די דרום־פּלאַנטאַטאָרן פון שוואַרצע שקלאַפן, אַזוי האָט די אינדוסטריע געשעפּט איר אַרבעט־קראַפט פון איראָפּעאישער אימיגראַציע און אין דער צייט, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ, דער עיקר — פון דרום־אירלאַנד.

דאָס איז געווען די צייט פון דער גרויסער קאַרטאָפל־אומגערעטעניש אין אירלאַנד, וואָס האָט אין יענעם לאַנד פאַראורזאַכט אַ מוראדיקן הונגער און האָט גרויסע מאַסן אירלענדער געטריבן צו וואַנדערן. אָבער וויכטיקער נאָך פון דעם פיזישן הונגער אין אירלאַנד, איז געווען דער הונגער נאָך „שוואַרצע״ אַרבעטס־הענט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אויף צוציען אימיגראַנטן — זאָגט העלען ל. סומנער — „האָט אין אַלגעמיין די פּראָספּעריטעט פון אָט דעם לאַנד (אַמעריקע) געהאַט אַ גרעסערע השפּעה איידער די איבערבאַפעלקערונג און אָרעמקייט פון די פרעמדע לענדער, ווייל די גרויס פון דער אימיגראַציע פּאַסט זיך שנעל צו. צו די פלוקטואַציעס פון די אינדוסטריעלע באַדינגונגען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן״ [5]).

ווען מען רעדט פון אינדוסטריע סתם, באַקומט מען נאָך ניט קיין קלאָרן באַגריף פון די פונקציעס, וואָס די אירלענדער האָבן דאָ אויסגעפילט, און ניט פון דער אומגלייבלעכער עקספּלואַטאַציע, וואָס זיי זיינען דאָ אויסגעשטאַנען איידער זיי אַליין האָבן גראַדואירט צו „אינטעליגענטערע״ פאַכן. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז זיי זיינען די ערשטע יאָרן געווען באַשעפטיקט אין שמוציקער, דרויסנדיקער אַרבעט, ביים גראָבן קאַנאַלן, לייגן וועגן, טריקענען זומפּן, איינפירן סאַניטאַציע, טראָגן שווערע פּעק וכדומה. דאָס איז געווען שרעקלעך־שלעכט באַצאָלטע אַרבעט, וואָס האָט געהאַלטן די אירלענדער אין ענגקייט און קויט, אין קראַנקייט און אָפּגעלאָזנקייט און דערמוטיקט צווישן זיי שכרות. ווען מען נעמט דאָס אין זינען, פאַרשטייט מען, ערשטנס, פאַרוואָס מען האָט צווישן די יאַנקיס און אַנדערע „נאָרדישע״ יחסנים ניט געקאָנט געפינען קיין בעלנים אויף צו נעמען אויף זיך אַזעלכע פונקציעס און, צווייטנס,

פֿאַרוואָס פּונקט דאַן, ווען די אַנטי־אימיגראַנטן, און ספּעציעל אַנטי־אירלענדער שטימונגען, האָבן זיך געהויבן אין לאַנד, האָט קאַפּיטאַל דערמוטיקט — און צייטנווייס אפֿילו פֿינאַנסירט — אַן אימיגראַציע פֿון אירלענדער. דאָס איז איינער פֿון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון דער אַמעריקאַנער באַציאונג צו איינוואַנדערונג אין די צייטן, ווען דאָס לאַנד האָט זיך אין איינוואַנדערונג געניי־טיקט. אַמעריקע האָט געזוכט אימיגראַציע און האָט זיך באַצויגן מיט פֿאַראַכטונג, אָפֿט מיט שנאה, צו אימיגראַנטן.

קאַפּיטאַל האָט געמוזט האָבן די „שוואַרצע" אַרבעטער, אָבער אַז זיי זיינען אַהער געקומען — האָט ער זיי איבערגעלאָזט אויף אייגענעם באַראָט און זיי אויסגעוויזן צו די פֿאַראורטיילן פֿון אַן אומפֿריינטלעכן אַרום. מאַסן אירלענדער זיינען אַהער געקומען קראַנק און אָפּגעשוואַכט פֿון דעם הונגער און מגפֿות וואָס האָבן געהערשט אין זייער אַלטן היימלאַנד — אַמעריקע האָט זיך ווייניק געקימערט. „קאַנאַדע און די פֿאַראייניקטע שטאַטן" — זאָגט שאַונעסי — „האָט אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס די פּליכטלינגען, אָבער נאָר כּדי אין טויזנטער און טויזנטער פֿאַלן צו שטעלן אַ קבֿר פֿאַר די וואָס האָבן מער ניט געקאָנט ווידערשטיין דאָס קויקלען פֿון די חולאתן און די שוועריקייטן פֿון דער ים־רייזע און דעם שוידערלעכן שיף־פֿיבער". שאַונעסי גיט צו:

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זיינען די שפּיטאָלן פֿון די מזרח־שטעט געווען אָנגעפֿילט מיט קראַנקע אירלענדער; עס איז אוממעגלעך אָפּצושאַצן די צאָל טויטפֿאַלן אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס, שוין אָפּגעזען פֿון דער גרויסער צאָל וואָס זיינען אויסגעגאַנגען אין פּריוואַטע היימען [6].

מען האָט געמאַכט אַ צאָל פֿאַרזוכן דרום־אירלענדישע אימיגראַנטן אַריבערצופֿירן אויף ערד. נאָך אין 1818 האָבן עטלעכע אירלענדישע חבֿרות איבערגעגעבן דעם קאָנגרעס אַ פּעטיציע, אין וועלכער זיי האָבן געבעטן אַ שטיק לאַנד אין אילינאָיס וואָס זאָל זיין צו פֿאַרקויפֿן בלויז צו אירלענדער אויף לאַנגטערמיניקע קרעדיטן און וואו זיי זאָלן קאָנען אויפֿבויען אַ „נייע און גליקלעכע אירלאַנד". דער קאָנגרעס האָט די פּעטיציע צוריקגעוויזן. אַ צווייטער פֿאַרזוך צו גרינדן אַן אירלענדישן שטאַט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָדער קאַנאַדע איז געמאַכט געוואָרן אין 1856. די געזעלשאַפֿט צו העלפֿן אירלענדישע אימיגראַנטן האָט פֿאַר דעם צוועק אָפּגעהאַלטן אַ צוזאַמענפֿאָר אין באַפֿאַלאָ; אויך אָט דער פֿאַרזוך האָט זיך ניט איינגעגעבן. אַ ביסל מער הצלחה האָט געהאַט בישוף ספּאַלדינג. ער האָט געשאַפֿן די אירלענדיש־קאַטוילישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפֿט, וואָס האָט געגרינדעט אַ צאָל קאָלאָניעס. אָבער די געזעלשאַפֿט האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט האַלטן און אין 1891 האָט זי זיך אויפֿ־

געלייזט. די אירלענדער האָבן פון די שטעט ניט געוואָלט, און ניט געקאָנט זיך רירן.

אָט דאָס אַלץ, וואָס איז אויסגערעכנט געוואָרן אין די פריערדיקע פּאַראַגראַפן איז פאַר זיך אַליין געווען גענוג אויסצעטיילן די אירלענדער פון די אַנדערע אימיגראַנטן — און אודאי פון דער נאַטיווער באַפעלקערונג — און אויסזעצן זיי צו אַן אויבן־אַראָפּ באַציאונג מצד דער אַרום. דאָס אַליין, פון דער אַנדערער זייט, איז אָבער געווען גענוג צו וואַרעמען אין זיי אַן עטנישע גרופּע־סאָלידאַריטעט. די פאַראַכטונג פון דרויסן האָט געשמידט די גרופּעשקייט פון אינווייניק. אָבער עס זיינען געווען אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געשפּילט נאָך אַ גרעסערע ראָלע סיי אין דער אומפּריינטשאַפט פון דרויסן סיי אין דער צעמענטירטקייט פון אינווייניק.

די אַנדערע אימיגראַנטן פון דער „אַלטער" אימיגראַציע זיינען געווען קינדער פון פרייע — צומאָל אפילו הערשנדיקע — פעלקער. די אירלענדער האָבן געהערט צו אַן אונטערדריקט פאָלק. די ערשטע האָבן מיט זיך ניט געבראַכט קיין נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דער היים, בעת די לעצטע האָבן מיטגעבראַכט אַ ביטערן באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער געקריוודעטקייט. אין זיי האָט געגליט באַגער צו באַפרייען זייער לאַנד און אַ האַס צו די אונטערדריקער פון זייער פאָלק. זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע דערפאַר, ווייל די ביטערע עקאָנאָמישע נויט, וואָס דער פרעמדער באַהערשער האָט פאַראורזאַכט, און די פּאָליטישע רדיפות, וואָס ער האָט דורכגעפירט, האָבן זיי פאַרטריבן פון זייער באַליבט פאָטערלאַנד. זיי זיינען געקומען מיט דעם באַשלוס פון דאַנען פאָרצוזעצן דעם קאַמף פאַר אירלאַנדס זעלבסטשטענדיקייט און געפונען האָבן זיי, אַז די אָפּשטאַמיקע פון דעם פאַרהאַסטן ענגלאַנד זיינען די באַלעבאַטים אויך פון דעם נייעם לאַנד. און געזען האָבן זיי אַז דאָס זיינען די זעלביקע אָפּשטאַמיקע פון ענגלאַנד, וואָס עקספּלואַטירן די אירלענדער אַזוי שענדלעך און פאַרפאָלגן זיי אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. „די אַריינפאַרנדיקע אירלענדער" — שרייבט עדוואַרד פ. ראָבערטס — „זיינען געשטאַנען פאַר דעם פאַקט, אַז די עפנטלעכע מיינונג איז אין זייער נייער היים געשטאַלטיקט און דירעקטירט געוואָרן דורך מענטשן, וואָס האָבן פון זייערע [די אירלענדערס] אונטערדריקערס געירשנט אַסך פון די פאַראורטיילן און אַנטיפּאַטיעס" [7].

צוליב אָט די פאַראורטיילן און אַנטיפּאַטיעס האָבן די היגע אירלענדער ניט געקאָנט פאַרגעסן די אומרעכט, וואָס ענגלענדער זיינען כלפּי זיי באַגאַנגען אין אירלאַנד, אפילו ווען זיי וואָלטן דאָס געוואָלט פאַרגעסן. פּיינלעכע איבערלעבונגען אין דער נייער היים האָבן זיך פאַראייניקט מיט ביטערע זכרונות פון דער אַלטער היים און האָבן צוזאַמען געהאַלטן הייס אין דעם איר־

לענדער דעם האַס צו ענגלאַנד. אַט דער האַס, וואָס איז נאָך אַפילו הײַנט גענוג שטאַרק, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטן פאַקטאָרן אין צעמענטירן די אירלענדישע עטנישע גרופּעשקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך אַ פאַקטאָר — אפשר דער דער וויכטיקסטער — איז געווען די קאַטוי־לישע קירכע. „דער באַטייט פון די אירלענדער אין דער געשיכטע פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און די ראָלע פון דער קירכע אין דעם לעבן פון די אירלענדער איז אַזוי אַלגעמיין אָנערקענט" — זאָגט פּראָפעסאָר וויטקע — „אַז די באַהויפּטונג אַז די קאַטוילישע קירכע אין אַמעריקע איז אין די אַכצן־פערציקער געוואָרן דער עיקר אַן אימיגראַנטן־קירכע און האָט פאַר יאָרצענדליקער פאַרגעזעצט צו באַקומען אירע וויכטיקסטע צוואוקסן פון אויסלאַנד, וועט קוים פון וועמען עס איז וואָס איז באַקענט מיט די פאַקטן, אָפּגעפרעגט ווערן" [7]).

און דערמאָנט מען זיך, אַז די אירלענדער זײַנען אין מיטן 19טן יאָרהונ־דערט געווען אין דער גרעסטער מאָס באַשעפטיקט ווי שוואַרצע אַרבעטער אין עפנטלעכע אונטערנעמונגען און אין פאַבריקן, באַגרײַפט מען ערשט די ריכ־טיקייט פון וויטקעס ווייטערדיקע באַמערקונג:

> אין ניי־ענגלאַנד, ווי אין מערב, קאָן מען די אויסשפּרייטונג פון די קאַטוילישע קלויסטערס גרינג אָנצייכענען, ווען מען פאָלגט נאָך אַ מאַפּע פון אינלענדישע [סאַניטאַרישע און וועגן־] פאַרבעסערונג־פּראָיעקטן און פון דער גרינדונג פון פאַבריק־שטעט [8]).

אַזוי אַנטשיידנדיק איז געווען די קאַטוילישע קירכע אין דעם לעבן און אַנטוויקלונג פון די אירלענדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז עס איז נייטיק וועגן דעם ענין קאַטויליציזם און דער באַציאונג צו אים מצד דער פּראָטעס־טאַנטישער מערהייט צו רעדן אויספירלעכער.

## 5.

מען האָט קאַטאָליקן אין אַמעריקע די ערשטע צייטן זייער און זייער ניט ליב געהאַט.

ווען די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס זײַנען אויפגעקומען, איז די רעפאָרמאַ־ציע אין דער קריסטלעכער רעליגיע געווען נאָך ניט סטאַביליזירט. אין ענג־לאַנד גופא איז דער קאַמף צווישן דעם פּראָטעסטאַניזם און דעם קאַטויליציזם נאָך געווען זייער העפטיק און ביטער. רעליגיעזער פאַנאַטיזם און אומטאָלע־ראַנץ איז געווען גוואַלטיק פאַרשפּרייט. די פּוריטאַנער, וואָס זײַנען ביי זייער

קומען אַהער, נאָך אַמאָל צו ציטירן פּראָפעסאָר מעריאַמס כאַראַקטעריזאַציע, געווען מער פֿאַראינטערעסירט אין שאַפֿן אַ קירכע ווי אַ פּאָליטישן שטאַט, זיינען דערגאַנגען צו דער גרינדונג פֿון אַ טעאָקראַטיע, וואָס איז מיט אירע שאַרפסטע שפּיצן געווען געריכט קעגן דער קאַטוילישער קירכע — אויב ניט אַקטיוו, ווייל קאַטאָליקן זיינען דאַן נאָך ניט געווען אין לאַנד, איז פּאָטענציעל.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איינער פֿון די מאָטיוון, וואָס פּעטער סטייוועסאַנט האָט אָנגעגעבן אין זיין פּעטיציע צו דער דאַטש-אינדישער געזעלשאַפט צו באַגרינדן זיין פֿאָדערונג ניט אַריינצולאָזן יידן אין ניי-אַמסטערדאַם (די שפּעטערדיקע ניו יאָרק) איז געווען, אַז אַריינלאָזן יידן וועט פֿירן צו דעם אַז קאַטאָליקן וועלן אין ניי-אַמסטערדאַם אויפֿבויען אַ קירכע. אין די פֿאַראָרדנונגען וואָס האָבן געבראַכט צו דער גרינדונג פֿון דזשאָרדזשיאַ איז געווען איינגעשריבן, אַז אין דער קאָלאָניע דאַרפֿן אַלע האָבן פֿרייהייט פֿון גלויבן, אַריינגערעכנט יידן, אָבער ניט קאַטאָליקן אָדער פּאַפּיסטן, ווי גאָטספּאַרכטיקע פּראָטעסטאַנטן האָבן ליב געהאַט קאַטאָליקן צו רופֿן. מערילאַנד, וואָס לאָרד באַלטימאָר האָט געגרינדעט מיט דעם צוועק צו שאַפֿן אַ מקלט פֿאַר קאַטאָליקן, האָט זיך שנעל פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאָלאָניע וואָס האָט קאַטאָליקן גרויזאַם גערודפֿט. אין מאַסאַטשוסעטס האָט די ערשטע צייטן געדראָט קאַטאָליקן טויט-שטראָף פֿאַר באַטרעטן דעם באָדן פֿון דער קאָלאָניע.

באַגרעניצונגען אויף קאַטאָליקן האָבן געהערשט אין פּאַקטיש אַלע קאָלאָניעס, מיט דעם אָננעמען פֿון דער קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט דורכגעפֿירט אַ גרינטלעכע פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון שטאַט און קירכע, זיינען נאָך ווייט ניט אָפּגעשאַפֿן געוואָרן די אַנטי-קאַטוילישע געזעצן וואָס די באַזונדערע שטאַטן האָבן געהאַט אין זייערע סטאַטוטן. שרייבט דער קאַטוילישער פֿאָרשער שאונעסי:

> דער איינציקער לאָגישער אויספֿיר איז... אַז די פֿאַרשריפֿטן פֿון דער פֿעדעראַלער קאָנסטיטוציע האָבן גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט רעליגיעזער פֿרייהייט אין די שטאַטן. דער אמת איז אַז ווען די נייע צענטראַלע רעגירונג איז געגרינדעט געוואָרן, איז די קאַטוילישע קירכע געווען פֿריי און אומגעפּענטעט אין בלויז פֿיר שטאַטן; אין נאָך צוויי זיינען די באַדינגונגען געווען צו דערליידן; בעת אין די איבעריקע זיבן איז די קירכע געווען דער אָביעקט פֿון רעסטריקציעס וואָס האָבן ניט געקאָנט ניט פֿאַרהאַלטן איר וואוקס [1].

ניו העמפּשייר האָט אירע קאָנסטיטוציאָנעלע דיסקרימינאַציעס קעגן קאַטאָליקן (און אַנדערע ניט פּראָטעסטאַנישע גרופּעס) ניט אָפּגעשאַפֿט אין גאַנצן ביז 1876. ערשט אין 1833 האָט מאַסאַטשוסעטס אַרויסגענומען פֿון

דער שבועה, וואָס שטאַט־באַאַמטע האָבן געדאַרפט אָפּגעבן ביים אַריינטרעטן אין אַמט, אַ פּונקט וואָס איז געווען געריכט קעגן קאַטאָליקן. אין ניו יאָרק האָבן די רעסטריקציעס קעגן קאַטאָליקן אָנגעהאַלטן ביז 1806. ניו דזשורזי האָט ביז 1844 דערלויבט בלויז פּראָטעסטאַנטן צו האַלטן עפנטלעכע אַמטן. אין קאָנעטיקאָט איז קאָנגרעגאַציאָנאַליזם פּאַקטיש געווען אַ שטאַט־רעליגיע ביז 1818. דרום־קאַראָליינאַ האָט ערשט אין 1790 צוריקגערופן די קאָנסטי־טוציאָנעלע אָנערקענונג פון דעם פּראָטעסטאַנטיזם ווי אַ שטאַט־רעליגיע. צפון קאַראָליינאַ האָט ביז 1835 באַשרענקט דאָס האַלטן עפנטלעכע אַמטן צו פּראָטעסטאַנטן.

די ווידעראַנאַנדיקייט צווישן דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע און די געזעצן פון די באַזונדערע שטאַטן געהערט אויך צו די ווידערשפּרוכן אין דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, וואָס פון זיי איז גערעדט געוואָרן אין דער ער־שטער טייל פון אָט דער אַרבעט. די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע איז, ניט גע־קוקט אויף אירע וועזנטלעכע אָפּווייכן פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענ־גיקייט, געווען אַ נייער פּאָליטישער דאָקומענט וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין רעזולטאַט פון אַ רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד און וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר אַ נייער נאַציע. אין די קאָנסטיטוציעס פון די באַזונדערע שטאַטן, דער־קעגן, האָט זיך נאָך זייער שטאַרק געפילט די השפּעה פון דער געזעצגעבונג און די מנהגים פון דער ענגלישער הערשאַפט. די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען אַ נייע מדינהשאַפט; די באַזונדערע שטאַטן זיינען נאָר געווען טראַנס־פאָרמאַציעס פון די פריערדיקע קאָלאָניעס — האָבן זיי פון דעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד אַריבערגעטראָגן אַ גרעסערע טייל פון דער גייסטיקער ירושה, אין וועלכער פאָראורטיילן קעגן מענטשן וואָס זיינען אַנדערש איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר.

אויף דער נאַציאָנאַלער רעגירונג איז נאָך געלעגן דער שטעמפּל פון יענעם וואונדערלעכן קאָדער וואָס האָט דורכגעפירט די רעוואָלוציע און וואָס, פון דעם שטאַנדפּונקט פון מאָראַלישער הויך און אינטעלעקטועלער קאַפּאַצי־טעט, איז ער געווען אומפאַרגלייכלעך. אַדמיניסטראַציעס וואָס זיינען צונויפ־געשטעלט געוואָרן פון פירערס פון אָט אַזאַ פאָרנעם, האָבן געהאַט דעם מוט צו דערקלערן, ווי דאָס האָט געטאָן די פעדעראַלע רעגירונג אין אַן אָפּמאַך, וואָס זי האָט אין 1796 געשלאָסן מיט טריפּאָלי, אַז די רעגירונג פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן איז „אין קיין שום זין ניט באַזירט אויף דער קריסטלעכער רעליגיע״. היינט וואָלט קיין שום אַמעריקאַנער רעגירונג ניט געוואָגט צו מאַכן אַזאַ דערקלערונג; און ניט קיין קליינע ראָלע האָט אין דער ענדערונג פון דעם מאָראַלישן קלימאַט געשפּילט דער גייסט וואָס האָט לכתחילה געהערשט

אין די באַזונדערע שטאַטן. מען דאַרף צוגעבן, אַז דער דאָזיקער גײסט איז געװען נענטער צו דער פּסיכיק פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק, װאָס איר אַנט־װיקלונג און אויספֿאָרמירונג האָבן מיר אַנאַליזירט אין דער ערשטער טײל, װי דער גײסט פֿון די „אַגנאָסטיקער" און „אַטעאיסטן" — װי די פֿרומע פֿלעגן זײ רופֿן — װאָס האָבן אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע פֿון אומאָפּהענגיקײט. אפֿשר האָט קײן זין ניט צו רעדן פֿון בענטער און װײטער: ריכטיקער װאָלט געװען צו זאָגן, אַז אויף די פֿליגלען פֿון דעם רעװאָלוציאָנערן אויפֿשװאונג האָט זיך די יונגע אַמעריקאַנער רעפּובליק אויפֿגעהויבן צו זײער אַ גרויסער הויך, פֿון װעלכער זי האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן װען די קװאַליעס פֿון דעם אויפֿשװאונג האָבן זיך געזעצט. דאָס האָט גענומען עטלעכע יאָר — אפֿשר די אײנציקע עטלעכע יאָר אין משך פֿון דער אַמעריקאַנער געשיכטע, װען דער באַלאַנס צװישן די מאַטעריעלע און גײסטיקע פּאָטענצן פֿון דעם לאַנד איז געװען מער אָדער װײניקער אויסגעגליכן. און עס איז קײן װאונדער ניט, װאָס אויסגעגליכן האָט אים די פּאָליטיק: װי מיר האָבן געזען אין דער ערשטער טײל, איז די פּאָליטיק די בריק צװישן ציװיליזאַציע און קולטור.

און עס איז געװען נאָך אַ זײער װיכטיקע אורזאַך, פֿאַרװאָס עס האָט אין דער פֿעדעראַלער קאָנסטיטוציע געהערשט אַ ליבעראַלערער גײסט װי אין די שטאַט־געזעצן. אויף דעם נאַציאָנאַלן מאַשטאַב האָט זיך שוין שטאַרק געפֿילט די אורבאַנישע השפּעה פֿון דעם אויפֿשטײגנדיקן אינדוסטריאַליזם, בעת אין די באַזונדערע שטאַטן איז געװען פֿעסטער די רוראַלע טראַדיציע פֿון דער לאַנד־װירטשאַפֿט. אָט די טראַדיציע, צוזאַמען מיט די ספּעציעלע גײסטיקע באַ־דערפֿנישן פֿון דעם פֿראָנטירמאַן, האָט עס געשאַפֿן דעם באָדן פֿאַר דעם עװאַנגעליציזם מיט די אויסװירקונגען װאָס זײנען אַנאַליזירט געװאָרן אין דער ערשטער טײל. אַז דער עװאַנגעליציזם האָט אָנגענומען אַ פֿײנטלעכע שטע־לונג צו דעם קאַטוליציזם — איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך. און גראַד האָבן די קאַטוילישע אירלענדער אָנגעהײבן צו קומען אַהער אין גרויסע מאַסן אין דער צײט, װען דער עװאַנגעליציזם האָט זיך מיט דער קראַפֿט פֿון אַ פֿאַרפֿלײצונג צעגאָסן איבערן לאַנד. דאָס איז געװען די צײט, װען דער דורכשניטלעכער פֿאָלקס־מענטש האָט, אונטער דער װירקונג פֿון דעם דזשעקסאָניזם, זיך געפֿילט זײער האַפֿערדיק און איז געװען זיכער, אַז אים געהערט דער שליסל צו די פֿאַראײניקטע שטאַטן.

דער דאָזיקער פֿאָלקס־מענטש האָט זיך געפֿונען ניט נאָר אין די רוראַלע געגענטן און ניט אַלע מאָל איז ער געװען אַ פֿראָנטירמאַן: גאַנץ אָפֿט איז ער גאָר געװען אַן אַרבעטער און געלעבט אין דער גרויסער שטאָט. דער לעצטער האָט אין די אָנקומענדיקע אירלענדער, אויסער אַלעמען, געזען אַ געפֿערלעכן

עקאָנאָמישן קאָנקורענט. אמת, די וואַקסנדיקע אינדוסטריע האָט געשלונגען אַרבעט־הענט און געפאָדערט נאָך. אמת אויך, אַז די אימיגראַנטן האָבן די תושבים־אַרבעטער געגעבן אַ מעגלעכקייט צו גיין צו בעסער־באַצאָלטע און העכער־קוואַליפיצירטע מלאכות, וואָס דאָס איז דער טייטש: הייבונג פון דעם לעבנס־סטאַנדאַרט; אמת ווייטער, אַז די ניי־אָנגעקומענע האָבן פאַרגרעסערט דעם אינערלעכן מאַרק; און אודאי איז געווען אמת, אַז פּאַראַלעל מיט דער אימיגראַציע איז געגאַנגען ניט אַן עקאָנאָמישע איינשרומפּונג, נאָר אַן עקאָנאָמישע עקספּאַנסיע; — דאָס אַלץ איז אָביעקטיוו טאַקע געווען אמת, אָבער סוביעקטיוו האָט דאָס דער אַרבעטער־תושב אַנדערש געזען.

דער דורכשניטלעכער אַרבעטער האָט דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־אופן ניט פאַרשטאַנען און אין די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן. ווען ער האָט געזען אַרבעטסלאָזע, האָט ער ניט געוואוסט, אַז אפילו אין די סאַמע בליענדיקסטע פּראָספּעריטעט־יאָרן נייטיקט זיך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אין אַ געוויסער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמיי. און ווען ער האָט איבערגעלעבט דעם קריזיס פון 1819, צי פון 1837 אָדער פון 1857, האָט ער אויך ניט באַנומען, אַז קריזיסן וואָרצלען אין דעם פּריוואַט־אייגנטום פון דער ווירטשאַפט. ער האָט דאָס גיכער פאַרבונדן מיט די אימיגראַנטן וואָס זיינען גרייט צו אַרבעטן פאַר אַ הונגער־לוין אונטער די סאַמע ערגסטע באַדינגונגען. די אימיגראַנטן — האָט דער נאַטיווער אַרבעטער באַשלאָסן — לאָזן זיך אַזוי עקספּלואַטירן דערפאַר, ווייל זיי ווייסן ניט בעסער, נייטיקן זיך ניט אין מער און זיינען בכלל פון אַ נידעריקערן מענטשלעכן מין. אין דעם קאַטוליציזם פון די אירלענדער האָט דער נאַטיוו־אַמעריקאַנער געזען אַ באַשטעטיקונג אַז זיין אָפּשאַץ פון די אימיגראַנטן איז אַ ריכטיקער.

## 6.

לאָמיר אונטערציען אַ צייטווייליקן סך הכל:

די אירלענדער זיינען אין מאַסן געקומען אַהער אין אַ צייט פון גרויסן עקאָנאָמישן איבערברוך. די הויפּט־באַלעבאַטים פון דעם לאַנד זיינען געווען אָפּשטאַמיקע פון זייערע נאַציאָנאַלע באַהערשער אין אירלאַנד. בעת דאָס לאַנד איז געווען פּראָטעסטאַנטיש און האָט זיך אָנגעהייבן דערווייטערן פון דעם רעליגיעז־פרייען גייסט פון דער דעקלאַראַציע און קאָנסטיטוציע, זיינען די אירלענדער געווען קאַטאָליקן. בעת די נאַטיווע באַפעלקערונג איז געווען אַן איבערוועגנדיק־אַגריקולטורעלע און רוראַלע, האָבן זיי זיך קאָנצענטרירט אין די שטעט — און אין די שטעט גופא האָבן זיי זיך פאַרשפּאַרט אין

געטאָס. בעת די מערסטע נאַטיווע שטאַטישע אַרבעטער זיינען געווען האַנט־ווערקער און קוואַליפיצירטע באַלמעלאָכעס, זיינען די אירלענדער געווען כמעט אָן אויסנאַם „שוואַרצע" אַרבעטער. בעת דאָס לאַנד איז שוין געגאַנגען צו אַ העכערן ניווא פון בילדונג, זיינען זיי אין דער גרויסער מערהייט געווען אומוויסנדיק און אפילו אַנאַלפאַבעטיש. בעת די אַלטע באַפעלקערונג, און ספעציעל די אַרבעטער, האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר אַ מלוכהש־סעקולעלער שול סיסטעם, האָבן די אירלענדער אָנגעהייבן שאַפן רעליגיעז־פּאַראָכיאַלע שולן און קאָנווענטן. בעת אין לאַנד האָט געהערשט די טיראַניי פון דער מערהייט, האָבן די אירלענדער זיך געטוליעט איינער אין דעם אַנדערן און געשמידט זייער אייגנאַרטיקע גרופּעשקייט.

און טאָמער איז דאָס נאָך אַלץ וויייניק, האָבן די אירלענדער פאַרוואַנדלט די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַ באַזע פאַר זייער מלחמה קעגן דעם אַלטן שונא — ענגלאַנד. זיי האָבן זיך באַזעצט בלויז אין די צפון־שטאַטן און פונדעסטוועגן ניט געגאַנגען אין דעם גייסט פון די דאָזיקע שטאַטן בנוגע צו דער פראַגע פון שקלאַפעריי אין די דרום־שטאַטן; זיי האָבן פשוט מורא געהאַט, אַז מיט דעם אָפּשאַף פון שקלאַפעריי, וועלן זיך די באַפרייטע נעגערס אַ לאָז טאָן צו די צפון־שטאַטן, צושטעלן די ביליקע אַרבעטס־קראַפט וואָס די אינדוסטריע דאַרף דאָרט האָבן און אַזוי אַרום קאָנקורירן מיט זיי — מיט די אירלענדער. ווען מען נעמט דאָס אַלץ צונויף, וואונדערט מען זיך ניט, וואָס די אירלענדער זיינען געוואָרן אַ ציל־ברעט פאַר אַלע פיילן פון די אַנטי־פרעמדע און אַנטי־אימיגראַנטן בויגנס.

דזשיימס ברייס האָט דאָס אַלץ סומירט אין עטלעכע ווערטער: „עס איז דאָ" — זאָגט ער — „אַ נויגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן צו נוצן אימי־גראַנטן, און ספעציעל די אירלענדער, אַסך אַזוי ווי מען נוצט אַ קאַץ אין אַ קיך: צו האַלטן זי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צעבראָכענע טעלער און פאַר שפּייז וואָס פאַרשווינדט" [1]).

וואָס דאָס איז אַקוראַט די כאַראַקטעריסטישע באַציאונג פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג וואָס האַלט זיך פאַר דעם באַלעבאָס פון לאַנד צו אַ מינדערהייט, אויף וועלכער די מערהייט קוקט ווי אויף אַ פרעמדן עלעמענט.

7.

וואָלטן כאָטש די אירלענדער געווען צופרידן צו פאַרבלייבן אין די געטאָס און ניט צו שפּאַרן זיך אַהין, וואו מען האָט זיי ניט געוואָלט, וואָלטן זיי נאָך מסתמא אַזוי פיל אומצופרידנקייט מצד דעם אַרום ניט אַרויסגערופן.

איז אָבער די אירלענדישע אימיגראַציע געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט צעזעצט די רייפן פון דעם געטאָ און אויסגעשפּרייט זיינע גרעניצן. שאונעסי האָט באַחשבונט, אַז אין דער צייט פון דעם ערשטן צענזוס, אין 1790, איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען ניט מער ווי אַרום 35 טויזנט קאַטאָליקן. אין 1860 איז די צאָל שוין געווען געכפּלט אויף באַלד הונדערט מאָל — די אירלענדער האָבן צוגעשטעלט דעם גרעסטן קוואַל פון פאַרגרעסערונג.

די אימיגראַציע פון די אירלענדער, ווי אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן בכלל, איז קיין מאָל ניט געווען קיין פּלאַנירטע און זייער איינאָרדנונג אין לאַנד איז ניט געווען קיין רעגולירטע. זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ באַגרעניצטער צאָל פּונקטן און די דאָזיקע פּונקטן — רוימיזירט. מיט דער צייט האָבן זיי דעם שטאַט מאַסאַטשוסעטס, דאָס וויגעלע פון דעם פּוריטאַניזם, פאַרוואַנדלט אין אַ קאַטוילישן שטאַט. „עס איז קוים" — זאָגט ראָבערטס — „דאָ אַ פּאַראַלעל אין דער געשיכטע צו דעם פענאָמען פון דער שנעלער דאָמינירונג פון די מערסטע גרויסע אַמעריקאַנער שטעט פּאָליטיש, און אין אַ צאָל פאַלן אויך נומעריש, דורך די אירלענדער. אָט האָבן אַגריקולטורעלע מענטשן, מקדמונים אַרבעטער אויף ערד, זיך אין מאַסן פאַרוואַנדלט אין שטאָט־איינוואוינער דורך אַ צופאַל פון עמיגראַציע" [1].

אָבער דורך דעם זעלביקן צופאַל האָט די פּראָטעסטאַנטישע מערהייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט פריער געהאַט זיך געפילט פולשטענדיק זיכער, מיט אַמאָל זיך דערזען באַדראָט אין איר רעליגיעזער דאָמינאַציע. זי האָט אָנגעהייבן אַ מעכטיקן אָנגריף אויף דער חוצפהדיקער מינדערהייט.

אין די דרייסיקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך איבערן לאַנד צעטראָגן אַ אַן אַנטי־קאַטוילישע באַוועגונג וואָס האָט געפירט צו מאַסן־אויסברוכן קעגן קאַטאָליקן, ספּעציעל קעגן אירלענדער. אין אויגוסט, 1834 האָט אַ מאָב אין טשאַרלסטאָן, מאַסאַטשוסעטס פאַרברענט דעם קאָנווענט פון אורסולענישע נאָנעס וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1820 און האָט זיך געעפנט פאַר תלמידות אין 1827. די שרפה איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון העצעס קעגן קאַטאָליקן וואָס זיינען חדשים לאַנג געפירט געוואָרן. די ראַיאָטן פאַר און נאָך דער שרפה האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג און זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ באָסטאָן און איבער שכנותדיקע שטעט. טויזנטער מענטשן האָבן אין די ראַיאָטן זיך באַטייליקט און אַן אָנגעזעענעם אָרט האָבן אין זיי פאַרנומען אַרבעטער. אַ קורצע צייט שפּעטער זיינען קאַטוילישע קירכעס און פאַראָכיאַלע שולן פאַרברענט געוואָרן אין פילאַדעלפיע און אַנדערע שטעט. די אַנטי־קאַטוילישע ליטעראַטור פון יענער צייט האָט געהאַט אַ ברייטן טיראַזש און געקראָגן אַ הילכיקן אָפּקלאַנג. די דאָזיקע ליטעראַטור, וואָס דערמאָנט אין פאַרנעם

און אינהאַלט זייער שטאַרק די אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור פֿון אונדזערע טעג. האָט פֿאַרשפּרייט די ווילדסטע בלבולים וועגן די קאַטאָליקן און גערופֿן אַמעריקע צו מלחמה קעגן דער „פּאַפּיסטישער געפֿאַר". צווישן הויפּט־באַשול־דיקונגען האָט מען אַרויסגעשטעלט קעגן קאַטאָליקן: 1) אונטער דער מאַסקע פֿון געשלעכטלעכער נזירות, פֿאַרדאַרבן זייערע גייסטליכע די מאָראַל פֿון דער באַפֿעלקערונג; 2) זיי ווילן פֿאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט און אויפֿשטעלן די ממשלה פֿון רוים איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

ניט נאָר אומוויסנדיקע מענטשן האָבן פֿאַרשפּרייט די גיפֿטיקע פּראָפּאַגאַנ־דע. איינער פֿון די פֿירערס און אידעאָלאָגן פֿון דער אַנטי־קאַטויילישער באַווע־גונג איז געווען סעמועל פּ. ב. מאָרס, וועלכער איז ניט נאָר געווען דער דערפֿינדער פֿון דעם עלעקטרישן טעלעגראַף, נאָר איז אין זיין צייט אויך געווען אַ באַרימטער מאָלער און אַ וואָרטזאָגער אין דער אינטעלעקטועלער און עסטע־טישער וועלט. אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיינע עלטערן דעם 13טן מאַי, 1815, פֿון ענגלאַנד, וואוהין ער איז געפֿאָרן שטודירן, פֿאָרמולירט ער אַזוי זיינע לעבנס־צילן: „מיין אַמביציע איז צו זיין צווישן יענע וואָס וועלן אויפֿלעבן דעם פּראַכט פֿון דעם 15טן יאָרהונדערט; צו פֿאַרמעסטן זיך מיט דעם געניוס פֿון אַ ראַפֿאַעל, אַ מיכלאַנדזשעלאָ, אָדער אַ טיטיאַן" [2]). אָט די אַמביציע האָט אים פֿונדעסטוועגן ניט געשטערט שפּעטער צו ווערן אַ מחבר פֿון אַ שונד־בוך, „די אויסלענדישע קאָנספּיראַציע קעגן די פֿריהייטן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן", וואָס האָט איבערגעחזרט אַלע אַלטע בלבולים אויף דער קאַטוילישער קירכע און צוגעגעבן אַ צאָל נייע. דאָס בוך איז אַ לאַנגע צייט געווען די ביבל פֿון דער אַנטי־קאַטוילישער באַוועגונג.

באַזונדערס געפֿערלעך איז די דאָזיקע באַוועגונג געוואָרן, ווען זי האָט אָנ־גענומען פּאָליטישע פֿאָרמען און איז געוואָרן די פּלאַטפֿאָרם פֿון פּאָליטישע פּאַרטייען.

אין די דרייסיקער פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט אין אַ צאָל גרעסערע שטעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן עקזיסטירט אַ רעאַקציאָנער־שאָוויניסטישע פּאַרטיי וואָס האָט זיך גערופֿן „נאַטיוו אַמעריקאַנער פּאַרטיי". זי האָט גע־פֿאָדערט, אַז בלויז געבוירטיקע זאָלן קאָנען אָנהאַלטן פּאָליטישע אַמטן און אַז אַן אימיגראַנט זאָל מוזן זיין אין לאַנד וויניקסטנס 21 יאָר איידער ער באַ־קומט רעכט אויף בירגערשאַפֿט. אין די פֿריע פֿערציקער איז די דאָזיקע פּאַר־טיי געוואָרן אויסגעשפּראָכן אַנטי־קאַטויליש און אַנטי־אירלענדיש. עס איז גע־ווען אַ נאַטירלעכע עוואָלוציע אין דער טעטיקייט פֿון אַ פּאַרטיי וואָס האָט זיך געשטעלט די דערמאָנטע צילן, בפֿרט ווען די פֿאָדערונג פֿון די קאַטאָליקן, אַז אַ טייל פֿון די שטאַטישע בודזשעטן וואָס זיינען באַשטימט פֿאַר קינדער־

בילדונג זאָל אויך גיין צו די קאַטויילישע שולן, האָט נאָך מער פּאַנאַנדערגע־פּאָכעט די מורא פאַר דער „פּאַפּיסטישער געפאַר". אָט די פאָדערונג האָט פאָרמולירט און פאַרטיידיקט ארכיבישאָף היוז אין אַן אויפטריט פאַר די ניו יאָרקער שטאָט־טאַטעס, אין אָקטאָבער, 1840. ער האָט געלייענט פון די טעקסט־ביכער וואָס מען האָט דאַן גענוצט אין די שטאָטישע־שולן און באַוויזן, ווי אַנטי־קאַטוילישע די דאָזיקע טעקסט־ביכער זיינען אין כאַראַקטער. אָט איז איין אויסצוג, וואָס ער האָט דאַן געבראַכט:

ווען שכרות וועט שוין זיין באַזייטיקט און מיט דעם אויך אַן אַנטשפּרעכנדיקע מאָס פוילקייט, אומוויסנקייט און מיזערניקייט און אָבערגלויבן, פון וואָס עס [שכרות] איז דער אַנערקענטער טאַטע, דאַן מעג מען דערוואַרטן אַז אַ קלע־נערע טייל פון דער מענטשהייט וועט נאָכגיין נאָך דער טונקעלער לאַנטערן פון דער רוימישער רעליגיע. אָט די רעליגיע קאָן צום גרינגסטן געפינען אָנהענגער צווישן די לייכטזיניקע און שלעכטע, וואָס דורך אַ ספּעציעלן מין עקלעזיאַסטישע שוואַרצקינסטלעריי קאָנען זיי איינרעדן דעם זינדיקן, אַז ער גייט אין גן עדן, בעת ער גייט גאָר גלייך אין גיהנום [3].

די קאַטאָליקן זיינען שוין געווען ניט אין גאַנצן אָן פּאָליטישן איינפלוס אין ניו יאָרק אין יענער צייט, און די שטאָט טאַטעס האָבן זיך דעריבער באַצויגן מיט אַ מאָס סימפּאַטיע צו די רעד פון דעם אַרכיבישאָף. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר דער נאַטיוויסטישער פּאַרטיי צו פאַרגרעסערן איר טעטיקייט. זי האָט די געלעגנהייט אויסגענוצט מיט היפּשן דערפאָלג.

אַ גרעסערן דערפאָלג האָט געהאַט דער „גראַנד קאָנסיל פון די פאַראיי־ניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע", וואָס איז באַקענט אונטער דעם נאָמען „נאָו נאָטהינג" — גאָר־ניט־וויסער. דער נאָמען האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס אַז מען האָט די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע געפרעגט עפּעס וועגן איר פּראָגראַם, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי וויסן גאָר ניט. די דאָזיקע פּראָגראַם איז אָבער געווען אַ גאַנץ קלאָרע: די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ לאַנד פון ווייסע, אין אַמעריקע־געבוירענע פּראָטעסטאַנטן און קיין אַנדערן טאָר מען דאָ צו קיין שום געזעלשאַפטלעכער השפּעה ניט צולאָזן. די „ניט־וויסערס" זיינען געווען קעגן אַלע אימיגראַנטן און אַנדערש־גלויביקע, אָבער מיט אַ באַ־זונדערער פאַרביסנקייט האָבן זיי געקעמפט קעגן די אירלענדישע קאַטאָליקן. קאַנדידאַטן אויף מיטגלידערשאַפט אין דעם אָרדער האָבן געדאַרפט געבן איבער־צייגנדיקע באַווייזן, אַז זיי זיינען פּראָטעסטאַנטן און געדאַרפט שווערן אַז זיי וועלן טאָן אַלץ אין זייערע כחות ניט צו צולאָזן קאַטאָליקן צו עפנטלעכע אַמטן. יעדער קאַנדידאַט האָט געדאַרפט נעמען לעקציעס, און אין איינער פון

די לעקציעס האָט דער אינסטרוקטאָר זיך געווענדט צו זיין עולם מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

> איר האָט, בלי ספק, שוין לאַנג באַמערקט, ברידער, אַז פרעמדער איינפלוס און רוימישער קאַטוליציזם האָבן געמאַכט כסדרדיקן און אַלאַרמירנדיקן פּאַרשריט אין אונדזער לאַנד. איר האָט ניט געקאָנט ניט באַמערקן די באַטייטפולע פּאַרוואַנדלונג פון דעם פרעמד־געבוירענעם און רוימיסט פון אַ שטילן, צוריקגעצויגענעם און אפילו הכנעהדיקן כאַראַקטער אין אַ כאַראַקטער וואָס איז פרעך, דראָענדיק, טומלדיק און אפילו דעספּאָטיש אין זיין אויסזען און פּרעטענזיעס. איר זענט זיכער געוואָרן אומרואיק איבער דער סיסטעמאַטישער און שנעל־וואַקסענדיקער פּאַרגרעסערונג פון דעם כח פון די געפערלעכע און אומנאַטירלעכע עלעמענטן... דעריבער האָבן אויפריכטיקע פּאַטריאָטן געשאַפן אָט דעם אָרדער ווי אַ מיטל צו פּאַרשפּרייטן פּאַטריאָטישע פּרינציפּן, צו דערהאַלטן ביים לעבן דעם פלאַם פון נאַציאָנאַלער טוגנט, צו פלעגן די נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ און צו פירן פּאָראויס אַמעריקע לטובת די אינטערעסן פון אַמעריקע — [דאָס] פון איין זייט, און, פון דער אַנדערער זייט, כדי צו פּאַרהאַלטן דעם פּאָראויסמאַרש פון די דרויסנדיקע און פרעמדע, און כדי צו צעשטערן די מאַכינאַציעס און אונטערצוגראָבן די טויטלעכע פּלענער פון דעם יעזואיט און פּאַפּיסט [4].

אין די וואַלן פון 1854 האָבן די „ניטווייסערס" באַוויזן צו וואָס פּאָראַ פּאָליטישן כח זיי זיינען אויסגעוואַקסן. זיי האָבן אין יענעם יאָר דערווילט 9 גאָווערנאָרס, 8 סענאַטאָרן (פון אַן אַלגעמיינער צאָל פון 62), 104 פון די 234 מיטגלידער אין דעם רעפּרעזענטאַנטן־הויז. פון די האָט מען געוואוסט, אַנדערע זיינען געווען פאַרבונדן מיט די „ניטווייסער" און ניט געוואָלט עס אָפן צוגעבן. זיי האָבן אויך דערווילט צענדליקער מיטגלידער צו די שטאַט־לעגיסלאַטורן, אין מאַסאַטשוסעטס האָט דאָס צעטל וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון די „ניט־ווייסער" געקראָגן אַן אַבסאָלוטע מערהייט פון 33 טויזנט שטימען [5]. מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענעם שטאַט האָט דער קאַמף פון דער יאַנקישער „אַריסטאָקראַטיע" קעגן דער „אינוואַזיע" פון אירלענדישע קאַטאָליקן דערגרייכט זיין הויך־פּונקט.

דער בירגער־קריג האָט אָפּגעשוואַכט, אָבער ניט אָפּגעשטעלט, די אַרבעט פון די „ניטווייסערס". אין מערץ, 1887 האָט זיך געגרינדעט די א. פּ. א. (אַמעריקאַן פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאַן), וואָס האָט איבערגענומען די אַנטי־אויסלענדער און אַנטי־קאַטוילישע פּאָליטישע טעטיקייט פון די „ניטווייסערס". אירלענדער זיינען שוין דאַן, ווי מיר וועלן זען שפּעטער, ווייט ניט געווען די איינציקע קאַטאָליקן, און קאַטאָליקן זיינען שוין דאַן געווען אַ ריזיקער פּאָליטישער כח אין לאַנד. פונדעסטוועגן האָבן זיי נאָך געהאַט אויסצושטיין דיסקרי־

מינאָציעס אויף אַלע געביטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ביז אויף דעם היינטיקן טאָג ליידן זיי נאָך פון געוויסע דיסקרימינאַציעס.

די אירלענדער האָבן אין מיטן 19טן יאָרהונדערט סיי אינערלעך סיי אויסער־לעך זיך געפונען אין באַדינגונגען, וואָס, ווען אַזעלכע עקזיסטירן לגבי אַן עטנישער גרופּע אין אייראָפּע, וואָלטן זיי געפירט צו דער קאָנסאָלידירונג פון דער דאָזיקער גרופּע אין אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט. אויף דער אינערלעכער זייט זיינען געווען: דאָס געפיל פון קרובהשאַפט צווישן די אירלענדער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און די גליענדיקע ליבע צו דעם לאַנד פון זייער אָפּ־שטאַם; אַ שאַרפער באַוואוסטזיין פון אירלענדישן נאַציאָנאַליזם וואָס איז גע־גאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט אַ האַס צו ענגלאַנד; אַן אומגעוויינלעכע צוגע־בונדנקייט צו דער קירכע; אַן אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע לאַגע און אַ ספּעצי־פישער סאָציאַלער סטאַטוס. אויף דער אויסערלעכער זייט זיינען געווען: דיסקרימינאַציעס מצד דער מערהייט; רעליגיעזע רדיפות; אַ פון אויב־אַראָפּ באַציאונג מצד דער הערשנדיקער גרופּע, וואָס האָט געהערט צו דעם לאַגער פון דעם אַלטן שונא.

אַז דאָס האָט אַלץ געפלעגט דעם „טשערעדע”־געפיל פון די אירלענדער — איז איבעריק צו אונטערשטרייכן. וואָס מער צרות זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דרויסן, אַלץ מער זיינען זיי געוואָרן צעמענטירט פון אינעווייניק. די דאָזיקע צעמענטירטקייט איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס די פאַרזוכן צו באַזעצן אירלענדער אויף ערד האָבן זיך ניט איינגעגעבן. די קירכע איז אין דעם ניט געווען פאַראינטערעסירט. זי האָט געוואוסט, אַז די דעקאָנצענטרירטקייט פון אַגראַריזאַציע וועט אומפאַרמיידלעך פירן צו דער אָפּשוואַכונג פון דעם בונד צווישן דעם אירלענדער און דעם קאַטוילִיציזם. שפּעטער וועלן מיר זען, ווי גרויס עס איז אויך געווען די ראָלע פון דער קירכע אין איינהאַלטן די אידענ־טיטעט פון אַנדערע עטנישע גרופּעס. דערווייל איז נייטיק צו קאָנסטאַטירן, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זיינען געווען אַזוי פיל גינציקע באַדינ־גונגען פאַר דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַן אירלענדישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט־גרופּע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט פונדעסטוועגן אַזאַ זיך קיין מאָל ניט געשאַפן.

8.

פיר הויפּט־סיבות זיינען געווען, פאַרוואָס די אירלענדער האָבן זיך ניט קאָנסאָלידירט ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן; 1) עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַוועגלעכקייט; 2) דאָס, וואָס די אירלענדער

האָבן גערעדט ענגליש; 3) פּאַרטייאיש־פּאָליטישע אַקטיוויטעטן; 4) די טיראַניי פֿון דער מערהייט.

עקאָנאָמישע איינאָרדנונג האָט ביי די אירלענדער פּראָפּאָרציאָנעל צוגע־נומען נאָך מער ענערגיע, ווי ביי די סעטלערס און אַנגלאָ־זאַקסישע אימיגראַנטן. די ערשטע האָבן געהאַט צו קעמפן ניט נאָר קעגן דער נאַטור, נאָר אויך קעגן אַ סאָציאַל־קולטורעלן שטייגער, וואָס איז שוין געווען געגנוג פּאַרפעסטיקט צו באַשטימען די גאַנצע צוקונפטיקע ריכטונג פֿון די אַמעריקאַנער אַנטוויק־לונגס־טענדענצן. אין אַן אומפּריינטלעכער אַטמאָספער האָבן די אירלענדער געדאַרפט דורכמאַכן אַ פּראָצעס פֿון ראַדיקאַלער עקאָנאָמישער טראַנספאָרמאַ־ציע און פּסיכאָלאָגישן איבערברוך; אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיי געצוואונגען אַנצוהייבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון די סאַמע נידריקסטע און שווערסטע שטאַפּלען פֿון דעם אינדוסטריעלן לייטער. דאָס האָט זיך פּאַקטיש אין דעם צווייטן־פערטל פֿון 19טן יאָרהונדערט רעכט אָנגעהייבן — הגם טענדענצן האָבן זיך אויך געמערקט פריער — דער פּראָצעס וואָס דר. הערמאַן פעלדמאַן האָט אין 1931 אים כאַראַקטעריזירט ווי אַן „עטאַבלירטע טראַדיציע" — אַ טראַדי־ציע „אַז ניי־אָנגעקומענע הייבן אָן פֿון אונטן מיט ניט־קוואַליפיצירטער אַר־בעט, מאַכט ניט אויס וואָס פֿאַרא קוואַליפיקאַציעס זיי זאָלן ניט האָבן פֿאַר בע־סערע דזשאָבס"[1]). מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי שווער עס איז געווען פֿאַר די אירלענדער אָנצוהייבן אַזאַ טראַדיציע בעת זיי זיינען געקומען אַהער ווי אַן אַגראַרער עלעמענט און צו שטאָטישן לעבן ניט געווען צוגעוווינט.

אין איין פּרט אָבער איז זיי דאָס צופּאַסן זיך צו די פֿאָדערונגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָנגעקומען גרינגער ווי אַנדערע אימיגראַנטן וואָס האָבן אויך געליטן פֿון דער „עטאַבלירטער טראַדיציע": ענגליש איז געווען דאָס מאַמע־לשון פֿון די אירלענדער און זיי האָבן ניט געדאַרפט זיך ערשט נעמען לערנען די שפּראַך פֿון זייער נייער היים ביי זייער אָנקומען אַהער. אומוויסנ־קייט, וואָס איז, ווי מיר וועלן שפּעטער האָבן אַ געלעגנהייט צו זען, געווען ביי אַנדערע אימיגראַנטן אַ שטער צו אַסימילאַציע, האָט גראָד פֿאַרגיכערט די אַקאָמאָדאַציע פֿון די אירלענדער צו די היגע באַדינגונגען. זיי האָבן פּשוט ניט געהאַט געגנוג גייסטיקע כלי זיין אויף צו שאַפֿן אַן אייגענע קולטור אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און צוליב זייער רעדן ענגליש — האָבן זיי זיך אין דעם אויך ניט גענייטיקט; זיי האָבן דעריבער געקאָנט זיך נאָך מער לאָזן פֿאַרשלינגען אין דעם פּראָצעס פֿון עקאָנאָמישער איבערפֿלאַנצונג. „כמעט יעדער ראַסע" — לייענען מיר ביי פעלדמאַנען — „... צאָלט דעם פּרייז פֿון אימיגראַציע דורך די ליידן פֿון דעם ערשטן דור. די צווייטע און דריטע אָפּ־שטאַמערס זיינען געוויינלעך גובר די מניעות פֿון שפּראַך און בילדונג און

הויבן זיך אַרויס פון זייער פריערדיקן נידריקן מצב"[2]). פאַר די אירלענדער איז די שפּראַך־מניעה ניט געשטאַנען שוין פון דעם ערשטן דור־אָן.

דאָס, וואָס זיי האָבן גערעדט ענגליש, איז פאַר זיי געווען אַן אומשאַצבאַרער עקאָנאָמישער ווערט. זיי האָבן געקאָנט שנעלער אויסנוצן די גרויסע עקאָנאָמישע געלעגנהייטן וואָס דאָס לאַנד האָט זיי געגעבן, ניט געקוקט אויף אַלע צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין. עס איז געווען דער בלי־פּעריאָד פון דעם יונגן קאַפּיטאַליזם, און ווי אומפּריינטלעך עס איז ניט געווען די נאַטיווע אַמעריקע צו די אַנדערש־גלויביקע אירלענדער — האָט זי פונדעסטוועגן ניט געקאָנט זיי לאַנג האַלטן אויסשליסלעך אויף די נידריקע שטאַפּלען: עס האָבן זיך ביי זיי אָנגעהייבן אויסשיילן שיכטן וואָס האָבן געקלעטערט העכער. די אירלענדישע אימיגראַנטן־מאַסע האָט זיך סאָציאַל דיפערינצירט — און מיט סאָציאַלער דיפערינצירונג איז געקומען: פון איין זייט — אַ גרעסערע פאַרוואָרצלקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן; פון דער אַנדערער זייט — אַן אַנטשפּרעכנדיקע אָפּשוואַכונג פון דער אירלענדישער עטנישער קאָנסאָלידאַציע. די צעטיילונג אויף „איינגעפאַלענע כאַטע"־אירלענדער (שענטי איירישׂ") און „געשטריקטע גאַרדינען־אירלענדער" (לייס קוירטעין איירישׂ) איז אַנטשטאַנען פרי אין דער אימיגראַציע פון אירלענדער.

דאָס רעדן ענגליש האָט אויך מעגלעך געמאַכט, אַז די אירלענדער זאָלן זיך שנעל קאָנען אַריינוואַרפן אין דער פּאָליטישער טעטיקייט פון לאַנד. די דאָזיקע טעטיקייט, וואָס איז פאַר זיי געווען באַלד אַזאַ נויטווענדיקייט ווי עסן, האָט אי געפלעגט זייער גרופּעשקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אי געשטערט זייער אויסבילדן זיך ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט.

פּאָליטיקעריי איז געווען — און פאַרבליבן — אַ ליידנשאַפט ביי די אירלענדער. פון זייער אַלטער היים, וואו זיי זיינען, מחמת פרעמדער באַהערשונג, געווען אויסגעשלאָסן פון פּאָליטישן לעבן, האָבן זיי מיטגעבראַכט דעם חלום פון פּאָליטישער השפּעה און זיך דאָ גלייך גענומען דעם חלום צו רעאַליזירן. געהאָלפן זיי אין דעם האָבן די „באָסעס" פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אין זיי געזען פּאָטענציעלע וויילערס. נאָך דזשיימס בריים האָט געמאַכט די באַמערקונג, אַז אין אַ באַשטימטן זין זיינען די פּאָליטישע באָסעס די איינציקע וואַנט וואָס שטייט צווישן די אָרעמע מאַסן און זייער פולשטענדיקער אַנטרעכטונג מצד די הערשנדיקע עקאָנאָמישע עלעמענטן. די שטימע פון דעם סאַמע אָרעמסטן בירגער וועגט אַזוי פיל אין וואַלן וויפיל די שטימע פון דעם רייכסטן — און די פּאָליטישע באָסעס קאָנען גרינגער מאַניפּולירן מיט די שטימען פון די אָרעמע, מוזן זיי דעריבער די לעצטע פון צייט צו צייט צוואַרפן ביינדלעך. אויף אַזאַ אופן זיינען די באָסעס פּאַקטיש געווען די איינציקע

פרײַנט, וואָס די פּריפּעריזירטע אירלענדער האָבן געפונען ווען זיי האָבן באַטראַכט דעם אַמעריקאַנער באָדן. און דער סאַלון איז געווען זייער איינציקער געזעלשאַפטלעכער קלוב. סאַלון און פּאָליטיק זיינען אין דעם 19טן יאָרהונדערט געווען נאָענטע קרובים און זיינען מערסטנטיילס איינגעשטאַנען אין די זעלביקע הענט.

די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, אָדער די פעדעראַליסטן, ווי זי האָט זיך גערופן פאַר דעם בירגער־קריג, האָט, מיט איר אַריסטאָקראַטישקייט און מיט איר פּראָגראַם פון דינען דורכאויס די אינטערעסן פון דעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם, די אָרעמע אירלענדישע אימיגראַנטן ניט געקאָנט צוציען. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געווען אי פּאָלקסטימליכער אי פריינטלעכער צו געקומענע פון אויסלאַנד און איר איינשטעלן זיך פאַר שקלאַפעריי אין דרום איז פאַר די אירלענדער, ווי מיר האָבן געזען, ניט געווען קיין חסרון — האָבן זיי אין גרויסע מאַסן מיט דער דאָזיקער פּאַרטיי זיך פאַרבונדן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און זיי האָבן אין די גרעסערע שטעט פּאַקטיש איבערגענומען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. עס וועט ניט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אויב די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט נאָך דעם בירגער־קריג איינגעהאַלטן אַ באַטייטיקן איינפלוס אין די צפון־שטאַטן, איז דאָס אין אַ גאַר גרויסער מאָס געווען צו פאַרדאַנקען די אירלענדער. ראָבערטס זאָגט אפילו אַרויס די סברא, „אַז אויב די אירלענדער וואָלטן ניט געוואָרן קיין טראַדיציאָנעלע דעמאָקראַטן, וואָלט די צוויי־פּאַרטיי־סיסטעם פון רעגירונג ניט אויפגעהאַלטן געוואָרן"[3].

צוויי הויפּט־צילן האָבן די אירלענדער זיך געשטעלט בעת זיי זיינען געוואָרן טעטיק אין דעמאָקראַטישער פּאַרטיי: 1) פאַרבעסערן זייער סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לאַגע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן; 2) אויסנוצן זייער פּאָליטישן איינפלוס לטובת דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אירלאַנד. אויףביידע געביטן זיינען זיי געווען דערפאָלגרייך ביז גאָר.

אין די אַלע גרויסע שטעט, וואו זיי איז געלונגען צו ווערן אַ פּאָליטישער כח, האָבן זיי קודם כל איבערגענומען די פּאָליציי־ און פייער־דעפּאַרטמענטן און אַנדערע באַשעפטיקונגען וואָס האָבן געפאָדערט דאָס טראָגן אוניפאָרמען. (אַמעריקאַנער אירלענדער האָבן אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ שוואַכקייט צו אוניפאָרמען) דערנאָך האָבן זיי אויסגענוצט זייער פּאָליטישן איינפלוס כדי צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון אַריבערציען זיך אין בעסער־באַצאָלטע פאַכן און פּראָפעסיעס. זייערע פלעצער אין דער „שוואַרצער" אַרבעט האָבן אָנגעהייבן פאַרנעמען אימיגראַנטן פון אַנדערע לענדער, וואָס כלפי זיי האָבן די אירלענדער גענומען אַרויסווייזן אַ באַציאונג וואָס איז געווען ניט קיין סך פריינטלעכער

פון דער באַציאונג, וואָס די יאַנקיס האָבן פריער אַרויסגעוויזן צו די אירלענ־דער. אַט דאָס, וואָס עס זיינען געווען שפּעטער־געקומענע אימיגראַנטן, אויף וועמען די אירלענדער האָבן געקאָנט קוקן פון אויבן־אַראָפּ, האָט אין די לעצטע געשטאַרקט דעם געפיל פון צוגעהעריקייט צו אַמעריקע און פאַרשנעלערט זייער אינטעגרירונג אין דעם היגן לעבן.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן דאָס לאַנד פון זייער אָפּ־שטאַם. פון סאַמע זייער אָנקומען אין לאַנד און ביז היינטיקן טאָג האָבן איר־לענדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט אויפגעהערט צו וואַרפן גאָר דאָס געוויכט פון זייער פּאָליטישער השפּעה אויף דער וואָגשאָל פון אירלאַנדס קאַמף קעגן ענגלאַנד. אַריבער הונדערט יאָר זיינען די באַציאונגען צווישן אירלאַנד און ענגלאַנד געווען אַ פאַקטאָר אין די אַמעריקאַנער פּאָליטישע וואַלן.

אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג האָט זיך געגרינדעט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן די ברודערשאַפט פון פעניענער. זי האָט צוגעצויגן טויזנטער מיטגלידער און געהאַט „קרייזן" אין דער אַרמיי, פלאָט און אין דער ציווילער באַפעלקערונג. דער ציל פון דער ברודערשאַפט איז געווען אויסצונוצן די אָנגעשטרענגטע לאַגע צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, וואָס דער בירגער־קריג האָט פאַראורזאַכט, כדי צו שאַפן אַ מיליטאַנטישע באַוועגונג פאַר דער באַפרייאונג פון אירלאַנד. מיט דער צייט זיינען די מיטגלידער פון דער ברודערשאַפט געקומען צו דעם באַשלוס, אַז דער בעסטער וועג צו העלפן אירלאַנד איז דורך אונטערגראָבן די ענגלישע ממשלה אין קאַנאַדע. דעם 1טן יוני, 1866 זיינען 150 פעניענער אַריבערגעגאַנגען די קאַנאַדישע גרעניץ און פאַרנומען פאָרט אירי. אַזוי שטאַרק איז שוין צו יענער צייט געווען דער פּאָלי־טישער כח פון די אירלענדער, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט גאָר ניט געטאָן כדי אָפּצושטעלן דעם אומפאַריינטלעכן אַקט קעגן אַ מלוכה, מיט וועלכער זי האָט אָנגעהאַלטן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען. נאָך פינף טעג שווייגן, האָט דער סעקרעטאַר אָוו סטייט אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס האָט אָנגעזאָגט די נייטראַליטעט פון וואַשינגטאָן. דער פוטש איז נאַטירלעך דורכגעפאַלן, אָבער די פעניענער האָבן געמאַכט נאָך פאַרזוכן פון דעם זעלביקן מין. איינער אַזאַ איז געווען אין 1870. אָבער דאָס מאָל האָט שוין די רעגירונג געהאָלפן קאַנאַדע אָפּצושלאָגן די „אינוואַזיע".

די דאָזיקע אַקטן האָבן אַרויסגערופן אַ טומל, ספּעציעל צווישן דער „אַריס־טאָקראַטיע". „אַסך אַמעריקאַנער" — שרייבט פּראָפעסאָר וויטקע — „האָבן זיך געפרעגט... וואָס פאַראַ רעזולטאַטן עס קאָנען סוף כל סוף אַרויסקומען פון האָבן אַ פרעמדע באַפעלקערונג וואָס מאַכט איר לאַגער, אָבער ניט איר

היים, אין אַמעריקע און טראָגט זיך אַרום מיט פֿרעמדע האָפֿענונגען און אַספּיראַציעס, וואָס ווערן ניט געטיילט פֿון די מענטשן צווישן וועלכע זיי לעבן״ [4]). וואָס די אומצופֿרידענע האָבן ניט באַמערקט איז, אַז בנוגע צו זייער לעבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן גופֿא, האָבן די אירלענדער ניט אַרויסגעשטעלט קיין שום נאַציאָנאַליטעטן־פֿאָדערונגען אָדער עטניש־קולטורעלע פּראָגראַמען. זיי האָבן פֿאַר זיך ניט געפֿאָדערט קיין שום באַזונדערן פּאָליטישן סטאַטוס ווי אַ קאָלעקטיוו און ניט געזוכט צו זיין עפּעס אַנדערש, ווי לאָיאַלע אַמעריקאַנער בירגער. נאָך מער: זיי האָבן די צילן, וואָס זיי האָבן זיך יאָ געשטעלט, געזוכט צו דערגרייכן דורך די עקזיסטירנדיקע אַמעריקאַנער פּאַרטייען און ניט דורך אַן אייגענער פּאַרטיי. דאָ קומען מיר צו איינעם פֿון די סאַמע וויכטיקסטע דערשיינונגען אין דער האַלטונג פֿון עטנישע און רעליגיעזע גרופּעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן: קיין מאָל האָט קיין איינע פֿון זיי ניט געפּרואווט זיך זעלבסטשטענדיק פּאָליטיש צו אָרגאַניזירן אין אַ באַזונדער פּאַרטיי. חוץ אַלעמען, וואָלט די טיראַניי פֿון דער מערהייט אַזאַ זאַך ניט געדולדעט. „די פֿאַרמירונג פֿון קליינע סעפּאַראַטע פּאַרטייען איז תמיד דאָ געווען שווער״ — זאָגט וואָלטער סי. סייער — „און די עטאַבלירונג פֿון אַזעלכע סעפּעראַטע פּאַרטייען מצד עטנישע גרופּעס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע געפֿאַרן פֿון נאַטיוויסטישע קעגנאַקציעס, אַז יעדער אימיגראַנטן־גרופּע האָט געזוכט אַנערקענונג דער עיקר דורך איינער פֿון די נאַציאָנאַלע הויפּט־פּאַרטייען״ [5]). מיר וועלן נאָך צו אָט דער אויסערגעוויינלעך־באַטייטיקער דערשיינונג זיך ניט איין מאָל אומקערן און מיר וועלן זען, אַז צוגעהעריקייט צו די לאַנד־פּאַרטייען, אַפֿילו ווען די דאָזיקע פּאַרטייען האָבן ניט זעלטן געשפּילט אויף רעליגיעזע געפֿילן און אויף די סענטימענטן פֿון צוגעבונדנקייט צו די אַלטע אַפּשטאַם־לענדער וואָס אַלע עטניקערס האָבן פֿאַרמאָגט, איז געווען אַ וויכטיקער אַסימילירנדיקער פֿאַקטאָר. דאָ איז וויכטיג צו אונטערשטרייכן, אַז אין ערגעץ אין דער וועלט האָט אַן עטנישע גרופּע זיך ניט אַנטוויקלט אין אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אָן זעלבשטענדיקער פּאָליטישער אַקציע.

די פּראַקטישע אירלענדער, דערמוטיקט פֿון דעם אַמעריקאַנער אוטיליטאַריזם, האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז בעסער ווי צו גרינדן אַן אייגענע קליינע פּאַרטיי, איז צו איבערנעמען אַן אַלטע גרויסע פּאַרטיי. זיי האָבן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער שאַפֿונג פֿון אַ צאָל יוניאָנס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — נאָך היינט איז זייער השפּעה אין דעם אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניזם אומגעהייער שטאַרק, — אָבער צו דער גרינדונג פֿון אַן אַרבעטער פּאַרטיי האָבן זיי קיין מאָל ניט צוגעלאָזט. ראָבערטס דערקלערט עס מיט זיין געוויינלעכער פּרעציזקייט:

די אָפּאָזיציע פון אירלענדער צו דעם אַז אַרבעטער זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט אייגענער פּאָליטיק איז געווען באַזירט אויף דעם פּראַקטישן יסוד, אַז דער דערפֿאָלג פון אַן אַרבעטער פּאַרטיי וואָלט אומפֿאַרמיידלעך מיטגעבראַכט די פֿאַרניכטונג פון די מעכטיקע פּאָליטישע מאַשינעס, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט און אַזוי לאַנג קאָנטראָלירט אין די מערסטע גרויסע שטעט אין לאַנד[6].

די אירלענדער האָבן זייער השפּעה אין די יוניאָנס אויסגענוצט צו פֿאַרגרעסערן זייער כּח אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיי האָבן פון דער דאָזיקער פּאַרטיי געקראָגן די פולע אַנערקענונג וואָס זיי האָבן געזוכט, אָבער נאָך אַמאָל מוזן מיר זיך אומקערן צו דער פראַגע: וואָס פאַראַ אַנערקענונג האָבן זיי געזוכט?

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז זיי האָבן ניט געזוכט קיין אַנערקענונג ווי אַ באַזונדערע עטנישע אײנהייט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָבן יאָ אַרויסגעשטעלט רעליגיעזע פאָדערונגען, אָבער דאָס האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט זייער גלויבן, ניט מיט זייער נאַציאָנאַליטעט. דאָס הייסט: די זעלביקע פאָדערונגען האָבן געקאָנט אַרויסשטעלן — און האָבן טאַקע אַרויסגעשטעלט — קאַטאָליקן פון אַנדער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. דאָס זיינען געווען פאָדערונגען, וואָס פּאָטענציעל און אָביעקטיוו האָבן זיי ניט ענגער געשלאָסן די בענדער פון עטנישקייט, נאָר זיי פֿאַנאַנדערגעלאָזן.

אַ גוטע אילוסטראַציע איז דאָס איינפֿירן פון אַן אַלגעמיינעם שול־וועזן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אַ פֿאַקטאָר פון גרויסער ווערדע איז דערביי געווען דאָס, וואָס די פּראָטעסטאַנטן האָבן ניט געוואָלט אַריינשפּילן אין די הענט פון קאַטאָליקן דורך איבערלאָזן די קינדער־שולן צו דעם חסד פון פּריוואַטער צדקה. „די שטייגנדע פֿאַרפּלייצונג פון אירלענדישע און קאָנטינענטאַלע אימיגראַנטן" — לייענען מיר ביי די בירדס — „וואָס וואָלטן וואַרשיינלעך אַרונטערגעפֿאַלן אונטער קאַטוילישער אָנפֿירונג אויב זיי וואָלטן בכלל געקראָגן אַ בילדונג אין די צדקה־שולן, האָט אָפּגעשראָקן פּראָטעסטאַנטן פון יעדער מין און האָט זיי געמאַכט מער וויליק צו אַקצעפּטירן סעקולאַריזירונג ווי פּויפּסטלעכע אויטאָריטעט"[7]. אַ גורם צו דער סעקולאַריזירונג איז אויך געווען דער פֿאַקט, וואָס די קאַטאָליקן האָבן געפֿאָדערט, ווי איך האָב דערמאָנט אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל, אַ טייל פון די בודזשעטן פֿאַר זייערע פּאַראָכיאַלע שולן דאָרט, וואו די מוניציפּאַליטעטן האָבן באַשטימט פאָנדן פֿאַר קינדער־בילדונג. די פּראָטעסטאַנטן איז שוין געווען ליבער זיך אָפּצוזאָגן צו לערנען רעליגיע אין די שולן, איידער צוצולאָזן, אַז מיט עפֿנטלעכע געלטער זאָלן סובסידירט ווערן קאַטוילישע למודים. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז דאָס באַשטייַן פון די אירלענדער אויף בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג האָט אַסך

צוגעטראָגן צו דער אַנטשטייאונג פון אַן אַלגעמיינער פרייער שול־סיסטעם, וואָס איז געוואָרן דער וויכטיקסטער אַסימילירנדיקער פאַקטאָר אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. אמת, די אירלענדער, האָבן אויפגעבויט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ ריזיקע נעץ פון דערציאונג־אינסטיטוציעס, וואָס מיר וועלן אין זיי אַריינקוקן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל, אָבער מחמת דעם, וואָס די שפּראַך פון די אירלענדער איז געווען ענגליש, זיינען זייערע פּאַראָכיאַלע שולן אַפילו אין די ערשטע צייטן ניט געווען דער עטניזירנדיקער פאַקטאָר, וואָס זיי זיינען גע־ווען ביי קאַטוילישע אימיגראַנטן פון ניט־ענגליש־רעדנדיקע לענדער.

מיר האָבן געזען, אַז מיט זייער קאַמף אַרום דעם שול־וועזן האָבן די אירלענדער געגאָסן רעליגיעזן ־אויל אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פלאַמען, וואָס דער נאַטיוויזם האָט אין שייכות צו זיי אָנגעצונדן. אַנדערשקייט האָט אין אַ לאַנד וואו עס האָט געהערשט אַ טיראַניי פון דער מערהייט, ניט געקאָנט פאַרבלייבן אומבאַשטראָפט. מחמת דעם אָבער, וואָס זייער גרופּע־לעבן האָט זיך ניט געדרייט אַרום אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַקס, זיינען די אירלענדער דאָ מיט דער צייט געוואָרן ניט אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, נאָר אַ רעליגיעזע מינדערהייט. און אַ רעליגיעזע מינדערהייט זיינען זיי געווען ניט אין אַ אָפּ־געגרעניצטער עטנישער ראַם, נאָר צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס פון קאַטוילישן גלויבן. אין אַנדערע ווערטער: די עצם קאַטוילישקייט פון די אירלענדער איז ביי זיי אויך געווען אַ דעענטיזירנדיקער פאַקטאָר.

דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז דער קאַטוילים האָט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן קיין מאָל ניט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז ער וועט דאָ שטענדיק זיך געפינען אין אַ מינדערהייט־סטאַטוס. ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט פון דער אויסזיכט צו ווערן אַ מערהייט אין לאַנד. מען מעג צווייפלען, צי די אויסזיכט וועט ווען עס איז רעאַליזירט ווערן, מען מוז אָבער אָנערקענען, אַז אין גאַנצן אַן גרונט איז זי ניט. די צאָל קאַטאָליקן איז גע־וואַקסן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַסך שנעלער ווי די צאָל אַנהענגער פון אַנדערע רעליגיעס אָדער ווי עס איז געוואַקסן די באַפעלקערונג פון לאַנד. געוואַקסן איז די צאָל קאַטאָליקן סיי אויף אַ נאַטירלעכן אופן — און די גע־בירטיקייט איז ביי קאַטאָליקן העכער ווי ביי מיטגלידער פון אַנדערע גלויבנס, — סיי דורך אימיגראַציע — און ווי מיר וועלן זען, איז די אימיגראַציע אין די לעצטע 75 יאָר געווען דער עיקר פון קאַטוילישע לענדער, — סיי דורך שמד — און די קאַטוילישע קירכע קריגט צו מער געשמדטע פון אַנדערע גלויבנס איידער וואָסער עס איז אַנדערע קירכע. די קאַטוילישע קירכע איז געוואַקסן ניט נאָר נומעריש, זי איז אויך גוואַלטיק געוואַקסן אין אָרגאַניזאַציע און איינפלוס. לויט שאַונעסין, זיינען אויף 195,000 קאַטאָליקן אין 1820 געווען

150 גלחים, אָדער איין גלח אויף יעדע 1300 קאַטאָליקן; אין 1920 זיינען אויף 19,828,000 קאַטאָליקן געווען 21,019 גלחים, אָדער איין גלח אויף יעדע 940 קאַטאָליקן. אין 1820 איז געווען איין גלח אויף יעדע 4,591 קוואַדראַט מייל; אין 1920 — איין גלח אויף יעדע 141 קוואַדראַט מייל [8]). אַ רעליגיע וואָס האָט געקאָנט מאַכן אַזאַ ריזיקן פאָרשריט — און מיר וועלן נאָך האָבן סמנים פון דעם פאָרשריט — האָט איר מינדערהייט־מצב אָנגענומען נאָר ווי אַן איבער־גאַנגס־דערשיינונג. ווען די זיכערקייט אין אַן עוועַנטועלן מערהייט־סטאַטוס האָט זיך ביי די אירלענדער פאַראייניקט מיט אַ באַוואוסטזיין פון אַ קאָנטראָ־לירנדיקן פּאָליטישן פאַרטיי־כח, האָבן זיי זיך געקאָנט דערלויבן גרעסערע אַמביציעס, ווי די אַמביציע צו פאַרבלייבן אַ פּערמאַנענטע מינדערהייט־גרופּע. און טאָקע דערפאַר ווערט זייער גרופּעשקייט ביסלעכווייז אונטערגעשוואַכט.

מיט דעם פּאַקטישן אָפּשטעל פון דער אימיגראַציע פון דרום־אירלאַנד זיינען די אַמעריקאַנער קליין־אירלאַנדס אין אַ גרויסער מאָס פאַרשוואונדן, הגם די אירלענדישע אָרעמשאַפט ווייזט נאָך אַלץ אַרויס אַ טענדענץ צו קאָנ־צענטרירן זיך אין געוויסע געגנטן פון די שטעט אין וועלכע זי וואוינט. די אין־אַמעריקע־געבוירענע אירלענדער, ספּעציעל די פון דעם דריטן און די ווייטערדיקע דורות, ווייזן אַרויס אַ נויגונג זיך צו באַזעצן אין געגנטן וואָס אַנטשפּרעכן מער זייער סאָציאַלן און עקאָנאָמישן שטאַנד, ווי זייער עטנישן אָפּשטאַם.

ווי שטאַרק עס לעבט נאָך אין די אירלענדער דער האַס צו ענגלאַנד, און אַז דער דאָזיקער האַס איז עד היום נאָך אַלץ אַ וויכטיקער קאָמונאַלער צע־מענטירונגס־מיטל ביי זיי, האָט מען געקאָנט זען אין די דרייסיקער פון דעם 20טן יאָרהונדערט, ווען די גרויסע מערהייט פון די אַמעריקאַנער אירלענדער האָט זיך געפונען אין דעם איזאָלאַציאָניסטישן לאַגער. דאָס האָט ניט ווייניק צוגעטראָגן צו דעם, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַזוי שפּעט אַריין אין דער מלחמה קעגן די נאַציס. אָבער אפילו אָט דער האַס פאַרלירט לאַנגזאַם זיין ווירקונג. מיט דער אַנטשטייאונג פון דעם אירלענדישן פרייען שטאַט, איז דער קאַמף פאַר אירלענדישער אומאָפּהענגיקייט מער ניט נייטיק, און די זאָרג פון די אירלענדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר דעם קיום פון דעם פאָלק פון זייער אָפּשטאַם איז געוואָרן באַטייטיק קלענער. דאָס האָט ניט געקאָנט ניט האָבן אַן אָפּשוואַכנדיקע ווירקונג אויף זייער גרופּעשקייט. „דאָס קלענער ווערן פון דעם שטרייט מיט ענגלאַנד" — האָט אין 1931 געשריבן ראָבערטס — „וועט לויזער מאַכן דעם וויכטיקסטן באַנד וואָס האָט די אירלענדער געהאַלטן צוזאַמען אין אַמעריקע, און די אָפּשוואַכונג פון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ

וועט צונעמען נאָך אַ אַ באַריער וואָס האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען ווי אַ קנײדל וואָס לייזט זיך ניט אויף אין דעם שמעלץ־טאָפּ" [9].

## 9.

די אירלענדער האָבן בלויז כראָנאָלאָגיש און געאָגראַפיש געהערט צו דער „אַלטער" אימיגראַציע, ד. ה. צו דער איינוואַנדערונג וואָס האָט זיך אָנגעהייבן נאָך דער רעוואָלוציע און זיך געצויגן ביז אומגעפער דעם לעצטן דריטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די באַרימטע „נאָרדישע" אימיגראַציע. וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעשטעלט געוואָרן מצד קעגנערס פון אימיגראַציע ווי אַ גליק פאַר דעם לאַנד אַנטקעגן דעם „אומגליק" פון דער „נייער" אימיגראַציע. סאָציאַל, רעליגיעז, עקאָנאָמיש און אין הלכות־באַציאונג מצד דער מערהייט־באַפעלקערונג האָט די איינוואַנדערונג פון אירלענדער געהערט צו דער „נייער" אימיגראַציע. וואָרום ווי אַנדערשדיק עס זאָלן ניט האָבן אויסגעזען די אירלענדער אין פאַרגלייך מיט די שפּעטערדיקע אימיגראַנטן פון פוילן אָדער איטאַליע אָדער רוסלאַנד אָדער טשעכיע, זיינען זיי אין אַ גאַנצער ריי גאָר וויכטיקע פּרטים געווען ענלעך, ווי עס וועט ווערן קלאָר ווען מיר וועלן צוקומען צו דער „נייער" אימיגראַציע.

וואָס איז שייך צו די ניט־ענגליש־רעדנדיקע אימיגראַנטן פון דער „אַלטער" איינוואַנדערונג, האָט קיין עטנישע גרופּע, אויסער יידן, ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ ווידערשטאַנד צו אַסימילאַציע, ווי די דייטשן; און קיין גרופּע האָט ניט געהאַט אַזעלכע ווירקזאַמע מיטלען צו קעמפן פאַר דעם אויפהאַלט פון איר אידענטיטעט ווי זיי האָבן געהאַט.

מיר וועלן נאָך זען ווי שווער עס איז צוגעגאַנגען די אַסימילאַציע פון אימיגראַנטן וואָס זיינען געקומען אַהער מיט ווייניק קולטור; דייטשן, פאַרקערט, האָבן זיך שווער אַסימילירט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַלטן — ניט אין גאַנצן אומבאַרעכטיקט — אַז זייער קולטור איז אַ העכערע פון דער אַמעריקאַנער. פאַרשטייט זיך, ניט נאָר און אפילו ניט דער עיקר, דערפאַר האָבן זיי זיך געשטעלט קעגן די אויפלייזונג־טענדענצן, אָבער אַ פאַקטאָר איז דאָס געפיל פון קולטורעלער העכערקייט געווען. גוסטאַוו קערנער, אַ פירער פון דער דייטשער אימיגראַציע, האָט זיך אין 1834 דערלויבט צו זאָגן: „די אַמעריקאַנער, צו רעדן גאַנץ אָפן, זיינען אין זייער באַציאונג צו קונסט האַלבע באַרבאַרן און זייער געשמאַק איז ניט קיין סך אַ בעסערער פון דעם געשמאַק פון די אינדיאַנער אַבאָריגינער וואָס שטעכן זיך אַריין מעטאַלענע רינגען אין זייערע נעזער" [1]. אַ שפּעטערדיקער דייטשער פירער, היינצען, האָט אין 1860 זיך נאָך

שאַרפער אויסגעדריקט: „דייטשן" — האָט ער געזאָגט — „קאָנען זיך ניט אַמעריקאַניזירן. אמתע אַמעריקאַנער קאָנען מיר ניט ווערן; די מאַלפעס פון אַמעריקאַניזם ווילן מיר ניט ווערן; און ווייניקער ווי אַמעריקאַנער איז ניט מעגלעך מיר זאָלן ווערן" [2]).

די דייטשע איינוואַנדערונג, ספּעציעל די פון די דריי צענדליק יאָר וואָס צווישן 1830 און 1860, האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַר באַטייטיקע צאָל אידעאָלאָגיש־באַוואוסטזיניקע אימיגראַנטן, וואָס האָבן אָהער געבראַכט מיט זיך אויסגעקריסטאַליזירטע פּאָליטישע איבערצייגונגען און סאָציאַלע אידעאַלן. אַזעלכע האָבן שטענדיק זיך שטאַרקער געשטעלט קעגן אַסימילאַציע. אידעאָלאָגישע איינשטעלן, וואָס אַרום זיי האָבן אימיגראַנטן אָרגאַניזירט באַוועגונגען אָדער געפירט געזעלשאַפטלעכע אַקציעס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, זיינען אַלע מאָל געווען ווי רייפן וואָס האָבן געהאָלפן עטנישע גרופּעס זיך צו האַלטן צוזאַמען; און דייטשן האָבן פון אָט דעם מין אימיגראַנטן אַרויסגעגעבן אַ גאַר הויכן פּראָצענט.

מחמת די דורכגעפאַלענע רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד — אין 1830 און ספּעציעל אין 1848 — זיינען קיין אַמעריקע געקומען פּאָליטישע פליכטלינגן פון גרויסער אינטעליגענץ און מאָראַלישער הויך, וואָס האָבן דאָ פאַרנומען אַן אָרט פון פירערשאַפט אין דער דייטשער אימיגראַציע, אויסער פּראָפּאָרציע צו זייער צאָל. זייער ווירקונג איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. פון איין זייט, זיינען צווישן זיי געווען אַזעלכע וואָס האָבן זייער זיין אין אַמעריקע באַטראַכט פאַר אַ צייטווייליקן עפּיזאָד אין זייער לעבן. זיי האָבן געהאָפט אין גיכן זיך אומצוקערן צו זייער היימלאַנד און האָבן די צייט, וואָס עס איז זיי באַשערט געווען צו בלייבן אין אימיגראַציע, געוואָלט אויסנוצן צו העלפן די רעוואָלוציאָנערן אין דייטשלאַנד און צו האַלטן די פליכטלינגען צוזאַמען דאָ. נאָך אין די פריע דרייסיקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָבן זיי געגרינדעט די געזעלשאַפט „גערמאַניאַ" אין ניו יאָרק מיט דעם ציל צו אָרגאַניזירן די דייטשע פּאָליטישע אימיגראַציע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיי געזוכט צו שאַפן צענטערן פון דער דייטשער קולטור דאָ אין לאַנד גופא. זיי האָבן דעריבער מיט אַ זעלטענער רירעוודיקייט דאָ געבויט אַ פּרעסע, אַ טעאַטער, געזאַנגס־פאַראיינען, ספּאָרט־קלובן, דראַמאַטישע געזעלשאַפטן, קינדערגערטנער, שולן וכדומה.

אין היפוך צו די אירלענדער, האָבן דייטשן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגערס. אַכט־און־פערציקער — אַזוי האָט מען גערופן די אימיגראַנטן וואָס זיינען געקומען נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע אין 1848 — זיינען געווען צווישן די אַקטיווסטע אונ־

טערשטיצער פון דער אַבאָלאַציאָניסטישער באַוועגונג. אין די דרום שטאַטן זיינען זיי פאַקטיש געווען די איינציקע אויף אָט דעם געביט — און נאַטיר־לעך האָט דאָס זיי קיין נחת ניט פאַרשאַפט. נאָך אין 1788 האָבן די דייטשע קווייקערס פון דזשערמאַנטאַון, פענסילווייניע, אָנגענומען אַ פאָרמעלן פראָ־טעסט קעגן שקלאַפעריי, וואָס דאָס איז געווען די ערשטע עפנטלעכע אַקציע פון דעם מין אין אַמעריקע. אַנטי־שקלאַפעריי איז ניט געווען די איינציקע פראָגרעסיווע שטעלונג וואָס דייטשן האָבן גענומען אין שייכות צו אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכע סיטואַציעס. זיי האָבן זיך געפונען אין די פאָדערשטע רייען פון אַלע ליבעראַלע באַוועגונגען אין לאַנד; און דאָס האָט געהאַט אַ צעמענ־טירנדיקע פעולה אויף זייער גרופּעשן אויפהאַלט.

דייטשן זיינען געווען די פיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לאַנג איידער עס האָבן זיך געגרינדעט סאָציאַ־ליסטישע צייטונגען אין ענגליש, זיינען שוין דאָ אַרויסגעגאַנגען סאָציאַליס־טישע צייטונגען אין דייטש. אין 1850 האָבן דייטשע אַרבעטער אָפּגעהאַלטן זייער ערשטן צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע און געגרינדעט דעם „אַלגעמיינעם אַרבעטער בונד”. דייטשן האָבן אויך צונויפגעשטעלט די אַמעריקאַנער סעקציע פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. פון די 24 צייטונגען, וואָס האָבן צווישן 1876 און 1877 דירעקט אָדער אומדירעקט געשטיצט די סאָציאַליסטישע פאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן — דערציילט מאָריס הילקוויט — זיינען 14 געווען דייטשע, פון זיי — 7 טעגלעכע, בעת ענגלישע צייטונגען זיינען געווען בלויז 8, פון זיי — איינע אַ טעגלעכע [3]). פון די 113 נייע סעקציעס פון דער סאָציאַ־ליסטישער פאַרטיי וואָס האָבן זיך געגרינדעט צווישן 1889 און 1893 זיינען 43 געווען דייטשע אַנטקעגן 39 „אַמעריקאַנער” (די איבריקע — אין אַנדערע שפראַכן [4]).

די פרעסע אויף דייטש איז געווען די צאָלרייכסטע צווישן דער ניט־ענגלי־שער פרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן ביז 1945.

אַ פיל גרעסערע ראָלע, ווי סאָציאַלע אידעאָלאָגיע האָט אין דעם אויפ־האַלט פון דער דייטשער גרופּעשקייט געשפּילט די קירכע. מיר האָבן שוין אין שייכות מיט די אירלענדער גערעדט פון דער עטניזירנדיקער ראָלע פון דער קירכע און מיר וועלן די דאָזיקע ראָלע אויך זען ביי אַנדערע אימיג־ראַנטן־גרופּעס. ריכטיק זאָגן דזשענקס און לאָוק: „אפילו ראַסן־בענדער זיי־נען ניט ביכולת אָפּצעווישן אמונה־ליניעס” [5]). וואָס איז שייך צו די דייטשן, איז פראָפעסאָר וויטקע בלויז צום טייל גערעכט ווען ער זאָגט: „דייטשער פראָטעסטאַניזם, אין זיינע פאַרשיידענע פאָרמען, איז געווען מער פאַראַנט־וואָרטלעך פון וואָסער עס איז אַנדער קראַפט פאַר דער פרעזערוואַציע

פון דעם דייטשן עלעמענט אין די קאָלאָניאַלע צייטן ווי אַ באַזונדערע קול־טועלע גרופּע אין אַמעריקע״ [6]). וויטקע איז בלויז טיילווייז גערעכט דערפאַר, ווייל ער שאַצט ניט אָפּ אין פול דעם באַטייט פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ראַם, אין וועלכער די דייטשע קירכע האָט זיך געפונען און צוליב וואָס זי איז געווען אַזאַ וויכטיקער פאַקטאָר.

רעדט מען פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ראַם, דאַרף מען קודם כל אין זינען האָבן די צאָל דייטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס ווערט געחשבונט, אַז אַרום 25 פּראָצענט פון דער ווייסער באַפעלקערונג אין לאַנד שטאַמט אָפּ פון דייטשלאַנד. בלויז די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער (ענגלאַנד, שאָטלאַנד, וועלש און צפון־אירלאַנד), מיט אַרום 33 פּראָצענט, האָבן צוגעשטעלט אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פון דער ווייסער באַפעלקערונג. נאָך די דייטשן קומען די דרום־אירלענדער מיט אַרום 15 פּראָצענט — און ווייטער איז שוין ניטאָ קיין איין גרופּע וואָס זאָל צושטעלן מער ווי 5 פּראָצענט פון דער באַפעלקע־רונג [7]).

די אַנטוויקלונג פון דער דייטשער באַפעלקערונג איז ניט פאַרגעקומען ספּאָראַדיש. גלייך פון אָנהייב איז דייטש געווען די צום מיינסטן גערעדטע שפּראַך נאָך ענגליש. אויב דייטשן זיינען ניט געווען פון די גאָר ערשטע פּיאָ־נערן, זיינען זיי געווען די שיכט וואָס האָט זיך געפונען נענטער צו די ערשטע סעטלערס אידער וואָסער עס איז אַנדער עטנישע גרופּע. זיי האָבן זיך מאַסנ־וויס איינגעאָרדנט אין אַמעריקע סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט סיי אין די שטעט. אַזוי, למשל, האָבן זיי אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געציילט אין פּענסילווייניע אַליין אַרום 110 טויזנט נפשות פון אַן אַלגעמיינער באַפעל־קערונג פון אַרום 225 טויזנט נפשות. פּראָפעסאָר ל. בראַון ציטירט פון אַ בוך, וואָס אַ דייטשער רייזנדער, דר. ערנסט בראַונס, האָט פאַרעפנטלעכט אין 1829, אין וועלכן ער קלאָגט זיך, אַז רייכע אַמעריקאַנער דייטשן הייבן־אָן צו קוקן פון אויבן־אַראָפּ אויף דעם אָרעמען אימיגראַנט פון דייטשלאַנד און אַז זייערע קינדער גייען אַוועק פון דער דייטשער שפּראַך. דער זעלביקער דר. בראַונס דערציילט, אַז אין 1828 האָט די פּענסילווייניער לעגיסלאַטור פאַר־האַנדלט אַ פאַרשלאָג וועגן דערקלערן דייטש פאַר אַן אָפיציעלער שפּראַך אין דעם שטאַט צוגלייך מיט ענגליש. „אַנגלאָ־אַמעריקאַנער״ — קלאָגט זיך דער מחבר — „האָבן זיך גראָד גינציק באַצויגן צו אָט דעם לעגיסלאַטיוון פאַר־שלאָג, ער איז אָבער צו יענער צייט ניט אָנגענומען געוואָרן מחמת דער אַנגלאָ־מאַניע פון מענטשן וואָס אין זייערע אָדערן האָט געטריפט דייטשיש בלוט״. אין שטימע האָט געפעלט פאַר דעם, אַז דער פּראָיעקט זאָל ווערן געזעץ [8]). דאָס באַווייזט, אָבער, אַז אַסימילאַציע אפילו צווישן דייטשן האָט זיך אָנגעהייבן פרי,

און אָנגעהייבן מיט סאָציאַלער דיפערענצאַציע, — אָבער וועגן דעם שפּעטער. דאָ זײַנען מיר פאַראינטערעסירט צו באַווייזן, וואָסערע גינציקע באַדינגונגען דייטשן האָבן געהאַט פאַר דער צעמענטירונג פון זייער עטנישער גרופּעשקייט.

ניט בלויז אין פּענסילווייניע האָבן זיי זיך געפונען אין אַ פאַרהעלטניש־מעסיק פאַוואָריזירטער לאַגע. זיי זײַנען, אמת, ניט געווען פון די גרינדערס פון נײַע שטאַטן אויף ניט־באַאַרבעטן באָדן, אָבער זיי האָבן געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין אַ צאָל טעריטאָריעס אין דער צייט ווען די זײַנען געוואָרן שטאַטן. אויף אַזאַ אופן זײַנען זיי געווען אַן אָנגעזעענער כח אין אַזעלכע שטאַטן, ווי אָהייאָ, מיזורי, אילינאָיס, טעקסאַס און — שפּעטער אַביסל, ספּעציעל — וויסקאָנסין. אין אַט די שטאַטן, הגם די דייטשן האָבן דאָרט ניט דערגרייכט די השפּעה וואָס זיי האָבן געהאַט אין פּענסילווייניע, האָבן זיי געגרינדעט קאָלאָניעס און שטעט גאַנצע. צו ברענגען בלויז עטלעכע בײַשפּילן: אין 1837 האָבן זיי געגרינדעט דאָס שטעטל הערמאַן אין מיזורי, וועגן וועלכן אַ רייזנדער האָט מיט 40 יאָר שפּעטער געזאָגט: „אין הערמאַן פאַרגעסט מען, אַז מען געפינט זיך ניט אין דייטשלאַנד גופא“. אין 1927 האָבן באַזוכער קאָנסטאַטירט, אַז די לאַגע אינעם שטעטל האָט זיך ווייניק געביטן [9]). ענלעך האָבן אויסגעזען אַזעלכע שטעטלעך ווי בעלוויל אין אילינאָיס, וואו אפילו ניט־דייטשן האָבן נאָך אין 1905 גערעדט דייטש [40]), אָדער ניי־ברענפעלס אין טעקסאַס, וואו ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן קליינע קינדער נאָך אַלץ גערעדט דייטש צווישן זיך [11]). אין די דערמאָנטע שטאַטן איז דער למוד פון דייטש אין די עפנטלעכע שולן געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. אין 1843 האָט די לעגיסלאַטור פון טעקסאַס פאַראָרדנט, אַז אַלע געזעצן זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן חוץ אין ענגליש, אויך אין דייטש. אין וויסקאָנסין האָבן זיך דייטשן קאָנצענטרירט אין אַ צאָל שליסל־געגנטן און זיי פאַרוואַנדלט אין שטיץ־פּונקטן פון דייטשער גרופּעשקייט. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס זיי האָבן אין דעם דאָזיקן שטאַט דערוואָרבן אַ פּאָליטישן כח, וואָס האָט ווײַט איבערגעטראָפן זייער נומערישע פאַרהעלטניש אין דער באַפעלקערונג.

ווי שטאַרק די דייטשן זײַנען געווען קאָנצענטרירט אין וויסקאָנסין און אויף וויפיל זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, קאָן מען זען פון דער קליינער צאָל געמישטע חתונות וואָס זיי האָבן אין יענעם שטאַט אַרויסגעגעבן. לויט דר. האוגוד, זײַנען בלויז 35 פון די 3506 דייטשן וואָס האָבן געוואוינט אין דער רוראַלער געגנט אַרום מילוואָקי אין מיטן 19טן יאָרהונדערט געווען פאַרהייראַט צו ניט־דייטשן, בעת די 989 אירלענדער וואָס האָבן זיך געפונען אין דער זעלביקער געגנט, האָבן אַרויסגעגעבן 30 געמישטע חתונות. צווישן די

286 חתונות פון דייטשן אין אָזאָקי קאָנטי, וויסקאָנסין, אין 1888, זיינען בלויז 11 געווען מיט ניט־דייטשן. אין 1905 האָט מען גערעכנט, אַז בלויז איין דייטש האָט אין מילוואָקי חתונה געהאַט דרויסן פון זיין עטנישער גרופּע [12]).

זעלטן־ווען האָט אַן אימיגראַנטן־גרופּע אויסגעטיילט פון זיך אַזאַ הויכן פּראָצענט איינוואַנדערער וואָס האָבן, ביי זייער קומען אַהער, זיך געשטעלט דעם ציל צו דערגרייכן קלאָר־פאָרמולירטע פּראָגראַמען פון קאָלעקטיוון עטנישן צוזאַמענלעבן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די דייטשן. עס איז אפילו געווען אַ פאַרלאַנג ביי געוויסע דייטשע עלעמענטן צו גרינדן אויף דעם אַמע־ריקאַנער באָדן „ניי־דייטשלאַנדס". דער יסוד פון די דאָזיגע „ניי־דייטש־לאַנדס" האָט געזאָלט זיין טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע אָדער סאָציאַלע, קול־טורעלע און פּסיכאָלאָגישע קאָנסאָלידאַציעס.

די באַוועגונג פאַר „ניי־דייטשלאַנדס" האָט זיך רעקרוטירט פון די אַזוי־גערופענע יונגע גערמאַנען, וואָס האָבן נאָך אָנהייב 19טן יאָרהונדערט געזוכט צו פאַראייניקן די דייטשע פּראָווינצן אין איין שטאַרקן דייטשן שטאַט. אַנ־טוישט אין די פאַרזוכן אין דער היים, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט שאַפן קליינע פרייע דייטשלאַנדס אין דער נייער וועלט. עטלעכע פּרואוון אויף אָט דעם געביט האָבן זיי געמאַכט אין דעם פערטל יאָרהונדערט וואָס צווישן 1830 און 1855. דר. האאוגוד האָט די דאָזיקע פּרואוון גענוי באַשריבן. זיי האָבן דער־גרייכט זייער הויך־פּונקט אין דער גרינדונג פון דער גיסענער געזעלשאַפט אין דייטשלאַנד אין 1833, אונטער דער אָנפירונג פון די ברידער פאָלען און פרידריך מונק. אונטער דער ווירקונג פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָבן זיך געגרינדעט אַ צאָל חברות אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזעלכע ווי די גער־מאַניע געזעלשאַפט אין ניו יאָרק, די ניי־דייטשע געזעלשאַפט אין פילאַדעלפיע און אַנדערע. די צילן פון דער פילאַדעלפיער געזעלשאַפט האָט אירער אַ מיטגליד אַזוי פאָרמולירט:

> צו גרינדן אין די גרויסע פאַראייניקטע שטאַטן אַ נייע דייטשלאַנד, אַ זיכערן מקלט פאַר אונדז, אונדזערע קינדער און אונדזערע אָפּשטאַמיקע, [אַ נייע דייטש־לאַנד], וואָס אין איר בוזעם וועלן אונדזערע משפחות קאָנען פאַרזעצן זייער סאָציאַלע עקזיסטענץ מיט מער רואיקייט און מער אומאָפּהענגיקייט, ווי זיי זיינען דאָס געווען געוווינט צו טאָן [13]).

נאָך קלאָרער האָט די צילן פון דער ניי־דייטשלאַנד באַוועגונג פאָרמו־לירט אַ גרופּע פון דער גיסענער געזעלשאַפט, וואָס האָט אין 1934 פאַרלאָזט דייטשלאַנד מיט דעם צוועק צו גרינדן אַ דייטשן שטאַט אין אַמעריקע. פאַרן אָפּפאָרן, האָט די גרופּע אַרויסגעלאָזן אַ מאַניפעסט וואָס האָט דערקלערט, אַז

דער דייטשער שטאַט „וועט נאַטירלעך ווערן אַ מיטגליד פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאַרבאַנד, ער וועט אָבער איינשטעלן אַזאַ רעגירונגס־פֿאָרם, וואָס וועט פֿאַרזיכערן די פּערמאַנענץ פֿון דער דייטשער ציוויליזאַציע און דער דייטשער שפּראַך און וועט צושטעלן אַ פֿרייע און דעמאָקראַטישע עקזיסטענץ"[14]).

קיין דייטשן שטאַט האָבן די גיסענער טאַקע ניט געשאַפֿן, אָבער וויכטיקע פּאָזיציעס, וואָס זיינען געוואָרן צענטערן פֿון דייטשער גרופּעשקייט, האָבן זיי אויפֿגעבויט אָדער אינספּירירט. אַ צאָל פֿון די דאָזיקע פּאָזיציעס האָבן עד היום ניט אויסגעלעבט זייערע עטניש־צעמענטירנדיקע פֿונקציעס. מען קאָן דאָס זען פֿון דעם פֿאַקט, וואָס קאַרגע 45% פֿון די אַלע, וואָס האָבן אָנגעגעבן אין טעקסאַס דייטש פֿאַר זייער מאַמע־לשון, זיינען געווען דאָ געבוירענע פֿון היי־געבוירענע עלטערן. אין פּענסילווייניע — 34%; אין וויסקאָנסין — 25%; אין אָהייאָ — 22% א. אז. וו.[15]).

.10

דר. האוגוד איז פֿולשטענדיק גערעכט, ווען ער רעכנט צו צו די סיבות וואָס האָבן פֿאַראורזאַכט דעם דורכפֿאַל פֿון דער ניי־דייטשלאַנד באַוועגונג — דאָס פֿעלן פֿון אַ רעליגיעזן פּאַטאָס. דערפֿאַר טאַקע פֿאַרנעמען אַ באַזונדערן אָרט אין דער געשיכטע פֿון דער דייטשער אימיגראַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן די דייטשן פֿון פּענסילווייניע — די אַזוי־גערופֿענע „פּענסילווייניע דאָטש". זיי זיינען געקומען פֿרי גענוג אין אַמעריקע צו קאָנען דורכמאַכן זייער אַקאָמאַדאַציע דורך איזאָלאַציע. זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט אין אַ צייט, ווען ניט נאָר זיינען די מערב־שטאַטן נאָך ניט געווען איינגענומען, נאָר אַפֿילו די שטאַטן אויף דעם אַטלאַנטישן ים־ברעג זיינען נאָך געווען זייער שיטער באַאַרבעט, און ביליקער טויגבאַרער באָדן איז נאָך געווען לרוב. די דייטשן האָבן זיך דאַן אויף אַ קאָנצענטרירטן אופֿן געקאָנט נעמען צו לאַנד־ווירטשאַפֿט און זיך פֿאַקטיש סעגרעגירן פֿון די אַנדערע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג. זיי האָבן אויפֿגעשטעלט דייטשע אינדזלען אין דעם אַנגלאָ־זאַקסישן ים און לענגער איידער וואָסער עס איז אַנדערע ניט־ענגליש־רעדנדיקע גרופּע זיך אויסגעהיט פֿון איינגעשלונגען צו ווערן אין די כוואַליעס פֿון דעם ים. דער גייסטיקער צענטער פֿון די אינדזלען — איז געווען די קירכע. „דייטשע מענאָניטן, דונקערס און אַנדערע סעקטעס" — זאָגט קאַראַלין פּ. וועיר — „זיינען געבליבן אויסגעשפּראָכענע דייטשע געמיינדעס בעת שכנותדיקע דייטשע פֿאַרמערס האָבן פֿאַרלוירן זייער באַזונדערע אידענטיטעט"[1]).

די באַציאונג פון די פּענסילווייניער דייטשן צו דייטשלאַנד איז געווען גאָר אַן אַנדערע פון דער באַציאונג, וואָס עס האָבן צו זייער היימלאַנד אַרויסגעוויזן די שפּעטער־געקומענע דייטשן. די לעצטע, ווי מיר האָבן געזען, זיינען געווען דייטשע פּאַטריאָטן וואָס האָבן זייער גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע יניקה געשעפּט פון דעם היימישן קוואַל. זיי האָבן געחלומט פון אומקערן זיך צוריק קיין דייטשלאַנד, אָדער פון, לכל הפחות, שאַפן ניי־דייטשלאַנדס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פּענסילווייניער דייטשן, פאַרקערט, זיינען געקומען אַהער נאָך איידער עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויס־דייטשער נאַציאָנאַליזם אין אייראָפּע — און זייער פּאַטריאָטיזם האָט אין גאַנצן געהערט צו זייער נייער היים. פּסיכאָלאָגיש האָבן זיי כמעט ווי קיין שום פאַרבינדונג ניט געהאַט מיט דעם לאַנד פון זייער אָפּשטאַם; און דאָך איז עס אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז זיי האָבן אַסך לענגער אויפגעהיט די דייטשע שפּראַך אין אַמעריקע איידער די שפּעטער־געקומענע דייטשע נאַציאָנאַליסטן. מען דאַרף אָבער דערביי געדענקען, אַז זייער דייטש איז געווען עפּעס אַ ספּעציעלער דיאַלעקט, וואָס האָט געטראָגן די קענטיקע השפּעה פון ענגליש. באַזונדערס איז כדאי צו געדענקען דאָס, וואָס ריטש־אַרד ה. שרייאַק האָט אונטערגעשטראָכן: פּענסילווייניע דייטש איז געווען די „נאַטיווע שפּראַך אין די געגנטן", וואו די פּענסילווייניער דייטשן האָבן זיך געפונען, „פּונקט אַזוי פיל ווי ענגליש אין די דערבייאיגע קאַנטיס" [2]).

דאָס געזעלשאַפטלעך לעבן פון די פּענסילווייניער דייטשן איז געווען אַ באַלאַנסירט לעבן — און אָפּגעהיט דעם דאָזיקן באַלאַנס פון דרויסנדיקע שטערונגען האָט דער עיקר די קירכע. די פּענסילווייניער דייטשן זיינען ניט געווען סתם פּראָטעסטאַנטן: זיי זיינען געווען מיטגלידער פון אַ באַשטימטער רעליגיעזער סעקטע, וואָס אין איר זיינען זיי פּאַקטיש געווען די מערהייט. זייער קירכע האָט דעריבער אָפּעריִרט אין אַ מער אָדער ווייניקער אָפּגעגרעניצ־טער עטנישער סביבה, וואָס אירע קולטורעלע הצטרכותן האָבן זיך געדעקט מיט אירע רעליגיעזע אינטערעסן. אין אָט דער רעליגיעזער אָפּגעגרעניצקייט זיינען די פּענסילווייניער דייטשן אין געוויסן זין נענטער צו יידן, ווי צו קריסטן פון אַנדערע סעקטעס און אמונות.

אָבער די קירכע האָט געקאָנט שפּילן ביי די פּענסילווייניער דייטשן אַזאַ לאַנג־דויערנדיקע ראָלע דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָרצלט אין זייער ווירט־שאַפטלעכן שטייגער. דער דאָזיקער שטייגער, פון זיין זייט, האָט זיך געקאָנט האַלטן נאָר אין באַשטימטע קולטור־פאָרמען. „דער פּענסילווייניע־דייטשער פאַרמער" — זאָגט אַרטור ד. גראַף — „האָט מיט רעכט געפילט, אַז זיינע קול־

טור־פֿאָרמען באַזירן אויף אַ יסוד פֿון שפּראַך, רעליגיע און אַגראַרישע מנהגים״ [3]).

דער עקאָנאָמישער מצב פֿון די פּענסילוויניער דייטשן איז געווען אַ גוטער און זיי האָבן אים ניט געוואָלט צעטרייסלען דורך אימיגראַציעס. נאָך אין 1786 האָט די לוטעראַנישע קירכע איינגעשלאָסן אין איר ליטורגיע אַ תפילה וואָס האָט געבעטן פֿון גאָט:

היות ווי דו האָסט באַוויליקט צו טראַנספּאַרמירן, דער עיקר דורך די דייטשן, אָט דעם שטאַט [פּענסילווייניע] אין אַ בליענדיקן גאָרטן און די מדבר אין אַן אָנגענעמער פּאַשע, העלף אונדז ניט צוריקצואווייזן אונדזער נאַציע, נאָר צו באַמיען זיך פֿאַר דעם, אַז אונדזער יוגנט זאָל אַזוי דערצויגן ווערן, אַז די דייטשע שולן און קירכעס זאָלן ניט נאָר איינגעהאַלטן ווערן, נאָר זאָל אויך דערגרייכן אַ נאָך מער בליענדיקן מצב [4]).

די פּענסילוויניע־דייטשע פּאַרמערס האָבן געוואוסט, אַז זייער ווערן איינ־האַלטן זייער עקאָנאָמישן סדר נאָר אַזוי לאַנג, ווי די קירכע וועט איינהאַלטן איר גייסטיקע השפּעה אויף דער דייטשער באַפֿעלקערונג. און די קירכע, פֿון איר זייט, האָט געוואוסט, אַז זי וועט איינהאַלטן איר השפּעה נאָר כּל זמן דער עקאָנאָמישער שטייגער וועט בלייבן סטאַביל. איינס האָט געדינט דאָס צווייטע און איינס האָט פֿון דעם צווייטן ניט געקאָנט אָפּגעטיילט ווערן. מאָועד טשאַרלס לואיס האָט אַזוי סומירט דעם אַפּעל פֿון די פּאַסטאָרן צו די פּענסילוויניער דייטשן:

ווילט איר לאָזן אייערע קינדער אַ רייכע ירושה? דאַן לערנט זיי דייטש. ווילט איר, אַז אייערע קינדער זאָלן אָפּהיטן כּבוד אב ואם? דאַן זעט, זיי זאָלן פֿאַר־בלייבן לוטעראַנער. כּדי זיי זאָלן פֿאַרבלייבן לוטעראַנער, מוזן זיי פֿאַרבלייבן דייטשן. אָבער פֿאַרוואָס בלייבן דייטשע לוטעראַנער אָדער לוטעראַנישע דייטשן? דערפֿאַר, ווייל ווען זיי ניט פֿאַרבלייבן קיין לוטעראַנער, וועלן זיי אויך ניט בלייבן קיין פֿאַרמערס; און זיי זיינען גאָר ניט אויב ניט קיין פֿאַרמערס. קוקט אויף אייערע פֿאַרמס און דאַן קוקט אויף די אַנדערע. ווילט איר, אַז אייערע קינדער זאָלן פֿאַרטאַכלעווען דאָס, וואָס איר פֿאַרדינט מיט דעם שווייס פֿון אייער שטערנס? ווי לאַנג, מיינט איר, וועלן זיי זיך האַלטן ביי זייער משפּחה־פֿאַרם נאָך דעם, ווי זיי וועלן זיך האָבן אַנגליצירט? [5]).

די לעצטע ווערטער זיינען גלייכצייטיק אַ שליסל צו צוויי דערשיינונגען. פֿון איין זייט דערקלערן זיי, פֿאַרוואָס די סעקטאַנטישע טעטיקייט פֿון דער לוטעראַנישער קירכע האָט די ערשטע צייטן ניט אַרויסגערופֿן אַזאַ רעאַקציע אין לאַנד, ווי די טעטיקייט פֿון דער קאַטוילישער קירכע אין פֿאַרבינדונג מיט די אירלענדער: זי האָט פֿאַרט געהערט צו דער מערהייט־רעליגיע און

האָט פונקציאָנירט אין אַגריקולטורעלע געגנטן וואָס האָבן פּאַקטיש קיין שום באַריר־פּונקטן ניט געהאַט מיט דעם אַרום. פון דער אַנדערער זייט, דערקלערן די ציטירטע ווערטער די סיבה, פאַרוואָס די פּענסילווייניער דייטשן האָבן אַזוי פאַרעקשנט געפירט אַ קאַמף קעגן אַ שטאַטלעכער שול־סיסטעם און קעגן געצוואונגענער קינדער־בילדונג. דאָס איז געווען ניט אַזוי אַ קאַמף קעגן בילדונג גופא, ווי אַ קאַמף קעגן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קאָנסעקווענצן פון אַן אַלגעמיינעם שול־וועזן. קיין צו הויכע קולטור־פאָדערונגען האָט דער פּענסילווייניער דייטש, אמת, זיך ניט געשטעלט: „פאַר אים" — זאָגט קלייד ס. סטינע — „האָט מען באַקומען אמתע בילדונג אויף דער פאַרם, וואו קינדער זיינען צו ניין יאָר שוין געווען אַן אינטעגראַלע טייל פון דער פאַרמערישער געמיינשאַפט"[6]; אָבער דאָס מיינט ניט, אַז ער האָט זיינע קינדער געהאַלטן אין אומוויסנקייט. אין 1834, ווען דער קאַמף פאַר אַ שטאַטלעכן שול־וועזן האָט שוין געהאַט אָנגענומען ערנסטע פאָרמען, האָבן פונקציאָנירט אַרום 160 פּאַראָכיאַלע שולן פון דער רעפאָרמירטער קירכע און אַרום 250 ענלעכע שולן פון דער לוטעראַנישער קירכע. דאָס איז געווען גענוג צו צושטעלן אַן עלעמענטאַרע בילדונג צו אַלע פּענסילווייניע־דייטשע קינדער[7]. די דאָזיקע שולן האָבן מיט אַ יאָר שפּעטער צוריקגעוויזן פינאַנציעלע הילף פון דער שטאַט־רעגירונג דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַר דער לעצטער ניט געוואָלט עפענען קיין טיר זיך אַריינצומישן אין זייער לערן־סיסטעם. אַז זייער מורא פאַר עפנטלעכע שולן איז געווען אַ גוט באַגרינדעטע, וועלן מיר באַווייזן שפּעטער. דערווייל וועט זיין גענוג צו דערמאָנען נאָר איין פאַקט: נאָך מיט 20 יאָר פאַר דעם, ווי עס איז אין פּענסילווייניע אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ (אין 1911), וואָס האָט איינגעפירט ענגליש ווי די איינציקע אונטערריכטס שפּראַך אין אַלע עפנטלעכע שולן, האָט זיך געהאַט ליקווידירט די לעצטע שול פון די פּענסילווייניער דייטשן וואָס האָט גענוצט דייטש ווי די שפּראַך פון די למודים.

## 11.

דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין די לעצטע פאַר קאַפּיטלעך, באַשטעטיקט מיין איך, די טעזע אַז דייטשן האָבן דאָ געהאַט אַ צאָל גינציקע פאַקטאָרן פאַר דעם אויפהאַלט פון זייער עטנישער אידענטיטעט. לאָמיר זיי דאָ סומירן.

דייטשן זיינען געקומען פרי, אין גרויסע צאָלן און געשאַפן פאַר זיך וויכטיקע קולטורעלע און סאָציאַלע שטיץ־פּונקטן סיי אין דער לאַנדווירטשאַפט

סיי אין דער אינדוסטריע. וואָס איז שייך די פּענסילוויינער דייטשן, האָבן זיי דאָ פּאַקטיש אויפגעבויט אַן אייגענעם קאָמונאַלן לעבן, וואָס גייסטיק האָט ער זיך געהאַלטן אין אַ ראַם פֿון אַ רעלאַטיוו־אָפּגעשלאָסענער רעליגיעזער סעקטאַנטישקייט, וואָס זיין יסוד איז געווען קאָנצענטרירטע אַגריקולטור, און זיינע זיילן: קירכע, שפּראַך און פֿאַמיליע. אויך אין די שטעט איז די איינאָרדנונג פֿון דייטשן געווען אַ קאָנצענטרירטע און איז געווען באַגלייט פֿון אַן אינטעסיוון בוי פֿון קולטור, הילף, און זעלבסט־הילף אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שטאַרקן דייטשן נאַציאָנאַליזם און אַסך מער ווי אַ דורכשניטלעכע געזעלשאַפטלעכע באַוואוסטזיניקייט. זיי זיינען אין אַ גאַר גרויסער מאָס געווען אידעאָלאָגיש באַווירקט און זיך געשטעלט קלאָרע צילן פֿון עטנישן זעלבסט־דערהאַלט. זיי האָבן ניט פֿאַרנאַכלעסיקט די דערציאונג פֿון זייערע קינדער: בעת די רעליגיעזע דייטשן האָבן געבויט פּאַראָכיאַלע שולן, האָבן די פֿרייע דייטשן געשאַפֿן סעקולערע שולן.

דייטשן האָבן שוין יאָ פֿון צייט צו צייט אַרויסגעשטעלט פֿאָדערונגען וואָס האָבן געהאַט אַ געוויסע עפֿלעכקייט צו אַ צאָל פֿאָדערונגען, וואָס נאַציאָנאַלע מינדערהייטן שטעלן אַרויס אין אייראָפּעאישע נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן. אַזוי, למשל, האָבן זיי געפֿאָדערט אַ ברייטערע אָנערקענונג פֿון דער דייטשן שפּראַך אין די עפֿנטלעכע שולן. ניט נאָר האָבן זיי, ביז אומגעפֿער דער לעצטער דעקאַדע פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט, געגרינדעט אייגענע לאָקאַלע יוניאָנס, נאָר זיי האָבן אפילו אויך געהאַט צענטראַלע שטאַטן־ און לאַנד־קערפּערשאַפֿטן פֿון דייטשע יוניאָנס. עס איז געווען אַ צענטראַלע דייטשע געווערקשאַפֿטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָך איידער עס האָט זיך געגרינדעט די אַמעריקאַנער פֿעדעראַציע פֿון אַרבעט; און עס איז געווען אַ פֿאַראייניקונג פֿון דייטשע יוניאָנס אין ניו יאָרק נאָך איידער עס איז געווען אַ סענטראַל לייבאָר קאָנסיל. די דייטשע פֿעדעראַציעס זיינען אַלע מאָל געווען צווישן די סאַמע גרעסטע אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער צייט, ווען די דאָזיקע פּאַרטיי האָט פֿונקציאָנירט אויף דעם יסוד פֿון שפּראַך־סעקציעס.

צו די אַלע אויסגערעכנטע פֿאַקטאָרן דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אין דער דייטשער אימיגראַציע איז געווען המשך. זי האָט זיך געצויגן אין משך פֿון אַסך יאָרן און ניט איבערגעהאַקט געוואָרן דורך לאַנגע הפסקות, ווי עס איז געווען דער פֿאַל מיט דער איינוואַנדערונג פֿון אַנדערע גרופּעס. ניי־געקומענע דייטשן האָבן דאָ שטענדיק געפֿונען פֿריער־געקומענע דייטשן וואָס זיינען נאָך געווען ווייניק אָדער גאָר ניט אַסימילירט — און עס איז דעריבער צווישן

זייערע פאַרשיידענע אימיגראַנטן־דורות ניט געווען דער טיפער ריס, וואָס מיר וועלן געפינען ביי אַנדערע.

עס דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן דער פאַקט, אַז אַ צאָל פאַרזוכן איז געמאַכט געוואָרן צו אָרגאַניזירן דייטשע שטימען אין פּאָליטישע וואַלן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן. אַזוי האָבן די דייטשע אָרגאַניזאַציעס פון באַלטימאָר אין 1853 געפאָדערט פון קאַנדידאַטן אויף רעגירונגס־אַמטן, אַז זיי זאָלן זיך שריפטלעך אַרויסזאָגן ווי אַזוי זיי וועלן זיך באַציען, אויב זיי וועלן דערוויילט ווערן, צו ענינים אין וועלכע דייטשן זיינען געווען פאַראינטערעסירט ווי אַ גרופּע. די אָרגאַניזאַציעס האָבן געפאָדערט פון בירגער וואָס שטאַמען אָפּ פון דייטשלאַנד צו שטימען בלויז פאַר די קאַנדידאַטן וואָס גיבן צופרידנ־שטעלנדיקע ענטפערס [1]). דעם זעלביקן יאָר איז אין לואיוויל, קענטאַקי גע־גרינדעט געוואָרן דער „בונד פון פרייע מענער" וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל, אין די ווערטער פון ע. בונקען, ווי ציטירט דורך דר. האאוגוד, „צו קאָ־אָרדינירן דאָס פּאָליטישע טראַכטן און די האַנדלונג פון דייטש־אַמעריקאַנער דורך אָפּהאַלטן שטאַט־צוזאַמענפאָרן אין יענע שטאַטן פון לאַנד וואָס האָבן אַ באַטייטיקע דייטשע באַפעלקערונג" [2]).

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, אַז אפילו דייטשן האָבן קיין מאָל ניט גע־פּרוּווט צו גרינדן אַן אייגענע פּאָליטישע פּאַרטיי און אַלץ געאַרבעט דורך די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען. דעם 18טן אָקטאָבער, 1937 איז אין פּיטסבורג אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַ דייטשער צוזאַמענפאָר, וואָס די הויפּט־פּונקטן אויף זיין טאָג־סדר זיינען געווען פראַגעס פון פרעזערווירן דאָס גערמאַנטום אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן און אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ דייטשן שטאַט. אפילו אָט דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער גרינדונג פון אַ באַזונדערער דייטשער פּאַרטיי [3]). אויך די דייטשע סאָציאַליסטן האָבן קיין לאַנד־פּאַרטיי ניט געשאַפן — בלויז דייטשע פעדעראַציעס אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אמת, די פעדעראַציעס זיינען געקומען פאַר די פּאַרטייען און זיינען ניט זעלטן געווען גרעסער פון די פּאַרטייען; דאָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט, אַז זיי זיינען געווען שפּראַך־סעקציעס, וואָס האָבן ניט אַרויסגעשטעלט קיין פּלאַט־פאָרמעס פון עטנישן כאַראַקטער, נאָר געשטיצט די אַלגעמיינע פּלאַטפאָרמעס פון די לאַנד־פּאַרטייען פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין דעם זעען מיר דעם ערשטן באַווייז, אַז אויך די דייטשן האָבן זיך דאָ ניט קאָנסאָלידירט ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט. ניט געקוקט אויף די אַלע גינציקע באַדינגונגען וואָס זיינען אויבן פאַרנאָטירט געוואָרן, האָבן דייטשן זייערע עטנישע אידענ־טיטעט ניט געקאָנט אויפהיטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז נאָך אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז אפילו

צווישן די פּענסילווייניער דייטשן ניט פאַרבליבן קיין אין קינדער־שול וואָס האָט געניצט דייטש ווי די אונטעררעכט־שפּראַך. די אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אין משך פון די יאָרן ביי זיי אויסגעבילדעט, ווייזט ניט אַרויס קיין שום אינ־טערעס אין דעם אויפהאַלט פון דייטש. אפילו אין די קירכעס גיבן די פּאַס־טאָרן זייערע פּרעדיגטן דורכאויס אין ענגליש. פון צייט צו צייט וואַרפן זיי צו די עלטערע מענטשן אַ ביינדל אין דער פאָרם פון אַן איזאָלירטער תפילה אין דייטש. גאָר ניט לאַנג צוריק איז די לאַגע געווען אַ פאַרקערטע.

פון דער ברייט־פאַרצווייגטער קולטור־באַוועגונג, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם 19טן יאָרהונדערט, איז היינט ווייניק פאַראַן. פון דעם דייטשן טעאַטער איז פּאַקטיש קיין זכר ניט געבליבן. די צאָל רעלי־גיעזע שולן, וואָס מען לערנט אין זיי אויף דייטש, איז היינט נישטיק קליין; די דייטש־סעקולערע שולן זיינען אין גאַנצן אויסגערונען. אין די שטעט, וואו מען האָט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר פאַרגעסן אַז מען געפינט זיך ניט אין דייטשלאַנד, רעדט מען היינט אויסשליסלעך ענגליש.

אין 1910 האָבן די וואָס האָבן אָנגעגעבן דייטש פאַר זייער מאַמע־לשון — מען דאַרף נאָך אַמאָל דערמאָנען, אַזאַ מאַמע־לשון, ווי דעפינירט פון דעם צענזוס־ביוראָ, איז ניט די געריעדטע שפּראַך, נאָר די שפּראַך וואָס איינער האָט געהערט צו אָפטסטן רעדן ביי זיך אין דער היים ווען ער איז געווען אַ קינד — אויסגעמאַכט 21 פּראָצענט פון די אַלע וואָס האָבן אָנגעגעבן אַן אַנ־דער שפּראַך ווי ענגליש אַלס זייער מאַמע־לשון; אין 1920 — האָבן זיי אויס־געמאַכט 17.1 פּראָצענט; אין 1930 — 16.4 פּראָצענט. די צאָל דייטש־רעדנ־דיקע פאַלט אויך אין אַבסאָלוטן זין. אין 1910 האָט בלויז די צאָל דאָ־געבוי־רענע אַליין וואָס האָבן רעגיסטרירט דייטש אַלס זייער מאַמע־לשון באַטראָפן 6,058,239. אין 1940 האָבן אַלע צוזאַמען וואָס האָבן אָנגעגעבן דייטש, שוין אריינגערעכנט 1,589,040 אימיגראַנטן, אויסגעמאַכט ניט מער ווי 4,949,780 [4]. דאָס באַווייזט אַז דייטש האָט נאָך דאָ אַ סך וויטאַליטעט אפילו ביי דעם צווייטן דור; דער דריטער דור אָבער און די ווייטערדיקע דורות קענען זעלטן די שפּראַך פון זייערע זיידעס און באָבעס. זיי פאַלן אַריין אין דער גרויסער מאַסע איין־שפּראַכיקע, וואָס איז דער פונדאַמענט פון דער אַמעריקאַנער קול־טור. אין דעם פּרט איז צווישן זיי און אַנדערע עטנישע גרופּעס קיין שום אונטערשייד ניטאָ.

כאַראַקטעריסטיש און באַלערנדיק איז דער מצב פון דער דייטשער פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַז צענדליקער דייטשע צייטונגען זאָלן אונטערגיין אונטער דער ווירקונג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — איז געווען צו דערוואַרטן. די פאַרקלענערונג פון דער דייטשער פּרעסע אין

משך פון די מלחמה־יאָרן (דאָס באַציט זיך אויך אויף דער צווייטער וועלט־מלחמה) קאָן דעריבער צוגעשריבן ווערן צו צופעליקע סיבות. אָבער אָט איז אַ טאַבעלע וואָס איז צונויפגעשטעלט אויף דעם באָדן פון ציפערן, וואָס דער „אַלגעמיינער ראַט פאַר אַמעריקאַנער איינהייט" („קאָמאָן קאָנסיל פאַר אַמעריקאַן יוניטי", פריער: „פאָרעין לענגוועדזש אינפאָרמיישאָן סערוויס") האָט אין פאַרשיידענע ציטן פאַרעפנטלעכט און וואָס דעקט דעם פעריאָד 1943־1925 [5]).

טאַבעלע 1. דייטשע צייטונגען אין אַמעריקע אין די יאָרן 1926־46

| יאָר | אַלגעמיינע צאָל דייטשע צייטונגען | צאָל טעגלעכע צייטונגען |
|---|---|---|
| 1926 | 203 | ניט באַוואוסט |
| 1935 | 201 | 18 |
| 1941 | 161 | 13 |
| 1943 | 151 | 9 |
| 1946 | 115 | 7 |

אין ליכט פון די פאַקטן איז מעגלעך בלויז איין אויספיר: די דייטשע גרופּעשקייט לאָזט זיך פאַנאַנדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און וואָס ווייטער — מיט אַלץ אַ שנעלערן טעמפּאָ. אפילו דר. האָוגוד, וואָס צייכנט זיך ניט אויס מיט פריינטשאַפט צו די דייטשן, גיט צו אַז דער פאַרבינד־שטריך צווישן אַמעריקאַנער און דייטש האָט זיך אָנגעהייבן אויפלייזן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, הגם אין גאַנצן איז ער נאָך ווייט ניט פאַרשוואונדן (וועגן די פאַרזוכן צו אָרגאַניזירן דייטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר נאַצישע צוועקן וועט נאָך גערעדט ווערן.) דייטשן, וואָס זיינען שוין יאָ געקומען אַהער מיט אַן אייגענער שפּראַך און אייגענער קולטור און מיט אַ שטאַרקער צוגעבונדקייט צו ביידע, האָבן נאָר געקאָנט פאַרלאַנגזאַמערן די אסימילאַציע, אָבער זי ניט אָפּשטעלן.

די סיבות זיינען געווען די, וואָס מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט. קודם כל: דער מהלך צווישן דער קולטור און דער ציוויליזאַציע, וואָס איז אויך ביי די דייטשן געווען אַ ברייטער. ווי גרויס עס זאָל ניט האָבן געווען דער גייסטיקער באַגאַזש מיט וועלכן דייטשן זיינען אַהער געקומען,

האָט ער ניט געקאָנט באַלאַנסירן ניט די אַנשטרענגונגען ניט די מעגלעכקייטן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זייער מאַטעריעלער איינאָרדנונג אין לאַנד. אין דער גרויסער אַנשטרענגונג איז דער דאָזיקער באַגאַזש אָפּט געווען אַן איבריקע פּיזישע און גייסטיקע לאַסט, און אין דעם אויסנוצן די מעגלעכקייטן איז ער ניט געווען קיין הילף. די דיספּראָפּאָרציע צווישן די רעזולטאַטן פון זייערע מאַטעריעלע אַנשטרענגונגען און די פּרוכט פון זייערע גייסטיקע פאַרזוכן צו שאַפן עטנישע ווערטן, קאָן מען זען, ווען מען פאַרגלייכט דאָ זייערע עקאָנאָמישע דערגרייכן מיט די אויפטוען פון זייער קולטורעלער טעטיקייט. עקאָנאָמיש שטייען דייטשן כמעט אויף איין ברעט מיט דער אַנגלאָ־זאַקסישער „אַריסטאָקראַטיע"; עטניש־קולטורעל איז זייער סך הכל אַ גאַנץ קליינער. עס איז זיי דאָ, למשל, ניט געלונגען צו שאַפן אַ וויכטיקע ליטעראַטור אויף דייטש ניט געקוקט אויף דער ברייט־פאַרצווייגטער און מאַסנהאַפטיקער קול־טורעלער טעטיקייט, וואָס זיי האָבן דאָ געפירט. „מער אינטענסיוו איידער וואָסער 'עס איז אַנדער ראַסע" — זאָגט טאָמאַס טשאַפּעק — „האָבן דייטשן אין אַמעריקע קולטיווירט אַ ליטעראַטור אין זייער נאַציאָנאַלן לשון; און דאָך וואָסערע ווירקלעך־גרויסע שרייבערס האָבן זיי פּראָדוצירט זינט די צייטן פון פּעטער זענקער?" טשאַפּעק ציטירט גוסטאַוואוס אַלינגערס ווער־טער: „די האָפענונגען אויף אַן אַמעריקאַנער דייטשער ליטעראַטור, מיט וועלכע געוויסע ענטוזיאַסטן האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין 1832 און 1848, האָבן זיך ניט רעאַליזירט... עס וואָלט געווען שווער צו געפינען אַ דייטש בוך, וואָס דייטשן אַליין וואָלטן פּרעטענדירט אַז עס איז באַרעכטיקט אפילו צו אַ באַשיידענעם פּלאַץ אין דער ליטעראַטור. זייער ווייניק דאָ־געבוירענע דייטש־אַמעריקאַנער שרייבער זיינען געוואָרן דייטשע שרייבערס אפילו פון בלויז דורכשניטלעכער פעאיקייט"[6]).

דאָס ברענגט אונדז צו דער אַמעריקאַנער אוטיליטאַרישקייט, וואָס מען קאָן זי אין שייכות צו ניט־ענגלישע שפּראַכן אַזוי פאָרמולירן: אויב די אימיגראַנטן גופא האָבן, ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטאַל, דורך איזאָלאַציע זיך געקאָנט אַקאָמאָדירן אין זייער אייגענעם מאַמע־לשון, איז ניט געווען קיין עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט אָדער סאָציאַלער דראַנג פאַר זייערע קינדער און קינדס־קינדער זיך צו האַלטן ביי דעם דאָזיקן מאַמע־לשון. אַזוי שנעל, ווי זיי האָבן פאַרלאָזן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע געטאָס פון זייערע עלטערן, האָבן די יונגע דורות זיך געקאָנט פּראָדוקטיוויזירן בלויז אין ענגליש. נאָר אַ באַוואוסטזיניקער סוביעקטיווער פאַרלאַנג פאַר־צווענצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן דייטשע גרופּעשקייט, וואָלט געקאָנט טרייבן די דאָ־געבוירענע דייטשן צו מאַכן די אומגעהייערע אַנשטרענגונגען,

וואָס זייער עטנישע קאָנטינואיטעט וואָלט דאָ געפאָדערט און דאָס אַליין וואָלט ניט געוועז גענוג: צו דעם וואָלט די דייטשע יוגנט, וואָס איז דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן, אויך געדאַרפט דערפילן אַן ערנסטן אָב־יעקטיוון שטער צו איר אַסימילאַציע. די טיראַניי פון דער מערהייט האָט ניט דערלאָזט, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ סוביעקטיווער פאַרלאַנג, און קיין ערנסטער אָביעקטיווער שטער איז ניט געווען דערפאַר, ווייל אין איין פּרט זיינען די דייטשן קיין מינדערהייט ניט געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אויב די אירלענדער האָבן שפּראַכלעך געהערט צו דער מערהייט, האָבן די דייטשן געהערט צו דער מערהייט רעליגיעז.

היות ווי מיר באַהאַנדלען דאָ צום ערשטן מאָל אין אונדזער אַרבעט די אַנטוויקלונג פון אַ ניט־ענגליש־רעדנדיקער גרופּע, איז כדאי אָנצואווייזן אויף די ספּעציעלע שוועריקייטן, וואָס אָט אַזאַ גרופּע האָט דאָ באַגעגנט אין די פאַרזוכן איינצוהאַלטן איר אידענטיטעט, חוץ די אַלגעמיינע שוועריקייטן וואָס זיינען שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן. דאָס וועט אונדז שפּאָרן שפּעטערדיקע איבערחזרונגען.

נומעריש זיינען טאַקע די דייטשע עלעמענטן געווען אויף דעם צווייטן אָרט גלייך נאָך די אַנגלאָ־זאַקסישע עלעמענטן, אָבער דער צאָלמעסיקער מהלך איז צווישן זיי געווען אַ זייער גרויסער; און דער מהלך איז געווען ניט נאָר אַ סטאַטיסטישער. מיר האָבן שוין געזען, אַז די דייטשן זיינען קיין מאָל ניט געקומען די סאַמע ערשטע אין אַ שטאַט און זיי זיינען אין קיין שטאַט ניט געווען קיין מערהייט — אפילו ניט אין פּענסילווייניע. דאָס הייסט אַז זיי זיינען אומעטום געקומען נאָך דעם, ווי דער סאָציאַל־קולטורעלער יסוד איז שוין געווען פעסט־גענוג צו אויסקריסטאַליזירן אַ טיראַניי פון דער מערהייט. דאָס פּראָבלעם פון אַקאָמאָדאַציע איז דעריבער תמיד געשטאַנען פאַר די פרעמד־שפּראַכיקע, קיין מאָל ניט פאַר די ענגליש־רעדנדיקע. פּראָצענטועל איז די צאָל דייטשן כסדר געפאַלן אין פאַרהעלטניש צו די ניט־דייטשע טיילן פון דער באַפעלקערונג. זינט 1910 האָבן אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד אויסגע־מאַכט מער ווי 5 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג בלויז אין וויסקאָנסין. אויב מיר זאָלן נעמען די דייטשן וואָס דער צענזוס רעכנט צו דעם „אויס־לענדישן מין", ד. ה.: 1) אימיגראַנטן, 2) דאָ־געבוירענע וואָס זייערעביידע עלטערן זיינען געקומען פון דייטשלאַנד און 3) דאָ־געבוירענע וואָס בלויז איי־נער פון זייערע עלטערן איז געווען אַ דייטשער אימיגראַנט און דער צווייטער אַ געבוירטיקער, — וועלן מיר געפינען, אַז בעת עס זיינען אין 1900 געווען אין לאַנד 9 שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון 100 טויזנט דייטשן און העכער אין יעדער, זיינען אין 1930 שוין פאַרבליבן בלויז 5 אַזעלכע שטעט: ניו יאָרק,

שיקאַגאָ, מילוואָקי, פילאַדעלפיע און סט. לואיס. פון זיי, האָט בלויז מילוואָקי פאַרגרעסערט די דייטשע באַפעלקערונג אין משך פון די דאָזיקע דרייסיק יאָר.

באַראַכאָוו האָט פעסטגעשטעלט, אַז אויף יעדער מינדערהייט ווירקן צוויי קעגנגעזעצטע טענדענצן: די איזאָלירנדיקע און די אַסימילירנדיקע. די איזאָלירנדיקע טענדענצן האָט ער דעפינירט ווי דעם סכום פאַקטאָרן — סיי פון אינערלעך־פּאָזיטיוון כאַראַקטער סיי פון דרויסנדיק־נעגאַטיוון כאַראַק־טער, — וואָס שטערן דער מינדערהייט זיך אויפצולייזן אין דער מערהייט. די אַסימילירנדיקע טענדענצן, פון דער אַנדערער זייט, זיינען דער סכום עקאָ־נאָמישע און קולטורעלע פאַקטאָרן וואָס שאַפן אין דער מינדערהייט אַ נויט־ווענדיקייט און ווילן זיך צו אויפלייזן אין דער מערהייט. די דאָזיקע צוויי טענדענצן פירן כסדר אַ קאָנפליקט צווישן זיך אין דער סאָציאַלער ראָם פון דער מינדערהייט. חוץ אין די פאַלן וואו די מערהייט וויל בשום אופן ניט איינזאַפּן אין זיך די מינדערהייט, זיגן כסדר די אַסימילירנדיקע טענדענצן. די פּאָליטיק, וואָס איז, לויט אונדזער דעפיניציע, דער רינג צווישן ציוויליזאַציע און קולטור, איז דעריבער גאַנץ אָפט די קאַמף־אַרענע צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע טענדענצן. דאָס זעען מיר אין די פאַראייניקטע שטאַטן צווישן די עטנישע גרופּעס וואָס זיינען אַקטיוו אין דעם אַלגעמיין־פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

די דייטשן וואָס זיינען אַהער געקומען פאַר דעם צווייטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט, אַריינגערעכנט די פּענסילווייניער דייטשן, האָבן אין פּאָלי־טיק זיך ווייניק אינטערעסירט; דערפאַר זיינען שוין געווען גאָר אַקטיוו אויף דעם פּאָליטישן פעלד די שפּעטער־געקומענע, וואָס זיינען, ווי מיר האָבן גע־זען, געווען אין גאָר גרויסער מאָס אידעאָלאָגיש באַאיינפלוסט. מיר האָבן קאָנסטאַטירט, אַז די דאָזיקע אידעאָלאָגישקייט האָט זיי געהאָלפן זיך צו האַלטן אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע, וואָס דאָס מיינט, אַז זי האָט געהערט צו די איזאָלירנדיקע טענדענצן. אָבער אַזוי שנעל, ווי די אידעאָלאָגיע איז אַריבער־געטראָגן געוואָרן אויף דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, האָט זי זיך דיאַלעק־טיש פאַרוואַנדלט אין אַן אַסימילירנדיקער טענדענץ. אידעאָלאָגיע האָט דיק־טירט די גרינדונג פון דייטשע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אָבער די עצם עק־זיסטענץ פון די דאָזיקע פאַראיינען איז געווען אָפּהענגיק פון זייער ב י ט בלייבן אין עטנישע ראַמען. דאָס קומט צום אויסדרוק נאָך שאַרפער אין שייכות מיט דער פּאָליטישער פּאַרטיי. אַ סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע איז ביי דייטשן, און אַנדערע גרופּעס, לכתחילה געווען אַן איזאָלירנדיקער פאַק־טאָר, אָבער גראָד צוליב דער אידעאָלאָגיע, האָבן זיי געמוזט ברעכן זייער

איזאָלאַציע — זיי האָבן דאָך ניט געקאָנט פּאַרווירקלעכן סאָציאַליזם בלויז אין דער דייטשער סביבה און האָבן דעריבער געמוזט באַשאַפן אינסטיטוציעס וואָס האָבן צוגעאײַלט די אַסימילאַציע אין זייערע רייען.

.12

דייטשן האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל ראַדיקאַלן, אָבער נאָך אַ גרעסערע צאָל קאָנסערוואַטיוון. אויב די ערשטע זיינען געווען די פּיאָנערן פון דעם אַמעריקאַנער סאָציאַליזם, האָבן די לעצטע זיך פאַרבונדן מיט די צוויי גרויסע פּאַרטייען. די אירלענדער זיינען אין זייער גרויסער מערהייט געוואָרן דעמאָקראַטן, די דייטשן אין זייער מערהייט, ספּעציעל נאָך דעם בירגער־קריג, — רעפּובליקאַנער. נאַטירלעך האָבן די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן געשפּילט נאָך אַ פיל גרעסערע אַסימילירנדיקע ראָלע, ווי די ראַדיקאַלע עלעמענטן. די ערשטע האָבן מערסטנטיילס געהערט צו דער „אַלטער" אימיגראַציע און הויך געשטיגן אויף די כוואַליעס פון עקאָנאָמישן פּראָגרעס. דאָס איז געווען אמת סיי אין די שטעט סיי אויף די פאַרמס. ווי האָט געזאָגט פּראָפעסאָר מאַרקוס לי האַנסען: „אימיגראַנטן, וואָס האָבן אין אַמעריקע צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון קאָמפאָרט און פערזענלעכן אייגנטום, האָבן עס געוואָלט אָנהאַלטן און זיינען [דעריבער] אין דער אמתן געווען אַ סטאַביליזירנדיקער און קאָנסערוואַטיווער איינפלוס"[1]. די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ קלענערן פאַרלאַנג צו גיין קעגן דעם שטראָם אין לאַנד, סיידן זיי זיינען, ווי די פּענסילווייניער דייטשן, געווען זייער שטאַרק אונטער דעם איינפלוס פון אַ סעקטאַנטישער קירכע. אָבער פּונקט, ווי די סאָציאַליסטישע פעדעראַציעס האָבן ניט געקאָנט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע אין די שטעט, אַזוי האָט עס, אין דעם לעצטן סך הכל, די קירכע ניט געקאָנט טאָן אויף די פאַרמס, וואו די אַסימילאַציע איז, ווי מיר וועלן עס קלאָר זען אין אַ וויטערדיקן קאַפּיטל, נאָך צוגעגאַנגען גרינגלעכער ווי אין די אורבאַנישע צענטערן. „נאָך דעם פּראָנטיר" — זאָגט פּראָפעסאָר קאָמאָנס — „זיינען די פאַרמס אין אַמעריקע דאָס רייכסטע פעלד פון אַסימילאַציע"[2]. און וואָס איז שייך די יוניאָנס זאָגט קאָמאָנס וועגן זיי, אַז זיי זיינען „דער איינציקער ווירקזאַמער אַמעריקאַניזירנדיקער כח פאַר דעם דרום־אייראָפּעער"[3]. דאָס איז ניט ווייניקער אמת, בנוגע דייטשן וועלכע זיינען געווען צווישן די וויכטיקסטע בויערס פון יוניאָנס. פון דעם וועלן מיר אויך רעדן אויספירלעכער אונטן.

נאָך שנעלער ווי ביי די דייטשן, איז דער אַסימילירנדיקער פּראָצעס

צוגעגאַנגען ביי די סקאַנדינאַוון וואָס געהערן אויך צו דער „אַלטער" אימיג־ראַציע און וואָס צו אײן צייט האָבן זיי זיך אויך געשאַפֿן באַטייטיקע עטנישע אינדזלען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

אין דעם פּראָצעס פֿון איינעמען דעם מערב, האָבן אַסך סקאַנדינאַוון זיך געפֿונען אין, אָדער זיי האָבן באַגלייט, די „צוגעדעקטע וועגענער" וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט די פּראָנטיר־מענטשן. אַנהייב 20טן יאָרהונדערט זיינען אין מינעסאָטאַ אַליין געווען אַרום 400 פּונקטן וואָס האָבן זיך גערופֿן מיט סקאַנדינאַווישע נעמען. פּראָפֿעסאָר וויטקע סומירט די פּיאָנערן־געשיכטע פֿון די סקאַנדינאַוון אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין די ווייטערדיקע ווערטער:

> די געשיכטע פֿון דעם קומען פֿון די שוועדן, נאָרוועגיער און דענער, איז אין אַ גרויסער מאָס די געשיכטע פֿון איינעמען די כוואַליעקע סטעפּעס... זייערע איז די געשיכטע פֿון פֿעסטע מענער און געזונטע פֿרויען, טיף־רעליגיעזע, אַנטשלאָסן צו מצליח זיין, ניט בריליאַנטענע אָדער ספּעקטאַקולערע, אָבער די זאַלץ פֿון דער ערד[4].

די שוועדן זיינען די גרעסטע גרופּע צווישן די סקאַנדינאַוון. הגם זיי האָבן אין 1638 געגרינדעט דעם שטאַט דעלאַווער, האָבן זיי אין גרעסערע צאָלן אָנגעהייבן צו קומען אַהער ערשט אין 1820. אין די פֿערציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט האָבן זיי שוין געהאַט „קליין־שוועדנס" אין אַ צאָל שטאַטן. אין שיקאַגע האָט מען נאָך דעם בירגער־קריג געהערט רעדן אַסך שוועדיש אויף אַ צאָל גאַסן. נאָך היינט האָבן זיי דאָרט אַ מין געטאָ.

ניט געקוקט אויף דער פֿאַרהעלטנישמעסיקער קאָנצענטרירטקייט פֿון די שוועדן און אויף זייער צוגעהעריקייט צו דער לוטעראַנישער קירכע, האָבן זיי זיך, לויט דעם עדות־זאָגן פֿון אַ צאָל פֿאָרשערס, אַסימילירט אפֿשר שנעלער איידער וועלכער עס איז אַנדערע אימיגראַנטן־גרופּע. עס האָט זיי געפֿעלט די אידעאָלאָגישקייט פֿון די דייטשן און דאָס געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער געקריוודעטקייט פֿון די אירלענדער. זייער פּראָדוקטיוויזירונג איז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געגאַנגען אויף דער ליניע פֿון אַגראַריזאַציע — און אַזאַ פֿאָרם פֿון פּראָדוקטיוויזאַציע איז שטענדיק גורם אַ גרעסערע מאָס אינטעגראַציע אין די הערשנדיקע לעבנס־באַדינגונגען. ניט האָבנדיק קיין סאָציאַלע פּראָגראַמען צו פֿאַרווירקלעכן, האָבן זיי זיך דאָ ניט אָרגאַניזירט אין קיין פּאַרטייאישע שפּראַך־פֿעדעראַציעס. אויף וויפֿל זיי האָבן זיך בכלל באַטייליקט אין פּאָליטיק, זיינען זיי כמעט אַלע געווען רעפּובליקאַנער. זיי האָבן שטאַרק געשטיצט די באַוועגונג פֿאַר אַן אַלגעמיינער מלוכהשער שול־סיסטעם. געטאָן האָבן זיי עס אַ טראָץ דעם אַ דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן ניט געהערט צו די הויך־קולטורעלע

קרייזן. דאָס איז ניט קיין פּאַראַדאָקס. מיר וועלן זען, ווען מיר וועלן צוקומען צו דער „נייער" אימיגראַציע, אַז הגם ווייניק בילדונג איז געווען אַ שטער צו דער אַסימילאַציע פון די אימיגראַנטן גופא, ווייל דאָס האָט פאַרשווערט זייער אויסלערנען זיך ענגליש, האָט דאָס אָבער אונטערגעגראָבן דעם ווידערשטאַנד פון זייער גרופּע צו די אָנגריפן פון דער מערהייט־קולטור. אַזוי ווייניק געבילדעט ווי עס זיינען געווען די שפּעטערדיקע סלאַוון אָדער איטאַליענער זיינען, אמת, די שוועדן ניט געווען, אָבער זיי האָבן מיט זיך ניט מיטגעבראַכט קיין נאַציאָנאַלן קולטור־באַוואוסטזיין. צוליב אַקאָמאָדאַציע האָבן זיי געגרינדעט אַ צאָל חברות, געעפנט אייגענע קירכעס, געשאַפן אַ פּרעסע און אויפגעבויט אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן אין דער שוועדישער שפּראַך.

זייערע דאָ־געבוירענע קינדער האָבן זיך אָבער שוין אין אַזאַ אַקאָמאָדאַציע ניט געניטיקט און אין דער שפּראַך און די מנהגים פון דעם לאַנד פון זייערע עלטערן קיין אינטערעס ניט געהאַט. „דער צווייטער דור" — לייענען מיר ביי וויטקען — „איז געווען גערן זיך אויסצעטאָן פון אַלע שוועדישע כאַראַקטעריסטיקעס; נעמען זיינען געביטן געוואָרן כדי צו פאַרדעקן זייער שוועדישן אָפּשטאַם. און עס איז געווען ווייניק ליטעראַטור צו פּרעזערווירן די שוועדישע נאַציאָנאַליטעט אין אַ פרעמדער סביבה" [5]).

איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אין די קירכעס וואָס די שוועדן האָבן געשאַפן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, באַנוצט מען זיך איצט כמעט אויסשליסלעך מיט דער ענגלישער שפּראַך. לויט רוטשעקן האָבן שוועדן, אין משך פון דער גאַנצער צייט וואָס זיי געפינען זיך דאָ, געשאַפן אַרום 1200 צייטונגען אויף דער שוועדישער שפּראַך, וואָס פון זיי האָבן נאָך אין 1910 עקזיסטירט אַרום 300 [6]). אין 1943 האָט אַן אויספאָרשונג, וואָס יאַראָסלאַוו טשיז האָט דורכגעפירט, שוין געפונען ניט מער ווי 4 שוועדישע פּובליקאַציעס [7]) און אין 1946 האָט טשיז, אין אַ נייער אויספאָרשונג, שוין געפונען בלויז 42 [8]).

די נאָרוועגיער זיינען אַהער געקומען פריער פאַר די שוועדן, פונדעסטוועגן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע גרופּע־סאָלידאַריטעט איידער די לעצטע. צוויי סבות זיינען פאַר דעם געווען פאַראַנטוואָרטלעך. ערשטנס: זיי האָבן געבראַכט פון דער אַלטער היים אַ גרעסערע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט; צווייטנס: די קירכע האָט ביי זיי געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע. אַז נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט איז געווען אַן עטניש־צעמענטירנדיקער פאַקטאָר, האָבן מיר שוין געזען פריער און מיר וועלן עס זען נאָך בולטער שפּעטער. עס איז דעריבער ניט נייטיק דאָ אויף אָט דעם ענין זיך צו פאַרהאַלטן, עס איז יאָ וויכטיק צו זאָגן עפּעס וועגן דער ראָלע פון דער קירכע אין אויפהאַלטן נאָרוועגישע גרופּעשקייט.

אין 1916 זײַנען 96.7 פּראָצענט פֿון די מתפּללים וואָס האָבן אין זייערע קירכעס זיך באַנוצט מיט דער נאָרוועגישער שפּראַך געווען לוטעראַנער [9]. אָבער הגם עס איז פֿון דעם צו זען, אַז די נאָרוועגיער זײַנען כּמעט אַלע לוטעראַנער, זײַנען זיי אָבער אין דעם לוטעראַניזם גופֿא צעטיילט אויף אַ גרויסער צאָל סעקטעס. זיי זײַנען די איינציקע עטנישע גרופּע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איר מיטגלידער זײַנען גלײַך אויף גלײַך צעטיילט צווישן די אורבאַנישע צענטערן און די רוראַלע געגנטן. לויט דעם 1940 צענזוס, זײַנען פֿון די 924,688 נאָרוועגיער וואָס האָבן געהערט צו דעם „אויסלענדישן מין" (אימיגראַנטן פֿון נאָרוועגיע, זייערע דאָ־געבוירענע קינדער און דאָ־געבוירענע וואָס איינער פֿון זייער עלטערן איז געקומען פֿון נאָרוועגיע און דער צווייטער איז געבוירן געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן), 466,414, פּאַקטיש אַ העלפֿט, געווען אין די שטעט; די איבעריקע אין די רוראַלע פּונקטן און אויף פֿאַרמס. 57.8 פּראָצענט פֿון די אַלע, וואָס האָבן אין 1940 אָנגעגעבן נאָרוועגיש פֿאַר זייער מאַמע־לשון, האָבן זיך געפֿונען אין די רוראַלע און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געגנטן. דאָס איז דער העכסטער פּראָצענט, וואָס וועלכע עס איז שפּראַך, אַרײַנגערעכנט ענגליש, האָט געהאַט צו קאָנסטאַטירן אין די אַגראַרע טיילן פֿון לאַנד [10]. עס איז אָבער וויכטיק צו געדענקען, אַז די געאָגראַפֿיש־עקאָנאָמישע צעטיילונג פֿון דער נאָרוועגישער באַפֿעלקערונג האָט זיך אָפּט געדעקט מיט איר סעקטאַנטישער גלידערונג, און אַ כּלל האָבן מיר: דאָרט, וואו די צאָל רעליגיעזע סעקטעס איז אַ גרעסערע, האַלטן זיך די אויסלענדישע שפּראַכן לענגער, מחמת דעם, ווײַל די באַזונדערע קירכעס ווילן ניט אַז זייערע מיטגלידער זאָלן ווערן צו נאָענטע מחותּנים מיט מיטגלידער פֿון אַנדערע סעקטעס. איז בעת די שוועדן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג פֿאַר אַ שטאַטלעכער סעקולערער בילדונג, האָבן די באַזונדערע נאָרוועגישע סעקטעס געעפֿנט זייער אייגענע פּאַראָכיאַלע שולן. און זיי האָבן זיך ניט באַגרעניצט בלויז אויף עלעמענטאַר־שולן: זיי האָבן אויך געעפֿנט מיטל־ און אפֿילו הויך־שולן.

דערצו זײַנען די נאָרוועגיער געווען בעסער אָרגאַניזירט אין חברות און האָבן געהאַט אַ מער־פֿאַרצווײַגטע פּרעסע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ גרעסערן לעבנסדויער פֿון דער שוועדישער. אָבער, אַז מען ציט איצט אונטער אַ סך הכּל, זעט מען אַז אויך די נאָרוועגישע שפּראַך האָט געמוזט אָפּטרעטן פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע און הערט ביסלעכווײַז אויף צו זײַן אַ פֿאַקטאָר. עס איז ניט פֿאַרבליבן קיין איין קירכע וואָס באַנוצט זיך בלויז מיט נאָרוועגיש אין איר ליטורגיע און נאָר אַ קליינע צאָל באַנוצט זיך מיט נאָרוועגיש און ענגליש — די רייזיקע מערהייט באַנוצט זיך אויסשליסלעך מיט ענגליש. אין 1936

האָט די „נאָרוועגישע לוטעראַנער קירכע” אַראָפּגעוואָרפן דאָס וואָרט „נאָר־וועגישע” פון איר נאָמען. די דאָ־געבוירענע נאָרוועגישע קינדער ווילן ניט גיין אין פּאַראָכיאַלע נאָרוועגישע שולן — און די לעצטע פאַרשווינדן ביסלעכווייז. קיין פּאַראָכיאַלע נאָרוועגישע מיטל־שולן זיינען שוין ניטאָ. וואָס איז שייך דער פּרעסע, איז פון די 450 נאָרוועגישע פּובליקאַציעס וואָס זיינען דאָ, לויט האָודענען, געשאַפן געוואָרן צווישן 1847 און 1917 פאַרבליבן בלויז אַ קליינע צאָל.[11]). די צוויי דערמאָנטע אויספאָרשונגען פון טשיזן גיבן אָן 37 נאָרוועגישע צייטונגען אין 1943 און 33 אין 1946.

די אַנטוויקלונג פון די דענער איז אין תוך דאָ געגאַנגען אין די זעלביקע ליניעס וואָס די אַנטוויקלונג פון די נאָרוועגיער, הגם די ערשטע האָבן אָנגעהייבן צו קומען שפּעטער. אויך ביי די דענער האָט די קירכע די ערשטע צייטן געשפּילט די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע ראָלע — און אויך ביי זיי איז זי געווען צעטיילט. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין זייערע קירכעס צו גרעסטער טייל גענוצט געוואָרן די דענישע שפּראַך און זי איז גאַנץ היפּש גענוצט געוואָרן אויך אין זייערע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. די דענער האָבן בכלל אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן פאַרלאַנג דאָ איינצוהאַלטן זייער קולטור. איינע פון די וויכטיקסטע סעקטעס זייערע, די אַזוי־גערופענע גרונטוויגיאַנער, האָט איינגעשלאָסן אַ היפּשע פּאַרציע דעניש פאָלקלאָר אין איר רעליגיעזן ריטואַל. די רעגירונג פון דענמאַרק האָט אַ לאַנגע צייט אפילו געגעבן קליינע סובווענציעס צו די דענישע קירכעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר דער אויסבילדונג פון גלחים. עס וועט דערפאַר זיין אינטערעסאַנט צו זען, וואָס עס איז געוואָרן פון אַן ערנסטן פאַרזוך צו שאַפן דאָ אין לאַנד אַן אינדזל פון דער דענישער קולטור.

אין 1905 האָט די „דענישע פאָלקס־געזעלשאַפט” (דעניש פּיפּלס סאָסייעטי) געגרינדעט די קאָלאָניע אסקאוו אין מינעסאָטאַ. די קאָלאָניע האָט אין אַ קורצער צייט זיך פאַנאַנדערגעוואָקסן אין אַ דערפאָלגרייכער אַגריקולטורעלער אונטערנעמונג, אָבער דער צוועק פון דער קאָלאָניע איז געווען ניט נאָר אַן עקאָנאָמישער, נאָר אויך אַ קולטורעלער: די גרינדערס האָבן געוואָלט שאַפן אַ צענטער צו פּרעזערווירן דאָס, וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר ווערטפול אין דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דענמאַרק. אָט ווי אַזוי זיי האָבן באַשריבן די גרינדונג פון דער קאָלאָניע אין אַ פּאַמפלעט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזן צוואַנציק יאָר שפּעטער:

„מיט אַן ערך צוואַנציק יאָר צוריק האָט אַ גרופּע דענער געגרינדעט די קאָלאָניע (אַסקאָוו), כדי צוצוציען יענעם קלאַס דענער וואָס האָט געהאַלטן טייער די גייסטיקע ירושה פון זיין מוטערלאַנד און האָט געוואָלט געפינען אַ פּלאַץ, וואו

אַלע גוטע און ווערטפולע אידעען בנוגע צו דעם לעבן דאָ און אויף יענער וועלט זאָלן אויפגעהאַלטן ווערן און איינגעפלאַנצט ווערן אין זיינע קינדער... מיר האָבן שווער געאַרבעט צונויפצונעמען אונדזערע מענטשן דאָ, ניט כדי אָפצוזונדערן זיי פון אַמעריקע און אַמעריקאַנער אידעאַלן, נאָר כדי צו האָבן אַ פלאַץ וואו אַלץ דאָס גוטע, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון מוטערלאַנד, זאָל קאָנען געדייען און ברענגען פרוכט, און וואו מיר זאָלן כאָטש צום טייל קאָנען פאַרזייען אייניקע פון אָט די אידעאַלן צווישן אונדזערע פריינט וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע לענדער צו געפינען היימען אין אַמעריקע[12].

אין הסכם מיט אָט די צילן האָט די קאָלאָניע די גאַנצע צייט געפירט איר אַרבעט. ווי געזאָגט, איז זי געווען אַ דערפאָלג פון פינאַנציעלן שטאַנדפונקט. זי האָט אויסגעברייטערט איר קולטואווירטן שטח און די גאַנצע לאַנדווירטשאַפט באַאַרבעט אויף אַ מאָדערנעם שטייגער, וואָס האָט איינגעשלאָסן אַ צאָל בייפראָדוקטן און אויך אַ געוויסע אינדוסטריאַליזאַציע. די קירכע האָט אַלע אירע געשעפטן און ריטואַלן געפירט דורכאויס אויף דעניש. ווען זי האָט געפרואווט איינפירן געוויסע צערעמאָניעס אויך אויף ענגליש, האָט דאָס אַרויסגערופן מצד די קאָלאָניסטן אַזאַ פראָטעסט, אַז זי האָט דעם עקספערימענט געמוזט אויפגעבן. אין דער שול־סיסטעם איז דאָס לערנען פון דעניש די גאַנצע צייט געווען אָבליגאַטאָריש. די גאַנצע אויסער־קלאַס צימער אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אויסשליסלעך אין דעניש. אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטעלונגען, פאָלקס־טענץ, קאָנצערטן, לעקציעס וכדומה, איז געפירט געוואָרן אויף דעניש. זיי האָבן געהאַט אַ דענישע פרעסע און האָבן אפילו זייערע עקאָנאָמישע געשעפטן געפירט אויף דעניש. דער מענטשן־מאַטעריאַל איז ספּעציעל צוגעקליבן געוואָרן מיט אַן אויג אויף דעם אינטערעס, וואָס יעדער פּראָספּעקטיווער קאָלאָניסט האָט אַרויסגעוויזן פאַר דענישע גייסטיקע ווערטן. אין 1926 האָט אַסקאָוו געהאַט 240 משפחות מיט 1400 נפשות. פון 165 הויפטן פון געזינדן האָט מען באַקומען אַן ענטפער וועגן זייער אָפשטאַם. 149 פון די 165 האָבן אָפגעשטאַמט פון דענמאַרק, פון זיי זיינען 124 געבוירן געוואָרן אין דענמאַרק און 23 זיינען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע פון עלטערן וואָס זיינען ביידע געקומען פון דענעמאַרק. די ענטפערס האָט אַרויסגעבראַכט אַן אויספאָרשונג, וואָס דער אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער און רעליגיעזער פאָרשונג האָט דורכגעפירט אין 1926. דעם באַריכט פון דער אויספאָרשונג האָט פאַרעפנטלעכט דייוויד לאָיד אין אַ בוך, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון עדמונד דע ס. ברונער, דער דירעקטאָר פון דעם אינסטיטוט. פון דעם דאָזיקן בוך האָבן מיר אַרויסגענומען אַלע פאַקטן וואָס מיר האָבן געבראַכט אויבן און ברענגען אונטן וועגן דער קאָלאָניע.

איז מעגלעך בעסערע באַדינגונגען פאַר דער פּרעזערווירונג פון אַ שפּראַך לכל הפּחות אויף אַ פּאָר דורות? וועגן דעם ענגליש וואָס מען האָט גערעדט אין אַסקאָוו זאָגט עדות דער פאָלגנדיקער אינצידענט; ניט לאַנג איידער די אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן איז אין אַסקאָוו אָנגעשטעלט געוואָרן אַ נייער גלח. ער איז — דערציילט לאַיד — אין 1926 „געווען אין פאַרצווייפלונג וועגן די אויסזיכטן צו אויסלערענען זיך רעדן די שפּראַך, וואָס אין אַסקאָוו איז... מען געניוגט זי צו רופן אַמעריקאַניש"[13]. און דאָך האָט די אויספאָרשונג באַוויזן, אַז בעת 80 פּראָצענט פון די קינדער האָבן אין אַסקאָוו גערעדט דעניש מיט זייערע עלטערן, האָט בלויז אַרום 40 פּראָצענט גערעדט דעניש צווישן זיך, די איבריקע — האָבן גערעדט צווישן זיך נאָר ענגליש[14]. די וויכטיקייט פון אָט דעם פאַקט ווערט קלאָר, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די רייף וואָס האַלט אַלע עטנישע גרופּעס צוזאַמען — מיט דער איין אויסנאַם פון יידן — איז שפּראַך.

## 13.

פראַנצויזיש האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן געשפּילט אַסך אַ גרעסערע ראָלע, ווי פראַנצויזן. די לעצטע זיינען קיין אָנגעזעענער פאַקטאָר קיין מאָל אין לאַנד ניט געווען. דער 1940 צענזוס רעגיסטרירט בלויז 349,050 מענטשן פון פראַנצויזישן אָפּשטאַם אין דעם „אויסלענדישן מין". די אימיגראַציע פון פראַנקרייך איז אויך געווען גראַדליניקער איידער די אימיגראַציע פון וואָסער עס איז אַנדער לאַנד — זי איז אין משך פון 100 יאָר געהאַלטן געוואָרן כמעט אויף איין הויך. פון 1831 ביז 1840 זיינען אין לאַנד אַריינגעקומען 45,575 פראַנצויזן; פון 1921 ביז 1930 — 49,610. דער אונטערשייד צווישן דעם העכסטן איינוואַנדערונג־פּונקט און דעם נידריקסטן איז ביי פראַנצויזן אויך ניט געווען אַזוי גרויס, ווי ביי אַנדערע[1]. חוץ דעם, איז די פראַנצויזישע אימיגראַציע געגאַנגען אין דריי כוואַליעס, וואָס האָבן זיך איינע מיט דער אַנדערער כמעט ניט אָנגערירט. צווישן די פּראָטעסטאַנטישע הוגענאָטן און די קאַטוילישע פראַנצויזן איז ניט געווען מער שייכות, ווי צווישן די לעצטע און די קאַנאַדער פראַנצויזן. אויב, די פראַנצויזישע שפּראַך האָט דאָ פונדעסטוועגן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס, דאַרף מען דעריבער די דערקלערונג זוכן ניט אין דער צאָל פראַנצויזישע אימיגראַנטן.

ווי אַ גרופּע, זיינען די הוגענאָטן צוגעקומען צום נאָענטסטן צו זיין ענלעך צו די אַנגלאָ־זאַקסישע עלעמענטן: זיי האָבן געהערט צו דעם זעלביקן גלויבן און געקומען אַהער ווי פּיאָנערן אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע. זיי זיינען אָבער געווען

צו ווייניק אין צאָל און צו קנאַפּ קאָנצענטרירט צו שפּילן אַ וויכטיקע געזעל־שאַפטלעכע ראָלע. דאָרט וואו זיי האָבן זיך יאָ קאָנצענטרירט, ווי אין טשאַרלס־טאָן, איז זייער השפּעה געווען אַ גרעסערע און דויערנדיקערע. קיין באַזונדערע סאָציאַל־קולטורעלע צילן האָבן זיי זיך ניט געשטעלט. פֿאַרקערט, זיי האָבן דאָ געפֿונען אַ מעגלעכקייט פֿריי צו פּראַקטיצירן זייער רעליגיע, וואָס זיי האָבן דאָס ניט געקאָנט טאָן אין דער קאַטוילישער פֿראַנקרייך, וואו זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין רדיפֿות און פּאָגראָמען. אין דעם פּרט זיינען זיי געווען ענלעך צו די פּוריטאַנער, און האָוואַרד מעמפֿאָרד דזשאָנס איז גערעכט, ווען ער זאָגט אין זיין אויסשעפּנדיקער אַרבעט וועגן דעם פֿראַנצויזישן איינפֿלוס אויף דער אַמעריקאַנער קולטור ביז 1848: „זיי [די ערשטע סעט־לערס] זיינען געקומען, די מערסטע פֿון זיי, ניט מיט ענטוזיאַזם, נאָר מיט אומגערנקייט; די נייע וועלט איז געווען ווייניקער אַ מקום מקלט ווי אַ לעצטער אויסוועג. דער הוגענאָט האָט פֿאַרגעצויגן די נידריקע געגנטן אָדער ענגלאַנד אַזוי לאַנג, ווי ער האָט דאָרט געקאָנט פֿאַרבלייבן; דער פּוריטאַנער איז פֿריער געלאָפֿן קיין האָלאַנד, דערנאָך קיין אַמעריקע"[2]). עס האָט די הוגענאָטן אין אַמעריקע געפֿעלט די פֿאַרעקשנטע סעקטאַנטישקייט פֿון די רעליגיעזע גרופּעס וואָס דאַרפֿן פֿירן אַ ליידנשאַפֿטלעכן קאַמף פֿאַר זייער גלויבן.

אַנדערש איז עס געווען מיט די קאַטוילישע פּראָווינצן וואָס זיינען אַהער געקומען מיט דער הילף פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג און געגרינדעט דעם שטאַט לואיזיאַנאַ. זיי האָבן דאָ אַנטוויקלט אַ באַטייטיקע קולטור, סיי אַ רעליגיעזע סיי אַ סעקולערע. ווען טאָמאַס דזשעפֿערסאָנס אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעקויפֿט לואיזיאַנאַ, איז ניו אָרלעאַנס שוין אַלט געווען הונדערט יאָר און געווען אַ וויכטיקער האַנדל־ און קולטור־צענטער. „ניו אָרלעאַנס" — לייענען מיר אין דער הקדמה צו דעם „גייד" פֿון דער שטאַט, וואָס דער פֿע־דעראַלער שרייבער פּראָיעקט האָט צונויפֿגעשטעלט, — „איז געווען אַ לאַטיי־נישע שטאָט, שוין אַ יאָרהונדערט אַלט איידער זי איז געוואָרן אַ טייל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן; און זי איז געווען אַזוי ניט גלייך צו די אַנדערע שטעט אויף דעם אַטלאַנטישן ים־ברעג, פּונקט ווי לואיזיאַנאַ וואָלט זיך געפֿונען אויף אַן אַנדער קאָנטינענט"[3]).

אין דעם 18טן יאָרהונדערט איז פֿראַנצויזיש געווען די אומגאַנג־שפּראַך פֿון ניו אָרלעאַנס און דער גאַנצער געגנט אַרום. ביז דעם בירגער־קריג איז די גרעסטע און וויכטיקסטע טייל פֿון דער קולטור־טעטיקייט פֿון דער שטאָט געפֿירט געוואָרן אויף פֿראַנצויזיש. ניו אָרלעאַנס האָט געהאַט די איינציקע אָפּערע וואָס האָט זיך געפֿונען אין די דרום־שטאַטן — און זי איז געווען אויף

פראַנצויזיש. פאַר 1860 האָבן זיך אין ניו אָרלעאַנס געפונען עטלעכע גע־צײלטע ענגלישע שרייבערס, בעת עס האָט דאָרט עקזיסטירט אַ בליענדיקע ליטעראַטור און פרעסע אויף פראַנצויזיש[4]. די ערשטע פּיעסע אויף ענגליש איז דאָרט אויפגעפירט געוואָרן אין 1817, אָבער אַסך פריער האָט מען שוין דאָרט געשפּילט פראַנצויזישע דראַמעס, און אַסך שפּעטער איז דאָס פראַנ־צויזיש טעאַטער דאָרט, געווען אי בעסער באַזוכט אי געשטאַנען אויף אַ גרע־סערער הויך ווי די ספּאַראַדישע אויפפירונגען אויף ענגליש. די ווייט־גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען פראַנצויזיש און קאַ־טויליש. ווי שטאַרק עס איז געווען דער איינפלוס פון ביידע קאָן מען זען פון דעם, וואָס לואיזיאַנאַ איז געווען און פאַרבליבן דער איינציקער שטאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט אָנגענומען דעם נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס פאַר דעם יסוד פון זיין יוריספּרודענץ אַנשטאָט דעם ענגלישן „קאָמאָן לאָו" און וואָס לואיזיאַנאַ איז אויך דער איינציקער שטאַט אין לאַנד וואָס רופט זיינע קאַנטיס — פּערישעס. פּעריש, ווי באַקענט, איז דער איינס פון דער קאַטוי־לישער קירכע.

עס זיינען נאָך היינט פאַראַן אין לואיזיאַנאַ טיילן, וואו מען הערט מער פראַנצויזיש ווי ענגליש. „אין אַסך פּלעצער אין דרום־לואיזיאַנאַ" — דער־ציילט דער לואיזיאַנאַ „גייד" — „הערט מען פראַנצויזיש אָפטער ווי ענגליש, און פראַנצויזיש איז די היים־שפּראַך פון משפּחות וואָס געפינען זיך אין לואי־זיאַנאַ שוין זינט דורות. אַסך נעגערס רעדן פראַנצויזיש, לכל הפּחות מיט אַ פראַנצויזישן דיאַלעקט וואָס איז באַקענט ווי „גומבא" און עס איז ניט אומ־געוויינלעך אין אַזעלכע שטעט ווי לאַפאַיעט און סט. מאַרטינוויל צו געפינען נעגערס וואָס קאָנען ניט רעדן קיין ענגליש"[5].

כאַראַקטעריסטיש איז טאַקע דאָס לעצטע: פראַנצויזיש האָט אָנגעהאַלטן אירע פּאָזיציעס באַר אין די סאַמע צוריקגעשטאַנענסטע געגנטן פון לואיזיאַנאַ און צווישן עלעמענטן, וואָס מען האָט זיי קיין מאָל ניט געגעבן קיין געלעגנ־הייט צו קריגן אַ בילדונג. בלויז אָן־אלף־ביתניקעס, וואָס האָבן קיין מאָל ניט פאַרלאָזן זייער פּרימיטיווע סביבה, רעדן נאָך עפּעס אַ פראַנצויזישן זשאַרגאָן. וואָס איז אָבער שייך דעם שטאַט ווי אַ גאַנצן, האָט אין אים די פראַנצויזישע שפּראַך מער קיין שום האַפט ניט. הגם העלפט פון דער באַפעלקערונג איז נאָך קאַטויליש און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די פראַנצויזישע קולטור האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין אַלע ווינקלען פון דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון דעם שטאַט. ניטאָ מער קיין פראַנצויזישע ליטעראַטור, ניטאָ קיין פראַנצויזיש טעאַטער. פון דער זייער גרויסער פראַנצויזישער פּרעסע פון מיטן 19טן יאָרהונדערט און דער נאָך־אַלץ־אָנגעזעענער פראַנצויזישער

פּרעסע אין דעם אָנהייב פֿון דעם 20טן יאָרהונדערט, איז אין 1940 קוים פֿאַר־בליבן אײן אָרעמע צוויי־שפּראַכיקע וועכנטלעכע אויסגאַבע און אײן ניט־רעגו־לער־דערשיינדיקער זשורנאַל, וואָס קיין איין נומער פֿון אים איז ניט אַרויס צווישן 1938 און 1940 [6] — און דאָס ניט געקוקט אויף דעם וואָס פֿון 298,420 מענטשן וואָס האָבן אין 1940 אָנגעגעבן פֿראַנצויזיש פֿאַר זייער מאַמע־לשון אין לואיזיאַנאַ זיינען 289,760 — פּולע 97% — געווען געבוירענע אין אַמעריקע פֿון געבוירטיקע עלטערן [7].

די אונטערשטע שורה איז, אַז פֿראַנצויזיש, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט גע־האַט אַזאַ פֿעסטע באַזע אונטער זיך, ווי אַ טעריטאָריעל־קאָנצענטרירטע מערהייט־באַפֿעלקערונג האָט פּונקט אַזוי ווייניק געקאָנט ווידערשטיין די אַליין־הערשנדיקע טענדענצן פֿון דער ענגלישער שפּראַך, ווי די אַנדערע אויסלענדישע לשונות. אויב דאָס איז געווען דער פֿאַל אין לואיזיאַנאַ, דאַרף מען זיך שוין ניט וואונדערן, וואָס פֿראַנצויזיש האָט זיך אַזוי ווייניק צוגע־קלעפּט אין די אַנדערע טיילן פֿון לאַנד, הגם אין די געבילדעטע קרייזן האָט מען אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע און אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע גערעדט אַסך פֿראַנצויזיש. די וויכטיקסטע פֿירערס פֿון דער רעוואָלוציע האָבן געקאָנט די שפּראַך און גענומען אַסך גייסטיקע אַמוניציע פֿון פֿראַנצויזישע פּאָליטישע טעאָרעטיקער. אפשר דערפֿאַר טאַקע האָט די פֿראַנצויזישע אימיגראַציע צוגעשטעלט אַזאַ גרויסן פּראָצענט לערערס, פּראָפֿעסאָרן און שריפֿטשטעלערס. וועגן די פֿראַנצויזיש־קאַנאַדער וועט גערעדט ווערן אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל.

## 14.

מיר האָבן גערעדט וועגן די וויכטיקסטע גרופּעס פֿון דער „אַלטער" אימיג־ראַציע און עס איז ניט וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף די קלענערע גרופּעס. דאָס בילד וועט זיך פֿון דעם ניט בייטן און דער סך הכל וועט זיין דער זעלביקער. עטנישע אידענטיטעט איז געווען אויסגעשפּראָכן ביי אַלע גרופּעס נאָר ווען דער אימיגראַנטן־דור איז נאָך ביי זיי געווען דאָמינירנדיק און ווען זייערע מאַסן האָבן נאָך גערעדט אויף זייער אייגענער שפּראַך. ביי די קינדער איז די גרופּעשקייט שוין געווען אַסך לויזער און ביי די איניקלעך — אויפֿן וועג פֿון פֿולשטענדיקער פֿאַרשווינדונג. דער פֿערטער דור האָט שוין קיין שום פֿאַרבינדונג ניט געהאַט מיט דער גרופּע פֿון זיין נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. אָודאי זיינען פֿאַרבליבן טיפֿע שפּורן פֿון עטנישער ירושה ווי אומבאַוואוסטזיניקע פֿאַקטאָרן, וואָס פֿון דעם וועט גערעדט ווערן גענויער

אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל, אָבער דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט אַ באַ־וואוסטזיניקן פאַרלאַנג פאַרצוזעצן עטנישע גרופּע־אידענטיטעט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. דאָרט, וואו אַזאַ באַוואוסטזיניקער פאַרלאַנג איז יאָ גע־ווען — זיינען מיר געקומען צו דעם שלוס, — האָט ער מיט דער צייט ענט־ווערער זיך אויסגעוועפּט מחמת ער האָט ניט געהאַט גענוג נאַרונג פון אינ־ווייניק, אָדער ער איז אויסגערונען אין דעם אַרומיקן שטראָם.

געוויסע דערשיינונגען און פּראָצעסן ווירקן ווי אַסימילירנדיקע טענדענצן אויף אַלע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן (מיר וועלן זען, אַז דאָס באַציט זיך אויף דער „נייער" אימיגראַציע ניט ווייניקער ווי אויף דער „אַלטער"). פּראָפעסאָר טאַפּט האָט די דאָזיקע דערשיינונגען און פּראָצעסן איינגעטיילט אין דריי הויפּט קאַטעגאָריעס: 1) עקאָנאָמישע מעגלעכקייט, וואָס איז טעאָרעטיש אָפן פאַר אַלעמען; 2) אוטיליטאַרישקייט; 3) דעמאָ־קראַטיע[1]). אין אַלגעמיין דעקט זיך אָט די איינטיילונג מיט אונדזער אייגע־נעם אַנאַליז. אָבער חוץ אַלגעמיינע פּראָצעסן, ווירקן אויך ספּעציפישע פאַקטאָרן וואָס וואָרצלען אין דער אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון די פאַרשיידענע אימיגראַנטן־גרופּעס און פאַראורזאַכן אַ גרעסערן אָדער קלענערן ווידערשטאַנד צו די אַסימילירנדיקע טענדענצן. און דאָך איז אין דעם אופן, ווי אַזוי די פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס רעאַגירן אויף דעם דעעטניזירנדיקן דרוק פון דרויסן דאָ אַ באַשטימטע געזעצמעסיקייט, וואָס מיר קאָנען שוין, אויף דעם יסוד פון די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן אין דער „אַלטער" אימיגראַציע, אין אַלגעמיינע שטריכן טיילווייז דעפינירן.

1) וואָס מער אַן עטנישע גרופּע אונטערשיידט זיך פון די יאַנקיס, אַלץ ווייניקער פריינטשאַפט באַגעגנט זי אין לאַנד און אַלץ לענגער האַלט דעריבער אָן איר גרופּעשקייט.

2) עטנישע גרופּעס וואָס קומען פון זייערע אַלטע היימען מיט געפילן פון נאַציאָנאַלער געקריוודעטקייט האַלטן איין לענגער זייער עטנישע אידענ־טיטעט, ווי גרופּעס וואָס האָבן אַזעלכע געפילן ניט. אין דער „אַלטער" איינוואַנדערונג איז די כאַראַקטעריסטישע גרופּע פון דעם נאַציאָנאַל־געקריוו־דעטן טיפּ געווען די אירלענדישע.

3) מאַסנהאַפטיקע אידעאָלאָגישקייט איז אַ צעמענטירנדיקער פאַקטאָר אין דעם אויפהאַלט פון עטנישער אייגנאַרט. דער קלאַסישער ביישפּיל פון אָט דעם מין אין דער „אַלטער" איינוואַנדערונג זיינען געווען די דייטשן.

4) עטנישע אָדער ראַסן־גרופּעס פּרוּוון ניט אין די פאַראייניקטע שטאַטן

אָרגאַניזירן אייגענע פּאָליטישע פּאַרטייען אויף דעם יסוד פון נאַציאָנאַליטעטן־פאָדערונגען.

5) וואָס לענגער אַן עטנישע גרופּע געפינט זיך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אַלץ לויזער ווערט די צוגעבונדנקייט פון אירע מיטגלידער צו דעם לאַנד פון איר נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם.

6) אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז אין אַ געוויסן פּעריאָד זיינען אַלע אימיגראַנטן אַן אויסנאַם מינדערהייט־גרופּעס, וועלן מיר ביי זיי פעסטשטעלן די ווייטערדיקע עקאָנאָמישע כאַראַקטעריסטיקעס:

א) וואָס אַנדערשדיקער אַן אימיגראַנטן־גרופּע איז פון דער נאַטיווער באַפעלקערונג, אַלץ אַ קענטיקערע טענדענץ ווייזט זי אַרויס זיך צו קאָנצענטרירן אין אינדוסטריעלע שטעט.

ב) אימיגראַנטן קומען אָהער שטענדיק מיט אַ לעבנס־סטאַנדאַרט וואָס איז נידעריקער פון דעם הערשנדיקן סטאַנדאַרט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

ג) זיי ציען זיך אַהין, וואו עס איז דאָ אַ מאַרק פאַר ביליקער ניט־קוואַליפיצירטער אַרבעטס־קראַפט.

ד) זייער לעבנס־סטאַנדאַרט שטייגט און זיי גייען אַריבער צו גרינגערע און בעסער־באַצאָלטע באַשעפטיקונגען אין דער זעלביקע פּראָפּאָרציע, ווי זיי אַמעריקאַניזירן זיך און ווערן אַן די שאַרפע קאַנטורן פון זייער מינדערהייט־סטאַטוס.

מיט אָט דער געזעצמעסיקייט ווי אַ קאָמפּאַס, לאָמיר איצט אַריינטרעטן אין דעם לאַבירינט פון דער „נייער" איינוואַנדערונג.

## 15.

הגם די איינטיילונג אויף „אַלטער" און „נייער" איינוואַנדערונג איז געמאַכט געוואָרן פון אימיגראַנטן־קעגנער און האָט באַצוועקט צו ווייזן, אַז די שפּעטערדיקע אימיגראַנטן האָבן געהערט צו אַ ניט פּאַסיקן מענטשן־מאַטעריאַל, איז זי פונדעסטוועגן ניט אין גאַנצן קיין ווילקירלעכע. די קאַלענדאַרישע איינטיילונג איז, ווי שוין דערמאָנט, אַזאַ: די איינוואַנדערונג פון דער רעוואָלוציע אַן ביז אומגעפער דעם לעצטן דריטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז די „אַלטע" אימיגראַציע; די איינוואַנדערונג זינט דאַן געהערט צו דער „נייער". מיר וועלן די איינטיילונג אָננעמען, ווייל זי גיט אונדז אַ שייד־ליניע אויף צו מאַכן פאַרגלייכן.

מיר האָבן שוין אין דער ערשטער טייל געגעבן אַ בילד פון דעם עקאָ־נאָמישן אויסזען פון לאַנד נאָך דעם בירגער־קריג. הונדערט יאָר זיינען אַוועק זינט דער אַנטשטייאונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז געווען אַ יאָרהונדערט פון כסדרדיקן שטייגן, הגם דאָס לאַנד האָט אין משך פון אָט דעם פּעריאָד אויך דורכגעמאַכט עטלעכע ווירטשאַפטלעכע קריזיסן. פון 1860 ביז 1870 זיינען צוגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן 252,148 אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען — אַ פאַרגרעסערונג פון 79.6 פּראָצענט. אין די זעלביקע צען יאָר איז די צאָל אַרבעטער אויסגעוואַקסן אין דער אינדוסט־ריע פון 1,311,246 ביז 2,053,996 — אַ פאַרגרעסערונג, זאָגט פאוקנער, וואָס האָט רעלאַטיוו קיין גלייכן צו זיך ניט געהאַט „אפילו אין דער דעקאַדע פון דער [ערשטער] גרויסער מלחמה"[1]). 300,000 פּאַטענטן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דערפינדונגען און פאַרבעסערונגען אין משך פון די פערציק יאָר צווישן 1860 און דעם סוף פון דעם יאָרהונדערט. צווישן די דערפינדונגען זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן רעוואָלוציאָניזירט די טעכניק אויף אַלע געביטן, אַריינגערעכנט די לאַנדווירטשאַפט.

די אַמעריקאַנער אינדוסטריע איז געווען אַ נייע און ניט געפּענטעט פון טראַדיציעס. אין לאַנד האָט געהערשט אַ כראָנישער הונגער אויף אַרבעטס־הענט, בעת די פאָדערונגען פון דעם אינערלעכן מאַרק האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן. האָט די פאַראייניקטע שטאַטן זיך אָנגעהייבן גאַנץ שטאַרק ווייזן אויך אויף דעם וועלט־מאַרק. אָט דאָס אַלץ האָט מיט מוראדיקן גאַלאָפּ גע־טריבן דאָס לאַנד צו אַן אומפאַרגלייכלעכער מאַסן־פּראָדוקציע, וואָס האָט גע־האָט ניט נאָר עקאָנאָמישע קאָנסעקווענצן, נאָר אויך אַ ווייטגייענדיקע ווירקונג אויף דעם סאָציאַלן און קולטורעלן גאַנג פון אַמעריקע. אויב אין די פריערדיקע יאָרן האָט זיך די אינדוסטריע גענייטיקט דער עיקר אין קוואַלי־פיצירטע אַרבעטער, האָט זי איצט געזוכט ווי מיט ליכט „שוואַרצע" אַרבעטער. די ווייטערדיקע טאַבעלע, וואָס מיר נעמען אַרויס פון סעמועל דזשאָזעפס בוך וועגן יידישער אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז זייער באַלערנדיק:

טאַבעלע 2. באַשעפטיקונג־פּאַרטיילונג ביי „אַלטע" און „נייע" אימיגראַנטן אין פּראָצענטער (2)

| באַשעפטיקונג | „אַלטע" אימיגראַנטן פּראָצענט | „נייע" אימיגראַנטן פּראָצענט (חוץ יידן) |
|---|---|---|
| פּראָפעסיאָנעלע | 2.4 | .3 |
| קוואַליפיצירטע אַרבעטער | 19.5 | 8.9 |
| פאַרם־אַרבעטער | 6.1 | 23.1 |
| פאַרמערס | 1.8 | .9 |
| שוואַרצע אַרבעטער | 17.7 | 36.7 |
| דינערס | 18.7 | 8.2 |
| אָן באַשעפטיקונג | 29.8 | 21.0 |
| פאַרשיידענע | 4.0 | .9 |
| ס"ה | 100.0 | 100.0 |

קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיינען אי עקאָנאָמיש־זעלבשטענדיקער אי קולטורעל אויפנעם־פעאיקער. ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, פון דער אַנדערער זייט, זיינען אַבסאָלוט אומבאַהאָלפן ווען אָפּגעטיילט פון דער פּראָדוקציע וואָס האַלט זיי באַשעפטיקט. זייער אָפּהענגיקייט פון דער פּראָדוקציע איז אַזוי פולשטענדיק, אַז יעדער מעגלעכקייט פון עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט ווערט פון זיי צוגענומען — און דאָס מוז, נאַטירלעך, פאַרשמעלערן זייערע גייסטיקע האָריזאָנטן און פאַרקלענערן זייער קולטור־קאַפּאַציטעט. אָט די עקאָנאָמישע אוממאַכט און די הילפלאָזיקייט פון דעם יחיד אין שייכות צו דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, איז אפשר די הויפּט־סיבה, פאַרוואָס אַזוי פיל מענטשן, ניט גלייבנדיק אין די אייגענע כחות און פילנדיק זיך אין גאַנצן פאַרלוירן ווען זיי דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו, זיינען גרייט אין אונדזערע טעג נאָכצוגיין אַ דיקטאַטור. טאָטאַליטאַריזם ציט זיין יניקה פון דער אומבאַהאָלפנקייט אין וועלכער די מאַשין האָט אַריינגעוואָרפן דעם איינצעלנעם מענטשן.

ווען מען גיט צו, אַז די מערסטע „נייע" אימיגראַנטן זיינען געווען מענטשן פון זייער ווייניק אָדער גאָר ניט קיין בילדונג, אַז זיי האָבן אין זייערע אַלטע היימען קיין שום אָנונג ניט געהאַט פון מאָדערנער פּראָדוקציע און זיינען ערשט

דאָ אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם אינדוסטריעלן קאַלכאויוון, אַז זיי האָבן געהערט צו אַן אַנדער גלויבן ווי די מערהייט פון דער נאַטיווער אַמעריקע, אַז זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען ניט די שפּראַך און ניט די מנהגים פון לאַנד, און אַז דערצו האָבן זיי נאָך דאָ באַגעגנט חוזק און אומפריינטשאַפט — באַנעמט מען ערשט, ווי גרויס עס איז געווען די פאַרלוירנקייט פון די „פרעמדע" סוף 19טן יאָרהונדערט.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. בעת די „אַלטע" אימיגראַנטן זיינען אין היפּשע צאָלן געקומען מיט זייערע פרויען און קינדער, זיינען די „נייע" אימיג־ראַנטן גרעסטנטיילס (חוץ יידן) געקומען אָן זייערע משפחות. ניט זיי האָבן דאָ געהאַט די וואַרעמקייט פון אַ היים, ניט עס איז געווען ווער עס זאָל זיך אויף זיי אומקוקן אין גאַס. אין בעסטן פאַל האָט די נאַטיווע באַפעלקערונג זיך צו זיי באַצויגן מיט גלייכגילט, אין ערגסטן פאַל — און דאָס איז געשען אַסך אָפטער — מיט פאַראַכטונג.

צו דער נאַטיווער באַפעלקערונג האָבן אויך שוין געהאַט געהערט די פריערדיקע אימיגראַנטן, וואָס מחמת זייער לענגערן זיין אין לאַנד און מחמת דער העכערער בילדונג וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, האָבן זיי שוין געהאַט זיך אויסגעלערנט ענגליש. די דאָזיקע עלטערע אימיגראַנטן האָבן שוין געהאַט זיך אַרויסגעהויבן פון די נידריקסטע שטאַפּלען פון דעם סאָציאַלן לייטער און זיינען שוין געווען איינגעאָרדנט אין, אָדער אויפן וועג צו, בעסער־באַצאָלטע קוואַליפיצירטע מלאכות. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט דעם פּעריאָד פון שווערער „שוואַרצער" פּראַצע און זיך שוין באַטראַכט פאַר נענטער צו דער „אַריסטאָקראַטיע" פון לאַנד ווי צו די פרישע אימיגראַנטן פון אויסלאַנד. דער מאָראַלישער סטאַנדאַרט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז צו יענער צייט ניט געווען קיין צו הויכער. דאָס איז געווען די צייט פון דער „גילדערנער עפּאָכע". גנבה, גזילה און אַפילו רציחות זיינען געווען מיטלען וואָס די אינדוסטריעלע באַראָנען און פינאַנץ־מאַגנאַטן האָבן זיך מיט זיי אָפט באַנוצט ביים בויען זייערע עקאָנאָמישע אימפּעריעס. דאָס לאַנד האָט דאָס אויפגענומען ווי אַ גאַנץ־געוויינלעכע דערשיינונג, כמעט ווי אַ זעלבסטפאַר־שטענדליכקייט. די גרענט־אַדמיניסטראַציע האָט פאַראורזאַכט אַ געשטאַנק פון קאָרופּציע און שווינדל, וואָס עד היום איז עס נאָך ניט אין גאַנצן אויסגעוועפּט. „די אמתע הערשערס פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין משך פון אָט די פינף־און־דרייסיק־יאָר" — זאָגט מאָריס צוקער — „איז געווען אַ קליינע גרופּע אינדוסטריאַליסטן מיט זייערע פינאַנציעלע סאַטעליטן וואָס האָבן ווירקלעך קאָנטראָלירט פּרעזידענטן, דאָמינירט די גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען, הגם זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי". דאָס איז געווען

אַ גרופּע מענטשן, זאָגט צוקער ווייטער, „וואָס אַ הכנעהדיקער קאָנגרעס האָט, אונטער דער בייטש פון די פּאַרטיי־פירער, זיי געהאַרכזאַם אויסגעפּאָלגט"[3].

און דאָך, ניט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס לאַנד האָט געפּיבערט אין אַן עקאָנאָמישן קדחות, האָט עס אין אַסך פּרטים — ספּעציעל אין שייכות צו שטייגער־לעבן און קולטור — דערגרייכט אַ גרויסע מאָס סטאַביליזאַציע. פון דעם בירגער־קריג איז אַמעריקע אַרויסגעקומען ווי אַ נאַציע מיט אַ גאַנץ שאַרפן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. די אָקופּאַציע פון דעם מערב איז שוין פּאַקטיש געווען פאַרענדיקט און דער פּראָנטיר האָט זיך דערנענטערט צו זיין סוף. די מאָנאָפּאָל פון דער ענגלישער שפּראַך, ווי די שפּראַך פון לאַנד, איז שוין געווען פאַרפיקסירט, הגם אין די גרויסע שטעט האָט מען נאָך געהערט אַ בבל פון לשונות.

דער תהום צווישן דער קולטור און ציוויליזאַציע איז נאָך געווען זייער ברייט, אָבער די קערנער פון אַן אייגנאַרטיק־אַמעריקאַנער קולטור זיינען שוין געווען טיף פאַרפלאַנצט און האָבן שוין אָנגעהייבן געבן פּרוכט. די אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז שוין געווען ערב איר פולשטענדיקער עמאַנציפּאַציע פון איר אָנגעוויזנקייט אויף ענגלאַנד. אין די צפון־שטאַטן, וואו די אימיגראַציע האָט זיך קאָנצענטרירט, איז שוין כמעט אומעטום געווען איינגעפירט אַ פרייע שול־סיסטעם וואָס האָט געווירקט ווי אַ נאַציאָנאַלער ניוועלאַטאָר אויף אַלע געביטן פון מאַסן־לעבן. געמישטע חתונות האָבן זיך געמערט און געבראָכן די מחיצות צווישן די פאַרשיידענע עטנישע און רעליגיעזע גרופּעס; די מאַסן־פּראָדוקציע האָט געשאַפן אַן עקאָנאָמישע בריק צווישן זיי. דער אַמעריקאַנער שטייגער־לעבן מיט זיינע מנהגים און טראַדיציעס, סטאַנדאַרטן און געשמאַקן, מיט זיינע פאַרווײַלונגס־פאָרמען און קאָנווענציעס איז שוין געווען מער־וויניקער איינגעשטעלט.

אַז די אַמעריקאַנער קולטור האָט זיך נאָך ניט געקאָנט, אין פאָרנעם און באַטייט, פאַרגלייכן מיט דער ציוויליזאַציע, קאָן מען זען אפילו ווען מען מאַכט נאָר אַן איבערפלעכלעכן פאַרגלייך פון דעם טעכנישן מצב אין לאַנד מיט דער סענסיטיווקייט, וואָס די באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן צו עסטעטישע ווערטן. עס איז שוין געווען דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, אַז די „אמתע הערשערס פון לאַנד" האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט — ניט מיט צופיל בילדונג ניט מיט קיין צו גרויסע גייסטיקע פאָדערונגען. אָבער אַזוי גרויס זיינען געווען זייערע רווחים, אַז זיי האָבן זיך געקאָנט אַוועקלאָזן וואו די וועלט האָט אַן עק געפּיבען אַלטע קונסטווערק צו קויפן. וואָס איז שייך די מאַסן, איז אין ערגעץ אין דער וועלט ניט געווען אַזאַ גרויסער לייען־קרייז און אַזאַ ברייטער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר ליטעראַטור, אָבער די ליטעראַטור גופא איז געווען פון אַ גאַנץ

נידריקן ניוואָ. דער אינטעלעקטועל־עסטעטישער דורכשניט איז געוואָרן דער גייסטיקער סטאַנדאַרט פון לאַנד.

דאָס איז געווען די לאַגע אין לאַנד, ווען אַ ניאַגאַראַ פון „נייע" אימיגראַנטן האָט זיך דערלאַנגט אַ לאָז פון אַלע לענדער אין דרום־און מזרח־אייראָפּע. דאָס לאַנד האָט זיי געדאַרפט האָבן כדי צו שפּייזן די ניט־געזעטיקטע אַפּעטיטן פון אַן אַלץ־שטייגנדיקער אינדוסטריע, עס איז אים אָבער ווייניק אָנגעגאַנגען דער לעבעדיקער מענטש וואָס האָט די שפּייז צוגעשטעלט. פון איין זייט האָט אַמעריקע גערופן צו זיך אימיגראַנטן און סטימולירט זייער עמיגראַציע פון זייערע געבוירן־לענדער, פון דער אַנדערער זייט — האָט זי זיי געגעבן צו פילן, ווען זיי זיינען געקומען אַהער, אַז זיי זיינען דאָ ניט קיין געווינשטע. די אימיגראַנטן זיינען ניט געקומען אַהער מיט נאַציאָנאַליטעטן־כונות, אָבער די באַציאונג פון דעם אַרום האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען אַ סטאַטוס פון מינדערהייט. אַמעריקע האָט זיי באַהאַנדלט ווי שטיף־קינדער.

די „נייע" אימיגראַנטן זיינען ווייט ניט אַלע געווען אַזוי ווי אויסגעגאָסן פון איין גוס. זיי האָבן זיך צווישן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט אין רעליגיע, קולטור, עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, סאָציאַלער לאַגע, טראַדיציע, געשיכטלעכער דערפאַרונג וכדומה. די לאַגע אין דעם נייעם לאַנד האָט זיי אַלעמען אַריינגעפּרעסט אין איין ראַם און אַקצענטירט דאָס געמיינזאַמע וואָס איז צווישן זיי געווען.

מיר וועלן באַלד באַטראַכטן די ספּעציפישע שטריכן ביי אַ צאָל גרופּעס פון דער „נייער" איינוואַנדערונג — יעדן וועלן מיר ווידמען די גאַנצע לעצטע טייל פון אָט דער אַרבעט, לאָזן מיר זיי דערווייל אויס, — פריער אָבער וועלן מיר זען, וואָס עס איז געווען דאָס אַלגעמיינע ביי זיי אַלע.

## .16

וואָס מיר ווייסן שוין וועגן די „נייע" אימיגראַנטן? מיר ווייסן, אַז זיי זיינען געקומען פון די דרום־ און מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וואָס זיינען אין יעדער הינזיכט געווען הינטערשטעליק לגבי די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, פון וואַנען די „אַלטע" אימיגראַנטן זיינען געקומען. בעת אין די מערב־לענדער איז שוין די אינדוסטריע געווען היפּש אַנטוויקלט, זיינען די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער געווען דער עיקר אַגראַר־לענדער — און די אַגריקולטור גופא איז נאָך אין זיי געווען היפּש פּרימיטיוו. דערפאַר האָבן די לעצטע צוגעשטעלט אַ העכערן פּראָצענט אימיגראַנטן מיט אומקוואַליפיצירטע באַשעפטיקונגען. די גרויסע מערהייט אימיגראַנטן פון די דאָזיקע לענדער איז באַשטאַנען פון

פּויערים און ערד־אַרבעטער. דאָ זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין דעם גרויסן ים פון שטאָטישער און אינדוסטריעלער „שוואַרצער" אַרבעט.

פריִע לאַנד־רעזערוון זיינען שוין געווען אויסגעשעפּט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין דער צייט פון דער „נייער" אימיגראַציע. עקאָנאָמישע עקספּאַנסיע האָט דעריבער געקאָנט גיין נאָר אין דער ריכטונג, פון איין זייט, פון אַגריקולטורעלער אינטענסיפיקאַציע און, פון דער אַנדערער זייט, פון ווייטערדיקער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג.ביידע זאַכן וואָלטן ניט מעגלעך געווען ביי דעם דוחק אין אַרבעטס־קראַפט וואָס האָט געהערשט אין לאַנד. עס איז דעריבער קלאָר, אַז אָן אַ גרויסער אימיגראַציע וואָלט געמוזט קומען צו אַ ווירטשאַפטלעכער סטאַגנאַציע. אַזאַ אימיגראַציע האָט מער ניט געקאָנט קומען פון מערב־אייראָפּע דערפאַר, ווייל דאָרט האָט זיך פאַרבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע און ממילא האָט זיך דאָרט פאַרקלענערט די עמיגראַציע־נויט. בלויז מזרח־אייראָפּע האָט דעריבער געקאָנט צושטעלן די אינדוסטריעלע רעזערוון וואָס אַמעריקע האָט געפאָדערט. יצחק אייזיק הורוויטש האָט לחלוטין ניט איבערגעטריבן, ווען ער האָט אין 1912 געמאַכט די קאַטעגאָרישע באַהויפּטונג, אַז „אָן די אימיגראַנטן פון דרום און מזרח־אייראָפּע, וואָלט די שנעלע אינדוסטריעלע עקספּאַנסיע פון דער פאַרגאַנגענער דעקאַדע געווען אוממעגלעך" [1]). אפילו קעגנער פון אימיגראַציע זיינען געווען געצוואונגען דאָס צוצוגעבן. די ביבל פון די אַנטי־אימיגראַציאָניסטן אין די לעצטע יאָרן איז געווען אַ בוך פון דזשענקס און לאוק, וואָס איז געבויט אויף דער אויספאָרשונג, וואָס אַ קאָנגרעס־קאָמיסיע האָט געמאַכט אין 1908־1912 וועגן אימיגראַציע־פּראָבלעמען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דזשענקס און לאוק זיינען געווען געצוואונגען צוצוגעבן, „אַז די באַשעפטיקונג פון די נייע אימיגראַנטישע ליין־פאַרדינערס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז לכתחילה געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די פאַבריקאַנטן און מינען־אייגנטימערס האָבן, אין אַנבליק פון דעם נאָכפרעג אויף אַרבעטער אין לאַנד, ניט געקאָנט קריגן קיין אַנדערע אַרבעטער אויף די זעלביקע שכירות" [2]). ווי באַלד אַזוי, פאַרוואָס־זשע זיינען די צוויי פּראָפעסאָרן קעגן אימיגראַציע? — איז דער תירוץ, אַז וואָלטן ניט געקומען די אימיגראַנטן און מיט זייער נידריקן סטאַנדאַרט ניט אַרויסגעשטופּט פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען די „עכטע" אַמעריקאַנער, וואָלטן, מיינען דזשענקס און לאוק, די לעצטע פאַרבליבן אַרבעטן אין די פאַבריקן און מינען. פּראָפעסאָר פערטשיילד האָט דעם זעלביקן געדאַנק אויסגעדריקט קלאָר און שאַרף:

אַז דער דער אומגעהייערער מאַסע פון פרעמדער אַרבעט, וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן אַ קלאַס פון נאַטיווע אַרבעטער מיט אַ באַטייטיק העכערער סקאַלע פון

> שכירות און אַ גרויסער סומע אָנגעזאַמלטע שפּאָרונגען וואָס וואָלטן געווען גרייט ווען מען וואָלט זיי געדאַרפט [3]).

דאָס איז ווייט ניט קיין נייע טעאָריע: אין 1905 האָט העלען סומנער געשריבן:

> אין אַזעלכע מלאכות ווי קוילן־גרעבעריי זיינען נאַטיווע אַרבעטער פּאַקטיש פאַרטריבן געוואָרן פון פעלד און די אויסלענדער האָבן אַ דאַנק קעגנזייטיגער ראַסן־קאָנקורענץ, אַרונטערגעדריקט דעם לעבנס־סטאַנדאַרט צו אַ פּשוטער פראַגע פון אויפהאַלטן דעם נייטיקן עקזיסטענץ־דויער [4]).

נאָך פריער — אין 1890 — האָט אין זעלביקן זין געשריבן פּראָפעסאָר סמיט, און גענעראַל וואָקער איז אין 1896 אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו דערקלערן, אַז די „נייע" אימיגראַציע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אומקום פון נאָך ניט געבוירענע אַמעריקאַנער דורות. דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז די „אמתע" אַמעריקאַנער ווילן ניט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט וואָס וועלן געזעלשאַפטלעך זיך דאַרפן געפינען אין דער נידעריקערער סאָציאַלער סביבה פון די אימיגראַנטן און עקאָנאָמיש וועט זיי אויסקומען מיט די לעצטע צו קאָנקורירן אויף דעם אַרבעט־מאַרק. דער גענעראַל האָט אָדער ניט געוואוסט אָדער זיך ניט וויסנדיק געמאַכט פון דער גאַנצער מאָדערנער טענדענץ צו קלענער געבירטיקייט, וואָס איז — אַן איין־און־איינציקער אויסנאַם — כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער אינדוסטריעלן לאַנד אין דער וועלט.

פון דעם עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט פאַלט זיך די טעאָריע וועגן אַרויסגעשטויסענע „נאָרדיקס" פּאָנאַנדער ווי אַ קאָרטן־הייזל, ווען זי ווערט געשטעלט פאַר דער ווייטערדיקער פּשוטער פראַגע: אָנגענומען, אַז די „נייע" אימיגראַנטן האָבן אַרויסגעטריבן די אַמעריקאַנער „אַריסטאָקראַטן" פון דער שווערער אומקוואַליפיצירטער אַרבעט און אַז ווען ניט די אימיגראַנטן וואָלטן די לעצטע פאַרבליבן ביי זייערע באַשעפטיקונגען און די דאָזיקע דערהויבן צו אַ העכערן סטאַנדאַרט פון לויִן, — וואו וואָלטן אָבער די נייע אינדוסטריעס גענומען אַרבעטער? די דערמאָנטע אימיגראַציע־קאָמיסיע, וואָס דער קאָנגרעס האָט באַשטימט אין 1907 און איז באַקענט ווי די דילינגאַהם־קאָמיסיע, האָט גאַנצע פיר יאָר געפאָרשט די ענינים פון איינוואַנדערונג מיט דער כונה זי שטאַרק צו באַגרעניצן אָדער אָפּשטעלן אין גאַנצן — אָט די קאָמיסיע האָט נאַטירלעך די פראַגע פון אַרבעטער פאַר דער אינדוסטריעלער עקספּאַנסיע ניט געקאָנט אויסמיידן און זי האָט — אמת, אַביסל ניט דרייסט — געגעבן אַזאַ מין ענטפער: „עס איז דאָ אַ יסוד פאַר דעם אַרגומענט אָדער ספּעקולאַציע... אַז אַ קלענערע אימיגראַציע פון דעם כאַראַקטער וואָס האָט די טענדענץ צו האַלטן שכירות און אַרבעטס־באַדינגונגען אויף אַ נידריקער מדרגה, וואָלט

אפשר געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ נאַטירלעכער פאַרגרעסערונג ביי דער דאַ־ געבוירענער טייל פון דער באַפעלקערונג״ [5]). גענעראַל וואַקערס טעאָריע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אין אַ צייט, ווען ניט נאָר אַלע לענדער פון אי־ מיגראַציע, נאָר אויך די לענדער פון עמיגראַציע האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטייגנ־ דיקע נטיה צו אַ פאַרקלענערטער געבוירטיקייט. סטאַטיסטיק פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַווייזט, אַז גראָד אין די יאָרן, ווען די אימיגראַציע אין לאַנד איז כמעט ווי אין גאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן, איז די צאָל געבורטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפאַלן ביז דעם נידריקסטן פונקט — נאַטירלעך איז דער אָפּשטעל פון דער אימיגראַציע פאַר דעם ניט פאַראַנטוואָרטלעך. אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר באַמערקט זיך אַ שטייגנדיקע פאַרקלענערונג פון דער געבורט־ראַטע אין די דרום־שטאַטן, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן געזען, קיין באַטייטיקע אימיגראַציע קיין מאָל ניט צוגעצויגן. נאָך מער: לאָרימער און אָסבורן קאָנסטאַטירן, אַז בעת די פרוכטבאַרקייט פון דער נאַטיווער באַפעלקע־ רונג אין די אַמעריקאַנער שטעט דערנענטערט זיך צו סטאַביליטעט, „פאַלט גאַנץ שנעל די פרוכטבאַרקייט פון דער רוראַלער באַפעלקערונג, בפרט אין יענע טיילן פון לאַנד וואו זי [די פרוכטבאַרקייט] איז נאָך אַלץ אומגעוויינלעך הויך [6]). זיי קומען דעריבער צו דעם אויספיר: „עס איז אָנצונעמען, אַז די פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג וועט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן אומגעפער אין צוואַנציק ביז פערציק יאָר פון היינט, מיט אַ מאַקסימום־באַ־ פעלקערונג פון אַרום 150 מיליאָן״ [7]). דאָס איז געשריבן געוואָרן אין 1934, ווען די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען פאַקטיש געווען פאַרמאַכט פאַר איינוואַנדערונג פון אויסלאַנד.

וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אין דער גאַנצער טעאָריע איז דאָס, וואָס אין איר קומט צום אויסדרוק די טענדענץ אַרויפצוּוואַרפן אויף אַן אומפּאָפּולערער גרופּע די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס איז ווירקלעך בייז, אָדער מען רעדט זיך איין אַז עס איז בייז, אין לאַנד. אפילו אויף צו דערקלערן פולשטענדיק־ נאָרמאַלע סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָס מחמת די אָדער אַן אַנדער סיבה זיינען זיי אָבער ניט צום הארצן די מער אָפּגעשטאַנענע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין לאַנד, — דאַרף מען אויך האָבן אַ שעיר לעזאזל. מיר האָבן דאָס געזען אין שייכות צו די אירלענדער — און עס איז דער ערשטער און קלאָרסטער סימן, אַז די גרופּע וואָס ווערט אַרויסגערוקט ווי די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דעם אמתן אָדער כלומרשטן בייז, געפינט זיך אין דעם סטאַטוס פון אַ מינדער־ הייט. דינען ווי אַ שעיר לעזאזל אין צייטן פון מאַסן־אומצופרידנקייט — איז אַ סאָציאַלע פונקציע, וואָס מינדערהייטן האָבן אומעטום און אַלע מאָל אויסגעפילט.

די אמתע סיבה, פאַרוואָס נאַטיווע פאַרלאָזן — און וואָס נענטער צו די יאַנקיס, אין אַן אַלץ גרעסערער פּראָפּאָרציע — שווערע אומקוואַליפיצירטע באַשעפטיקונגען, דאַרף מען ווייט ניט זוכן. מיר האָבן שוין אויף איר ניט איין מאָל אָנגעוויזן און מיר וועלן זיך צו איר אומקערן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אפילו ווען דאָס וועט אויסזען ווי איבערחזרונג. די סיבה איז אַ פּשוטע און זי ווירקט מיט דער רעגולערקייט פון אַ נאַטור־געזעץ: וואָס לענגער איינער איז אין לאַנד, אַלץ אַ גרעסערע נויגונג ווייזט ער אַרויס צו גיין פון אַ נידעריקערער מלאכה צו אַ העכערער. דאָס איז אמת סיי וועגן יחידים סיי וועגן גרופּעס.

יצחק אייזיק הורוויטש האָט אַזוי בולט אויפגעדעקט די פאַלשקייט פון דער טעאָריע, אַז נאַטיווע אַמעריקאַנער פון נאָרדישן אָפּשטאַם האָבן פאַרלאָזט די אַלטע באַשעפטיקונגען מחמת דעם דרוק פון די „נייע" אימיגראַנטן, אַז קיין ערנסטער עקאָנאָמיסט האָט די בבא־מעשה מער ניט געגלייבט ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דזשענקס און לאוק חזרן זי אַזוי פיל מאָל איבער אין דער 1926 אויסגאַבע פון זייער בוך. „עס איז ניט געווען", זאָגט הורוויטש, רעדנדיק וועגן די קוילן־גרעבער, „קיין „אַרויסטרײַבונג", פון די אַלטע דורך די נייע באַשעפטיקטע. די דרום־ און מזרח־אייראָפּעער האָבן ניט „פאַרפלייצט" די אַלטע באַשעפטיקונגען נאָר בלויז אויסגעפולט דעם חלול וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם כסדרדיקן אויספּאָמפּען פון די עלטערע בעל מלאכות"[8].

די לעצטע האָבן געפונען גרינגערע אָדער בעסער־באַצאָלטע פרנסות. אינטערעסאַנט איז אַז די דילינגהאַם־קאָמיסיע האָט געהאַט פאַר זיך סטאַטיסטיק, וואָס האָט באַוויזן, אַז שוין אין 1909 האָט דער פּראָצעס פון גיין אין בעסערע באַשעפטיקונגען געהאַט צו קאָנסטאַטירן באַטייטיקן פאָרשריט אפילו צווישן די שפּעטסטע פון די „נייע" אימיגראַנטן. אַזוי, למשל, מאַכט דזשעראָם דייוויס דעם אויספיר, אויף דעם באָדן פון די ציפערן פון דער קאָמיסיע, „אַז דער צווייטער דור רוסן פאַרלאָזט די שווערע שיכטן פון אַרבעט און ציט זיך אַריבער צו די גרינגערע". און רוסן — דאַרף מען ניט פאַרגעסן — זיינען ניט נאָר פון די סאַמע שפּעטסטע אימיגראַנטן, נאָר אויך פון די סאַמע צוריקגעשטאַנענסטע. די ציפערן, וואָס דייוויס דערמאָנט, באַווייזן אַז „אין קוילן־גרעבעריי איז געווען די פּראָפּאָרציע פון צען אויסלענדיש־געבוירענע [רוסן] צו איין דאָ־געבוירענעם פון רוסישע עלטערן, אין אייזן און שטאָל — 9 צו איינעם, אין צוקער־ריינוקונג — 18 צו 1". פאַרקערט, „אין אַגריקולטור מטלטלין, לעדער, גלאָז, שטיוול און שיך, אין טאַבאַק זיינען דאָ העלפט אַזוי פיל דאָ־געבוירענע פון רוסישע עלטערן ווי פרעמד־געבוירענע; אין קליידונג זיינען דאָ מער פון דעם צווייטן דור", בעת אין זיידנוואַרג זיינען דאָ זיבן מאָל אַזויפיל דאָ־געבוירענע רוסן ווי רוסישע אימיגראַנטן[9].

די העכסטע צאָל אימיגראַנטן פֿון גריכנלאַנד אַריינצוקומען אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן פֿאַר דעם 20טן יאָרהונדערט איז געווען עפּעס אַריבער 23 הונדערט אַ יאָר, ערשט אין 1900 האָט זייער צאָל אָנגעהייבן אַריבערשטייגן דריי טויזנט אַ יאָר. פֿונדעסטוועגן האָט טאָמאַס בוירדזשעס נאָך אין 1913, אויף דער באַשולדיקונג אַז די גריכן האַלטן זיך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין שמוציקע קאָלאָניעס וואָס זיינען אָנגעפּילט מיט „שוואַרצע" אַרבעטער, געענט־פֿערט, אַז דאָס איז ווייט ניט אַלע מאָל דער פֿאַל. „פֿאַראַן" — האָט ער גע־טענהט — „אַן אַנדער און אַסך אַ בעסערער טיפּ גריכישע קאָלאָניע, וואו די גריכן זיינען אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק ווייניק אין צאָל אי די מערהייט זייערע באַשטייט ניט פֿון אַ נידריקן גראַד טאָג־אַרבעטער, נאָר איז פֿאַרנומען ביי געשעפֿט" [10]). ווענן די טשעכן שרייבט אין 1920 טאָמאַס טשאַפּעק: „... מיט דער צייט גראַדויִרן די זין און טעכטער פֿון די קצבים, גראָסערילייט, סאַלון־האַלטערס און פֿאַרמערס פֿאַר שול־לערערס, אַדוואָקאַטן, פֿאַרמאַצעווטן און דענטיסטן" [11]). דער שרייבער פּראָיעקט פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1938 זייער אינטערעסאַנטע ציפֿערן, וואָס ווייזן דעם פֿאַר־נעם פֿון דער עקאָנאָמישער אומשיכטונג צווישן די ניו יאָרקער איטאַליענער. די ציפֿערן זיינען באַזירט אויף אַן אויספֿאָרשונג פֿון די חתונה־און געבורן־סערטיפֿיקאַטן וואָס זיינען אין 1916 און אין 1931 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שטאָט ניו יאָרק. אין 1916 איז אַריבער אַ העלפֿט פֿון די 3156 רעגיסטרירטע געבורטן ביי איטאַליענער פֿאַרגעקומען אין משפּחות, וואו דער טאַטע איז געווען אַ ניט־קוואַליפֿיצירטער אַרבעטער; אין 1931 זיינען רעגיסטרירט געוואָרן 16,945 געבורטן ביי איטאַליענער און ווייניקער ווי אַ דריטל פֿון די טאַטעס (31.4 פּראָצענט) האָט געהערט צו אָט דער קאַטעגאָריע. באַלד אַ דריטל (32.5 פּראָצענט) פֿון די איטאַליענער וואָס האָבן אַרויסגענומען חתונה־סערטיפֿיקאַטן אין 1916 זיינען אַליין געווען ניט־קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער; פֿופֿצן יאָר שפּעטער האָבן די ניט־קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער אויסגעמאַכט בלויז עפּעס מער פֿון אַ צענטל (10.6 פּראָצענט) פֿון דער צאָל איטאַליענער וואָס האָבן אַרויסגענומען חתונה־סערטיפֿיקאַטן [12]).

אין זייער מאָנומענטאַלער יאַנקי סיטי סעריע, וואָס איז באַזירט אויף דער גרינטלעכסטער אויספֿאָרשונג וואָס איז ווען עס איז געמאַכט געוואָרן פֿון די סאָציאַלע באַדינגונגען אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט, ווייזן אַן וואַרנער און סראָל, ווי אַזוי די אַכט עטנישע גרופּעס וואָס געפֿינען זיך אין דער אויסגעפֿאָרשטער שטאָט האָבן אַלע דורכגעמאַכט אַ כמעט אידענטישן פּראָצעס פֿון עקאָנאָמישער צופֿאַסונג. די גרופּעס זיינען: אירלענדער, פֿראַנצויזיש־קאַנאַדער, ייִדן, אַר־מעניער, איטאַליענער, פּאָליאַקן, גריכן און רוסן:

די אַרבעטער פון די ניי־אָנגעקומענע גרופּעס האָבן אָנגעהייבן פון דעם סאַמע דעק פון דער באַשעפטיקונגס־הערארכיע און נאָך דורות אַרויסגעקראָכן פון דאָרט און זיך אויפגעהויבן צו דזשאָבס מיט העכערע שכירות און גרעסערן פּרעסטיזש. יעדער נייע עטנישע גרופּע האָט אַרויסגעוויזן אַ נטיה איבערצוחזרן די באַשעפטיקונגס־געשיכטע פון די פאַרגייענדיקע גרופּעס. אַרום 1933 האָבן די מערסטע עטנישע גרופּעס דערגרייכט פּאָזיציעס אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער שטאָט וואָס איז געווען נאָנט צו די פּאָזיציעס פון דער אָריגינעלער נאַטיווער גרופּע[18]).

וואַרנער און סראָל קומען צו דעם אויספיר:

אונדזערע באַווייזן באַשטעטיקן אַז די פריע אירלענדער האָבן ניט אַרויסגעשטויסן די נאַטיוון פון די אומקוואַליפיצירטע מלאכות. אויך האָבן די אירלענדער אָדער נאָכפאָלגנדיקע עטניקערס ניט אַרויסגעשטויסן די נאַטיוון פון די פאַבריקן. גיכער קאָן די סיטואַציע באַשריבן ווערן ווי אַ לאַגע, אין וועלכער די עטניקערס האָבן פאַרביטן די נאַטיוון[14]). (שטריך אין אָריגינאַל)

אין דעם צווייטן פערטל פון דעם 20טן יאָרהונדערט איז דער פּראָצעס פון אומשיכטונג לויט דער פעסטגעשטעלטער געזעצמעסיקייט שוין געווען אַזוי אויסגעקריסטאַליזירט, אַז עס איז געווען מעגלעך אָנצוצייכענען אין אַל־געמיינע ליניעס די פּראָפעסיאָנעלע טיילונג פון דער באַפעלקערונג אויף דעם באָדן פון אימיגראַציע. טשעסטער ס. דזשאָנסאָן האָט געמאַכט דעם ווייטער־דיקן סך הכל:

אין דער איצטיקער [עקאָנאָמישער] סטרוקטור זיינען די נאַטיווע ווייסע נאָך אַלץ די ערשטע אין די פאַרגעשריטענע באַשעפטיקונגען, וואָס שליסן איין אַרכיטעקטן, כעמיסטן, ציווילע אינדזשינערן, דענטיסטן, עלעקטרישע אינדזשינערן, אַדוואָקאַטן און ריכטערס, דאָקטוירים, לערערס, באַאַמטע אין פאַבריקן, באַנקירן, אַגענטן וכדומה. די געבירטיקע וואָס שטאַמען פון עלטערן וואָס איינער פון זיי איז אַן אימיגראַנט און דער אַנדערער אַ דאָ־געבוירענער זיינען די ערשטע אין דער צאָל פאַבריקאַנטן, בויערס און קאָנטראַקטאָרס, פאָרלייט, שטאָטישע און קאָונטי אָנגע־שטעלטע און אינספּעקטאָרן, בריוו־טרעגערס, דעטעקטיוון, פּאָליציילייט, עלעקטרי־קערס, סטאַנציע־אינדזשינערן, יובילערן, מעכאַניקערס, מיל בויערס, פּאָליטורערס, קלעפּערס, סטרוקטוראַלע אייזן־אַרבעטער, בלעכערס, ציגאַרמאַכערס, אומשיפטערס (סוויטשלייט), האַלב־קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין גלאָז, אייזן, מעבל, האָלץ, מעטאַל (אַנדערע ווי אייזן און שטאָל), גומע, קלערקס און זאַמלערס (קאָלעק־טאָרס) . . . די פרעמד־געבוירענע זיינען די ערשטע אין דער צאָל שמידן, מו־ליאַרעס, טאָקערס, סטאָליאַרעס, מעטאַל־שאַרפערס, אייזן־גיסערס, פּלאָמבערס, שניידערס, שוסטערס, באַדינערס, קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין הויז־בויאונג, שלאַכט־הייזער, אייזנבאַן־שעפער, געטראַנקען־אינדוסטריעס, אויטאָמאָביל־פאַבריקן, טעקסטיל־אינדוסטריעס, און צווישן די אַרבעטער פון פאַקטיש אַלע געביטן וואָס שטעלן צו אומקוואַליפיצירטע אַרבעט[15]).

איך האָב געבראַכט דעם לאַנגען אויסצוג ניט בלויז כדי נאָך אַמאָל צו באַשטעטיקן די כסדרדיקע ווירקונג פֿון דעם אומשיכטונג־פּראָצעס, נאָר אויך כדי צו ציִען אויפֿמערקזאַמקייט אויף נאָך איין זייער וויכטיקן פֿאַקט אין שייכות מיט דער אומשיכטונג. די ראַטע פֿון אַמעריקאַניזירונג און די רעזולטירנדיקע גראַדואירונג צו העכערער באַשעפֿטיקונג זיינען ביז מיט גאָר ניט לאַנג צוריק זיך צונויפֿגעפֿאַלן מיט דעם פֿלוס פֿון די אימיגראַציע־כוואַליעס. אַזוי זיינען ענגלענדער שוין געווען תּושבֿים ווען די אירלענדער און דייטשן האָבן אָנגעהייבן קומען אין גרויסע מאַסן. די לעצטע זיינען שוין געווען סטאַביליזירט, ווען עס האָט זיך אַ טראָג געטאָן דער אימיגראַציע־שטראָם פֿון מזרח־אייראָפּע. דאָס האָט אין די עקאָנאָמישע פּראָצעסן אַריינגעטראָגן אי סאָציאַלע־ אי ראַסן־ אי רעליגיעזע־מאָמענטן. יעדער איינגעבירגערטע גרופּע האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ טייל פֿון דער מערהייט פֿון לאַנד און אויף די שפּעטער־געקומענע — ווי אויף אַן אויסלענדישער מינדערהייט. כדי אויסצוזען גרעסער אין די אייגענע אויגן, האָט יעדער גרופּע זיך געמיט צו געפֿינען אַ גרופּע, וואָס זי האָט איר געקאָנט באַטראַכטן פֿאַר קלענער פֿון זיך. „יעדער גרופּע" — זאָגט דר. פֿעלדמאַן — „האָט ליב צו האָבן כאָטש איין גרופּע, אויף וועלכער זי זאָל קאָנען קוקן פֿון אויבן־אַראָפּ. אַזוי האָבן די אָריגינעלע ענגלענדער געקוקט פֿון אויבן־אַראָפּ אויף די אירלענדער און דייטשן. יענע האָבן זיך באַטראַכט העכער פֿאַר די סלאַווען און יידן" [16]). די אַזוי־גערופֿענע מערהייט־גרופּעס האָבן דיסקרימינירט קעגן די מינדערהייטן, זיי געהאַלטן אָפּגעזונדערט פֿון זיך און דערמיט אונטערגעשטראָכן דעם מינדערהייט־מצבֿ פֿון די לעצטע. „רעליגיעזע אונטערשיידן" — לייענען מיר ביי גאָנאַר מוירדאַלן — „אונטערשיידן אין פֿונדאַמענטאַלע באַציאונגען און „ראַסן"־אונטערשיידן זיינען פּרי אַריינגעטראָטן ווי עלעמענטן פֿון צוויסטיקייט אין דעם פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע און ווי סיבות פֿאַר דיסקרימינאַציע בעת דער פּראָצעס אין אָנגעגאַנגען... זיי זיינען אין אַ באַטייטיקער מאָס פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם פֿאַקט, וואָס אפֿילו די לעצטנס־דורכגעפֿירטע געמיינדע־פֿאָרשונגען, אונטערגענומען צענדליקער יאָרן נאָך דעם ווי מאַסן־אימיגראַציע איז געווען אַ פֿאַרענדיקטער קאַפּיטל, גיבן אַ בילד פֿון אַמעריקאַנער קלאַסן־שיכטונג וואָס שטייט אין נאָענטער שייכות צו דער דיפֿערענציאַציע אויף דער ליניע פֿון נאַציאָנאַלע גרופּעס. אָט דער טיפּ דיפֿערענציאַציע איז איינער פֿון די סאַמע בולטסטע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון דער אַמעריקאַנער סאָציאַלן שטייגער" [17]).

דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט נאָך אַ שטריך וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער באַציאונג פֿון דער מערהייט צו אַ מינדערהייט: די ערשטע צווינגט אַרויף אויף דער לעצטער אומגינציקע סאָציאַלע באַדינגונגען און האַלט נאָך איר

פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שלעכטער אויסווירקונג פון די דאָזיקע באַדינגונגען. מיר האָבן עס געזען ביי דער „אַלטער" אימיגראַציע און מיר זעען עס נאָך בולטער אין פאַרבינדונג מיט דער „נייער" אימיגראַציע. אַזוי האָט אַמעריקע סטימולירט דאָס קומען אַהער פון עלעמענטן וואָס זי האָט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין „שוואַרצע" שטאָטישע אַרבעטער, און זיי דערנאָך אויפגעוואָרפן אַלעמאַי זיי קאָנצענטרירן זיך אין די שטעט. אַנטי־אימיגראַציע אידעאָלאָגן האָבן ניט אויפגעהערט צו רעדן פון דער געווינטשקייט פאַרן לאַנד פון די אימיגראַנטן וואָס זיינען אַריין אין דער לאַנדווירשאַפט אַנטקעגן דער אומגעווינטשקייט פון די אומקוואַליפיצירטע אינדוסטריעלע אימיגראַנטן — און דערביי דורכגעזעצט רעסטריקציעס אויף אימיגראַנטן בנוגע באַזיץ פון לאַנד. פּראָפעסאָר דאָנאַלד יאַנג סומירט די דאָזיקע באַציאונג אין די ווייטערדיקע ווערטער:

> עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז הגם די בירגער פון די פּאַראייניקטע שטאַטן זיינען בדרך כלל פריינטלעכער געגויגט צו אימיגראַנטן וואָס ווערן פאַרמערס איידער צו די וואָס ווערן אינדוסטריעלע אַרבעטער, האָבן [פונדעסטוועגן] פעדעראַלע און שטאָט־געזעצן באַגרעניצט זייער רעכט צו באַזיצן אַגראַרן באָדן אין אַלע טיילן פון לאַנד [18].

אין די שטעט גופא האָט אַמעריקע געצוואונגען די אימיגראַנטן צו וואוינען אין די אָרעמסטע און אָפּגעלאָזנסטע געגנטן און דערנאָך געוואָרפן די שולד אויף זיי פאַר פאַרשפאַרן זיך אין ענגע און שמוציקע געטאָס. אַמעריקע האָט אָפּגעשטויסן די אימיגראַנטן פון זיך, און זיי ניט געקאָנט מוחל זיין זייער צו לאַנגזאַמע אַסימילאַציע. אַמעריקע האָט ניט אַריינגעטראָגן קיין שום געפּלאַנטקייט און אָרגאַניזירטקייט אין דער איינאָרדנונג פון די אימיגראַנטן, איבערגעלאָזן זיי אויף זייער אייגענעם באַראָט אָדער זיי אויסגעוויזן אויף דעם חסד פון עקספּלואָטאַטאָרס און שווינדלערס — און געשאָפן ראַסן־טעאָריעס וועגן דער פאַרשפּרייטקייט פון פאַרברעכערישקייט צווישן די אויסלענדער, ווען זיי זיינען אַמאָל נכשל געוואָרן. „אין דער אָפּוועזנקייט פון אַ סיסטעמאַטישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע" — זאָגט דר. לייזערסאָן — „פאַר דער פאַרטיילונג און איינאָרדנונג פון אַרבעטער, נעמט ער [דער אימיגראַנט] זיך פאַר כלאָרליי זאַכן" [19]. און לייזערסאָן רעכנט אויס די פאַרשיידענע געפאַרן וואָס האָבן דערביי געלויערט איבער דעם אימיגראַנט — געפאַרן, פון וועלכע ער האָט בשום אופן זיך ניט געקאָנט אויסהיטן. אָבער ווען ער איז אַריינגעפאַלן, איז ניט נאָר וואָס ער האָט דערפון אַליין געליטן, נאָר ער האָט אויך געגעבן אַ נייעם אויסרעד פאַר העצעס קעגן „פרעמדע".

די „נייע" אימיגראַנטן זיינען געקומען פֿון לענדער, וואו דער אַנאַלפֿאַבעטיזם איז געווען זייער הויך, האָבן זיי דעריבער, אין זייער גרויסער מערהייט, קיין בילדונג מיט זיך ניט געבראַכט. סאַניטאַציע איז אין זייערע אַלטע לענדער געשטאַנען אויף אַ פּרימיטיווער מדרגה, האָט עס נאַטירלעך געפֿירט צו דעם, אַז די שמוציקע געגנטן וואו זיי האָבן זיך באַזעצט זאָלן ווערן נאָך שמוציקער. איידער זיי זיינען געקומען אַהער, האָבן זיי אין זייערע אויגן קיין מאַשין ניט אָנגעזען — און דאָ האָט מען זיי אַריינגעוואָרפֿן אין אַן אינדוסטריעלן קעסלגרוב און זיי געהייסן אַליין זיך דאָרט געפֿינען אַן אָרט און אַליין פֿון אים אַרויסקריכן. זיי זיינען געווען די עלנטע און פֿאַרשטויסענע פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אָבער גראָד די עלנטקייט און פֿאַרשטויסנקייט פֿון די צוריקגעשטאַנענע אימיגראַנטן האָט אין זיי געשמידט אַ ווידערשטאַנד צו די אָנגריפֿן פֿון דער אַסימילאַציע. וואָס פֿיינלעכער און גלייכגילטיקער דער אַרום האָט זיך צו זיי באַצויגן, אַלץ מער האָבן זיי זיך געטוליעט איינער צו דעם אַנדערן. וואָס שווערער עס איז זיי אָנגעקומען דאָס איינזאַפּן די אַמעריקאַנער קולטור, אַלץ מער זיינען זיי געווען אָנגעוויזן אויף דער אייגענער שפּראַך — דאָס איז געווען זייער פֿאָרמע פֿון אַקאָמאָדאַציע צו דער נייער סביבה. און וואָס מער זיי האָבן זיך געפֿילט דערשלאָגן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַלץ מער האָבן זיי זיך געוואַרעמט אין די זכרונות פֿון זייערע היימישע דערפֿער און שטעטלעך. איז קיין וואונדער ניט, וואָס די פֿרעמד־שפּראַכיקע פּרעסע איז ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה — און אין אַ גרויסער מאָס אויך שפּעטער — כמעט אין גאַנצן אויסגעפֿולט געוואָרן מיט ידיעות פֿון אויסלאַנד און האָט זעלטן באַרירט אַמעריקאַנער לאַנד־פּראָבלעמען. מען דאַרף זיך אויך ניט וואונדערן, וואָס אַ צאָל עטנישע גרופּעס האָבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געשאַפֿן אַ מער פֿאַרצווייגטע פּרעסע, ווי זיי האָבן געהאַט אין זייערע אייגענע לענדער. אין דער היים האָבן זיי זיך געקאָנט באַגיין אָן אַ צייטונג; דאָ האָבן זיי זי געמוזט האָבן. פֿון דעם שטאַמט, וואָס אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן האָבן ערשט אין אַמעריקע זיך אויסגעלערנט צו לייענען און שרייבן אויף זייערע נאַציאָנאַלע לשונות. נאָך מער: מאַסן איטאַליענער, פּאָליאַקן און אַנדערע עטניקערס האָבן אין אַמעריקע אַנטוויקלט אַ געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט, עפּעס וואָס האָט ביי זיי אין דער אַלטער היים געפֿעלט. דאָרט איז זייער צוגעבונדנקייט געווען צו געגנט — ניט צו לאַנד; צו שכנים — ניט צו פֿאָלק. ערשט אין אַמעריקע האָבן זיי זיך דערפֿילט ווי טיילן פֿון אַ נאַציאָנאַלער גאַנצקייט. „די מאַסע פּויערים־אימיגראַנטן" — לייענען מיר ביי קאַראָלינאַ פּ. וועיר — „האָט ניט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט

דערפאַר, ווייל נאַציאָנאַליזם איז אין גרויסן גאַנצן געווען אַ פּראָדוקט פון דעם מיטל־קלאַס, בעת דער פויער האָט בלויז געוואוסט פון זיין משפחה און זיין דאָרף״ [20]). די ברוטאַלע קאָמפּראָמיסלאָזיקייט פון דער פאָדערונג אַז די אימיג־ראַנטן זאָלן איבערנאַכט זיך פולשטענדיק אַסימילירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אויף אַ צייט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג: זי האָט גאָר פאַר־שטאַרקט ביי די אימיגראַנטן דעם נאַציאָנאַליזם וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די לענדער פון זייער אָפּשטאַם.

עס זיינען געווען אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן צו דער פאַרשאַרפונג פון דעם אויסלענדישן נאַציאָנאַליזם צוגעטראָגן ניט ווייניקער — און אין אַסך פאַלן נאָך מער, — ווי די פּאָליטיק פון מעכאַנישער אַמעריקאַניזאַציע. בעת די „אַלטע״ אימיגראַנטן, מיט דעם אויסנאַם פון די אירלענדער, זיינען געקומען פון נאַציאָנאַל־זעלבסשטענדיקע און אָפּט אפילו פון פּאָליטיש־הערשנדיקע לענדער, האָט די „נייע״ אימיגראַציע צוגעשטעלט אַ צאָל עטנישע גרופּעס וואָס זיינען געקומען פון נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע לענדער. די דאָזיקע אימיג־ראַנטן האָבן, ווי די אירלענדער, דאָ געפירט אַ קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון זייערע פעלקער — און דאָס האָט זיי דאָ צעמענטירט ווי גרופּעס. טשעכן, פּאָ־ליאַקן, רוטענער, יוגאָסלאַוון און אַנדערע האָבן אין אַמעריקע באַקומען צום ערשטן מאָל אַ געלעגנהייט צו שטיצן זייערע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועג־גונגען אין דער אַפן. אויף אַזאַ אופן איז דער נאַציאָנאַליזם פון די דאָזיקע גרופּעס געשפּייזט געוואָרן פון צוויי קוואַלן: פון דער דרויסנדיקער אַרויסשטופּונג און פון דער אינערלעכער צוגעבונדקייט צו דעם אייגענעם פאָלק. פּאַרק און מילער האַלטן, אַז דער אימיגראַנטישער נאַציאָנאַליזם האָט געשעפּט זיין פּאַ־טאָס פון די פאָלגנדיקע פיר הויפּט־מקורים:

1. אידעאַליזאַציע פון די באַדינגונגען אין דער היים;
2. אַ פאַרלאַנג צו העלפן אין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג;
3. אַ פאַרלאַנג צו פאַרבעסערן די אייגענע באַדינגונגען (דאָ אין לאַנד) דורך אויפהויבן די חשיבות פון דער גרופּע;
4. אַ געפיל, אַז מען ווערט געהאַלטן דרויסן פון דעם אַמעריקאַנער לעבן [21]).

## 17.

אין דער קולטור־ און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון די אימיגראַנטן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אינדיווידועלע הצטרכותן און געזעלשאַפטלעכע באַ־

דערפּנישן. די פּראָטעסטאַנטישע אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס די אימיגראַנטן האָבן געגרינדעט, האָבן די לעצטע געגעבן שוץ און קעגנזייטיקע הילף — עפּעס, אין וואָס זיי האָבן ווי יחידים זיך זייער שטאַרק געניטיקט — און אין דער זעלביקער צייט זיינען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס געוואָרן פּאָזיציעס פון עטנישער צעמענטירטקייט. די קלובן, כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן און ספּאָרט־פּאַראיינען האָבן אַ צוגעשטעלט דעם אימיגראַנט דאָס איינציקע ביסל פּאַרווייַלונג וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן, אַ זיי זיינען געוואָרן שטיץ־פּונקטן פאַר דער קולטור וואָס ער האָט געבראַכט פון דער אַנדערער זייט ים. די אימיגראַנטישע אינסטיטוציעס זיינען געוואָרן אַ די גייסטיקע היים פון דעם אויסלענדער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַ די בריק צווישן זיין עטנישער גרופּע דאָ און זיין פאָלק אין דעם לאַנד פון זיין אָפּשטאַם.

אַזוי ווי ביי די „אַלטע" אימיגראַנטן, איז אין צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון די „נייע" אימיגראַנטן געשטאַנען די קירכע. וואָס צוריקגעשטאַנענער אַ גרופּע איז געווען פון קולטורעלן שטאַנדפּונקט, אַלץ אַ גרעסערע השפעה האָט אין איר געהאַט אָרגאַניזירטע רעליגיע. אויך דאָ האָט זיך אינדיווידועלע הצטרכות פאַראייניקט מיט קהלשן אינטערעס. די קירכע איז געווען דאָס איינציקע פּלאַץ, וואו דער אימיגראַנט האָט זיך געפילט פולשטענדיק ביי זיך אין דער היים. זי איז געווען אַ שטיק געבוירן־לאַנד אַריבערגעטראָגן אין דעם נייעם וואוין־לאַנד. זי איז דאָס געווען אין דעם פּסיכאָ־פּאָליטישן זין ניט ווינציקער, ווי אין דעם רעליגיעז־עטנישן זין. די קירכע האָט אַריבערגעבראַכט אַהער ניט נאָר דעם היימישן קאַטעכיזם און רעליגיעזן שטייגער, זי האָט אויך אַריבערגעבראַכט די היימישע פּאָליטישע אַטמאָספער און סאָציאַלע טראַדיציעס. איר שטאַרקסטע ווירקונג האָט זי דעריבער געקאָנט אויסאיבן אויף די עלעמענטן וואָס האָבן זיך אין די דאָזיקע טראַדיציעס און שטייגערס געקלאַמערט. גאַנץ אָפט האָבן אויסלענדישע מלוכות דורך די היגע קירכעס געזוכט איינצוהאַלטן זייער השפעה אויף די אימיגראַנטן און האָבן דעריבער געשטיצט די קירכעס אויף פאַרשיידענע אופנים. פון דעם האָט זיך ניט זעלטן באַקומען, אַז אין די עטנישע גרופּעס האָט געהערשט אַ רעאַקציאָנערער גייסט וואָס איז געגאַנגען אין סתירה צו דער פּאָליטישער דע־מאָקראַטיע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. דאָס האָט נאָך דיקער געמאַכט די וואַנט, וואָס איז געשטאַנען צווישן די אימיגראַנטן און דער נאַטיווער אַמעריקע. די קלעריקאַלע פירערס פון די ערשטע האָבן מורא געהאַט פאַר ליבעראַלע ווינטן, און די תושבים האָבן געזען אין די אימיגראַנטן אַ פרעמדן און שעדלעכן עלעמענט.

די קירכע האָט, ווי מיר האָבן געזען, געזוכט איינצוהאַלטן ניט נאָר די

אימיגראַנטן גופא, נאָך אויך זייערע דאָ־געבוירענע קינדער. זי האָט דעריבער אויפגעבויט אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן אַ נעץ פֿון פּאַראָכיאַלע שולן, ספּעציעל האָט זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט די קאַטוילישע קירכע, וואָס איז געווען די קירכע פֿון דער ווייט־גרעסטער מערהייט פֿון די „נייע" אימיגראַנטן. ווי ברייט און ווייט דער קאַטויליש־פּאַראָכיאַלער שול־וועזן האָט זיך אַנטוויקלט אין לאַנד קאָן מען זען פֿון די פֿאָלגנדיקע ציפֿערן: אין 1942 זיינען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געווען 10,553 קאַטוילישע שולן מכּל המינים, אָנהייבנדיק פֿון קינדערגאָרטנס און ענדיקנדיק מיט אוניווערזיטעטן און אַקאַדעמיעס. די דאָזיקע שולן האָבן געהאַט 99,488 לערערס און עס זיינען אין זיי געגאַנגען 2,587,124 קינדער און יונגעלייט [1]. אין די קאַטוילישע שולן וואָס די איר־לענדער האָבן געגרינדעט איז די לערן־שפּראַך נאַטירלעך געווען ענגליש, ביי די שפּעטערדיקע אימיגראַנטן אָבער זיינען די דאָזיקע שולן געוואָרן די וויכ־טיקסטע באַזע פֿאַר דעם דערהאַלט פֿון זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. די פֿאַר־בינדונג צווישן קירכע און עטנישער שפּראַך איז ביי קיין קאַטוילישער גרופּע ניט געווען אַזוי אָרגאַניש־ענג ווי ביי די פֿראַנצויזיש־קאַנאַדער און די פּאָליאַקן און עס וועט דעריבער זיין כּדאַי דאָ, וואו מיר ווילן באַווייזן וואָס פֿאַר אַ צעמענטירנדיקער עטנישער כּח די קירכע איז געווען, צו ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן פֿון אָט די צוויי גרופּעס הגם עס וועט נאָך אונדז אויסקומען וועגן זיי צו רעדן אונטן.

פּריינק ו. טהאָמפּסאָן ברענגט אַ טאַבעלע, וואָס דזש. אַרטור פּאָוורו, סעק־רעטאַר פֿון דער פֿראַנצויזיש־אַמעריקאַנער היסטאָרישער געזעלשאַפֿט, האָט צונויפֿגעשטעלט פֿון דער צאָל פּאַראָכיאַלע שולן וואָס האָבן פֿונקציאָנירט אין מאַסאַטשוסעטס אין 1915. די דאָזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז פֿון די 82 פֿראַנ־צויזיש־קאַנאַדישע קלויסטערס אין שטאַט האָבן 61 געהאַט פּאַראָכיאַלע שפּראַך־שולן [2]. איז שוין ניט צו וואונדערן זיך, וואָס אַ פֿראַנצויזיש־אַמעריקאַנער קאָנ־גרעס, אָפּגעהאַלטן אין וואָוסטער, מאַסאַטשוסעטס אין פֿעברואַר, 1919, ווען די פּאַטריאָטישע פֿלאַמען וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אָנגעצונדן זיינען נאָך געווען אין זייער רעכטן ברען, דערלויבט זיך אין אַ דעקלאַראַציע צו מאַכן אַזאַ מין באַמערקונג: „די פֿראַנצויזיש־אַמעריקאַנער קאַטוילישע פֿעדע־ראַציע גיט צו, אַז אַ באַקענטשאַפֿט מיט דער ענגלישער שפּראַך פֿלעגט אַ נענ־טערע פֿאַליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אייניקייט צווישן די פֿאַרשיידענע גרופּעס וואָס שטעלן צוזאַמען די אַמעריקאַנער נאַציע" [3]. דערביי האָט דער קאָנגרעס קלאָר געמאַכט, אַז דאָס לערנען פֿראַנצויזיש וועט פֿאָרגעזעצט ווערן הגם די שפּראַך פֿון די לימודים וועט זיין ענגליש. אין 1926 האָט אַן אויס־פֿאָרשונג, וואָס בעסי בלום וועסעל האָט דורכגעפֿירט אין וואונסאָקעט, ראָד

אײלאַנד, וואו אַ גאַר גרויסער פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז פֿון פֿראַנצויזיש־קאַנאַדישן אָפּשטאַם, פֿעסטגעשטעלט, אַז העלפֿט פֿון די קינדער אין שטאַט גייען אין פּאַראָכיאַלע שולן [4]).

וואָס איז שייך צו פּאָליאַקן, זיינען אַלע פֿאָרשערס אייניק וועגן דעם, אַז פּראָפּאָרציאָנעל שטעלן זיי צו די גרעסטע צאָל רעליגיעז־לינגוויסטישע אינסטיטוציעס. דאָס איז אמת אין די רוראַלע געגנטן ניט ווייניקער ווי אין די גרויסע שטעט. אַן אויספֿאָרשונג, וואָס דער אינסטיטוט פֿאַר סאָציאַלער און רעליגיעזער פֿאָרשונג האָט דורכגעפֿירט אונטער דער לייטונג פֿון דר. דע ס. ברונער אין 1926־27, האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז פֿרעמד־שפּראַכיקע קירכעס האָבן אין 140 מיטלמערבדיקע דערפֿער געהאַט אַ בעסערן אָנהאַלט אויף זייערע מיטגלידער ווי די ענגליש־רעדנדיקע אָדער צוויי־שפּראַכיקע קירכעס [5]). דאָס האָט זיך באַצויגן סיי אויף קאַטוילישע סיי אויף לוטעראַנישע קירכעס, און מען קאָן זיך משער זיין, אַז די פּוילישע קירכעס האָבן דאָ באַוויזן גלענצנדע רעזולטאַטן. די זעלביקע אויספֿאָרשונג האָט אָט וואָס צו זאָגן וועגן די רוראַלע געגנטן אין ניו דזשוירזי און קאָנעטיקאָט:

> קירכעס, וואָס זיינען באַזוכט געוואָרן פֿון פּוילישע פֿאַמיליעס, האָט מען בדרך כלל געפֿונען צו זיין שטאַרקער ווי די פֿון די מערסטע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. זייערע גלחים זיינען געוויינלעך געווען פֿון דער זעלביקער ראַסן־משפּחה; און פֿיל געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף צו האַלטן זייערע מיטגלידער צוזאַמען אין איין שטאַרקער ראַסן־גרופּע. זייערע קירכעס האָבן אָפֿט געדינט ווי דער איינציקער צענטער פֿון קאָמונאַלער אַקטיוויטעט [6]).

לויט דר. רוטשעקן, געפֿינען זיך היינט צו טאָג אין לאַנד 560 פּויליש־קאַטוילישע פּאַראָכיאַלע שולן מיט 5000 לערערס און אַן ערך 300,000 קינדער. די פּוילישע קאַטאָליקן האָבן 40 מיטל־שולן מכל המינים און 27 העכערע אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס; זיי האַלטן אויס 830 קלויסטערס [7]).

אַ באַגריף פֿון דער אויסווירקונג, וואָס אַזאַ מין דערציאונג האָט אויף דער קאַטוילישער באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, באַקומט מען פֿון אַן אויספֿאָרשונג, וואָס פּראָפֿעסאָר ניילס קאַרפּענטער און דניאל קאַץ, ביידע באַקענטע אויטאָריטעטן אין הלכות אימיגראַציע, האָבן דורכגעפֿירט אין באָפֿאַלאָ, איינער פֿון די גרעסטע פּוילישע צענטערן אין אַמעריקע. די אויספֿאָרשונג איז פֿאַר די יאָרן 1926־1928 און נעמט אַרום 186 אין אַמעריקע־געבוירענע פּאָליאַקן. 10 פּראָצענט פֿון זיי זיינען שוין געווען פֿון דעם דריטן דור, ד. ה. ביידע זייערע עלטערן זיינען אויך געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, און נאָך 16 פּראָצענט האָבן געהאַט עלטערן וואָס איינער פֿון זיי איז געבוירן געוואָרן

אין אַמעריקע, און דער צווייטער איז געקומען פון פוילן. קיין איינער פון די 186 איז ניט געווען איינגער פון 18 יאָר. פונדעסטוועגן האָבן בלויז 54 פּראָצענט פון דעם צווייטן דור (און 63 פּראָצענט פון דעם דריטן דור) זיך באַטראַכט פאַר אַמעריקאַנער, פון די איבריקע 46 פּראָצענט האָבן 39 פּראָצ. זיך באַטראַכט פאַר פּויליש־אַמעריקאַנער און 7 פּראָצ. — פאַר פּאָליאַקן [8]. אין די היימען פון 40.6 פּראָצ. פון דעם צווייטן דור און פון 27.7 פון דריטן דור ווערט נאָך גע־רעדט פּויליש און אין 45.2 פּראָצ. פון די היימען פון צווייטן דור און 27.7 פּראָצ. פון דעם דריטן דור — פּויליש און ענגליש. בלויז אין 12.8 פּראָצ. היימען פון דעם צווייטן דור און 44.6 פּראָצ. פון דעם דריטן דור רעדט מען נאָר ענגליש [9]. אַ פריערדיקע אויספאָרשונג אין דער זעלביקער שטאָט, וואָס האָט אָבער אַרומגענומען אַ סך אַ גרעסערע צאָל מענטשן, האָט באַוויזן, אַז די זיבן וויכטיקע פּוילישע מנהגים וואָס 71 פּראָצענט פון די פּאָליאַקן־אימיגראַנטן היטן אָפּ אין אַמעריקע, זיינען אויך אָפּגעהיט געוואָרן דורך 56 פּראָצענט פון די דאָ־געבוירענע פּאָליאַקן [10].

דאָ איז אָבער וויכטיק צו געדענקען, אַז ניט בלויז די קירכע האָט ביי די פּאָליאַקן אַרויסגערופן אַזאַ צוגעבונדקייט צו דער פּוילישער שפּראַך. אַ גרויסע ראָלע האָט דערביי געשפּילט דער פאַקט, וואָס די פּאָליאַקן זיינען אין דער היים געווען אַן אונטערדריקט פאָלק — און, ווי מיר האָבן געזען, איז נאַציאָנאַלע געקרייוודעטקייט אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין שמידן עטנישע סאָלידאַריטעט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. די פּוילישע שפּראַך איז אין פּוילן גופא געווען גע־רודפט, דערפאַר איז זי געווען אַזוי טייער די פּאָליאַקן אין אַמעריקע. דאָ האָבן זיי די שפּראַך געקאָנט רעדן און לערנען אומגעשטערט. נאַטירלעך האָבן די אַמעריקאַנער שפּראַך־טאָטאַליטאַריסטן ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס די נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך מיינט צו די קינדער פון אַ פאָלק וואָס האָט ביי זיך אין דער היים זיך ניט געקאָנט מיט איר פריי באַנוצן. „אַסך דאָ־געבוירענע אַמעריקאַנער" — זאָגט דער פריער־ציטירטער טהאָמפּסאָן — „פאַרפעלן צו פאַרשטיין די נאָנטע שייכות, אין דעם מוח פון דעם אויסלענדער, צווישן שפּראַך און רעליגיע. עס איז דאָ אַ נאָנטע שייכות צווישן די דאָזיקע כחות אפילו ביי ענגליש־רעדנ־דיקע פעלקער... ביי די פרעמד־געבוירענע אָבער איז די פאַרבינדונג אָפּט נאָך אַ מער אינטימע מחמת די פריערדיקע רעפּרעסיעס וואָס האָבן אָט די פאַר־בינדונג באַדראָט" [11].

פון אַלע פרעמד־שפּראַכיקע קאַטוילישע קלויסטערס וואָס האָבן עקזיסטירט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אין 1916 האָבן די פּוילישע געהאַט די גרעסטע צאָל מיטגלידער, נעמלעך: 466 קלויסטערס מיט 1,165,064 מיטגלידער. אין נאָך 269 קלויסטערס, וואָס האָבן געהאַט 260,129 מיטגלידער, האָט מען גערעדט

פּויליש און ענגליש[12]). איך באַריר דאָ דעם יאָר 1916 ניט צופעליק: דאָס איז דאָס יאָר פאַר דעם אַריינטריט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — אַ געשעעניש וואָס האָט, ווי מיר וועלן זען, אַריינגעטראָגן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער לאַגע פון אימיגראַנטן און מינדערהייטן אין אַמעריקע. דערפאַר טאַקע איז וויכטיק דאָ צו ברענגען שאונעסיס טאַבעלע פון די קאַטוילישע קירכעס וואָס האָבן אין 1916 זיך באַנוצט אָדער מיט אויסלענדישע שפּראַכן אַליין אָדער מיט אויסלענדישע שפּראַכן און ענגליש (זע זייט 165).

עס איז נייטיק צו ציען אויפמערקזאַמקייט אויף צוויי זאַכן אין דער טאַבעלע. ערשטנס: די גרויסע צאָל קירכעס וואָס באַנוצן זיך שוין אין 1916 מיט ענגליש חוץ מיט דער אויסלענדישער שפּראַך, מיט וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט. דאָס זעט מען ניט נאָר ביי די דייטשן, וואָס געהערן צו דער „אַלטער" אימיגראַציע און וואָס, צוליב זייער הויכן קולטורעלן סטאַנדאַרט, איז דאָס אויסלערנען זיך ענגליש זיי אָנגעקומען פאַרהעלטנישמעסיק גרינג; מען זעט דאָס אויך ביי פּאָליאַקן און איטאַליענער, וואָס געהערן צו די שפּעטסטע אימיגראַנטן און וואָס דאָס אויסלערנען זיך ענגליש קומט זיי אָן גאַנץ שווער. צווייטנס: צוויי גרופּעס — פּאָליאַקן און פראַנצויזיש־קאַנאַדער — האָבן אין 1916 אויסגעמאַכט אַ העלפט פון גאָר די מיטגלידער פון די קאַטוילישע קירכעס אין לאַנד וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט אויסלענדישע שפּראַכן. האָבן מיר שוין דערמאָנט, ווי אַזוי פּויליש איז אין יענער צייט געווען פאַרפּאַלגט אין פּוילן גופא סיי אין דער טייל וואָס האָט געהערט צו רוסלאַנד, סיי אין די עסטרייכישע און דייטשע טיילן. וואָס איז שייך די פראַנצויזיש־קאַנאַדישע אימיגראַנטן, איז הגם זיי זיינען ניט געקומען פון אייראָפּע, זיינען זיי אָבער געקומען פון אַ לאַנד אויף דעם צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, וואו זיי האָבן אין משך פון לאַנגע יאָרן געפירט אַ קאַמף פאַר קולטורעל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. ווי פראַנצויזיש־רעדנדיקע קאַטאָליקן, וואָס האָבן אין קאַנאַדע געדאַרפט פירן דעם דאָזיקן קאַמף קעגן ענגליש־רעדנדיקע פּראָטעסטאַנטן, האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַן עטניש־רעליגיעזע גרופּעשע געשלאָסנקייט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַסך לעבנס־דויער, וואָס האָט אָבער עווענטועל, ווי מיר וועלן זען, ניט געקאָנט אויסמיידן דעם גורל פון די אַנדערע, ווייניקער צעמענטירטע, עטנישע גרופּעס.

די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירכע האָט אויסגעפילט די זעלביקע עטנישע פונקציעס פאַר די גריכן, רוסן, רומעניער און אַנדערע גרופּעס פון דעם זעלביקן גלויבן, וואָס די קאַטוילישע קירכע האָט אויסגעפילט פאַר די עטנישע

טאַבעלע 3. קאַטוילישע קלויסטערס און זייער מיטגלידערשאַפט וואָס האָבן אין 1916 גענוצט אָדער בלויז אַן אויסלענדישע שפּראַך אָדער מיט ענגליש (13)

| שפּראַך | בלויז אויסלענדישע שפּראַך | | אויסלענדישע שפּראַך מיט ענגליש | | סך הכל | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל קירכעס | צאָל מיטגלידער | צאָל קירכעס | צאָל מיטגלידער | צאָל קירכעס | צאָל מיטגלידער |
| דייטש | 206 | 191,347 | 1,684 | 1,481,343 | 1,890 | 1,672,690 |
| שפּאַניש | 530 | 378,748 | 311 | 273,496 | 841 | 552,244 |
| פּויליש | 466 | 1,165,064 | 269 | 260,129 | 735 | 1,425,193 |
| פראַנצויזיש [1] | 200 | 478,255 | 499 | 548,711 | 699 | 1,026,966 |
| איטאַליעניש | 149 | 420,511 | 327 | 1,095,307 | 476 | 1,515,818 |
| טשעכיש | 76 | 67,827 | 102 | 66,084 | 178 | 133,911 |
| סלאָוויש | 98 | 106,927 | 15 | 11,337 | 113 | 118,264 |
| סלאָוואַקיש | 69 | 78,447 | 40 | 47,240 | 109 | 125,687 |
| ליטוויש | 87 | 140,144 | 9 | 10,133 | 96 | 150,277 |
| מאַגיאַריש | 32 | 44,404 | 16 | 21,911 | 48 | 66,315 |
| פּאָרטוגעזיש | 19 | 52,444 | 34 | 34,670 | 53 | 87,114 |
| רוטעניש | 44 | 49,475 | 1 | 1,817 | 45 | 51,292 |
| סלאָוועניש | 29 | 42,477 | 38 | 51,519 | 67 | 93,996 |
| סיריש | 17 | 8,705 | 3 | 5,482 | 20 | 14,187 |
| קראָאַטיש | 14 | 33,419 | 5 | 9,374 | 19 | 42,793 |
| האָלענדיש | 19 | 20,223 | .... | ...... | 19 | 20,223 |
| רומעניש | 6 | 6,613 | 2 | 5,200 | 8 | 11,813 |

[1] מערסטנטיילס פראַנצויזיש-קאַנאַדישע.

גרופּעס וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן — מיט איין גרויסן אונטערשייד אָבער: די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירכע האָט קיין סיסטעם פון פולע פּאַראָכיאַלע שולן אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט אויפגעבויט. זי האָט נאָר פאַרשפּרייט אַ נעץ פון זונטיק־שולן וואָס זיינען געווען אי רעליגיעזע אינסטיטוציעס אי עטנישע שפּראַך־אינדזלען. די גריכן האָבן נאָך דערצו געעפנט אַ צאָל צוגאָב־שולן, וואָס גריכיש־אַמעריקאַנער קינדער האָבן באַזוכט נאָכמיטאָג, נאָך דעם, ווי זיי זיינען פריי געוואָרן פון דער עפנטלעכער שול. הגם אין די דאָזיקע צוגאָב־שולן זיינען די לימודים דער עיקר לינגוויסטיש־קולטורעלע, זיינען זיי אָבער פּאַקטיש אויך אַ טייל פון דער קירכע, ווייל די הויפּט־אויפזיכט איבער זייער קוריקולום האָבן די גלחים. מ. דזש. פּאָליטיס איז דעריבער פולשטענדיק באַרעכטיקט צו מאַכן די באַהויפּטונג, אַז „דער עיקר דורך דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירכע און אירע נאָכמיטאָג און זונטיק שולן ווערן גריכישע טראַדיציעס און די גריכישע שפּראַך אויפגעהאַלטן דאָ אין לאַנד"[14].

.18

ניט־רעליגיעזע אימיגראַנטן האָבן געשאַפן עטנישע אינסטיטוציעס דרויסן און אומאָפּהענגיק פון דער קירכע, אַמאָל — אַפילו קעגן איר. וואָס מער אַ לאַנד פון עמיגראַציע איז געווען אורבאַניזירט און אינדוסטריאַליזירט, וואָס שטאַרקער עס האָט אין אים געהערשט אַ דעמאָקראַטישער גייסט, וואָס גרעסער עס איז אין אים געווען די השפּעה פון דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, — וואָס גראַד אין דער צייט פון דער „נייער" אימיגראַציע האָט זי אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, אין איראָפּע, — אַלץ מער סעקולערע אינסטיטוציעס האָבן די אימיגראַנטן פון יענעם לאַנד אויפגעבויט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער „אַלטער" אימיגראַציע האָבן די דייטשן אויף אָט דעם געביט געהאַט צו פאַרצייכענען די גרעסטע אויפטוען; אין דער „נייער" אימיגראַציע האָבן זיך אין דער הינזיכט — חוץ יידן — אויסגעצייכנט אויך די טשעכן. „פאַר די מייסטע גרופּעס" — זאָגט וויטקע — „איז די אימיגראַנטן־קירכע וואַרשיינלעך געווען די שטאַרקסטע איינציקע קראַפט אין הלכות פּרעזערווירן זייער ראַסן־סאָלידאַריטעט. דאָס איז אַסך ווייניקער אמת אין שייכות מיט די טשעכן" [1].

אין איראָפּע זיינען די טשעכן, ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען אַן אונטערדריקט פאָלק וואָס האָט געקעמפט פאַר אומאָפּהענגיקייט. אין שפּיץ פון דעם קאַמף זיינען געשטאַנען ליבעראַלע עלעמענטן, צווישן וועלכע דער איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג

האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. דער נאַציאָנאַלער קאַמף פאַר טשעכישער באַפרייאונג האָט זיך דעריבער אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַל־פּראָגרעסיווער באַוועגונג — און דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגעשפּיגלט אין דער טשעכישער אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. „לויט עסטרייכשע אָפיציעלע סטאַטיסטיקעס" — דערציילט טאָמאַס טשאַפּעק — „געהערן 960.48 [פּערזאָן] פון יעדע טויזנט אין בעהמען צו דעם קאַטוילישן גלויבן. 21.77 זיינען פּראָטעסטאַנטן, 16.19 יידן, 1.12 אַלט־קאַטאָליקן, 0.20 אָן גלויבן, 0.24 געמישטע. די דאָזיקע ציפערן אָבער גילטן ניט אַמעריקע". און טשאַפּעק גיט צו: „עס וועט זיין אין די ראַמען פון אמת צו זאָגן, אַז 50 פּראָצענט פון די טשעכן אין אַמעריקע האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם גלויבן פון זייער אַלטער היים. איין מחבר איז איבערצייגט, אַז דער פאַרנעם פון אפּטריניקייט איז נאָענטער צו 60 אָדער 70 איידער צו 50" [2]. טשאַפּעק האָט די ציטירטע ווערטער געשריבן אין 1920; די צאָל קירכעלאָזע טשעכן איז היינט נאָך גרעסער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ גרויסע צאָל אויסגעשפּראָכענע פריידענקערס — אפשר, דעם גרעסטן פּראָצענט, וואָס אַן אימיגראַנטן־גרופּע האָט ווען עס איז אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע (סיידן אפשר יידן האָבן אַרויסגעגעבן נאָך אַ העכערן פּראָצענט, וואָס איז ווייט ניט זיכער). לויט רוטשעקן זיינען היינט דאָ אין אַמעריקע אַרום 480,000 טשעכישע פריידענקערס [3]. אין שיקאַגע האָבן זיי אפילו זינט 1877 אַן אייגענעם בית עלמין. אַנטקעגן די 104 רעליגיעזע קינדער־שולן וואָס די טשעכן האַלטן אויס אין לאַנד, זיינען דאָ 88 טשעכיש־סעקולערע קינדער־שולן [4]. ניט געקוקט אויף אָט דער אינערלעכער צעטיילונג, געהערן די טשעכן צו די בעסט־אָרגאַניזירטע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זייער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, „סאָקאָל," איז אינטערנאַציאָנאַל באַרימט. זיי האָבן זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט פּלאַנצן אַ קענטשאַפט פון טשעכיש אין זייער דאָ־געבוירענער יוגנט און האָבן דעריבער אַ גאַנץ הויכן פּראָצענט טשעכן פון דריטן דור אַמעריקאַנישקייט וואָס קענען די שפּראַך פון זייער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. „אפשר קיין אַנדערע נייע אימיגראַנטן־גרופּע" — זאָגט פּראָפעסאָר וויטקע — „איז ניט אַזוי גוט אָרגאַניזירט אין סאָציאַלע, פּראַטערנאַלע און שוץ־געזעלשאַפטן" [5].

די טרייב־קראַפט אין אָט דער ברייט־פאַרצווייגטער און אַלץ־אַרומנעמענדיקער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט איז געווען דער ווילן צו דערגרייכן די נאַציאָנאַלע פרייהייט פון טשעכיע. מחמת אָט דעם ווילן האָבן טשעכן געשאַפן אין אַמעריקע אַ צאָל קאָלאָניעס, וואָס מיט אייניקע פון זיי וועט נאָך אונדז אויסקומען זיך צו באַגעגענען ווען מיר וועלן, אין אַ שפּעטערדיקן

קאַפּיטל, אונטערציען אסך הכל פון דעם, וואָס איז דאָ געוואָרן פון דער טשעכישער טעטיקייט. דערווייל אָבער איז געבוג צו קאָנסטאַטירן, אַז סיי די טשעכישע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס סיי די סעקולערע האָבן פאַרקערפּערט אין זיך אַן אויפגעוואַכטן טשעכישן נאַציאָנאַליזם.

כדי צו אונטערשטרייכן ווי שטאַרק עס איז די צעמענטירנדיקע ווירקונג פון דעם אויסלענדישן נאַציאָנאַליזם אויף אימיגראַנטן פון אונטערדריקטע פעלקער, וויל איך דאָ דערמאָנען נאָך איין גרופּע — די פינער. די דאָזיקע גרופּע געהערט צו די קלענסטע אימיגראַנטן־קיבוצים אין לאַנד. בלויז 117,210 מענטשן האָבן אינעם 1940 צענזוס אָנגעגעבן אַז זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין פינלאַנד, בלויז 284,200 מענטשן האָבן אָנגעגעבן אַז זיי שטאַמען פון פינלאַנד און בלויז 230,420 מענטשן האָבן אָנגעגעבן פיניש ווי זייער מאַמע־לשון. אָבער טראָץ זייער קליינער צאָל און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען לויט זייער גלויבן פּראָטעסטאַנטן, האָבן די אַמעריקאַנער פינער אַנטוויקלט אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט אויף זייער אייגענער שפּראַך. אויך ביי זיי איז די דאָזיקע טעטיקייט ניט אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט דער קירכע. אדרבא, זיי האָבן געשאַפן אַ וויט־פאַרצווייגטן סעקולערן אינסטיטוציאָנאַליזם. צווישן זיי איז שטאַרק פאַרשפּרייט דער פּאָליטישער ליבעראַליזם און אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע ווי זייער פאַרהעלטניש צו דער באַפעלקערונג אין לאַנד האָבן זיי צוגעשטעלט מיטגלידער פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער ניט נאָר אויף דעם קולטור־פעלד זיינען זיי אַקטיוו; זיי האָבן געשאַפן אַ גאַנצע נעץ פון ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס דינען זיי ווי פּאָזיציעס פון עטנישער גרופּעשקייט. עס ציט זיי צו לאַנד, און זיי האָבן אויפגעבויט אַן אייגענע אַגריקולטורעלע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. זיי האָבן אויך געשאַפן אַ צאָל שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון, ווי פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, רעסטאָראַנען, צייטונגען וכדומה. עס איז אַ פראַגע, צי עס איז דאָ אין לאַנד נאָך אַן עטנישע גרופּע, וואָס קאָן אין אַט דעם פּרט זיך מיט די פינער פאַרגלייכן. די אויפטוען פון די פינער אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטראָמען דירעקט אַרויס פון זייער צוגעבונדקייט צו דעם לאַנד פון זייער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם.

## .19

אירלענדער, פּאָליאַקן, טשעכן, פינער — איך האָב זיי גענומען בלויז ווי אילוסטראַציעס, אָבער זיי זיינען וויט ניט די איינציקע — האָבן דאָ אַרויסגעוויזן גרויס גרופּע־אויסדויער מחמת דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע אונטערדריקט־

קייט פון זייערע פעלקער אין אייראָפּע האָט געווירקט קאָנסאָלידירנדיק אויף זייער צוזאַמענהאַלטן זיך אין די פּאַראַיינקטע שטאַטן. די הילף, וואָס זיי האָבן געגעבן זייערע פעלקער אין דעם קאַמף קעגן פרעמדע באַהערשערס, איז געווען אַ צעמענטערנדיקער פאַקטאָר פון עטנישן שטאַנדפּונקט אין זייער נייער היים. פאַרוואָס אָבער האָבן אויך אַנדערע גרופּעס, וואָס זיינען ניט געקומען פון נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע פעלקער, פונדעסטוועגן אַרויסגעשטעלט אַ גאַנץ העפטיקן ווידערשטאַנד קעגן דעם אַנגריף פון דער אַמעריקאַנער אַסימילאַציע? דעם ענטפער וועלן מיר טיילוויס געפינען, ווען מיר וועלן אַנאַליזירן די אַנט־וויקלונג פון דער צאָלרייכסטער גרופּע פון דער „נייער" אימיגראַציע — די איטאַליענער.

די איטאַליענישע אימיגראַנטן קומען מערסטנטיילס פון דרום־איטאַליע, וואו זיי האָבן געוואוינט אין אָפּגעשלאָסענע געמיינדעס. זייער לאָיאַליטעט איז דאָרט קודם כל געווען צו דער אייגענער משפּחה, טיילוויז אויך צו דעם דאָרף און געגנט — אַסך ווייניקער צו זייער פאָלק. „זייער שפּראַך" — זאָגט פראַנצ׳יס בראַון — „איז געווען אַ באַזונדערער דיאַלעקט... יונגע מענטשן האָט מען זעלטן דערלויבט צו חתונה האָבן מיט עמיצן דרויסן פון דעם דאָרף. די מענטשן האָבן באַאַרבעט זייערע קליינע פעלדער, געהאַלטן אָפן זייערע קלייטלעך אָדער געאַרבעט ביי זייערע מלכות ווי פּשוטע האַנטווערקערס. דער דאָרפישער סקווער איז געווען דאָס זאַמל־פּונקט פון דער געמיינדע. דאָרט האָט מען אויסגעביטן סחורות דורך אויסטויש אויף דעם אָפענעם מאַרק, דאָרט זיינען פאָרגעקומען פאָלקס־טענץ, און פריינט און שכנים האָבן זיך באַגעגנט כדי צו דיסקוטירן פּאָליטיק אָדער צו פאַרברענגען אין שמועסן וועגן געמיינזאַמע באַקענטע".

און ווייטער:

> דאָס געפיל פון אייניקייט איז אויך געקאָוועט געוואָרן דורך דער משפּחה־סטרוקטור. דאָס פונדאַמענטאַלע אין דעם פאַמיליע־לעבן איז געווען דער פּרינציפּ פון בכורשאַפט — די רייע פון אויטאָריטעט איז געגאַנגען דורך דעם עלטצטן זכר, צי ער איז געווען דער זיידע, טאַטע אָדער זון. צו אים האָט זיך די גאַנצע משפּחה געווענדט נאָך אַן ענטפער אויף אַלע פראַגעס, אַריינגערעכנט הסכמה אויף די שדוכים פון די מיטגלידער פון דער משפּחה און אַלע אַראַנזשירונגען מכח דעם נדן פון די טעכטער [1].

וואָס איז שייך דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די איטאַליענישע אימיגראַנטן מיט וואָסערע 50 יאָר צוריק, וועט זיין גענוג צו ברענגען אַ באַשרייבונג פון דזשייקאָב ריס. דער דאָזיקער ריס, אַליין אַן אימיגראַנט פון האָלאַנד, האָט אָנהייב 20טן יאָרהונדערט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פאַרזוכן צו געווינען אַ מענטשלעכע באַציאונג מצד אַמעריקע צו אימיגראַנטן. דערציילט ער:

> דער איטאַליענער קומט אַהער אויף דעם דעק [פֿון עקאָנאָמישן מצב] און וואָס איז שייך דער גענעראַציע וואָס איז געקומען אַהער איבער ים, בלייבט ער שטעקן אויף דעם דעק. אין די אַלטע חורבות נעמט מען אים גערן אויף ווי אַ לאָקאַטאָר וואָס גיט ווייניקער קאָפּ־דרייעניש פֿון דעם קריגערישן אירלענדער און דעם אָרדנונג־ליבהאָבנדיקן דייטש. דאָס הייסט, ער איז צופֿרידן צו לעבן אין אַ חזיר־שטאַל און לאָזט אָן פּראָטעסט זיך באַרויבן דורך דעם דירה־געלט־זאַמלער... דער מענטש איז אַזוי אומוויסנדיק, אַז, ווי האָט איינער פֿון די שווינדלערס וואָס לויערן איבער אים זיך אויסגעדריקט: „עס וואָלט פּשוט געווען אַ זינד, ווען מען נאַרט אים נישט אָפּ" [2]).

זייַנען שוין ניט נייטיק קיין ווייטערדיקע דערקלערונגען פֿאַר דער טענדענץ, וואָס איטאַליענער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווייזן אַרויס זיך צו קאָנצענטרירן אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן. איז שוין אויך פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס זיי שאַפֿן אין די שטעט, וואו זיי באַזעצן זיך, „קליין־איטאַליעס". די דאָזיקע קליין־איטאַליעס טיילן זיך אויף פּראָווינצן, וואָס האָבן דעם אויסזען פֿון די היימישע געגנטן, פֿון וועלכע די איטאַליענישע אימיגראַנטן קומען. אין אַנדערע ווערטער: איטאַליענער שאַפֿן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געטאָס אין די געטאָס — לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין די „קליין־איטאַליעס". אין 1921 האָבן פּאַרק און מילער געשריבן, אַז איטאַליענער ווייזן אַרויס די גרעסטע נטיה „צו בלייבן אין איינזאַמע געמיינדעס." זיי לעבן ווי איזאָלירטע גרופּעס, עסן מאכלים, צו וועלכע זיי זייַנען צוגעוווינט פֿון דער היים, געמאַכט פֿון שפּייַזן וואָס זיי אימפּאָרטירן גאַנץ אָפֿט פֿון איטאַליע, און פֿירן זיך דאָ לויט די טראַדיציעס פֿון דעם אַלטן געבוירן־לאַנד [3]). 17 יאָר שפּעטער האָבן פֿאַר־שערס פֿון דעם פֿעדעראַלן שרייבער־פּראָיעקט געפֿונען, אַז איטאַליענער ווייזן נאָך אַלץ אַרויס אַ טענדענץ אייַנצוהאַלטן זייערע היימישע דיאַלעקטן. די דאָזיקע טענדענץ וואָרצלט אין זייער נויגונג צו בלייבן צעמענטירטע פּראָווינץ־גרופּעס אינערהאַלב דער גרעסערער איטאַליענישער קאָלאָניע [4]). די אויספֿאָר־שונג, וואָס דר. ברונער האָט דורכגעפֿירט אין 1926, האָט באַוויזן, אַז אפֿילו אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און אין די רוראַלע געגנטן „האָבן איטאַליענער, בדרך כלל, געשייַנט ניט צו זיין פֿאַראינטערעסירט אין אָנשליסן זיך אין אַמע־ריקאַנער געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אָדער אין איבערנעמען אַקטיווע פֿירערשאַפֿט אין זיי, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיט מיטגלידער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן" [5]). די טענדענץ זיך צו האַלטן אין גרופּעס ווייזן די איטאַליע־נער אַרויס אפֿילו ביים זוכן אַרבעט, ספּעציעל איז דאָס אמת בנוגע צו פֿרויען.

אין דער היים האָבן איטאַליענישע פֿרויען ניט געטראַכט פֿון אַרבעטן פֿאַר יענעם; זיי זייַנען דערצויגן געוואָרן צו זיין הויז־פֿרויען און זייַנען געווען פֿולשטענדיק צופֿרידן מיט דער דאָזיקער ראָלע. אין אַמעריקע אָבער האָבן

זיי געפונען אַ ראַדיקאַל־אַנדערשדיקע לאַגע. זייערע טאַטעס און מענער האָבן ניט פאַרדינט גענוג אויף צו דערנערן זייערע משפחות — האָבן די פרויען ניט־ווילנדיק געמוזט ווערן לוין־אַרבעטער. אָבער מחמת אַלטע טראַדיציעס האָבן זיי זיך די ערשטע צייטן געשעמט צו גיין איינציקווייס. עס איז דעריבער ניט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג צו זען — דערציילט דר. לייזערסאָן — ווי איטאַליענישע מיידלעך „אין גרופּעס פון זעקס אָדער זיבן" גייען פון פּלאַץ צו פּלאַץ זוכן אַרבעט און פילן זיך „געשטאַרקט אין דער פּראָטעקציע" וואָס איינע גיט דער צווייטער [6]). דאָס רעדט זיך פון דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איטאַליענער האָבן דאָ ניט נאָר געדאַרפט ברעכן אַלטע געווינהייטן, נאָר אויך געהאַט אויסצושטיין עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס. ניט אומעטום האָט מען זיי געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט און זיי זיינען דעריבער געווען אָנגעוויזן אויף רעקאָמענדאַציעס פון פריינט. אַן אויספאָרשונג, וואָס איז צו יענער צייט דורכגעפירט געוואָרן אין ניו יאָרק, האָט פעסטגעשטעלט, אַז פון די 874 איטאַליענישע פרויען וואָס האָבן דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן געקראָגן זייערע ערשטע אַרבעטס־פּלעצער, האָבן 685, איבער 75 פּראָצענט דערקלערט, אַז דאָס איז געווען מיט דער הילף פון זייערע קרובים און פריינט [7]).

אַז דאָס אַלץ האָט געפעלט די גרופּעשקייט פון די איטאַליענער און האָט זיי פאַרפאַנצערט קעגן דעם דרוק פון אַסימילאַציע איז איבריק צו אונטערשטרייכן. רעליגיע שפּילט ביי זיי דוקא ניט אַזאַ גרויסע ראָלע ווי ביי אַנדערע אימיגראַנטן פון קאַטוילישן גלויבן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די דערמאָנטע אויספאָרשונג פון דעם פעדעראַלן שרייבער־פּראָיעקט האָט אין 1938 ניט געפונען קיין איין אויסשליסלעך־איטאַליענישן בית עלמין אין ניו יאָרק — אַ שטאָט, וואָס האָט מער איטאַליענער ווי רוים [8]). איטאַליענישע אימיגראַנטן האָבן אַ לאַנגע צייט מורא געהאַט פאַר אַמעריקע. זיי האָבן זיך דאָ געפילט פרעמד — און דאָס האָט געשטאַרקט זייער צוגעבונדקייט צו דעם לאַנד פון זייער אויסוואַנדערונג — אַ צוגעבונדקייט, וואָס אין דער געגעבענער פאָרם האָבן מאַסן פון זיי ערשט אין די פאַראייניקטע שטאַטן דערשפּירט אין זיך.

גאָר אַסך איטאַליענער האָבן זייער זיין אין אַמעריקע באַטראַכט פאַר אַ צייטווייליקן עפּיזאָד אין זייער לעבן. דאָס האָבן דער עיקר זיי געשאַפן דעם מין „וואַנדער־פייגל" — אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען אַהער בלויז צו פאַרדינען און אָפּשפּאָרן עטלעכע דאָלער און גלייך נאָך דעם צוריק צו פאָרן אַהיים. נאַטירלעך האָבן אַזעלכע אימיגראַנטן ניט געטראַכט פון אינטעגראַציע אין דער אַמעריקאַנער סביבה; אָבער אויך יענע, וואָס זיינען געקומען אַהער מיט דער כוונה צו פאַרבלייבן און אפילו מיטגעבראַכט זייערע משפחות, האָבן,

מחמת דער אומפֿריינטלעכקייט פֿון דעם אָרום און דער אייגענער אומוויסנקייט, ניט געקאָנט פּסיכאָלאָגיש און שטייגעריש זיך איינוואָרצלען אין דער אַמעריקאַנער ערד. עקאָנאָמיש האָבן זיי אַ לאַנגע צייט געהערט צו די סאַמע עקספּלואַטירטע מענטשן; סאָציאַל — צו די פֿאַרשטויסענע פֿון דער געזעלשאַפֿט; קולטורעל — צו די אָפּגעשטאַנענסטע ווייסע עלעמענטן אין לאַנד. גראָד אין דעם איז געלעגן זייער שטאַרקייט ווי אַן עטנישע גרופּע. זיי האָבן אַ שטיק צייט געקאָנט בלייבן ווי אַן אָפּגעגרעניצטע קאָלאָניע דערפֿאַר, ווייל ניט זיי האָבן געקאָנט בויען אַ בריק צו דעם גרויסן דרויסן, ניט דער דרויסן האָט געזוכט אַ וועג צו זיי.

די איטאַליענישע מאַסן־אימיגראַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז זיך צונויפֿגעפֿאַלן מיט די פֿאַרזוכן פֿון איטאַליע, נאָך איר פֿאַראייניקונג אין דער לעצטער טייל פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט, צו ווערן אַ וועלט־מאַכט. דאָס איז געווען אַ וויכטיקע סיבה, פֿאַרוואָס איטאַליענישע רעגירונגען האָבן אַלע מאָל געפֿירט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די היגע איטאַליענער און געזוכט זיי צו האַלטן אין דער ספּערע פֿון איטאַליענישן נאַציאָנאַליזם. די איטאַליענישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן געזען, אין דער אַלטער היים געלעבט אין אָפּגעגרעניצטע דערפֿער און ניט געפֿילט אַז זיי זיינען טיילן פֿון אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, האָבן אין אַמעריקע אַנטוויקלט אַ גליענדיקן פּאַטריאָטיזם צו איטאַליע ווי אַ לאַנד. מיט דעם דערקלערט זיך דער גרויסער דערפֿאָלג פֿון דער פֿאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער מוסאָליני־רעזשים האָט געפֿירט צווישן די אַמעריקאַנער איטאַליענער. עס איז אַ פֿאַקט, אַז בעת דער פֿאַשיזם האָט געהאַט ווייניק הצלחה מיט זיין אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין איטאַליע גופֿא, איז אים געלונגען מיט דעם אַנטיסעמיטישן גיפֿט צו פֿאַרסמען די מוחות פֿון מאַסן איטאַליענער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

די איזאָלירנדיקע פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן די אַסימילירנדיקע פֿאַקטאָרן, זיינען ביי די „נייע" אימיגראַנטן געווען אַסך שטאַרקער, ווי ביי די „אַלטע". דאָס באַציט זיך אי אויף די אינערלעכע צעמענטירנדיקע כחות אי אויף די דרויסנדיקע אַרויסשטויס־קרעפֿטן. די ערשטע קאָנען סומירט ווערן אין עטלעכע ווערטער: אַ גרעסערע אַנדערשדיקייט לגבי דעם הערשנדיקן שטייגער־לעבן אין לאַנד, וואָס איז שוין געווען אַ סך מער סטאַביליזירט סוף 19טן יאָרהונדערט, ווי אין דער עפּאָכע פֿון דער „אַלטער" איינוואַנדערונג. דאָ ליגט אויך דער מקור פֿון דעם פֿעסטערן דרוק פֿון די דרויסנדיקע אַרויסשטויס־קרעפֿטן, וואָס קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן, ווי אַן אויסדרוק פֿון אַ גרעסערער אומגעדולדיקייט מצד דער „טיראַניי פֿון דער מערהייט" לגבי „פֿרעמדע" און אַ געשטייגערטע אומטאָלעראַנץ צו אַנדערשדיקע.

.20

פון וואָסערע קוואַלן די איזאָלירנדיקע פאַקטאָרן האָבן זיך געשפּייזט האָבן מיר שוין געזען, עס איז אָבער וויכטיק אָנצואווייזן אויף נאָך עטלעכע אַנטוויק־לונגען, וואָס הגם זיי האָבן זיך שוין אָנגעהייבן מערקן אין די לעצטע יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט, זיינען זיי אָבער אַוועק מיט אַ ראַשיקן טעמפּאָ ערשט אין דעם 20טן יאָרהונדערט.

1. די מיגראַציעס פון די נעגערס. די ריזיקע מערהייט פון דער נעגער־שער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אַלע מאָל געפונען אין דרום־שטאַטן. אונטער דער ווירקונג אָבער פון דעם שנעלן וואוקס פון דער אינדוסטריע אין די צפון־שטאַטן, האָבן זיך נעגערס אָנגעהייבן ציען אַהין אין אַלץ־וואַקסנדיקע מאָסן. אַ באַגריף פון דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער אינער־לעכער מיגראַציע באַקומען מיר פון דער ווייטערדיקער טאַבעלע, וואָס ט. דזש. וואופטער האָט צוזאַמענגעשטעלט אויף דעם באָדן פון דעם צענזוס פון 1930. די טאַבעלע גיט די פאַרטיילונג פון דער נעגער־באַפעלקערונג וואָס איז גע־בוירן געוואָרן אין די דרום־שטאַטן:

טאַבעלע 4. פאַרטיילונג פון די נעגערס, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין די דרום־שטאַטן (1)

| יאָר | אַלגעמיינע צאָל אין דרום־גע־בוירענע נעגערס | לעבן נאָך אין דרום | | לעבן אין אַנדערע טיילן | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | צאָל | פּראָצ. | צאָל | פּראָצ. |
| 1900 | 8,216,458 | 7,868,807 | 95.7 | 349,651 | 4.3 |
| 1910 | 9,109,153 | 8,668,619 | 95.2 | 440,534 | 4.8 |
| 1920 | 9,600,943 | 8,820,149 | 91.9 | 780,794 | 8.1 |
| 1930 | 10,343,008 | 8,987,219 | 86.9 | 1,355,789 | 13.1 |

פון דער טאַבעלע איז צו זען, אַז די צאָל דרומדיקע נעגערס וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע געבוירן־פּלעצער האָט אין דרייסיק יאָר זיך פאַרדרייפאַכט. עס איז נייטיק וואופטערס ציפערן צו דערגאַנצן מיט דער שפּעטערדיקער סטאַ־טיסטיק, וואָס גאָנאַר מוירדאַל ברענגט אין די „אַמעריקאַנער דילעמאַ": אין 1940 האָט באַלד אַ פערטל (23.8 פּראָצ.) פון גאָר דער נעגער־באַפעלקערונג אין לאַנד געלעבט אין די צפון און מערב־שטאַטן, וואָס דאָס מיינט, אַז צווישן 1910 און 1940 האָבן 1,750,000 נעגערס פאַרלאָזן די דרום־שטאַטן. פון דעם שטאַנדפּונקט פון די פּראָבלעמען, וואָס מיר באַהאַנדלען, איז וויכטיק צו וויסן וואו די כוואַ־

ליעס פון דער נעגער־מיגראַציע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער ענטפער איז אַ קלאָרער: בעת אין די דרום־שטאַטן זיינען די נעגערס געווען קאָנצענטרירט אין דער לאַנדווירטשאַפט, האָבן וואָסערע 90% פון די נעגערס אין די צפון־שטאַטן זיך געפונען אין די גרויסע שטעט. אין די רוראַלע פונקטן פון די צפון־שטאַטן האָט זיך די צאָל נעגערס פאַר דער צייט פּאַקטיש ניט געביטן: זי איז געווען 190,572 אין 1910 און 269,760 אין 1940 (פון די לעצטע — בלויז 50,797 אויף פאַרמס). די דאָזיקע ציפערן זיינען אָבער נאָך אַלץ צו אַלגעמיין פאַר אונדזער צוועק און מיר דאַרפן זיי נאָך מער ספּעציפירן. מוירדאַל קאָנסטאַטירט, אַז אין ניו יאָרק אַליין האָט זיך אין אין 1940 געפונען 16.9 פּראָצענט פון דער נעגערשער באַפעלקערונג דרויסן פון די דרום־שטאַטן. אין די זעקס שטעט: ניו יאָרק, שיקאַגע, פילאַדעלפיע, דעטראָיט, קליוולאַנד און פּיטסבורג — לעבט קרוב צו אַ העלפט פון דער נעגער־באַפעלקערונג אין די צפון־ און מערב־שטאַטן [2]). ערשט ווען מען האָט אָט די ציפערן פאַר זיך און ווען מען גיט צו זיי צו די מאַסן שפּאַניש־רעדנדיקע עלעמענטן וואָס קומען אין די לעצטע יאָרן אַריין אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון די אַמעריקאַנער לענדער, — ווערט קלאָר פון וואַנען עס רעקרוטירט זיך איצט די ביליקע אַרבעט־קראַפט אין וועלכע דאָס לאַנד נייטיקט זיך, און פאַרוואָס דער נאָכפרעג אויף אַרבעטס־הענט פון אייראָפּע איז אַזוי שטאַרק געפאַלן. אַנטשפּרעכנדיק האָט זיך אויך געשטאַרקט די שטימונג אין לאַנד קעגן „פרעמדע".

2. ענדערונגען אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע. מאַסן נייע דערפינדונגען, טעכנישע פאַרבעסערונגען און די אַלץ־וואַקסנדיקע פּראָדוקטיוויטעט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן אין דעם 20טן יאָרהונדערט אַרויסגערופן אַ טענדענץ פון כסדרדיקער פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרקלענערונג פון דער צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער. אין משך פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט אין לאַנד געהערשט, ווי מיר האָבן געזען, אַ כראָנישער דוחק אין אַרבעט־הענט. דאָס האָט ניט נאָר געבראַכט אַהער די ריזיקע אימיגראַציע־שטראָמען, נאָר אויך — אין די ווערטער פון האַראָלד א. פאָקנער — געשטויסן „דעם דערפינדערישן געניוס פון דער נאַציע צו דער באַשאַפונג פון אַרבעט־שפּאָרנדיקער מאַשינעריע" [3]). אין דעם 20טן יאָרהונדערט איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן: די עקספּאַנסיע פון דער אינדוסטריע קאָן ניט אָבסאָרבירן אַלע אַרבעטער וואָס פאַלן אַרויס פון דער אַלטער פּראָדוקציע אַ דאַנק דעם טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס, און עס ווערט אויף אַזאַ אופן געשאַפן אַן אַלץ־וואַקסנדיקע אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמיי. די ציפערן פאַר די יאָרן פון דער ערשטער מלחמה און דערנאָך פון די צען יאָר וואָס צווישן דער מלחמה און דעם קריזיס פון 1929 זיינען זייער באַלערנדיק. „בעת קאַפּיטאַל, שכירות און דער

ווערט פון פּראָדוקטן איז פון 1914 ביז 1919 געשטיגן, אין דעם געגעבענעם סדר, אויף 95, 158 און 157 פּראָצענט, האָט זיך די צאָל לוין־פאַרדינערס פאַרגרעסערט אויף בלויז 29.3 פּראָצ." — לייענען מיר ביי פאַוקנערן — „און צאָל אונטערנעמונגען — בלויז 5.2 פּראָצענט" [4]). וואָס איז שייך דעם נאָך־מלחמה פעריאָד, וואָס איז געווען אַ פעריאָד פון גרויסער פּראָספּעריטעט, וועל איך ציטירן סטואַרט טשייסן:

> פאַר יעדע 100 פּערזאָן וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין פאַבריקאַציע אין 1919, זיינען געווען 94 אין 1929... פאַר יעדע 100 אַרבעטנדיקע אויף אייזנבאַנען אין 1920, זיינען געווען בלויז 84 אין 1929. די צאָל פאַרמערס איז געפאַלן פון 6,387,000 אין 1920 ביז 6,012,000 אין 1930; קוילן־גרעבערס פון 759,000 ביז 646,000; באַשעפטיקטע ביי האָלץ פון 195,000 ביז 159,000 [5]).

טשייס ברענגט סטאַטיסטיק צו באַווייזן, אַז די צאָל באַשעפטיקטע אין האַנדל, ביי די פּראָפעסיעס און אין ווייסער־קאָלנער מלאכות איז אין דעם זעל־ביקן פעריאָד דווקא געשטיגן, אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין אַ שפּעטער־דיקן קאַפּיטל. דאָ איז נאָר וויכטיק פעסטצושטעלן אין בולטן פאַקט וואָס דרינגט אַרויס פון די געבראַכטע ציפערן: דער באַדאַרף אויף דעם מין אַרבעטער, וואָס די אימיגראַציע פון אייראָפּע פלעגט אַמאָל צושטעלן, ווערט אַלץ קלענער, בעת עס וואַקסט דער באַדאַרף אויף אַרבעטער וואָס אַמעריקע אַליין קאָן צושטעלן.

3. דער אויפקום פון דער אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל וועלן מיר רעדן וועגן דער אַסימילירנדיקער ווירקונג פון די יוניאָנס, דאָ וויל איך נאָר באַרירן דעם קאַמף, וואָס די יוניאָנס האָבן געפירט קעגן איינוואַנדערונג. די עקאָנאָמיש־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ניט געקוקט אויף דער אומגעהייערער ראָלע וואָס אימיגראַנטן האָבן אין איר געשפּילט, פאַקטיש דערצויגן געוואָרן אויף דער טעאָריע, אַז אימיגראַציע קוועטשט אומפאַרמיידלעך אַרונטער דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון לאַנד. אַלע פאַרזוכן פון ערנסטע עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן צו באַווייזן די פאַלשקייט פון אָט דער טעאָריע האָבן ניט געהאַט די מינדסטע ווירקונג: די יוניאָנס האָבן אַלץ געפאָדערט פאַרמאַכטע טירן; און די יוניאָנס זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין לאַנד גראַד אין דער צייט — און ניט ווייניק אויך ווי אַ רעזולטאַט — פון דער „בייער" איינוואַנדערונג. ניט בלויז געבירטיקע אַרבעטער האָבן געפאָדערט דעם אָפּשטעל פון ווייטערדיקער אימיגראַציע, עס האָבן עס אויך געפאָדערט יוניאָנס וואָס זייער מיטגלידערשאַפט איז אין איר מערהייט באַשטאַנען פון אימיגראַנטן. דאָס איז אמת בנוגע צו אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און גלויבנס: אַזוי שנעל, ווי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט

אין לאַנד, זיינען זיי געוואָרן — ווער מער, ווער ווייניקער — אַנטי־אימיגראַציאָ־ניסטיש. צוליב דער ספּעציעלער יידישער לאַגע, וואָס וועט אויספירלעך באַ־האַנדלט ווערן אין דער דריטער טייל, האָבן יידישע אַרבעטער געמוזט זיך איינ־שטעלן פֿאַר אָפענע טירן, פֿונדעסטוועגן פֿלעגן די פֿאַרשטייערס פֿון די נאָדל־יוניאַנס, וואָס זיינען זייער ריזיקער מאַיאָריטעט געווען, פֿאַר דער ערשטער מלחמה, צונויפגעשטעלט פֿון יידישע אַרבעטער, ניט וואָגן צו שטימען קעגן רעזאָלוציעס צו פֿאַרבאָטן אימיגראַציע אויף די צוזאַמענפֿאָרן פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאַן אָוו לייבאָר. עס זיינען אַפילו געווען פֿאַלן — אמת, זייער זעלטן, — ווען יוניאַנס פֿון יידישע אַרבעטער האָבן זיך אַליין אַרויסגעזאָגט קעגן אימיג־ראַציע. ווענגן אַזאַ פֿאַל דערציילט אין זיין בוך „ראַסן און אימיגראַנטן אין אַמעריקע״ פּראָפֿעסאָר קאָמאָנס. אין 1905 האָט די גענעראַל עקזעקוטיווע פֿון דער יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, וואָס איז אין יענער צייט באַשטאַנען, חוץ איין אויסנאַם, פֿון רוסישע יידן, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וואָס האָט געפֿאָ־דערט די סוספּענדירונג אויף אַ לאַנגער צייט פֿון אימיגראַציע. ווי אַן אַלטער־נאַטיווע האָט די רעזאָלוציע פֿאָרגעלייגט אַ „ליטעראַסי־טעסט״ און אַ קאָפּ־שטייער, גרויס גענוג ענטוועדער צו באַזאָרגן עקאָנאָמיש די אימיגראַנטן אין אַמעריקע אָדער צו דעפּאָרטירן זיי צוריק צו זייערע היימלענדער [6]). אַפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט האָט זיך זייער אָנהענגערשאַפֿט רעקרוטירט פֿון דער אימיגראַציע, זיינען מיטגעגאַנגען מיט דעם אַנטי־אימיגראַציאָניסטישן שטראָם.

אַזאַ ברייט־פֿאַרשפּרייטע שטימונג קעגן אימיגראַציע האָבן זיך ניט געקאָנט באַשרענקען בלויז אויף אויסלענדער וואָס האָבן נאָך געקלאַפּט אין די טירן פֿון אַמעריקע; זי האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויף די אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך שוין געפֿונען אין לאַנד. ווי מיר האָבן געזען, איז אַן אַנטי־אימיגראַנטן שטימונג געווען אין אַמעריקע אַפילו דאַן, ווען איר אימיגראַציע־פּאָליטיק איז געווען אַ העכסט־ליבעראַלע. מיר האָבן אויך געזען, אַז די אַנטי־אימיגראַנטן שטימונג האָט געהאַט אין זיך אי מאָמענטן פֿון ראַסן־האַס אי רעליגיעזע טענ־דענצן אי פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַספּעקטן. אויב די „אַלטע״ אימיגראַנטן — ספּעציעל די אירלענדער און דייטשן — האָבן געהאַט אויסצושטיין פֿון שאָ־וויניסטישע דריטע פּאַרטייען, האָבן די „נייע״ אימיגראַנטן געהאַט צו טאָן מיט די צוויי הערשנדיקע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך איינע דער אַנדערער געפּרוּווט איבערליציטירן אין קעגנערשאַפֿט צו „פֿרעמדע״. די אינדוסטריעלע באַראָנען, וואָס האָבן שוין געהאַט אינלענדישע רעזערוואַרן פֿון ביליקער אַרבעטס־קראַפֿט, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס צו זיין נאָכגיביק צו די יוניאַנס אין פּרט פֿון אימיגראַציע.

„פּרעמדע"־פּרעסערייַ איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן אַ טייל פון דער פּאָליטישער טעטיקייט אין לאַנד, וואָס דאָס אַליין האָט שוין פּאַרוואַנדלט די אין אויסלאַנד־געבוירענע עלעמענטן אין פּאָליטישע מינדערהייטן. די לעצטע האָבן דעם דאָזיקן סטאַטוס ניט געזוכט, ער איז אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן. גראָד די עלעמענטן, וואָס האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין די מינדערהייטן זייער ניט אויפלייזן זיך ביים ערשטן באַטרעטן די אַמעריקאַנער ערד — גראָד אָט די עלעמענטן זיינען געווען אַ שטער צו דער שנעלער אַסימילאַציע פון די אימיגראַנטן.

.21

זיינען, הייסט עס, געווען סיי אינערלעכע סיי אויסערלעכע כוחות וואָס האָבן ביי די נייע אימיגראַנטן געשטאַרקט די טענדענץ צו גרופּעשער קאָנסאָלידאַציע. פון איין זייט: אַ געפיל פון אחריות פאַר דער פרייער עקזיסטענץ פון זייערע נאַציעס; פון דער אַנדערער זייט: עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציע, סאָציאַלע אַרויסשטויסונג און קולטורעלע סעגרעגאַציע — צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן עטנישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען מיט הויכע ווענט פון מיסטרוי און פאָראורטייל געווען אָפּגעטיילט פון דעם אַמעריקאַנער אַרום. די גרויסע מערהייט פון דעם אַרום האָט אין די דאָזיקע קאָלאָניעס נאָר געזען נעסטן פון אומהיגיענישקייט און אָפּגעלאָזנקייט; זי האָט ניט געזען, אַז די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם האָבן געטראָגן די מלוכהשע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן די געגנטן וואו אימיגראַנטן האָבן געוואוינט ניט געגעבן די אויפמערקזאַמקייט וואָס די דאָזיקע געגנטן האָבן פאַרדינט. אַלע אויטאָריטעטן אין מוניציפּאַלע ענינים זיינען מסכים אין דער קאָנסטאַטירונג, אַז פּראָפּאָרציאָנעל צאָלן די געטאָס די העכסטע שטייערן צו די שטעט און קריגן פון זיי צוריק די קלענסטע באַדינונג וואָס שייך סאַניטאַרישע באַדינגונגען, פּאָליציייִשע שוץ, פאַרווייַלונגס־מעגלעכקייטן און בילדונג־אינסטיטוציעס. אימיגראַנטן האָבן זייער אָפט אויף זייערע אייגענע מיטלען געדאַרפט שאַפן דאָס, וואָס רעגירונגס־אָרגאַנען האָבן אויף עפנטלעכע בודזשעטן געבויט אין אַנדערע געגנטן.

די מערהייט פון דעם אַרום האָט נאָר געזען אומוויסנקייט אין די אימיגראַנטן־געטאָס; זי האָט ניט אָפּגעשאַצט די רירעוודיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט וואָס איז אין זיי אַנגעגאַנגען. די קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פּראָטערנאַלע געזעלשאַפטן, קעגנזייטיקע הילף־אינסטיטוציעס, די קירכעס און שולן, די פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער, די זעלבסט־בילדונג קרייזן און פּאָליטישע קלובן, די פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען און סאָציאַלע דינסטן — אָט דאָס אַלץ, וואָס אָרעמע און דערשלאָגענע אויסלענדער האָבן געדאַרפט שאַפן מיט די אייגענע

שוואַכע כוחות אין אַן אומפּריינטלעכער סביבה, האָט אין אַסך פּרטים זיך גע־קאַנט פאַרגלייכן מיט דעם בעסטן פון אַט דעם מין, וואָס די נאַטיווע אַמעריקע, אַריינגערעכנט די אַנגלאָ־זאַקסישע און נאָרדישע „אַריסטאָקראַטיע,‟ האָט אויפ־געבויט. טאָמער האָבן די לעצטע שוין יאָ געזען די גייסטיקע טעטיקייט פון די אימיגראַנטן — איז דאָס פאַר זיי מערסטנטיילס געווען אַ סימן, אַז די אימיגראַנטן האָבן מער אינטערעס פאַר דעם לאַנד פון זייער געבורט ווי פאַר דעם לאַנד פון זייער אַדאַפּטאַציע. די בעסטע באַשטעטיקונג פאַר דער דאָזיקער אָפּשאַצונג האָבן זיי געזען אין דעם ראַדיקאַליזם וואָס איז צווישן די „נייע‟ אימיגראַנטן געווען אַסך מער פאַרשפּרייט, ווי צווישן די „אַלטע,‟ און אין דער גרעסערער צאָל מיטגלידער, וואָס די ערשטע האָבן צוגעשטעלט פאַר די סאָציאַליסטישע (שפּע־טער אויך קאָמוניסטישע) גרופּירונגען.

עס איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז אומצופרידענע, אויסגעוואָרצלטע מאַסן וואָס זיינען מצד די מוניציפּאַלע, שטאַט און פעדעראַלע מלוכה־אָרגאַנען באַהאַנדלט געוואָרן ווי שטיף־קינדער בנוגע צו זייערע עלעמענטאַרסטע נויטן, זאָלן אין גרעסערע מאַסן זיך פאַרבינדן מיט באַוועגונגען וואָס האָבן אָנגעשריבן אויף זייער פאַן סאָציאַלע רעפאָרמען און ענדערונגען. אָבער דוקא אַט די באַוועגונגען, וועלן מיר זען אונטן, זיינען אָביעקטיוו אַן אַסימילירנדיקער פאַקטאָר, הגם די סוביעקטיווע כוונות פון זייערע גרינדערס און פירערס, ספּעציעל פון די אימיגראַנטן צווישן זיי, זיינען אָפט געלעגן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. יעדער בוך אויף אַן אויסלענדישער שפּראַך וואָס אַן עטנישע גרופּע האָט דאָ אַרויסגעגעבן, יעדער ליטעראַרישער קרייז וואָס זי האָט דאָ געשאַפן, יעדער ספּאָרט־פאַראיין וואָס זי האָט דאָ געגרינדעט, יעדער כאָר און דראַמאַטישער קלוב וואָס זי האָט אויפגע־שטעלט, איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פּאַדים, וואָס האָט די עטנישע גרופּע אַריינגעפלאָכטן אין דעם אַמעריקאַנער סאָציאַלן געוועב. אַפילו דער ראַדיקאַליזם פון די שפּעטערדיקע אימיגראַנטן איז געווען אַ פאָרם פון אַקאָמאָדאַציע אין דער אַמעריקאַנער סביבה.

און דערפאַר טאַקע איז די גאַנצע ברייט־פאַרשפּרייטע און ווייט־פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון די אימיגראַנטן אין עטנישע גרופּע־ראַמען גע־ווען, אין דעם לעצטן סך הכל, אַ פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד אין דער אַמעריקאַ־נער געשיכטע, וואָס זיינע לעצטע קאַפּיטלעך ווערן אפשר איצט געשריבן. דער פונדאַמענט פון דער ניט־ענגלישער שפּראַך־געביידע האָלט ביים פאַרשווינדן און דער בנין גופא איז אויף דעם וועג פון פולשטענדיקן צוזאַמענברוך. מיט דער אויסנאַם פון דעם יידישן, איז גאָר ניט פאַרבליבן פון אַ שטענדיקן פּראָפעסיאָנאַלן ניט־ענגלישן טעאַטער. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די צאָל דייטשע צייטונגען איז געפאַלן פון 203 אין 1926 ביז 115 אין 1947. די צאָל פּוילישע צייטונגען

איז אין משך דער זעלביקער צייט געפאַלן פון 90 ביז 79; איטאַליענישע פון 154 ביז 102; טשעכישע פון 78 ביז 52; פראַנצויזישע פון 55 ביז 43 [1]). דאָס זיינען אַלץ שפּראַכן, וואָס אויף זיי האָבן עטנישע גרופּעס געפירט, ווי מיר האָבן געזען, אַן אַקטיווע און באַוואוסטזיניקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אין אַלגעמיין איז די צאָל פרעמד־שפּראַכיקע ציישונגען אין די יאָרן 1926־1947 געפאַלן פון 1,156 ביז 1,010. דער אונטערשייד וואָלט געווען נאָך גרעסער, ווען די צאָל שפּאַנישע צייטונגען וואָלט, אונטער דער ווירקונג פון דער שטאַרק־אויסגעוואַקסענער אימיגראַציע פון מעקסיקאָ און אַנדערע שפּאַניש־רעדנדיקע לענדער, ניט געשטיגן פון 83 אין 1926 ביז 130 אין 1947. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, אַז דער וואוקס אויך פון די לעצטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זינט 1943, ווען עס האָבן אין לאַנד פונקציאָנירט 142 שפּאַנישע צייטונגען, האָבן די שפּאַניש־רעדנדיקע עלעמענטן אָנגעוואָרן 12 צייטונגען [2]). אמת, אין משך דעם זעלביקן פעריאָד האָט זיך אויך שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל ענגלישע צייטונגען, עס איז אָבער דאָ אַיין זייער גרויסער אונטערשייד: דער טיראַזש פון דער ענגלישער פרעסע איז גלייכצייטיק אומגעהייער געוואַקסן, בעת די ניט־ענגלישע פרעסע האָט פאַרלוירן אי צייטונגען אי לייענערס. דער פּראָצעס איז נאָך ניט פאַרענדיקט: די צירקולאַציע פון דער ענגלישער פרעסע שטייגט נאָך, די ציר־קולאַציע פון דער ניט־ענגלישער פרעסע האַלט אין איין זינקען. פון 1909 ביז 1937 זיינען אַריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַריבער צען מיליאָן ניט־ענגליש רעדנדיקע אימיגראַנטן, אָבער דער טיראַזש פון דער פרעמד־שפּראַכי־קער פרעסע איז פאַר דער צייט ניט געשטיגן, נאָר געזונקען. מען קאָן אָננעמען, אַז אויב די דאָזיקע פרעסע האָט נאָך בכלל לייענער, איז עס, דער עיקר, דער רעזולטאַט פון אָט דער אימיגראַציע; זי האָט אָבער ניט באַוויזן צו דעקן דעם אָפּפלוס פון אַלטע לייענערס. ב. גאָלדבערג האָט פאַרעפנטלעכט אַ זייער אינ־טערעסאַנטע אַרבעט וועגן דער ניט־ענגלישער פרעסע אין „ייווא־בלעטער" [3]), און פון אָט דער אַרבעט נעמען מיר אַרויס די ווייטערדיקע ציפערן.

פון 1909 ביז 1937 איז דער טיראַזש פון די פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפאַלן פון 1,261,381 ביז 1,183,948 (דאָס שליסט ניט איין די יידישע צייטונגען, וואָס וועגן זיי וועט גערעדט ווערן באַזונדער). דער טיראַזש פון די דייטשע צייטונגען איז פון דעם געגעבענעם פעריאָד געפאַלן פון 753,116 ביז 192,669. פּוילישע אימיגראַציע האָט זיך פאַקטיש ערשט רעכט אָנגעהייבן אין 1909 — איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער טיראַזש פון דער פּוילישער פרעסע אין לאַנד איז געשטיגן פון 88,937 אין 1909 ביז 250,178 אין 1937 — אַ פאַרגרעסערונג פון 161,241 עקזעמפּלאַרן. פאַרגלייכט מען אָבער 1937 מיט 1923, ווען די איינוואַנדערונג פון פּאָליאַקן האָט דערגרייכט

איר הויך־פּונקט און ווען די פּוילישע פּרעסע האָט געהאַט אַ טיראַזש פֿון 411,529, — באַקומט זיך שוין אין דער צווישן־צייט ניט אַ וואוקס, נאָר אַן אָנווער פֿון 161,531 עקזעמפּלאַרן. דאָס זעלביקע מערקט זיך ביי די איטאַליענער. אין 1909 האָט די איטאַליענישע פּרעסע געהאַט אַ טיראַזש פֿון 160,300; ער איז אַרויף ביז 353,959 אין 1925 און אַרונטערגעפֿאַלן ביז 146,443 אין 1937. וואָס איז שייך צו דער ענגלישער פּרעסע, האָט זי אין 1909 געהאַט אַ טיראַזש פֿון 24,211,977 און אין 1937 — 44,135,658. דער טיראַזש פֿון דער וועכנטלעכער פּרעסע אין אויסלענדישע שפּראַכן איז אין 1909 געווען 3,452,738, אין 1937 — 1,845,239. דייטשע וועכנטלעכע זשורנאַלן אַליין זיינען פֿאַר דער צייט אַרונטער פֿון 1,668,369 ביז 424,454. פּוילישע וועכנטלעכע זשורנאַלן האָבן אין 1909 געהאַט אַ טיראַזש פֿון 288,820, ער איז אַרויף ביז 1,004,707 אין 1929 און צוריק אַרונטער ביז 371,090 אין 1937. אין משך פֿון דעם זעלביקן פּעריאָד 1909־1937 — האָט זיך דער טיראַזש פֿון די וועכנטלעכע אויסגאַבעס אין ענגליש פֿאַרגרעסערט פֿון 40,822,965 ביז 73,177,172.

עס איז כדאַי צו געדענקען נאָך איין זייער וויכטיקן פֿאַקט: בעת די פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל ענגלישע צייטונגען האָט, בדרך כּלל, געפֿירט צו דער פֿאַרגרעסערונג פֿון זייער פֿאַרמאָט און פֿאַרנעם, ווערן די פֿרעמד־שפּראַכיקע צייטונגען אַלץ מער און מער איינגעשרומפּן. אין די פֿריערדיקע צייטן פֿלעגן זיי כמעט אין גאַנצן אויסגעפֿילט ווערן מיט ידיעות און אָפּהאַנדלונגען וועגן די עמיגראַציע־לענדער. ביסלעכווייז האָבן די אימיגראַנטן אַליין פֿאַרלוירן זייער אַמאָליקן אינטערעס אין זייערע אַלטע היימען און, דאָס האָט געפֿירט צו דעם, אַז די אימיגראַנטישע פּרעסע זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט היגע פּראָבלעמען — אַ צאָל צייטונגען האָט אַפֿילו איינגעפֿירט קאָלומס אָדער זייטן אויף ענגליש. קיין גרויסע פּעולה האָט דאָס ניט געהאַט. אַלטע לייענערס זיינען אָפּגעפֿאַלן אָדער אויסגעשטאָרבן, נייע זיינען ניט צוגעקומען. ביי קיין איין ניט־ענגלישער גרופּע — מיט דער אויסנאַם פֿון די שפּאַניש־רעדנדיקע — האָט די פֿרישע אימיגראַציע ניט געדעקט די פֿאַרלוסטן אין דער פֿריערדיקער אימיגראַציע. ווי גרויס די דאָזיקע פֿאַרלוסטן זיינען געווען קאָן מען זען פֿון דער ווייטערדיקער טאַבעלע וואָס איז צונויפֿגעשטעלט אויף דעם סמך פֿון די ציפֿערן פֿון דעם 16טן צענזוס אין 1940. אין דער טאַבעלע פֿאַרגלייך איך די צאָל אימיגראַנטן און דאָ־געבוירענע קינדער פֿון אימיגראַנטן וואָס האָבן אָנגעגעבן איינע פֿון די פֿיר־גערעדטע אויסלענדישע שפּראַכן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — דייטש, איטאַליעניש, ייִדיש, פּויליש — פֿאַר זייער מאַמע־לשון אין 1920 מיט דער צאָל אין די זעלביקע קאַטעגאָריעס אין 1940.

טאַבעלע 5. צאָל ווייסע אַמעריקאַנער איינוואוינער וואָס האָבן אָנגעגעבן דייטש, איטאַליעניש, יידיש אָדער פּויליש פאַר זייער מאַמע־לשון אין 1920 און 1940 (4)

| שפּראַך | אימיגראַנטן | | דאָ־געבוירענע, וועמענס ביידע אָדער איינס פון די עלטערן זיינען פון אויסלאַנד | |
|---|---|---|---|---|
| | 1920 | 1940 | 1920 | 1940 |
| דייטש | 2,267,128 | 1,589,040 | 5,896,983 | 2,435,700 |
| איטאַליעניש | 1,624,998 | 1,561,100 | 1,740,866 | 2,080,680 |
| יידיש | 1,091,820 | 924,440 | 951,793 | 773,680 |
| פּויליש | 1,077,392 | 801,680 | 1,359,503 | 1,428,820 |

צו באַקומען אַ קלאָר בילד פון די פאַרלוסטן, וואָס יעדער שפּראַך־גרופּע האָט געליטן, וועט ניט זיין גענוג אָראָפּצונעמען די 1940 ציפערן פון די 1920קער. ערשט ווען מען וועט צוגעבן די צאָל אימיגראַנטן וואָס זיינען אין משך פון אָט די 20 יאָר אַריינגעקומען אין לאַנד און וואָס ניט זענענדיק אין דעם 1920 צענזוס, פיגורירן זיי אָבער יאָ אין דעם צענזוס פון 1940 — ערשט דעמאָלט וועט דאָס בילד זיין פול. עס איז אָבער לײדער ניט מעגלעך צוזאַמענצושטעלן אַ טאַבעלע פון דער אימיגראַציע צווישן 1920 און 1940 וואָס זאָל זיך דעקן מיט דער שפּראַך־פאַרטיילונג אין דער פריערדיקער טאַבעלע מחמת דעם, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג פירט ניט קיין רעגיסטראַציע פון די אימיגראַנטן אויף דעם באָדן פון זייער נאַציאָנאַליטעט, נאָר אויף דעם יסוד פון זייער געבוירן־לאַנד. דעריבער איז ניט מעגלעך פעסטצושטעלן ווי פיל, למשל, יידיש־רעדנדיקע זיינען אַריינגעקומען פאַר דער צייט אין לאַנד. מהאי טעמא קאָן מען אויך ניט באַשטימען די צאָל פּאָליאַקן־אימיגראַנטן; וואָרום אויב עס זיינען אין משך פון די 20 יאָר אַריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן 244,760 אימיגראַנטן פון פּוילן, איז די צאָל יידן צווישן זיי געווען זייער אַ גרויסע. גאָר היפּש איז זיכער געווען דער פּראָצענט יידן צווישן די 192,691 אימיגראַנטן וואָס זיינען אין די צוואַנציק יאָר אַריינגעקומען פון דייטשלאַנד און עסטרייך, הגם די צאָל יידיש־רעדנדיקע איז ביי די דאָזיקע יידן באַשטימט געווען אַ קליינע און אומבאַטייטיקע. די איינציקע גרופּע אין טאַבעלע 5, וואָס ביי איר דעקט זיך פּאַקטיש לאַנד, מיט נאַציאָנאַליטעט און שפּראַך, איז די איטאַליענישע — און ביי איר קאָנען מיר שוין געבוי פעסטשטעלן אירע שפּראַכלעכע פאַרלוסטן, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז צווישן 1920 און 1940 זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַריינגעקומען 523,343 אימיגראַנטן פון איטאַליע.

פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון שפּראַך־כּח אין לאַנד איז ניט אַזוי כאַראַקטע־ריסטיש די צאָל אימיגראַנטן וואָס רעדן דאָ אויף זייערע אייגענע לשונות און אַפילו ניט אַזוי די צאָל קינדער זייערע וואָס גיבן נאָך אָן זייערע שפּראַכן פֿאַר זייערע — די קינדערס — מאַמע־לשון, ווי די צאָל אייניקלעך פֿון דאָ־געבוירענע עלטערן וואָס גיבן נאָך אָן אויסלענדישע שפּראַכן פֿאַר זייער מאַמע־לשון. וועגן דעם האָט דער צענזוס אונדז אָט וואָס צו דערציילן אויב מיר וועלן נעמען בלויז די מער געברעדטע אויסלענדישע שפּראַכן:

טאַבעלע 6. געבירטיקע ווייסע אַמעריקאַנער פֿון אין־אַמעריקע־געבוירענע עלטערן וואָס האָבן אָנגעגעבן ניט־ענגליש פֿאַר זייער מאַמע־לשון אין 1940 (5)

| שפּראַך | צאָל |
|---|---|
| דייטש | 925,040 |
| פּויליש | 185,820 |
| איטאַליעניש | 125,040 |
| טשעכיש | 81,760 |
| נאָרוועגיש | 81,160 |
| יידיש | 52,980 |

בלויז צווישן די שפּאַניש־ און פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע איז די צאָל געבירטיקע פֿון דאָ־געבוירענע עלטערן מיט פֿרעמדע שפּראַכן ווי זייער מאַמע־לשון גרעסער פֿון דער צאָל אימיגראַנטן וואָס האָבן די דאָזיקע שפּראַכן אָנגעגעבן פֿאַר זייער מאַמע־לשון. די ציפֿערן פֿאַר אָט די צוויי גרופּעס זיינען:

טאַבעלע 7. ווייסע אַמעריקאַנער איינוואוינער מיט שפּאַניש אָדער פֿראַנצויזיש ווי זייער מאַמע־לשון אין 1940

| שפּראַך | אַלגעמיינע צאָל | אימיגראַנטן | דאָ־געבוירענע פֿון ביידע דאָ־געבוירענע עלטערן |
|---|---|---|---|
| שפּאַניש | 1,861,400 | 428,360 | 714,060 |
| פֿראַנצויזיש | 1,412,060 | 359,520 | 518,780 |

פאַרוואָס די דאָזיקע צוויי שפּראַכן ווייזן דערוויייל אַרויס אַזאַ דויער האָבן מיר שוין געזען. אַריבער דריי־פערטל פון די וואָס האָבן אָנגעגעבן פראַנצויזיש פאַר זייער מאַמע־לשון קומען פון קאַנאַדע. דאָס זיינען, הייסט עס, די פראַנצויזיש־קאַנאַדער וואָס האָבן סיי עקאָנאָמיש סיי געאָגראַפיש זיך קאָנצענטרירט אין אַ צאָל שטעט נאָנט צו דער אַמעריקאַנער־קאַנאַדישער גרעניץ. דער איינפלוס פון די היימישע באַדינגונגען איז נאָך אומגעהייער שטאַרק צווישן זיי סיי מחמת דער טעטיקייט פון דער קאַטוילישער קירכע סיי מחמת דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן קאַמף, וואָס די פראַנצויזיש־קאַנאַדער פירן אין קאַנאַדע גופא. אָבער אַז אפילו זיי קאָנען ניט אויסמיידן אַנגליצירונג מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן, האָבן מיר שוין געזען אויבן און עס וועט אונדז אויסקומען צו זען נאָך אַמאָל אונטן. אויף דעם יסוד פון איר דערמאָנטער אויספאָרשונג אין וואונסאָקעט, קומט בעסי וועסעל בלום צו דעם אויספיר, אַז צווישן די דאָרטיקע פראַנצויזיש־קאַנאַדער גייט אָן אַ ראַשיקער פראָצעס פון אויפגעבן די פראַנצויזישע שפּראַך און אַריבערגיין אויף ענגליש [6]). צו דעם זעלביקן אויספיר קומען וואַרנער און סראָל אויף דעם סמך פון זייער אויספאָרשונג אין יאַנקי סיטי [7]).

וואָס איז שייך די שפּאַניש־רעדנדיקע עלעמענטן, געהערן זיי אי צו די שפּעטסטע אימיגראַנטן אי צו די אָפּגעשטאַנענסטע אין דעם קולטורעלן זין אי צו די צום מייסטן דיסקרימינירטע אין דעם עקאָנאָמישן זין. דאָס באַציט זיך ניט נאָר אויף די אימיגראַנטן גופא פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, נאָר אויך אויף זייערע אַמעריקאַנער־געבוירענע קינדער. עס איז אויך נייטיק צו האָבן אין זינען, אַז עס איז דאָ אַ שטאַט אין אַמעריקע, וואו די שפּאַניש־רעדנדיקע עלעמענטן זיינען פאַקטיש אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג — ניי־מעקסיקאָ. באַלד אַזוי פיל איינוואוינער וויפיל עס האָבן אָנגעגעבן ענגליש, האָבן אָנגעגעבן שפּאַניש פאַר זייער מאַמע־לשון אין 1940. דאָס איז דער איינציקער שטאַט אין לאַנד, וואָס האָט ביז ניט לאַנג צוריק געהאַט צוויי אָפיציעלע שפּראַכן, און וואו די מלוכה־טעטיקייט איז נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג איינגעטונקט אין דער שפּאַנישער שפּראַך. 87 פּראָצענט פון די וואָס האָבן אָנגעגעבן שפּאַניש פאַר זייער מאַמע־לשון אין ניי־מעקסיקאָ געהערן צום דריטן און שפּעטערדיקע דורות אַמעריקאַנער [8]). אָבער די שריפט אויף דער וואַנט, וואָס איז שייך ענגלישער אַליין־הערשאַפט, זעט זיך שוין אויך אין ניי־מעקסיקאָ.

## .22

די ספּעציפֿישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע טעטיקייט פֿון די עטנישע גרופּעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אין גרויסן גאַנצן — אַן אימיגראַנטישע טעטיקייט. זעלטן האָט זיך אימיגראַנטן איינגעגעבן אַריינצוציען אין דער דאָזיקער טעטיקייט זייערע דאָ־געבוירענע קינדער און כמעט קיין מאָל ניט (אויסער יידן) — זייערע אייניקלעך. אין דעם פּרט איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן „אַלטע" און „נייע" אימיגראַנטן. עס איז אַ טעטיקייט וואָס האָט זיך ביז איצט געקאָנט האַלטן נאָר דערפֿאַר ווייל זי האָט כסדר צוגעקראָגן פֿאַרשטאַרקונג פֿון פֿרישער איינוואַנדערונג; אַ טעטיקייט וואָס איז איבערגעגאַנגען פֿון אימיגראַנטן־קאָנטינגענטן צו אימיגראַנטן־קאָנטינגענטן, ניט פֿון דור צו דור. „אַמעריקאַניזאַציע" — זאָגט פּראָפֿעסאָר קאָמאָנס אין דער הקדמה צו דער 1920 אויסגאַבע פֿון זיין בוך וועגן ראַסן און אימיגראַנטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — „איז אַ ספּעציעלע פּראָבלעם בלויז דערפֿאַר, ווייל פֿרישע אימיגראַנטן גיסן זיך אַריין יעדער יאָר. עס הערט אויף צו זיין אַ ספּעציעלע פּראָבלעם ביי דעם צווייטן דור" [1]). אַמעריקאַניזאַציע, ווי קאָמאָנס האָט עס פֿאַרשטאַנען און ווי עס האָט עס פֿאַרשטאַנען די ריזיקע מערהייט פֿון דער נאַטיווער באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איבערהויפּט די „אַריסטאָקראַטיע", האָט געמיינט — אַסימילאַציע, לכל הפּחות עטנישע און קולטורעלע גרופּע־אויפֿלייזונג. אַזוי האָבן אַמעריקאַניזאַציע אויך פֿאַרטייטשט די קינדער פֿון אימיגראַנטן און ניט זעלטן — די אימיגראַנטן גופֿא, בפֿרט יענע אימיגראַנטן, וואָס וואָרנער און סראָל רופֿן זיי 2פֿ. ד. ה. אַזעלכע וואָס זיינען געווען ניט עלטער פֿון 18 יאָר ווען זיי זיינען אַהער געקומען.

די דאָ־געבוירענע קינדער פֿון די אימיגראַנטן פֿעלט די צוגעבונדקייט וואָס זייער עלטערן פֿילן צו די לענדער פֿון זייער — די עלטערנס — אָפּשטאַם; פֿונדעסטוועגן קאָנען זיך די קינדער ניט באַפֿרייען אין גאַנצן פֿון דער סאָציאַל־עטנישער השפּעה פֿון די עלטערן. דאָס שטערט די קינדער צו דערגרייכן די מאַקסימום־מאָס אַמעריקאַניזאַציע, ווי זיי פּאַסן אָט דעם באַגריף אויף. זיי שטעלן מיט זיך דעריבער פֿאָר אַ צווישן־דור, וואָס פֿון אויסלאַנד איז ער שוין אַוועק און אין אַמעריקע נאָך ניט געקומען. די קינדער פֿון די אימיגראַנטישע עלטערן זוכן זיך צוצופּאַסן צו איין קולטור אין דער היים און צו אַ צווייטער אין דער שול, „מיט דעם רעזולטאַט" — זאָגט פּראָפֿעסאָר לאָרענס בראַון — „אַז זיי האָבן ניט קיין וועלט אין וועלכער צו לעבן, נאָר דאַרפֿן זיך וויגן צווישן צוויי קולטורן" [2]). דאָס בילדט אויס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַ מין נייעם געזעלשאַפֿטלעכן טיפּ וואָס איז שוין ניט אַלט־היימיש, אָבער נאָך ניט אַמעריקאַ־

ניש. רעדנדיק וועגן די פּאָליאַקן, זאָגן טאָמאַס און זנאַניעצקי אין דער הקדמה צו זייער עפּאָכע־מאַכנדיקן ווערק: די פּוילישע אימיגראַציע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָט געשאַפן אַ „נייע פּויליש־אַמעריקאַנער געזעלשאַפט", וואָס „אין סטרוקטור און פּרעוואַלירנדיקע באַציאונגען איז [זי] ניט פּויליש און ניט אַמעריקאַניש, נאָר [זי] קאָנסטיטואירט אַ נייעם ספּעציפישן פּראָדוקט, וואָס זיינע רוי־שטאָפן זיינען צום טייל גענומען געוואָרן פון פּוילישע טראַדיציעס, צום טייל פון די נייע באַדינגונגען, אין וועלכע דער אימיגראַנט זעט און פאַר־שטייט" די אַלטע טראַדיציעס [3]). וועגן די רוסן זאָגט דזשעראָם דייוויס:

די יונגע רוסן פון דעם צווייטן דור זיינען, אויף וויפיל זיי זיינען געגאַנגען אין אונדזערע פּאָלקס־שולן, געקומען אין באַריר מיט געוויסע געזונטע איינפלוסן אין אונדזער אַמעריקאַנער לעבן, און זיי ענטפערן מיט פאַרשטענדניש. זיי פילן זיך מער אַמעריקאַניש ווי רוסיש [4]).

אָבער דער דורכשניטלעכער זון אָדער די דורכשניטלעכע טאָכטער פון דעם אימיגראַנט קומט אין באַריר ניט נאָר מיט די געזונטע איינפלוסן פון אַמעריקאַ־נער לעבן. ער אָדער זי זוכט דעריבער ניט צו פאַרטייטשן אַלטע טראַדיציעס אין טערמינען פון דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, נאָר זוכט אין גאַנצן צו באַפרייען זיך פון די אַלטע טראַדיציעס.

אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס איז דאָס אמת סיי ביי די „אַלטע" אימיגראַנטן סיי ביי די „נייע"; אָבער ביי די לעצטע איז דער פּראָצעס אַ פיינלעכערער דערפאַר, ווייל דער ריס צווישן עלטערן און קינדער איז ביי זיי טיפער. צוליב זייער העכערער בילדונג האָבן די „אַלטע" אימיגראַנטן זיך שנעלער געקאָנט אויסלערנען ענגליש און זיך צונויפרעדן מיט זייערע קינדער אויף דער לאַנד־שפּראַך; צוליב זייער העכערן סאָציאַלן סטאַטוס איז דער אונטערשייד צווישן היים און גאַס ביי זיי ניט געווען אַזאַ פונדאַמענטאַלער. אויך איז זייער שטייגער־לעבן ניט געווען אַזוי ראַדיקאַל־אַנדערשדיק פון דעם לעבן אַרום, אַז דאָס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן און צופיל ציען די אויפמערק־זאַמקייט פון דרויסנדיקע. דער שטייגער־לעבן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן גופא איז נאָך אין דער צייט פון דער „אַלטער" איינוואַנדערונג אויך ניט געווען אין גאַנצן אויסגעפורעמט און ווייט נאָך ניט סטאַביליזירט און אויסגעקריס־טאַליזירט. דערצו האָבן, ווי מיר האָבן געזען, „אַלטע" אימיגראַנטן, חוץ די איר־לענדער, זיך ניט אַרומגעטראָגן מיט אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער געקרינקטקייט און האָבן דעריבער אויף זייערע קינדער ניט געקוקט ווי אויף נאַציאָנאַלע דעזערטירערס און פאַררעטערס אויב די לעצטע האָבן זיך ניט שטאַרק אינ־טערעסירט מיט דער עטנישער טעטיקייט פון זייערע עלטערן. אַזוי האָבן יאָ

געקוקט אויף זייערע קינדער די „נייע" אימיגראַנטן אויב די ערשטע האָבן זיך ניט געפילט געבונדן מיט די אייראָפּעאישע לענדער.

אָבער דער ריס צווישן עלטערן און קינדער איז ביי די „נייע" אימיגראַנטן געווען מער ווי אַ נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע פּראָבלעם; עס איז אויך געווען אַ בלוטיקע פּערזענלעכע טראַגעדיע. עס האָט געפירט צו דעם צעזאַמענברוך פון דער אימיגראַנטישער משפחה, וואָס איז ביי די סלאַווישע, איטאַליענישע און אַנדערע פּויערימשאָפטן געווען באַזירט אויף דער סובאָרדינירקייט צו דעם מאַן מצד דער פרוי און אויף זעלבסטהערשערישער פּאַטריאַרכאַלער אויטאָריטעט. דאָ איז דאָס אַלץ צעטרייסלט געוואָרן; די פרוי האָט באַקומען אַ געפיל פון אַליינוואַרטיקייט און דאָס קינד האָט פאַרלוירן די גרעסטע טייל פון זיין אומאָפּפּרעגלעכער געהאָרכזאַמקייט. אָט וואָס וואַרנער און סראָל האָבן געפונען ביי די עטנישע קינדער פון יאַנקי סיטי:

> ניט בלויז רעזענטירט דאָס קינד דעם פאַקט, וואָס זיינע עלטערן האַנדלען ניט לויט די כללים פון אַמעריקאַנער אויפפיר; ניט בלויז רעזענטירט ער דעם דרוק אַז ער אַליין זאָל זיך פירן לויט די כללים פון עטנישן אויפפיר; נאָר דורכגעדרונגען פון דער לאָגיק פון דער לאַגע אין אַמעריקע, פרעגט ער בפירוש אָפּ דאָס רעכט פון זיין טאַטן צו דאָמינירן און קאָנטראָלירן זיינע [דעם קינדס] אויפפירן [5].

די לאַגע אין יאַנקי סיטי קאָן מען אויסשפּרייטן אויפן גאַנצן לאַנד. פון דעם שאַפן זיך האַרץ־רייסנדיקע טראַגעדיעס, וואָס ווערן בולט אָפּגעשפּיגלט אין די בריוו, וואָס אימיגראַנטן שיקן צו זייערע פריינט און קרובים אין דער אַלטער היים און אין זייער היגער פּרעסע און ליטעראַטור. וואָס וויניקער גע־בילדעט אַ גרופּע איז, אַלץ שרייענדיקער איז דער קאָנטראַסט צווישן איר לעבנס־שטייגער און פירונגען און דעם לעבנס־שטייגער און די פירונגען וואָס די טיראַניי פון דער מערהייט דיקטירט; אַלץ גאַליקער איז שוין ממילא אין איר דער קאָנפליקט צווישן אַלט און יונג. די עלטערן זיינען פאַרביטערט און אַנ־טוישט; זיי פילן ווי זיי וואָלטן געווען פאַרשטויסן פון פרעמדע און פאַרלאָזן פון אייגענע. זיי האָבן ניט קיין גאַס און ניט קיין היים. איז קיין וואונדער ניט, וואָס די צאָל זעלבסטמאָרדן איז פּראָפּאָרציאָנעל אַזוי גרויס צווישן אימיג־ראַנטן. אַן אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין 1930 זיינען אין שיקאַגאָ געווען 12.4 זעלבסטמאָרדן אויף יעדע 100 טויזנט איינוואוינער פון דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג, בעת ביי אימיגראַנטן זיינען דאָרט געווען 38.8 זעלבסט־מאָרדן אויף יעדע 100 טויזנט מענטשן — מער ווי דריי מאָל העכער ווי ביי דער באַפעלקערונג בכלל. אַ צווייטע אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז אין די פּאַראיי־ניקטע שטאַטן איז די צאָל זעלבסטמאָרדן ביי אימיגראַנטן פון צוויי ביז דריי

מאָל העכער ווי אין די לענדער פון וואַנען די אימיגראַנטן האָבן אויסגעוואַנ־דערט [6]).

פון זייער זייט, באַטראַכטן די קינדער די אויסלענדישע מנהגים און פרעמדע שפּראַכן פון זייערע עלטערן פאַר קייטן אויף די פיס, וואָס לאָזן זיי ניט זיך צו באַוועגן פריי און שטערן זיי פולשטענדיק זיך אַריינצולעבן אין דער אַמעריקאַנער סביבה. גאַנץ אָפט שעמען זיך די קינדער מיט זייערע אימיג־ראַנטישע עלטערן און ווייזן זיי אַרויס אָפענע פאַראַכטונג. זיי מאַטערן זיך צו צערייסן די קייטן — און וואָס שווערער דאָס קומט זיי אָן, אַלץ העכער שטייגט זייער צאָרן צו זייערע עלטערן. עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך, ווען אַ צווישן־דור, וואָס איז פון די אַלטע טראַדיציעס אויסגעוואָרצלט און אין אַ נייער טראַדיציע נאָך ניט פאַראַנקערט — ווען אַזאַ דור זאָל פון זיך ניט אַרויס־געבן אַ גרויסע צאָל געזעלשאַפטלעך־אומבאַלאַנסירטע עלעמענטן. ווייזט טאַקע די סטאַטיסטיק, אַז דער צווישן־דור גיט אַרויס אַ הויכן פּראָצענט פאַרברעכערס און דעליקווענטן. ספּעציעל הויך איז דער פּראָצענט צווישן פּאָליאַקן, גריכן און איטאַליענער — עטנישע גרופּעס, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט און מיט דער לאַנגזאַמקייט פון זייער צופּאַסן זיך צו די באַ־דינגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די אַנטי־אימיגראַציע עלעמענטן הערן ניט אויף צו טייטלען אויף דער דאָזיקער סטאַטיסטיק און אַרויסרוקן זיי ווי אַ באַווייז, אַז די „נייע" אימיגראַנטן זיינען פון דעם ראַסן־שטאַנדפּונקט ניט קיין געווינטשטער עלעמענט פאַר אַמעריקע. זיי ווילן ניט זען, אַז ניט מיט קיין ראַסן־ אָדער רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַליטעטן פּראָבלעמען האָבן מיר דאָ צו טאָן, נאָר מיט אַ סאָציאַל־עקאָנאָ־מישער דערשיינונג, וואָס וואָלט געהאַט די זעלביקע אויסווירקונג אויף יעדער גרופּע וואָס וואָלט געשטעלט געוואָרן אין אַן ענלעכער געזעלשאַפטלעכער לאַגע. זיי ווילן ניט זען, אַז כלומרשטע „פאַרברעכערישקייט" פון דעם אימיגראַנטישן צווישן־דור איז אָפּטמאָל גאָרניט קיין פאַרברעכערישקייט, נאָר אַ פּראָדוקט פון אַנדערשדיקער דערציאונג, ווי למשל, דער גרויסער פּראָצענט איטאַליענישע קינדער וואָס ווערן אַרעסטירט פאַר ניט גיין אין שול. דער צווישן־דור איז אַן אומגליק, פאַר וועלכן דער אימיגראַנט צאָלט טאַקע דעם ביטערסטן פּרייז, אָבער שולדיק פאַר אים איז די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט־לעכקייט וואָס האָט אויף דעם אימיגראַנט אַרויפגעצוואונגען אַזאַ פאָרמע פון אַמעריקאַניזאַציע, וואָס האָט פון אים אַלצדינג צוגענומען און האָט אַמעריקע גופא גוואַלטיק פאַראָרעמט. אין דעם פיבער פון טעכנישן אויפשוואונג האָט אַמעריקע קיין געדולד ניט געהאַט מיט די ליידן פון דעם אימיגראַנט און אין איר אוטיליטאַרישקייט האָט זי ניט געהאַט קיין פאַרשטענדניש פאַר דעם ווערט

פֿון דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס די עטנישע גרופּעס האָבן מיט זיך מיטגע־בראַכט — אַ באַגאַזש, וואָס וואָלט איר געהאָלפֿן פֿאַרשיטן דעם תהום צווישן דער קולטור און ציוויליזאַציע. מיט אַ ריקזיכטלאָזיקייט און ברוטאַלקייט וואָס האָבן זייער גלייכן נאָר אין דער צעשטערונג פֿון דעם פּיזישן פֿאַרמעגן פֿון די אינדיאַנער, האָט אַמעריקע פֿאַרניכטעט די גייסטיקע ווערטן פֿון די עטנישע גרופּעס. מיט פֿולשטענדיקער באַרעכטיקונג קאָנסטאַטירט טראַשער: „אין איין וויכטיקן זין קאָן מען זאָגן, אַז אַמעריקאַניזאַציע איז איינע פֿון די הויפּט־סיבות פֿון פֿאַרברעכערישקייט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן" [7]).

אָבער אפֿילו דאָרט, וואו די ברוטאַלע אַמעריקאַניזאַציע האָט ניט געפֿירט צו אַזעלכע טראַגישע און שעדלעכע רעזולטאַטן, האָט זי סיי ווי סיי אויפֿגע־שטעלט מחיצות צווישן עלטערן און קינדער. צווייטער דור איטאַליענער אין ניו יאָרק — דערציילן די פֿאָרשערס פֿון דעם פֿעדעראַלן שרייבן פּראָיעקט — פֿאַרגעסן אָפֿט די נעמען פֿון די געגנטן, אין וועלכע זייערע עלטערן זײַנען געבוירן געוואָרן [8]). וועגן יאַנקי סיטי זאָגן וואָרנער און סראָל:

> צווישן עלטערן און קינדער . . . איז דאָ אָט דער פֿונדאַמענטאַלער ריס. די עלטערן נוצן ענגליש בלויז אין יענע באַציאונגען וואָס פֿאָדערן עס, און אפֿילו דאַן אומגערן. דאָס קינד, פֿון דער אַנדערער זײַט, נוצט די עטנישע שפּראַך בלויז אין יענע באַצי־אונגען וואָס פֿאָדערן עס, נעמלעך, מיט די עלטערן [9]).

די קינדער זײַנען ניט צופֿרידן. קלאָגט זיך טאַקי אַ פֿראַנצויזיש־קאַנאַדער אין יאַנקי סיטי: די קינדער ווילן אפֿילו אין דער היים ניט רעדן פֿראַנ־צויזש דערפֿאַר, „ווײַל זיי הערן עס בלויז אין דער היים, און אַלע זייערע חברים און די מעבֿטשן מיט וועמען זיי רעדן דעם גאַנצן טאָג — רעדן ענגליש". און אַ יידיש יינגל גיט צו: „עס מאַכט מיך אין כעס, ווען איך הער געוויסע יידישע פּרויען רעדן יידיש אין דער הויך אויף דער גאַס. דאָ איז אַמעריקע!" אַמאָל קאָנען עלטערן און קינדער זיך ניט צונויפֿרעדן נאָר דערפֿאַר, ווײַל זיי קאָנען זיך שפּראַכלעך ניט פֿאַרשטיין. קלאָגט זיך אַ רוסישער טאַטע אין דער זעלביקער יאַנקי סיטי: „איך וועל אַמאָל רעדן אַ לאַנגע צײַט [צו מײַן זון] ביז ער וועט מיר אונטערברעכן (רעדנדיק ענגליש) מיט [די ווערטער]: „איך קאָן ניט פֿאַרשטיין העלפֿט פֿון דעם, וואָס דו זאָגסט. פֿאַרוואָס זאָלן מיר ניט רעדן ענגליש?" [10]).

טאַדעאוש סלעזשינסקי, אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער אין איר, פּענסילווײ־ניאַ, האָט אין 1921 אײַנגעטיילט דעם צווייטן דור אין פֿינף גרופּעס. הגם די פֿאַרטיילונג איז געווען באַזירט אויף אַ באַשרענקטער דערפֿאַרונג און איז גע־מאַכט געוואָרן מיט אַריבער אַ פֿערטל־יאָרהונדערט צוריק, איז זי נאָך אין

אַלגעמיין ריכטיק און עס איז דעריבער כדאַי זי דאָ צו ברענגען. די פינף גרופּעס זיינען:

1. אַזעלכע, וואָס היטן נאָך אויף די דאָמינירנדיקע טענדענצן פון דער אויס־לענדישער קאָלאָניע און בלייבן אַ טייל פון איר;

2. אַזעלכע, וואָס פאַרלירן יעדער קאָנטאַקט מיט דער קאָלאָניע;

3. אַזעלכע, וואָס, הגם זיי זיינען אַליין ניט אַקטיוו אין דער קאָלאָניע, באַ־טראַכט אָבער די קאָלאָניע זיי פאַר איריקע און שטאָלצירט מיט זייערע דערגרייכן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג;

4. אַזעלכע, וואָס זיינען שוין אַבסאָרבירט אין דעם אַרום, אָבער שפּילן נאָך פונדעסטוועגן אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם קאָמונאַלן לעבן פון דער קאָלאָניע;

5. אַזעלכע, וואָס שאַצן אָפּ די ווערטן פון דער קאָלאָניע, וואָס עס איז כדאַי זיי צו פּרעזערווירן, און וואָס באַמיען זיך אָבער גלייכצייטיק צו צעברעכן די מחיצות וואָס שטייען צווישן דער קאָלאָניע און דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג [11]).

די ערשטע גרופּע, מיינט סלעזשינסקי, איז ניט אַמעריקאַניש הגם אירע מיטגלידער זיינען געבוירן אין אַמעריקע. די מיטגלידער פון דער צווייטער גרופּע האַסן די קאָלאָניע. „אַ צאָל מיטגלידער פון אָט דער גרופּע" — זאָגט סלעזשינסקי — „פאַרלירן אַלץ פון זייער אויסלענדישער ירושה און שאַפן זיך איין בלויז דאָס בילִיקסטע אין דעם אַמעריקאַנעם לעבן" [12]). די קאָנסטרוקטיוו־סטע, אָבער אויך די קלענסטע, גרופּע איז די דריטע. מען קאָן יאָ אָדער ניט מסכים זיין מיט אָט דער אָפּשאַצונג, מען קאָן אָבער ניט לייקענען, אַז דער צווייטער דור לאָזט פאַנאַנדער די צעמענטירטקייט פון די עטנישע גרופּעס. מיט דעם דריטן דור הייבט זיך אָן די אינטעגראַציע פון די אָפּשטאַמיקע פון די דאָזיקע גרופּעס אין דער אַמעריקאַנער סביבה.

דער דריטער דור דערגרייכט עמאַנציפּאַנעלע סטאַבילקייט און סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע פּראָגרעסלונג וואָס עס פעלט דעם צווייטן דור. דערפאַר זיינען צווישן אים און דעם אימיגראַנטן־דור די באַציאונגען ניט אַזוי פאַרשפּיצט, ווי צווישן דעם לעצטן און דעם צווייטן דור. דער דריטער דור פילט זיך זיכערער ביי זיך און באַטראַכט זיך פאַר אַ פול־אַקצעפּטירטן אַמעריקאַנער. ער האָט ניט דעם געפיל פון אויסגעוואָרצלטקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אימיג־ראַנט און ליידט ניט פון דעם שפלות־קאָמפּלעקס, מיט וועלכן עס טראָגט זיך אַרום דער צווייטער דור. דערפאַר ווייזט דער דריטער דור אָפט אַרויס מער טאָלעראַנץ און איינזעעניש פאַר דער אַנדערשדיקייט פון די אימיגראַנטן־זיידעס און באָבעס. ער שרעקט זיך מער ניט פאַר דער דאָזיקער אַנדערשדיקייט טאָקע

דערפּאַר, ווייל ער איז פון איר עמאַנציפּירט. „דער דריטער דור" — זאָגט פּראָפעסאָר דונקאַן — „איז פולשטענדיק אַסימילירט און טאַקע דערפּאַר — מער טאָלעראַנט און פאַרשטייענדיק בנוגע דער שפּראַך און די מנהגים פון די זיידעס און באָבעס, הגם ער איז אין די דאָזיקע ניט פאַראינטערעסירט" [13]).

וועגן דער אַסימילירקייט פון דעם דריטן דור איז צווישן פאַרשערס פון עטנישע ענינים אין די פאַראייניקטע שטאַטן פּאַקטיש קיין שום חלוקי דעות ניטאָ. אויב דער צווייטער דור לעבט נאָך אין צוויי קולטורן און צומאָל אפילו אין אַ קולטורעלן חלל, געפינט זיך דער דריטער דור מיטביידע פיס אין דער אַמעריקאַנער קולטור. שוין ביי דעם צווייטן דור נעמט די נייע היים די אויבערהאַנט אין דעם געראַנגל מיט דער ירושה פון דער אַלטער היים. געבירטיקע פון אימיגראַנטישע עלטערן אין יאַנקי סיטי דערגרייכן סוף כל סוף „אַ באַלאַנס צווישן די עלעמענטן וואָס ראַנגלען זיך אין זייער פּערזענלעכקייט דורך אַריינטירן זיך דער עיקר אויף דער אַמעריקאַנער סאָציאַלער סיסטעם בעת זיי האַלטן נאָך אָן אַ באַגרעניצטן סכום פון פאָרמעלע באַציאונגען אין דער עטנישער געמיינדע" [14]). ביי דעם דריטן דור ווערן די לעצטע רעשטלעך פון די דאָזיקע פאָרמעלע באַציאונגען איבערגעריסן ווי באַוואוסטזיניקע אַקטן הגם ניט ווי פּסיכישע אויסווירקונגען. דער פאַרשטאַרבענער גרויסער אַנטראָפּאָלאָג, פראַנץ באָאַז, וואָס מיט זיינע פאָרשונגען פון די פיזיאָלאָגישע און קולטורעלע ענדערונגען וואָס אַמעריקאַנער באַדינגונגען טראָגן אַריין אין די קינדער פון אימיגראַנטן וועט אונדז באַלד אויסקומען זיך צו באַגעגענען, דערקלערט:

> אונדזער דערפאַרונג מיט אַמעריקאַנער וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין ניו יאָרק און וואָס זייערע זיידעס און באָבעס זיינען געקומען אַהער אין לאַנד ווי אימיגראַנטן, איז, אין גרויסן גאַנצן, אַז די מערסטע סאָציאַלע שטריכן פון זייער אָפּשטאַם זיינען פאַרשוואונדן און אַז פיל ווייסן אַפילו ניט צו וואָסערע נאַציאָנאַליטעטן זייערע גרויסעלטערן האָבן געהערט [15]).

ווי מיר האָבן געזען אויבן, איז פּראָפעסאָר קאַמאַנס, אַרויסגייענדיק פון אַן אַנדער אויסגאַנג־פונקט, געקומען צו דעם זעלביקן אויספיר. דער נאָר־וואָס ציטירטער פּראָפעסאָר דונקאַן האָט אַנאַליזירט עטלעכע הונדערט בריוו פון אַמעריקאַנער סטודענטן פון צווייטן און דריטן דור (פאַרעפנטלעכט האָט ער בלויז 83) און איז געקומען צו דעם שלוס, אַז די בריוו־שרייבערס פון דעם דריטן דור ווייזן ניט אַרויס קיין שום באַוואוסטזיניקע אַקטיווע צוגעבונדקייט צו דער עטנישער גרופּע פון זייער אָפּשטאַם. אפילו פּראָפעסאָר ריטשאַרד מ. סמיט, וועלכער איז, ווי מיר האָבן דערמאָנט, געווען אַ קנאַפּער פריינט פון אימיגראַנטן, איז נאָך אין 1890 געווען געצוואונגען צוצוגעבן, אַז די קינדער

און אייניקלעך פון די אימיגראַנטן פּאַסן זיך מיט דער צייט אָזוי צו צו אַמעריקע, אַז „זיי ווערן פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט אונדזערע מנהגים, שטייגער פון לעבן און אופן פון טראַכטן, און זיינען פולשטענדיק אַמעריקאַניזירט"[16].

אויך ביי יענע גרופּעס, וואָס, מחמת אינערלעכע אָדער אויסערלעכע סיבות, קומט זיי אָן צום שווערסטן דאָס אַסימילירן זיך, ווערט די עטנישע קאָנסאָלידאַציע צעטרייסלט ווען עס קומט צו דעם דריטן דור (מען דאַרף דאָ כסדר האָבן אין זינען, אַז יידן זיינען אַן אויסנאַם). „וואָס עס זאָל ניט אָפּטיילן" — קאָנסטאַטירן די פאָרשערס פון דעם פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט, רעדנדיק פון די איטאַליענער אין ניו יאָרק — „די איטאַליענישע אַמעריקאַנער פון די אַנדערע מיטבירגער זייערע, פאַרשווינדט עס אין דעם דריטן דור"[17]. וועגן די האָלענדער אין מישיגאַן, וואָס עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן מער וועגן זיי, זאָגט וויטקע אַז אין דעם דריטן דור שניידן זיך אין זיי „די כחות פון אַמעריקאַניזאַציע" שטאַרק אַריין און צעטרייסלען גאָר קענטיק זייער גרופּע־סאָלידאַריטעט[18]. די אירלענדער, ווי מיר האָבן געזען, קאָנען דעם דרוק פון דריטן דור אויך ניט ווידערשטיין. אין יאַנקי סיטי איז צווישן די אירלענדער „אַנגע־גאַנגען אַ לאַנגזאַמע באַוועגונג צו פאַרלאָזן די אָריענטאַציע אויף די סימבאָלן פון אירלאַנד". האָט זיך דאָרט טאַקע געקלאָגט אַן אירלענדישע פרוי: „דער נייער דור איז ניט שטאַרק צוגעבונדן צו אירלאַנד. זיי וועלן ניט לייקענען אַז זיי זיינען אירלענדער, אָבער דאָס איז פאַר זיי אַ צופעליקער ענין"[19]. וועגן די פראַנצויזיש־קאַנאַדער, וואָס געהערן צו די סאַמע געשלאָסענע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זאָגט טהאָרסטען וו. קאַליאַרווי: "...עס איז מעגלעך, אַז טראָץ זיין היינט אידעאַל צו פּרעזערווירן אומבאַשעדיקט זיין קולטור און שפּראַך, וועט דער פראַנצויזיש־קאַנאַדער מעגלעך ווערן אַמאַלגאַ־מירט אין דעם גרויסן אַמעריקאַנער פאָלק"[20].

וואָסער גרופּע מען זאָל ניט אָנכאַפּן, חוץ יידן און פאַרביקע ראַסן־גרופּעס, וועט דאָס בילד זיין ענלעך: שפּראַכלעך, שטייגעריש און נאַציאָנאַל איז כמעט ניט צו אונטערשיידן אין דעם דריטן דור אַן אָפּשטאַמיקן פון איין עטנישער גרופּע פון אַן אָפּשטאַמיקן פון אַ צווייטער עטנישער גרופּע. טאָמער איז נאָך יאָ דאָ אַ קליינער אונטערשייד, פאַרשווינדט ער פולשטענדיק אין די ווייטער־דיקע דורות. אַנטראָפּאָלאָגישע אונטערזוכונגען האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער קערפּערלעכער געבוי פון דאָ־געבוירענע אָפּשטאַמיקע פון אימיגראַנטן דערנעע־טערט זיך צו דעם אַמעריקאַנער נאָרם, וואָס שפּיגלט, פון זיין זייט, אָפּ די געאָגראַפישע, קלימאַטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען וואָס הערשן אין לאַנד. אין 1938 האָט פּראָפעסאָר באָאַז דעם סך הכל פון די אונטערזוכונגען סומירט אין די ווייטערדיקע ווערטער:

אין דער פֿאָרם פֿון קאָפּ אונטערשיידן זיך אין־אַמעריקע־געבוירענע אָפּשטאַמיקע פֿון זייערע עלטערן. דער קאָפּ־אינדעקס פֿון די פֿרעמד־געבוירענע איז פּאַקטיש דער זעלביקער, מאַכט ניט אויס ווי אַלט דער יחיד זאָל ניט האָבן געווען אין דער צייט פֿון זיין אימיגראַציע. דאָס וואָלט מען געדאַרפֿט דערוואַרטן ביי אַן אימיגראַנט וואָס איז אַ דערוואַקסענער מענטש אָדער איינער וואָס איז כמעט רייף; אָבער אפילו קינדער וואָס זיינען איין אָדער עטלעכע יאָר אַלט ווען זיי קומען אַהער אַנטוויקלען דעם קאָפּ־אינדעקס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פֿרעמד־געבוירענע. ביי יידן [אימיגראַנטן] איז דער פֿאַרנעם פֿון דעם דאָזיקן אינ־דעקס אַרום 83, דער אינדעקס פֿון די אין־אַמעריקע־געבוירענע [יידן] בייט זיך פּלוצים. דער נאָרם פֿאַלט ביז אַרום 82 פֿאַר יענע וואָס זיינען געבוירן געוואָרן גלייך נאָך דער איינוואַנדערונג פֿון זייערע עלטערן, און דערגרייכט 79 אין דעם צווייטן דור, דאָס הייסט, צווישן די קינדער פֿון אין־אַמעריקע־געבוירענע קינדער פֿון אימיגראַנטן *...

די באַדינגונגען צווישן די סיציליאַנער און נעפּאָליטאַנער זיינען גאַנץ ענלעך צו די וואָס מען באַמערקט צווישן יידן. דער קאָפּ־אינדעקס פֿון די פֿרעמד־געבוירענע בלייבט תמיד כמעט אויף דער זעלביקער פֿלאַך. די וואָס ווערן געבוירן אין אַמעריקע גלייך נאָך דעם אָנקומען פֿון זייערע עלטערן, ווייזן אַ לייכטע פֿאַר־גרעסערונג פֿון זייער סעפּאַלישן אינדעקס [21]).

וועגן דעם קערפּערלעכן געשטעל (פּאָסטשור) און האַלטונג פֿון די אָפּ־שטאַמיקע פֿון די פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס האָט באָאַז אָט וואָס צו זאָגן:

דער געשטעל פֿון גרופּעס ניט־אַסימילירטע אימיגראַנטן האָט אַ לאָקאַלן קאָליר. דער איטאַליענער גייט און שטייט גלייך, מיט אַקסלען וואָס זיינען אויפֿגעהויבן און צוריקגעוואָרפֿן עטוואָס אויף הינטן. דער ייד שטייט איינגעפֿאַלן, די קני לייכט־געבויגן, די אַקסלען אַראָפּגעלאָזן און דער קאָפּ אַ ביסל אויסגעצויגן פֿאָר־אויס. צווישן די אַמעריקאַנער אָפּשטאַמיקע פֿון די אימיגראַנטן בייט זיך דער געשטעל. די וואָס לעבן צווישן אַמעריקאַנער נעמען אָן זייער גלייכן געשטעל [22]).

דאָס דאַרף ניט הייסן, אַז אין דעם דריטן דור איז דער פּראָצעס פֿון פֿול־שטענדיקן עטנישן אויפֿלייז שוין פֿאַרענדיקט. עס איז דאָ סך אמת אין דער באַהויפּטונג פֿון דר. שמואל קעניג, אַז ניט נאָר דער צווייטער, נאָר אויך „דער דריטער דור, שטייט נאָך אַלץ פּנים אל פּנים מיט די פּראָבלעמען פֿון צופּאַסן זיך צו דער הערשנדיקער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט" [23]). אָבער דעם אומפֿאַר־מיידלעכן אויסגאַנג פֿון דעם פּראָצעס ענדערט דאָס ניט. דער דריטער דור

---

* די סעפּאַלישע מאָס פֿון אַ קאָפּ ווערט באַשטימט לויט דער פּראָפּאָרציע פֿון דער גרעס־טער ברייט, אויסגעדריקט אין פּראָצענטן, צו דער לענג פֿונעם קאָפּ. אַ מענטש מיט אַן אינדעקס פֿון אונטער 75 ווערט באַטראַכט פֿאַר אַ לאַנג־קאָפּיקן, מיט אַן אינדעקס צווישן 75 און 80 פֿאַר אַ מיטל־קאָפּיקן און מיט אַן אינדעקס פֿון אַריבער 80 — פֿאַר אַ קורץ־אָדער רונד־קאָפּיקן.

זאָגט אַן די פֿאַרשווינדונג פון אַן עטנישער גרופּע אַפילו ווען ניט אַלע קינדער פון אַט דעם דור האָבן שוין באַוויזן זיך פולשטענדיק צו אינטעגרירן נאַציאָנאַל אין דעם גרויסן אַרום אָדער צו אויסלעבן אין גאַנצן דעם געפיל פון פילן זיך בעסער אין דער אייגענער עטנישער סביבה איידער אין וואָסער איז אַנדערער סאָציאַלער גרופּע. דאָס לעצטע איז, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אויבן, אויף דעם באָדן פון דר. פראַנציס בראַונס דעפיניציע, דער גייסטיקער סימן פון צוגעהעריקייט צו אַ מינדערהייט אין דער פּאַראייניקטער שטאַט. דאָס הייסט, אַז עס געפינען זיך נאָך אפילו אין דעם דריטן דור אַזעלכע וואָס טראָגן אין זיך דעם צייכן פון עטנישער אידענטיטעט, אָבער זייער צאָל איז אַזוי קליין, אַז זיי זיינען נאָר די אויסנאַם וואָס באַשטעטיקט דעם כלל. אויב מיר זאָלן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס צעטיילן אויף זיינע צוויי נאַטירלעכע עטאַפּן, וועלן מיר געפינען, אַז אין דעם ערשטן עטאַפּ פּרואוון עטניקערס וואָס אַסימילירן זיך — פרייוויליק אָדער געצוואונגענערהייט — פאַרלאָזן זייער אייגענע נאַציאָנאַליטעטן־גרופּע; אין דעם צווייטן עטאַפּ באַמיען זיי זיך אַריינצולעבן אין דער נאַציאָנאַלער גרופּע, מיט וועלכער זיי ווילן זיך אַסימילירן. אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, מיינט דאָס: בעת דער צווייטער דור ראַנגלט זיך קעגן די פּענטעס וואָס האַלטן אים געבונדן צו דער עטנישער גרופּע פון זיינע עלטערן, איז דאָס פּראָבלעם, וואָס דער דריטער דור דאַרף לייזן, דאָס פּראָבלעם פון אַריינוועבן זיך אָרגאַניש אין דער הערשנדיקער אַמעריקאַנער סביבה. מען קאָן דאָס אויך אַזוי אויסדריקן: דער צווייטער דור פירט נאָך דעם נעגאַטיוון קאַמף קעגן דעם „פרעמדן" איינפלוס, דער דריטער דור, אויף וויפיל ער דאַרף נאָך קעמפן, פירט שוין אַ פּאָזיטיוון קאַמף פאַר זיין רעכט צו זיין אַ טייל פון דער נאַטיוועך אַמעריקע. אין באַראָכאָוס טערמינאָלאָגיע: דער צווייטער דור זוכט אָפּצעשוואַכן די איזאָלירנדיקע פאַקטאָרן; דער דריטער דור זוכט צו פאַרשטאַרקן די אַסימילירנדיקע פאַקטאָרן. ווי מען זאָל דעם פּראָצעס ניט פאָרמולירן, זיין טענדענץ און אויסווירקונג זיינען אַלץ די זעלביקע: מיט דעם דריטן דור איז דער צעמענט פון יעדער עטנישער גרופּע, חוץ יידן, אין גאַנצן פאַנאַנדערגעלאָזן. אויב דאָס איז ניט אַלע מאָל בולט, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל אימיגראַציע פון אויסלאַנד האָט ביי יעדער גרופּע פאַרקלעפּט די גענעאַלאָגישע שפּאַלטן און ניט דערלאָזט, אַז די דורות זאָלן זיך אין איר אויסלייגן ווי גלייכע שיכטן איינע אויף דער אַנדערער. דער היסטאָרישער אורטייל איז געחתמעט: עטנישע גרופּעשקייט פאַלט זיך פאַנאַנדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן (איך אונטערשטרייך נאָך אַמאָל: חוץ יידן). דאָס דאַרף ניט פאַרמישט ווערן מיט עטנישע איינפלוסן אויף דעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד; די וועלן קיין מאָל אין גאַנצן ניט פאַרשווינדן — אפילו די טיראַניי פון דער

מערהייט וועט אייביק טראָגן זייער אויסווירקונג. פון דעם וועט גערעדט ווערן אויספירלעך אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל. דאָ גייט עס וועגן די אויסזיכטן פון קאָלעקטיוון לעבן ביי די עטנישע גרופּעס אין די ראַמען פון זייער סאָציאַלער אידענטיטעט. אַזאַ קאָלעקטיוו לעבן מוז מיט דער צייט אין גאַנצן אַראָפּ פון דער אַמעריקאַנער בינע. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די גייסטיקע אויסווירקונג פון אַן עטנישער גרופּע אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד — איר גרופּעשקייט מוז זי סיי ווי סיי אָנווערן. עס איז נאָר אַ פראַגע ווי שנעל.

## 23.

די אַלגעמיינע סיבות, וואָס האָבן ניט דערלאָזט אַז אין די פּאַראייניקטע שטאַטן זאָלן זיך אויסבילדן פּערמאַנענטע עטנישע מינדערהייטן, זיינען גענוג קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, עס בלייבט איצט צו זען, ווי אַזוי די דאָזיקע סיבות האָבן זיך קאָנקרעט אויסגעווירקט אין שייכות מיט די מינדערהייטן און וואָסערע ספּעציפישע פאַקטאָרן עס האָבן אין די באַזונדערע גרופּעס דעם פּראָצעס פון דעעטניזירונג צוגעאײַלט.

### א. עקאָנאָמישע איינאָרדנונג

די סעטלערס האָבן אין זייער עקאָנאָמישער איינאָרדנונג געהאַט צו קעמפן קעגן דער נאַטור; די אימיגראַנטן — בפרט די שפּעטערדיקע — האָבן שוין אויך געהאַט צו קעמפן קעגן אַ געזעלשאַפט. די ערשטע האָבן געדאַרפט באַהערשן מאַטעריעלע כחות; די לעצטע זיינען שוין אויך געקומען אין קאָנפליקט מיט אַ גייסטיקן שטייגער. איז קלאָר, אַז דאָס אַריינלעבן זיך אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען האָט ביי די אימיגראַנטן צוגענומען אַסך מער ענערגיע ווי ביי די סעטלערס, און ביי די „נייע" אימיגראַנטן אַסך מער ווי ביי די „אַלטע"; ממילא איז דער מהלך צווישן קולטור און ציוויליזאַציע געווען גרעסער ביי די אימיגראַנטן. די אַנגלאָ־זאַקסישע סעטלערס האָבן אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט שאַפן קיין נייע קולטור; די ניט־ענגליש־רעדנדיקע אימיגראַנטן האָבן ניט געקאָנט איינהאַלטן זייערע אַלטע קולטורן.

די אימיגראַנטן זיינען אין זייער גרויסער מערהייט פאַרבליבן אין די שטעט און זיך געדאַרפט צופּאַסן צו אַן אורבאַנישער ווירטשאַפט. די שפּעטערדיקע אימיגראַנטן זיינען אויף אַ צייט כמעט אַלע אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אינדוסטריעלן פּראָצעס, וואָס האָט, זינט דער צווייטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט, זיך אויסגעצייכנט מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פון דער

מאַשין. אין דער צייט פון דער „נייער" איינוואַנדערונג איז די באַזע פון דער אַמעריקאַנער פאַבריקאַציע געוואָרן מאַסן־פּראָדוקציע. דאָס האָט באַטייט: אינדוסטריעלע סטאַנדאַרטיזאַציע, צעברעקלונג פון אַרבעט, דעקוואַליפיקאַציע פון דעם באַלמעלאָכע. דאָס איז געווען אַ טעכנאָלאָגישער פּראָצעס וואָס האָט געהאַט אַ מעכאַניזירנדיקע ווירקונג אויף דער פּסיכיק פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. סטואַרט טשייס צייכנט אָן דריי עטאַפּן אין דעם פּראָגרעס פון דער פאַבריק־מאַשין:

אין דעם ערשטן עטאַפּ פאַרגרעסערט זי די קראַפט פון דעם קוואַליפיצירטן אַרבעטער, העכערט זיין פּראָדוקטיוויטעט און בייט, בעת מעשה, זייער ווייניק דעם כאַראַקטער פון זיין דזשאָב.

אין דעם צווייטן עטאַפּ איז די פאַבריקאַציע צעברעקלט. די מאַשין פאָדערט האַלב־און ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס האַלטן אין איין איבערחזרן זייערע מאָנאָטאָנע באַוועגונגען אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס.

אין דעם דריטן עטאַפּ וואַרפט די מאַשין אַרויס די אומקוואַליפיצירטע אַרבעטער און דערפילט אַליין זייערע פונקציעס. „דער קוואַליפיצירטער מענטש באַוויזט זיך פון דאָ נײַ אויפן בילד [דאָס מאָל] ווי אַן אויפזעער, פאַרריכטער, אויפפּאַסער פון דעליקאַטע איינריכטונגען. זיין דזשאָב איז אינטערעסאַנט, ניט־איבערחזרנדיק, פאַרלאַנגט אינטעליגענץ" [1]).

עס איז גרינג צו זען, אַז — אין אַ קלענערער מאָס — דער ערשטער און אין אַ פיל גרעסערער מאָס — דער לעצטער עטאַפּ פאָדערן איינגעפלאַנצטקייט אין דעם אַמעריקאַנער באָדן, קענטשאַפט מיט דער ענגלישער שפּראַך און צופּאַסונג צו אַמעריקאַנער באַדינגונגען. די „נייע" אימיגראַנטן זיינען געווען אידענטיפיצירט דער עיקר מיט דעם צווייטן עטאַפּ, וואָס טשייס רופט אים אָן: די „ראָבאָט־שטאַדיע". אַז אַרבעטער, וואָס פירן אויס די פונקציעס פון דער דאָזיקער שטאַדיע, אפילו ווען זיי זיינען תושבים און אַריינגעלעבט אין דער קולטור פון דעם לאַנד, קאָנען קיין גרויסע קולטור־ווערטן ניט שאַפן, איז קלאָר — אַ פּשיטא שוין דערשלאָגענע אימיגראַנטן, וואָס שטעלן זייערע ערשטע טריט אין דער אינדוסטריע, וואָס זיינען אויסגעוואָרצלט פון זייערע היימען און פילן זיך פרעמד און פאַרשטויסן אין דעם נייעם לאַנד. די ראָבאָט־ראָלע איז דאָך שוין געווען עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פּראָגרעס אין פאַרגלייך מיט דער אַרבעט פון טראָגן שווערע משאות אויף די פּלייצעס, גראָבן גריבער, האַקן שטיינער, אָפּראַמען וועגן וכדומה, וואָס אַזוי פיל סלאַווישע און איטאַליענישע אימיגראַנטן האָבן געהאַט צו טאָן. מחמת אָט דעם פּלאַץ, וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין דער פּראָדוקציע, האָבן די אימיגראַנטן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי נאָר צו פאָרמירן פרעמדע קאָלאָניעס אין שמוציקע געטאָס, — אָבער טאָקע דערפאַר איז

שווין זיי קיין כח פֿאַר קולטורעלער שעפֿערישקייט ניט פֿאַרבליבן. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דער זיג פֿון דער אַסימילאַציע געווען אומפֿאַרמיידלעך.

דאָס אויסלערנען זיך ענגליש איז ביי אַלע אימיגראַנטן געווען דער ערשטער טראַט אין דער ריכטונג פֿון עקאָנאָמישער פֿאַרבעסערונג. דאָס ערשטע טרעפּל אין דעם קלעטערן אויף דעם סאָציאַלן לייטער — און גלייכצייטיק דער ערשטער אַקט פֿון אַסימילאַציע. יעדער ווייטערדיקער טראַט אין דער זעלביקער ריכטונג איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ בעסערער באַהערשונג פֿון דער ענגלישער שפּראַך, אַ טיפֿערן אַריינוואוקס אין דער אַמעריקאַנער קולטור און פֿעסטערער צופּאַסונג צו די היגע מנהגים און פֿירונגען; דעריבער איז יעדער טראַט אַזאַ — געווען אַ טראַט אַוועק פֿון דער עטנישער גרופּע פֿון דעם אימיגראַנט. עקאָנאָמישער פּראָגרעס מיינט ניט בלויז מאַטעריעלע פֿאַרבעסערונג: עס מיינט אויך דערהויבונג פֿון דעם סאָציאַלן פּרעסטיזש און בירגערלעכער חשיבות. ביי דער ערשטער געלעגנהייט קלייבט זיך דער עטניקער אַרויס פֿון דעם געטאָ און ציט זיך אַריין אין אַ בעסערער געגנט פֿון שטאָט. דאָס, וואָס ער אַליין הייבט אָן, זעצן זיינע קינדער פֿאָר מיט אַ גרעסערער שנעלקייט. עקאָנאָמישער פּראָגרעס ברענגט צו וואוינונג־איבערשיכטונג; וואוינונג־איבערשיכטונג — צו עטנישער דעגרופּירונג.

אין די אַמעריקאַנער יוניאָנס, מער ווי וואו עס איז אַנדערש אין די שטעט, קאָן מען זען אָפּגעשפּיגלט די פֿאַרשיידענע עטאַפּן, וואָס די אימיגראַנטישע אַרבעטער — און זיי שטעלן צו די ווייט־גרעסטע מערהייט פֿון די דערוואַקסענע אימיגראַנטן — האָבן דורכגעמאַכט אויף דעם וועג פֿון זייער עקאָנאָמישער אַקאָמאָדאַציע.

כדי אויסצומיידן אומגליק־פֿאַלן ביי דער אַרבעט, זיינען די באַלעבאַטים אָפֿט געווען געצוואונגען צו עפֿענען קלאַסן צו לערנען זייערע אויסלענדישע אַרבעטער ענגליש. די באַלעבאַטים האָבן זיך אויך געמוזט רעכענען מיט די פֿאַרשיידענע געזעצן וואָס האָבן געפֿאָדערט אַ מינימום־שולונג פֿאַר מינדיעריקע אימיגראַנטן־אַרבעטער און האָבן דעריבער געדאַרפֿט די לעצטע געבן אַ געלעגנהייט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן מינימום. דאָס האָט פֿונדעסטוועגן אָסך באַלעבאַטים ניט געשטערט צו איינפֿירן אין זייערע אונטערנעמונגען אַ „באַלאַנס פֿון נאַציאָנאַליטעטן". מיט דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען באַצייכנט די סיסטעם, וואָס אינדוסטריעס וואָס האָבן געהאַלטן באַשעפֿטיקט אימיגראַנטן האָבן אָפֿט איינגעפֿירט, כדי עס זאָל זיך אין זיי ניט שאַפֿן קיין דאָמינירנדיקע גרופּע אַרבעטער פֿון איין ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט. דער ציל איז דערביי געווען אַ קלאָרער און דר. לייזערסאָן דעפֿינירט אים אַזוי: „ראַסן־שנאה און דאָס פֿעלן פֿון אַ געמיינזאַמער שפּראַך האָבן געהאַלטן די אַרבעטער צעטיילט, און געאיי־

ניקטע אַקציע פאַר העכערע שכירות און קירצערע שטונדען, פון דעם מין וואָס איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג צווישן די געבירטיקע קוואַלי־פיצירטע אַרבעטער, האָט אויף אַזאַ אופן געקאָנט פאַרמיטן ווערן" [2]). טאַקע דערפאַר איז פאַר די יוניאָנס געווען נייטיק זיך צו באַנוצן מיט פרעמדע שפּראַכן אין פאַרזוכן צו אָרגאַניזירן אינדוסטריעס וואָס האָבן געהאַלטן באַשעפטיקט גרויסע צאָל אימיגראַנטן.

אַזעלכע יוניאָנס, ווי די פון די קוילן־גרעבערס, שטאָל און טעקסטיל אַר־בעטער, האָבן געמוזט אָנשטעלן אָרגאַניזאַטאָרן וואָס האָבן געקאָנט רעדן אויס־לענדישע שפּראַכן און אויך אַרויסגעבן אַ פרעמד־שפּראַכיקע ליטעראַטור און פרעסע. אַ צאָל יוניאָנס האָבן אפילו איינגעפירט עטנישע לאָקאַלן, וואָס איניקע פון זיי עקזיסטירן נאָך ביז דעם הייַנטיקן טאָג. די אַנטי־יוניאָן־עלעמענטן האָבן אויסגענוצט אָט דעם פאַקט און געזוכט צו דיסקרעדיטירן די אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס מיט דעם געשריי, אַז די לעצטע זיינען אַן אימפּאָרטירטע אינסטיטוציע פון אייראָפּע וואָס גראָבט אונטער דעם יסוד פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אַז אימיגראַנטן האָבן געשפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אין דער גרינדונג פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס — איז אַ היסטאָרישע טאַטזאַך. די מערהייט פון די 42 דעלעגאַטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט (א. פ. ל.) איז באַשטאַנען פון אימיגראַנטן. אָבער אַזוי שטאַרק האָט דאָס פּראָבלעם פון איינאָרדנען עקאָנאָמיש זייערע מיט־גלידער ביי די יוניאָנס פאַררוקט אָן אַ זייט אַלע אַנדערע פראַגן, אַז די אַמע־ריקאַן פעדערייש אָן אָוו לייבאָר האָט, ווי מיר האָבן געזען, פון דעם ערשטן טאָג פון איר עקזיסטענץ זיך געשטעלט קעגן פרייער איינוואַנדערונג אין לאַנד.

די יוניאָנס וואָלטן קיין שפּאַן פאָראויס ניט געקאָנט מאַכן און גלייך פון אָנהייב צעזעצט געוואָרן פון אינווייניק, ווען זיי שטעלן זיך ניט פאַר זייער ער־שטער און דרינגענדיקסטער אויפגאַבע דאָס אינטעגרירן זייערע מיטגלידער פון די פאַרשיידענע ראַסן, גלויבנס און נאַציאָנאַליטעטן אין איין סאָציאַלער גרופּע. מיט דעם האָבן זיך די יוניאָנס פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די סאַמע אָנגעגע־ענסטע אַסימילירנדיקע פאַקטאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פּראָפעסאָר קאָמאָנס מיינט, אַז אין די אורבאַנישע צענטערן זיינען די יוניאָנס די וויכטיקסטע אַמעריקאַניזירנדיקע קראַפט וואָס איז שייך ווירקונג אויף אימיגראַנטן. דר. לייזערסאָן ציטירט, וואָס פּראָפעסאָר וויליאַם ז. ריפּלי, ניט קיין הייסער פריינט פון יוניאָנס, האָט געשריבן נאָך אין 1904:

> וואָס עס זאָל ניט זיין אונדזער מיינונג וועגן דער לעגאַליטעט אָדער דער צוועק־מעסיקייט פון דער אינדוסטריעלער פּאָליטיק פון אונדזערע אַמעריקאַנער יוניאָנס, קאָן אָבער קיין סטודענט פון קעגנוואַרטיקע באַדינגונגען ניט לייקענען, אַז זיי

זיינען אַ מעכטיקער פֿאַקטאָר אין פֿאַרשנעלערן די אַסימילאַציע פֿון אונדזער פּרעמד־געבוירענער באַפֿעלקערונג [3].

לייזערסאָן מאַכט די זייער ריכטיקע באַמערקונג:

אַ טרייד יוניאָן ברויכט ניט זיך צו באַשעפֿטיקן מיט אַמעריקאַניזירונג אָדער מיט פּראָזעליטירונג־קאַמפּאַניעס כדי צו מאַכן אימיגראַנטישע אַרבעטער פֿאַר אַמעריקאַנער. אויב זי איז ווירקזאַם און דערפֿאָלגרייך אַלס יוניאָן, פֿאַראייניקט זי אַלע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע און ניט באַמערקטערהייט שליסט זי צונויף נאַטיווע און פּרעמד־געבוירענע אין איין אַלגעמיינער געמיינדע [4].

אַ יוניאָן, אין איר סאַמע עצם, איז מער ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין. אין לייזערסאָנס ווערטער:

...די יוניאָן האָט אים [דעם אימיגראַנט] ניט בלויז פֿאַרזיכערט אַן אַמעריקאַנער לעבנס־סטאַנדאַרט אַזוי אַז ער זאָל אַריבערברענגען זיין משפּחה און דערציען זיינע קינדער אויף דעם אַמעריקאַנער שטייגער, נאָר זי איז פֿאַר אים אויך געווען אַ פּראַקטישע שול, וואָס האָט אים געלערנט בירגערשאַפֿט און אים געגעבן דערפֿאַרונג אין הלכות שטימען, וואַלן און גרזעצמאַכעריי, אים געלערנט פּאַרלאַמענטאַרישע פּראַקטיק, מעטאָדן פֿון געזעצמאַכעריי, געהאָרכזאַמקייט צו די אָפּמאַכן צווישן דער יוניאָן און די באַלעבאַטים, וואָס זיינען די געזעצן פֿון זיין אינדוסטריע, און אַריינגעפֿירט אים אין יורידישע פּראָצעסן און מעטאָדן דורך דער בוררות פּראָצעדור וואָס די אָפּמאַכן האָבן עטאַבלירט. די יוניאָן איז אַ מיניאַטור־רעפּובליק, וואָס דערציט אים [דעם אימיגראַנט] פֿאַר אַמעריקאַנער בירגערשאַפֿט דורך לערנען אים אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישע מעטאָדן ביים באַהאַנדלען פּראָבלעמען פֿון זיין אַרבעט און שכירות און פֿון די ענינים וואָס זיינען פֿון דער סאַמע וויכטיקסטן אינטערעס פֿאַר אים [5].

אָבער ניט אַלע אימיגראַנטן זיינען אַרבעטער און ניט אַלע אימיגראַנטן־אַרבעטער זיינען מיטגלידער פֿון יוניאָנס. פּראָבלעמען פֿון אַרבעט און שכירות הויבן זיך אַרויס פֿון די גרעניצן פֿון דער פּרעמדער קאָלאָניע און טעמפּן אָפּ עטנישע מחיצות. דאָ קומען מיר צו צו איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע אויסווירקונגען פֿון דער עקאָנאָמישער איינאָרדנונג, וואָס האָט די ווייטגייענדיקסטע קאָנסעקווענצן אויף די שייכותן צווישן עטנישע גרופּעס און דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד.

אַזוי שנעל, ווי אַ מאָס עקאָנאָמישע צופּאַסונג ווערט דערגרייכט, הייבט זיך אָן ביי די עטנישע גרופּעס אַ פּראָצעס פֿון סאָציאַלער צעגלידערונג און קלאַסן־צעטיילונג. ווען די אימיגראַנטן קומען אַהער, זיינען זיי, מיט קליינע אויסנאַמען, אַלע אָרעם און געפֿינען זיך דעריבער אין דער זעלביקער סטיכיי — אפֿילו יענע, וואָס אין דער אַלטער היים האָבן זיי געהערט צו די באַזיצנדיקע

אָדער מיטל־קלאַסן. נאָך דעם, ווי זיי זיינען דאָ אָפּ אַ שטיקל צייט, קומען צווישן זיי פאָר ענדערונגען אין דער פינאַנציעלער לאַגע, פון וואָס עס וואַקסן אַרויס עקאָנאָמישע שיכטן מיט אייגנאַרטיקע אינטערעסן. די דאָזיקע אינטערעסן שווענקען אונטער די יסודות פון דער עטנישער גאַנצקייט.

אָמאָל פּאַסירט עס, אַז די סאָציאַלע צעטיילונג קריסטאַליזירט זיך אויס אין די ראַמען פון דער עטנישער קאָלאָניע גופא. דאָס געשעט דאַן, ווען דער פּראָדוקציע־פּראָצעס און די פאַרשיידענע אַנטקעגנזעצטע סאָציאַלע שיכטן וואָס באַטייליקן זיך אין אים געפינען זיך אין דער זעלביקער עטנישער סביבה. דאָס איז אָבער אַ זעלטנקייט — ביי יידן געשעט עס אָפטער — ווען דאָס מאַכט זיך, ווערט די עטנישע גרופּע די אַרענע פון קלאַסן־קאָנפליקטן וואָס צעשטערן איר אינערלעכע געשלאָסנקייט. נאָך גרינטלעכער ווערט די דאָזיקע געשלאָסנקייט צעשטערט, ווען עקאָנאָמישע קעגנזאַצן שיילן זיך אויס ניט אין דער עטנישער קאָלאָניע גופא, נאָר דרויסן פון איר. עקאָנאָמיש האָבן מיטגלידער פון איין עטנישער גרופּע מער שייכות מיט מענטשן פון ענלעכן עקאָנאָמישן סטאַטוס פון אַ צווייטער עטנישער גרופּע, ווי מיט מיטגלידער פון זייער אייגענער גרופּע וואָס האָבן אַנדערע עקאָנאָמישע אינטערעסן און געהערן צו אַן אַנדער סאָציאַלן קלאַס. פּוילישע מיטגלידער פון אַ יוניאָן האָבן נענטערע עקאָנאָמישע אינטערעסן מיט די דייטשע מיטגלידער פון דער זעלביקער יוניאָן איידער מיט פּוילישע באַלעבאַטים. און איטאַליענישע פאַרמערס האָבן מער געמיינזאַמס מיט סקאַנדינאַווישע פאַרמערס ווי מיט איטאַליענישע שניידערס. וואָס מער אַן עטנישע גרופּע איז דיפערענצירט פון דעם עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, אַלץ קלענער איז איר עטנישע איינהייטלעכקייט. אויך אין אַט דעם פּרט וועלן מיר געפינען, אַז יידן זיינען אַן אויסנאַם.

די עקאָנאָמישע פּראָצעסן לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויף אַלע אַנדערע דערשיינונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. גלייך, ווי די אימיגראַנטן קומען פון אויסלאַנד, שפּילט ניט די פראַגע פון יחוס ביי זיי קיין ווichטיקע ראָלע. די אומפּריינטשאַפט, וואָס זיי באַגעגענען פון דרויסן, לאָזט פאַנאַנדער די מחיצות פון אינווייניק. ווען מען שאַרט שניי, ווען מען גראָבט קאַנאַלן, ווען מען האַנדלט מיט ברוכוואַרג אָדער ווען מען אַרבעט אין שוויץ־שאָפּ — האָט מען אַ גרעסערע זאָרג, ווי דאָס אָפּהיטן יחוס־מנהגים. אָבער ווען מען „אַרבעט זיך אַרויף" און מען קאָן זיך פאַרגינען בעסער צו לעבן און זיך אַריינצוקלייבן אין אַ שענערער געגנט — און ווער רעדט ווען מען קאָן נאָך דערצו אַריינדרינגען אין די אָרגאַניזאַציעס און פאַרווייל ונגס־אַנשטאַלטן פון „אמתע אַמעריקאַנער" — הייבט מען אָן צו דרייען מיט דער נאָז אויף שפּעטער־געקומענע אימיגראַנטן פון דער אייגענער עטנישער גרופּע. דייטשע „יהודים" קוקן פון אויבן־אַראָפּ אויף פּוילישע יידן ניט אַזוי מחמת געאָגראַפישער צעטיילונג, ווי מחמת סאָציאַל־

עקאָנאָמישער צעטיילונג. מחמת סאָציאַל־עקאָנאָמישער צעטיילונג, ווילן די „לייס אײריש" ניט קומען אין באַריר מיט די „שענטי אײריש". די ערשטע זיינען רייכע אירלענדער וואָס וואוינען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אין רחבות־דיקע דירות און אין די שענסטע געגנטן, און די לעצטע באַדן זיך אין דלות אין די חורבות פון די אַלטע געטאָס, ווייל זיי געפינען זיך נאָך אויף דעם אונטערשטן שטאַפּל פון דעם עקאָנאָמישן לייטער. די עקאָנאָמישע איינפלאַנצונג אין אַמעריקע איז ניט ביי אַלע טיילן פון אַן עטנישע גרופּע די זעלביקע, דערפאַר זיינען אויך די פּירות אַנדערע.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט פון עקאָנאָמישער איינאָרדנונג אין די אורבאַנישע צענטערן, אָבער די טענדענצן פון דער דאָזיקער איינאָרדנונג זיינען די זעלביקע אויך אין די רוראַלע געגנטן און אויף די פאַרמס. מען מאַכט אָפט דעם טעות צו מיינען, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט איז דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע אַ לאַנגזאַמערער ווי אין דער אינדוסטריע. דער אמת איז פּונקט פאַרקערט. אַלע פאָרשונגען באַשטעטיקן אַז אויף דער פאַרם גייט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר די דעעטניזירונג צו אַסך שנעלער ווי אין די שטעט. די סיבה ליגט אויבן־אויף: מיט דער אויסנאַם פון די קאָלאָניעס, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אויבן, פעלט אין דער לאַנדווירטשאַפט די קאָמפּאַקטע קאָנצענטרירקייט פון די עטנישע גרופּעס, וואָס מיר געפינען אין די גרויסע שטעט. דאָס איז איינס. צווייטנס איז דער אַגריקולטורעלער עלעמענט אַסך טיפער פאַרוואָרצלט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אינדיווידועלן באַזיץ אײדער אין אַ טראַדיציע פון קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט.

דער ווייט־פאַרשפּרייטער טעות, אַז אויף די פאַרמס איז דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע שוואַכער ווי אין די שטעט, נעמט זיך פון דעם, וואָס עס זיינען אין אַמעריקע, ווי מיר האָבן געזען אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, געמאַכט געוואָרן אַ צאָל פאַרזוכן צו שאַפן עטנישע נעסטן אין דער פאַרם פון אַגריקולטורעלע קאָלאָניעס. מען פאַרגעסט דערביי, אַז די טעכנאָלאָגישע רעוואָלוציע האָט אויך ניט אויסגעמיטן די לאַנדווירטשאַפט. די פאַרם איז היינט שוין ניט די איזאָ־לירטע אינסטיטוציע, וואָס זי איז געווען מיט אַריבער הונדערט יאָר צוריק. מאָדערנע קאָמוניקאַציע האָט געמאַכט, אַז די פאַרוואָרפנסטע פאַרם. זאָל האָבן אַ שטאָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. קולטורעל זיינען די רוראַלע געגנטן אין אַ גרויסער מאָס אורבאַניזירט געוואָרן. די געצוואונגענע שול־סיסטעם איז חל אויף די קינדער פון דער פאַרם פּונקט ווי אויף גרויס־שטעטיקע קינ־דער. די רוראַלע באַפעלקערונג זעט די זעלביקע פילמען, הערט די זעלביקע ראַדיאָ פּראָגראַמען, לייענט די זעלביקע סינדיקאַליזירטע אַרטיקלען, וואָס די אורבאַנישע באַפעלקערונג. דאָס ווערט אַלץ געגעבן אין ענגליש און דאָס

דרינגט אַריין אין די היימען פון די פרעמד־שפּראַכיקע פאַרמערס ניט ווייניקער, ווי אין ענגליש־רעדנדיקע היימען. אָבער בשעת פרעמד־שפּראַכיקע קאָנען פונדעסטוועגן אין די גרויסע שטעט לייענען צייטונגען אויף זייערע אייגענע לשנות, שיקן זייערע קינדער אין פּאַראָכיאַלע אָדער צוגאָב־שולן וואו מען לערנט די דאָזיקע לשנות, זיך צונויפרעדן מיט זייערע שכנים אויף מאַמע־לשון און בכלל זיך געפינען אין אַן אייגענער עטנישער סביבה — האָט דער אימיגראַנטישער פאַרמער אַזאַ מעגלעכקייט ניט. מוז ער דעריבער שנעלער אַרונטערפאַלן אונטער דער השפּעה פון דער נאַטיווער קולטור איידער זיין לאַנדסמאַן אין דער גרויסער שטאָט. די צייט, ווען לאַנדווירטשאַפטלעכע אימיגראַנטן האָבן זיך געקאָנט אַקאָמאָדירן דורך איזאָלאַציע, איז שוין לאַנג פאַראיבער.

מיר האָבן געזען, אַז די פּענסילווייניער דייטשן, הגם זיי האָבן לענגער פון אַנדערע גרופּעס איינגעהאַלטן זייער עטנישע קאָמפּאַקטקייט און קולטור־אידענטיטעט, פאַרלירן אויך אונטער דעם דרוק פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט זייער שפּראַך־איינגאַרט. די רוראַלע קליין־האָלאַנד, וואָס האָלענדער האָבן געשאַפן מיט יאָרן צוריק אין מישיגאַן, איז אויפן וועג פון פאַנאַנדערפאַל. די דערפאַרונג, וואָס פּאָליאַקן האָבן געהאַט מיט דעם פאַרזוך צו שאַפן אַן עטנישע קאָלאָניע אין זונדערלאַנד, מאַסאַטשוסעטס, און די טשעכן, מיט דעם פּרואוו אַזאַ קאָלאָניע צו גרינדן אין ווירדזשיניאַ, איז געווען ענלעך צו דער אויבן־באַשריבענער דערפאַרונג פון די דענער אין אַסקאָוו.

די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געגרינדעט, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, די קאָלאָניע אין זונדערלאַנד, האָבן געמאַכט גוואַלטיקע אָנשטרענגונגען אַזוי צו פאַרלייגן דעם יסוד און שפּעטער אַזוי צו פירן די ווירטשאַפט און די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער קאָלאָניע, אַז זי זאָל זיין אַן אינדזל פון פּוילישער עטנישקייט. אויף וויפיל דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן — קאָן מען זען פון דער לאַגע, וואָס טעאָדאָר אַבעל האָט געפונען אין דער קאָלאָניע, ווען ער האָט, אַ פּאָר צענדליק יאָר נאָך איר גרינדונג, דאָרט געמאַכט אַ שטודיע אונטער דער אויפזיכט פון דעם אינסטיטוט פאַר רעליגיעזער און סאָציאַלער פאַרשונג. אַבעל דערציילט:

> די פּאָליאַקן פון זונדערלאַנד האָבן אינסטיטוציאָנאַליזירט אַ היפּשע טייל פון זייערע סאָציאַלע, רעליגיעזע און עקאָנאָמישע אינטערעסן. אָבער די מערסטע קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען פון זייערע פריערדיקע יאָרן: טעאַטער־גרופּעס, אָרקעסטערן, געזאַנגס־פאַראיינען, ספּאָרט־קלובן, קאָלעקטיווע פאַרזאַמלונגען, פּאַראַדנע חתונה־ און באַפּטיזירונג־צערעמאָניעס — זיינען היינט זאַכן פון דער פאַרגאַנגענהייט [6].

ווען די באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער דערווייסן מיר זיך, אַז זיי זיינען פּונקט אַזוי אָנגעשטרענגט און פּונקט אַזוי פֿיינלעך, ווי אין די שטעט — אויב ניט נאָך ערגער. קינדער שעמען זיך מיט זייערע עלטערן און שטעלן זיך זיי אַנטקעגן:

הארמאָנישע באַציאונגען צווישן עלטערן און קינדער זיינען אַן אויסנאַם. אין אַט די אויסנאַם־פֿאַלן זיינען די עלטערן אַוועקגעגאַנגען פֿון די טראַדיציאָנאַלע פֿאָרמען פֿון פֿירונג און ווייזן אַרויס אַ ברייטע גרייטקייט צו אַקצעפּטירן נייע ווערטן. זיי האָבן אָנגענומען אַ העכערן סטאַנדאַרט פֿון לעבן, רעדן גוט די ענגלישע שפּראַך, האָבן אויסגעברייט דעם האָריזאָנט פֿון זייער וויסן און זיינען וויליק זיך ניט צו רעכענען מיט טראַדיציאָנעלע סטאַנדאַרטן פֿון רעליגיעזן און מאָראַלישן כאַראַקטער. זיי באַשטייען ניט אויף דעם אויפֿהאַלט פֿון נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט ווי אַ פֿליכט, און ווינטשן צו האָבן געשעפֿטלעכע און געזעלשאַפֿט־לעכע באַציאונגען מיט אַמעריקאַנער [7].

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז מיר געפֿינען אין זונדערלאַנד די זעלביקע אויס־ווירקונג פֿון סאָציאַלער גלידערונג וואָס אין די שטעט. אויפֿן אָרט, דערציילט אָבער, פֿון די אַלגעמיינע פֿריינטלעכע באַציאונגען וואָס עס האָבן פֿריער גע־הערשט צווישן אַלע מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע, האָבן די פּאָליאַקן, אין דער הינזיכט פֿון חברן זיך מיט אַנדערע, אָנגעהויבן אויסבילדן באַזונדערע קרייזלעך, וואָס אַנטשפּרעכן דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער גרופּירונג פֿון דער קאָלאָניע, „מיט דעם רעזולטאַט, אַז די איינהייטלעכקייט פֿון [דער גאַנצער] גרופּע איז צעבראָכן געוואָרן" [8]. אָבער באַשטעטיקט די גענעראַליזאַציע פֿון טאָמאַס און זנאַניעצקי, אַז דער צווייטער דור שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אייגנ־אַרטיקע געזעלשאַפֿט, וואָס איז שוין ניט פּויליש, אָבער נאָך ניט אַמעריקאַניש. ער קומט צו דעם שלוס, אַז די פֿאָרם איז בעסער צוגעפּאַסט ווי די שטאָט צו דער אויפֿגאַבע פֿון ענדגילטיק אַסימילירן די אימיגראַנטן און זייערע אָפּ־שטאַמיקע.

אַסך מער עטנישן אויסדויער האָט אַרויסגעוויזן די טשעכישע קאָלאָניע אין דער געגנט פֿון פּעטערסבורג, ווירדזשיניאַ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין 1887 און איז געשלאָסן געוואָרן, וואָס שייך צופֿלוס פֿון נייע קאָלאָניסטן, אין 1914. אין דער צייט, ווען נעלס אַנדערסאָן האָט דאָרט געמאַכט אַ פֿאָרשונג אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דעם זעלביקן אינסטיטוט פֿאַר רעליגיעזער און סאָציאַלער פֿאָרשונג, (אין 1926), איז די קאָלאָניע געווען אויסגעשפּרייט איבער דריי קאָנטיס — פּרינץ דזשאָרדזש, דינווידי און טשעסטערפֿעלד — און געהאַט אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַרום 3500 נפשות. פֿון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט איז די קאָלאָניע געווען זייער דערפֿאָלגרייך; פֿון געזעלשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט

האָט זי איינגעהאַלטן גאָר אַ סך פון דעם עטנישן כאַראַקטער, וואָס אירע גרינדער האָבן איר געגעבן. אין אַלע קירכעס רעדט מען נאָך טשעכיש און טשעכיש איז אויך די שפּראַך פון דער גרעסטער טייל קולטור־טעטיקייט פון דער קאָלאָניע דרויסן פון דער קינדער־שול. אַנדערסאָן ציט אונטער דעם ווייטערדיקן סך הכל:

> דער וויכטיקער פאַקט אין שייכות מיט טשעכאָסלאָוואַקן אין דער געגנט פון פּעטערסבורג איז, וואָס הגם דאָרט איז שוין דאָ אַ דריטער דור, האָט זיך זייער איינגלידערונג אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג קוים אָנגעהייבן. זיי בלייבן בעהמער, און די אויסזיכט איז, אַז זיי און די מענטשן פון דעם נאַטיוון סטאָק וועלן ניט אַזוי שנעל צוגעצויגן ווערן נענטער איינער צו דעם אַנדערן [9].

אין די לעצטע ווערטער האָבן מיר דעם שליסל צו דעם וויכטיקסטן אָביעקטיוון פאַקטאָר, וואָס האָט געהאָלפן די טשעכישע קאָלאָניסטן צו רעאַלי־זירן זייערע סוביעקטיווע וואונטשן. מחמת דעם טיפן אונטערשייד צווישן די נאַטיוו־אַמעריקאַנער אין דעם דרום־שטאַט און די אימיגראַנטן פון צענטראַל־אייראָפּע, ווי אויך מחמת דעם, וואָס צווישן די צוויי געפינט זיך אַ ים פון שוואַרצע לאַנד־אַרבעטער און שעדקראָפּערס, — איז דאָ זייער ווייניק באַריר צווישן די טשעכן פון דער קאָלאָניע און דער אַלגעמיינער ווייסער באַפעל־קערונג אין דעם אַרום. די ערשטע באַטייליקן זיך ווייניק אין דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאַט און שטופּן זיך ניט צו ווערן אַ כח דרויסן פון זייער אייגענעם קרייז. אויף אַזאַ אופן איז צו דעם סוף פון דעם ערשטן פערטל פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט די קאָלאָניע ביי פּעטערסבורג געווען איינער פון די גאָר ווייניקע ערטער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואו אַקאָמאָדאַציע דורך איזאָלאַציע איז נאָך געווען טיילווייז מעגלעך. דערפאַר טאַקע איז עס די קאָלאָניסטן געלונגען איינצוהאַלטן זייערע קינדער אויף דער פאָרם און — דורך דעם — ווייטער צו אויסאיבן אויף זיי אַ השפעה אין דעם עטנישן זין. פונדעסטוועגן האָט אויך דאָרט דאָס לעבן געפאָדערט זיינס, און אין דער צייט פון דער פאָרשונג — האָט זיך ביי די קינדער געמערקט אַ קלאָרע טענדענץ צו רעדן ענגליש און בכלל זיך צו דערנענטערן צו דער שטייגער פון דעם אַרום. זינט דאַן האָט זיך די טענדענץ אויסגעקריסטאַלי־זירט אין אַ פּראָצעס וואָס גייט אָן מיט אַ שטייגנדיקן טעמפּאָ.

אויב דאָס איז די לאַגע אין קאָמפּאַקטע קאָלאָניעס, וואו די עטניקערס מאַכן אַ באַוואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטן פאַרזוך איינצוהאַלטן זייער גרופּע־סאָלידאַ־ריטעט, דאַרף מען שוין ניט קיין ווייטערדיקע באַווייזן, אַז די אַסימילאַציע פון דער אַלגעמיינער עטנישער פאָרם־באַפעלקערונג, וואָס איז דעקאָנצענטרירט

און וואָס איר צאָל פֿאַלט, האָט שוין דערגרייכט אַ גאַר הויכן פּונקט. אמת, עס פֿאַלט אויך, ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעבראַכט, די אַלגעמיינע פֿאָרם־באַפֿעלקערונג אין לאַנד, אָבער ניט אַזוי שנעל, ווי צווישן די אימיגראַנטישע פֿאַרמערס. די לעצטע זיינען פּראָפּאָרציאָנעל וויניקער משפּחהדיק, ווי די נאַטיווע פֿאַרמערס. דר. ברונערס פֿאָרשונג האָט, אויף דעם באַדן פֿון דעם 1920 צענזוס, פֿעסטגעשטעלט, אַז אין דער אימיגראַנטישער פֿאַרם־באַפֿעלקערונג זיינען אויף יעדע 100 פֿרויען געווען 136 מענער, בעת ביי דער נאַטיווער פֿאַרם באַפֿעלקערונג איז די פּראָפּאָרציע געווען 108.5 מענער אויף יעדע 100 פֿרויען[10]. אויף יעדע 10 עלטערע מענטשן פֿון דער נאַטיווער פֿאַרם־באַפֿעלקערונג איז אין 1920 געווען פֿיר קינדער אונטער 15 יאָר, בעת ביי דער אימיגראַנטישער פֿאַרם־באַפֿעלקערונג זיינען געווען פֿיר קינדער אונטער 15 יאָר אויף יעדע 100 עלטערע מענטשן — 10 מאָל וויניקער ווי ביי דער נאַטיווער[11]. דאָ האָבן מיר אַ דערקלערונג: 1) פֿאַרוואָס די עטנישע באַפֿעלקערונג פֿאַרקלענערט זיך אַזוי שטאַרק אין דער לאַנדווירטשאַפֿט; 2) פֿאַרוואָס זי גיט אַרויס אַזאַ גרויסע צאָל געמישטע חתונות. ביידע זאַכן זיינען וואַסער אויף די אַסימילאַציע־מילן.

## ב. שולן

נאַטירלעך גייט דער דעטעניזירונג־פּראָצעס צו אַסך שנעלער ביי די געבוירטיקע קינדער, ווי ביי זייערע אימיגראַנטישע עלטערן. דאָ איז דער סאַמע וויכטיקסטער פֿאַקטאָר די שול, וואָס דאָס קינד מוז היינטיקע צייטן אומעטום באַזוכן ביז עס דערגרייכט אַ באַשטימטן עלטער. די אויסווירקונג פֿון דער שול אויף דער פּסיכיק פֿון דעם קינד איז אַ צווייענדיקע. פֿון איין זייט נעמט זי אים אַוועק אויף דער גרעסטער טייל פֿון דעם וואָכנדיקן טאָג פֿון דעם גייסטיקן איינפֿלוס פֿון זיין היים און פֿון דעם פֿיזישן באַריר מיט זיינע עלטערן, ד. ה. זי נעמט אים אַרויס פֿון דער ספֿערע פֿון עטניזירנדיקער השפּעה. פֿון דער אַנדערער זייט, פֿירט זי אים אַריין אין אַן אַטמאָספֿער, וואו דער גאַנצער טראָפּ ווערט געלייגט אויף אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינהייט. אַ שטימונג ווערט געשאַפֿן, אַז דאָס עטנישע קינד האָט מורא, אַז עס דערפֿילט ניט זיינע פֿולע פּאַטריאָטישע התחייבותן צו אַמעריקע אויב עס רעדט אַן אַנדער שפּראַך ווי ענגליש. פֿרעמדע שפּראַכן ווערן אין די עלעמענטאַר־שולן בכלל ניט געלערנט: אין די מיטל־ און הויך־שולן ווערן זיי געלערנט אַן וואָסער עס איז צוזאַמענהאַנג מיט דעם עטנישן אָפּשטאַם פֿון דעם סטודענט. ספּעציעל איז דאָס ריכטיק בנוגע צו קינדער פֿון „נייע” אימיגראַנטן. זעלטן־

ווען וועלן איטאַליעניש קינדער אויסקלייבן איטאַליעניש, טשעכישע קינדער בעהמיש, פוילישע קינדער פויליש אָדער רוסישע קינדער רוסיש ביים אויפ־נעמען אַ פרעמדע שפּראַך אין שול. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ מיליאָן מיט דריי־פערטל מענטשן האָבן אין 1940 דעקלאַרירט יידיש ווי זייער מאַמע־לשון, איז ניטאָ קיין איין מיטל־שול אין לאַנד וואו יידיש זאָל געלערנט ווערן ווי אַן אויסלענדישע שפּראַך און בלויז אַ פּאָר אוניווערזיטעטן אין לאַנד האָבן איינגעפירט דעם לימוד פון יידיש ווי אַ קרעדיט־לימוד, און דאָס אויך ערשט אין 1947.

די שפּראַכלעכע אַליין־הערשאַפט פון ענגליש איז דער אלף און תיו פון דער מלוכהשער שול־סיסטעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די רעליגיעזע שולן, וואָס זיינען אַמאָל געווען שפּראַך־אינזלען, און זיינען עס טיילוויס נאָך היינט, זיינען אויפן וועג צו פאַרלירן זייער עטנישן כאַראַקטער. עס איז נייטיק זיך דאָ נאָך אַמאָל אָפּצושטעלן אויף די דאָזיקע שולן, כדי פעסטצושטעלן, אַז זיי ווייזן אַרויס אַן אַלץ גרעסערע און גרעסערע טענדענץ צו באַוועגן זיך אין דער ריכטונג פון אויסשפּרייטן די מאַכט פון זייערע קירכעס אַנשטאָט פון צעמענ־טירן עטנישע גרופּעשקייט. פאַר אָט דעם צוועק וועט זיין גענוג אַריינצוקוקן אין די קאַטוילישע פּאַראָכיאַלע שולן, וואָס האָבן אַ פיל גרעסערן פאַרנעם, ווי די פּאַראָכיאַלע שולן פון די אַנדערע גלויבנס.

עס איז וויכטיק, אין פאַרבינדונג מיט די קאַטוילישע שולן צו האָבן אין אויג עטלעכע פאַקטן. ערשטנס: ווייט ניט אַלע קאַטוילישע קינדער גייען אין פּאַראָכיאַלע שולן; די מערסטע גייען אין עפנטלעכע שולן. אַן אויספאָרשונג פון דעם פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט וועגן דער שול־לאַגע אין ניו יאָרק, וואו עס האָבן זיך אין די דרייסיקער פון דעם 20טן יאָרהונדערט געפונען אַ מיליאָן מיט דריי־פערטל קאַטאָליקן, האָט פעסטגעשטעלט, אַז צו יענער צייט זיינען ווייניקער ווי 250 טויזנט קינדער געגאַנגען אין די קאַטוילישע עלעמענ־טאַר־ און מיטל־שולן אין די אַרכידיאָצעזן פון ברוקלין און ניו יאָרק. די ערשטע אַרכידיאָצעזע שליסט אויך איין קווינס, נעסאו און סופאָלק, די צווייטע — ניו יאָרק, בראָנקס און וועסטשעסטער קאַונטי [12]. בלויז אַ דריטל פון די גראַדואירטע פון קאַטוילישע עלעמענטאַר־שולן וואָס גייען נאָך דעם אין מיטל־שול, טרעט אַריין אין די קאַטוילישע מיטל־שולן, צוויי־דריטל באַזוכט די שטאָ־טישע מיטל־שולן [12]. די אויסגעפּרעגטע פּאָליאַקן אין באָפאַלאָ פון צווייטן און דריטן דור, אין דער דערמאָנטער אויספאָרשונג פון קאַרפּענטער און קאַץ, זיינען העלפט פון דער צייט, וואָס זיי האָבן אין דורכשניט פאַרבראַכט אין ביל־דונגס־אינסטיטוציעס, געווען אין פּאַראָכיאַלע שולן און די אַנדערע העלפט אין שטאָטישע שולן. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז 90 פּראָצענט פון די אויס־

געפּרעגטע האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אַלע פּוילישע קינדער דאַרפֿן גיין אין די שטאַטישע שולן נאָך דעם, ווי זיי זיינען אָפּ די ערשטע צוויי יאָר אין אַ פּאַראָכיאַלער שול[14]. אין יאַנקי סיטי שיקן באַלד צוויי־דריטל פֿון די מער ווי 200 פֿראַנצויזיש־קאַנאַדישע משפּחות וואָס האָבן קינדער אין דעם עלטער פֿון 6 ביז 14 יאָר, זייערע קינדער אין די שטאַטישע שולן און בלויז אַריבער אַ דריטל אין די פּאַראָכיאַלע שולן[15]. אין דער קאָלאָניע זונדערלאַנד האָט מען געמוזט אויפֿגעבן דעם געדאַנק צו בויען אַ פּויליש־פּאַראָכיאַלע שול דערפֿאַר, ווייל עס האָט געפֿעלט די אונטערשטיצונג פֿון דער באַפֿעלקערונג[16]. ענלעכע ביישפּילן וואָלט מען געקאָנט ברענגען אין די הונדערטער.

2. די קאַטוילישע באַפֿעלקערונג אין לאַנד וואַקסט אַסך שנעלער ווי דאָס קאַטוילישע קינדער־שול וועזן. פֿון 1880 ביז 1920 האָט זיך די קאַטוילישע באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַרדרייפֿאַכט, זי איז אויסגעוואַקסן, לויט שאַונעסין, פֿון 6,259,000 ביז 19,828,000, בעת די קאַטוילישע עלעמענטאַר־שולן האָבן זיך פֿאַר דער צייט פֿאַרגרעסערט אויף אומגעפֿער אַנדערטהאַלבן מאָל. אויף ווי ווייט די דאָזיקע פֿאַרגרעסערונג איז געווען אָפּהענגיק פֿון אימיגראַציע פֿון אויסלאַנד, קאָן מען זען פֿון די פֿאָלגנדיקע אָפֿיציעלע ציפֿערן פֿון דעם בילדונג־דעפּאַרטמענט פֿון דער קאַטוילישער וועלפֿער קאָנפֿערענץ: פֿון 1884 ביז 1938 האָט זיך די צאָל קאַטוילישע עלעמענטאַר־שולן פֿאַרגרעסערט אויף 163.9 פּראָצענט; נעמט מען אָבער די יאָרן זינט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די איינוואַנדערונג פֿון קאַטאָליקן איז דראַסטיש געשניטן געוואָרן צוליב די קוואָטע־געזעצן, באַקומט זיך שוין אַ גאָר אַנדער בילד. פֿון 1920 ביז 1942 איז דער וואוקס שוין געווען ניט מער, ווי 22,4 פּראָצענט; פֿון 1932 ביז 1942 איז די פֿאַרגרעסערונג געווען ווייניקער ווי איין פּראָצענט[17]. די צאָל תּלמידים אין אַלע קאַטוילישע לערן־אינסטיטוציעס, אָנהייבנדיק פֿון די עלעמענטאַר־שולן און ענדיקנדיק מיט די קאָלעדזשעס און אַקאַדעמיעס, האָט זיך פֿאַר די 22 יאָר, אמת, פֿאַרגרעסערט פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי די צאָל שולן. אָבער די פֿאַרגרעסערונג איז געווען אין גאַנצן אין דער דעקאַדע 1920־1930, פֿון 1930 ביז 1942 איז די צאָל תּלמידים געבליבן אויף איין פּונקט; פּאַקטיש זיך עטוואָס פֿאַרקלענערט: 10,439 שול־אינסטיטוציעס מיט 2,598,669 תּלמידים אין 1930, 10,553 שול־אינסטיטוציעס מיט 2,587,124 תּלמידים אין 1942[18]. געוויס האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אין 1929 און האָט אַסך שטאַרקער געווירקט אויף דעם פּאַראָכיאַלן שול־וועזן וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פֿון די רעליגיעזע גרופּעס און ניט פֿון דער מלוכה, ווי אויף די פֿאָלקס־שולן, אָבער אַז די דאָזיקע ראָלע איז ניט געווען קיין דעצידירנדיקע קאָן מען זען פֿון דעם פֿאַקט, וואָס פֿון 1928

ביז 1942 איז די צאָל תּלמידים אין די קאַטוילישע מיטל־שולן געוואָקסן פון 225,845 ביז 385,126 [19]). דער קלאָרער זין פון די געבראַכטע ציפערן איז אַ דרייענדיקער: 1) געבורט־קאָנטראָל האָט זיך שטאַרק אַריינגעריסן אין דער קאַטוילישער באַפעלקערונג ניט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון דער קירכע; 2) קאַטאָליקן ווייזן אַרויס אַ שטייגענדיקע טענדענץ צו שיקן זייערע קינדער אין די עפנטלעכע שולן; 3) אפילו די פּראָפעסיאָנעלע קאַטוילישע אינ־טעליגענץ: גלחים, לערערס, געזעלשאַפטלעכע טוערס וכדומה — באַנוצט זיך אויך אַלץ מער און מער מיט די עפנטלעכע אינסטיטוציעס פאַר איר אַלגעמיינער בילדונג און גייט אין די קאַטוילישע אינסטיטוציעס צו דערגאַנצן איר אַלגעמיינע בילדונג מיט ספּעציאַליזירטע למודים. מיט דעם דערקלערט זיך די געענדערטע באַציאונג פון די קאַטאָליקן צו די פאַרשיידענע פאַרזוכן אומדירעקט אַריינצופירן דעם לימוד פון רעליגיע אין די אַמעריקאַנער פאָלקס־שולן. אַמאָל האָבן עס קאַטאָליקן באַקעמפט, היינט געהערן זיי צו די הייסטע אָנהענגער פון אָט דעם רעגרעסיוון איינפיר.

3. די קאַטוילישע פּאַראָכיאַלע שולן הערן אויף צו זיין עטנישע שולן. וואָס העכער עס שטייגן די אַספּיראַציעס פון דער קאַטוילישער קירכע צו ווערן די מערהייט־קירכע אין אַמעריקע, אַלץ קלענער ווערט איר אינטערעס אין עטנישער אָפּגעזונדערטקייט. אַ רעליגיע, וואָס האָט די אַמביציע צו איינעמען אַ לאַנד, קאָן ניט בויען בלויז אויף מינדערהייט־גרופּעס. ווערן דעריבער פרעמדע שפּראַכן כמעט אין גאַנצן אַרויסגעשטופּט פון די קאַטוילישער עלע־מענטאַר־שולן און פאַרנעמען אַ קלענערן אָרט אין דעם קוריקולים פון די מיטל־און הויך־שולן. נאָך מער: די קאַטוילישע מיטל־שולן גייען ביסלעכוויס אַרויס פון דעם רשות פון די באַזונדערע קלויסטערס און בעמען אַלץ מער און מער אָן דעם כאַראַקטער פון אינסטיטוציעס וואָס דאַרפן באַדינען גאַנצע שטעט. נאָך אין 1934 האָבן סילקאָקס און פישער, נאָך אַן אויספאָרשונג פון פּראָטעסטאַניש־קאַטוליש־יידישע באַציאונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פעסטגעשטעלט:

> די קאַטוילישע קירכע האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעקערט פון דעם געדאַנק פון פּאַ־ראָכיאַלע מיטל־שולן און האָט, אָנשטאָט דעם, געזוכט צו אַנטוויקלען קאָמונאַלע מיטל־שולן [20]).

באַטירלעך קאָנען אַזעלכע שולן זיך ניט שטעלן קיין עטנישע צילן. זינט דאָס איז געשריבן געוואָרן, האָט זיך די טענדענץ פון דער קאַטוילישער קירכע צו פאַרוואַנדלען איר שול־וועזן אין אַ ריין־רעליגיעזער אינסטיטוציע אָן צו אָנהענגען איר וועלכע עס איז עטנישע כוונות פאַרגרעסערט. בנוגע צו די פּאַ־

ראַכיאַלע קאַטוילישע שולן פון די אירלענדער אין יאַנקי סיטי זיינען וואָרנער און סראָל געקומען צו דעם אויספיר:

די שול, ווי די קירכע, איז מער ניט עטניש אי אין אַ נאַציאָנאַלן אי אין אַ רעליגיעזן זין, נאָר בלויז אין דעם רעליגיעזן זין אַליין. די עטנישקייט פון שול און קירכע ליגט אין זייער קאַטוילישקייט, וואָס זוכט ווייטער צו אָרגאַניזירן די גרופּע ווי אַן אויסגעשפּראָכענע געמיינדע [21]).

אַמאָל איז די קאַטוילישע קירכע געווען איינע פון די וויכטיקסטע צע־מענטירונגס־מיטלען צו האַלטן צוזאַמען פרעמד־שפּראַכיקע קאָלאָניעס; היינט, ווען זי וויל איר רעליגיעזע געמיינדעשקייט אויסשפּרייטן אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג, זיינען די דאָזיקע קאָלאָניעס פאַר איר אַ שטער, ווייל זיי גיבן דעם קאַטוילִיציזם אַן אידענטיפיקאַציע פון מינדערהייט און אויסלענדישקייט. אַן ענלעכע טענדענץ האָבן נאָך פריער אַרויסגעוויזן די פּראָטעסטאַנטישע פּאַר־אָכיאַלע שולן. אַזוי אַז ניט בלויז די מלוכהשע שול־סיסטעם, נאָר אויך די רע־ליגיעזע, יאָגן איצט אונטער די נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע פון די עטנישע גרופּעס.

## ג. פּאָליטישע טעטיקייט

אין 1890 האָט דער אימיגראַציע־קעגנער ריטשמאָנד מאַיאָ סמיט גע־שריבן:

דאָס אויסנוצן פּאָליטישע רעכט... גיט זיי [אימיגראַנטן] אַ העכערן סטאַטוס, ווי דער, צו וועלכן זיי זיינען געווען צוגעוויינט אין דער היים, און דאָס בינדט זיי נאָטירלעך צו צו דעם נייעם לאַנד [22]).

די „נייע" אימיגראַנטן, ווי די „אַלטע", האָבן קיין אייגענע פּאָליטישע פּאַרטייען ניט געגרינדעט, הגם פון זיי — פון די „נייע" — זיינען, ווי מיר האָבן געזען, אַרויסגעקומען די שפּראַך־סעקציעס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אויבן האָב איך ציטירט, וואָס האַנסען האָט געזאָגט וועגן דעם קאָנ־סערוואַטיזם פון די אימיגראַנטן; דער דאָזיקער קאָנסערוואַטיזם שפּייזט זיך פון דעם פאַקט, וואָס אין אַמעריקע זיינען אַ סך אימיגראַנטן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אַריינגעטראָטן אין די באַזיצנדיקע קלאַסן. אָבער ביז זיי דער־גרייכן עס, זיינען זיי גוטער מאַטעריאַל פאַר ראַדיקאַלע באַוועגונגען. דער כאַ־ראַקטעריסטישער שטריך פון דעם אימיגראַנטישן ראַדיקאַל איז דאָס, וואָס ער הייבט זיך אָן באַטייליקן אין דעם פּאָליטישן לעבן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן נאָך איידער ער ווערט אַן אַמעריקאַנער בירגער. די דאָזיקע טעטיקייט זיינע,

האָבן מיר געזען, האָט אי אַן עטניזירנדיקע אי אַן אַסימילירנדיקע אויסווירקונג. באַוואוסטזיניקע ראַדיקאַלן זיינען אַ מינדערהייט אין יעדער אימיגראַנטן־גרופּע אָבער די „באָסעס" פון די פּאָליטישע פּאַרטייען פאַרזעען ניט די מערהייט. און זוכן זי וואָס פריער אַריינצוציען אין דער גרויסער ווייל־מאַסע. ברייס באַשרייבט אַ סצענע, וואָס ער האָט אין די אַכציקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט געזען אין אַן אַמעריקאַנער געריכט, וואו מען האָט איינגעשוואָרן נייע בירגער:

> סטאַדעס שמוציקע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס געהאַט אַראָפּגעקומען פון אַן אימיגראַנטן־שיף, און האָבן עס אפשר טאַקע געטאָן מיט בלויז אַ פּאָר וואָכן פריער... זיינען דורך אַ וואָרד־אַגענט פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיי געפּאַקט, געבראַכט געוואָרן פאַר אַ ריכטער... און גלייך אַוועק־געשטעלט געוואָרן אויף דעם [שטים]־צעטל [23]).

זינט מאַסן־אימיגראַציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, זעט מען מער ניט אַזעלכע סצענעס, אָבער זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען אויך ניט געדאַרפט אָנקומען צו אַזעלכע מיטלען כדי די אימיגראַנטן צו נאַטוראַליזירן: זיי האָבן זיך אַליין געאיילט צו ווערן בירגער אַזוי שנעל, ווי דאָס געזעץ האָט דאָס דערלויבט. בירגערשאַפט האָט זיי געגעבן אַ חלק אין אַמעריקע. וואָס די באַציאונג פון דעם אָרום זאָל ניט האָבן געווען לגבי דעם אימיגראַנט, ווי שטאַרק מען האָט מצד געוויסע קרייזן ניט געהעצט קעגן אים, ווי פאַרשעמט ער איז ניט געווען סאָציאַל און דערשלאָגן עקאָנאָמיש, — האָט ער אָבער אויף דער פּאָליטישער וואָג געוואויגן פּונקט אַזוי פיל, ווי דער „אַריסטאָקראַטישסטער" אַמעריקאַנער. מען האָט אים פון אַסך זאַכן געקאַנט פאַרשטויסן, אים אין אַסך פּלעצער ניט אַריינגעלאָזן, — אָבער מיט זיין שטימע האָט ער געקראָגן אַ דעה אין דער פירונג פון דעם לאַנד. ער האָט באַקומען אַ געפיל „פון באַלאַנגען". אין זיינע אייגענע אויגן, לכל הפּחות, האָט ער אויפגעהערט צו זיין אַ פרעמדער.

דאָ איז נייטיק אונטערצושטרייכן נאָך איין סיבה, צו די וואָס זיינען אַנאַ־ליזירט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך פאַרוואָס עס האָבן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט אויסגעבילדעט קיין עטנישע פּאָליטישע פּאַרטייען. די איבערוועגנדיקע מערהייט אימיגראַנטן זיינען ניט געוואָרן בירגער אין לאַנד אויף דעם אופן ווי ברייס האָט עס באַשריבן. די מיינסטע אימיגראַנטן האָבן געדאַרפט נאָכקומען אַלע פאָדערונגען פון געזעץ. דאָס מיינט, אַז זיי זיינען געוואָרן בירגער ערשט נאָך דעם, ווי זיי זיינען געווען אין לאַנד מינימום פינף יאָר, האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ היפּשע מאָס עקאָנאָמישע צופּאַ־סונג און שוין געווען אויפן וועג פון פאַרנעמען אַ באַשטימטן אָרט אין דער סאָציאַלער שיכטונג. ווען זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט צו שטימען, האָבן זיי

דעריבער שוין געהאַט אויסגעפֿורעמטע עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס זיי האָבן געוואָלט מיט זייער פּאָליטישער טעטיקייט פֿאַרטיידיקן. די דאָזיקע אינטערעסן זיינען שוין, אין גרויסן גאַנצן, ניט געווען פֿאַרבונדן מיט זייער עטנישער סביבה. בירגערשאַפֿט־פּאַפּירן זיינען אַן אַרויסגאַנג־וויזע פֿון דער עטנישער גרופּע און אַן אַריינטריט־קאַרטע צו דער אַמעריקאַנער נאַציע.

ווען דער אימיגראַנט דערגרייכט אַ מאָס עקאָנאָמישע סטאַביליזאַציע, ווערט אַ בירגער און קליבט זיך אַרויס אין אַ שענערער דירה, — הייבט ער זיך ביסלעכווייז אויך אָן צו דערנענטערן צו זיינע שכנים און מיטאַרבעטער פֿון אַן אַנדער עטנישן אָפּשטאַם. זיינע באַריר־פּונקטן דרויסן פֿון זיינע אייגענע עטנישע ראַמען האַלטן זיך אין איין מערן. ער ווערט ביסלעכווייס אַקטיוו אין אַלגעמיין־פּאַטריאָטישע און געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן און שליסט זיך אָן אין אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אַ געמישטע מיטגלידערשאַפֿט. עס קריסטאַליזירט זיך ביי אים ביסלעכוויס אויס אַ קאָמונאַלער אינטערעס, וואָס שפּרייזט אַריבער איבער די גרעניצן פֿון געטאָ־באַדערפֿנישן. אפֿילו רעליגיעזע מחיצות ווערן אָפּט אָפּגעטעמפּט אין דעם פּראָצעס פֿון אַלגעמיינער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג — ביי דעם ערשטן דור אַסך מער ווי ביי דעם אימיגראַנט; ביי דעם צווייטן דור אַסך מער ווי ביי דעם ערשטן, א. אז. וו. פֿון דעם נעמען זיך די פֿאַרשיידענע אינטערעליגיעזע טעטיקייטן און אָרגאַניזאַציעס. די מערסטע פֿילאַנטראָפּישע לאָקאַלע אינסטיטוציעס פֿון אַלע רעליגיעזע גרופּעס זיינען פֿאַראייניקט אין שטאַטישע „קאָמיוניטי טשעסטס" און באַקומען זייערע בודזשעטן פֿון אַלגעמיינע שטאַטישע קאָמפּאַניעס, אין וועלכע די באַזונדערע רעליגיעזע גרופּעס באַטייליקן זיך אויף אַן אָרגאַניזירטן אופֿן. אין 1932 האָבן 800 אָפּטיילונגען פֿון דער יאַנג מענס קריסטיאַן אַסאָסיאיישאַן געהאַט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן 764,068 מיטגלידער. פֿון זיי האָבן 80.5 פּראָצענט אַרויסגעוויזן אַ פּרעפֿערענץ פֿאַר דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע, 13.4 פּראָצענט פֿאַר דער קאַטוילישער קירכע, 3.3 פּראָצענט פֿאַר די יידישער סינאַגאָגע און 2.8 פּראָצענט פֿאַר די קירכעס פֿון אַנדערע גלויבנס [24]).

ווי מיר האָבן געזען אין דער ערשטער טייל, איז די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע פֿול מיט ווידערשפּרוכן און ווייט ניט אַלע געניסן פֿון איר אין אַ גלייכער מאָס; אָבער אין גאַנצן אויסגעשלאָסן פֿון איר איז פֿונדעסטוועגן קיינער ניט. אפֿילו די, וואָס די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע שפּרייט איבער זיי ניט אויס איר׳ע שוץ־פֿליגלען, האָבן אויך די אילוזיע, אַז זיי זיינען באַשטאַנד־טיילן פֿון דעם אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישן אָרגאַניזם. דורך פּאָליטישער טעטיקייט, גראָבט די דעמאָקראַטישקייט פֿון אַמעריקע אונטער די גרופּעשקייט פֿון די עטנישע מינדערהייטן. אין די ווערטער פֿון וואָרנער און סראָל:

עס איז אַ פּאַראַדאָקס, אַז די קראַפט פון דער אַמעריקאַנער עקוואַליטאַרישקייט, וואָס פּרואווט מאַכן אַלע מענטשן אַמעריקאַניש און גלייך, און די קראַפט פון דעם קלאַסן־סדר, וואָס באַשאַפט אונטערשיידן צווישן עטנישע פעלקערשאַפטן, האָבן זיך פאַראייניקט צו אויפלייזן אונדזערע עטנישע גרופּעס [25]).

## ד. רעקרעאַציע

די ראָלע פון רעקרעאַציע ווי אַ צעמענטירונגס־מיטל פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליטעט איז ממש ניט אָפּצושאַצן. מיר האָבן אַסך גערעדט פון דער טיראַניי פון דער מערהייט; אין פאַרווייִלונג פאַרוואַנדלט זי זיך אין דעם פאַר־גניגן פון אַלע.

אַ צאָל אַמעריקאַנער פאַרווייִלונגען טראָגן דעם צייכן פון די רעליגיעזע רעוויוואַלן, וואָס וועגן זיי האָב איך גערעדט אין דער ערשטער טייל. זיי רופן אַרויס אַ ברענענדיקן עקסטאַז וואָס צינדט אָן אַלע צוקוקערס און צוהערערס. ווען מאַסן געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון אַט דעם עקסטאַז, עקזיסטירט פאַר זיי אַבסאָלוט גאָר ניט אויסער דער בריענדיקער עמאָציאָנעלער איבערלע־בונג. עס פאַרשווינדן אונטערשיידן פון קאָליר, עס ווערן אָפּגעווישט עטנישע דיפערענצן און קלאַסן־ליניעס — עס איז דאָ בלויז די גליענדיקע לאַווע פון אַ פייער־שפּייענדיקער מאַסע. אַזעלכע סצענעס זעט מען ביי בייסבאָל־שפּילן, פערד־געיעגן, פעכט־קאָנטעסטן, באָקס־מעטשן, פוטבאָל־פאַרמעסטן א. אַז. וו. וואָרנער און סראָל ציטירן פון אַן עדיטאָריעל וואָס איז דערשינען אין אַ יאַנקי סיטיער צייטונג: „ווען איר רעדט פון דעם אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ — די פוטבאָל שפּיל קומט צו נענטער צו אויספילן די ראָלע פון אַ שמעלצער אידער וואָסער עס איז אַנדערע באַוועגונג" [26]).

אין די מאַסן־פאַרווייִלונגען גיסט זיך דער יחיד אויף אין דעם כלל, אָבער אפילו די פאַרווייִלונגען און רעקרעאַציעס, וואָס אין זיי בלייבט דער יחיד אַ יחיד, האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויך אָפט אַ טענדענץ צו פאַנאַנדער־שמעלצן גרופּע־באַזונדערקייט. גענוג צו דערמאָנען: די אַלגעמיינע ליטעראַ־טור און פּרעסע, קינאָ און טעאַטער, אויטאָמאָביל און ראַדיאָ. דאָס פאַרברענגען פון מער ווי אַ העלפט פון דער יוגנט אין ניו יאָרק באַשטייט, לויט דער אויס־פאָרשונג פון נעטי פּ. מעקגיל און עלען נ. מעטיוס, פון לייענען, קינאָ און טעאַטער, ראַדיאָ, אַטלעטישע שפּילן און איבונגען און אויפנעמען און באַזוכן פריינט [27]). מיט דער אויסנאַם פון דעם לעצטן, און דאָס אויך בלויז טיילווייז, האָט יעדער איינע פון די אויסגערעכנטע פאָרמען פון פאַרווייִלונג אַ דענאַטני־זירנדיקע אויסווירקונג. ווי מען פאַרווייִלט זיך אין דער גרויסער ניו יאָרק, אַזוי, האָבן די לינדס געפונען, פאַרווייִלט מען זיך אין דער קליינער מידלטאָון,

אַזוי, האָבן אַנדערע פאָרשערס געפונען, פאַרווילט מען זיך איבער גאַנץ אַמעריקע.

דאָס קינד פון דעם אימיגראַנט, שוין אָפּגערעדט פון דעם אייניקל, לייענט ניט די עטנישע פּרעסע, אָבער דערפאַר לייענט עס שוין גאָר געשמאַק די אַמעריקאַנער צייטונג און דעם אַמעריקאַנער זשורנאַל, און האָט ניט וויניקער פון דעם יאַנקי הנאה פון די „פאַניס״. דער אויטאָמאָביל האָט פאַראורזאַכט אַ רעוואָלוציע אין אַמעריקע — אין דעם לעבן פון דעם עטניקער אַזוי גוט ווי אין דעם לעבן פון דעם יאַנקי. דער אויטאָמאָביל האָט דעם אימיגראַנט, חוץ אַלעמען, געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן כאָטש אויף אַ ווײַלע דאָס שמוציקע געטאָ און פאַרברענגען אין דער ברייטער אַמעריקע; צו האָבן פאַרגעניגן פון דער שענקייט פון דעם לאַנד און ניט דאַרפן דערביי אויסשטיין די חוזק־באַציאונג פון די סנאָבישע נאַטיוון. זיצנדיק ביי דעם רעדל פון אויטאָמאָביל, פילט דער אימיגראַנט, אַז ניט נאָר דער דיל פון זיין מרא־שחורה־דיקער דירה, אויך דער אַספאַלט פון דעם רחבותדיקן שאָסיי איז זיינס.

די קאָלאָסאַלע ווירקונג פון קינאָ אויף דער אַמעריקאַנער פּסיכיק האָבן פאַרנאָטירט די לינדס אין 1929, ווען זיי האָבן באַזוכט מידלטאַון צום ערשטן מאָל, און דאָס באַשטעטיקט מיט נאָך מער קראַפט אין 1937, ווען זיי זיינען דאָרט געווען צום צווייטן מאָל. אינטערעסאַנט ביז גאָר איז די סטאַטיסטיק, וואָס וואָרנער און לאַנט האָבן פאַרעפנטלעכט אין דעם ערשטן באַנד פון זייער שטודיע וועגן יאַנקי סיטי:

> כמעט אַלע מענטשן אין דעם עלטער צווישן 17 און 25 יאָר זיינען געגאַנגען אין קינאָ צום ווינציקסטן איין מאָל אין צוויי וואָכן. ווי אַ טעאַטער־דינער האָט זיך אויסגעדריקט, זיינען אפילו טשודנע מענטשן פון 17 ביז 25 יאָר אַלט, וואָס האַלטן זיך איינגעשלאָסן אין זיך אַליין די גאַנצע צייט, אויך געקומען אין קינאָ [28]).

די יאַנקיס פון יאַנקי סיטי זיינען אין 25 טעג דורכשניטלעך געווען 2.18 מאָל אין קינאָ, די עטניקערס — 2.43 מאָל [29]). צעטיילט אויף רעליגיעזע ליניעס איז דאָס בילד פון דעם קינאָ־באַזוך אין משך פון אָט די 25 טעג ווי פאָלגט:

| | |
|---|---|
| קאַטאָליקן .............. | 2.31 מאָל |
| פּראָטעסטאַנטן .......... | 2.12 ״ |
| גריכישע אָרטאָדאָקסן .... | 1.40 ״ |
| יידן .................. | 2.33 ״ |
| אָן־גלויביקע ............ | 2.42 ״ |

לויט עטנישער גרופּירונג געט דאָס בילד אויס אַזוי [30]:

| | | | |
|---|---|---|---|
| יאַנקיס | 2.18 מאָל | אַרמעניער | 3.60 מאָל |
| אירלענדער | 2.38 ״ | פראַנצויזן | 2.35 ״ |
| גריכן | 2.56 ״ | איטאַליענער | 2.33 ״ |
| יידן | 2.38 ״ | נעגערס | 6.0 ״ |
| פּאָליאַקן | 2.39 ״ | רוסן | 3.0 ״ |

די מחברים באַווייזן אַז די באַזוכערס רעקרוטירן זיך פון אַלע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע שיכטן. די רייכסטע שטעלן צו אַ העכערע פּראָפּאָרציע באַזוכער, ווי עס קומט זיי לויט זייער צאָל, און בלויז די סאַמע אָרעמסטע שטעלן צו אַ קלענערע צאָל, ווי זייער פּראָפּאָרציע. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דער כמעט איינהייטלעכער סטאַנדאַרט פון די עטניקערס. מיט אַסך באַרעכטיקונג מאַכט פּראָפעסאָר פראַנציס בראַון די קאַטעגאָרישע באַהויפּטונג: „האָליוואוד האָט אַמעריקאַניזירט דעם אימיגראַנט״ [31].

אויב דער אויטאָמאָביל האָט פאַר די עטניקערס געעפנט די געאָגראַפישע אַמעריקע, אויב די קינאָ האָט זיי אַריינגעפירט אין די רייכסטע היימען פון דער אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַטיע, — האָט די ראַדיאָ אַריינגעטראָגן אַמעריקע צו זיי אין שטוב. די לעצטע פעסטונג פון גרופּעשער אָפּגעשלאָסנקייט — די היים — איז איינגענומען געוואָרן. ניטאָ מער קיין אָפּגעגרעניצטער עטנישער אינדזל.

דאָס, וואָס עקאָנאָמישע איינאָרדנונג, פּאָליטישע טעטיקייט, געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונג און בילדונג הייבן אָן פון דרויסן, פאַרענדיקט רעקרעאַציע פון אינעווייניק. קעגן די ערשטע שטעלט זיך נאָך אַמאָל דער עטניקער, אָדער ער פּרוּווט זיי אָפּוועגדן פון זייער אומפאַרמיידלעכן אַסימילירנדיקן אויסגאַנג; פון די לעצטע האָט ער הנאה.

## ה. געמישטע חתונות

דר. קריסטין גאַליטצי טיילט איין דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין דריי עטאַפּן: 1) דער עקאָנאָמיש־טעכנאָלאָגישער עטאַפּ, וואָס פאָדערט צופּאַסונג צו נייע אַרבעטס־מעטאָדן; 2) דער קולטורעלער עטאַפּ, וואָס באַטייט דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַלטע קולטור־שטריכן און דאָס אַדאָפּטירן נייע; 3) דער עטנישער עטאַפּ, וואָס שליסט איין געמישטע חתונות. די איינטיילונג איז אַ ריכטיקע, אָבער עס גייט ניט אַלע מאָל אין דעם געגעבענעם

סדר. אין אַזאַ אוממשפּחהדיקער איינוואַנדערונג, ווי עס איז געווען די „גייע״, הייבט זיך אַסימילאַציע אַמאָל אָן מיט דער געמישטער חתונה; זי העלפֿט צו אין דער עקאָנאָמישער איינאָרדנונג און שטויסט צו קולטורעלער צופּאַסונג. פּראָפֿעסאָר יוליוס דרעקסלער, וואָס מיט זיין גרינטלעכער אויספֿאָרשונג פֿון געמישטע חתונות וועלן מיר זיך באַלד באַקענען, ניט דעם ווייטערדיקן סך הכל פֿון די סיבות וואָס פֿירן צו געמישטע חתונות:

עודף פֿון מענער אין חתונה־עלטער איבער פֿרויען אין חתונה־עלטער, העכערונג פֿון דעם עקאָנאָמישן סטאַטוס, און אַ פֿאַרקלענערונג אין דער אינטענסיווקייט פֿון דער גרופּע באַוואוסטזיניקייט אָדער אין דער באַציאונג פֿון גרופּע־סאָלידאַריטעט. אין דעם ערשטן דור איז דער ערשטער פֿון די דאָזיקע פֿאַקטאָרן דער צום מייניסטןווירקזאַמער; אין דעם צווייטן דור שפּילן די לעצטע די וויכטיקסטע ראָלע. דער פֿאַקטאָר פֿון עקאָנאָמישן סטאַטוס בלייבט אומגעפֿער קאָנסטאַנט צווישן די צוויי אַנדערע[32]).

קיין אינדיווידועלער אַקט האָט ניט אַזאַ צעטרייסלענדיקע ווירקונג אויף גרופּישער אַפֿיליאַציע, ווי אַ געמישטע חתונה. זעלטן־ווען לאָזט אַזאַ חתונה איבער אומפֿאַרענדערט די באַציאונגען צווישן די חתונה־געהאַטע און זייער עטנישער סביבה. די קינדער, וואָס קומען אַרויס פֿון אַזעלכע חתונות, מוז מיט דער גרופּע לכל הפּחות פֿון איינעם פֿון זייערע עלטערן ענדגילטיק רייסן. פֿאַר זיך אַליין איז אַ געמישטע חתונה אַן אויסדרוק פֿון לויזקייט אָדער אינדיפֿערענץ אין דער באַציאונג פֿון דעם נוגע בדבר צו זיין עטנישער אָדער רעליגיעזער גרופּע. עס פּאַסירט אָבער זייער אָפֿט, אַז דער חתונה־געהאַטער בלייבט אין זיין אייגענער עטנישער געמיינדע און ברענגט נאָך אַהין אַריין דעם עוזר כנגדו. סביבה באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס די גרופּע־אידענטיפֿיקאַציע פֿון דעם געמישטן פּאָרל. אויב, למשל, אַ ייִד, וואָס האָט חתונה מיט אַ קריסט, בלייבט נאָך דער חתונה לעבן אין אַ ייִדישער סביבה, זיינען די אויסזיכטן, אַז די משפּחה וועט בלייבן ייִדיש. איז די סביבה נאָך דער חתונה אַ קריסטלעכע — וועט דאָס פֿאַרקערטע אומפֿאַרמיידלעך געשען. אָבער אפֿילו אין דעם ערשטן פֿאַל וועט דער רעזולטאַט אויך זיין אַ פֿאַרשנעלערונג פֿון דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס.

אויב מיר זאָלן געמישטע חתונות דעפֿינירן, ווי חתונות וואָס טרעטן אַרויס פֿון דעם קרייז פֿון דער אייגענער סביבה, וועלן מיר זען אַז זיי גייען אויף דריי ליניעס: 1) חתונות, וואָס טרעטן אַריבער עטנישע גרענעצן; 2) חתונות, וואָס טרעטן אַריבער רעליגיעזע גרענעצן, און 3) חתונות, וואָס טרעטן אַריבער ראַסן־גרענעצן. אויף וויפֿיל מיר פֿאַרשטייען אונטער ראַסן־גרענעצן קאָלירן פֿון הויט, זיינען זיי, פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון דעם פּראָבלעם וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, ניט וויכטיק; שוין דערפֿאַר אַליין, ווייל די קינדער פֿון חתונות

**צווישן ווייסע און שוואַרצע ווערן קיין מאָל ניט באַטראַכט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פאַר עפּעס אַנדערש ווי שוואַרצע. מיר וועלן זיך דעריבער קאָנצענטרירן אויף די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס.**

טאַבעלע 8. פּאַרטיילונג פון די חתונות פון פרעמד־געבוירענע חתנים אָדער כלות אין ניו יאָרק שטאַט (חוץ דער שטאָט ניו יאָרק) אין 1929 [33].

| געבוירן־לאַנד פון חתנים | חתונה געהאַט מיט | | |
|---|---|---|---|
| | בירגער פון פאַר. שטאַטן (פּראָצ.) | אַ צווייטער אויסלענדישער נאַציאָנאַליטעט (פּראָצ.) | דער זעלביקער נאַציאָנאַליטעט (פּראָצ.) |
| עסטרייך | 56.4 | 21.8 | 21.8 |
| קאַנאַדע | 68.0 | 6.7 | 25.3 |
| דענמאַרק, נאָרוועגיע, שוועדן | 50.4 | 13.5 | 36.1 |
| ענגלאַנד, שאָטלאַנד, וועלש | 59.6 | 11.4 | 29.0 |
| דייטשלאַנד | 37.1 | 7.4 | 55.5 |
| אונגאַרן | 53.7 | 13.0 | 33.3 |
| אירלאַנד | 43.4 | 10.3 | 46.3 |
| איטאַליע | 64.6 | 3.6 | 31.8 |
| פּוילן | 54.2 | 8.2 | 37.6 |
| רוסלאַנד | 52.6 | 17.6 | 29.8 |
| געבוירן־לאַנד פון כלות | | | |
| עסטרייך | 42.6 | 33.1 | 24.3 |
| קאַנאַדע | 62.8 | 10.7 | 26.5 |
| דענמאַרק, נאָרוועגיע, שוועדן | 32.2 | 8.1 | 59.7 |
| ענגלאַנד, שאָטלאַנד, וועלש | 49.9 | 15.0 | 35.1 |
| דייטשלאַנד | 22.6 | 11.3 | 66.1 |
| אונגאַרן | 34.7 | 27.4 | 37.9 |
| אירלאַנד | 45.0 | 15.8 | 39.2 |
| איטאַליע | 27.6 | 4.0 | 68.4 |
| פּוילן | 40.7 | 10.4 | 48.9 |
| רוסלאַנד | 37.3 | 20.2 | 42.5 |

אַז עס איז אין די פּאַראייניקטע שטאַטן בוכשטעבלעך ניטאָ קיין איין רעליגיעזע אָדער עטנישע גרופּע, וואָס זאָל ניט אַרויסגעבן קיין באַטייטיקע צאָל געמישטע חתונות, קאָן מען זען פון דער טאַבעלע (נומ. 8), וואָס ט. דזש. וואופּטער דזשוניאָר האָט צונויפגעשטעלט פון חתונות אין דעם שטאַט ניו יאָרק (די שטאָט ניו יאָרק גייט דאָ ניט אַריין), אין דעם יאָר 1929, וואָס אין זיי איז אָדער דער חתן אָדער די כלה געווען אַן אימיגראַנט.

אויב עס איז ניט קלאָר פון דער טאַבעלע, וויפיל פון די חתונות מיט אַמעריקאַנער בירגער מען קאָן באַטראַכטן פאַר געמישטע, מחמת צווישן זיי איז זיכער דאָ אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון די זעלביקע עטנישע גרופּעס פון וועלכע עס שטאַמען די חתנים און כלות, קאָן אָבער קיין ספק ניט זיין וועגן דעם באַטייט פון חתונות צווישן פּערזאָנען פון געמישטע נאַציאָנאַליטעטן. די דאָזיקע האָבן אין דורכשניט אויסגעמאַכט 11.7 פּראָצ. פאַר חתנים און 15.6 פּראָצ. פאַר כלות. ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די טאַבעלע איז בלויז פון אימיגראַנטישע חתונות, איז דער פּראָצענט אַ הויכער.

וואָס איז שייך דער שטאָט ניו יאָרק, האָט דר. דרעקסלער געפונען, אויף דעם סמך פון 100,000 חתונה־סערטיפיקאַטן וואָס זיינען דורך דער שטאָט אַרויסגעגעבן געוואָרן צווישן 1908 און 1912, אַז באַלד פערצן פּראָצענט (13.59) פון אַלע חתונות זיינען געווען געמישטע. אָט דער פּראָצענט באַקומט זיך, ווען מען באַטראַכט די אַלגעמיינע צאָל חתונות; פאַרטיילט מען אָבער די דאָזיקע צאָל אויף דורות — באַקומט מען שוין גאָר אַן אַנדער סך הכל. בעת 10.39 פּראָצ. מענער פון דעם ערשטן דור האָבן חתונה געהאַט דרויסן פון זייער אייגענער גרופּע, איז דער פּראָצענט פאַר דעם צווייטן דור — 32.40. ביי פרויען איז די פאַרטיילונג: 10.10 פּראָצענט פאַרן ערשטן דור, 30.12 פאַרן צווייטן. אין פאַרגלייך מיט דעם ערשטן דור, ווייזט דער צווייטער דור אַ פאַרגרעסערונג פון אומגעפער 300 פּראָצענט אין דער צאָל געמישטע חתונות[34]).

אַן ענלעכע לאַגע האָט דר. ברונער געפונען צווישן פאַרמערס. זיין אויספאָרשונג, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט געוואָרן אויף די פריער־דיקע זייטן, איז אויך די גרינטלעכסטע שטודיע וואָס איז ביז איצט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן וועגן געמישטע חתונות אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע געגנ־ביטן. די דאָזיקע שטודיע נעמט אַרום 44,643 אַפּליקאַציעס אויף חתונה־סער־טיפיקאַטן אין די שטאַטן נעבראַסקאַ, וויסקאָנסין און ניו יאָרק (דער לעצטער שליסט ניט איין די שטאָט ניו יאָרק). די אַפּליקאַנטן זיינען אָדער אַליין אי־מיגראַנטן אָדער געבוירטיקע, וואָס אָדער ביי דעם חתן אָדער ביי דער כלה זיינען די עלטערן פרעמד־געבוירענע. בלויז רוראַלע איינוואוינער, מערסטנ־טיילס פון פאַרמס, זיינען געציילט געוואָרן. חוץ אַלע אַנדערע מעלות, האָט די

דאָזיקע שטודיע דעם ספּעציעלן ווערט, וואָס זי נעמט אַרום צוויי פּעריאָדן און גיט דערפאַר אַ מעגלעכקייט אי צו פאַרגלייכן די לאַגע פון פאַר דער ערשטער מלחמה מיט דער לאַגע נאָך איר, אי צו פאַרגלייכן טענדענצן מיט רעאַלע פּראָצעסן. אין נעבראַסקאַ זיינען די צוויי פּעריאָדן: 1909־13 און 1921־25; אין וויסקאָנסין: 1908־12 און 1920־24; אין ניו יאָרק שטאַט: 1908־12 און 1921־25. פון דער גאַנצער צאָל אויסגעפאָרשטע חתונות קומען 57.5 פּראָצענט פון ניו יאָרק שטאַט, די איבריקע 42.5 פּראָצענט איז גלייך אויף גלייך צעטיילט צווישן די צוויי אַנדערע שטאַטן.

ברונער האָט די חתונות איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: 1) חתונות פון אימיגראַנטן אין דער אייגענער עטנישער גרופּע (ברונער נוצט דעם טערמין: ראַסן־גרופּע) האָט ער אָנגערופן אינערלעכער אויסוואַל (אין־טשאָיס); 2) חתונות צווישן אימיגראַנטן פון געמישטע אייראָפּעאישע גרופּעס האָט ער אָנגערופן אינטער־אויסוואַל (אינטער־טשאָיס); 3) די חתונות פון אימיגראַנטן צו געבירטיקע, וועמענס עלטערן זיינען אויך געבירטיקע, האָט ער אָנגערופן דרויסן־אויסוואַל (אַוט־טשאָיס).

עס איז ניט נייטיק אַריינצוגיין אין איינצלהייטן וועגן די ציפערן, וויכטיק זיינען די אַלגעמיינע שלוסן — און זיי באַווייזן, אַז די צאָל געמישטע חתונות איז אין דער לאַנדווירטשאַפט ניט קלענער, נאָר גרעסער, ווי אין די שטעט. צווישן די זין פון אימיגראַנטן איז די טענדענץ צו דרויסן־אויסוואַל צוויי מאָל גרעסער ווי ביי זייערע עלטערן. אין נעבראַסקאַ און ניו יאָרק שטאַט איז כמעט יעדער צווייטע חתונה פון אַ זון פון אַן אימיגראַנט — אַ חתונה פון אַט דעם מין. פאַרגלייכט מען די לאַגע פאַר און נאָך דער ערשטער מלחמה, מערקט מען אַ כסדרדיקן וואוקס אין דער צאָל געמישטע חתונות צווישן אימיגראַנטן און זייערע קינדער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דער צווישן־צייט זיינען אַריינגעקומען אין די דריי שטאַטן אַסך אימיגראַנטן און די דיספּראָפּאָרציע אין דער צאָל מענער און פרויען איז קלענער געוואָרן. פאַר דער מלחמה איז איינע פון יעדע צען חתונות געווען אַ געמישטע, נאָך דער מלחמה — איינע פון יעדע אַכט. דרויסן־אויסוואַל האָט געגעבן אַ קענטיקן שפּרונג אַרויף לגבי אינטער־אויסוואַל. דאָס הייסט: האָט שוין איינער חתונה געהאַט דרויסן פון זיין גרופּע, האָט ער בעסער געוואָלט אַ נאַטיווע כלה איידער אַן אימיגראַנטקע וואָס קומט ניט פון זיין אָפּשטאַם־לאַנד. אין פאַרגלייך מיט פאַר־דער־מלחמה האָט זיך די צאָל דרויסן־אויסוואַל חתונות פאַרגרעסערט: אין נעבראַסקאַ — דריי־און־אַ־האַלב מאָל, אין וויסקאָנסין — פינף מאָל, אין ניו יאָרק — אויף אַ פערטל. דר. ברונער קומט צו דעם אויספיר, אַז הגם די פאַרגרעסערונג אין דער צאָל געמישטע חתונות האָט זיך געמערקט מער צווישן די אָפּשטאַמיקע

פון מערב־אייראָפּע ווי פון מזרח־אייראָפּע, איז זי אָבער צו געפינען ביי אַלע־מען. „די אונטערשיידן, וואָס מען האָט באַמערקט אין דער גאַנצער גרופּע צווישן די צוויי פּעריאָדן, זיינען אָבער געווען קענטיק אין יעדער נאַציאָנאַליטעטן־גרופּע [באַזונדער]. דאָס מיינט, אַז די פּאַרגרעסערונג אין דרויסן־אויסוואַל אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד לגבי דעם פאַר־מלחמה פּעריאָד איז ניט אַן ענין פון איין גרופּע פרעמד־געבוירענע, נאָר אַז אַלע האָבן אין דעם אַ חלק״ [35]).

וואופּטער, דרעקסלער, ברונער און אַנדערע פאַרשערס אויף דעם געביט פון געמישטע חתונות שטרייכן אַלע אונטער דעם אַל־עטנישן פּאַרנעם פון דער דאָזיקער דערשיינונג. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז בעת די צאָל גרופּעס, צווישן וועלכע אימיגראַנטן קלייבן זיך אויס זייער זיווג, איז אַ גאַנץ גרויסע, ווערט אָבער די צאָל איינגעשרומפּן ביי די קינדער פון די אימיג־ראַנטן. די טענדענץ צווישן זיי איז שוין ניט צו זוכן אַ חתן אָדער אַ כלה וואו נאָר סע לאָזט זיך, נאָר צו זוכן זיי צווישן די מער־סטאַביליזירטע און בע־סער־סיטואירטע גרופּעס, דער עיקר — צווישן די אָפּשטאַמיקע פון מערב־אייראָפּע, וועלכע אָדער זיי געהערן אַליין צו דער אַמעריקאַנער „אַריסטאָקראַ־טיע״ אָדער זיינען ניט צו פיל שיכטן אָפּגערוקט פון איר. דרעקסלער באַ־ווייזט, אַז דער ערשטער דור זוכט שדוכים אין אַ קרייז פון 12 נאַציאָנאַליטעטן, דער צווייטער דור פאַרשמעלערט דעם קרייז ביז 6. דרעקסלער דערקלערט:

> דער קענטיקער פּראָצעס פון סעלעקציע אין דעם צווייטן דור רעזולטירט אין דעם אויסקלייב פון אַ גרופּע נאַציאָנאַליטעטן וואָס איז דער עיקר פון צפון־ און צפון־מערב־אייראָפּע [34]).

דאָס איז אַקוראַט, וואָס דר. ברונער האָט געפונען. דרעקסלער מיינט, אַז דאָס בעמט זיך פון דעם, וואָס עס זיינען דאָ אין לאַנד מער אַנגלאָ־זאַקסישע און טעווטאָנישע עלעמענטן ווי אַנדערע, אָבער ברונער באַווייזט, אַז דאָס איז ווייט פון צו זיין די פולע דערקלערונג. איין זאַך איז זיכער: די, וואָס שניידן דורך עטנישע און רעליגיעזע גרענעצן, ווילן זיך בעסער משדך זיין מיט די מער־אַמעריקאַניזירטע גרופּעס. דרעקסלער שטעלט פעסט, אַז די קלענסטע צאָל געמישטע חתונות קומט פאָר צווישן מענטשן פון די העכסטע און ניד־ריקסטע קולטור־פלאַכן און די גרעסטע צאָל — צווישן מענטשן פון מיטעלער קולטור־פלאַך.

„...,דריי פערטל פון די מענער וואָס מישן זיך אין זייערע חתונות״ — זאָגט דרעקסלער — „געפינען זיך אין באַשעפטיקונג־גרופּעס וואָס אַנטשפּרעכן דעם מיטעלען ניוואָ, דהיינו, אין קאָמערץ און האַנדל, אין פאַב־ריקאַציע און מעכאַנישע אונטערנעמונגען, און אין פערזענלעכע און הויז־

דינסטן, בעת בלויז אַרום 10 פּראָצענט זיינען פּראָפעסיאָנאַלן און אַרום 12 פּראָצענט אומקוואַליפיצירטע אַרבעטער. דאָס זעלביקע איז אמת בנוגע צו פרויען וואָס מישן זיך אין זייערע חתונות. כמעט 87 פּראָצענט פון זיי קאָן מען געפינען אין די מיטעלע באַשעפטיקונג־ און קולטור־גרופּעס״ [37]). דאָס איז אַ פאַקט, וואָס עס וועט זיין כדאי אים צו געדענקען ווען די רייד וועט זיין פון יידן. זיין באַטייט איז אַ קלאָרער: געמישטע חתונות הייבן זיך אָן אין אַ גרויסן פאַרנעם דאָן, ווען דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישן און סאָציאַלן פּראָגרעס האָט שוין דורכגעמאַכט די ערשטע עטאַפּן, און פאַרהאַקן זיך ביי די טויערן פון רייכסטע און פאַרנעמסטע משפּחות, וועלכע געהערן צו די עקסלוזיווסטע סאָציאַלע שיכטן. דאָס איז געווען די לאַגע אין דער מעטראָפּאָליע ניו יאָרק פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אזוי איז דאָס אויך געווען אין דער פּראָווינציעלער יאַנקי סיטי ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. די אַריסטאָקראַטיע פון יאַנקי סיטי וואוינט אויף היל סטריט — אַ גאַס, וואָס איז געבליבן עטניקערס־ריין אין משך פון הונדערט יאָר.

ביט וויט פון היל סטריט אין יאַנקי סיטי געפינט זיך וואונסאָקעט, ראָד איילאַנד. דאָרט האָט בעסי בלום וועסעל געפונען אין 1926, אַז 17.8 פּראָצענט פון 2876 חתונות, וואָס האָבן אַרומגענומען 5752 מענטשן, זיינען געווען געמישטע. לויט דורות, זיינען די געמישטע חתונות געווען פאַרטיילט אַזוי: 9.6 פּראָצענט פון די חתונות ביי דעם ערשטן דור זיינען געווען געמישטע; 20.9 ביי דעם צווייטן דור; 40.4 פּראָצענט ביי דעם דריטן און 3/2 דורות (די לעצטע קאַטעגאָריע באַשטייט פון געבירטיקע, וואָס איינער פון זייערע עלטערן איז געבוירן אין אַמעריקע און דער צווייטער אין אויסלאַנד) [38]). ווען מען זאָל פאַר מענטשן פון געמישטן בלוט באַטראַכטן אַזעלכע, וואָס זייערע צוויי באָבעס און צוויי זיידעס זיינען ניט פון דעם זעלביקן שטאַם, וועט זיך באַקומען, אַז 12.6 פון די פראַנצויזיש־קאַנאַדער קינדער אין וואונסאָקעט איז פון געמישטן בלוט; 36.9 פון די ענגלישע; 40.9 פון די אירלענדישע; 8.2 פּראָצענט פון די סלאַווישע; 3.5 פּראָצענט פון די איטאַליענישע און 2.6 פּראָצ. פון די יידישע [39]). דאָ האָבן מיר שוין ניט נאָר קולטורעלע אַסימילאַציע, נאָר אויך ביאָלאָגישע.

## ו. סומירונג

סומירן דעם אינהאַלט פון אָט דעם קאַפּיטל וויל איך מיט די ווערטער פון מאָריץ ר. דייווי וואָס איך ציטיר פון דעם בוך „אייך אַמעריקע״, וואָס איז אין 1945 אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון בראַון און רוטשעק:

אַסימילאַציע ווערט צוגעאײַלט דורך: באַציאונגען וואָס ווערן געבוירן פֿון דערפֿאָלגרייכער צופּאַסונג צו דעם לעבן אין אַמעריקע; עקאָנאָמישע פּראָספּערי־טעט, ספּעציעל ווען עס איז אין קאָנטראַסט צו די באַדינגונגען פֿון שווערקייט און אָרעמקייט אין דעם היימלאַנד; אַ רעאַליזירונג פֿון גרעסערע מעגלעכקייטן דאָ ניט נאָר אויף דעם עקאָנאָמישן געביט, נאָר אויך אין ענינים פֿון געזונט, בילדונג, פּאָליטישן אַנטייל, אַזוי גוט ווי אין פֿרייהייט פֿון געדאַנק און אַקציע; אַ געלעגנהייט זיך אײַנצושאַפֿן אַ העכערן סטאַטוס, וואָס איז צום טייל אַ רעזול־טאַט פֿון דער פֿליסיקייט פֿון קלאַסן ליניעס; סאָציאַלע נאָכמאַכונג פֿון די העכערע קלאַסן; אַ גייסט פֿון פֿרייַנטלעכקייט מצד נאַטיווע אַמעריקאַנער...[40]).

.24

אין דעצעמבער, 1939 איז אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער אַמעריקאַנער היס־טאָרישער געזעלשאַפֿט פֿאָרגעקומען אַ דיסקוסיע וועגן עטנישע גרופּעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. די פֿאַרהאַנדלונגען זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ בוך, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון קאַראָלינאַ פּ. ווער. זי אַליין האָט געהאַט אויף דער פֿאַרזאַמלונג אָט וואָס צו זאָגן:

די גרויסע מערהייט פֿון ניי־געקומענע האָט אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע 100 יאָר געפֿונען דעם וועג צו די שטעט גיכער ווי צו לאַנד. דאָ האָט מען זיי אונ־טערגעוואָרפֿן, טראָץ זייערע געטאָס און קליין־איטאַליעס, צו אַ מיליי, וואָס איז אין אַסך פּרטים די צום מייַנסטן סטאַנדאַרטיזירטע וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען. די רעגימענטאַציע פֿון אינדוסטריעלער דיסציפּלין און די רוטין פֿון שטאָטישן לעבן האָבן אומפֿאַרמיידלעך אויסגעפֿורעמט מענטשן צו אַן אַלגעמיינעם שטייגער פֿון לעבן און האָבן שמעלער געמאַכט דעם קרייז פֿון מערקבאַרע אונטערשיידן און גרופּע־אייגנאַרטן [1]).

פֿון דעם איז צו זען, ווי ווייט עס איז שוין אָוועק דער פּראָצעס פֿון עטנישער אויסגלייכונג. אָבער מען טאָר ניט מאַכן דעם אויספֿיר, אַז דער פּראָצעס איז שוין פֿאַרענדיקט. ווייט ניט. די מיליאָנען אימיגראַנטן וואָס זײַנען נאָך דאָ אין לאַנד; די איבער צוויי־צענדליק מיליאָן אַמעריקאַנער איינוואוינער וואָס האָבן אָנגעגעבן ניט־ענגליש פֿאַר זייער מאַמע־לשון; די מיליאָנען מיטגלידער פֿון די הונדערטער אימיגראַנטישע אָרגאַניזאַציעס; די מיליאָנען לייענערס פֿון דער פֿרעמד־שפּראַכיקער פּרעסע; די טויזנטער לאַנדס־מאַנשאַפֿטן; די נאָך־פֿאַראַנענע גרויסע צאָל געטאָס און עטנישע קאָלאָניעס; די פֿאַרבינדונג פֿון מיליאָנען איינוואוינער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן מיט זייערע קרובים און פֿרײַנט אין אַנדערע לענדער; — אָט דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פֿיזישן יסוד פֿון עטנישער השפּעה, וואָס וועט נאָך אָנהאַלטן אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

דער גייסטיקער יסוד פון דער עטנישער השפעה איז אין אַ באַשטימטן זין נאָך אַ פעסטערער דערפאַר, ווייל ער ווירקט מערסטנטיילס אומבאַוואוסט־זיניק. מען קאָן אים דעריבער ניט אַזוי גרינג צעטרייסלען, ווי דעם פיזישן יסוד. זאָגט טאַקע דזשיימס ברייס אין דער הקדמה צו אַ שפּעטערדיקער אויס־גאַבע פון זיין קלאַסיש ווערק וועגן אַמעריקע, נאָך דעם, ווי ער האָט איינגעזען, אַז די עטנישע גרופּעס פאַרשווינדן ניט אַזוי גיך, ווי ער האָט פאָראויסגעזאָגט בעת די ערשטע אויסגאַבע איז דערשינען אין 1888:

> עס איז קיין מאָל אין ערגעץ ניט געווען אַ סביבה פון אַ מער איבערצייגנדיקער און באַצווינגענדיקער קראַפט ווי די, אין וועלכער דער אימיגראַנט ווערט אַריינגעשליידערט ווען ער קומט אָן אין אַמעריקע. ער שיינט צו צעגיין אין איר אַזוי ווי אַ שטיקל צוקער צעגייט אין אַ גלאָז טיי. און דאָך איז עס ניט מעגלעך פאַר וועמען עס איז ניט צו גלייבן, אַז די השפעה פון ירושה בלייבט [2]).

ווי שטאַרק עס איז דער כח פון אַט דער השפעה קען מען זען אין די צייטן, ווען אייראָפּע ווערט אַריינגעצויגן אין אַ מלחמה, אין וועלכער אַמעריקע באַטייליקט זיך ניט, אָדער ווען עפּעס אַ געפאַר לאָזט זיך אַראָפּ איבער אַ אויסלענדישער מדינה. לויט טאָמאַס בוירדזשעסן, האָבן צווישן 40 און 50 טויזנט גריכן פרייוויליק פאַרלאָזט אַמעריקע אין דער צייט פון דער באַלקאַנישער מלחמה מיט טערקיי, אין 1912, און געפאָרן העלפן גריכנלאַנד געווינען דעם קריג [3]). דרעקסלער ברענגט סטאַטיסטיק צו באַווייזן, ווי גרויס עס איז געווען די צאָל פון די מענטשן, וואָס האָבן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך אומגעקערט פון אַמעריקע צו זייערע היימלענדער, כדי צו קאָנען נעמען אַנטייל אין די שלאַכטן: בלויז אין אַ פּאָר טעג האָבן זיך אין ניו יאָרק אַליין רעגיסטרירט אַרום 3000 דייטשן און אַן ענלעכע צאָל פראַנצויזן. אין איין טאָג — אָקטאָבער דעם 12טן, 1915 — זיינען 2500 גריכן אָפּגעפאָרן פון ניו דזשורזי. איטאַליענער זיינען אָפּגעפאָרן אין אַ דורכשניט פון 3 ביז 5 טויזנט אַ וואָך; זייער סך הכל האָט דערגרייכט אין די הונדערטער טויזנטער. עס האָבן זיך אויך אומגעקערט צענדליקער טויזנטער ענגלענדער, סלאַוון אַ. ז. וו. [4]). כמעט אַלע צוריקגעפאָרענע זיינען געווען אימיגראַנטן, אָבער זייערע דאָ־געבוירענע קינדער און אייניקלעך האָבן — ביז אַמעריקע איז אַליין אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה — אַרויסגעוויזן אָפענע סימפּאַטיע פאַר די לענדער פון זייער עטנישן אָפּשטאַם און געשטיצט די לעצטע מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט.

אַ ווייטערדיקן באַווייז, ווי שטאַרק עס איז נאָך עטנישע השפעה אין די פאַראייניקטע שטאַטן, שטעלט צו דער ניט־קליינער דערפאָלג, וואָס אויסלענדישע

מלוכות האָבן דאָ געהאַט מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אָפּשטאַמיקע פון זייערע לענדער, אַריינגערעכנט דעם צווייטן און דריטן דור. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע איז גראָד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זייער שטאַרק אויסגעברייט געוואָרן, ספּעציעל מצד די טאָטאַליטאַרע רעזשימען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין אַ צאָל לענדער. דער דערפאָלג פון דער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די היגע איטאַליענער און דער נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די היגע דייטשן איז קודם כל דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס ביי גרויסע טיילן זייערע איז די צוגעבונדקייט צו זייערע אַלטע לענדער געווען שטאַרקער, ווי די ליבע צו זייער נייעם לאַנד. אויף איין וואָגשאָל איז געלעגן דער אַלטער נאַציאָנאַליזם אויף דער אַנדערער — אַ נאָך שוואַך־אַנטוויקלטער נייער פּאַטריאָטיזם; אין אַסך פאַלן האָט דער ערשטער איבערגעוואויגן. אַנדערע אויסלענדישע מלוכות, הגם זיי זיינען ניט געווען אַזוי דערפאָלגרייך מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע ווי די טאָטאַליטאַרע רעזשימען, האָבן אויך דערגרייכט היפּשע רעזולטאַטן, ספּעציעל צווישן די שפּעטערדיקע אימיגראַנטן.

דאָס איז נאַטירלעך. די עטנישע קאָלאָניעס פון די „נייע" אימיגראַנטן עקזיסטירן נאָך און די פאַרבינדונג פון זייערע איינוואוינער מיט די עמיגראַציע־לענדער איז נאָך אַן אינטימע. דאָ האָט אָבער אויך געווירקט אַ צווייטער פאַקטאָר. די ערשטע מלחמה האָט נאַציאָנאַל באַפרייט אַ צאָל אונטערדריקטע פעלקער אין אייראָפּע. מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז דאָס זאָל ביסלעכוויס באַפרייען די אימיגראַנטן פון די דאָזיקע לענדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער געקריוודעטקייט און פאַרשנעלערן זייער אינטעגראַציע אין דער היגער סביבה. גלייך נאָך דער מלחמה האָט פלאָריאַן זנאַניעצקי געשריבן:

> די פּאַטריאָטישע עקזולטאַציע וואָס איז אַרויסגערופן דורך דער אונטערדריקונג פון פוילן, דורך די אַלע הכנות פאַר נאַציאָנאַלן קאַמף, דורך די אַלץ דערוואַרטונגען אַז פוילן וועט באַפרייט ווערן — וועט קלענער ווערן גאָר אין גיכן צווישן יענע, וואָס וועלן באַשליסן צו בלייבן דאָ אין לאַנד. עס וועט מער ניט זיין דאָס געפיל אַז עס איז אַ פליכט אויפצוהאַלטן אומבאַשעדיקט פוילישע אידעאַלן, קיין געפיל פון שולדיקייט וועט ניט זיין פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַניזאַציע [5].

דער פּראָגנאָז איז געווען אַ ריכטיקער, ווי די אַנטוויקלונג אין די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר האָט באַוויזן, און ער שטימט אין גאַנצן מיט די טעזן, וואָס איך האָב אויבן פאָרמולירט. אָבער דער אויפשטייג פון פאַשיזם און נאַציזם אין אייראָפּע האָט געשטעלט אין געפאַר די זעלבסטשטענדיקייט פון די באַפרייטע פעלקער און דער נאַציאָנאַליזם פון זייערע אָפּשטאַמיקע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ באַנייטן פלאַם.

דעם פּאַשיאַ־נאַציזם איז אויך געלונגען אַריינצוברענגען אַ געפיל פון נאַציאָנאַלער געקריוודעטקייט ביי עטנישע גרופּעס וואָס האָבן עס פריער ניט געהאַט. אויסנוצנדיק דעם ווערסאַילער שלום, האָבן די נאַציס געהאַלטן אין איין דערמאָנען די דייטשן וויפיל זיי האָבן נאַציאָנאַל פאַרלוירן אין דער מלחמה און די פּאַשיסטן האָבן געהאַלטן אין איין דערמאָנען די איטאַליענער ווי וויניק זיי האָבן געוואונען. פון דער אַנדערער זייט האָט דער פאַקט, וואָס די סאַמע עקזיסטענץ פון ענגלאַנד איז געשטאַנען אין קאָן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ניט געקאָנט ניט האָבן קיין ווירקונג אויף דעם דריטל פון דער אַמע־ריקאַנער באַפעלקערונג וואָס איז פון אַנגלאָ־זאַקסישן אָפּשטאַם. מהאי טעמא זיינען די אַמעריקאַנער אירלענדער געוועזן אַזוי איזאָלאַציאָניסטיש.

עטנישן איינפלוס געפינט מען נאָך אין אַ היפּשער מאָס אין דעם עקאָנאָ־מישן לעבן. פון איין זייט איז נאָך ווייט ניט אויסגעלעבט די טענדענץ פון עטנישע גרופּעס זיך צו קאָנצענטרירן אין געוויסע געביטן פון דער עקאָנאָמישער ווירטשאַפט, סיי ווען זיי פּראָלעטאַריזירן זיך, סיי ווען זיי פאַרנעמען זיך מיט האַנדל, סיי ווען זיי דרינגען אַריין אין די פּראָפעסיעס. מחמת דער דאָזיקער קאָנצענטראַציע, אַזוי גוט ווי מחמת דער געאָגראַפישער קאָנצענטראַציע, שיילן זיך אויס אין יעדער עטנישער גרופּע שיכטן, וואָס זייער עצם עקאָנאָ־מישע עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק פון דער פּרעזערווירונג פון עטנישער אידענ־טיטעט, ווי: כלי קודש, די עטנישע אינטעליגענץ, צושטעלערס פון ספּעציעלע שפּייזן וכדומה. די דאָזיקע שיכטן זיינען ווי רייפן וואָס האַלטן צוזאַמען עט־נישע גרופּעשקייט; זייער גרויסע ראָלע וועט אונדז קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן רעדן וועגן יידן. פון דער אַנדערער זייט איז די דיסקרימינאַציע קעגן געוויסע עטנישע און רעליגיעזע גרופּעס, שוין אָפּגערעדט פון ראַסן־גרופּעס, נאָך אומגעהייער שטאַרק אין די פאַראייניקטע שטאַטן — און דאָס, ווי מיר האָבן געזען, האָט אַלע מאָל געהאַט סיי אַן אַסימילירנדיקע סיי אַן איזאָלירנ־דיקע אויסווירקונג.

אַן עטניזירנדיקער שטריך טראָגט זיך אויך אַריין אין דער פּאָליטיק. פון דעם, וואָס עטנישע גרופּעס האָבן דאָ קיין מאָל ניט געשאַפן קיין אייגענע פּאָ־ליטישע פּאַרטייען, דאַרף מען ניט דרינגען, אַז עטנישע פאַקטאָרן שפּילן גאָר קיין ראָלע ניט אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. מיר האָבן שוין געהאַט געגנוג ביישפּילן זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס איז ניט אַזוי. „איז דאָ" — פרעגן די מחברים פון דער דערמאָנטער אויספאָרשונג וועגן צווישן־רעליגיעזע באַציאונגען, סילקאָקס און פישער, — „אַ קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע אָדער יידישע שטימע"? און זיי ענטפערן: הגם די עקזיסטענץ פון אַזאַ שטימע איז אין נאָרמאַלע צייטן שטאַרק אין ספק, „קאָן זי פונדעסט־

ווענן געשאַפן ווערן מיט דעם אויפהויבן פון געוויסע פּראָבלעמען (אישוס)" [9].
פאַראַן, חוץ אַלעמען אַ קרייז פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישנס וואָס זיינען
פאַראינטערעסירט, אַז דער עטנישער מאָמענט זאָל ניט פאַרשווינדן אין וואַל־
קאַמפּאַניעס.

אכילה איז נאָך אַן עטניזירנדיקער פאַקטאָר, וואָס דאַרף ניט אונטערגע־
שאַצט ווערן. דאָס גאַנצע לאַנד איז באַדעקט מיט רעסטאָראַנען, וואָס צייכענען
זיך אויס מיט זייער סערווירן „היימישע" מאכלים. די גריכישע קאַפע־הייזער
זיינען באַלד אַזוי פאַרשפּרייט צווישן די גריכן אין אַמעריקע ווי אין גריכנ־
לאַנד, — און שפּילן דאָ כמעט די זעלביקע ראָלע אַלס קלובן פאַר מענער.
ספּאַגעטי־הייזער ווערן באַזוכט פון מאַסן אָפּשטאַמיקע פון איטאַליע וואָס האָבן
פאַרלוירן יעדער אַנדערע שייכות מיט די איטאַליענישע קאָלאָניעס אין די פאַר־
איייניקטע שטאַטן. פאַרשיידענע קעזן און געריכערטע פליישן זיינען, זאָגט
פּראָפעסאָר וויטקע, פּונקט „אַזוי פּאָפּולער אין אַמעריקע צווישן די האָלענדער,
ווי אין האָלאַנד" [7]. דאָס באַציט זיך אויך אויף צענדליקער אַנדערע גרופּעס.
פאַר פרומע יידן איז עסן כשר טאַקע אַ מצוה, אָבער „כשר סטייל" רעסטאָראַנען
האָבן שוין גאָר ניט צו טאָן מיט רעליגיע און זיינען אַ פּראָדוקט פון שטייגער.

בכלל ווייזט עטנישע שטייגערישקייט אַרויס אַסך לעבנס־דויער. דר.
קאַרפּענטערס שטודיע פון דער פּויליש־נאַטיווער באַפעלקערונג אין באַפאַלאָ
האָט אים געבראַכט צו דעם אויספיר, אַז „אַסימילאַציע אין היגזיכט פון עקאָנאָ־
מישן פאַרשריט האָט ווייט אַריבערגעיאָגט [אַסימילאַציע] אין געזונט־געוויינ־
הייטן" [8]. שטייגערישקייט ווירקט אומבאַוואוסטזיניק און מענטשן קאָנען זיך
פון איר ניט אויסטאָן אַזוי גיך, ווי פון פּירונגען און מנהגים וואָס זיינען בלויז
אַקאָמאָדאַציע־מיטלען. דעריבער האַלט קולטור איין אַן איינפלוס אויף מענטשן
לאַנג נאָך דעם, ווי די ציוויליזאַציע, וואָס האָט זי געשאַפן, האָט זיך געענדערט.
מיט דער צייט אָבער מוז דער דאָזיקער איינפלוס זיך אויסוועפּן — די שנעלקייט
פון דעם פּראָצעס ווערט באַשטימט דורך דעם טעמפּאָ, מיט וועלכן די געענדער־
טע ציוויליזאַציע רופט אַרויס אַ נייע קולטור. אין אַמעריקע, האָבן מיר געזען,
איז דער טעמפּאָ — טראָץ אַלע אָפּהאַלטן און ניט געקוקט אויף דעם מהלך
צווישן דער קולטור און ציוויליזאַציע — אַ ראַשיקער.

קיינער, זאָגט פּראָפעסאָר קאַלען, קאָן זיך ניט איינשאַפן קיין אַנדער זיידע,
ווי דעם וואָס ער האָט ; דאָס איז אמת, אַ מענטש קאָן זיך אָבער באַפרייען פון
גאָר אַסך פון דער ירושה וואָס דער זיידע האָט אים איבערגעלאָזט. אויב די ירושה
איז אַ גייסטיקע — גייט די באַפרייאונג ניט צו גרינג.

.25

עס איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז די ברוטאַליטעט און ריקזיכטלאָזיקייט, מיט וועלכער אַמעריקע האָט פאַרניכט די ירושה פון די עטנישע ייִדעס און די גייסטיקע ווערטן פון די אימיגראַנטן און ניט ענגליש־רעדנדיקע גרופּעס זאָל סוף כל סוף אַרויסרופן פּראָטעסט. דער פּראָטעסט איז געקומען פון צוויי ריכטונגען. ערשטנס, מצד געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס האָבן, מחמת רייך־הומאַניטאַרישע מאָטיוון, ניט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען די פּערזענלעכע טראַגעדיעס, וואָס די באַרבאַרישע אַמעריקאַניזאַציע האָט פאַראורזאַכט. זיי האָבן ניט געקאָנט רואיק אַריבערגיין איבער דעם צעריסענעם פאַמיליע־לעבן פון די אימיגראַנטן, איבער זייער פּסיכישער דערשלאָגנקייט און סאָציאַלער שפּלדיקייט, איבער זייער פאַרשעמטקייט און פאַרשטויסנקייט. צווייטנס, איז דער פּראָטעסט געקומען פון סאָציאַלע דענקערס, וואָס האָבן מיט צער זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי איינע פון די גרעסטע מעגלעכקייטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע צו שאַפן אַ נייע פאַרבן־רייכע קולטור ווערט געבראַכט אַ קרבן אויף דעם מזבח פון דער טיראַניי פון דער מערהייט. די דאָזיקע דענקערס האָבן אָפּגעשאַצט, ווי גרויס עס איז געווען דער היזוק פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן און דער וועלט אין דער וואַנדאַליסטישער צעשטערונג פון די גייסטיקע אוצרות וואָס זיינען אַהער אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון אַנדערע לענדער. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ווען די דאָזיקע אוצרות וואָלטן אויפגעהיט געוואָרן, וואָלטן זיי געהאָלפן פאַרשיטן דעם תהום צווישן דער קולטור און ציוויליזאַציע. אַמעריקע האָט די געלעגנהייט פאַרשפּילט. זי האָט ניט געוואָלט קיין פאַרבנרייכקייט, ווייל זי האָט זיך אַליין געמאַכט קאָליר־בלינד. זי האָט אינסטינקטיוו מורא געהאַט פאַר איר אייגענער שטאַרקייט. אַזוי גרויס איז געווען די ציוויליזאַטאָרישע גבורה פון די סעטלערס, אַז זיי האָבן זיך אַליין געשמידט אין קייטן פון מאָראַלישן פיליסטערטום, ווי אַ קעגנגעוויכט צו דער געטערברעכעריי פון דעם מאַטעריעלן פּראָגרעס. „דער פּיאָנער" — זאָגט דר. קאַלען — „איז ניט אַ פּשוטער פּרימיטיוו אין אַ פּרימיטיוון לאַנד"; ער איז „אַ ציוויליזירטע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פּרימיטיוו דורך די נויטווענדיקייטן פון זיין סביבה" [1]. אַ ציוויליזירטע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געצוואונגען צו ווערן פּרימיטיוו, ווייסט די געפאַרן פון פּרימיטיווקייט; זי האָט מורא, אַז זי וועט אַרויס פון די האַלאַבליעס אויב זי וועט זיך אַליין ניט צוימען. ריכטיק האָט עס אָפּגעשאַצט דזשאַן דיואי: „מיר זיינען ניט קיין פּוריטאַנער אין אונדזער אינטעלעקטועלער ירושה, נייערט מיר זיינען עוואַנ־

געליש מחמת אונדזער מורא פאַר זיך אַליין און פאַר אונדזער לאַטענטער פראַנ־טיר־אומאַרדנונג״ [2].

פון דעם נעמען זיך די גייסטיקע פּענטעס, אין וועלכע אַמעריקע האָט זיך אַליין אַריינגעקוועטשט. פּונקט, ווי זי איז אינדיווידואַליסטיש אין מאַטעריעלע ענינים, אַזוי איז זי סטאַנדאַרטיזירט אויף גייסטיקע געביטן. זי זוכט באַשטע־טיקונג אויף איר אייגענער כשרות אין דער פּראַקטיק פון די מאַסן. נאָך אַמאָל צו ציטירן דזשאָן דיוואין: „מען האָט אונדז אַזוי געלערנט צו רעספּעקטירן די גלויבנס פון אונדזערע שכנים, אַז וויניק וועלן רעספּעקטירן די גלויבנס פון אַ שכן, ווען זיי טרעטן אָפּ פון די פאָרמען וואָס זיינען געוואָרן אַסאָסיאירט מיט דער אַספּיראַציע פאַר אַן אַנשטענדיקן שכנותדיקן לעבן. דאָס איז דער אומ־ליבעראַליזם וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזער ליבעראַליזם״ [3]. אין אַט דעם ווידערשפּרוך פון אַן אומליבעראַלן ליבעראַליזם איז אויסגערונען די געלעגנהייט צו שאַפן אַ נייעם קולטור־טיפּ אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. די גרויסע גייסטער פון לאַנד האָבן ניט געקאָנט זיך ניט אַרויסלאָזן ראַטעווען וואָס עס איז נאָך געווען מעגלעך צו ראַטעווען.

געזעלשאַפטלעכע טוערס, ווי דזשייקאָב ריס, דזשיין עדעמס, ליליאַן וואַלד, גרייס עבאָט און אַנדערע האָבן זיך גענומען בויען סעטלמענט הייזער, וואו דער אימיגראַנט זאָל כאָטש אַ ביסל זיך פילן אין דער היים; וואו מען זאָל אים באַגעגענען מיט אַ פריינטלעכן האַנט־דרוק אנשטאָט מיט אַ פּאַראַכטנ־דיקן דריי מיט דער נאָז. אין די סעטלעמענט הייזער האָט מען געלערנט דעם אימיגראַנט צו פאַרשטיין אַמעריקע, און זיינע קינדער האָט מען געלערנט אים צו פאַרשטיין. דעם אימיגראַנט האָט מען געלערנט ניט מורא צו האָבן פאַר אַמערי־קע און זיינע קינדער — זיך ניט צו שעמען מיט אים. אין דעם חשכות פון דעם אימיגראַנטישן לעבן זיינען די סעטלמענט הייזער געווען ווי ליכט־טורעמס. אַהער זיינען אימיגראַנטן געקומען זיך אַביסל אָנצואוואַרעמען; דאָ האָבן זיי געפונען אַ ביסל פאַרוויילונג און שבתדיקע אַטמאָספער וואָס האָט זיי אַרויסגע־הויבן פון דער גרויער וואָכיקייט.

די הויפּט־אויפגאַבע פון די סעטלמענט הייזער, וואָס איז שייך צו אימיג־ראַנטן, איז געווען — אַמעריקאַניזאַציע. אמת, אַמעריקאַניזאַציע אָן דער גע־ווינלעכער ברוטאַלקייט; אַמעריקאַניזאַציע מיט סימפּאַטיע, מיט פאַרשטענד־ניש פאַר די געפילן פון דעם אימיגראַנט; אַמעריקאַניזאַציע מיט רחמים און האַרציקייט; קורץ — אַ הומאַניטאַרע אַמעריקאַניזאַציע. אָבער: הגם די דאָזיקע אַמעריקאַניזאַציע האָט געשטרעבט צו דעם אַז די אימיגראַנטן זאָלן זיך מיט וויניקער ליידן צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון דעם לאַנד, איז אָבער איר ענד־ציל סיי ווי סיי געווען — אַסימילאַציע. דאָרט, וואו מען האָט דער־

מוטיקט די אימיגראַנטן און זייערע קינדער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין די מער פּראָגרעסיווע סעטלמענט הייזער, צו אַ פּלעגונג פון זייער אייגענער קולטור, קונסט, האַנט־אַרבעט און נאַציאָנאַלע פאַרווײַלונגס־פאָרמען, — אפילו דאָרט איז דער אויסגאַנג־פּונקט געווען אַ בעסער־איינגעאָרדנטער אויפלייז פון די עטנישע גרופּעס אין דער הערשנדיקער סאָציאַלער סביבה. די אַמעריקאַניזאַציע פון די סעטלמענט הייזער איז דעריבער געווען אַזאַ וואָס האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט די מענטשלעכע געפילן און איבערלעבונגען פון דעם אימיגראַנט, אָבער אין תוך איז זי דאָך געווען אַן איינזייטיקע און פּאַטראָניזירנדיקע. עס איז ניט געווען קיין קלייניקייט — אָט די מענטשלעכע באַציאונג אין אַ צייט, ווען די טענדענץ איז געווען מיט די עמאָציעס און שטימונגען פון דעם אימיגראַנט זיך אין גאַנצן ניט צו רעכענען און אין אַ סביבה וואָס האָט געפאָדערט פון אים מאָמענטאַנע און באַדינגונגסלאָזע פאַרשווינדונג; עס איז ניט געווען קיין קלייניקייט אין אַט אַזאַ צייט און סביבה צו מאַכן דעם אימיגראַנט צו פילן, אַז ער איז אַ פרייער מענטש און ניט בלויז אַן אָביעקט פון עקספּלואַטאַציע. אָבער סוף כל סוף איז די דאָזיקע באַציאונג ווייטער פון טאָלעראַנץ ניט געגאַנגען. טאָלעראַנץ איז אַן אויבן־אַראָפּ באַציאונג פון אַ שטאַרקערן צו אַ שוואַכערן. דער לעצטער האָט נאָר אַזוי פיל רעכט, וויפיל דער ערשטער באַוויליקט אים צו געבן.

אַז דער אימיגראַנט איז געקומען אַהער ניט נאָר צו נעמען, נאָר אויך צו געבן — דאָס איז געווען די ממש רעוואָלוציאָנערע קאָנצעפּציע פון אַ קליינער צאָל דענקערס, וואָס האָט אין דער ניהיליסטישער אַמעריקאַניזאַציע דערשפּירט ניט נאָר די טראַגעדיע פון די עטנישע גרופּעס, נאָר אויך איינגעזען אירע קאַטאַסטראָפישע רעזולטאַטן פאַר דער אַמעריקאַנער קולטור. מיט אַ גוואַלטיקער אינטעלעקטועלער און סאָציאַלער געוואַגטקייט זײַנען די דאָזיקע דענקערס אַרויסגעטראָטן ניט נאָר קעגן די ריקזיכטלאָזע פאָרמען פון דער אַסימילאַציע, נאָר קעגן דער אַסימילאַציע גופא. זיי האָבן אָפּגעפרעגט דאָס רעכט פון דער אַמעריקאַנער „אַריסטאָקראַטיע״ אויף גייסטיקער אַליינהערשאַפט און רעוואָלטירט קעגן דער טיראַניי פון דער מערהייט.

דזשאָן דיואי, דער גרויסער אַמעריקאַנער דענקער, האָט פאַרזייט די פילאָסאָפישע קערנער, פון וועלכע עס איז אַרויסגעוואַקסן די טעאָריע פון קולטורעלן פּלוראַליזם. אָט די טעאָריע ווענדט אין אַ געוויסן זין אַן פּראָפעסאָר טורנערס טעזיס, אַז אַמעריקע איז אַ נאַציע פון נאַציעס אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן: די אַמעריקאַנער קולטור ווערט דאָ אַ קולטור פון קולטורן. די אַנגלאָ־זאַקסישע עלעמענטן האָבן אין דער שאַפונג און אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער קולטור טאַקע געשפּילט אַ זייער וויכטיקע

ראָלע, אָבער בשום אופן ניט די איינציקע ראָלע. צושרייבן די דאָזיקע עלעמענטן אַ מאָנאָפּאָל־פּאָזיציע אין דער אַמעריקאַנער קולטור באַטייט: באַגרעניצן די קולטור, אָפּשניידן אירע צווייגן און אַרומהאַקן אירע וואָרצלען. אין 1916 — ווען מען האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן געדונערט קעגן די עטני־קערס און גערופן זיי אַמעריקאַנער מיט אַ פאַרבינד־צייכן (הייפעניטעד אַמעריקאַנס) — האָט דיואי געהאַט דעם מוט צו שרייבן:

אַזעלכע טערמינען, ווי אירלענדער־אַמעריקאַנער אָדער יידן־אַמעריקאַנער אָדער דייטש־אַמעריקאַנער זיינען פאַלשע טערמינען, ווייל זיי שיינען אָנצונעמען, אַז עס עקזיסטירט שוין עפּעס וואָס מען רופט אַמעריקע, צו וואָס מען קאָן צוטשעפּן אַנדערע פאַקטאָרן פון דרויסן. דער פאַקט איז, אַז דער אמתער אַמעריקאַנער, דער טיפּישער אַמעריקאַנער איז אַליין אַ כאַראַקטער מיט אַ פאַרבינד־שטריך. דאָס מיינט ניט, אַז ער איז אַ טיילווייזער אַמעריקאַנער און אַז עפּעס א פרעמדער אינגרעדיענט ווערט שפּעטער צו אים צוגעגעבן. דאָס מיינט, אַז... ער איז אינטערנאַציאָנאַל און אינטעררעסיש אין זיין צוזאַמענשטעל. ער איז ניט קיין אַמעריקאַנער פּלוס פּאָליאַק אָדער דייטש... דער אַמעריקאַנער איז אַליין פּאָליאַק־דייטש־ענגלענדער ־ פראַנצויז ־ שפּאַניער ־ איטאַליענער ־ גריך ־ אירלענדער ־ סקאַנדינאַווער־טשעך־יידן און אַזוי ווייטער. דעם פּונקט, וואָס מען דאַרף זען, איז אַז דער פאַרבינד־שטריך פאַראייניקט אַנשטאָט ער זאָל צעטיילן [4].

אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ פון דער אַמעריקאַנער היסטאָרישער געזעלשאַפט האָבן אַזעלכע סאָציאָלאָגן ווי רוטשעק, קאַראָלין פּ. וועיר און מ. וו. ראיס אַזוי גערעדט:

היינט איז די ניי־ענגלענדער קולטור ניט פּלימאוט ראָק קולטור מיט פראַנצויזישע, פּאָרטוגעזישע, פּוילישע, איטאַליענישע, גריכישע, סירישע, אירלענדישע, און אַנדערע גרופּע־קולטורן געהאַלטן אינווייניק אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָרט געהאַנגען אין דער לופטן. ניי־ענגלאַנד היינט א י ז פראַנצויזיש־ פּויליש־ איטאַליעניש־ גריכיש־, סיריש־, אירלענדיש־אַמעריקאַניש. אָט די ז י י נ ע ן דאָס ניי־ענגלענדער פאָלק וואָס שטימט אין וואַלן, אַרבעט אין ווערקשטאַטן און ביוראָען, צאָלט שטייערן, האַלט אויס קירכעס, הערט זיך צו צו ראַדיאָ, פאָרט אויף די שאַסייען, פירט דורך פערטער־יולי קאַרניוואַלן, סט. פּאַטריק טעג פּאַראַדן און פייערונגען פון „אונדזער האַרנטע פון הר כרמל,״ און דערציט דעם קומענדיקן דור אַמעריקאַנער. זיי ז י י נ ע ן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק [5]. (אונטערשטראָכן אין אָריגינאַל)

קיינער האָט ניט אַזעלכע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער טעאָריע פון קולטורעלן פּלוראַליזם, און אין דעם קאַמף פאַר איר רעאַליזירונג, ווי פּראָפעסאָר האָראַס מ. קאַלען. ער איז אייגנטלעך דער שאַפער און אידעאָלאָג פון אָט דער טעאָריע, ווייל דיואי האָט בלויז אָנגעצייכנט אַלגעמיינע שטריכן, אָבער קיין סיסטעם ניט אויפגעבויט. פאַר קאַלענען איז די גייסטיקע פאַרמירונג פון דער אַמעריקאַנער באַציִע אַ פּראָצעס וואָס ווערט קיין מאָל ניט

אָפּגעשטעלט און די שאַפונג פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע — אַ פּראָצעס וואָס ווערט קיין מאָל ניט פאַרענדיקט. עס איז ווי אַ סימפאָניע, וואָס באַקומט ניי לעבן אין דעם שפּילן פון יעדער אָרקעסטער. די עטנישע גרופּעס זייַנען די אינסטרומענטן אין דעם אָרקעסטער, וואָס הגם יעדער פון זיי שפּילט זיין אייגענע טייל, גיסן זיי זיך אַלע צונויף אין איין גאַנצקייט. דאָס איז אַ גאַנצקייט ניט פון טאָטאַליטאַרער גלייכשאַלטונג, נאָר פון אַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון טענער, וואָס יעדער איינער פון זיי גיט צו עפּעס אייגנאַרטיקס צו דער סימפאָניע.

דער יסוד פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, זאָגט קאַלען, איז אַנדערשקייט. די אַמעריקאַנער קולטור איז באַזירט

> אויף אַ וואַריאַציע פון ראַסן גרופּעס און אינדיווידועלן כאַראַקטער; אויף ספּאָנטאַנע דיפערענצן פון סאָציאַלער ירושה, אינסטיטוציאָנעלער געוויינהייט, גייסטיקער באַציאונג און עמאָציאָנעלן טאָן; אין דער המשכדיקער פרייער און פרוכטבאַרער קרייץ־פערטיליזאַציע פון די דאָזיקע איינס מיט דעם אַנדערן אין די ראַמען פון די פיל, וואָס [האָבן זיך] צונויפגעקליבן אויף דער אַמעריקאַנער אַרענע פון די פיר עקן וועלט און וואָס שלאָגן וואָרצלען און נעפּינען שפּייזונג, וואוקס און אינטעגראַציע אויף איר [אַמעריקעס] ערד — ליגט דאָס אַמעריקאַנער איינס, ווי פּאָעטן, מאַלערס, מוזיקערס, און פילאָסאָפן פילן און דריקן אויס אָט דעם איינס [6].

אין משך פון די יאָרן, זאָגט ווייטער קאַלען, זייַנען די דיפערענצן ניט פאַרשוואונדן. געוויס האָט זיך ביי די פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס וואָס שטעלן צוזאַמען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אויסגעאַרבעט אַ געוויסע איינהייטלעכקייט פון רעאַגירן אויף דערשיינונגען. אָבער ווען פאַרשיידענע גרופּעס רעאַגירן אויף אַן ענלעכן אופן אויף סטימולן, הערן זיי מיט דעם ניט אויף צו זיין פאַרשידן. פאַרקערט: דאָס וועלן אָפּווישן פאַרשיידנקייט איז אַן אויסדרוק פון אומרייפקייט. ווען גרופּעס סטאַביליזירן זיך און דערגרייכן מאַטורקייט, הייבן זיי אָן נויגן צו דעאַסימילאַציע. דר. קאַלען שרעקט זיך ניט פאַר דעם פאַרבינד־שטריך: „פאַרבינד־שטריכיקייט ווי אַזעלכעס איז אַ פאַקט, וואָס דרינגט אַריין אין אַלע פלאַכן פון לעבן. אַ מאַן איז אין איין צייט אַ זון און אַ מאַן, אַ ברודער און אַ פריינט, אַ וועלט־מענטש און סטודענט, אַ בירגער פון אַ שטאַט און אַ מיטגליד פון אַ קירכע, אַ מיטגליד אין אַן עטנישער און סאָציאַלער גרופּע און אַ קינד פון אַ נאַציע" [7]. די באַמיאונגען אויפצעלייזן די פאַרשיידנאַרטיקע עטנישע גרופּעס איז דעריבער אַ מאַראַלישע ירידה פאַר אַמעריקע און אַן אָפּוויך פון דעם אמתן גייסט פון דעם לאַנד. קאַלען איז ניט אַפּאָלאָגעטיש בנוגע צו דעם פאַרבינד־שטריך, אדרבא, ער קומט צו דעם אַרויסרופנדיקן אויספיר:

כדי צו קאָנסערווירן די אומאָפּפּרעמדלעכע רעכט פון די קאָלאָניסטן אין 1776, איז געווען נייטיק צו דערקלערן אַלע מענטשן פאַר גלייך; כדי צו קאָנסערווירן די אומאָפּפרעמדלעכע רעכט פון זייערע יורשים אין דעם 20טן יאָרהונדערט ווערט עס נייטיק צו דערקלערן אַלע מענטשן פאַר אומגלייך [8].

עס איז אומנייטיק צו אונטערשטרייכן, אַז די אומגלייכקייט, וועגן וועלכער דר. קאַלען רעדט, איז די שפּעפּערישע אומגלייכקייט פון גייסטיק־אָנגעלאָדע־נער אייגנאַרט, ניט די אומגלייכקייט, וועגן וועלכער עס פּלאַפּלען די ראַסיסטישע פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלער.

דער אַרויסרוף איז ניט געבליבן אין גאַנצן אַ קול קורא במדבר. אונטער דעם איינפלוס פון דיואין, קאַלענען, קילפּאַטריקן, מעקיווערן, קאַלן און אַנדע־רע, איז געשאַפן געוואָרן די אינטערקולטורעלע שול־סיסטעם, וואָס זוכט אַריינטראָגן אין דער אַמעריקאַנער דערציאונג אַן אָנערקענונג פון דעם צו־שטייער, וואָס די ניט־אַנגלאָ־זאַקסישע גרופּעס האָבן געגעבן דער אַמעריקאַ־נער קולטור. מאָדערנע פּעדאַגאָגן און פּראָגרעסיווע דערציערס נויגן אַלץ מער און מער אין דער ריכטונג פון אינטערקולטורישקייט; אָבער אַז מען אַנאַליזירט ניכטער די לאַגע אינעם ליכט פון די פאַקטן וואָס זיינען אַרויס־געבראַכט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, מוז מען קומען צו גאָר ניט קיין אָפּטימיסטישע אויספירן. ווי באַפרוכפּערנדיק דער אינטער־קולטור צוגאַנג צו דערציאונג זאָל ניט זיין; ווי ריכטיק און באַרעכטיקט ער זאָל ניט זיין — איז ער אָבער היינט צו טאָג, אויף וויפיל ער שטעלט זיך עטנישע־רנדיקע צילן, אָן אַ רעאַלן יסוד. קולטורעלער פּלוראַליזם איז פּשוט געקומען צו שפּעט. אָביעקטיוו איז דער באַדן מער פאַר אים ניט פּאַסיק, און עס פעלן די סוביעק־טיווע כחות וואָס זאָלן דעם ניט־פּאַסיקן באָדן צוריק מאַכן פּאַסיק.

געוויס איז עס געווען אַ פאַרברעך — סיי קעגן די עטנישע גרופּעס סיי קעגן אַמעריקע גופא — צו פאַרטאַכלעווען דעם גייסטיקן פאַרמעגן פון די אימיג־ראַנטן. אָבער סאָציאַלע פאַרברעכנס פאַרבלייבן ניט אָן אַן אויסווירקונג אין דעם גאַנג פון געשיכטלעכע פּראָצעסן, און קינסטלעך צוריק אויפלעבן סיטואַציעס וואָס עקזיסטירן מער ניט — איז ניט מעגלעך. עס זיינען מער ניטאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדינגונגען וואָס זאָלן דערמעגלעכן די עטנישע קאָלעקטיוון איינצוהאַלטן זייער גרופּע־אידענ־טיטעט; און עס זיינען ביי די מערסטע עטנישע גרופּעס ניט פאַרבליבן גענוג עטנישע אינטעגראַציע און אָרגאַניזירטע אייגנאַרט, אַז זיי זאָלן ווייטער קאָנען שמידן גרופּע־קאָנסאָלידאַציע אפילו ווען די באַדינגונגען אין לאַנד וואָלטן עס יאָ דערלויבט. די עטנישע גרופּעס זיינען אַלע אין דעם פּראָצעס פון פאַנאַנדערפאַל. אָפּשטעלן דעם פאַנאַדערפאַל קאָן מער קיין גרופּע ניט (אויסער

יידן). עס זיינען מער ניטאָ די עלעמענטן, וואָס פון זיי וואָלט מען פון דאָס ניי געקאָנט אויסקריסטאַליזירן שעפערישע עטנישע קאָלעקטיוון. איך מיין, אַז דאָס איז געגנוג בולט באַוויזן געוואָרן אויף די פריערדיקע זייטן, פונדעסטוועגן וועט ניט שאַדן צו ברענגען נאָך עטלעכע ציפערן.

דער 16טער צענזוס גיט אָן, אַז די צאָל פרעמד־געבוירענע ווייסע איינוואוינער אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געפאַלן פון קאַרגע 14 מיליאָן אין 1930 צו קאַרגע עלף־און־אַ־האַלב מיליאָן אין 1940 — אַ פאַרקלענערונג פון 18.3 פראָצענט. אין 1930 האָבן די פרעמד־געבוירענע אויסגעמאַכט 12.7 פראָצענט פון דער ווייסער באַפעלקערונג און 10.9 פראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג; אין 1940 איז דער פראָצענט געווען: 9.7 פון דער ווייסער באַפעלקערונג און 8.7 פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. ביים פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע ציפערן, ווייזט דאָס צענזוס־ביוראָ אָן, אַז די שטאַרביקייט איז זייער הויך צווישן די פרעמד־געבוירענע און אַז איינוואַנדערונג דעקט מער ניט די נאַטירלעכע פאַרקלענערונג פון דער אימיגראַנטישער באַפעלקערונג. דאָס צענזוס ביוראָ גיט צו: „אויב עס זאָלן ניט פאַרלייכטערט ווערן די קוואָטאַ־געזעצן — און עס איז קוים צו דערוואַרטן אַז אַזוינס זאָל געשען — וועלן אין 20 אָדער 30 יאָר אַרום פרעמד־געבוירענע אויפהערן נומעריש צו זיין אַ וויכטיקער עלעמענט אין אונדזער באַפעלקערונג" [9]).

אויב די שטאַרביקייט איז צווישן די אימיגראַנטן זייער הויך, האַלט די געבירטיקייט ביי זיי אין איין פאַלן. צווישן 1920 און 1930, דערקלערן לאָרימער און אָסבאָרן, איז די „סאַמע שנעלסטע פאַרקלענערונג פון פרוכטבאַרקייט צו געפינען... צווישן די פרעמד־געבוירענע ווייסע" [10]). און עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס: די אימיגראַנטישע באַפעלקערונג ווערט אַלץ עלטער, יוגנט קריגט זי צו זייער ווייניק פון אויסלאַנד, מוז איר פרוכטבאַרקייט פאַלן. נאָך מער: צוליב דעם, וואָס די אימיגראַנטישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהייבן שפּעטער זיך צו באַנוצן מיט געבורט־קאָנטראָל מיטלען, פאַלט ביי איר די געבירטיקייט פּראָפּאָרציאָנעל שנעלער, ווי ביי דער נאַטיווער באַפעלקערונג, וועלכע האָט שוין דערגרייכט אַ באַשטימטע סטאַביליזאַציע אין איר געבורט־ראַטע. קאָנסטאַטירן טאַקע לאָרימער און אָסבאָרן: די פרוכטבאַרקייט פון די נאַטיווע פרויען אין דעם עלטער פון 15 ביז 44 איז פון 1920 ביז 1930 געפאַלן אויף צוואַנציק פּראָצענט, צווישן פרעמד־געבוירענע פרויען פון דעם זעלביקן עלטער איז די פאַרקלענערונג געווען אויף 32 פּראָצענט [11]). וואָס איז שייך דער באַפעלקערונג וואָס באַנוצט זיך נאָך מיט אויסלענדישע שפּראַכן, איז פון מער אַנטשיידנדיקן באַטייט דער פאַקט, אַז בלויז דריי מיליאָן געבירטיקע פון געבירטיקע עלטערן האָבן אָנגעגעבן אַן אַנדער מאַמע־לשון ווי ענגליש, ווי דער

פאַקט, וואָס 8 מיליאָן אימיגראַנטן האָבן דאָס געטאָן. מען זעט דאָ, אַז דאָס ליכטל ברענט פוןביידע עקן: אי די פרעמד־שפּראַכיקע שטאַרבן אויס אי די צאָל געבירטיקע וואָס הערט אַ פרעמדע שפּראַך אין דער היים פאַלט. וואָרום די לעצטע קאַטעגאָריע איז אין גאַנצן אָפּהענגיק פון דער ערשטער: וואָס קלענער די צאָל אימיגראַנטישע זיידעס און באָבעס, אַלץ קלענער די צאָל איי־ניקלעך וואָס הערן אויסלענדישע שפּראַכן.

וואָס באַווייזן די געבראַכטע ציפערן? — אַ זייער פּשוטע זאַך: דער דור, וואָס האָט ווילן און אינטערעס צו פרעזערווירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן עטנישע אידענטיטעט, שטאַרבט אויס; די דורות וואָס ירשנען אים האָבן אַזאַ אינטערעס ניט און אודאי ניט אַזאַ ווילן. די רעזולטאַטן זיינען אומפאַרמייד־לעך. אַלע סימנים באַווייזן, אַז אין דער צוקונפט וועט די אַסימילאַציע צוגיין מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט. וואָרען ס. טהאָמפּסאָן, איי־נער פון די אַמעריקאַנער סאָציאַלע וויסנשאַפטלער וואָס באַדויערט די לאַגע, איז געצוואונגען צו מאַכן דעם ווייטערדיקן אויספיר:

> עס קאָן זיין... אַז מיט אונדזער גרויסער ליידנשאַפט פאַר אוניפאָרמיטעט וועלן מיר צעשמעטערן אַלע... אונטערשיידן און, מיט אַ וואַקסנדיקער נאַ־טיווקייט, וועלן מיר ווערן נאָך אַ מער סטערעאָטיפּיש פאָלק, ווי מיר זיינען איצט. דאָס וואָלט געווען אַן אמתער אומגליק. אָבער מען דאַרף מורא האָבן, אַז מיר באַוועגן זיך גאַנץ פעסט אין אָט דער ריכטונג, און עס זעט זיך ניט קיין קעגנגעזעצטער כח וואָס זאָל זיין שטאַרק גענוג אָפּצעשטעלן אונדזער קורס [12].

אויב דער דעעטניזירונג־פּראָצעס פלעגט אַמאָל זיך פאַרהאַקן פון צייט צו צייט אויף אַ ווײַלע, איז אַזוינס מער ניט צו דערוואַרטן. דער פּראָצעס וועט אָנגיין אָן ווייטערדיקע הפסקות. די אָביעקטיווע סיבות זיינען גענוג שאַרף אַרויסגעבראַכט געוואָרן, די סוביעקטיווע סיבות קאָן מען סומירן אין עטלעכע ווערטער: די טיראַניי פון דער מערהייט איז געווען דערפאָלגרייך, דער ווילן פון די עטניקערס פאַרצוזעצן דאָ עטנישע גרופּע־עקזיסטענץ גוססט אויב ער איז ניט אין גאַנצן דערשטיקט. „אין אַלגעמיין" — זאָגט וואָרען טהאָמפּסאָן — „ווילן אונדזערע אימיגראַנטן ווערן אַמעריקאַנער, און זייערע קינדער זיינען בדרך כלל זייער להוט צו אָפּווישן אַלע סימנים וואָס שמעקן מיט דער אַלטער וועלט. דאָס איז ניט אמת בנוגע צו די מינדערהייטן אין די איראָפּעאישע לענדער. יענע האָבן אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו פאַרבלייבן אַזוי ווי זיי זיי־נען..." [13]). דאָ איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז, אין רעזולטאַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אויך אין איראָפּע ראַדיקאַל געביטן די באַ־ציאונג צו מינדערהייטן. אַלע פעלקער שטרעבן איצט צו האָמאָגענישקייט און פּרואוון אויף פאַרשיידענע אופנים — ווער דורך טראַנספער פון באַפעלקערונג,

ווער דורך אָפּשאַפן מינדערהייט־סטאַטוסן — פּטור צו ווערן פון זייערע מינדערהייט־גרופּעס. עס איז זיך ניט צו פאָרשטעלן, אַז גראָד אין דער צייט, ווען אייראָפּע זוכט צו ליקווידירן אירע מינדערהייט־פּראָבלעמען, וועט אַמעריקע אָנהייבן אַרויסוויזן אַ גרעסערע טאָלעראַנץ אָדער פאַרשטענדניש פאַר עטנישע מינדערהייטן ביי זיך אין דער היים. די נטיה צו נאַציאָנאַלער טאָטאַליטאַרישקייט און צו א מער צענטראַליזירטן שטאַט האָט זיך אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרשטאַרקט.

די אונטערשטע שורה איז, אַז עס פאַרשווינדן די לעצטע רעשטלעך פון דעם רוי־שטאָף, פון וועלכן עס וואָלט געקאָנט אויסגעקנאָטן ווערן אַ ווירקנדיגער קולטורעלער פּלוראַליזם. עס איז אָבער דאָ אין דער טעאָריע גופא אַ לאָך, דורך וועלכער עס רינט אויס איר יעדער רעאַלער אינהאַלט. עס פעלט אין דער טעאָריע די געזעלשאַפטלעכע ראַם, אין וועלכער די אַמעריקאַנער קולטור וואָלט געקאָנט אַריינפּאַסן די גייסטיקע טעטיקייט פון די באַזונדערע גרופּעס אָן צו איינשליסן זיי. און פאַר די גרופּעס גופא האָט דער קולטורעלער פּלוראַליזם ניט געקאָנט געפינען קיין אָרגאַניזירטע פאָרם, אין וועלכער זיי זאָלן אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן קאָנען צוטראָגן זייער חלק צו דעם שטראָם פון אַמעריקאַנער גייסטיקער שעפערישקייט. די טעאָרעטיקער פון דעם קולטורעלן פּלוראַליזם זיינען צו גרויסע קענער פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, אַז עס זאָל זיי גאָר איינפאַלן צו פאַרלאַנגען עפּעס אַנדערש, ווי די באַנוצונג פון ענגליש אין דער קולטור־טעטיקייט פון די באַזונדערע עטנישע גרופּעס. וואָס די דאָזיקע טעאָרעטיקער זעען אָבער ניט איין איז, אַז אייגענע שפּראַך איז דאָס וואָס עס האַלט די גרופּעס צוזאַמען. אָן אַן אייגענער שפּראַך איז ניטאָ קיין עטנישע גרופּעשקייט וואָס זוכט זיך צו פּרעזערווירן און זיך איבערצוגעבן פון דור צו דור. אויב יעדער גרופּע דאַרף שפּילן אין דער אַמעריקאַנער קולטור די זעלביקע ראָלע, וואָס אַן אינסטרומענט שפּילט אין אַן אָרקעסטער, — דאַן איז עטנישע שפּראַך דאָס, וואָס פאַרוואַנדלט דעם אינסטרומענט אין אַ שאַפנדיקן כח. אָן שפּראַך איז דער אינסטרומענט ניט מער ווי טויטער מעטאַל — אַן אינסטרומענט אָן אַן אייגענעם קלאַנג.

איך אונטערשטרייך: כדי קולטורעלער פּלוראַליזם זאָל האָבן די קראַפט פון דינאַמישער שאַפונג, מוז ער זיין באַזירט אויף אַ באַוואוסטזיניקער אָנשטרענגונג מצד די עטנישע גרופּעס; אויף זייער באַוואוסטזיניקן ווילן זיך צו אויפהאַלטן כדי דורך אויפהאַלט אויף אַ קאָלעקטיוון אופן צו אַרויסברענגען די גייסטיקע פּאָטענצן וואָס געפינען זיך אין זיי. וואָרום אָן דעם עלעמענט פון באַוואוסטזיניקער אָנשטרענגונג איז דער אונטערשייד צווישן דעם קולטור־אָרקעסטער און דעם שמעלץ־טאָפּ גאָר ניט אַזאַ גרויסער. אין שמעלץ־טאָפּ

פֿאַרשווינדן אויך ניט שפּורלאָז די פֿאַרשידענע אינגרעדיענטן וואָס ווערן אין אים אַריינגעלייגט: זיי קאָכן זיך נאָר דאָרט איבער און שאַפֿן אַ סינטעטישן מאכל וואָס איז אַ צונויפֿגוס פֿון אַלע באַזונדערע טיילן. אָבער קולטורעלער פּלוראַליזם וויל דאָך אַז די טיילן זאָלן אויך בלייבן — און בלייבן קאָנען זיי ניט אויב זיי האָבן ניט וואו זיך אויפֿצוהאַלטן.

די קירכע האָט עס פֿאַרשטאַנען און געבויט, ווי מיר האָבן געזען, די ערשטע פּאַראָכיאַלע שולן אויף דעם שפּראַך־פּרינציפּ. אָבער ווען זי האָט גע־דאַרפֿט אויסקלייבן צווישן אָט דעם פּרינציפּ און איר השפּעה אויף דער יוגנט — האָט זי אויסגעקליבן דאָס לעצטע. זי האָט מקריב געווען עטנישע גרופּעש־קייט אויף דעם מזבח פֿון רעליגיעזער עקספּאַנסיע. דאָס, וואָס עס איז דער קירכע ניט געלונגען אויף דעם באָדן פֿון אַ מעכטיקן אינסטיטוציאָנאַליזם, קאָן זיכער ניט דערגרייכן אַ סעקולערער קולטוריזם וואָס שוועבט אין דער לופֿטן.

קומען דעריבער סאָציאַלע פֿאָרשערס, וואָס זייערע סימפּאַטיעס זיינען דווקא אויף דער זייט פֿון קולטורעלן פּלוראַליזם, קעגן זייער אייגענעם ווילן צו דער איבערצייגונג, אַז דער גורל פֿון די עטנישע גרופּעס איז אין די פֿאַראיי־ניקטע שטאַטן אַ געחתמעטער. מיר האָבן שוין געזען, אַז דאָס איז די מיינונג פֿון וואָרען טהאָמפּסאָן, וואָס איז צו זיין איבערצייגונג געקומען אויף דעם סמך פֿון זיינע דעמאָגראַפֿישע פֿאָרשונגען, ער איז אָבער ווייט ניט דער איינציקער.

די „נעשאָנאַל רעסאָרסעס קאָמיטע" האָט אין איר באַריכט, פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1938, עטלעכע מאָל אונטערשטראָכן איר סימפּאַטיע צו דעם געדאַנק פֿון קולטורעלן פּלוראַליזם, זי האָט אָבער געמוזט גלייכצייטיק צוגעבן אַז דער געדאַנק איז געקומען צו שפּעט:

> עס איז דאָ אַ נאַטירלעכע טענדענץ צו דער אַסימילירונג פֿון פֿאַרשיידענע קולטורן אין די זעלביקע געמיינדעס. עס איז גרייַלעך מעגלעך, אַז אָט דער פּראָצעס איז באמת פֿאָרסירט געוואָרן צו שנעל אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן מיט רעזולטאַטן, וואָס זיינען אָפֿט געווען שעדלעך אי אינדיווידועל אי געזעלשאַפֿטלעך [14]).

## אַ ביסל פֿריער דערקלערט דער באַריכט:

> די וויכטיקייט פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקע קולטורעלע ירושות ווי אַזעלכע פֿאַרשווינדט שנעל, אויסער דאָרט, וואו זיי זיינען פֿאַרבונדן מיט ראַסן־צייכנס אָדער פֿאַראַנענע עקאָנאָמישע, רעליגיעזע אָדער אַנדערע מעכטיקע און דויערנדיקע אינטערעסן [15]).

מיר האָבן געזען, אַז מיט ווייניק אויסנאַמען ווירקן עקאָנאָמישע אינטע־רעסן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. דער באַריכט קאָנסטאַטירט, אַז מחמת

געענדערטע טעכנישע און קולטורעלע באַדינגונגען, קאָן שוין היינט אַ טייל פון דער אימיגראַנטן־מאַסע אָנהייבן דאָס קלעטערן אויף דעם סאָציאַלן לייטער ניט דוקא פון דער סאַמע אונטערשטן שטאַפּל. אַז דאָס מוז פאַרשנעלערן אַסימילאַציע — ווייסן מיר שוין.

מאַריץ ר. דיווי אַנאַליזירט די צענטריפּעטאַלע כחות, וואָס זוכן אין אַמעריקע אויפצוהאַלטן מינדערהייט־געמיינשאַפטן, און די צענטריפוגאַלע כחות, וואָס ווירקן אויף „צו דעזאינטעגרירן און סעפּאַרירן געמיינדעס, צעשטערן עטנישע אידענטיטעט און אַבסאָרבירן אַלע מינדערהייטן אין אַ נאַציע פון אַ קאָמפּאָזיטן צוזאַמענשטעל וואָס וועט זיין אַמעריקאַניש". ער קומט צו דעם שלוס:

> די לעצטע כוחות זיינען שטאַרקער. עס שיינט צו זיין אַן אומווידערשטייטלעכער דרוק צו אַסימילאַציע, וואָס וועט אפשר מיט דער צייט רעזולטירן אין פולשטענדיקער קולטורעלער אינטעגראַציע [16]).

ווען דאָס וועט געשען, זאָגט דיווי ווייטער, וועט קולטורעלער פּלוראַליזם פאַרשווינדן, אָבער ער וועט האָבן סיי ווי סיי אויסגעפּילט אַ וויכטיקע פונקציע.

לאַנגע יאָרן פון פאָרשונג האָבן וואָרנער און סראָל געבראַכט צו דער מיינונג, אַז „די צוקונפט פון אַמעריקאַנער עטנישע גרופּעס שיינט צו זיין באַגרעניצט; עס איז מעגלעך, אַז זיי וועלן שנעל אַבסאָרבירט ווערן" [17]).

ווי שנעל? דאָס ווענדט זיך, ווי נאָנט אַ גרופּע איז צו דעם מערהייט־טיפּ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וואָרנער און סראָל טיילן איין די עטנישע גרופּעס אין פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס און דערקלערן, אַז הגם זיי וועלן זיך מיט דער צייט אַלע אויפלייזן, — וועט עס אָבער ניט ביי אַלעמען פאַרקומען מיט דער זעלביקער גיכקייט. ביי אייניקע וועט דאָס נעמען אַ דור, ביי אַנדערע — זעקס דורות, ביי געוויסע גרופּעס — נאָך לענגער. בלייבן ווי באַזונדערע גרופּעס, מיינען זיי, — סיידן עס וועט זיך בייטן דער גאַנצער סאָציאַלער סדר פון אַמעריקע — וועלן נאָר די קאָלירטע ראַסן־גרופּעס, וואָס וועלן רעדוצירט ווערן צו אַ סטאַטוס פון פּאַקטישע קאַסטעס. צו דער דאָזיקער מיינונג פון וואָרנער און סראָל וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אין דער דריטער טייל; זיי לאָזן צו די מעגלעכקייט אַז פאַר יידן שטייט פאָר אין אַמעריקע אַ קאַסטע־מצב.

הייסט עס, אַז אַמעריקע איז אַ שמעלץ־טאָפּ? אויב אונטער שמעלץ־טאָפּ פאַרשטייט מען, אַז כאַראַקטער־שטריכן, גייסטיקע אייגנאַרטן און קולטורעלע ספּעציפישקייטן פון די עטניקערס ווערן פאַרברענט אָן צו לאָזן אַ זכר און אַז

אין דעם אַמעריקאַנער טאָפּ בלייבט בלויז דער טעם פון דעם אַנגלאָ־זאַקסישן אינגרעדיענט — איז דער ענטפער: קאַטעגאָריש ניין. אויב אָבער מען פאַר־שטייט אונטער שמעלץ־טאָפּ די אויסבילדונג פון אַ נאַציע, וואָס איר צענטער איז טאַקע דער צושטייער פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער גרופּע, אָבער וואָס זי טראָגט אויף זיך אויך דעם צייכן פון אַנדערע השפּעות, הגם די גרופּעס וואָס האָבן די דאָזיקע השפּעות אַריינגעטראָגן ליזן זיך אויף, — איז דער ענטפער: קאַטע־גאָריש יאָ. אפשר איז די ווייטערדיקע דעפיניציע, וואָס וואָרנער און סראָל האָבן געגעבן די ריכטיקסטע:

> שטרענג גערעדט, איז די אַמעריקאַנער סאָציאַלע סיסטעם ניט אַ „שמעלץ טאָפּ", וואָס מישט אויס די פאַרשיידענע עטנישע עלעמענטן אין אַ נייעם אַמאַלגאַם.... נאָר איז גיכער אַ סיסטעם, וואָס פירט דורך די טראַנספאָרמאַציע פון פאַרשיידנ־אַרטיקע עטנישע עלעמענטן אין עלעמענטן וואָס זיינען כמעט האָמאָגען מיט אירע אייגענע [18]).

אין דעם זין קאָן מען מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז די טענער בלייבן אפילו נאָך דעם, ווי די אינסטרומענטן וואָס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט פאַרשווינדן. איז מעגלעך אַזאַ זאַך? — טערעמין האָט באַוויזן, אַז די לופט איז פול מיט קלאַנגען וואָס מען קאָן צונויפגיסן אין האַרמאָנישע מעלאָדיעס אויב נאָר מען ווייס ווי אַזוי זיי צוזאַמענברענגען און קאָנטראָלירן. אפשר וועט אַמעריקע אויפבויען אַ מין טערעמין וואָס וועט צונויפזאַמלען די באַזונדערע טענער, וואָס די עטנישע גרופּעס האָבן אַריינגעטראָגן אין איר נאַציאָנאַלן לעבן, און מיט זיי ווייטער שאַפן די ניט־פאַרענדיקטע סימפאָניע פון דער אַמעריקאַנער דעמאָ־קראַטיע. אָבער די עטנישע גרופּעס גופא וועלן שוין דאַן ניט זיין. וואָרום בלויז איינע פון זיי וועט אַרויס דעם כח זיך אַליין אויפצוהיטן אַן דעם אינסטרומענט פון אייגענער שפּראַך — יידן.

# דריטע טייל

ייִדן

אויב עס איז דאָ אַ ווייסע עטנישע גרופּע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן וואָס האָט אַלע סימנים לויט וועלכע מען דערקענט אַ מינדערהייט, — זיינען דאָס יידן. אין דעם טאַקע געפֿינען מיר דעם ערשטן אויסדרוק פֿון זייער אויסנאַמיקייט. בעת אַנדערע מינדערהייט־גרופּעס זיינען נאָר אין באַשטימטע באַציאונגען מינדערהייטן און אין אַנדערע באַציאונגען געהערן זיי צו דער מערהייט — זיינען יידן אין אַלע וויכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען אין דער מינדערהייט.

אירלענדער זיינען אַ מינדערהייט בנוגע רעליגיע, געהערן זיי צו דער מערהייט אין הינזיכט פֿון שפּראַך. דייטשן זיינען אַ מינדערהייט שפּראַכלעך, זיינען זיי מיט דער מערהייט רעליגיעז. פֿאַראַן גרופּעס, וואָס אונטערשיידן זיך פֿון דער מערהייט אין גלויבן, געהערן זיי אָבער צו איר ראַסן־טיפּ. ביי אַנדערע, ווידער, איז דער סדר פֿאַרקערט: זיי געהערן צו דעם זעלביקן גלויבן וואָס די מערהייט און טיילן זיך אָפּ פֿון איר בנוגע צו ראַסן־שטריכן. פֿאַראַן גרופּעס, וואָס דער אונטערשייד צווישן זיי און דער מערהייט איז אין קולטור און אַנדערע, וואָס ביי זיי איז דער אונטערשייד אין סאָציאַלער אַנטוויקלונג. יידן טיילן זיך אויס פֿון דער מערהייט אין רעליגיע און קולטור, אין ראַסן כאַראַקטעריסטיקעס און סאָציאַלער פֿאָרמאַציע.

אַנדערע מינדערהייטן האָבן אין געוויסע צייטן, ביי געוויסע קאָנסטעלאַציעס אָדער אין געוויסע געגנטן געקאָנט ווערן — און טאַקע געוואָרן אויך — מערהייטן. למשל: קאַטאָליקן פֿון פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּירונגען האָבן צוזאַמען אויסגעבילדט אַ מערהייט אין אַ צאָל שטעט און אפילו אין אַ פּאָר שטאַטן. מאָרמאָנען זיינען געוואָרן אַ מערהייט אין יוטאַ. קיין שום קאָנסטעלאַציע אָבער האָט יידן אין קיין סטאַבילער שטאָט אָדער געגנט ניט געקאָנט געבן קיין מערהייט. בלויז אין אַ קליינער צאָל רעזאָרט־פּלעצער, וואָס לעבן אויף סעזאָנאַלער טוריסטיק, ווי: מיאַמי ביטש, די קעטסקיל־שטעט און עטלעכע פּונקטן אויפֿן צפֿון־מזרח ברעג פֿון דעם אַטלאַנטיק און דרום ברעג פֿון דעם פּאַסיפֿיק, האָבן יידן אויף אַ צייט געקאָנט ווערן אַ מערהייט. און אויב עס זיינען געווען אַנדערע גרופּעס וואָס האָבן אויך ניט געקאָנט האָפֿן ווען

אַדער וואו עס איז אין אַמעריקע צו ווערן מערהייט, ווי, לאָמיר זאָגן, מאַכמע־דאַנער אַדער בודיסטן, זיינען זיי געקומען פֿון לענדער וואו זיי זיינען געווען מערהייטן; יידן זיינען געווען אַ מינדערהייט אויך אין די עמיגראַציע־לענדער.

אַ צאָל עטנישע גרופּעס זיינען אַהער געקומען, ווי מיר האָבן געזען, מיט אַ געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלער געקריוודעטקייט. די דאָזיקע געקריוודעטקייט איז ביי זיי געווען געריכט קעגן אין באַשטימטן פֿאָלק וואָס האָט זיי געהאַלטן אין אַ מצב פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקטקייט. ביי יידן איז די געקריוודעטקייט געווען געריכט פֿאַקטיש קעגן דער גאַנצער מענטשהייט. וואָרום אומעטום זיינען זיי געווען, אויב ניט קיין גערודפֿטע, איז לכל הפּחות אַ דיסקרימינירטע, מינדערהייט. און טאַקע דערפֿאַר זיינען זיי, מער ווי וואָסער עס איז אַנדערע גרופּע, געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון סאָציאַלע אַנשויאונגען. מען קאָן זאָגן, אַז אויף וויפֿיל יידן האָבן, מיט קליינע אויסנאַמען, אַלע געטראָגן אין זיך אַ געפֿיל פֿון אחריות פֿאַר דעם יידישן כּלל, אויף אַזוי פֿיל האָט יעדער ייד זיך געפֿונען אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַ געוויסער אידעאָלאָגיע.

אין אַמעריקע גופא האָבן יידן געהאַט אויסצושטיין אַלע שווערינקייטן און דיסקרימינאַציעס, וואָס אַנדערע אימיגראַנטן־גרופּעס, און האָבן נאָך דערצו געפֿילט אויף זיך דעם דרוק, וואָס האָט אין אַמעריקע געפּרעסט אַ צאָל נאַטיווע גרופּעס, ווי די נעגערס, למשל. נאָך מער: פֿון דעם ערשטן טאָג פֿון דער אַנטשטייאונג פֿון אַ יידישן ישוב אין לאַנד, האָט ער, ווי מיר וועלן זען שפּע־טער, אין אַ ריי וויכטיקע פּרטים זיך געשטעלט קעגן דער טיראַניי פֿון דער מערהייט און אַרויסגערופֿן צו זיך איר מיסטרוי. דאָס האָט אָבער גלייכצייטיק פֿאַרשטייפֿט זיין אייגענע צעמענטירטקייט פֿון אינעווייניק. עס איז דער אַלטער קאָנפֿליקט צווישן די אַסימילירנדיקע און איזאָלירנדיקע כּחות.

דעם קאָנפֿליקט האָבן דאָ, ווי מיר האָבן געזען, דורכגעמאַכט אַלע עט־נישע גרופּעס — און אין דעם פּרט זיינען יידן קיין אויסנאַם ניט געווען. זיי זיינען אָבער יאָ געווען אַן אויסנאַם אין דער אינטענסיווקייט פֿון דעם קאָנפֿליקט. דער צונויפֿשטויס צווישן דעם דרוק פֿון דרויסן און דעם ווידערשטאַנד פֿון אינעווייניק איז ביי יידן געווען, וועלן מיר געפֿינען שפּעטער, שאַרפֿער ווי ביי אַנדערע. אַן אויסנאַם זיינען יידן אויך געווען אין דעם אויסגאַנג פֿון דעם קאָנפֿליקט: זיי זיינען די איינציקע ווייסע עטנישע גרופּע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס די אינטעגרירנדיקע כּחות האָבן זיך ביי איר אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרקער פֿון דעזאינטעגרירנדיקע.

מיינט עס, אַז יידן זיינען בכלל אַן אויסנאַם אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן? אויב יאָ — פֿאַרוואָס? אַן ענטפֿער אויף אָט די פֿראַגעס וועלן מיר זיין אין אַ לאַגע צו געבן נאָר נאָך דעם, ווי מיר וועלן די יידישע געשיכטע אין די

פאַראייניקטע שטאַטן אַנאַליזירן אין ליכט און אין דער ראַם פון די פּראָצעסן וואָס האָבן דאָ געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג סיי פון דער מערהייט־גרופּע אין דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג סיי פון די מינדערהייט־גרופּעס. בלויז אַט אַזאַ אַנאַליז וועט אַרויסברענגען אויף וויפיל ייִדישע אַנטוויקלונג איז דאָ געווען ענלעך צו דער אַנטוויקלונג פון אַנדערע גרופּעס און וואו און פאַרוואָס זי האָט אָפּגעוויכט פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונגס־געזעצמעסיקייט. וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט אין די פריערדיקע צוויי טיילן. אַ פּרוּאוו אויף אַט אַזאַ אַנאַליז ווערט געמאַכט אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

## .1

די זעלביקע נויטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די וואַנדערונגען פון אַנדערע עטניקערס, האָבן אויך געטריבן ייִדן קיין אַמעריקע פון די פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. אָבער ביי ייִדן זיינען די דאָזיקע נויטן געווען שאַרפער. ניט אין ערך גרעסער איז ביי זיי געווען די עקאָנאָמישע נויט. זיי האָבן אין די אַלטע וואוין־לענדער געליטן ניט נאָר פון אָרעמקייט; זיי האָבן אויך, מער ווי אַנדערע עטנישע גרופּעס, געהאַט אויסצושטיין פון דיסקרימינאַציעס, רעסטריקציעס און באַיקאָטן. עס איז געווען די אויסגערעכנטע און ברוטאַל־דורכגעפירטע כּוונה פון די רעגירונגען פון די לענדער, פון וועלכע די מערסטע ייִדן זיינען געקומען קיין אַמעריקע, עקאָנאָמיש צו רואינירן די ייִדישע באַפעלקערונג און זי צווינגען צו אויסוואַנדערן.

אומפאַרגלייכלעך שאַרפער זיינען געווען די רעליגיעזע רדיפות, וואָס פון זיי האָבן ייִדן געדאַרפט אַנטלויפן. אַנדערע גרופּעס, ווי מיר האָבן געזען, האָבן אויך געליטן פון רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ אין זייערע אַלטע לענדער, זיי זיינען אָבער ניט געשטאַנען פאַר די לעבנס־געפאַרן וואָס האָבן געלויערט איבער ייִדן. אַנדערע זיינען געקומען אַהער זוכן רעליגיעזע פרייהייט; ייִדן זיינען געקומען זוכן פיזישע זיכערקייט.

אומדערטרעגלעך איז געווען די פּאָליטישע לאַגע פון ייִדן אין די לענדער פון זייער עמיגראַציע. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע ייִדן, וואָס זיינען מערסטנ־טיילס געקומען אַהער פון האָלאַנד און טיילוויס אויך פון ענגלאַנד, האָבן נאָך ניט געהאַט אויסגעלעבט דעם גרויל פון דער אינקוויזיציע. די דייטשע ייִדן זיינען געקומען קיין אַמעריקע אין אַ צייט, ווען אין דייטשלאַנד גופא זיינען ייִדן געווען בלויז ביים ראַנד פון עמאַנציפּאַציע. ערשט ווען די דייטשע מאַסן־אימיגראַציע האָט זיך שוין פאַקטיש געהאַט אָפּגעשטעלט, האָבן ייִדן אין דייטשלאַנד גופא באַקומען פולע פּאָליטישע גלייכבארעכטיקונג. וואָס איז שייך צו

די יידן פון מזרח־אייראָפּע, זיינען זיי געלאָפן פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, פון רעכטלאָזיקייט אין רומעניע און פון פּאָליטישער אונטערדריקטקייט אין אַנדערע לענדער.

אין ברייטע שטריכן וואָלט מען דעריבער דעם אונטערשייד צווישן יידישע און ניט־יידישע אימיגראַנטן געקאָנט אַזוי דעפינירן: בעת אַנדערע האָבן, אין גרויסן גאַנצן, געזוכט צו פאַרבעסערן זייער מצב, האָבן יידן ניט זעלטן געזוכט פּשוטע רעטונג. דער עלעמענט פון געצוואונגענקייט איז געווען אַסך קענטיקער אין דער יידישער וואַנדערונג, ווי אין דער ניט־יידישער. ווי אין פיל אַנדערע סאָציאַלע דערשיינונגען, האָט קוואַנטיטעט זיך דאָ פאַרוואַנדלט אין קוואַליטעט. אין אַ צאָל גאָר וויכטיקע פּרטים האָט זיך אין דער יידישער אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן געשאַפן אַ ספּעציעלע סיטואַציע, וואָס איז ניט צו געפינען ביי אַנדערע אימיגראַנטן־גרופּעס. דער ערשטן אַנטייט אויף דעם באַקומען מיר, ווען מיר פירן דורך אַ פאַרגלייך פון דער צאָל צוריקוואַנדערער ביי יידן און אַנדערע. אַנדערע האָבן געקאָנט, ווען זיי האָבן געוואָלט, זיך אומקערן צו די לענדער פון זייער אָפּשטאַם; פאַר יידן איז בדרך כלל קיין צוריק ניט געווען.

זיינען דעריבער יידן געקומען אַהער צו פאַרבלייבן. ווען זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע אַלטע וואוין־לענדער, האָבן זיי פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן. ווען נאָר זיי האָבן געהאַט די מינדסטע מעגלעכקייט, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך זייערע משפּחות. ניט נאָר האָבן פרויען און קינדער אויסגעמאַכט צווישן יידישע אימיגראַנטן אַ העכערן פּראָצענט ווי צווישן אַנדערע אין דער „נייער" וואַנדערונג, וואָס האָט, ווי מיר האָבן געזען, צוגעשטעלט אַ גרויסע צאָל „וואַנדער פויגל", נאָר דער פּראָצענט איז אַ העכערער אַפילו ווי אין דער „אַלטער" איינוואַנדערונג, וואָס איז געווען אַ משפּחהדיקע אימיגראַציע. „אַ פאַרגלייך" — זאָגט סעמועל דזשאָזעף — „פון דער פּראָפּאָרציע פרויען און קינדער אין דער „אַלטער" און „נייער" אימיגראַציע מיט דער פּראָפּאָרציע אין דער יידישער [אימיגראַציע] ווייזט, אַז די יידישע אימיגראַציע האָט פּראָפּאָרציאָנעל באַלד צוויי מאָל אַזוי פיל פרויען ווי די „נייע" אימיגראַציע (ווען מען שליסט אויס יידן) און איבעדטרעפט אין אָט דער הינזיכט אפילו די „אַלטע" אימיגראַציע. קינדער אונטער פערצן יאָר האָט די יידישע [וואַנדערונג] באַוועגונג פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי צוויי־און־אַ־האַלב מאָל אַזוי פיל ווי די „נייע" אימיגראַציע (חוץ יידן) און כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די „אַלטע" אימיגראַציע" [6]. דר. דזשאָזעף האָט זיין שטודיע געמאַכט פון דער אימיגראַציע ביז 1914, ד. ה. ביז דער ערשטער מלחמה. אַז די לאַגע האָט זיך ניט געביטן אויך נאָך דער מלחמה, באַווייזן די ציפערן, וואָס פּראָפעסאָר ל. הערש ברענגט אין דער יידישער ענ־

צעקלאפּעדיע. די דאָזיקע ציפערן, ווי דזשאָסעפּס פאָרשונג, זיינען באזירט אויף דער סטאַטיסטיק פון דעם אימיגראַציע אַמט ביי דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

טאַבעלע 9. אַנגעוויזענער עלטער ביי יידן און בכלל, אויף יעדע 100 אימיגראַנטן (2)

| יאָרן | יינגער פון 16 יאָר | | 16 — 44 יאָר | | 45 יאָר און מער | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | ביי יידן | בכלל | ביי יידן | בכלל | ביי יידן | בכלל |
| 1921-'24 | 29.6 | 18.5 | 57.7 | 72.3 | 12.7 | 9.1 |
| 1925-'27 | 22.7 | 16.0 | 54.1 | 74.6 | 23.2 | 9.3 |
| 1935-'36 | 18.0 | 19.4 | 65.3 | 64.5 | 16.7 | 16.2 |

פון די ציפערן איז צו זען, אַז די משפחהדיקייט פון דער אימיגראַציע איז באַטייטיק אויסגעוואַקסן בכלל. דאָס באַווייזט, אַז נאָך דער מלחמה איז די איינוואַנדערונג כמעט ביי אַלעמען געווען אַ פּערמאַנענטע. דער מין „וואַנדערפויגל" האָט פּאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן. וואָס פאַראַ קליינע ראָלע דער דאָזיקער מין האָט געשפּילט אין דער יידישער אימיגראַציע, קאָן מען זען פון דער טאַבעלע, וואָס פּראָפעסאָר הערש האָט צונויפגעשטעלט בנוגע דער צוריקוואַנדערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן:

טאַבעלע 10. יידישע און אַלגעמיינע צוריקוואַנדערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויף יעדע 100 איינוואַנדערער (3)

| יאָר | יידן | בכלל |
|---|---|---|
| 1908-1914 | 7.1 | 30.8 |
| 1915-1920 | 4.3 | 56.6 |
| 1921-1924 | 0.7 | 25.8 |
| 1925-1937 | 3.8 | 40.0 |

פון 1908 ביז 1937 איז די צוריקוואַנדערונג בכלל קיין מאָל ניט געווען קלענער פון אַ פערטל פון דער איינוואַנדערונג; ביי יידן — איז זי קיין מאָל ניט

געווען גרעסער פֿון 7 פּראָצענט. אין די יאָרן 1920־1915, ווען די אַלגעמיינע צוריקוואַנדערונג האָט אונטער דער ווירקונג פֿון דער מלחמה ווען מאַסן עט־ניקערס זיינען, ווי מיר האָבן געזען, געפֿאָרן צוריק אין זייערע געבוירן־לענדער העלפֿן זיי געווינען דעם קריג, באַטראָפֿן אַריבער אַ העלפֿט פֿון דער אײַנוואַנ־דערונג — האָבן יידן געגעבן ניט מער ווי עטוואָס העכער פֿון 4 פּראָצענט צוריקוואַנדערונג. יידן האָבן אין דער מלחמה זיך געפֿילט אַסך מער פֿאַרפֿליכט צו די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווי צו די לענדער פֿון זייער אויסוואַנדערונג. אין דעם פּעריאָד 1937־1925, וואָס שליסט איין די קריזיס־יאָרן, איז די צוריקוואַנדערונג בכלל געווען אַריבער צוויי־פֿינפֿטל פֿון דער אײַנוואַנדערונג. יידן האָבן ניט געהאַט וואו צו זוכן בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען — זייער צוריקוואַנדערונג איז געווען קאַרגע פֿיר פּראָצענט.

וואָס איז שייך דער „אַלטער" אימיגראַציע, האָבן מיר דזשאָזעפּס ציפֿערן. אויף יעדע 100 אײַנוואַנדערער זיינען געווען אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פֿיל צוריקוואַנדערער בכלל ווי יידישע. דר. דזשאָסעפּס אָפּשאַצונג, אַז „דער יידישער אײַנוואַנדערונג מוז געגעבן ווערן אַ פּלאַץ פֿון אויסצייכנונג פֿאַר פּערמאַנענט־קייט און אײַנאָרדנונג אין דער אַמעריקאַנער אימיגראַציע"[4] — איז געווען ריכטיק אין 1914, ווען ער האָט די ווערטער געשריבן, און זי איז ריכטיק היינט.

די דאָזיקע אויסצייכנונג איז אָבער ווייט ניט געווען דאָס, וואָס האָט אַזוי ראַדיקאַל און אַזוי תוכיק אויסגעשיידט יידן פֿון אַנדערע אימיגראַנטן. דער וויכ־טיקסטער אונטערשייד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בעת מיטגלידער פֿון אַנ־דערע עטנישע גרופּעס זיינען אַלע געקומען פֿון איין לאַנד — אָדער, ווי אין דעם פֿאַל פֿון די פּאָליאַקן וואָס זיינען פּאָליטיש געקומען פֿון דריי לענדער, פֿון איין טעריטאָריע — זיינען יידן געקומען פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. און די פֿאַרשיידנקייט איז אין די דאָזיקע לענדער געווען ניט נאָר אַ געאָגראַפֿישע: אויך — און נאָך מער — אַ פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע. צווישן די קאַטוליש־פֿעאָדאַלע שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, פֿון וועלכע די ספֿרדים האָבן אָפּגעשטאַמט, און די פּראָטעסטאַנטיש־קאַפּיטאַליסטישע דייטשע פּראָ־ווינצן, פֿון וועלכע די מערסטע דייטשע יידן זיינען אַהער געקומען, איז געלעגן אַ פּאָליטישער תהום פֿון הונדערטער יאָרן. דער תהום איז ניט געווען קלענער צווישן דעם קאָנסטיטוציאָנעלן מאָנאַרכיזם פֿון דייטשלאַנד און דער צאַריסטי־שער דעספּאָטיע פֿון רוסלאַנד. די דריי יידישע אימיגראַנטן־כוואַליעס האָבן קודם כל אָפּגעשפּיגלט דעם פּאָליטישן מצב פֿון זייערע אָפּשטאַם־לענדער. עס איז דערביי נייטיק צו געדענקען, אַז יעדער כוואַליע באַזונדער האָט זיך איבערגע־

בראכן אויף אַ צאָל קלענערע כוואַליעס, איטליכע פון זיי האָט זיך געטראָגן פון אַן אַנדער לאַנד.

אַנדערע עטנישע גרופּעס זיינען אויך געקומען אַהער אין כוואַליעס, עס איז אָבער אין זייערע כוואַליעס געווען המשך און זיי האָבן, ווי אַנגעוויזן, זיך געטראָגן פון איין פּלאַץ. יעדער איינע פון די דריי יידישע אימיגראַציע־כוואַליעס, פון דער אַנדערער זייט, איז געווען אַ זעלבסטשטענדיקער שטראָם, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט דעם אַנדערן שטראָם. פּונקט, ווי עס איז פּאָליטיש ניט געווען קיין שום ענלעכקייט צווישן איין יידישער אימיגראַציע־כוואַליע און דער צווייטער, אַזוי איז צווישן זיי אויך ניט געווען קיין ענלעכ־קייט אין צייט. די ספרדים זיינען געקומען אין דעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד, געהערט צו די סעטלערס און האָבן צוגעטראָגן זייער חלק צו דעם געבורט פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק. די דייטשע יידן זיינען געקומען אין דער תקופה פון דעם בירגער־קריג און צוגעטראָגן זייער חלק צו דעם געבורט פון אַן אַמעריקאַנער נאַציע. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן זיינען געקומען אין דער „גילדערנער עפּאָכע" און צוגעטראָגן זייער חלק צו דעם געבורט פון אַן אַמע־ריקאַנער אימפּעריאַליזם. אַט די פּאַרטיילונג האָט אויסגעשמידט די רינגען אין דער יחוס־קייט פון דער יידישער אַמעריקע.

דער עקאָנאָמישער אונטערשייד צווישן די דריי אימיגראַציע־כוואַליעס איז געווען זייער אַ שאַרפער און עס וועט נאָך אויסקומען פון דעם אַסך צו רעדן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען. דאָ איז נויטיק צו אונטערשטרייכן, אַז דער אונטערשייד איז געווען אַ דרייענדיקער: 1) אין די עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען וואָס האָבן געהערשט אין די עמיגראַציע־לענדער; 2) אין די עקאָ־נאָמישע באַדינגונגען וואָס האָבן געהערשט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אין דער צייט, ווען די באַזונדערע כוואַליעס האָבן זיך אַהער דערטראָגן; 3) אין די פֿאַר־מעג, וואָס די עקאָנאָמישע איינאָרדנונג פון די אימיגראַנטן פון די דריי כוואַ־ליעס האָבן אָנגענומען. הגם מיר וועלן נאָך וועגן דעם רעדן אויספירלעך אונטן, איז דאָ וויכטיק אין קורצן צו סקיצירן די עקאָנאָמישע אַנדערשקייט אין דער שיכטונג פון דער יידישער אימיגראַציע.

די ספרדים — די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן — זיינען געקומען פון לענדער וואָס האָבן געהאַט קאָלאָניעס אין די פאַרשיידענע קאָנטינענטן. זיי האָבן מיטגעבראַכט אַ דערפאַרונג פון געשעפט־פירונג אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. זיי האָבן זיך באַזעצט אין עטלעכע גרעסערע האַפן־שטעט און זיך מערסטנ־טיילס פאַרנומען מיט אימפּאָרט און עקספּאָרט, ים־פאַרקער, צווישן־קאָלאָניע האַנדל און מיט אַנדערע פאַרמען פון קאָמערץ. די דאָזיקע פונקציעס האָבן אַנטשפּראָכן די צענטראַלע געאָגראַפישע אויפגאַבע פון די קאָלאָניעס אין דער

צייט, ווען די ספרדים זיינען געקומען, און דעם עיקרדיקן עקאָנאָמישן ציל פון די קאָלאָניעס: די אויסבילדונג פון אַן איגענערווירטשאַפט, וואָס זאָל פאַר זיך אויך געפינען אַ פּלאַץ אויף דעם וועלט־מאַרק. די ספרדישע יידן האָבן כמעט אַלע געהערט צו די באַזיצנדיקע קלאַסן.

די ערשטע דייטשע יידן זיינען געקומען אין אַמעריקע פון קליינע שטעט. זיי זיינען געווען זייער אָרעם. געקומען אַהער זיינען זיי אין דער צייט פון דעם פּראָנטיר. די עקספּאַנסיע צו דעם פּאַציפישן ים־ברעג איז געווען אין פולן שוואונג. קיין געלט איינצואָרדנען זיך אין געשעפטן האָבן די דייטשע יידן אין זייערע אימיגראַנטישע יאָרן ניט געהאַט — האָבן מאַסן פון זיי גענומען פּעק אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט אין וועג נאָך די „צוגעדעקטע וועגע־נער". אין דער ערשטער טייל האָב איך ציטירט טורנערס דעפיניציע, אַז דער פּראָנטיר איז געווען דער פּונקט, וואו ציוויליזאַציע און באַרבאַריזם האָבן זיך באַגעגנט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן; ווען אַ יידיש־דייטשער פּעדלער האָט זיך באַוויזן אויף אַזאַ פּונקט, איז דאָס געווען דער זיכערסטער סימן, אַז די ציוויליזאַציע האָט שוין געזיגט איבער דעם באַרבאַריזם. מחמת דער גוואַל־טיקער באַוועגלעכקייט פון דעם לאַנד אין דער צייט, ווען די אימיגראַציע פון דייטשלאַנד איז געווען אויף איר הויך־פּונקט, האָט די דאָזיקע אימיגראַציע אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע טענדענץ זיך געאָגראַפיש צו צעשפּרייטן איידער די ערשטע אָדער דריטע יידישע אימיגראַציע־כוואַליע. צענדליקער יידישע ישובים אין אַמעריקע האָבן זייער אַנטשטייאונג צו פאַרדאַנקען די דייטשע יידן. בעת זייער אָנקומען אין לאַנד, האָבן די דייטשע יידן געהערט צו די נידעריקערע שיכטן פון דעם קליין־בירגערטום. חוץ פּעדלערס, האָבן זיי די ערשטע צייט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל הענדלערס מכל המינים און אויך שיכטן פון ווייס־קאָלנערניקעס, באַלמעלאָכעס און לוין־אַרבעטער.

די יידן פון מזרח־איראָפּע זיינען געקומען פון לענדער, וואו דער קאַפּיטאַ־ליזם איז נאָך געווען אין די ווינדעלעך. דערפאַר האָבן זיי געטראָפן דאָ אַ קאַפּיטאַליזם, וואָס איז שוין געווען העכער אַנטוויקלט איידער וואו עס איז אַנדערש אין דער וועלט. די געאָגראַפישע גרענעצן פון די פּאַראייניקטע שטאַטן זיינען שוין געווען ענדגילטיק פאַרפיקסירט און פרייער באָדן — אויס־געשעפּט. די מזרח־איראָפּעאישע יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די גרע־סערע אינדוסטריעלע צענטערן און זיך מאַסנוויס פּראָלעטאַריזירט.

די קולטורעלע פאַרשידנאַרטיקייט פון די דריי אימיגראַציע־כוואַליעס איז געווען נאָך בולטער, ווי די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע. די ספרדישע יידן האָבן, ביי זייער אָנקום, גערעדט שפּאַניש אָדער פּאָרטוגעזיש, די דייטשע יידן — דייטש, די מזרח־איראָפּעאישע יידן — יידיש. דער קולטור־אונטערשייד

איז אָבער געווען ניט נאָר אַ שפּראַכלעכער. די ספרדישע יידן זיינען געקומען מיט אַ היפּשער מאָס אַלגעמיינער בילדונג, אָבער מיט ווייניק יידיש וויסן. זיי האָבן פאַראייניקט אַ שטרענגע פרומקייט אין הלכות־רעליגיע מיט אַ ברייטער וועלטלעכקייט בנוגע צו ניט־ריין־רעליגיעזע ענינים. די דייטשע יידן זיינען ניט געווען אַזוי איבערלעך געשלאָסן ווי אַ גרופּע. דייטשלאַנד גופא איז נאָך געווען צעטיילט אויף צענדליקער פּראָווינצן און פירשטנטומס, וואָס זיינען ווייט ניט געשטאַנען אַלע אויף איין ניווא אין זייער אַנטוויקלונג. די באַציאונג צו יידן איז אויך ניט געווען אידענטיש אין אַלע פּראָווינצן, ממילא איז שוין דער קולטור־מצב פון די ערשטע געווען וואַריאירט. אין אַלגעמיין אָבער האָבן די דייטשע יידן שוין געהאַט געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון אייראָפּעאישקייט, וואָס האָט פאַרגרינגערט זייער צופּאַסונג צו אַמעריקע. די גרויסע מאַסע פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע האָט געבראַכט מיט זיך אַסך יידישן וויסן, אָבער זייער ווייניק פון אַן אַלגעמיינער בילדונג. זי איז געקומען פון לענדער, וואָס די ריזיקע מערהייט פון זייער באַפעלקערונג איז אין זיי געווען אַנאַלפאַבעטיש.

די אונטערשטע שורה: די יידישע אימיגראַציע אין אַמעריקע איז באַלד אַזוי אַלט, ווי אַמעריקע גופא. זי גייט אין דריי כוואַליעס, וואָס פון אָנהייב קערט זיך איינע פּאַקטיש גאָר ניט אָן מיט דער צווייטער און וואָס יעדער איינע פון זיי איז איבערלעך צעברעקלט אויף פאַרשיידענע קלענערע כוואַליעס מיט ווייניק באַריר־פּונקטן צווישן זיך. וואו האָבן זיך די כוואַליעס ענדלעך באַגעגנט און ווי אַזוי האָט זיך פון זיי פאָרמירט איין מעכטיקער שטראָם וואָס האָט געשאַפן דעם גרעסטן יידישן ישוב אין דער וועלט? מיר זיינען נאָך ניט גרייט צו ענטפערן; עס איז נאָך אפילו צו פרי צו פרעגן.

.2

אַנדערע עטנישע גרופּעס זיינען, ווי מיר האָבן געזען, אין די ערשטע יאָרן פון זייער אימיגראַנטישקייט געווען מער־ווייניקער פון האָמאָגענעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל; ערשט נאָך דעם, ווי זיי זיינען דאָ אָפּגעווען אַ צייט — האָט זיך ביי זיי אָנגעהייבן אַ פּראָצעס פון סאָציאַלער דיפערענציאַציע. ביי יידן איז דאָס אַנדערש צוגעגאַנגען. אַ לאַנגע צייט — און אין אַ באַשטימטער מאָס איז דאָס נאָך אויך היינט דער פאַל — איז די סאָציאַלע דיפערענציאַציע ביי זיי געגאַנגען ניט נאָר אויף דעם יסוד פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג דאָ אין לאַנד, נאָר זי האָט אויך געטראָגן דעם צייכן פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייער אָפּשטאַם. דאָס, וואָס גאָנאַר מירדאַל האָט געזאָגט וועגן אַמעריקע

בכלל, נעמלעך, אַז די סאָציאַלע שיכטונג פֿון איר באַפֿעלקערונג טראָגט בולטע סימנים פֿון ראַסע־ און עטנישער גרופּירונג, קאָן אין אַ היפּשער מאָס אָנגעווענדט ווערן אויף דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע: ז י י ן עקאָנאָמישע גלידערונג אַנטשפּרעכט צו אַ גרויסן גראַד די כוואַליעדיקייט פֿון דער יידישער אימיגראַציע. יעדער אימיגראַציע־כוואַליע איז געווען גרעסער פֿון דער פֿאַרגייענדיקער און האָט זיך אָנגעהייבן טראָגן שוין נאָך דעם, ווי די פֿריערדיקע כוואַליע האָט זיך געהאָט געזעצט און נאָך דעם, ווי די יידן וואָס די פֿריערדיקע כוואַליע האָט אַהער געבראַכט האָבן שוין געהאַט דערגרייכט אַ גרויסע מאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סטאַביליזאַציע. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן האָבן שוין געהערט צו די רייכערע קלאַסן, ווען די אימיגראַנטן פֿון דייטשלאַנד האָבן זיך נאָך געבאָדן אין דלות; די לעצטע זיינען שוין געווען עקאָנאָמיש גוט־איינגעאָרדנט, ווען פֿון מזרח־איראָפּע האָבן יידישע אימיגראַנטן געבראַכט אַהער נאָך אַ גרעסערן דלות. אַ שטיק צייט איז די פֿאַרהעלטניש צווישן דייטשע און מזרח־איראָפּעאישע יידן געווען די באַציאונג פֿון באַלעבאַטים און אַרבעטער.

די ספרדים האָבן זיך באַטראַכט פֿאַר דער אַריסטאָקראַטיע פֿון דעם יידנטום און אויף די אשכנזים געקוקט פֿון אויבן־אַראָפּ. ניט זיי האָבן זיך געוואָלט מתחתן זיין מיט די לעצטע, ניט עס איז זיי אָנגעשטאַנען צו ליגן באַגראָבן אויף איין בית עולם מיט אשכנזים. „עס איז געווען אַ צייט" — זאָגט בוירטאָן דזש. הענדריק — ווען די שטאָלצע ספרדישע קהילה וואָלט אַן צערעמאָניעס זיך אָפּגעטרייסלט פֿון „אַ שפּאַניש־יידישן מאַן אָדער פֿרוי וואָס וואָלט חתונה געהאָט מיט אַ דייטשן אָדער רוסישן גלויבנס־גענאָסע. די קעגנערשאַפֿט צו אַזאַ שדוך איז געווען אַסך שטאַרקער אידער עס איז ווען עס איז געווען צווישן פּראָטעסטאַנט און קאַטאָליק. די ספרדים האָבן תמיד געהאַט זייער אייגענע בית עולמס, אין וועלכע דייטשע און רוסישע יידן האָבן ניט געפֿונען קיין מנוחה" [1]).

אַזוי שפּעט, ווי מיטן 19טן יאָרהונדערט, ווען די אַריסטאָקראַטישע ספרדישע משפּחות זיינען געווען אויף דעם וועג צו פֿולער פֿאַרשווינדונג און ספרדישע יונגעלייט האָבן געמוזט אין וואַקסנדיקע צאָלן חתונה האָבן מיט אשכנזים אָדער שטיין פֿאַר דער ברירה צו נעמען ניט־יידישע מענער אָדער פֿרויען, האָט די ספרדישע קהילה אין ניו יאָרק זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ווי אַן עליטע און, אויף וויפֿיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אויסגעמיטן באַריר מיט די „פּלעבעער" פֿון דייטשלאַנד און פּוילן. צווישן 1830 און 1850 — זאָגט הימאַן ב. גרינשטיין אין זיין אויסגעצייכנטער מאָנאָגראַפֿיע וועגן דעם יידישן קהילה־לעבן אין ניו יאָרק פֿון 1654 ביז 1860 — האָבן די ספרדישע יידן,

פּאַקטיש אַלע געבוירענע אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן, מיט זיך „פאַרגעשטעלט אַן עקסקלוזיוון קרייז, וואָס זיינע מיטגלידער האָבן פאַרקערט נאָר מיט זיך און חתונה געהאַט אין דער אייגענער גרופּע. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע צדקה־חברות, זייער אייגענע בילדונג־סיסטעם, זייער אייגענעם נוסח פון גאָט־בעטן. אָט די גרופּע האָט עס געזאָלט זיין „אַדעליק", ראַפינירט און קול־טורעל. זי האָט געהאַט אירע אייגענע געזעלשאַפטלעכע אונטערהאַלטונגען און פייערונגען און איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען ווי אַ גרופּע זיך צו באַטייליקן אין די אַקטיוויטעטן פון דער אַלגעמיינער יידישער קהילה" [2]). אַניטאַ ליבמאַן לעבעסאַן האָט די מחיצה צווישן די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע און דייטשע יידן געמאָלן אין לאַקאַנישע, אָבער דערפאַר קלאָרע ווערטער: „דריי זאַכן האָבן געהאַלטן די ספרדישע און אשכנזישע עלעמענטן צעטיילט: — געלט, לאַנד און אַפּשטאַם" [3]).

די אויבן־אַראָפּ באַציאונג, וואָס די ספרדישע יידן האָבן אַרויסגעוויזן לגבי די דייטשע יידן, האָבן די לעצטע אַרויסגעוויזן לגבי די מזרח־אייראָפּע־אישע יידן. די דייטשע יידן האָבן געהאַט, שרייבט לי דזש. לעווינדזשער, אויס־צושטיין „פאַראורטיילן מצד די שטאָלצע שפּאַניער און הגם זיי [די דייטשע יידן] זיינען ערשט לעצטנס אַליין אַרויסגעגאַנגען פון די געטאָס, האָבן זיי [פונדעסטוועגן] איבערגעטראָגן די פאַראורטיילן אויף די יידן פון פּוילן און גאַליציע" [4]).

אין דעם 18טן יאָרהונדערט האָבן די פּאָרטוגעזישע יידן אין דזשאָרדזשיא ניט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא מיט די דאָרטיקע דייטשע יידן דערפאַר, ווייל די לעצטע זיינען, חוץ אַלעמען, געווען קבצנים און געקומען אויף אויפגעמאַכטע שיפסקאַרטן, בעת די ספרדים האָבן געדעקט זייערע אייגענע רייזע־הוצאות, ווען זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע. אין דעם 19טן יאָרהונדערט האָבן דייטשע יידן אויפגעוואָרפן די רוסישע יידן, אַז זיי זיינען שנאָרערס און זיי באַשולדיקט, אַז זיי טראָגן ניט צו זייער פינאַנציעלן חלק צו יידישע קהלשע הצטרכותן. און פונקט ווי די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן האָבן זיך געזוכט צו איזאָלירן פון די דייטשע יידן, אַזוי האָבן די דייטשע יידן זיך געזוכט צו איזאָלירן פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן. „זיי האָבן ניט געוואָלט" — זאָגט פּראָפעסאָר לואיס ווירט — „האָבן די דאָזיקע יידן נאָענט צו זיך. אָט די רוסישע יידן זיינען טאַקע געווען „אַלרייט" — וועגן דעם זיינען זיי [די דייטשע יידן] געווען גאַנץ זיכער, — אָבער, ווי דער דרומדיקער נעגער, האָבן זיי געדאַרפט זיך האַלטן אין זייער פּלאַץ" [5]). דר. רודאָלף גלאַנץ ציטירט פון אַ קאָרעספּאָנ־דענץ פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז אין די 40ער פון דער 19טן יאָר־

הונדערט דערשינען אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעם יודנטום" פֿון בערלין, די ווייטערדיקע ווערטער:

> דער פּאָליאַק איז די סאַמע שמוציקע באַשעפעניש פֿון אַלע קלאַסן, און אַ דאַנק אים הייבט מען שוין אָן אויך דאָ צו באַנוצן דאָס וואָרט „ייד" ווי אַ באַליידיקונג [6].

פֿערציק יאָר שפּעטער האָט אַ לאָזשע פֿון „בני ברית" אין שיקאַגע זיך אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען פֿאַר מיטגלידער אַ גרופּע פּוילישע און רוסישע ייִדן, און דעם אָפּזאָג מאָטיווירט מיט די ווייטערדיקע ווערטער: „די רוסישע און פּוילישע ייִדן זיינען נאָך ניט ציוויליזירט... זיי זיינען אָרטאָדאָקסיש געשטימט און זיינען ניט ראוי אַריינגענומען צו ווערן" [7].

די עטלעכע ביישפּילן זיינען גענוג צו כאַראַקטעריזירן די באַציאונגען וואָס האָבן געהערשט צווישן די ייִדישע גרופּעס ביז אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. וועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען שפּעטער אַריינגעקומען אין די דאָזיקע באַציאונגען, וועט די רעד זיין אונטן. דאָ איז אָבער גלייך נייטיק צו וואָרענען קעגן צוויי טעותן וואָס מען מאַכט אָפט, ווען מען אַנאַליזירט ייִדישע אַנטוויקלונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מען דאַרף ערשטנס ניט מיינען, אַז אין דער ספֿרדישער עפּאָכע זיינען אין גאַנצן ניט געקומען קיין אשכנזים, אָדער אַז אין דער דייטשער עפּאָכע זיינען ניט געקומען קיין ייִדן פֿון רוסלאַנד און פּוילן. ספֿרדישע ייִדן האָבן, לויט די לעצטע פֿאָרשונגען, נומעריש אויסגעמאַכט אַ מערהייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין אַמעריקע בלויז אין דעם 17טן יאָרהונדערט. אין דעם 18טן יאָרהונדערט זיינען זיי אין צאָל שוין געווען אַ מינדערהייט, הגם די פֿירערשאַפֿט איבער דעם ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז נאָך געווען פֿעסט אין זייערע הענט. אין דעם 19טן יאָרהונדערט האָבן זיי שוין אויך די פֿירערשאַפֿט פֿאַרלוירן. פּוילישע ייִדן זיינען געווען צווישן די עלטסטע מיטגלידער פֿון די ספֿרדישע שולן. אין 1846, דערציילט יצחק מאיר וויז, איז אין ניו יאָרק „די פּאָרטוגעזישע שול געווען די עלטסטע און דער עלטסטער פּאָרטוגעזער [אין איר] איז געווען אַ פּוילישער ייד" [8].

אַז די צאָל אימיגראַנטן פֿון מזרח־אייראָפּע איז אין דעם דייטשן פּעריאָד געווען גאָר ניט קליין, קאָן מען זען פֿון דער היפּשער צאָל שולן וואָס זיי האָבן געגרינדעט אין מיטן 19טן יאָרהונדערט און פֿון דעם וואָס מען געפֿינט רוסישע ייִדן צווישן די פֿירערס פֿון די רעפֿאָרמירטע טעמפּלען. אפֿילו אין אַזאַ „אַריסטאָקראַטיש"־ייִדישער שטאָט אין דרום ווי טשאַרלסטאָן, ס. קאַראָליינאַ, וואָס האָט קיין גרויסע אימיגראַציע זינט אָנהייב 19טן יאָרהונדערט בכלל קיין מאָל ניט צוגעצויגן, איז שוין אין 1857 געווען גענוג פּוילישע ייִדן אויף צו גרינדן אַן אייגענע שול [9].

ווי שטרענג־אָפּגעגרעניצט די פֿאַרשיידענע יידישע גרופּעס האָבן זיך ניט געהאַלטן איינע פֿון דער צווייטער האָבן זיי פֿונדעסטוועגן ניט געקאָנט אין גאַנצן אויסמיידן קאָנטאַקט, ניט אויף דעם געזעלשאַפֿטלעכן געביט, ניט אין פּערזענלעכע באַציאונגען. עס וועט זיין כדאי צו געדענקען אָט דעם פֿאַקט.

אַ צווייטן טעות, וואָס מען דאַרף ניט מאַכן, איז צו מיינען, אַז די סאָציאַלע שיכטונג איז צווישן די דריי אימיגראַציע־כוואַליעס שטענדיק געווען אַ גראַדליניקע און ממש ווי מיט אַ מעסער געשניטן. קודם כל, ווי געזאָגט, האָט געמוזט זיין צווישן זיי אַ געוויסע מישונג. צווייטנס האָבן מיר שוין געצויגן אויפֿמערקזאַמקייט אויף דעם פֿאַקט, אַז יעדער כוואַליע באַזונדער האָט זיך איבערגעבראַכן אויף קלענערע כוואַליעס, וואָס דאָס מיינט, אַז די אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך אויף יעדער כוואַליע געטראָגן זיינען פֿון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט אויך ניט געווען האָמאָגען. אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, למשל, איז אין ניו יאָרק געווען אַ היפּשע גרופּע יידן וואָס זיינען געקומען פֿון ענגלאַנד וועלכע האָבן, צוליב זייער קומען פֿון אַן אַנגלאָ־זאַקסישן לאַנד און זייער קענען די ענגלישע שפּראַך, זיך באַטראַכט פֿאַר גרויסע יחסנים. ביי די דייטשע יידן איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די פֿרום־אָרטאָדאָקסישע אָרעמע אימיגראַנטן וואָס זיינען געקומען פֿון די מער־אָפּגעשטאַנענע פּראָווינצן, און די מער קולטורעלע און פֿאַרוועלטלעכטע אימיגראַנטן פֿון נאָך 1848. אפילו צווישן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן זיינען געווען מער און ווייניקער „אַריסטאָקראַטישע" עלעמענטן. „די פּוילישע יידן" — זאָגט גרינשטיין, רעדנדיק וועגן דער יידישער באַפֿעלקערונג אין ניו יאָרק אין מיטן 19טן יאָרהונדערט — „ספּעציעל די פֿון פּויזן, האָבן אויפֿגעשטעלט סאָציאַלע מחיצות צווישן זיך און די רוסישע יידן" [10]). דאָס אַלץ באַווייזט, אַז יידן זיינען פֿון סאַמע אָנהייב אָן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געווען נאָך אַסך מער צעטיילט, ווי די דריי אימיגראַציע־כוואַליעס טייטן אָן. זיי זיינען פּאַקטיש געווען די צעברעקלטסטע עטנישע גרופּע אין לאַנד.

.3

כדי קלאָרער אַרויסצוברענגען דעם פֿולן סאָציאַלן און עטנישן באַטייט פֿון דעם פֿאַקט, וואָס די יידישע אימיגראַציע האָט זיך רעקרוטירט ניט פֿון איין לאַנד, נאָר פֿון אַסך לענדער, איז וויכטיק זיך אַ ביסל ברייטער אָפּצושטעלן אויף דער קולטורעלער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון די אימיגראַציע שטראָמען. כדי ניט צו פֿאַרשפּרייטן זיך צו ברייט, וועל איך זיך קאָנצענטרירן בלויז אויף די דריי הויפּט־כוואַליעס — און דאָס אויך אין אַלגעמיינע שטריכן. דער

לייענער מוז אָבער האָבן אין זינען די צוויי טעותן, קעגן וועלכע איך האָב גע־וואָרנט, און שטענדיק געדענקען די שטרויכלונגען פון פּאַראַלגעמיינערונג.

די ספרדים זיינען געווען די יורשים פון דער טראַדיציע פון דער גאָל־דענער עפּאָכע אין שפּאַניע. די יידן פון יענער עפּאָכע האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער געטריישאַפט צו דעם יידישן גלויבן, פון איין זייט, און מיט אַ ברייטער וועלטלעכקייט אין פּאָליטישע, סאָציאַלע און קול־טורעלע ענינים, פון דער אַנדערער זייט. זיי האָבן געשאַפן ריזיקע ווערק אויף דעם געביט פון יידישער רעליגיע און פילאָסאָפיע. ווי קיינער פאַר אָדער נאָך זיי האָבן זיי אויסגעזונגען די יידישע בענקשאַפט צו ארץ ישראל אין וואונדערלעכער פּאָעזיע, וואָס יידן פון גאָר דער וועלט האָבן אויפגענומען ווי תפילות און נוצן זיי נאָך ביז אויף דעם היינטיקן טאָג אין די שולן פון אַלע מינים. אין דער זעלביקער צייט האָבן די יידן פון דער גאָלדענער עפּאָכע געשאַפן ווערק וואָס רירן אָן אַלע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן אינטערעס. עס איז די יידן פון יענער צייט געווען אייגן אַלץ, וואָס איז געווען נוגע זייערע וואוין־לענדער און דער ברייטער וועלט. זיי האָבן געפּרואווט זיך דערגרונ־טעווען צו דעם סאַמע תוך פון דער יידישער עטיק און זיך אויך אויפגעהויבן צו די העכסטע באַרג־שפּיצן פון אַלמענטשלעכער עסטעטיק. קיין מאָל אין דעם גאַנצן לויף פון דעם גלות האָט אַ יידישער ישוב ניט איינגעשטעלט אַזאַ האַרמאָניש גלייכגעוויכט צווישן דער אייגענער רעליגיעזער קולטור און דער אַלגעמיינער סעקולערער קולטור, צווישן די אויפגאַבן פון יידן ווי מיטגלידער פון אַ באַזונדערער עטנישער געמיינשאַפט און זייערע פליכטן ווי בירגער פון זייערע וואוין־לאַנד, ווי די יידן פון דער גאָלדענער עפּאָכע.

די האַרמאָניע איז צעשטערט געוואָרן, ווען די שפּאַניש־אַראַבישע לענדער זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער פּאָליטישער און גייסטיקער הערשאַפט פון דער קאַטוילישער שפּאַניע. די פייערן פון דער אינקוויזיציע האָבן קודם כל פאַרברענט יידיש וויסן. ניט אין שפּאַניע ניט אין פּאָרטוגאַל האָבן זיך יידן געקאָנט אָפּגעבן מיט יידישע למודים אָדער פריי אָפּהיטן יידישע מצוות. פון יידישן שטאַנדפּונקט זיינען זיי פאַרגרעבט געוואָרן; אָבער די, וואָס זיינען געבליבן יידן, האָבן מיטגענומען מיט זיך, נאָך דעם גירוש, די ליידנשאַפטלעכע לאָיאַליטעט צו דער יידישער רעליגיע, וואָס אַ דאַנק איר זיינען אַזוי פיל ברידער און שוועסטער זייערע פאַרצערט געוואָרן אין די פלאַמען פון די אויטאָ־דע־פעס. די דאָזיקע לאָיאַליטעט האָבן די ספרדים אויך געבראַכט אין דער נייער וועלט. צווישן זיי זיינען געווען מאַראַנען וואָס האָבן געזוכט באַ־העפטונג מיט דעם יידישן גאָט. דאָס איז זיי ניט גרינג אָנגעקומען. די ערשטע יידן זיינען געקומען קיין צפון־אַמעריקע פון בראַזיל, וואוהין די אינקוויזיציע

האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון פּאָרטוגאַל. ערשט אין די קאָלאָניעס האָבן זיי געקראָגן די לאַנג־באַגערטע געלעגנהייט אָפן צו לעבן ווי ייִדן.

פון זייער גלאָררייכער ירושה האָבן די ספרדים געראַטעוועט די אינערלעכע האַרמאָניע צווישן זייער רעליגיעזישקייט און וועלטלעכקייט. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ גאַנץ הויכע אַלגעמיינע בילדונג און, וואָס עס האָט זיי געפעלט אין ייִדישער למדות, האָבן זיי געזוכט צו פאַרפולן מיט פרומקייט און איבערגעבנקייט צו דעם פון דאָס ניי־דערוואָרבענעם גלויבן פון זייערע אבות. ווענן דעם יסוד פון ייִדישען כלל־עקזיסטענץ האָבן זיי זיך ניט געחקירהט: זיי האָבן זייער ייִדישקייט, וואָס האָט אין אַלע אירע געזעלשאַפטלעכע מאַניפעסטאַציעס זיך געדרייט אַרום דער שול, אָנגענומען מיט דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און אומאָפּפרעגלעכקייט פון אַ נאַטור־געזעץ. די ספרדים זיינען געווען שטרענג־אָרטאָדאָקסיש און האָבן, ווי עס וועט נאָך אונדז אויסקומען צו זען, אַרויסגעוויזן ווייניק טאָלעראַנץ צו אָפּנויגלערס. אין אַ גרויסער מאָס איז די דאָזיקע אומטאָלעראַנץ געווען אַ רעאַקציע קעגן דער שטייפקייט און אַנפשרהדיקייט פון דער קאַטויילישער קירכע, וואָס אונטער איר דרוק, אין איר שאָטן און — אין אַ סך פאַלן — אפילו אין איר שויס האָבן זיך די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע ייִדן דערצויגן. דערקעגן האָבן די דייטשע ייִדן געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון כראָנישער אָפּנויגלעריי, אין דעם 19טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די גלאַנץ־תקופה פון דער ראַציאָנאַליזם; רעליגיע איז געווען אויף דער דעפענסיווע און געזוכט צופּאַסונגס־מעטאָדן.

דער קאַפּיטאַליזם האָט געעפנט דעם וועג צו דער עמאַנציפּאַציע פון די מערב־אייראָפּעאישע ייִדן, און מיט מער האָפנונג און האָפערדיקייט ווי אַנדערע האָבן די דייטשע ייִדן זיך אויף דעם וועג געלאָזן. אין שפּאַניע איז די אינקוויזיציע געקומען נאָך עטלעכע הונדערט יאָר פרייהייט פאַר ייִדן; אין דייטשלאַנד איז די עמאַנציפּאַציע געקומען נאָך הונדערטער יאָרן געטאָ און ייִדישע רעכטלאָזיקייט. אין שפּאַניע זיינען ייִדן געשטעלט געוואָרן פאַר דעם פּראָבלעם פון ניט אַרויסגעשטויסן צו ווערן פון די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט פאַרנומען; אין דייטשלאַנד — פאַר דעם פּראָבלעם פון אַריינטרעטן אין פּאָזיציעס וואָס זיינען פריער פאַר זיי געווען פאַרמאַכט. אין דער אינקוויזיציע האָבן די מיינסטע שפּאַנישע ייִדן מקריב געווען זייער דערגרייכטן סאָציאַלן מצב כדי צו בלייבן ביי זייער גלויבן; אין דער עמאַנציפּאַציע האָבן מאַסן דייטשע ייִדן מקריב געווען זייער גלויבן כדי צו דערגרייכן סאָציאַלן מצב.

הגם אין דייטשלאַנד גופא האָבן אין דער צייט פון דער דייטשער־מאַסן־אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, בלויז די ערשטע שטראַלן פון דער עמאַנציפּאַציע זיך געהאַט באַוויזן, האָבן זיי פונדעסטוועגן

שוין געהאַט פּאַראורזאַכט פונדאַמענטאַלע צעטרייסלונגען אין דעם גייסטיקן לעבן פון די דייטשע יידן — צעטרייסלונגען, וואָס האָבן די לעצטע באַגלייט אין דער נייער היים. די דייטשע יידן האָבן שוין מער ניט געקאָנט נעמען זייער יידישקייט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט; זיי האָבן זיך שוין יאָ גע־חקירהט וועגן איר יסוד. דערביי האָבן זיי דעם אַלטן ויכוח וועגן דעם מהות פון יידישקייט אַראָפּגעפירט פון די הימלישע ספערן, אין וועלכע די רבנישע ליטעראַטור האָט אים אַריינגעפּאַסט, און אַוועקגעשטעלט אים אויף דעם יסוד פון ערדישע אינטערעסן. די דייטשע יידן האָבן ניט געזוכט קיין טעאָלאָגישן ענטפער, נאָר אַ סאָציאַלן.

אַז יידן לעבן אין צוויי קולטורן דאָרט, וואו זיי האָבן אַ מעגלעכקייט מאַ־טעריעל אָדער גייסטיק צו קומען אין באַריר מיט זייערע גוישע שכנים — דאָס האָבן יידן גוט געוואוסט אויך פאַר דער עמאַנציפּאַציע. די עמאַנציפּאַציע האָט זיי אָבער צום ערשטן מאָל געבראַכט אַ באַוואוסטזיין פון אַ שאַרפן קאָנ־פליקט צווישן די צוויי קולטורן. פריער זיינען יידן געווען „בירגער" בלויז פון די געטאָס; די עמאַנציפּאַציע האָט זיי אויך געמאַכט פאַר בירגער פון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, — אָבער די געטאָס זיינען פונדעסטוועגן פאַר־בליבן. דער קאָנפליקט צווישן די צוויי קולטורן האָט ניט געקאָנט ליקווידירט ווערן כל זמן דער ייד האָט זיך ניט באַפרייט פון דעם געטאָ.

ביי די שפּאַנישע יידן איז אויך געווען אַ קאָנפליקט, אָבער דאָס איז געווען אַ קאָנפליקט כלפּי חוץ, בעת דער קאָנפליקט פון די עמאַנציפּירטע יידן איז געווען כלפּי פּנים — אַ קאָנפליקט אין דער אייגענער נשמה. סאָציאַלע פּסי־כאָלאָגן באַצייכענען די מענטשן וואָס ליידן פון אַזעלכע קאָנפליקטן, ווי מאַרגי־נאַלע מענטשן. סטאָנקוויסט ווייזט אָן אַז די דאָזיקע מענטשן מאַכן דורך דריי פאַזן: אין דער ערשטער פאַזע ווייסן זיי נאָך ניט, אַז זייער פּערזענלעכע קאָ־ריערע איז אַ טייל פון דעם ראַסן־ אָדער נאַציאָנאַליטעטן קאָנפליקט, אין וועלכן זייער רעליגיעזע, ראַסן, אָדער עטנישע גרופּע איז פאַרוויקלט; אין דער צווייטער פאַזע זיינען זיי באַוואוסטזיניק אויף דעם דאָזיקן פאַקט; די דריטע פאַזע נעמט אַרום זייערע פאַרזוכען זיך צו צופּאַסן צו די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי זיינען אַריינגעפאַלן [7].

אָט די קלאַסיפיקאַציע פאָדערט אַ געוויסע דערגאַנצונג. ווען איינער גע־פינט זיך פיזיש, אַזוי צו זאָגן, אין אַ לאַגע, אַז ראַסן־ אָדער נאַציאָנאַליטעט־קאָנפליקטן באַווירקן זיין פּערזענלעך לעבן, — איז ער מיט דעם אַליין נאָך ניט קיין מאַרגינאַלער מענטש. אַזאַ ווערט ער ערשט דאַן, ווען ער קריגט אַ באַוואוסטזיין פון אומנאַרמאַלקייט אין דער דאָזיקער סיטואַציע, זוכט זיך פון איר צו באַפרייען — און קאָן ניט. אין דעם זין זיינען אַלט־מאָדישע יידן,

וואָס האָבן אויפגענומען רדיפות פון דרויסן ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. ניט געווען קיין מאַרניגאַלע מענטשן הגם אויך פאַר זיי איז געשטאַנען אַ פּראָבלעם פון צופּאַסן זיך צו אַ פרעמדן אַרום. מהאי טעמאַ זיינען די ערשטע ספרדישע יידן אין אַמעריקע, וואָס הגם זיי זיינען, ווי מיר האָבן געזען, געווען וועלטלעך אין ענינים וואָס האָבן ניט אַנגערירט זייער יידישקייט, אין תוך אויך ניט געווען קיין מאַרגינאַלע מענטשן דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט גע־זוכט קיין שום ענדערונג אין דעם באַלאַנס, וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט אין זייערע באַציאונגען מיט דער ניט־יידישער סביבה. אַנדערש איז עס אָבער גע־ווען מיט יענע יידן פון דייטשלאַנד, וואָס די עמאַנציפּאַציע האָט ביי זיי דעם באַלאַנס צעטרייסלט און זיי האָבן דערפילט אין זייער יידישקייט אַ שטער צו דעם אויפשטעיל פון אַ נייעם באַלאַנס. זיי האָבן שוין געהערט צו דער צווייטער פאַזע פון סטאָנקוויסטעס קלאַסיפיקאַציע. פון דעם האָט זיך גענומען זייער אינערלעכער גייסטיקער קאָנפליקט. האָבן פיל פון זיי געזוכט צו לייזן דעם קאָנפליקט דורך אַסימילאַציע, וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן שמד. גרעץ גיט אָן, אַז אַרום 1823 זיינען אין דער איין שטאָט בערלין געווען 1236 שמד־פאַלן, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט העלפט פון גאָר דער יידישער באַ־פעלקערונג אין יענער שטאָט. אין די אַנדערע טיילן פון פּרייסן איז געווען נאָך 1382 שמד־פאַלן [2]. די דאָזיקע ציפערן זיינען מסתמא ריכטיקער, ווי די אָפיציעלע סטאַטיסטיק וואָס האָט זיך צו אונדז דערטראָגן פון יענע יאָרן. דר. ענגלמאַן ברענגט די דאָזיקע סטאַטיסטיק אין זיין בוך וועגן דעם אויפשטייג פון יידן אין דער מערב־איראָפּעאישער וועלט און גיט צו: צווישן 1815 און 1840 זיינען אין בערלין געווען פאַררעגיסטרירט אַריבער 1200 שמד־פאַלן. ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין בערלין האָט אין 1840 געציילט ניט מער ווי 6,458 נפשות, קאָן מען זען דעם פאַרנעם פון שמד אפילו ווען מען האַלט זיך בלויז ביי דער אָפיציעלער רעגיסטראַציע [3]. אָבער ווי ברייט שמד זאָל ניט האָבן געווען, האָט פונדעסטוועגן די מערהייט פון דעם דייטשן יידנטום געזוכט אַ מאָדוס וויוועגדי צווישן יידישקייט און מענטשישקייט.

פאַר אַזאַ מאָדוס וויוועגדי איז דער באַדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין מיטן 19טן יאָרהונדערט געווען ספּעציעל גינציק. די עקאָנאָמישע מעגלעכ־קייטן אין לאַנד זיינען צו יענער צייט געווען אַזעלכע אומבאַשרענקטע, אַז פאַר יידן איז ניט געווען נייטיק צו ברענגען זייער יידישקייט אַ קרבן אויף דעם מזבח פון עקאָנאָמישער איינאָרדנונג. אַמעריקע האָט ניט געהאַט קיין שטאַט־רעליגיע און די טראַדיציע פון גלויבנס־פרייהייט איז געווען היפשלעך — ווייט ניט פולשטענדיק — פאַרוואָרצלט אין לאַנד; שמד איז דאָ דעריבער געווען גוצלאָז. אויב יידן האָבן דאָ געפילט אַ דרוק, איז דאָס געווען, ניט ווי אין

דייטשלאַנד, אַ דרוק אי פון דער מלוכה אי פון די קרעפטן וואָס האָבן געפורעמט דעם דייטשן נאַציאָנאַליזם, נאָר אַ געזעלשאַפטלעכער דרוק — דער דרוק פון דער טיראַניי פון דער מערהייט. די דאָזיקע טיראַניי איז, ווי מיר האָבן געזען אין דער ערשטער טייל, דערפאַר אַזוי ווירקזאַם, ווייל זי דערשטיקט פון אינווייניק דעם ווילן פון דער מינדערהייט זיך צו שטעלן קעגן דער מערהייט. דאָרט אָבער, וואו דער ווילן לאָזט זיך בשום אופן ניט דערשטיקן, טרייבט די אַמעריקאַנער אוטיליטאַרישקייט צו אַ פשרה. די דייטשע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן, אין זייער גרויסן רוב, בפירוש ניט געוואָלט ווערן אויס יידן — האָבן זיי געזוכט אַ קאָמפּראָמיס. דאָס דאָזיקע זוכעניש האָט זיי געצוואונגען צו שטעלן די פראַגע, וואָס האָט פאַר די ספרדים, ניט עקזיסטירט: וואָס איז דער יסוד פון יידישער עקזיסטענץ ווי אַ גרופּע? און זיי האָבן געענטפערט: יידן זיינען ניט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ רעליגיעזע געמיינדע.

די דייטשע יידן זיינען געקומען פון געגנטן וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ ראַדיקאַלע רעליגיעזע רעפאָרמאַציע, און געקומען זיינען זיי אין אַ לאַנד, וואָס די הערשנדיקע קירכע אין אים — די פּראָטעסטאַנטישע — איז געווען צעברעקלט אויף הונדערטער דענאָמינאַציעס. אויך די יידישע רעליגיע האָט ניט געקאָנט בלייבן פאַרגליווערט און טענדענצן זי צו רעפאָרמירן האָבן זיך אָנגעהייבן באַווייזן. אַניטא לעבעסאָן איז ניט אויסן־וועג, ווען זי פירט צו דעם אָנהייב פון יידישן רעפאָרמיזם אין אַמעריקע צו אייזיקס פינטאָס איבערזעצונג, אין דעם יאָר 1766, פון דעם ספרדישן סדור אין ענגליש[4]. אָבער דער ערשטער אָרגאַניזירטער פאַרזוך אַריינצוטראָגן רעפאָרם אין דער יידישער רעליגיע איז געמאַכט געוואָרן אין טשאַרלסטאָן, ס. קאַראָליינאַ, אין 1824.

אַ גרופּע מיטגלידער פון דער ספרדישער שול קהילת קודש בית אלהים האָט זיך געווענדט צו דער פירערשאַפט פון דער קאָנגרעגאַציע מיט דעם פאַרלאַנג צו אַריינטראָגן ענדערונגען אין דעם דאַווענען אַזוי, אַז אַ צאָל תפילות זאָל געזאָגט ווערן אין ענגליש, און עס זאָל אויך איינגעפירט ווערן אַן ענגלישע דרשה. ווען דער פאַרלאַנג איז צוריקגעוויזן געוואָרן, האָט די גרופּע געגרינדעט אַן אייגענע שול, וואָס האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר און זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. צוויי זאַכן האָבן אין אָט דעם ערשטן פאַרזוך צו שאַפן אַ רעפאָרמירטע יידישקייט געפעלט: 1) אַ מאַסן־באַזע און 2) אַ קאָמפּעטענטע פירערשאַפט: אייזיק האַרבי, דער פירער פון דעם טשאַרלסטאָנער רעוואָלט, האָט ניט פאַרמאָגט גענוג יידישן וויסן צו ווערן דער גייסטיקער קאָפּ פון אַ נייער באַוועגונג אין דער יידישער רעליגיע.ביידע זאַכן האָט צוגעשטעלט די יידיש־דייטשע אימיגראַציע — און דער רעפאָרמיזם איז דעריבער איר געזעצלעך קינד. זי האָט געבראַכט אַהער אי די מאַסן וואָס זיינען פסיכאָלאָגיש און קולטורעל געווען

גרייט פאַר דער רעפאַרמיזם — מער: מחמת זייער אַקטועלער אָדער פּאָטענ־
ציעלער מאַרגינאַלישקייט, האָבן זיי זיך אין אים געניטיקט, און עס איז דערביי
אויך געווען אַן עקאָנאָמישער מאָמענט וואָס וועט אַרויסגעבראַכט ווערן שפּע־
טער — אי פירער, ווי יצחק מאיר ווייז, מעזעבאַכער, לילייענטאַל, איינהאָרן און
שמואל ווייז, וואָס האָבן פּאַראיניקט אין זיך אַסך יידישן וויסן מיט אַ היפּשן
באַגאַזש וועלטלעכע קולטור. די שאַפערס פון דעם רעפאַרמיזם האָבן זיך קיין
עטנישע צילן ניט געשטעלט. פאַרקערט: דורך אים האָבן זיי געהאָפט פּטור
צו ווערן פון דעם פּראָבלעם פון עטנישקייט. אָבער דאָס לעבן האָט זיין אייגענע
לאָגיק. היסטאָריש איז רעפאָרם־יידישקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן דער
ערשטער אָרגאַניזירטער פאַרזוך אַריינצופּאַסן יידישע עטנישקייט אין אַן אַמערי־
קאַנער ראַם.

די יידן פון פּוילן, רוסלאַנד, ליטע, רומעניע, א. ז. וו. זיינען געקומען
פון לענדער, וואו דאָס געטאָ האָט נאָך געלעבט הן אין פיזישן הן אין גייסטיקן
זין. אויב די ערשטע צוויי אייגוואַנדערונג־כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן פון
געגנטן, וואָס באַדינגונגען אין זיי האָבן געהאַט אַ געוויסע ענלעכקייט צו דער
לאַגע וואָס האָט געהערשט אין אַמעריקע בעת די כוואַליעס האָבן דערגרייכט
אירע ברעגעס, האָט זיך די דריטע כוואַליע געטראָגן פון לענדער וואָס האָבן
ניט מאַטעריעל און ניט גייסטיק, ניט פּאָליטיש און ניט עקאָנאָמיש געהאַט
די מינדסטע ענלעכקייט צו די פאַראייניקטע שטאַטן. און אויב די יידן פון
דייטשלאַנד זיינען געקומען אַהער שוין נאָך דעם, ווי זיי האָבן שוין אַ געוויסע
צייט געהאַט געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט זיי גע־
דינט ווי אַן איבערגאַנג־פּעריאָד פון דער רעכטלאָזיקייט אין די פריעדיקע דייט־
שע פּראָווינצן צו דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג אין די פאַראייניקטע
שטאַטן, — האָבן די יידן פון דעם אַלטן רוסלאַנד און רומעניע אַזאַ איבערגאַנג־
פּעריאָד ניט געהאַט.

דאָס קולטור־לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער רוסישער
טשערטאַ איז אין מיטן 19טן יאָרהונדערט ניט געווען אויף קיין סך ווייטער
אַוועק, ווי דאָס יידיש קולטור־לעבן אין די מערב־לענדער אין דעם אָנהייב
פון דעם 18טן יאָרהונדערט. יענעם קולטור־לעבן האָט ראַביי מילטאָן שטיינ־
בערג אַזוי כאַראַקטעריזירט:

> ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט דאָס יידנטום פאַרגעזעצט צו לעבן גייס־
> טיק אונטער אַ מיטלאַלטערלעכן רעזשים, צו איינאָטעמען די אַטמאָספער פון
> דעם 14טן יאָרהונדערט, הגם דער אַכצנטער האָט שוין געהאַט אויפגעשיינט [5]).

נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן, האָבן די פּוילישע יידן דורכגע־
מאַכט אַ טיפע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ירידה וואָס האָט זיך זייער שטאַרק

אָפּגערופן אויף זייער גייסטיקן לעבן. עס וועט זיין כדאי צו ציטירן עטלעכע שורות פון דר. ענגלמאַנס בוך:

> ביז דעם אַכצענטן יאָרהונדערט איז יידיש רעליגיעז לעבן, מיט בלויז זעלטענע אויסנאַמען, געווען פּאַרהעלטנישמעסיק פריי פון מגושמדיקער מיטלאַלטערלעכקייט. אָבער נאָך דעם 18טן יאָרהונדערט האָבן יידן אָנגעהייבן איינזאַפּן אַסך פון דער איראַציאָנעלישקייט פון די גלויבנס פון די רוימיש־קאַטוילישע און גריכיש־אָרטאָדאָקסישע סערפּן, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט . . . די יידישע רעליגיע איז געוואָרן אַ מין פאַרשלעפּערונג־געטראַנק סיי פאַר דער קהילה סיי פאַר דעם יחיד, אַן אַנטלויפן פון דער האַרטער אונטערדריקונג פון אַ פיינלעכער ווירקלעכקייט [6].

די הערשנדיקע קולטור אין דער טשערטאַ איז אין דער צייט, ווען די גרויסע אויסוואַנדערונג אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהייבן, נאָך געווען די רבנישע. אָבער די קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע מערב־ווינטן, וואָס האָבן שוין היפּשלעך צעשפּאָלטן די קאָרע פון דעם פעאָדאַל־צאַריסטישן שטייגער אין רוסלאַנד, האָבן אויך אַריינגעבלאָזן סעקולערע לופט אין דעם געטאָ, ספּעציעל אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן אויספּיקן אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס האָט פאַראורזאַכט אין דעם אינערלעכן יידישן לעבן אַן איבערקערעניש וואָס איז געווען אויסער פּראָפּאָרציע צו די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענדערונגען וואָס די מערב־אייראָפּעאישע ווינטן האָבן אין אים פאַראורזאַכט. מחמת דעם פּאָליטישן טעראָר פון דרויסן און דער לאַנגער גייסטיקער אָפּגעשלאָסנקייט פון אינווייניק, האָבן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין סוף פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט ניט געהאַט די מעגלעכקייט אויף אַ ריין־עוואָלוציאָנערן אופן בהדרגהדיק צו רעפאָרמירן זייער שטייגער־לעבן. יעדער אָפּנויג פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג איז געקומען אין שאַרפן קאָנפליקט מיט דער סביבה סיי פון אינווייניק סיי פון דרויסן און איז דעריבער געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט. דאָס איז געווען באַזונדערס בולט אויף דעם רעליגיעז־קולטורעלן געביט.

מזרח־אייראָפּעאישע יידן זיינען אין זייער ריזיקער מערהייט געווען שטרענג־אָרטאָדאָקסיש אין זייער רעליגיעזן לעבן. די, וואָס האָבן זיך פון דער אָרטאָדאָקסישקייט אָפּגעקערט, זיינען ניט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון רעליגיעזע רעפאָרמען, נאָר פון בכלל רייסן מיט רעליגיע. די צעטיילונג איז אויף אַזאַ אופן ניט געווען צווישן קאָנסערוואַטיוון און רעפאָרמערס, נאָר צווישן טראַדיציאָנאַליסטן און ראַדיקאַלן. אָט די צעטיילונג מערקט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן סאַמע פון אָנהייב פון דער מזרח־אייראָפּעאישער מאַסן־אימיגראַציע. פון איין זייט ברענגט זי אַן אומגעהייערע פאַרשטאַרקונג פון דער אָרטאָדאָקסיע

און פֿאַרוואַנדלט זי שנעל אין דער רעליגיעזער ריכטונג פֿון דער מערהייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין לאַנד, און פֿון דער אַנדערער זייט — ברענגט זי גרויסע צאָלן ייִדן, וואָס ניט געקוקט אויף זייער אירעליגיעזישקייט, און אַפֿילו אַטעאיסטישקייט אין אַסך פֿאַלן, באַטראַכטן זיי זיך פֿונדעסטוועגן פֿאַר אַן אינטעגראַלן טייל פֿון דעם ייִדישן כלל. אויף דער אַלטער פֿראַגע: וואָס זיינען ייִדן? הייבט די אימיגראַציע פֿון מזרח־אייראָפּע אָן צו געבן אַ נייעם ענטפֿער: אַ פֿאָלק. די קערנער פֿון אַ סעקולערן ייִדישן נאַציאָנאַליזם זיינען פֿאַרזייט. אַן אומגעהייערע ראָלע שפּילט דערביי די ייִדישע שפּראַך, וואָס די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן האָבן מיט זיך געבראַכט, און וואָס איר פֿולן עטנישן באַטייט מיר וועלן אָפּשאַצן שפּעטער. פֿריער איז נייטיק צו זען, ווי ווייט עס איז געגאַנגען די צעטיילונג פֿון דער ייִדישער אַמעריקע פֿון דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט.

A

אָרטאָדאָקסיע איז געווען דער מערהייט־גלויבן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין אַמעריקאַ דאַן, ווען זי איז באַשטאַנען פֿון אַ קליינער שיכט פֿאַרמעגלעכע ספֿרדישע ייִדן, און אויך דאַן, ווען זי איז באַשטאַנען פֿון אַ ריזיקער מאַסע אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן פֿון מזרח־אייראָפּע. אין צווישן איז די הערשנדיקע ריכטונג געווען דער רעפֿאָרמיזם; צי ער איז אין יענער צייט אויך געווען דער מערהייט־גלויבן — איז שווער צו זאָגן. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע ייִדן האָבן מיט זיך געבראַכט, ווי מיר האָבן געזען, זייער ווייניק ייִדישן וויסן. די ערשטע דייטשע ייִדן, וואָס זיינען געווען שטאַרק טראַדיציאָנעל אין זייער גלויבן, זיינען אויך אין אינטעלעקטועלן זין געווען זייער אָרעם. יצחק מאיר וויז דערציילט, אַז אין 1846, איז אויסער די ראַביים ליליענטאַל און מעזבאַכערן ניט געווען אַ ייִדישער פֿירער אין ניו יאָרק וואָס האָט געקאָנט לייענען העברעאיש אָן נקודות. אין פּריוואַטן לעבן, דערציילט ער ווייטער, האָט ער געטראָפֿן בלויז דריי ייִדן וואָס האָבן פֿאַרמאָגט ייִדישן אָדער תּלמודישן וויסן [1].

דער אָנגעזעענסטער פֿירער פֿון דעם אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום איז אין יענער צייט געווען יצחק לעסער, וועלכער איז געקומען פֿון דייטשלאַנד און געלעבט אין פֿילאַדעלפֿיע. די וויכטיקע ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן, איז נאָך ביז הייַנט ניט געהעריק אָפּגעשאַצט. יצחק מאיר וויז באַציט זיך, אין זיינע מעמואַרן, מיט גרינגשאַצונג צו לעסערן און דערציילט, אַז דער לעצטער האָט זיך פֿאַר אים מודה געווען אַז ער קאָן ניט לייענען העב־

רעאיש אָן נקודות. ווייז האָט דעם דאָזיקן פֿאַקט צוגעשריבן צו אַ גרויסן באַ־טייט; ער האָט פֿאַרגעסן, אַז אין יענע צייטן איז געווען מעגלעך צו זיין אַ גרויסער למדן אָן צו באַהערשן די העברעאישע גראַמאַטיק. אַז לעסער האָט געהאַט אַסך יידיש וויסן באַווייזן זיינע אַרטיקלען און ספּעציעל זיין איבער־זעצונג פֿון דעם תנך אין ענגליש. אמת זי געהערט ווייט ניט צו די בעסטע אי־בערזעצונגען, אָבער זי באַווייזט, אַז דער איבערזעצער האָט פֿאַרמאָגט אַ ברייטע יידישע און אַלגעמיינע קולטור. ווי עס זאָל אָבער ניט זיין, האָט ער איינער אַליין ניט געקאָנט איינהאַלטן די אָרטאָדאָקסישע פּאָזיציעס קעגן דעם אָנגריף פֿון דעם רעפֿאָרמיזם. דער אָנגריף האָט זיך, אונטער ווייזעס אָנפֿירונג, פֿאַר־וואַנדלט אין אַ גענעראַל־אַטאַקע אַרום דער צייט פֿון דעם בירגער־קריג און באַלד נאָך אים.

אַז דער פֿאַרלאַנג זיך צוצופּאַסן צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען איז געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע טרייב־קרעפֿטן אין דער רעפֿאָרם־באַוועגונג — זיינען פֿאַקטיש מודה אַלע אירע שאַפֿערס און פֿאַרשערס. ממילא איז שוין זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז דער עקאָנאָמישער מאָמענט איז אין איר געווען אַ גאַר אָנ־געזעענער פֿאַקטאָר. אומבאַוואוסטזיניק, ברענגט עס אַרויס ווייז אַליין אין אַן עפּיזאָד, וואָס ער דערציילט פֿון יענער צייט, ווען ער האָט געגרינדעט דעם ערשטן רעפֿאָרם טעמפּל אין אַלבאַני. דער דאָזיקער טעמפּל איז געווען פֿאַרוויקלט אין אַ ביטערן קאַמף מיט דער אָרטאָדאָקסישער שול, פֿון וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן:

> די ניט־יידישע וועלט האָט סימפּאַטיזירט מיט אונדז דערפֿאַר, וואָס בלויז מיר אַליין זיינען באַוועגט געוואָרן דורך אַכטונג פֿאַר די פֿאָדערונגען און דעם גייסט פֿון דער צייט. דער ענין האָט דערגרייכט אַזאַ מצב, אַז סוחרים וואָס האָבן געהערט אָדער צו אַן אַנדער שול אָדער צו קיינער ניט, האָבן געדאַרפֿט פֿאַר־לייקענען אָט דעם פֿאַקט פֿאַר זייערע שיינע פּרויען־קונדן, ווייל פֿאַר די לעצטע איז דאָס געווען זיכער, אַז יעדער אָנשטענדיקער ייד האָט געמוזט געהערן צו דער נייער קאָנגרעגאַציע [2]).

אָבער מיר זיינען נאָך ניט גרייט צו באַטראַכטן די עקאָנאָמישע אַספּעקטן פֿון דער צעטיילונג אין דער יידישער אַמעריקע. עס וועט ניט זיין איבריק צו ברענגען נאָך עטלעכע ביישפּילן צו אונטערשטרייכן קלאָרער די צעטיילונג אויף דעם רעליגיעזן באַדן אין דעם לעצטן פֿערטל פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט און די ערשטע פֿאַר צענדליק יאָר פֿון דעם צוואַנציקסטן.

אין משך אָט די יאָרן זיינען די וויכטיקסטע רעפֿאָרם־טעמפּלען אַריבער־געגאַנגען פֿון שבת אויף זונטיק אין זייערע גאָטעסדינסטן. העברעאיש איז כמעט אין גאַנצן אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון זייער ריטואַל. כשרות און אַנדערע

דינים פֿון ייִדישער פּערזענלעכער פֿירונג זײַנען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן ווי מוז־זאַכן און איבערגעלאָזט געוואָרן ווי פּריוויליקע ענינים צו יעדער איינעם באַזונדער; דערבײַ האָט מען יעדער איינעם באַזונדער געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס וועט אים גאָר ניט אָפּקומען פֿון זײַן ייִדישקייט אויב ער וועט די דינים ניט אָפּהיטן — און די ראַבײַס זײַנען געווען די ערשטע זיי צו ברעכן בפּרהסיא. אַ קאָמישן, אָבער כאַראַקטעריסטישן אינצידענט גיט איבער אין זײַנע מעמואַרן ראַבײַ דוד פֿיליפּסאָן:

אין 1894 האָט ער געהאַלטן אַ לעקציע פֿאַר אַ קלוב פֿון דער אוניטאַרישער קירכע אין סינסינעטי. זײַן טעמע איז געווען: „פֿאַרוואָס בין איך אַ ייִד"? ווען ער איז געוואָרן פֿאַרטיק — דערציילט ער — איז צו אים צוגעגאַנגען אַ קריסטלעכע פֿרוי און געזאָגט: „אויב דאָס איז ייִדישקייט, בין איך אַ ייִד און האָב פֿון דעם ניט געוואוסט". דר. פֿיליפּסאָן פֿאַרענדיקט מיט דער פֿאָלגנדיקער באַמערקונג: „איך האָב געהערט אַסך ענלעכע ווערטער פֿון לויב"[3]). אַ ראַבײַ דאַרף דערקלערן ייִדישקייט, ער טוט עס אַזוי, אַז פֿאַר קריסטן זעט עס אויס ווי קריסטנטום — און דער ראַבײַ איז שטאָלץ מיט אַזאַ אויסטײַטש פֿון זײַן דרשה און באַטראַכט עס פֿאַר לויב!

ראַבײַ פֿיליפּסאָן קאָנסטאַטירט דאָ אַ פֿאַקט: אין פֿאָרם און אינהאַלט האָבן די מער ראַדיקאַלע טעמפּלען אויסגעזען אַסך מער ווי ליבעראַלע קריסטלעכע קירכעס איידער ווי ייִדישע שולן. מיר וועלן זען, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די לאַגע שטאַרק געביטן, אָבער אפילו הײַנט איז שווער צו דערקאָנען, אַז די טעמפּלען, וואָס אין זיי הערשט נאָך דער גייסט פֿון סוף 19טן יאָרהונדערט, זײַנען ייִדישע בתי תפילה. אָט דערציילט לעאָנאַרד בלום וועגן אַן אויספֿאָרשונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין אַ שטאָט, וואָס ער רופֿט אָן „בונא": „פּראָטעסטאַנטן, וואָס באַזוכן דעם טעמפּל, זאָגן אַז זיי זעען ווייניק אונטערשייד צווישן זײַנע גאָטעסדינסטן און די, וואָס זיי באַזוכען אין זייערע אייגענע קירכעס"[4]). דער אונטערשייד צווישן אײַן פּראָטעסטאַנטישער דענאָמינאַציע און אַ צווייטער איז זיכער ניט אַזוי גרויס, ווי עס איז געווען דער אונטערשייד צווישן אָרטאָדאָקסישער און רעפֿאָרמירטער ייִדישקייט אין דער צײַט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ. ער איז אין גאָר אַסך פּרטים געווען גרעסער אפילו, ווי דער אונטערשייד צווישן פּראָטעסטאַנטיזם און קאַטוליציזם. ווי ווײַט רעפֿאָרם־ייִדישקייט איז אַוועק פֿון ייִדישער רעליגיעזער טראַדיציע אילוסטרירן די פֿאָלגנדיקע צוויי פֿאַקטן: 1) די צענטראַלע קאָנפֿערענץ פֿון אַמעריקאַנער רעפֿאָרמירטע ראַבײַס האָט אויף איינעם פֿון אירע צונויפֿפֿאָרן באַשלאָסן, אַז עס איז ניט נייטיק צו באַשטיין אויף דעם, אַז אַ גוי וואָס וויל זיך מגייר זײַן זאָל זיך מל זײַן; 2) די זעלביקע קאָנפֿערענץ האָט אויך באַשלאָסן, אַז עס

איז ניט קיין מוז, אַז אַ יידישער מת זאָל באַגראָבן ווערן דוקא אויף אַ יידישן בית־עולם. אָט די צוויי זאַכן זיינען די צוויי פּאָליוסן, אַרום וועלכע עס דרייט זיך די גאַנצע יידישע רעליגיעזע סימבאָליק. יידישקייט אָן מילה און אָן קבר ישראל איז ווי אַ ראָד אָן אַן אַקס.

אַזוי האָט טאַקע אויסגעזען די יידישקייט פון דעם ראַדיקאַלן רעפאָרמירטן פליגל וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון ראַביי דוד איינהאָרן, וועלכער האָט אָנגעהייבן זיין אַמעריקאַנער קאַריערע אַלס גייסטיקער פירער פון דעם הר סיני טעמפּל אין באַלטימאָר און איז שפּעטער אַריבער צו טעמפּל עמנואל אין ניו יאָרק. אַ קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן אין פילאַדעלפיע אין 1870, וואָס איז געווען דאָמינירט פון איינהאָרנען, האָט דערקלערט, אַז די צעשפּריי־טונג פון יידן איז געווען אַ געטלעכער אַקט וואָס האָט געהאַט דעם ציל זיי צו דערמעגלעכן „צו רעאַליזירן זייער הויכע כהנישע מיסיע צו פירן די פעלקער צו דער אמתער דערקענטניש און יראת הכבוד פון גאָט". און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די דאָזיקע דערקענטניש? ענטפערט די קאָנפערענץ: „די איינקייט פון אַלע קינדער פון גאָט אין דער אָנערקענונג פון דער איינהייט פון גאָט, כדי עס זאָל רעאַליזירט ווערן די איינקייט פון אַלע ראַציאָנאַלע באַשעפענישן און זייער דראַנג צו מאָראַלישער קדושה" [5]). אין אָט דעם אני מאמין איז אַבסאָלוט גאָר ניט דאָ, וואָס מען קאָן אויך ניט אָנווענדן אויף יעדער אַנדער רעלי־גיע. אין שייכות מיט דער „כהנישער מיסיע" איז כדאי צו דערמאָנען אַ באַ־מערקונג פון אַדאָלף קראַוז, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין אַמעריקאַנער יידישער פירערשאַפט. צוואַנציק יאָר, דערציילט ער אַליין, איז ער געווען דער פּרעזידענט פון דער רעפאָרמירטן טעמפּל ישעיה אין שיקאַגאָ; אָבער אַז ער איז אַ כהן — האָבן זיך זיינע קינדער דערוואוסט ערשט פון זיינע זכרונות, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין אַ בוך אין 1925 [6]).

## 5.

פּאַראַלעל מיט דער רעליגיעזער צעטיילונג איז אויך די ערשטע צייטן גע־גאַנגען אַ שפּראַכלעכע צעטיילונג ביי די יידישע אימיגראַנטן. זיי האָבן מיט־געבראַכט אַ גאַנצן בבל פון שפּראַכן, וואָס האָט נאָך מער אַקצענטירט די צע־ברעקלטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען מען זאָל אויסלאָזן די צענדליקער שפּראַכן, וואָס יידן האָבן גערעדט ווי יחידים, און העברעאיש, וואָס איז אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם געווען אייגן יעדער גרופּע, און זיך בלויז באַשרענקען אויף די שפּראַכן, חוץ ענגליש, וואָס יידן האָבן דאָ גענוצט ווי קהילות, וועלן זיי זיין פינף: שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש,

דייטש, יידיש, לאַדינאָ.

איך האָב דערמאָנט, אַז די ספרדים האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ הויכע וועלטלעכע קולטור. זייער אומגאַנג־שפּראַך איז די ערשטע צייטן געווען שפּאַניש־פּאָרטוגעזיש (פאַר אונדזער צוועק קאָן מען עס באַטראַכטן פאַר איין שפּראַך) אין די קינדער־שולן, וואָס זיי האָבן געעפנט, האָט מען געלערנט פּאָרטוגעזיש. פּאָרטוגעזיש איז געווען די שפּראַך פון זייערע פאַרזאַמלונגען און יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. פאַרהאַנדלונגען וועגן שול־ענינים, אויף וויפיל דאָס האָט ניט אָנגערירט דעם ריטואַל, וואָס איז געווען דורכאויס אין העברעאיש, זיינען אויך געפירט געוואָרן אין פּאָרטוגעזיש. אין דער זעל־ביקער שפּראַך זיינען אויך געהאַלטן געוואָרן די ערשטע דרשות וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן בעת דעם שבתדיקן און יום טובדיקן דאַווענען.

אָבער די ספרדים האָבן זיך לאַנג מיט זייער שפּראַך ניט געהאַלטן: שנעל זיינען זיי אין גאַנצן אַריבער אויף ענגליש. אַנדערש איז אָבער געווען מיט די דייטשע יידן. ביי די איז דייטש ניט נאָר געווען די אומגאַנג־ און סעקולערע קולטור־שפּראַך, נאָר אויך זייער רעליגיעזע שפּראַך. תפילות פלעגן געזאָגט ווערן אין די טעמפּלען, איידער זיי זיינען אַריבער צו ענגליש, אין דייטש און די ראַביים פלעגן האַלטן זייערע דרשות אין דייטש. שוין אַזוי שפּעט ווי אין די 80קער האָט דר. דוד פיליפּסאָן געקראָגן אַ ראַביי־שטעלע אין באַלטימאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געקאָנט צווישן זיינע קוואַליפיקאַציעס אויך אָנגעבן די באַהערשונג פון דער דייטשער שפּראַך [1].

דייטשע יידן זיינען געווען גרויסע פּאַטריאָטן פון דער דייטשער קולטור און געזוכט זי דאָ צו פאַרשפּרייטן און שטאַרקן מיט אַלע כחות. יצחק מאיר וויז אַליין האָט געגרינדעט אַלגעמיין־דייטשע קולטור־פאַראיינען — פריער אין אַלבאַני, דערנאָך — אין סינסינעטי. דייטשע יידן האָבן געשאַפן אַ גרויסע יידישע פּרעסע אויף דייטש און אַסך אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער שפּראַך אין די קינדער־שולן, וואָס זיי האָבן געעפנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין 1846 האָט די קאָנגרעגאַציע בית אהבה פון ריטשמאָנד צווישן די סיבות וואָס האָבן זי באַוואויגן צו עפענען אַ קינדער־שול אויך דערמאָנט דעם פאַקט, אַז „אַ צאָל דייטשע איזראַעליטן" ווילן „אַז זייערע קינדער זאָלן באַקומען אַ גראַמאַטיקאַלישן וויסן פון דער דייטשער שפּראַך, וועלכע זיי לערנען איצט בלויז דורך רוטין און אָן כללים" [2].

אינטערעסאַנט איז, אַז דייטשן אַליין זיינען גראָד ניט געווען צופרידן פון דעם, וואָס דייטשע יידן האָבן געפירט אָן אייגענע קולטור־אַרבעט אויף דייטש: זיי האָבן געוואָלט, אַז די גאַנצע קולטור־טעטיקייט פון די לעצטע, און ניט נאָר אַ טייל, זאָל זיין מאָטיווירט אויף דער פאַרפעסטיקונג פון דער דייטשער

קולטור אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן און זאָל ניט האָבן קײן אַנדערע צוועקן. קלאָגט זיך טאַקע אין 1856 אַ דײטשער זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין ניו יאָרק:

אַ באַזונדערע, ריכטיקער אַן אָפּגעזונדערטע, טײל פֿון דײטשן עלעמענט באַשטײט פֿון דײטשע יידן. זײ פֿאַרמאָגן גוט־אָרגאַניזירטע הילף־אָרגאַניזאַציעס און אויך געזאַנג־פֿאַראײנען, מוזיק־פֿאַראײנען, בילדונג־פֿאַראײנען און גוטע שולן... אַזוי אַרום אַנטוויקלען זײ קונסט און וויסנשאַפֿט נאָך שטאַרקער אײדער זײערע קריסטלעכע לאַנדסלײט. עס וואַרפֿט זיך אָבער אין די אויגן, אַז זײ טײלן זיך אָפּ [פֿון די ניט־יידן], בעת אַלע זײערע שטרעבונגען אויף דעם דאָזיקן געביט טראָגן אַזאַ קלאָרן דײטשן כאַראַקטער, אַז די ענגליש־רעדנדיקע יידן קוקן אַפֿילו אויף זײ קרום דערפֿאַר...[3].

פֿון דעם איז צו זען, אַז יידן פֿון דײטשלאַנד, ווי דײטשן בכלל, האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער דײטשער קולטור און געזוכט צו שאַפֿן פֿאַר איר שטיץ־פּונקטן אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן. ווען עס איז אין די דרײסיקער יאָרן פֿון דעם הײנטיקן יאָרהונדערט, ווי אַ רעזולטאַט פֿון דער נאַצישער מגפֿה, אַרײנגעקומען אין אַמעריקע אַ באַטײטיקע צאָל פֿרישע אימיגראַנטן פֿון דײטשלאַנד, האָבן זײ פֿון דאָס נײ געשאַפֿן אַ יידישע צײטונג אין דײטש.

וועגן יידיש וועט נאָך אונדז אויסקומען צו רעדן אויספֿירלעך אונטן. דאָס, וואָס איז דאָ אויפֿגעטאָן געוואָרן אויף יידיש — געהערט צו די קולטור־וואונדער פֿון דער וועלט. כדי אָבער צו האָבן פֿאַר זיך פֿריש דאָס בילד וועגן דעם מאַסן־פֿאַרנעם פֿון דער יידישער שפּראַך אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן, איז כדאַי נאָך אַמאָל צו ברענגען די ציפֿערן פֿון דעם שפּראַך־צענזוס אין 1940. עס האָבן אָנגעגעבן יידיש פֿאַר זײער מאַמע־לשון: אַ מיליאָן מיט דרײ־פֿערטל יידן; פֿון זײ — 924,440 אימיגראַנטן; 773,680 געבוירטיקע פֿון אימיגראַנטישע אָדער טײלווײז־געבוירטיקע עלטערן, 52,980 געבוירטיקע פֿון געבוירטיקע עלטערן.

לאַדינאָ האָט קײן באַטײטיקע ראָלע אין דעם היגן יידישן לעבן ניט געשפּילט. מיט אָט דער שפּראַך באַנוצט זיך אַ צאָל לעוואַנטינישע און באַלקאַנישע יידן. עס גײט נאָך הײנט אַרויס אַ וואָכן־צײטונג אין לאַדינאָ. חוץ אויף די דערמאָנטע שפּראַכן, און חוץ דער יידיש־ענגלישער פּרעסע, וואָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, גיבן יידן אין אַמעריקע אַרויס צײטשריפֿטן אין העברעאיש, אונגאַריש און פּויליש. יעדער שפּראַך שפּיגלט אָפּ אַ קרײז אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכער שיכטונג און יעדער קרײז געפֿינט זיך אין אַן אײגנאַרטיקער גײסטיקער פֿאָרמאַציע. אַזאַ קולטורעלע פֿאַנאַנדער־

גלידערונג איז ניט צו געפינען ביי קיין איין אַנדער עטנישער גרופּע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

### 6.

דער יידישער אינסטיטוציאָנאַליזם איז, ווי מיר וועלן זען שפּעטער, געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּאַקטאָרן פון יידיש־עטנישער צעמענטירט־קייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אָבער אַן אַלגעמיין יידיש־קאָמונאַלער אינסטיטוציאָנאַליזם האָט זיך קאָנסאָלידירט ערשט אַרום דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; פריער איז אין אים געווען די זעלביקע צעברעקלט־קייט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלץ אין דעם היגן יידישן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. ביי זיין אַנטשטייאונג האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם שליאַך, וואָס די פאַרשיידענע אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן נאָך זיך איבער־געלאָזט.

דער יסוד פון דעם יידישן אינסטיטוציאָנאַליזם איז געווען — און אין אַ גרויסער מאָס פאַרבליבן — די סינאַגאָגע. פאַר די ספרדים איז די שול גע־ווען דער אויסשליסלעכער צענטער פון אַלע זייערע געזעלשאַפטלעך־יידישע טעטיקייטן. דאָ האָבן זיי דערפילט אַלע זייערע התחייבותן צו דעם יידישן כלל און אַלע זייערע צדקה־אויפגאַבן. ווען אַ צאָל רייכערע יידן פון ניופאָרט, ראָד איילאַנד האָבן אין 1761 געגרינדעט אַ מענער־קלוב פאַר פאַר־ווײַלונגס־צוועקן, האָבן זיי אין זיין קאָנסטיטוציע אַריינגעשריבן אַ פּונקט, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף פאַר רעדן אין דעם קלוב וועגן שול־ענינים [1]. ערשט אין דער דריטער דעקאַדע פון דעם 19טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין ניו יאָרק אַ יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע פון ספרדים דרויסן פון דער סינאַגאָגע.

אַ באַציאונג פון פאַראַכטונג צו אשכנזים האָבן ספרדישע יידן אַרויסגע־וויזן נאָך אין זייערע אויסוואַנדערונג־לענדער. ערשט אַרום דעם יאָר 1600 האָט די האָלענדישע רעגירונג דערלויבט מאַראַנען אָפן צו פּראַקטיצירן יידיש־קייט. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין אַמסטערדאַם איז אין מיטן 17טן יאָרהונדערט געווען אַ קליינע, פונדעסטוועגן איז זי געווען צעטיילט אויף צוויי קהילות, יעדער מיט איר אייגענער סינאַגאָגע, קינדער־שול, בית־עולם, רב, וכדומה. זעלטן איז איין קהלה געקומען אין באַריר מיט דער צווייטער. „...די ספרדים" — זאָגט סאָלאָמאָן גרייזעל — „האָבן געהאַלטן די אשכנזים פון דער ווייטנס, אַראָפּגעקוקט אויף זיי פון אויבן און געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו באַטראַכטן עס פאַר אַ חרפה זיך צו מתחתן זיין מיט זיי" [2]. אָט די

באַציאונג האָבן די ספרדים, ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל באַטאָנט, מיט־געבראַכט קיין אַמעריקע. הגם די אשכנזים האָבן שוין זיכער אויסגעמאַכט אַ מערהייט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין לאַנד צו דעם סוף פֿון דעם 18טן יאָרהונדערט, האָבן פֿונדעסטוועגן די ספרדים די פּירערשאַפֿט איבער דעם יידישן כּלל־לעבן געהאַלטן פֿעסט אין זייערע הענט און צו איר ניט צו־געלאָזן קיין דייטשע אָדער פּוילישע יידן. מען זעט עס פֿון דעם, וואָס אין אַלע פֿינף שולן, וואָס האָבן פֿונקציאָנירט אין דער צייט פֿון דער רעוואָ־לוציע קעגן ענגלאַנד, איז דער נוסח פֿון דאַוונען געווען אַ ספרדישער.

נאָך עפּעס האָבן די ספרדישע יידן מיט זיך מיטגעבראַכט אין שייכות מיט דער סינאַגאָגע: אַן אייזערנע ריסציפּלין. זיי זיינען געווען אומבויגזאַם ניט נאָר בנוגע צו רעליגיעזע טראַדיציעס און מנהגים, נאָר אויך בנוגע צו געזעלשאַפֿטלעכער אויטאָריטעט. „די האַנט פֿון דער סינאַגאָגע" — זאָגט אַניטאַ ליבמאַן לעבעסאָן — „האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אויף די זינדיקע, די ניט־קאָנפֿאָרמירנדיקע, די מחללי שבת. זי [די סינאַגאָגע] איז געווען איפּערזיכטיק בנוגע צו אירע רעכט און האָט געפֿאָדערט אַ פֿולע מאָס לאָיאַ־ליטעט פֿון אירע אָנהענגער" [3].

די פּרנסים פֿון די ספרדישע שולן האָבן געהערשט אויף אַ דיקטאַטאָרישן אופֿן. זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט די גרעסטע שטראָפֿן פֿאַר דעם מינדסטן אָפּ־ווייך פֿון די רעגולאַציעס וואָס זיי האָבן באַשטימט. די קאָנסטיטוציע פֿון קהילת קודש בית אלהים אין טשאַרלסטאָן, ס. קאַראָליינאַ האָט אין 1820 ניט נאָר געהאַט שווערע שטראָפֿן און רעסטריקציעס אויף ניי־געקומענע יידן וואָס זיינען ניט געוואָרן קיין מיטגלידער פֿון שול נאָכן אָפּזיין אין שטאָט אַ געוויסע צייט, נאָר האָט אויך פֿאַרגעשריבן דאָס וויטערדיקע בנוגע צו אַלטע מיטגלידער פֿון דער שול, וואָס האָבן געוואוסט וועגן אַזעלכע פֿאַלן און ניט באַריכט צו די שול־אויטאָריטעטן:

... און אויב וואָסער עס איז פּערזאָן, וואָס געפֿינט זיך אונטער דער יוריסדיקציע פֿון אָט דער קאָנגרעגאַציע וועט זיין שולדיק אין אַזאַ גרויליקער זינד, ווי זיין פֿאַרמישט, העלפֿן אָדער אונטערשטיצן אין דעם פּריער־געזאָגטן [ניט ווערן אין צייט קיין מיטגליד], זאָל ער, אויף גענוגנדיקע באַווייזן [צוגעשטעלט] פֿאַר אַ פּריוואַטער אויספֿאָרשונג (באַשטימט פֿון דעם פּרעזידענט), אָנווערן אַלע זיינע רעכט און פּריווילעגיעס אין אָט דער קאָנגרעגאַציע און זאָל זיין אויסגעזעצט צו אַ שטראָף פֿון ניט העכער ווי צוויי הונדערט דאָלאַר. און אַזעלכע זינדיקע זאָלן קיין מאָל ניט צוריק אויפֿגעשטעלט ווערן אין זייערע רעכט און פּריווילעגיעס, און זאָלן נאָך צו דעם פֿאַרלירן זיין אָדער זייער רעכט אויף קבורה אינעווייניק פֿון דעם בית חיים, ביז ער אָדער זי אַליין, עקזעקוטאָרן אָדער אַדמיניסטראַטאָרן, קרובים אָדער פֿריינט באַצאָלן און רעכענען זיך אָפּ פֿאַר דער שטראָף וואָס וועט אַרויפֿגעלייגט ווערן.

און יעדער פּערזאָן אָדער פּערזאָנען וואָס שטעלן זיך אין אַזאַ לאַגע וועלן האָבן די שטראָף אויסגעשפּרייט, סיי אין פריידן סיי אין צער, אויף זיין אָדער זייער גאַנצער משפּחה וואָס געפינט זיך אונטער זיין אָדער זייער קאָנטראָל און יוריסדיקציע [4]).

דר. עלזאַס איז מיט דער מיינונג, אַז אָט די שטרענגקייט פון רעגולאַציעס, וואָס איז אין סתירה צו דער דעמאָקראַטישקייט פון אַמעריקע, איז עס געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָפּשפּאַלטונג פון דער דערמאָנטער גרופּע פון בית אלהים אונטער דער אָנפירונג פון איזיק הארבי, אין 1824, און פאַר דער גרינדונג פון דער ערשטער רעפאָרם־קאָנגרעגאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איך מיין, אַז ער מאַכט דאָ אַ טעות. אָבער סיי ווי סיי איז עס געווען אומפאַרמיידלעך, אַז אַ פּראָצעס פון איבערגרופּירונג זאָל זיך אָנהייבן אין דער סינאַגאָגע. די אשכנזים האָבן סוף כל סוף רעוואָלטירט. אין 1825 האָט זיך אַ צאָל פון זיי אָפּגעשפּאָלטן פון דער שארית ישראל שול אין ניו יאָרק — די עלטסטע שול אין לאַנד און ביז היינט אַ שול נוסח־ספרד — און געגרינ־דעט די בני ישורון שול. שפּעטער האָבן די גרינדערס פון בני ישורון זיך אָנגעהייבן צו פירן פּונקט אַזוי תכיפדיק לגבי יידן פון קלענערן יחוס און נידריקערן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן מצב, ווי די ספרדים האָבן זיך געפירט לגבי זיי — און פּראָוואָצירט נייע שפּאַלטונגען.

די דעמאָקראַטישסטע פירונגען פון די שול־פאַרוואַלטונגען וואָלטן שפּאַל־טונגען ניט געקאָנט אויסהיטן — ערשטנס מחמת דעם וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, צווייטנס מחמת די ראַדיקאַלע ענדערונגען וואָס זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין די שול־ריטואַלן. די גרעסטע יידישע קהלה אין לאַנד איז ביז דעם צווייטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט ניט געווען אַזוי צאָלרייך, אַז זי זאָל זיך ניט קאָנען באַגיין מיט בלויז איין שול. שפּעטער האָבן די דייטשע יידן, ביים גרינדן שולן, זיך מער גערעכנט מיט דעם לאַנד פון זייער אָפּשטאַם ווי מיט זייער געבוירן־שטאַט. אַנדערש איז עס געווען ביי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן: זיי האָבן מערסטנטיילס געגרינדעט שולן אויף דעם לאַנדסמאַנשאַפט פּרינציפּ און מיט דעם צעפּיצלט די סינאַ־גאָגע אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף טויזנטער שטיקלעך. יעדער אינסטי־טוציע וואָס האָט זיך געשאַפן אין אָדער אַרום דער שול, איז געווען ווי אַ מלוכה פאַר זיך.

אויב נייע שולן וואָלטן סיי ווי סיי זיך געמוזט גרינדן, איז אָבער די אַנט־שטייאונג פון דופּליצירטע צדקה־חברות און הילף־אינסטיטוציעס אַ דירעק־טער רעזולטאַט פון די סאָציאַלע באַריערן וואָס האָבן אָפּגעטיילט אין יידישע גרופּע פון דער צווייטער. ביז 1825 איז די גאַנצע פילאַנטראָפּישע אַרבעט

פֿון אַמעריקאַנער יידן איינגעשטאַנען אין די הענט פֿון ספרדים. זיי אַליין האָבן זיך אין צדקה ניט גענייטיקט און דאָס ביסל הילף, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט צונויפֿנעמען פֿאַר אייראָפּע, ארץ ישראל אָדער אויף צו שטיצן נויטבאַדערפֿטיקע אין לאַנד, האָבן זיי לכתחילה געקאָנט קריגן אין שול. שפּעטער אָבער זיינען זיי געווען געצוואונגען די דאָזיקע טעטיקייט אויסצושפּרייטן און אין 1822 האָבן זיי געגרינדעט אין ניו יאָרק די „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי", וואָס דורך איר האָבן זיי פֿאַרטיילט די הילף וואָס איז ניט געגאַנגען דורך דער שארית ישראל שול. מען קאָן זיך משער זיין, אַז די קליענטן פֿון דער חברה זיינען געווען אָרעמע אשכנזים, וועלכע האָבן זיך אין איר געפֿילט ניט צו היימיש.

פֿאַר די אָרעמע אשכנזים, דער עיקר געקומענע פֿון דייטשע פּראָווינצן, איז דער ענין צדקה שוין געווען אַסך אַן ערנסטערער און אַזאַ, וואָס די סינאַגאָגע האָט שוין אַליין מער ניט געקאָנט זיך מיט אים קיין עצה געבן. בפֿרט אַז זינט 1825 איז אין די שולן גופֿא, ווי אָנגעוויזן, פֿאָרגעקומען אומאויפֿהערלעכע שפּאַלטונגען. אַ פּאָר יאָר נאָך דעם, ווי בני ישורון האָט זיך אָפּגעריסן פֿון שארית ישראל, האָט זיך אנשי חסד אָפּגעריסן פֿון בני ישורון, דערנאָך האָט זיך שערי השמים אָפּגעריסן פֿון אנשי חסד, א. אז. וו.[5]. אַן אויסגעברייטערט פֿילאַנטראָפּיש און הילפֿס־וועזן דרויסן פֿון דער סינאַגאָגע איז אויף אַזאַ אופֿן געוואָרן אַן אומפֿאַרמיידלעכע נויטווענדיקייט. די „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי" איז געווען צו קליין אין פֿאַרנעם, צו געשלאָסן אין פּירערשאַפֿט און צו ענג אין גייסט — האָבן די דייטשע יידן אין 1844 געגרינדעט אין ניו יאָרק די „דזשוירמאַן היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי".

די ספרדים האָבן אויף די רעוואָלטן געענטפֿערט מיט נאָך אַ שאַרפֿערער אָפּגעגרעניצטקייט. אַזוי האָט שארית ישראל ביז ווייט אין דעם 19טן יאָרהונדערט זיך אָפּגעזאָגט צו באַערדיקן אויף איר בית עולם יידישע אָרעמעלייט וואָס האָבן צו איר ניט געהערט. זי האָט זיך דאָ געפֿירט לויט דעם זעלביקן פּרינציפּ, וואָס זי האָט איינגעפֿירט אין ענינים פֿון צדקה פֿאַר לעבעדיקע: יידן דאַרפֿן זאָרגן פֿאַר זייערע נויטבאַדערפֿטיקע לאַנדסלייט און זיך ניט ווענדן נאָך הילף צו יידן וואָס שטאַמען פֿון אַנדערע לענדער. ווי עס איז צו זען פֿון דעם נאָמען „דזשוירמאַן היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי", האָבן דייטשע יידן איבערגענומען דעם פּרינציפּ אין זייער צדקה־טעטיקייט און זי געזוכט צו באַשרענקען בלויז אויף זייערע אייגענע לאַנדסלייט. אַ צאָל הילפֿס־אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן געגרינדעט, האָבן לכתחילה קאָנסטיטוציאָנעל אויסגעשלאָסן הילף פֿאַר יידן פֿון מזרח־אייראָפּע. באַזונדערס האָבן זיך די דייטשע יידן באַמיט, אַז זיי זאָלן מיט זייער הילף ניט סטימולירן די

איינוואַנדערונג פון מזרח־איראָפּעאישע ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פאַרקערט, זיי האָבן מיט אַלע מיטלען — אַמאָל גאָר ניט קיין זויבערע — געזוכט די דאָזיקע איינוואַנדערונג צו אַנטמוטיקן. אין 1874 האָט דער באָרד אָוו דעלעגייטס, זיך באַרימט, אַז עס איז אים געלונגען אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם פון מזרח־איראָפּעאישער אימיגראַציע. דאָס איז געווען אַן אילוזיע וואָס האָט שנעל געפּלאַצט און מען דאַרף צוגעבן, אַז די דייטשע ייִדן האָבן זייער פילאַנטראָפּישע עקסקלוזיווקייט פאַרוואָרפן און האָבן ייִדן פון רוסלאַנד, פּוילן א. א. וו. געגעבן יעדער מעגלעכע הילף, אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל. דאָ וויל איך נאָר אַקצענטירן די סעגרעגאַציע אויף דעם געביט פון ייִדישן אינסטיטוציאָנאַליזם.

די מזרח־איראָפּעאישע ייִדן האָבן לאַנג ניט געוואַרט און אַנגעהויבן בויען זייערע אייגענע אינסטיטוציעס. צוליב זייערע גרויסע צאָלן און מחמת די פיל לענדער און אומצאָליקע שטעט און געגנטן פון וועלכע זיי זיינען געקומען, האָבן זיי דעם לאַנדסמאַנשאַפטן־פּרינציפּ דערפירט צו זיין לאָגישן קלימאַקס און דעם ייִדישן אינסטיטוציאָנאַליזם צעברעקלט אויף אומצאָליקע ברוכטיילן. ערשט אין דעם צווייטן צענדליק פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך פון די דאָזיקע ברוכטיילן אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אַן איינהייטלעכע נעץ פון ייִדישע צדקה־, הילף־, קולטור־ און סאָציאַלע דינסט אינסטיטוציעס.

די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיינען ניט אויפגעקומען ווי טיילן פון אַן אַלגעמיינעם פּלאַן. זיי זיינען כמעט אַלע געווען אימפּראָוויזירטע און זיינען אַנט־שטאַנען ווי ענטפערס אויף באַשטימטע נויטן — און טאַקע דערפאַר האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט אין זיי אַן אמתער כאַאָס. דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע ייִדישע גרופּעס.

7.

אויב מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע און אונטערציען אַ טײלווייזן סך הכל פון דעם, וואָס מיר האָבן ביז־איצט געפונען אין דעם אויפקום פון דעם ייִדישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלן מיר מוזן קומען צו דעם שלוס, אַז ער איז געווען זייער שלעכט צוגעגרייט צו באַגע־גענען דעם אָנגריף פון דער אַמעריקאַנער אַסימילאַציע.

די גורלדיקייט פון דער ייִדישער אימיגראַציע, איר פאַמיליען־כאַראַקטער און די אוממעגלעכקייט פון אומקער צו די אַלטע וואוין־לענדער האָבן גלייך פון אָנהייב פאַר ייִדן געשטעלט שאַרפער ווי פאַר אַנדערע אימיגראַנטן דאָס

פּראָבלעם פון פּערמאַנענטער איינאָרדנונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואָס דאָס אַליין האָט שוין געמוזט שטאַרקן די אויסווירקונג פון די אַסימילירנדיקע פאַקטאָרן צווישן זיי. וואָרום עס איז דאָך קלאָר, אַז אוטיליטאַרישקייט וואָלט אין אַן אימיגראַנטן־גרופּע וואָס איז אַזוי סיטואירט געדאַרפט פאַרשנעלערן דעם דראַנג צו אַדאַפּטאַציע און צו די אַלע קאָנסעקווענצן וואָס באַגלייטן, ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַדאַפּטאַציע אין אַמעריקע. אַזאַ גרופּע וואָלט אויך געדאַרפט אַרויסווייזן אַ קלענערן ווידערשטאַנד צו דער טיראַניי פון דער מערהייט. און ווען אַזאַ גרופּע איז נאָך דערצו אַזוי צעטיילט אויף אַלע געביטן פון איר סאָציאַלן און עטנישן לעבן, ווי די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן אַרויסגעבראַכט, וואָלט זי ניט געדאַרפט זיין, אויב די געזעצמעסיקייט וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט בנוגע צו דער אַנטוויקלונג פון אַנדערע עטנישע גרופּעס וואָלט געווען חל אויך אויף איר, קיין צו האַרטער נוס פאַר דעם שמעלץ־טאָפּ צו צעקאָכן. ביי אַנדערע, האָבן מיר געזען, האָט סאָציאַלע דיפערענציאַציע געפירט צו עטנישער דעזאינטעגראַציע; יידן, קאָן מען זאָגן, האָבן אָנגעהייבן זייער איינאָרדנונג דאָ מיט דיפערענציאַציע — וואָלט דאָך דער דעעטניזירונג־פּראָצעס ביי זיי געדאַרפט צוגיין שנעלער — איז דאָס אַזוי געווען? לאָמיר אָפּלייגן דאָס שטעלן די פראַגע ביז נאָך דעם, ווי מיר וועלן האָבן אַריינגעקוקט אין די עקאָנאָמישע אַספּעקטן פון דער יידישער איינאָרדנונג אין אַמעריקע.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די יידישע אימיגראַציע — ספּעציעל אין איר מאַסנהאַפטיקער מזרח־אייראָפּעאישער פאַזע — האָט זיך געטראָגן פון לענדער, וואָס זייערע רעגירונגען האָבן געפירט אַ פּאָליטיק פון דריקונג און דיסקרימינאַציע לגבי יידן. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אָפט געהאַט דעם ציל עקאָנאָמיש אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג, זי אַזוי צו פּויפּעריזירן, אַז זי זאָל מוזן אויסוואַנדערן. אַז דאָס איז די רעגירונגען אין אַ גרויסער מאָס געלונגען באַוויזן די אומגעהייערע פּראָפּאָרציעס, וואָס די מאַסן־אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע, ספּעציעל פון דעם צאַריסטישן רוסלאַנד, האָבן אָנגענומען אין אַמעריקע. ווי אַ מעכטיקער שטראָם, וואָס האָט צעבראָכן אַלע צוימען און אַראָפּגעשווענקט אַלע באַריערן, האָט זיך די אימיגראַציע געטראָגן. פריער האָט זי אַריינגעצויגן טויזנטער, דערנאָך צענדליקער טויזנטער, שפּעטער — הונדערטער טויזנטער. וואָסערע צוויי מיליאָן יידישע אימיגראַנטן זיינען אַריינגעקומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון מזרח־אייראָפּע אַליין אין די 45 יאָר וואָס צווישן 1879 און 1924 פון זיי — אַריבער אַ מיליאָן אין דער דעקאַדע 1904־1914. וועגן דער ביטערער אָרעמקייט וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין די אַלטע היימען זאָגן עדות די פאַרשיידענע אויספאַר־

שונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן. באַלערנדיק איז אין אַט דער פאַרבינ־דונג דער כאַראַקטער פון די באַשעפטיקונגען, וואָס יידן האָבן אָנגעגעבן בעת זייער אַריינקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און די באַשעפטיקונגען, פון וועלכע זיי האָבן געצויגן זייער חיונה אין די ערשטע יאָרן פון זייער זיין אין לאַנד.

די יידישע אימיגראַציע האָט אַלע מאָל צוגעשטעלט אַ גרעסערן פּראָצענט קוואַליפיצירטע אַרבעטער, ווי די ניט־יידישע. דאָס איז געווען אמת אין די צייטן פון דער „אַלטער" אײנוואַנדערונג, ווען יידישע אימיגראַנטן האָבן פּראָ־פּאָרציאָנעל צוגעשטעלט מער ווי אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פיל קוואַליפיצירטע אַרבעטער ווי די ניט־יידישע, אַזוי גוט ווי אין די צייטן פון דער „נייער" אײנוואַנדערונג, ווען דער פּראָצענט קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז צווישן יידישע אימיגראַנטן געווען פיר מאָל אַזוי הויך, ווי צווישן די ניט־יידישע [1]. אָבער פון דעם איז לחלוטין ניט צו דרינגען, אַז דער לעבנס־סטאַנדאַרט איז ביי די יידן אין די אימיגראַציע־לענדער געווען אַ העכערער, ווי ביי זייערע ניט־יידישע שכנים. ערשטנס שליסט די אַמעריקאַנער אימיגראַציע־סטאַטיס־טיק איין קוסטאַרן אין דער קאַטעגאָריע פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אין די באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, האָט אַ האַנטווערקער גאָר ניט זעלטן פאַרדינט ווייניקער און געאַרבעט שווע־רער ווי אַ לוין־אַרבעטער. צווייטנס איז דאָ גענוג גרונט צו מיינען, אַז די צאָל קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז אין דער יידישער אימיגראַציע היפּשלעך איבערגעטריבן: יידן אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג האָבן גאַנץ אָפט זיך פאַררעגיסטרירט ווי קוואַליפיצירטע אַרבעטער. דריטנס זיינען באַלד צוויי־דריטל פון די יידישע אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר קוואַליפי־צירטע אַרבעטער געווען קאָנצענטרירט אין דער באַקלייד־אינדוסטריע, וואָס האָט איין דעם צאַרישן רוסלאַנד אין דעם לעצטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט און אין די ערשטע יאָרן פון דעם 20טן יאָרהונדערט ווייט ניט געהערט צו די גוט־באַצאָלטע פאַכן.

ווי גרויס עס האָט געמוזט זיין די צאָל האַנטווערקערס וואָס זיינען רע־גיסטרירט געוואָרן אין דער קאַטעגאָריע פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, קאָנען מיר זיך משער זיין פון דעם פאַקט, וואָס 38.7 פּראָצענט פון אַלע יידישע האַנטווערקערס, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער רוסישער טשערטאַ אין 1898, זיינען געווען באַשעפטיקט אין דער קליידער אינדוסטריע [2]. די סיבה פאַר דעם פּראָפּאָרציאָנעל־גוואַלטיקן אַנטייל פון יידן אין דער דאָזיקער אינ־דוסטריע דאַרף מען ניט זוכן, זאָגט דר. ענגעלמאַן, אין עפּעס „אַן איינגעבוי־רענער יידישער נייגונג, נייערט אין דעם קאַלטן פאַקט, אַז ביים סוף פון דעם

19טן יאָרהונדערט האָט מען אין רוסלאַנד געדאַרפט האָבן גרויסע צאָלן שניי־דערס און שוסטערס דערפאַר, ווייל אַלע קליידער און שיך זיינען (צו יענער צייט) געמאַכט געוואָרן מיט דער האַנט" [3]. ווי קליין עס זיינען געווען אָנהייב 20טן יאָרהונדערט די פאַרדינסטן פון אימיגראַנטישע שניידער אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן גופא, באַווייזט די ווייטערדיקע טאַבעלע, וואָס די אין דער צווייטער טייל דערמאָנטע אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון קאָנגרעס האָט צונויפ־געשטעלט וועגן די שכירות פון מענער־קליידער־אַרבעטער, 18 יאָר און העכער, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין לאַנד ווייניקער ווי פינף יאָר.

טאַבעלע 11. פּראָצענטועלע פאַרטיילונג פון די וועכנטלעכע פאַרדינסטן פון פרעמד־געבוירענע קליידער־אַרבעטער (מענער) אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט, 18 יאָר און עלטער, וואָס וואוינען ווייניקער ווי 5 יאָר אין לאַנד (4)

| גרופּע | אונטער 10 דאָל. אַ וואָך | 10 ביז 15 דאָל. אַ וואָך | 15 דאָל. און העכער אַ וואָך |
|---|---|---|---|
| יידן (ניט פון רוסלאַנד) | 33.9 | 42.2 | 23.9 |
| יידן (רוסישע) | 39.1 | 39.9 | 21.0 |
| רוסן | 35.3 | 46.8 | 17.9 |
| ליטווינער | 40.2 | 49.8 | 10.0 |
| צפון־איטאַליענער | 45.3 | 45.3 | 9.4 |
| דייטשן | 40.0 | 51.4 | 8.6 |
| דרום־איטאַליענער | 57.6 | 33.9 | 8.5 |
| פּאָליאַקן | 37.4 | 54.1 | 8.5 |
| בעהמער און מאַראַווען | 35.5 | 57.0 | 7.5 |

דאָס, וואָס פון אַ דריטל ביז צוויי־פינפטל פון די יידישע שניידער־אימיגראַנטן האָבן די ערשטע יאָרן געדאַרפט אַרבעטן פאַר ווייניקער ווי 10 דאָלאַר אַ וואָך און פון 75 ביז 80 פּראָצענט פאַר ווייניקער ווי 15 דאָלאַר אַ וואָך — גיט אַ גוטן באַגריף פון דער אָרעמקייט וואָס האָט געהערשט צווישן יענע יידישע אימיגראַנטן וואָס האָבן שוין יאָ געהאַט אַ פאַך אין האַנט.

די צאָל יידישע אימיגראַנטן וואָס האָבן קיין פאַך און בכלל קיין באַ־שטימטע באַשעפטיקונג ניט געהאַט, איז געווען אַ גאַנץ הויכע. פּראָצענטועל איז די צאָל געווען באַלד אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פיל ווי ביי ניט־יידן פון דער „אַלטער" אימיגראַציע און באַלד צוויי מאָל אַזוי פיל ווי ביי די ניט־יידישע אימיגראַנטן וואָס זיינען אַהער געקומען אין די יאָרן 1899־1909 [5].

איז זיך שווין ניט צו וואונדערן זיך, וואָס אַזוי פֿיל ייִדן זיינען געוואָרן פּעדלערס ביי זייער קומען אַהער. אינטערעסאַנט איז, אַז אין דעם פּרט איז געווען ווייניק אונטערשייד צווישן ייִדישע אימיגראַנטן פֿון דייטשלאַנד, וואָס זיינען געקומען אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, און די ייִדישע אימיגראַנטן פֿון מזרח־אייראָפּע וואָס זיינען געקומען סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. היימאַן ב. גרינשטיין מיינט, אַז אפשר 30 פּראָצענט פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן אין ניו יאָרק זיינען אַרום 1850 געווען פּעדלערס, און ער גיט צו: „וואָלטן די דאָזיקע מענטשן געקענט עפּעס אַ פֿאַך, וואָלטן זיי לכל הפּחות געפּרואווט זיך צו האַלטן ביי זייערע באַשעפֿטיקונגען. היות זיי האָבן עס ניט געטאָן, מעגן מיר אָננעמען, אַז זיי האָבן קיין שום באַשעפֿטיקונג ניט געהאַט אין וואָסער עס איז פֿאַך" [6]). ראַבײ טראַכטענבערג גיט אָן די ווייטערדיקע צאָל פּעדלערס צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין איסטאָן, פּענסילווייניאַ; אין 1840 — 46 פּראָצענט פֿון די ייִדישע פֿאַרדינערס; אין 1845 — 70 פּראָצ; אין 1850 — 50 פּראָצ; אין 1855 — 59 פּראָצ. פֿון דאַן אָן איז די צאָל פּעדלערס שנעל געפֿאַלן, ביז זי האָט אין 1880 אויסגעמאַכט ניט מער ווי דריי פּראָצענט פֿון די ייִדישע פֿאַרדינערס אין שטאָט [7]).

פֿון דער צאָל פּעדלערס, וואָס די „נייע" ייִדישע אימיגראַציע האָט אַהער געבראַכט, איז קיין סטאַטיסטיק ניטאָ, אָבער אַז זי איז געווען אומגעהייער גרויס — זאָגט עדות די פֿאַרצווייגטע ליטעראַטור וואָס איז וועגן דער דאָזיקער אימיגראַציע געשאַפֿן געוואָרן. די אונטערשטע שורה איז, אַז די ייִדישע אימיגראַציע האָט די ערשטע צייטן אָפּגעשפּיגלט דעם ייִדיש עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מצב אין די אויסוואַנדערונג־לענדער — אַ מצב, וואָס איז געווען ניט אין ערך ווייניקער סטאַביל, ווי דער מצב פֿון זייערע ניט־ייִדישע שכנים אין די זעלביקע לענדער.

### 8.

צוויי קלאָרע טענדענצן מערקן זיך אין דער ייִדישער איינאָרדנונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן: 1) דאָרט, וואו זי נעמט אָן פֿאָרמען וואָס זיינען ענלעך צו די איינאָרדנונג־פּראָצעסן פֿון אַנדערע עטנישע גרופּעס, איז דער טעמפּאָ ביי ייִדן אַ שנעלערער ווי ביי אַנדערע; 2) אין אַסך הינזיכטן וויכט זי אָפּ פֿון דעם וועג וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט אַנדערע גרופּעס און נעמט אָן אייגנאַרטיקע פֿאָרמען. אַ פֿאַרשטיין פֿון דער ייִדישער אַנטוויקלונג דאָ אין לאַנד איז אוממעגלעך אָן אַ קלאָרן אַנאַליז פֿוןביידע טענדענצן.

עס וועט אונדז זיין גרינגער צו מאַכן אַזאַ אַנאַליז אויב מיר וועלן האָבן פֿאַר זיך עטלעכע דעמאָגראַפֿישע פֿאַקטן.

עס איז אוממעגלעך מיט באַשטימטקייט צו זאָגן ווי פֿיל יידן עס זיינען דאָ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, די שאַצונגען, אַז די אַמעריקאַנער יידישע באַפֿעלקערונג באַשטייט פֿון 5 מיליאָן נפֿשות, פֿינף־און־אַ־האַלב מיליאָן און אפֿילו זעקס מיליאָן — האָבן אַ קנאַפּן וויסנשאַפֿטלעכן יסוד. זיי זיינען אַלע באַזירט אויף סטאַטיסטיק, וואָס דר. לינפֿעלד האָט צונויפֿגעשטעלט אין 1927 — אַ סטאַטיסטיק, וואָס הגם אַלע באַנוצן זיך מיט איר איז זי אָבער געבויט אויף אומבאַגרינדעטע היפּאָטעזן וואָס גרעניצן זיך אָפּט מיט פֿאַנ־טאַזיע. אין משך פֿון די צוואַנציק יאָר, זינט זי איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, איז זי דורכגעלעכערט געוואָרן פֿון אַלע זייטן. וואו נאָר עס איז אין אַ שטאָט זינט דאַן געמאַכט געוואָרן אַ מער־וויסנשאַפֿטלעכע אויספֿאָרשונג, האָט זי, מיט זעלטענע רעזולטאַטן, דעמאָנסטרירט די ניט־ריכטיקייט פֿון לינפֿעלדס ציפֿערן. מערסטנטיילס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען שטאַרק איבער־געטריבן. דער מעטאָד, וואָס דר. לינפֿעלד האָט גענוצט, האָט קיין אַנדער סך הכּל ניט געקאָנט געבן.

כּדי צו באַווייזן, ווי ווייניק פֿאַרלאָזלעך עס זיינען דר. לינפֿעלדס ציפֿערן, ברענג איך דאָ אַ טאַבעלע, וואָס פֿאַרגלייכט דר. לינפֿעלדס סטאַטיסטיק מיט די ציפֿערן וואָס אויספֿאָרשונגען אין אַ צאָל שטעט האָבן פֿעסטגעשטעלט. עס איז נייטיק צו אונטערשטריכן, אַז די ציפֿערן פֿון די אויספֿאָרשונגען זיינען אויך ווייט פֿון צו זיין געננוי: זיי זיינען ניט קיין צענזוסן און פֿאַרשיי־דענע מעטאָדן האָט מען גענוצט אין זייער דורכפֿירונג. אין פֿאַרגלייך אָבער מיט דר. לינפֿעלדס סטאַטיסטיק, האָבן די אַלע שטודיעס אַ פֿעסטערן וויסנשאַפֿטלעכן יסוד און זיינען זיכער נענטער צו דערווירקלעכקייט. באַ־זונדערס פֿאַרלאָזלעך זיינען די ציפֿערן פֿון די קלענערע שטעט, וואָס זיינען באַזירט כּמעט אויף אַ פֿולער ציילונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג (זע טאַבעלע 12, זייט 275).

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אונטערשייד, וואָס מען קאָן אים מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן. פֿון די 16 שטעט אין דער טאַבעלע דעקן זיך לינפֿעלדס ציפֿערן בלויז אין דער איין סאַן פֿראַנציסקאָ מיט דער ספּעציעלער שטודיע און בלויז אין פּיטסבורג ווייזט די שטודיע אַ גרעסערע יידישע באַפֿעלקערונג ווי לינפֿעלד; אין אַלע אַנדערע שטעט באַווייזן די שטודיעס אַ באַטייטיק קלע־נערע באַפֿעלקערונג. אייניקע פּרוּוון וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פֿעסטצו־שטעלן די יידישע באַפֿעלקערונג אין ניו יאָרק, גיבן גרונט צו גלייבן, אַז אויך דאָ זיינען לינפֿעלדס ציפֿערן גוזמאדיקע. עס זיינען דעריבער דאָ ערנסטע סטאַטיסטיקערס וואָס נעמען אָן, אַז די יידישע באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אַסך נענטער צו פֿיר מיליאָן ווי צו פֿינף.

**טאַבעלע 12. ייִדישע באַפעלקערונג אין 16 אַמעריקאַנער שטעט לויט דר. לינפעלד און לויט ספּעציעלע שטודיעס [1])**

| שטאָט | לינפעלד 1937 | שטודיעס | |
|---|---|---|---|
| | | | יאָר |
| טרענטאָן | 9,650 | 7,200 | 1937 |
| באָסטאָן | 118,000 | 78,800 | |
| באַפאַלאָ | 21,800 | 18,000 | 1938 |
| שיקאַגע | 363,000 | 265,000 | 1930 |
| סינסינעטי | 21,800 | 19,400 | |
| דעטראָיט | 90,000 | 82,000 | 1935 |
| דולוט | 3,700 | 2,650 | 1936 |
| מינעאַפּאָליס | 20,700 | 16,250 | 1938 |
| ניו לאָנדאָן | 2,070 | 1,900 | 1938 |
| ניו אָרלעאַנס | 8,700 | 6,500 | 1938 |
| נאָרוויטש | 2,000 | 1,650 | 1938 |
| פּאַסייק | 10,900 | 10,100 | 1937 |
| פּיטסבורג | 52,000 | 54,000 | 1938 |
| סאַן פראַנציסקאָ | 40,900 | 41,000 | 1938 |
| סטעמפאָרד | 4,905 | 3,300 | 1938 |
| וואוסטער | 13,350 | 9,200 | 1942 |
| סך הכל | 783,475 | 616,950 | |

איין זאַך איז קלאָר: די פאַרגרעסערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט זיך אין דעם צווייטן פערטל פון דעם 20טן יאָרהונדערט באַטייטיק פאַרלאַנגזאַמערט אויב זי האָט זיך אין גאַנצן ניט אָפּגעשטעלט. געשען איז דאָס אויף אַ צווייענדיקן אופן: אי די ייִדישע אימיגראַציע איז דראַסטיש געשניטן געוואָרן אי דער נאַטירלעכער צואוואוקס איז זייער שטאַרק געפאַלן — אויף אַזוי פיל געפאַלן, אַז עס זיינען דאָ אורזאַכן צו גלייבן, אַז — אַראָפּרעכנדיק אימיגראַציע — פאַרקלענערט זיך גאָר די ייִדישע באַפעלקערונג. וואָס עס איז אָבער אויסער יעדער ספק איז — אַז די טענדענץ אין דער ריכ־

טונג פון פאַרקלענערונג, סיידן עס זאָל זיין — עפּעס, וואָס לחלוטין ניט צו פאַראויסזען — אַ נייע גרעסערע יידישע איינוואַנדערונג. צו אַט דעם אויס־פיר מוז מען קומען ווען מען נעמט אין אַכט די פאָלגנדיקע פאַקטן:

1. אַלע אויספאָרשונגען ווייזן, אַז די געבירטיקייט ביי יידן איז אפשר די קלענסטע אין לאַנד און עס איז צו דערוואַרטן, אַז זי וועט פאַלן נאָך ניד־ריקער אין דער צוקונפט.

2. אפילו אין אַבסאָלוטן זין איז דער דורכשניט פון דער יידישער משפחה אין שטעט מיט אַ קלענערער צאָל יידישע אימיגראַנטן שוין נידעריקער פון דעם דורכשניט אין דער באַפעלקערונג בכלל. עטלעכע ציפערן וועלן דאָס אילוסטרירן: דער דורכשניט פון דער אַלגעמיינער משפחה אין ניו אָרלעאַנס איז 3.81 פערזאָן, פון דער יידישער משפחה 3.03[2]; אין סטעמפאַרד: די אַלגעמיינע משפחה — 3.54, די יידישע — 3.41[3]; אין דעט־ראָיט. די אַלגעמיינע משפחה — 3.4, די יידישע 3.0[4], אין סאַן פראַנציסקאָ: די אַלגעמיינע משפחה — 3.4, די יידישע — 3.2[5]. די צאָל משפחות מיט דריי קינדער יעדער איז פיר מאָל גרעסער אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין פּיטסבורג, ווי אין דער יידישער[6]. די דאָזיקע ביישפילן וואָלט מען גע־קאָנט פילפאַך פאַרמערן. עס איז אָבער וויכטיק צו אונטערשטרייכן, אַז די ציפערן פאַר די יידישע משפחות שליסן איין אימיגראַנטישע אַזוי גוט ווי געבירטיקע עלטערן. אויב מען זאָל נעמען בלויז די לעצטע — און די צאָל פון אַט די ווערט דאָך כסדר גרעסער, בעת די צאָל פון אימיגראַנטישע על־טערן האַלט אין איין פאַלן — וועט די גרויס פון דער יידישער משפחה גע־שניטן ווערן, אין אַסך פאַלן — אויף אַ פולער העלפט.

3. דער קינדער־האַבנדיקער פעריאָד פון יידישע פרויען איז אַ קירצערער ווי אין דער באַפעלקערונג בכלל.

4. די יידישע באַפעלקערונג ווערט כסדר עלטער ווי אַ גאַנצע. אַ יונגע באַפעלקערונג זעט אויס אין איר עלטער־פאַרטיילונג ווי אַ פּיראַמידע, וואָס איר באַזע זיינען קינדער אונטער 15 יאָר און איר שפּיץ — די סאַמע עלטסטע גרופּע. יידן — זאָגט סאָפיאַ ראָביסאָן — זענען אָבער אין זייער עלטער־פאַרטיילונג גיכער אויס ווי אַ פאַס, וואָס זיין ברייטסטער פונקט גע־פינט זיך אין מיטן און באַשטייט פון גרופּעס אין דעם עלטער צווישן 15 און 54; אונטן איז דער פאַס שמעלער און דאָרט געפינען זיך די אינגערע ווי 15 יאָר, אויבן איז ער ווידער שמעלער און ווערט אויסגעפילט פון די וואָס זיינען עלטער פון 55 יאָר. די ווייטערדיקע טאַבעלע גיט די עלטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט, וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרן ספּעציעלע שטודיעס:

טאַבעלע 13. פּראָצענטועלע עלטער־פּאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג (7)

| שטאָט | אונטער 5 יאָר | 5—9 יאָר | 10—14 יאָר | 15—19 יאָר | 20—44 יאָר | 45 יאָר און עלטער |
|---|---|---|---|---|---|---|
| באָסטאָן | 7.0 | . . . | 15.9 [1] | 9.7 | 38.3 | 29.1 |
| באַפאַלאָ | 6.3 | 7.8 | 9.2 | 10.5 | 44.1 | 22.2 |
| שיקאַגאָ | 6.6 | 6.5 | 8.6 | 10.9 | 46.2 | 20.9 |
| סינסינעטי | 3.8 | 6.1 | 7.3 | 8.0 | 42.9 | 31.0 |
| דעטראָיט | 6.2 | 7.9 | 9.7 | 11.1 | 44.7 | 20.4 |
| מינעאַפּאָליס | 5.4 | 7.1 | 8.9 | 10.7 | 42.7 | 24.3 |
| ניו לאָנדאָן | 5.3 | 7.6 | 8.3 | 10.0 | 39.3 | 24.9 |
| נאָרוויטש | 6.5 | 8.3 | 8.5 | 9.0 | 41.6 | 25.0 |
| פּאַסייק | 4.8 | 6.9 | 8.3 | 9.2 | 46.0 | 22.8 |
| פּיטסבורג | 5.3 | 6.4 | 8.9 | 10.0 | 44.1 | 25.3 |
| סאַן פראַנציסקאָ | 4.1 | 4.6 | 6.0 | 7.3 | 40.4 | 33.9 |
| טרענטאָן | 4.9 | 6.9 | 8.0 | 9.0 | 46.6 | 23.6 |

1) שליסט איין 5־9 יעריקע

דער יידישער ישוב אין די פּאַראייניקטע שטאַטן ווערט אַלץ מער און מער נאַטיוו. דר. ראָביסאָן האָט צונויפגעשטעלט די ווייטערדיקע טאַבעלע פון דער צאָל דאָ־ און אין אויסלאַנד געבוירענע יידן אין די אויסגעפאָרשטע שטעט:

טאַבעלע 14. פּראָצענט געבוירטיקע און אין אויסלאַנד־געבוירענע ייִדן אין 10 שטעט (8)

| שטאָט | געבוירן אין פאַר. שטאַטן | געבוירן אין אויסלאַנד |
|---|---|---|
| באַפאַלאָ | 64.1 | 35.9 |
| שיקאַגאָ | 55.0 | 45.0 |
| סינסינעטי | 62.0 | 38.0 |
| מינעאַפּאָליס | 60.1 | 39.9 |
| ניו לאָנדאָן | 64.3 | 35.7 |
| נאָרוויטש | 64.0 | 36.0 |
| פּאַסייק | 62.0 | 38.0 |
| פּיטסבורג | 61.8 | 38.2 |
| סאַן פראַנציסקאָ | 56.2 | 43.8 |
| טרענטאָן | 65.7 | 43.3 |

אין סטעמפּאָרד איז 66.4 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג גע־בוירן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן [9]; אין ניו אָרלעאַנס — גאַנצע 80.5 פּראָ־צענט [10]. אין וואוסטער איז די פּאַרהעלטניש צווישן דאָ־ און אין אויסלאַנד־געבוירענע יידן באַלד צוויי צו איינס [11], פאַר ניו יאָרק, וואו די צאָל פרעמד־געבוירענע יידן איז פּראָפּאָרציאָנעל וואַרשיינלעך די העכסטע אין לאַנד, זיינען אפילו קיין בערכדיקע ציפערן ניטאָ, עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז די טענדענץ אויך דאָ איז צו אַ גרעסערער נאַטיוויזאַציע. מען קאָן מיט באַ־שטימטקייט זאָגן, אַז צום ווינציקסטן 60 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן איז אַ דאָ־געבוירענע.

דער פּראָצענט אַמעריקאַנער בירגער איז צווישן דער יידישער באַפעל־קערונג וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אויסלאַנד אויך זייער אַ הויכער — צווישן די העכסטע ביי די עטנישע גרופּעס אין לאַנד. אין ניו אָרלעאַנס איז בלויז צוויי־און־־אַ־האַלב פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג ניט נאַטוראַליזירט. דער הויכער פּראָצענט אַמעריקאַנער בירגער צווישן די פרעמד־געבוירענע יידן איז וואַרשיינלעך אַ רעזולטאַט פון דער העכערער בילדונג וואָס יידן פאַרמאָגן דורכשניטלעך אין פאַרגלייך מיט אַנדערע עטנישע גרופּעס פון דער „נייער" איינוואַנדערונג און פון דער פּערמאַנענטקייט פון דער יידישער אימיגראַציע; אין אַלגעמיין אָבער איז דאָ דער אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן ניט קיין צו גרויסער. אַלע ווייזן אַרויס אַ טענדענץ צו שטייגנדיקער נאַטיוויזאַציע און נאַטוראַליזאַציע און דער טעמפּאָ איז ביי יידן אין אַט דעם פּרט ניט גאָר קיין סך שנעלער, ווי ביי אַנדערע.

.9

וואָס איז שייך אורבאַניזאַציע איז אויך ניטאָ קיין וועזנטלעכער אונטער־שייד צווישן יידן און ניט־יידן בנוגע צו דעם פּראָצעס גופא, הגם מיר וועלן זען, אַז עס איז דאָ אַ גאַנץ קענטיקער אונטערשייד בנוגע צו גראַד.

אַז עס איז די גאַנצע צייט אַנגעגאַנגען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַ מאַרש פון דאָרף אין שטאָט, האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל געזען. אין 1880, ווען די ריזיקע יידישע איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך אָנגעהייבן, האָט בלויז 29.5 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד געוואוינט אין שטעט, 70.5 פּראָצענט האָט געוואוינט אין דוראַלע געגנטן (פּונקטן מיט ווי־ניקער ווי 2500 באַפעלקערונג יעדער); אין 1940 געפינען מיר 56.5 פּראָצ. אין די שטעט און בלויז 43.5 פּראָצענט אין די דוראַלע געגנטן, פון זיי — ניט מער ווי 23.0 פּראָצענט אין די פאַרם־געביטן. מיר האָבן שוין אויך געזען,

אַז די ריזיקע מערהייט פון די עטניקערס האָט זיך דאָ באַזעצט אין די גרויסע שטעט. כדי צו מאַכן אַ פאַרגלייך מיט יידן, וועט זיין כדאי צו ברענגען דאָ עטלעכע ציפערן, וואָס באַווייזן דעם גראַד פון אורבאַניזאַציע ביי אימיג־ראַנטן און זייערע דאָ־געבוירענע קינדער. ליידער האָבן מיר סטאַטיסטיק בלויז פאַר אַ פאָר דורות, אָבער ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די גאָר גרויסע יידישע אימיגראַציע איז דאָ ניט מער ווי אַ דריי דורות אַלט, איז אַ פאַרגלייך מעגלעך.

דער אַמעריקאַנער צענזוס פירט אַ חשבון פון דעם „אויסלענדישן מין" אין לאַנד. דאָס שליסט איין: 1) אימיגראַנטן, 2) געבירטיקע, וועמענס ביידע עלטערן זיינען אימיגראַנטן, 3) געבירטיקע, וואָס איינער פון

טאַבעלע 15. פאַרטיילונג פון עטנישע גרופעס פון „אויסלענדישן מין" לויט זייערע וואוינונג־געביטן אין 1940

| גרופע | אין אורבאַנישע געגנטן | אין רוראַלע ניט־פאַרמערשע | אין רוראַלע פאַרמערשע |
|---|---|---|---|
| דענער | 56.0 | 20.2 | 23.8 |
| האָלענדער | 56.6 | 18.0 | 25.4 |
| שוועדן | 64.9 | 16.7 | 18.4 |
| דייטשן | 66.7 | 15.7 | 17.7 |
| ענגלענדער און וועלשן | 73.9 | 18.1 | 8.0 |
| שאָטלענדער | 77.3 | 16.3 | 6.4 |
| צפון־אירלענדער | 81.4 | 12.7 | 5.9 |
| נאָרוועגיער | 50.4 | 19.6 | 29.9 |
| פראַנצויזן | 72.9 | 17.3 | 9.9 |
| טשעכן | 67.7 | 16.8 | 15.5 |
| פּאָליאַקן * | 84.8 | 9.2 | 6.0 |
| גריכן | 91.3 | 6.7 | 2.0 |
| דרום־אירלענדער | 86.0 | 9.7 | 4.3 |
| רוסן * | 87.2 | 5.8 | 7.0 |
| איטאַליענער | 88.0 | 9.4 | 2.6 |
| פראַנצויזיש־קאַנאַדער | 76.3 | 16.3 | 7.4 |

* אין דער קלאַסיפיקאַציע „פּאָליאַקן" און „רוסן" געפינט זיך העכסט־וואַרשיינלעך אַ הויכער פּראָצענט יידן.

זייערע עלטערן איז אַן אימיגראַנט און דער צווייטער אַ געבוירטיקער. אַזעלכע זיינען אין 1940 אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געווען 34,576,718. פֿון זיי האָבן 26,277,838, אָדער 76 פּראָצענט געלעבט אין שטעט; 4,699,546, אָדער 13,6 פּראָצענט, אין רוראַלע ניט־פֿאַרמערשע פּונקטן און 3,599,334 אָדער 10,4 פּראָצענט, אין רוראַלע פֿאַרמערשע פּונקטן. טאַבעלע 15 גיט די פֿאַרטיילונג פֿון אַ צאָל כאַראַקטעריסטישע עטנישע גרופּעס (זע זייט 279).

פֿון דער טאַבעלע איז צו זען, אַז בלויז אין גרופּע — די נאָרוועגיער — איז אויף ניט מער ווי 50 פּראָצענט אורבאַניזירט. נאָך דריי גרופּעס זיינען אויף ווייניקער ווי צוויי־דריטל אורבאַניזירט, אַלע אַנדערע זיינען פֿון צוויי־דריטל ביז נייַן־צענטל קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דעם פּרט איז דאָ אַ קנאַפּער אונטערשייד פֿון וואָסער טייל פֿון אייראָפּע אַ גרופּע שטאַמט אָפּ, דעם פּראָצעס פֿון אורבאַניזאַציע מיידט זי ניט אויס. אין דעם ליכט פֿון די געבראַכטע ציפֿערן ווערט קלאָר, אַז אורבאַניזאַציע איז אַ פּראָצעס, וואָס נעמט אַרום אַלע טיילן פֿון דער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג: יאַנקיס ווי עטניקערס, נאַטיווע ווי אימיגראַנטן. בדרך כלל קאָן מען פֿעסטשטעלן, אַז וואָס גרעסער עס איז דער אונטערשייד צווישן אַ גרופּע — אין דעם עטנישן און רעליגיעזן זין — און דעם מערהייט־טיפּ אין לאַנד, אַלץ אַ העכערן גראַד אורבאַניזאַציע ווייזט זי אַרויס.

יידן זיינען די אורבאַנישסטע גרופּע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז נאַטירלעך און פֿאַרשטענדלעך. „בלויז בנוגע צו איין גרופּע" — זאָגט קאַראָלין פּ. וועיר — „איז דאָס געווען אמת, אַז די גרעסטע צאָל פֿון אירע מיטגלידער איז געקומען מיט אַן אורבאַנישן הינטערגרונט — די יידישע גרופּע"[1]. איז אויב אַלע אַנדערע גרופּעס, וואָס זיינען אַהער געקומען מיט אַן אַגראַרן אָדער רוראַלן הינטערגרונט, זיינען דאָ געוואָרן אין זייער רייזיקער מערהייט אַ שטאָטישער עלעמענט, וואָס־זשע איז זיך צו וואונדערן אַז די יידישע באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אויף וואָסערע 98 פּראָצענט אורבאַניש? אין טענדענץ און פּראָצעס זיינען זיי דאָ לחלוטין קיין אויסנאַם ניט, אפֿילו אין גראַד איז דער אונטערשייד צווישן זיי און אַ צאָל אַנדערע עטנישע גרופּעס ניט אַזוי גרויס, ווי עס איז צו זען פֿון טאַבעלע 15. האָבן מיר דאָ, הייסט עס, אַן אונטערשייד בלויז אין דעם פֿאַרנעם פֿון דער באַפֿעלקערונג־דיסטריבוציע, ניט אין אירע כאַראַקטער־שטריכן.

דאָס זעלביקע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דער קאָנצענטרירטקייט פֿון יידן אין אַ קליינער צאָל גרויסע שטעט. אין 1937 האָט באַלד אַ העלפֿט פֿון גאָר דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זיך געפֿונען אין דער איין שטאָט ניו יאָרק. 86 פּראָצענט פֿון די יידן אין לאַנד האָבן זיך גע־

פונעם אין שטעט פון איבער 100 טויזנט באַפעלקערונג יעדער; נאָך 10.7 פּראָ־צענט אין שטעט פון צען ביז הונדערט טויזנט יעדער און בלויז 3.4 פּראָצענט אין שטעט פון ווייניקער ווי 10 טויזנט. מאַכן דעריבער יידן אויס 11 פּראָ־צענט פון גאַר דער באַפעלקערונג אין שטעט פון הונדערט טויזנט און העכער; 2.77 פּראָצ. פון גאַר דער באַפעלקערונג אין שטעט פון 25 ביז 100 טויזנט, און פון 0.63 ביז 1.22 פּראָצ. אין די קלענערע שטעט. בעת יידן זיינען אין 1937 געווען קאַרגע פיר פּראָצענט פון גאַר דער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען זיי געווען קוים אַ האַלבער פּראָצענט אין די אינקאָרפּאָרירטע און אומאינקאָרפּאָרירטע דוראַלע פּונקטן[2].

אָבער אויך דאָ האָבן מיר גיכער צו טאָן מיט אַן אונטערשייד אין דעם טעמפּאָ מיט וועלכן דער אורבאַניזאַציע־פּראָצעס באַוועגט זיך, ווי אין דעם פּראָצעס גופא. ווען מען פאַרגלייכט די יידישע מעטראָפּאָליזאַציע — די קאָנ־צענטרירטקייט אין עטלעכע גאַר גרויסע שטעט — מיט דער באַפעלקערונג־פאַרטיילונג אין לאַנד בכלל — איז דער אונטערשייד אַ שטוינענדיקער. פאַרגלייכט מען אָבער מיט אַ צאָל אַנדערע עטנישע גרופּעס, איז דער אונ־טערשייד נאָך אַלץ זייער גרויס, אָבער שוין ניט אַזוי גוואַלטיק איינזייטיק. פון דעם 16טן צענזוס אין 1940 דערוויסן מיר זיך, אַז אין די צוויי שטעט: ניו יאָרק און שיקאַגע, וואו עס לעבט העלפט פון די אַמעריקאַנער יידן, געפינען זיך אויך 15 פּראָצענט פון אַלע דייטשן פון דעם „אויסלענדישן מין“, 29 פּראָצענט פון אַלע איטאַליענער, 25 פּראָצענט פון אַלע דרום־אירלענדער, 26 פּראָצענט פון אַלע פּאָליאַקן. (דער רובריק פּאָליאַקן שליסט מסתמא איין אַסך יידן). אַרום אַ פינפטל פון גאַר דער גריכישער אימיגראַנטן־באַפעלקע־רונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינט זיך אין דער איין שטאָט ניו יאָרק. אַזוי גרופּע נאָך גרופּע: ווער מער, ווער ווייניקער — אַ נויגונג צו מעט־ראָפּאָליזאַציע ווייזן זיי אַלע אַרויס, ספּעציעל די אימיגראַנטן פון דער „נייער“ איינוואַנדערונג.

נאַטירלעך איז דער קוואַנטיטאַטיווער אונטערשייד אַזוי גרויס, אַז ער מוז אַרויסרופן קוואַליטאַטיווע רעזולטאַטן, וואָס וועגן זיי וועלן מיר נאָך רעדן. וואָס עס איז אָבער וויכטיק צו געדענקען איז, אַז די דאָזיקע קוואַליטאַ־טיווע רעזולטאַטן זיינען אַלע געגאַנגען אין דער ריכטונג פון די אַלגעמיינע פּראָצעסן אין לאַנד. דאָס ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מען באַטראַכט די עקאָנאָמישע דינאַמיק פון דעם יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן: קיין מאָל איז זי ניט געגאַנגען קעגן דעם שטראָם.

ווי אַנדערע, האָבן אויך יידן דאָ אין זייער ריזיקער מערהייט אָנגעהייבן פון די אונטערשטע שטאַפּלען פון דעם סאָציאַלן לייטער, אָבער מחמת זייער

גרעסערער אורבאַנישער דערפאַרונג, האָבן זיי אויף אים געקאָנט קלעטערן שנעלער און אַמאָל אויך איבערהיפּן טרעפּ. אַנדערע האָבן זיך ערשט דאָ געדאַרפט איינברעכן ווי אַ שטאָטישער עלעמענט; יידן זיינען שוין געווען אַ שטאָטישער עלעמענט ווען זיי זיינען אַהער געקומען. זיי האָבן דעריבער געקאָנט שפּאָרן צייט און אַרויסגעוויזן אַ פעאיקייט גיך זיך צו אַדאַפּטירן צו די עקאָנאָמישע געביטן וואָס זיינען געלעגן אויף דער ליניע פון דעם מאַטעריעלן פּראָגרעס פון לאַנד. „אַמעריקאַנער יידן" — שרייבט פּראָפעסאָר נ. רייך — „ווען זיי האָבן געזוכט אַרבעט, האָבן אַרויסגעוויזן אַ בולטע טענדענץ זיך צו צונויפצוקלייבן אין יענע געביטן פון עקאָנאָמישער אונטערנעמונג, וואָס האָבן זיך צום שנעלסטן געהאַלטן אין פאַרשפּרייטן"[3]. עקאָנאָמישע עקספּאַנסיע איז אין אַמעריקע, ווי מיר האָבן געזען, שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט שטייגנדיקער אורבאַניזאַציע. דאָס האָט יידן געגעבן אַ געלעגנהייט אַריינצודרינגען — אַמאָל פריער פאַר אַנדערע — אין יענע עקאָנאָמישע געביטן, אין וועלכע דאָס לאַנד האָט זיך גענייטיקט. אַזוי איז דאָס געווען אין דעם פאַל פון די ספרדישע יידן, וואָס האָבן אַריבערגעטראָגן אַהער די קאָמערציעלע באַציאונגען, וואָס זיי האָבן נאָך איינגעשטעלט אין די אַלטע היימלענדער, און צוגעטראָגן זייער חלק צו דער מערקאַנטילישער אויסשפּרייטונג פון די קאָלאָניעס. אַזוי איז עס געווען מיט די דייטשע יידן, וואָס האָבן זיך גענומען צו האַנדל און פּעדלעריי. מען רעדט אָפט מיט ביטול און פאַראַכטונג וועגן פּעדלעריי, אָבער ווען מען שטעלט עס אין דער געהעריקער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, זעט מען, וואָס פאַראַ וויכטיקע ראָלע פּעדלעריי האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקע אין מיטן 19טן יאָרהונדערט. „עס איז געווען" — זאָגט דר. רודאָלף גלאַנץ — „דער פּעדלער, וואָס האָט דעם פריען פּיאָנער באַזאָרגט מיט די לעבנס־נויטווענדיקייטן, וואָס מען האָט אויף אַן אַנדער אופן זיך ניט געקאָנט איינשאַפן אין די וויטע, פאַרוואָרפענע ישובים"[4]. טויזנטער און טויזנטער פּראָמינענטע פּאָליטיקער און פיאָנערן וואָלטן זיך געדאַרפט געווען אומקערן צו זייערע אַלטע היימען אין דורכפאַל און פאַרביטערונג, ווען ניט דער פּעדלער און שפּעטער — דער קרעמער.

די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן דאָ אויפגעבויט אַ מעכטיקע נאָדלאינדוסטריע אין דער צייט, ווען דאָס לאַנד האָט דאָס געפאָדערט. און אַזוי איז דאָס איצט: די אַלגעמיינע טענדענץ איז אין דער ריכטונג פון פּראָפעסיעס און ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונג, גייען יידן אין אָט דער ריכטונג. נתן רייך האָט אָט דאָס אַלץ סומירט אין די פאָלגנדיקע ווערטער:

> דער גליקלעכער אומשטאַנד, וואָס די אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע איז געווען גרייט אויפצונעמען דאָס וואָס יידן האָבן איר געהאַט צו געבן אין הינזיכט פון קוואַלי־

פיקאַציע און דינסטן, איז ניט אין קיין קלענער מאָס געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די סאָלידע דערגרייכונגען פון די יידישע אימיגראַנטן אין דער נייער אַמעריקאַנער היים [6].

.10

אין ברייטע שטריכן קאָן מען די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן גרופירן אין צוויי עיקר־טיילן. איין טייל האָט געהאַט צו טאָן מיט באַזאָרגן די הצטרכותן פון דער יידישער באַפעלקערונג גופא; די צווייטע טייל — מיט יידישן אַנטייל אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן. עס איז קלאָר, אַז ביידע טיילן זיינען געקניפּט און געבונדן מיט די אַלגעמיינע טענדענצן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין לאַנד: יידן וואָלטן דאָ ניט דערגרייכט דעם מאַטעריעלן מצב, וואָס זיי האָבן דערגרייכט, ווען זיי גיסן זיך עקאָנאָמיש ניט אַריין אין דעם הויפּט־שטראָם פון אַמעריקאַנער ווירטשאַפטלעכער דינאַמיק.

ווי ביי אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס, אָבער אין אַסך אַ שנעלערן טעמפּאָ, איז געאָגראַפישע קאָנצענטראַציע ביי יידן געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט עקאָנאָמישער קאָנצענטראַציע. די צווייטע יידישע איינוואַנדערונג־כוואַליע — די דייטשע — האָט זיך אין געאָגראַפישער קאָנצענטראַציע ניט גענייטיקט, פאַרקערט — זי איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, אַ היפּש ביסל דעקאָנצענטרירט. אַנדערש איז אָבער געווען דער פאַל מיט דער פיל גרעסערער דריטער כוואַליע. אָן דער ריזיקער קאָנצענטראַציע אין די גרעסערע שטעט, ספּעציעל אין ניו יאָרק, וואָלט די ראַשיקע פּראָלעטאַריזאַציע פון די מזרח־איראָפּעאישע אימיגראַנטן ניט געווען מעגלעך. די זעלביקע קאָנצענטראַציע האָט אויך, ווי מיר וועלן זען שפּעטער, צוגעאיילט ביי יידן דעם פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע. און פּונקט ווי די פּראָלעטאַריזאַציע איז פאָרגעקומען אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך אין לאַנד אומגעהייער געמערט די צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער, אַזוי איז די דעפּראָלעטאַריזאַציע אָנגעגאַנגען אין אַ צייט, ווען די צאָל אינדוסטריעלע אַרבעטער איז אָדער פאַרבליבן אויף אַ טויטן פּונקט אָדער געפאַלן. מחמת זייער שטאָטישקייט, האָבן יידן ניט אַלע מאָל געדאַרפט וואַרטן ביז די עקספּאַנסיע איז אין די עקאָנאָמישע געביטן צו וועלכע זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט שוין געווען אין פולן גאַנג איידער זיי זיינען אין די דאָזיגע געביטן אַריינגעטראָטן; זיי האָבן אָפט געקאָנט דערשפּירן די עקספּאַנסיע דאַן, ווען זי איז נאָך געווען פאַרבאָרגן אין די פאַלדן פון עקאָנאָמישע טענדענצן.

יעקב לעשטשינסקי טיילט איין די מאַסן־אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע אין צוויי פּעריאָדן. אין דעם ערשטן פּעריאָד, וואָס ציט זיך פון 1870 ביז 1900, קומען אַהער דער עיקר האַנטווערקערס, ניט קוואַליפיצירטע אַרבעטער און אַ גאָר גרויסע צאָל „עקאָנאָמיש־דעקלאַסירטע עלעמענטן". דער צווייטער פּעריאָד ברענגט אַהער מאַסן האַנטווערקערס און קוואַליפיצירטע אַרבעטער. 70 פּראָצענט פון אַלע פאַרדינערס צווישן די יידישע אימיגראַנטן פון דעם ערשטן פערטל פון דעם 20טן יאָרהונדערט באַשטייט פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער, בעת דער פּראָצענט קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין דער אימיגראַציע בכלל פאַר אָט דעם פּעריאָד — איז בלויז 20 [1]). פונדעסטוועגן קאָן מען רעדן פון אַ באַרג־אַרויף פּראָלעטאַריזאַציע ביי די אַמעריקאַנער יידן בלויז ביז אומגעפער דער ערשטער וועלט־מלחמה. זינט דאַן האָט זיך געמערקט אַ פּראָצעס פון דעפּראָלעטאַריזאַציע וואָס האָט פריער געפירט צו אַ רעלאַטיווער פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידישע אינדוסטריעלע אַרבעטער אין פאַרהעלטניש צו דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד און שפּעטער — צו אַן אַבסאָלוטער פאַרקלענערונג. ניסן גאָלדבערג מאַכט דעם חשבון, אַז בעת 59.6 פּראָצענט פון די יידישע פאַרדינערס זיינען אין 1900 געווען אין אינדוסטריע, איז דער פּראָצענט אין 1930 שוין געווען ניט מער ווי 13.7. אין האַנדל זיינען אין 1900 געווען אַ פינפטל פון אַלע יידישע פאַרדינערס (20.6 פּראָצ.), אין די דרייסיקער — אַריבער אַ העלפט (51.1 פּראָצ.) אין די פּראָפעסיעס: אין 1900 — 2.6 פּראָצ., אין די דרייסיקער — 13.1 פּראָצ.; אין קלערק־באַשעפטיקונגען: אין 1900 — 6.7 פּראָצ. אין די דרייסיקער — 9.3 פּראָצ. [2]). הגם די קלאַסיפיקאַציעס זיינען ניט אַלע מאָל אידענטיש און הגם גאָלדבערג בויט זיינע חשבונות פאַר 1900 אויף רוסישע יידן, בשעת אין אַמעריקע איז דאַן אויך געווען אַ גרויסע צאָל יידן פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער און די האָבן זיכער פאַרגרעסערט דעם פּראָצענט פאַרדינערס אין האַנדל און אין די ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונגען, — גיבן אָבער גאָלדבערגס ציפערן אַ מער־ווייניקער ריכטיק בילד פון די עקאָנאָמישע פאַרענדערונגען, וואָס די יידישע אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט זינט דעם אָנהייב פון דעם 20טן יאָרהונדערט. אויף דעם באָדן פון אַ צאָל טיילווייזע פאָרשונגען וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין 72 שטעט, וואו עס האָבן פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך געפונען לויט לינפעלדס ציפערן, אַרום 2,817,000 יידן אָדער אַרום דריי־פינפטל פון גאָר דער יידישער באַפעלקערונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט גאָלדבערג צונויפגעשטעלט אַ טאַבעלע, וואָס קאָן דינען ווי אַן עקאָנאָמיש בילד פון דעם היינטיגן יידישן ישוב אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. די טאַבעלע דעקט 66 שטעט מיט אַ יידישער

באַפעלקערונג פון 913,276 פאַרדינערס. מחמת באַרעכטיקטע וויסנשאַפטלעכע טעמים האָט גאָלדבערג די 66 שטעט צעטיילט אין צוויי רובריקן: איינע שליסט אין די פאָלגנדיקע פינף שטעט: ניו יאָרק, דעטראָיט, סטעמפאָרד, וואוסטער און ניו אָרלעאַנס; די צווייטע — 61 שטעט פון פאַרשיידענעם גרויס. אָט איז די טאַבעלע:

טאַבעלע 16. פראָצענטועלע פאַרטיילונג פון יידישע פאַרדינערס אין 66 אַמעריקאַנער שטעט (3)

| באַשעפטיקונג | פראָצענט 5 שטעט | פראָצענט 61 שטעט |
|---|---|---|
| אינדוסטריע | 34.8 | 12.4 |
| האַנדל | 33.3 | 47.3 |
| פראָפעסיעס | 11.3 | 11.9 |
| קלערקס | * | 15.7 |
| היים־ און פערזענלעכע דינסטן | 12.4 | 6.8 |
| עפנטלעכע דינסטן | 2.6 | 2.9 |
| טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע | 3.7 | 1.9 |
| אַנדערע און ניט־באַוואוסט | 1.9 | 1.1 |
| ס"ה | 100.0 | 100.0 |

* איינגעשלאָסן אין אַנדערע קאַטעגאָריעס.

אויף דעם באָדן פון אומגעפער דעם זעלביקן מאַטעריאַל האָט יעקב לעשטשינסקי צונויפגעשטעלט אַ טאַבעלע, וואָס פאַרגלייכט די איצטיקע באַשעפטיקונג־סטרוקטור פון די יידישע פאַרדינערס מיט די ניט־יידישע (זע טאַבעלע 17, זייט 286).

עס איז נייטיק צו וואָרנען, אַז בעת ציפערן פאַר דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג זיינען גענויע און באַזירט אויף רעגירונגס־צענזוסן, זיינען די ציפערן בנוגע צו יידן אין אַ גרויסער מאָס געבויט אויף השערות. פון דעם נעמט זיך די באַטייטיקע אונטערשיידן צווישן גאָלדבערגס טאַבעלע און לעשטשינסקיס. פונדעסטוועגן קאָן מען מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז די השערות זיינען באַזירט אויף גענוגנדיקן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל און ווערן באַשטעטיקט דורך פאַרזיכטיקע פערזענלעכע אָבסערוואַציעס — אויף אַזוי פיל קאָן מען אָננעמען, אַז זיי זיינען ניט צו ווייט פון דעם אמת. מיט אָט דער באַוואָרעניש לאָמיר איצט זען, וואָס די געבראַכטע ציפערן לערנען אונדז.

טאַבעלע 17. באַשעפֿטיקונג־פֿאַרטיילונג פֿון יידישע און ניט־יידישע פֿאַרדינערס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין פּראָצענטער (4)

| באַשעפֿטיקונג | פּראָצענט ייִדן | פּראָצענט ניט־ייִדן |
|---|---|---|
| האַנדל | 50.0 | 20.8 * |
| אינדוסטריע | 28.0 | 32.0 |
| פּראָפֿעסיעס | 10.0 | 6.8 |
| היים־ און פּערזענלעכע דינסטן | 6.0 | 10.3 |
| טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע | 2.5 | 9.2 |
| אַגריקולטור | 2.0 | 18.0 |
| עפֿנטלעכע דינסטן | 1.5 | 2.9 |
| ס"ה | 100.0 | 100.0 |

* שליסט איין אַרום צוויי־דריטל פֿון די קלערקס.

אויסלאָזנדיק דעם כאַראַקטער פֿון דער יידישער פּראָלעטאַריזאַציע (איר איינזייטיקע קאָנצענטרירטקייט אין דער לייכטער אינדוסטריע, דער עיקר — אין די באַדל־פֿאַכן) און פֿון דעם יידישן האַנדל (דער עיקר — אין געברויך־אַר־טיקלען וואָס זיינען נאָענט צו דער קליינער אינדוסטריע), זעען מיר, אַז דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישן יידן און ניט יידן איז אין האַנדל, אַגריקולטור, פּראָפֿעסיעס און וויסער־קאָלנער באַשעפֿטיקונגען. ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמ־קייט פֿאַרדינט דער גוואַלטיקער אונטערשייד אין דער צאָל קלערקס ביי יידן און ניט־יידן. די ראָלע, וואָס קלערקס שפּילן אין דער אַמעריקאַנער יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור איז אומגעהייער. קלערקס און ענלעכע באַשעפֿטיקטע (ביוראָ־און האַנדל־אָנגעשטעלטע, סטענאָגראַפֿיסטן, פֿאַרקויפֿערס וכדומה) מאַכן אויס אַריבער אַ דריטל (35.6 פּראָצ.) פֿון אַלע יידישע פֿאַרדינערס אין באָפֿאַלאָ, צוויי פֿינפֿטל פֿון אַלע יידישע פֿאַרדינערס אין דעטראָיט (39.1 פּראָצ.) און סאַן פֿראַנציסקאָ (40.2 פּראָצ.). נעמט מען בלויז פֿרויען־קלערקס, באַטרעפֿן זיי אין פֿאַרהעלטניש צו יידישע פֿרויען־פֿאַרדינערינס:

| | | |
|---|---|---|
| אין סינסינעטי | 32.9 | פּראָצ. |
| " דאַלאַס | 42.8 | " |
| " ניו לאָנדאָן | 25.6 | " |
| " נאָרוויטש | 36.9 | " |
| " פּאַסייק | 43.3 | " |
| " טרענטאָן | 43.9 | " |

אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דערשיינונג, וואָס איז נומעריש זייער אַנ־דערשדיק ווי ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס, איז קלאָר. אונדז גייט דאָ אָבער אויסצוגעפינען צי די דאָזיקע דערשיינונג איז קוואַליטאַטיוו אין הסכם מיט די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע פּראָצעסן פון לאַנד, אָדער זי גייט אין סתירה צו זיי. כדי דאָס פעסטצושטעלן דאַרפן מיר פאַר זיך האָבן אַ קלאָר בילד פון דער עקאָ־נאָמישער דינאַמיק פון דעם לאַנד ווי אַ גאַנצן. דאָס גיבן אונדז אַנדערסאָן און דייווידסאָן אין דער טאַבעלע וואָס געפינט זיך אויף זייט 288.

אַנדערסאָן און דייווידסאָן ציען אַליין אונטער אָט וואָס פאַראַ אַ סך הכל פון דעם בילד, וואָס די טאַבעלע דעקט אויף: דריי־פערטל פון אַלע אַרבעטער זיינען אין 1870 געווען פאַרבונדן מיט דער פּראָדוקציע פון פיזישע סחורות אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין די מינען, פאַבריקן, אַרבעטער־לאַגערן און די בוי־אינדוסטריעס. בלויז אַ פערטל פון די אַרבעטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די פּראָפעסיעס, דיסטריבוציע, האַנדל, דינסטן וכדומה. אין 1930 איז שוין בלויז אַ העלפט פון די אַרבעטער געווען באַשעפטיקט אין פּראָדוקציע, די אַנדערע העלפט איז געווען אַריינגעצויגן אין דער דיסטריבוציע פון דער פּראָדוקציע, אין דינסטן, פּראָפעסיעס, ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונגען וכדומה. די מחברים פאַרענדיקן זייער סך הכל מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

> אין 1850 זיינען געווען פיר פּראָדוצירערס אויף איין פאַרטיילער, אַרום 1930 האָט זיך געפאָדערט איין פאַרטיילער צו באַלייגן די סחורה וואָס איין פּראָדוצירער האָט געשאַפן [7].

כדי בולט אַרויסצוברענגען דעם באַטייט פון טאַבעלע 18 אין טערמינען פון יידישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף עטלעכע באַשעפטיקונגען באַזונדער.

1) אַגריקולטור, וואָס אין איר זיינען יידן כמעט ווי ניטאָ, פאַלט אַלץ ניד־ריקער און נידריקער אין היגזיכט פון דער צאָל באַשעפטיקטע. בעת די באַ־פעלקערונג פון לאַנד האָט זיך פאַרדרייפאַכט צווישן 1870 און 1940, איז די צאָל באַשעפטיקטע אין דער אַגריקולטור געשטיגן אין אַבסאָלוטע ציפערן בלויז אויף 60 פּראָצענט. רעלאַטיוו אָבער איז די צאָל געפאַלן פון נאָענט צו אַ העלפט פון די פאַרדינערס אין 1870 ביז ווייניקער פון אַ זעקסטל אין 1940.

טאַבעלע 18. צאָל און פּראָצענט פֿאַרדינענדיקע אַרבעטער אין די פֿאַרשיידענע באַשעפֿטיקונג־קאַטעגאָריעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון 1870 ביז 1940 (6)

| קאַטעגאָריע | 1870 | 1900 | 1920 | 1930 | 1940 * | 1870 איבער 1940 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אַגריקולטור | 5,919,987<br>47.3% | 10,248,935<br>35.3% | 10,665,812<br>25.6% | 10,471,998<br>21.4% | 9,271,998<br>17.5% | 3,352,011<br>56.6% |
| וועלדער און פֿישעריי | 53,196<br>.4% | 177,035<br>.6% | 270,214<br>.6% | 250,469<br>.5% | 270,469<br>270.5% | 217,273<br>408.4% |
| עקסטראַקציע פֿון מינעראַלן | 169,499<br>1.4% | 581,417<br>2.0% | 1,084,751<br>2.6% | 980,199<br>2.0% | 1,140,199<br>2.2% | 970,700<br>572.7% |
| פֿאַבריקאַציע און מעכאַנישע אינדוסטריע | 3,463,781<br>27.7% | 9,054,982<br>31.1% | 12,457,631<br>29.9% | 13,620,875<br>27.9% | 13,864,875<br>26.3% | 10,401,004<br>300.3% |
| טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע | 403,274<br>3.2% | 1,456,732<br>5.0% | 3,053,783<br>7.3% | 3,998,206<br>8.2% | 4,874,206<br>9.2% | 4,470,932<br>1,108.7% |
| האַנדל | 573,574<br>4.6% | 2,232,771<br>7.7% | 4,418,751<br>10.6% | 6,277,574<br>12.9% | 7,277,574<br>13.8% | 6,704,000<br>1,168.8% |
| עפֿנטלעכע דינסטן | 70,367<br>.6% | 260,392<br>.9% | 897,024<br>2.2% | 1,218,257<br>2.5% | 1,518,257<br>2.9% | 1,447,890<br>2,057.6% |
| פּראָפֿעסיאָנעלע דינסטן | 332,179<br>2.7% | 1,148,155<br>3.9% | 1,999,168<br>4.8% | 2,927,322<br>6.0% | 3,583,322<br>6.8% | 3,251,143<br>978.7% |
| היים און פּערזענלעכע דינסטן | 1,208,142<br>9.9% | 2,777,610<br>9.5% | 3,534,604<br>8.5% | 5,255,803<br>10.8% | 5,412,803<br>10.3% | 4,204,661<br>348.0% |
| קלערק־באַשעפֿטיקונגען | 311,889<br>2.5% | 1,135,204<br>3.9% | 2,950,769<br>7.1% | 3,829,217<br>7.8% | 5,521,297<br>10.5% | 5,209,408<br>1,670.0% |
| ס״ה | 12,505,923 | 29,073,233 | 41,614,248 | 48,829,920 | 52,735,000 | 40,229,077 |

* די ציפֿערן ביז 1940 זיינען גענומען פֿון די רעגירונגס־צענזוסן, פֿאַר 1940 — קאַלקולאַציעס פֿון די מחברים.

2) אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן באַוויזן אַ באַשעפטיקונג־פּאַר־גרעסערונג פון אַרום 300 פּראָצענט אין אַבסאָלוטן זין, אָבער רעלאַטיוו איז די צאָל געפאַלן פון 27.7 פּראָצענט פון אַלע פאַרדינערס אין 1870 ביז 26.3 פּראָ־צענט אין 1940. היות ווי אַ גרויסע צאָל יידן איז געווען באַשעפטיקט אין דער קליינער אינדוסטריע (אויך אין אַ באַשרענקטן סעקטאָר פון דער מיטעלער אינ־דוסטריע), איז וויכטיק אין דער דאָזיקער רובריק אַריינצוקוקן אַ ביסל טיפער. לואיס קאָרי האָט אין אַ פּאָר גלענצנדיקע ווערק אַרויסגעבראַכט די קאָלאָסאַלע אומשיכטונג פון די פאַרדינערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האָט ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן פּראָצעס אויף די מיטל־קלאַסן. אין זיין לעצטער אַרבעט, פאַרעפנטלעכט אין די „אַנטיאָק רעוויו", גיט ער אומגעהייער אינטערעסאַנטע ציפערן, פון וועלכע איך וויל דאָ ברענגען עט־לעכע [8]. אויף דעם באַדן פון רעגירונגס־צענזוסן שטעלט ער פעסט, אַז די צאָל אונטערנעמערס אין דער אינדוסטריע (פאַבריקאַציע, בוי און מיינינג) איז געווען:

| | | |
|---|---|---|
| אין | 1870 | 47,500 |
| " | 1910 | 424,327 |
| " | 1930 | 390,924 |
| " | 1940 | 257,000 |

צווישן 1910 און 1940 האָט זיך די צאָל אונטערנעמערס פאַרקלענערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף מער ווי אַ דריטל. היות ווי די אינדוסטריעלע פּראָ־דוקציע איז אין משך פון אָט די דרייסיק יאָר קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן, זאָגן די דאָזיקע ציפער עדות אויף אַ ראַשיקער טראָסטיפיקאַציע, וואָס האָט אַרויסגע־שטויסן דעם קליינעם און מיטלען אונטערנעמער. די צאָל יידן צווישן די אַרויס־געשטויסענע איז וואַרשיינלעך ניט קיין גרויסע דערפאַר, ווייל די קליידער־אינדוסטריע, אין וועלכער יידישע באַלעבאַטים זיינען אַן איבערוועגנדיקע מער־הייט, האָט ביז איצט אין גרויסן גאַנצן אויסגעמיטן די טראָסטיפיקאַציע־פאַזע. די דאָזיקע אינדוסטריע געהערט נאָך אַלץ צו דער קאַטעגאָריע פון מיטעלן און קליינעם קאַפּיטאַל, אָבער טאַקע דערפאַר איז זי נאָך וויט פון צו זיין סטאַב־ליזירט. די שטאַרביקייט צווישן די שניידער־שעפער איז זייער אַ הויכע. לויט יואל זיידמאַנען איז דער דורכשניטלעכער לעבנס־דויער פון אַ מענער־קליידער פירמע אין 1935 געווען בלויז זיבן יאָר. „אין דער ניו יאָרקער דרעס־אינדוסטריע שטעלן אַ פינפטל פון די דזשאָבערס און אינוויינסטע פאַבריקאַנטן און אַ דריטל פון די קאָנטראַקטאָרס אָפּ [אין גאַנצן] זייערע געשעפטן אין געוויסע

יאָרן... אין דער אינדוסטריע פון פּרויען־היט איז די שטאַרביקייט־ראַטע [פון אונטערנעמונגען] אין ניו יאָרק געווען מינדעסטנס צוואַנציק פּראָצ. אַ יאָר, געווען יאָרן ווען עס איז אַריבערגעגאַנגען 25 פּראָצענט". זיידמאַן גיט אָבער צו, אַז אַסך ענדערונגען אין די נאָדל־אינדוסטריעס זיינען ניט קיין ליקווידאַציעס, נאָר „רעאָרגאַניזאַציעס, שותפים ווערן צוגעגעבן אָדער באַזייטיקט" [9].

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז זיך ניט צו וואונדערן, ווען מען געפינט, אַז טויזנטער באַשעפטיקטע אין די נאָדל־שעפּער — סיי פריערדיקע אַרבעטער, סיי געוועזענע קאָנטראַקטאָרס און אפילו אַמאָליקע באַלעבאַטים — האָבן אין גאַנצן פאַרלאָזן די אינדוסטריע. עס איז אויך ניט קיין וואונדער, וואָס ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די דאָזיקע אינדוסטריע איז גוואַלטיק אויסגעוואַקסן, האָט זי צוגעצויגן ווייניק יידן פון אַנדערע עקאָנאָמישע געביטן. דאָס פירט צו דעם, אַז די אינדוסטריע ווערט לאַנגזאַם אַנטיידישט אין היינזיכט פון באַלעבאַטים, ווי זי איז שוין — און וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן אויספירלעכער — אין דער גרעסטער מאָס אַנטיידישט אין שייכות צו די אַרבעטער.

מען דאַרף ניט מיינען, אַז ווייל די טראָסטיפיקאַציע האָט אַרויסגעשטויסן אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינע צאָל יידישע אונטערנעמערס פון דער אינדוסטריע, האָט זי ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזאַ אויספיר וואָלט געווען פאַלש. ערשטנס איז די צאָל אַרויסגעשטויסענע יידן קליין, בלויז אין די נאָדל־פאַכן. אָבער יידן זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויך אין אַנדערע אינדוסטריעס — און אין די האָבן זיי, ווי קליין־ און מיטל־אינדוסטריעלער, געליטן מער ווי אין דער קליידער־אינדוסטריע פון דער קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל (דאָ רעדט זיך דערווייל בלויז פון אינדוסטריע און ניט פון אַנדערע עקאָנאָמישע געביטן.) צווייטנס: ווען אַן אונטערנעמונג איז איינגעשלונגען געוואָרן פון אַ טראָסט, האָט איר יידישער אייגנטימער זייער זעלטן געפונען פאַר זיך אַ פּלאַץ אין דעם טראָסט. מיר וועלן שפּעטער זען, אַז וואָס גרעסער די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, אַלץ קלענער איז אין אים דער אַנטייל פון יידן..

3) די מאַרקסיסטישע פאָראויסזעאונג, אַז די מיטלקלאַסן וועלן צעריבן ווערן אין דעם געראַנגל צווישן גרויס־קאַפּיטאַל און דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך ניט רעאַליזירט אין געוויסע געביטן פון דער ווירטשאַפט, פּונקט ווי זי האָט זיך יאָ רעאַליזירט אין אַנדערע. פון אַנדערסאָן און דייווידסאָנס טאַבעלע זעען מיר, אַז די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע וואָג פון האַנדל איז זייער שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די לעצטע דריי־פערטל יאָרהונדערט. אין 1870 האָבן די באַשעפטיקטע אין דירעקטן האַנדל אויסגעמאַכט

4.6 פּראָצענט פון דער צאָל פאַרדינערס, אין 1940 — 13.8 פּראָצענט. אין אַנדערע ווערטער: בעת די אַבסאָלוטע פאַרגרעסערונג פון 1940 איבער 1870 איז געווען 60 פּראָצענט אין דער אַגריקולטור און 300 פּראָצענט אין אינדוסטריע — איז די פאַרגרעסערונג אין האַנדל געווען אַריבער 1100 פּראָצענט. די צאָל באַשעפטיקטע אין האַנדל איז געוואַקסן אַריבער 18 מאָל העכער ווי אין דער אַגריקולטור און באַלד פיר מאָל העכער ווי אין דער אינדוסטריע.

אויב מיין טעזע אַז אין יענע עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס אין זיי גייט יידישע אַנטוויקלונג פּאַראַלעל מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג, איז דער טעמפּאָ ביי יידן אַ שנעלערער, איז אַ ריכטיקער, דאַרף די פאַרגרעסערונג פון דער ראָלע פון האַנדל אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן האָבן אַ שנעלערע אויסווירקונג אין דער יידישער באַפעלקערונג. נאָך אַ קוק אויף גאָלדבערגס און לעשטשינסקיס טאַבעלעס וועט באַשטעטיקן, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי.

אַרום אַ העלפט פון די פאַרדינערס ביי יידן ציען זייער חיונה פון האַנדל אַנטקעגן אַרום 20 פּראָצענט פון די פאַרדינערס אין דער באַפעלקערונג פון לאַנד בכלל (דער אונטערשייד אין די ציפערן פון אַנדערסאָן און דייווידסאָן איז דער עיקר אַ רעזולטאַט פון אַנדערשקייט אין קלאַסיפיקאַציע). וואָס פאַראַ פאָרשונגען עס זיינען ניט געמאַכט געוואָרן און וואָס פאַראַ מעטאָדן מען האָט דערביי ניט אָנגעווענדט, איז דער רעזולטאַט אַלץ געווען דער זעלביקער: 50 פּראָצענט יידישע פאַרדינערס אין האַנדל. אין די שטעט, וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרן ספּעציעלע שטודיעס, איז דער נידריקסטער פּראָצענט פאַר האַנדל געווען 43.2 (אין פּאַסייק). מען קאָן דעריבער דעם 50 פּראָצענטיקן דורכשניט אָננעמען אָן רעזערוואַציעס פאַר אַ פאַקט. ווי מיר האָבן געזען, איז דאָס ניט אַלע מאָל געווען אַזוי. די עקאָנאָמישע איינאָרדנונג פון די יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע איז, ווי שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, סוף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט געווען דער עיקר אויף דעם באָדן פון פּראָלעטאַריזאַציע. אָננעמענדיק מיט רעכט, אַז 90 פּראָצענט פון די וואָס זיינען אָנהייב 20טן יאָרהונדערט פאַרעגיסטרירט געוואָרן אין דעם צענזוס אַלס „רוסן“, זיינען אין דער אמתן געווען יידן, באַווייזט נ. גאָלדבערג, אַז דריי־פינפטל פון די דאָזיקע „רוסן“ זיינען אין 1900 געווען פאַבריק־אַרבעטער און האַנטווערקערס אין די פינף שטעט: ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגע, באָסטאָן און באַלטימאָר, וואו עס האָט זיך צו יענער צייט געפונען די ריזיקע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. „עס וועט זיכער ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן“ — שרייבט גאָלדבערג, — „אַז קיין שום אַנדער עטנישע גרופּע האָט אין 1900 ניט געהאַט אַזאַ הויכן פּראָצענט פאַבריק־אַרבעטער“ און ער גיט צו:

„אין אַט די פינף שטעט זיינען אין דער גרופּע „רוסן" געווען 3 פּאַבריק־אַרבע־טער אויף איינעם, וואָס האָט זיך פּאַרנומען מיט מסחר" [10].

עס איז וויכטיק איז אָט דער פּאַרבינדונג צו געדענקען, אַז די פּראָלעטאַרי־זאַציע איז ניט געווען קיין אויטאָמאַטישע : ד. ה. ייִדן האָבן, ביי זייער אָנקום אין לאַנד, ניט גענומען זיך דאָ אַלע מאָל צו אַרבעטן וואָס זיי האָבן געטאָן אין די אַלטע היימען, ניט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל קוואַליפיצירטע אַרבעטער, מיט וועלכער די ייִדישע אימיגראַציע האָט זיך אויסגעצייכנט. מען קאָן עס זען פון דער גרויסער צאָל ייִדן וואָס איז, ווי דערמאָנט אויבן, געקומען אָהער אָן באַ־שעפטיקונג. מען קאָן עס אויך זען, ווען מען פּאַרגלייכט די עקאָנאָמישע גלי־דערונג פון דעם ייִדישן ישוב אין דעם אַלטן רוסלאַנד צום אָנהייב פון דעם 20טן יאָרהונדערט מיט דער גלידערונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. ניסן גאָלדבערג מאַכט אַזאַ פּאַרגלייך.

אין 1897 זיינען 30.9 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע פּאַרדינערס אין רוסלאַנד געווען אין האַנדל ; אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אין 1900 — בלויז 20.6 פּראָ־צענט. באַלד צוויי מאָל אַזוי פיל פרויען־פּאַרדינערינס זיינען אין רוסלאַנד גע־ווען אין האַנדל ווי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. דערקעגן זיינען 37 פּראָצענט פון אַלע פּאַרדינערס אין אַמעריקע געווען באַשעפטיקט אין אַמעריקע אין דער פּראָדוקציע פון פרויען און מענער קליידער, שיך, קאַפּן און היט, בעת ווען מען נעמט אָט די אַלע פאַכן און מען גיט נאָך צו זיי צו טעקסטיל, קינסטלעכע בלומען און ענלעכע אַרטיקלען, איז דער פּראָצענט ייִדישע פּאַרדינערס וואָס איז אין זיי געווען באַשעפטיקט אין רוסלאַנד בלויז 17.2. אין היים און פּערזענלעכע דינסטן איז אין רוסלאַנד געווען באַשעפטיקט 16.1 פּראָצענט, אין אַמעריקע — פונקט אַ העלפט [11]). הגם ה. בורגין, דער ערשטער היסטאָריקער פון דער ייִדישער יוניאָן־באַוועגונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט צופיל גענעראַלי־זירט, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט אַסך גרונט פאַר זיין ווייטערדיקער באַ־מערקונג :

> אין דער היים האָבן דיזע אימיגראַנטן באַלאַנגט צו פּאַרשיידענע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג... די נויט האָט זיי אַלעמען אויסגעגלייכט און דער שאַפּ האָט אין זיי אַ מער אָדער ווייניקער פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע איינגעבלאָזן [12]).

פון דעם אַלעמען איז צו זען, אַז דער היינטיקער גרויסער ייִדישער אַנטייל אין האַנדל האָט זיך אַנטוויקלט אין אַמעריקע. די זייער הויכע פּראָפּאָרציע פון ייִדישער באַטייליקונג אין האַנדל איבער גאָר דער וועלט און זייער אורבאַנישע דערפאַרונג האָבן די ייִדישע אימיגראַנטן גוט צוגעגרייט פאַר דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. זי איז אָבער געווען אין הסכם מיט עקאָנאָמישע טענדענצן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

4) פּראָפעסיעס און ווייסער קאָלנער באַשעפטיקונגען. אַט די קאַטעגאָריע — באַווייזט די טאַבעלע פון אַנדערסאָן און דייווידסאָן — האָט צו פאַרצייכענען דעם סאַמע גרעסטן וואוקס זינט 1870 סיי רעלאַטיוו סיי אַבסאָלוט. פּראָפעסיאָנעלע דינסטן האָבן אין 1870 געהאַלטן באַשעפטיקט 332,179 מענטשן, אָדער 2.7 פּראָצ. פון אַלע פאַרדינערס, אין 1940 — 3,583,322 מענטשן, 6.8 פּראָצ. פון די פאַרדינערס — אַ פאַרגרעסערונג פון קאַרגע טויזנט פּראָצענט עפנטלעכע דינסטן: אין 1870 — 70,367 פּערזאָן, 0.6 פּראָצ. פון די פאַרדינערס; אין 1940 — 1,518,257, 2.9 פּראָצ. פאַרדינערס, אַ פאַרגרעסערונג פון אַריבער צוויי טויזנט פּראָצענט. קלערק־באַשעפטיקונגען: אין 1870 — 311,889 פּערזאָן, 2.5 פּראָצ. פאַרדינערס; אין 1940 — 5,521,297 פּערזאָן, 10.5 פּראָצ. פאַרדינערס, אַ פאַרגרעסערונג פון קאַרגע 1700 פּראָצענט. לואיס קאָרי גיט נאָך וויכטיקערע איינצלהייטן וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָפעסיעס און ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונגען און פאַרגלייכט זיי מיט די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם אַרבעטער־קלאַס.

ווען מען זאָל צו דעם אַרבעטער־קלאַס צורעכענען אי די אינדוסטריעלע אַרבעטער אי אַרבעטער אין היים־ און פּערזענלעכע דינסטן אי פאַרם־אַרבעטער, וועלן מיר זען אַז די צאָל מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געוואַקסן פון 6,035,000 אין 1870 ביז 29,518,000 אין 1940, וואָס דאָס מיינט אַז אין פאַרהעלטניש צו דער צאָל פאַרדינערס אין לאַנד איז דער אַרבעטער־קלאַס פּאַקטיש פאַרבליבן אויף איין אָרט. ער האָט אויסגעמאַכט 53 פּראָצ. פון די פאַרדינערס אין 1870 און 57 פּראָצ. פון די פאַרדינערס אין 1940. ווען מ'זאָל אָבער נעמען בלויז דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, וועט זיך שוין באַקומען גאָר אַן אַנדער בילד. מיר וועלן דאַן זען, אַז הגם אינדוסטריעלע אַרבעטער זיינען אין 1870 געווען 55 פּראָצענט פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און זיינען אויך געווען 55 פּראָצענט אין 1940, גיט אָבער אַזאַ פאַרגלייך ניט קיין באַגריף פון דער דינאַמיק פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. כדי צו האָבן אַזאַ באַגריף, דאַרף מען דעם צייט־שטח פון 70 יאָר צעטיילן אויף קירצערע פּעריאָדן. קאָרי טוט דאָס און עס באַקומט זיך אַט וואָס פאַראַ סך הכל:

אינדוסטריעלע אַרבעטער מאַכן אויס:

| | | |
|---|---|---|
| 55 | פּראָצ. פון אַלע אַרבעטער אין | 1870 |
| 66 | " " " " " | 1910 |
| 67 | " " " " " | 1920 |
| 62 | " " " " " | 1930 |
| 55 | " " " " " | 1940 |

דער זין פֿון די ציפֿערן איז אַ קלאָרער: די וואָג פֿון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס האָבן זיך געהויבן ביז 1920 און געפֿאַלן זינט דאַן. קאָרי גיט צו:

> אַט די רעלאַטיווע איינשרומפּונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט זעט מען קלאָר פֿון אַן אַנדער ווינקל: אין פּראָפּאָרציע צו אַלע פֿאַרדינערס האָבן זיך די אינדוסטריעלע אַרבעטער אויפֿגעהויבן פֿון 30 פּראָצענט אין 1870 ביז 37 פּראָצענט אין 1910 און 1920 און אַראָפּגעפֿאַלן ביז 34 פּראָצענט אין 1930 און 31 פּראָצענט אין 1940 [13]).

וואָס איז דערווייל פֿאָרגעקומען ביי די מיטלקלאַסן? בעת דער אַרבעטער־קלאַס האָט פֿון 1870 ביז 1940 זיך פֿאַרגרעסערט אויף זעקס מאָל, האָט דער מיטלקלאַס (אונטערנעמערס, אַליין־באַשעפֿטיקטע, ווייסער־קאָלנערדיקע לוין־אַרבעטער) זיך פֿאַרגרעסערט אויף אַכט מאָל. און ווען מ'נעמט בלויז דאָס, וואָס קאָרי רופֿט אַן „נייער מיטלקלאַס" — ד. ה. פּראָפֿעסיאָנעלע און ווייסער־קאָלנערדיקע לוין־אַרבעטער, — האָט ער זיך פֿאַרגרעסערט אויף 16 מאָל. „די אַבסאָלוטע צאָלן פֿון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט" — זאָגט קאָרי — „זיינען פּאַקטיש פֿאַרבליבן פֿאַרגליווערט זינט 1920, בעת דער נייער מיטלקלאַס האָט רעגיסטרירט אַ וואוקס פֿון 50 פּראָצענט. פֿון אַ כמעט נישטיקער פּראָפּאָרציע אין 1870 האָט דער נייער מיטלקלאַס זיך אויפֿגעהויבן צו ווערן 25 פּראָצענט פֿון אַלע פֿאַרדינערס [14]).

פֿון וועמען באַשטייט דער נייער מיטלקלאַס, ווי קאָרי כאַראַקטעריזירט אים? — אין אַלגעמיינע שטריכן פֿון: 1) טעכניקער, וואָס האָבן זיך פֿאַרגרעסערט אין צאָל זינט 1870 אויף 40 מאָל און זיינען אין 1940 געווען אַרום 700,000; 2) פֿאַרוואַלטערס און אויפֿזעערס, וואָס זייער צאָל איז אויסגעוואַקסן פֿון 121,380 אין 1870 ביז 1,707,576 אין 1940; 3) פּראָפֿעסיאָנאַלן וואָס אַרבעטן פֿאַר שכירות. אין 1870 זיינען זיי געווען 204,305 און אין 1940 — 2,660,843; 4) ווייסער־קאָלנער אַרבעטער, וואָס זייער צאָל האָט זיך אַ הויבגעטאָן פֿון 374,433 אין 1870 ביז 7,606,522 אין 1940. עס וועט זיין כדאי צו ברענגען קאָריס פֿולע טאַבעלע פֿון דער לעצטער גרופּע, ווייל זי וועט אונדז העלפֿן פֿאַרשטיין אַ צאָל עקאָנאָמישע טענדענצן צווישן יידן (טאַבעלע 19, זייט 295).

מיר וועלן באַלד זען, אַז יעדער קאַטעגאָריע אין דעם נייעם מיטלקלאַס און יעדער באַזונדערע גרופּע אין דער קאַטעגאָריע פֿון ווייסער־קאָלנערניקעס האָט צוגעצויגן מאַסן יידן.

מיט וואָס דערקלערט זיך די ראַשיקע פּראָפֿעסיאָנאַליזאַציע און ווייסער־קאָלנעריזאַציע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן (און אין אַלע אַנדערע אינדוסטריעל־פֿאַרגעשריטענע לענדער)? קאָרי ענטפֿערט: מיט 1) דעם שטייגנדיקן

טאַבעלע 19. ווייסער־קאָלנער אַרבעטער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין 1870 און 1940 (15)

| באַשעפֿטיקונג | 1870 | 1940 |
|---|---|---|
| בוכהאַלטערס, א. אַז. וו. | 38,776 | 741,308 |
| קלערקס | 29,801 | 1,973,604 |
| סטענאָגראַפֿערס־טייפּיסטן | 154 | 1,174,886 |
| קלערקס (אין קראָמען) | 80,000 | 525,591 |
| פֿאַרקויפֿערס (אין קראָמען) | 160,000 | 2,200,000 |
| האַנדלס־רייזנדיקע | 7,296 | 256,000 |
| פֿאַרקויף־אַגענטן | 35,000 | 366,312 |
| אָפּעראַטאָרס | 8,406 | 250,821 |
| ניט־קלאַסיפֿיצירט | 15,000 | 118,000 |
| סך הכל | 374,433 | 7,606,522 |

טעכניש־וויסנשאַפֿטלעכן כאַראַקטער פֿון דער אינדוסטריע; 2) דער שטייגנ־דיקער קאָמפּליצירטקייט פֿון דער פּראָדוקציע און דיסטריבוציע און דער סעפּע־ראַציע פֿון אייגנטום און פֿאַרוואַלטונג; 3) דעם וואַקסנדיקן סכום רעגולאַציע, פּלאַנירונג און אויפֿזעערשאַפֿט אין דער אינדוסטריע; 4) דער מולטיפּליקאַציע פֿון סחורות, מיט דעם פֿאַרגרעסערטן געברויך פֿון לוקסוס־ און באַקוועמלעכ־קייט־אַרטיקלען און מיט דער נויטווענדיקייט צו פֿאַרברויכן אַ גרעסערן סכום פֿרייע צייט; 5) דעם וואוקס פֿון די פֿונקציעס פֿון דער רעגירונג און פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס און דינסטן[16]. אַ זייער פּשוטע דערקלערונג פֿאַר דעם אומגע־הייערן וואוקס פֿון דער צאָל קלערקס אין פֿאַרקויף וואָס פֿאַרנעמט, ווי מיר האָבן געזען, אַזאַ אָנגעזעענע ראָלע אין דער ייִדישער עקאָנאָמיק, גיבן אַנדערסאָן און דייווידסאָן: אין 1870 האָט זיך געפֿאָדערט ווייניקער ווי 5 פֿון יעדע 100 אַרבעטער צו פֿאַרקויפֿן די פּראָדוצירטע סחורות און צו צושטעלן די נויטיקע דינסטן דער „געשעפֿט־געמיינדע"; אין 1940 האָט עס שוין געפֿאָדערט 12 פֿון יעדע הונדערט אַרבעטער[17].

אַלע אָנגעוויזענע פֿאַקטאָרן וואָרצלען אין אַן אינטעסעפֿיצירטער אורבאַ־ניזאַציע און אין העכערע אינטעלעקטועלע פֿאָדערונגען מצד דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיע. איןביידע פּרטים האָבן זיך ייִדן געפֿונען אין אַ גינציקער סיטואַציע און מען דאַרף דעריבער דערוואַרטן, אַז זיי האָבן די געשאַפֿענע געלעגנהייטן

אויסגעניצט מיט זייער געוויינלעכן שנעלערן טעמפּאָ. מיר האָבן שוין געזען, אַז דאָס איז געווען דער פּאַל מיט האַנדל, מיר וועלן איצט געניוער אַנאַליזירן די אויסווירקונג פון דער אינטעלעקטואַליזאַציע אויף דער יידישער גאַס.

## 11.

לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אַלע עטנישע גרופּעס, אפילו די וואָס זייַנען געקומען אַהער די שפּעטסטע און געבראַכט מיט זיך בלויז אַ מינימום פון בילדונג, האָבן דאָ אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו גיין פון וויניקער צו מער אינטעליגענטע באַשעפטיקונגען. לאָמיר זיך ווייטער דערמאָנען, אַז די דאָזיקע טענדענץ איז אַ דירעקטער פּועל יוצא פון דער אַמעריקאַנער קולטור, וואָס אימיגראַנטן — און בפרט זייערע קינדער און קינדס־קינדער — זאַפּן אין זיך איין. לאָמיר זיך אויך דערמאָנען, אַז דער אַלגעמיינער בילדונג־נעוואָ פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האַלט אין איין שטייגן. און ענדלעך לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז דאָס איינשאַפּן זיך קולטור שטייט אין דירעקטער פּאַרהעלטניש צו דער נאָענטקייט פון אַ גרופּע צו די בילדונג־אינסטיטוציעס פון לאַנד און אַז די דאָזיקע אינסטיטוציעס געפינען זיך דער עיקר אין די גרויסע שטעט. ווען מיר וועלן זיך אָט דאָס אַלץ דערמאָנען, וועלן מיר שוין ניט דאַרפן זוכן קיין ווייטערדיקע דערקלערונגען פאַר דעם פּראָפּאָרציאָנעל־גרעסערן באַזוך פון יידן אין מיטל־און הויך־שולן. וועגן די דיסקרימינאַציעס, וואָס זיי באַגעגענען דערביי און וואָס דערלאָזן ניט, אַז די פּראָפּאָרציע זאָל זיין נאָך העכער, וועל איך רעדן באַזונדער שפּעטער. דאָ וועט זיין גענוג צו ברענגען נאָר עטלעכע אָפּגעריסענע ציפערן צו באַווייזן, אַז דער העכערער אַנטייל פון יידן אין מיטל־ און הויכע לערן־אינסטיטוציעס איז ניט קיין צופעליקע אָדער לאָקאַליסטישע דערשיינונג. נאָך אין 1907 האָט אַן אויספאָרשונג אין ניו יאָרק אַרויסגעבראַכט פאַקטן, וואָס האָט דעם פאָרשער געפירט צו דעם ווייטערדיקן קאָמענטאַר:

> ווען מיר קומען צו אַ באַטראַכטונג פון די סעקונדערע שולן, ווערן מיר פאַרכאַפּט פון דעם גרויסן פּראָצענט יידישע תלמידים און פון זייער רעלאַטיוו־הויכער אויסצייכנונג, ספּעציעל אין עקזאַמענעס [1].

דאָס איז אויך געווען די לאַגע אין שיקאַגע און פילאַדעלפיע, וואו פאָרשונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער זעלבער צייט.

דרייסיק יאָר שפּעטער האָבן נעטי מעקגיל און עלען מעטיוס, אין זייער דערמאָנטער אויספאָרשונג פון דער יוגנט אין ניו יאָרק פעסטגעשטעלט, אַז קינדער פון יידישע פרעמד־געבוירענע עלטערן באַזוכן די העכערע קלאַסן פון

די שולן אין גרעסערע צאָלן ווי ניט־ייִדישע קינדער [3]) אין ניו אָרלעאַנס, וואו די ייִדישע באַפעלקערונג האָט דעם קלענסטן פּראָצענט פרעמד־געבוירענע, האָבן העכער 26 פּראָצענט ייִדן פאַרענדיקט קאָלעדזש און נאָך 23 פּראָצענט מיטלשול. אין דאַלאַס האָבן אַרום 25 פּראָצענט פון די ייִדן וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט זייער שול־פּעריאָד דורכגעמאַכט קאָלעדזש. אין פּיטסבורג האָבן אַרום 20 פּראָצענט פון די ייִדן, וואָס זיינען אין דער צייט פון דער אויס־פאָרשונג געווען איבער 30 יאָר, און האָבן אין אַמעריקע באַזוכט אַ שול, דורכגעמאַכט אין פול אָדער טיילווייז קאָלעדזש און 60 פּראָצענט אַ מיטלשול. אין סינסינעטי האָבן 14 פּראָצענט פון אַלע ייִדן וואָס זיינען עלטער פון 14 יאָר דורכגעמאַכט קאָלעדזש און 40 פּראָצענט — מיטלשול. בנוגע צו דעם לאַנד ווי אַ גאַנצן האָבן מיר אַ גענויע סטאַטיסטיק פון דער צאָל ייִדישע סטודענטן אין קאָלעדזשעס, אוניווערזיטעטן און אַנדערע אינסטיטוציעס פון העכערן וויסן. די סטאַטיסטיק האָט צונויפגעשטעלט דאָס באַשעפטיקונגס־ביוראָ פון בני ברית, און זי דערציילט אונדז, אַז אין 1935 און נאָך אַמאָל אין 1947, ווען די ייִדישע באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אפילו לויט די צו אָפּטימיסטישע ציפערן פון דר. ליבפעלד, געווען ניט מער ווי אַרום דריי־און־אַ האַלב פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד, האָבן ייִדן צוגעשטעלט אַרום 9 פּראָצענט פון די סטודענטן אין די קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן — אַ פּראָפּאָרציע צוויי־און־אַ־האַלב מאָל העכער פון דער צאָל ייִדן [5]). לאַרימער און אָסבאָרן האָבן די בילדונג־ראַטע און קאַפּאַציטעט פון די פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס באַטראַכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַלגעמיינעם קולטור־מצב אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זיינען געקומען צו דעם אויספיר: „ייִדישע קינ־דער באַווייזן כסדר אַ העכערע ראַטע פון אינטעליגענץ און אין פאַרשיידענע אונטערזוכונגען זיינען זיי נאָנט צו דעם „אַלטן סטאָק״ [4]).

די לעצטע באַמערקונג איז פון זייער גרויסן באַטייט: זי באַשטעטיקט אונד־זער טעזע, אַז ייִדן האָבן אין זייער קולטור־מצב איבערגעהיפּט אַ צאָל טרעפּ און געפינען זיך דעריבער היינט ניט אויף דעם אָרט אויף דעם סאָציאַלן לייטער, וואו עס געפינען זיך אַנדערע גרופּעס וואָס זיינען געקומען אין לאַנד אין דער זעלביקער צייט ווען ייִדן זיינען געקומען אין גרויסע מאַסן, נאָר אויף דעם אָרט, וואָס איז נאָנט צו דעם פּלאַץ, וואָס די „אַריסטאָקראַטיע״ פון אַמעריקע פאַרנעמט. דער דאָזיקער קולטור־מצב האָט נאַטירלעך אַן עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אויס־ווירקונג. די אָפּשטאַמיקע פון דעם „אַלטן סטאָק״ זעט מען היינט נאָר ווי אַ גרויסע זעלטנקייט אין שווערער פיזישער אַרבעט. זיי זיינען אַלע אין אינטע־ליגענטישע מלאכות — אויף וויפיל זיי געהערן ניט צו די באַזיצנדיקע קלאַסן אָדער צו די אַליין־באַשעפטיקטע. זיי זיינען די גרעסטע יחסנים אין לאַנד.

זיי זיינען עס די איינוואוינער פון היל סטריט אין יאַנקי סיטי, צו וועלכע עס קוקן אַרויף מיט אויגן פון קנאה די איינוואוינער פון אַלע אַנדערע גאַסן אין שטאָט. אומעטום איז דאָ אַ היל סטריט און אומעטום איז זי באַזעצט דורך דער זעלביקער סאָציאַלער שיכט — די אַזוי־גערופענע „נאָרדיקס", ספּעציעל די אַנגלאָ־זאַקסישע עלעמענטן. אַן אויספאָרשונג אין דעם שטאַט קאָנעטיקאַט — גיט איבער דר. שמואל קעניג — האָט פעסטגעשטעלט, אַז הגם די בריטיש־אַמעריקאַנער „זיינען אַ בפירושער מעוט אין דער באַפעלקערונג, פאַרנעמען זיי נאָך אַלץ די ערשטע פּאָזיציעס פון רייכקייט, פּרעסטיזש און השפּעה. זיי האָבן גיינציקערע געלעגנהייטן פאַר בילדונג און פירערשאַפט. זיי זיינען עס בכלל דער עלעמענט, אויף וועלכן מען פאַרקוקט זיך און וועלכן מען טוט נאָך" [6].

אַז די אַנגלאָ־זאַקסישע עלעמענטן זיינען די עקאָנאָמיש און סאָציאַל פּריווילעגירטע גרופּע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — האָבן מיר געזען אין דער ערשטער טייל. אין דער צווייטער טייל האָבן מיר געזען, ווי אַלע עטנישע און ראַסן גרופּעס אין לאַנד שטרעבן זיך אָן צו דערגרייכן, אָדער לכל הפּחות צוצוקומען נאָענט, צו דעם סטאַטוס פון דער פּריווילעגירטער גרופּע. זעלטן געלינגט דאָס זיי. ווארום הגם אַלע עטניקערס ווייזן אַרויס אַ טענדענץ צו גיין אין „העכערע" באַשעפטיקונגען בלייבן די יאַנקיס אויך ניט שטיין אויף איין אָרט און עס איז זיי דעריבער שווער אָנצויאָגן. די אויספאָרשערס פון דער יאַנקי סיטי סעריע האָבן געפּרואווט פעסטשטעלן דעם גראַד באַוועגלעכקייט אין דער באַשעפטיקונג פון די פאַרשיידענע גרופּעס אין יענער שטאָט. זיי זיינען געקומען צו אינטערעסאַנטע אויספירן, וואָס עס איז כדאי זיי דאָ איבערצוגעבן דערפאַר, ווייל די באַדינגונגען זיינען מער־ווייניקער ענלעך אויך אין אַנדערע שטעט.

אונטער דר. וואָרנערס אַלגעמיינער אויפזיכט און דירעקציע האָבן די פאָרשערס וואָס האָבן שטודירט יאַנקי סיטי איינגעטיילט די פאַרדינענדיקע באַפעלקערונג אין די ווייטערדיקע קאַטעגאָריעס:

1א — ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער;

1ב — קוואַליפיצירטע פאַבריק־אַרבעטער;

1ג — קוואַליפיצירטע פאַכן;

2א — פאַרוואַלטונגס־געהילפן;

2ב — פאַרוואַלטערס;

3 — מענטשן אין פּראָפעסיעס.

אויף דעם באַדן פון אָט דער פאַרטיילונג האָבן די פאָרשערס אויסגעאַרבעט אַן אינדעקס וואָס שטעלט פאַר דעם באַשעפטיקונגס־קאָמפּאָזיט פון די פאַרשיי־

דענע גרופּעס. פֿאַר די יאַנקיס איז דער אינדעקס אין 1933 געווען 2.26, דער סך הכל פֿאַר אַלע עטנישע גרופּעס — אירלענדער, פֿראַנצויזיש־קאַנאַדער, יידן, איטאַליענער, אַרמעניער, גריכן, פּאָליאַקן, רוסן — איז געווען 2.42. יידן האָבן אין 1933 געהאַט אַ אינדעקס פֿון 3.32 אַנטקעגן 3.10 אין 1913. דאָס הייסט, אַז עס האָט זיי גענומען 20 יאָר אויפֿצוהויבן זיך אויף 22 טרעפּ פֿון דעם באַשעפֿטי־קונגס־לייטער. די אירלענדער האָט אַן ענלעכער פּראָגרעס גענומען גאַנצע 43 יאָר — פֿון 1850, ווען זיי האָבן געהאַט אַן אינדעקס פֿון 1.62, ביז 1893, ווען זיי האָבן דערגרייכט אַן אינדעקס פֿון 1.84. די פֿאָרשערס קומען צו דעם שלוס: „אין זייער ערשטן דעקאַדע־יאָר דערגרייכן יידן אַסך אַ העכערן באַשעפֿטיקונגס־סטאַטוס איידער די אירלענדער [די עלטסטע עטנישע גרופּע אין יאַנקי סיטי] אָדער די פֿראַנצויזיש־קאַנאַדער [די צווייטע עלטסטע גרופּע] און זיינען אַסך מער באַוועגלעך אין זין פֿון באַשעפֿטיקונג, אין דורכשניט, ווי די שפּעטערדיקע גרופּעס" [6]). די דאָזיקע שפּעטערדיקע גרופּעס, וועט ניט זיין איבריק צו איבערחזרן, זיינען: איטאַליענער, אַרמעניער, גריכן, פּאָליאַקן און רוסן — גרופּעס מיט ווייניקער שטאַטישער דערפֿאַרונג און נידעריקערער בילדונג ווי יידן. יידן האָבן לכתּחילה אָנגעהויבן מיט אַ העכערן אינדעקס, וואָס דאָס באַ־שטעטיקט פֿון דאָס ביי זייער העכערע קוואַליפֿיצירטקייט גלייך ביי זייער קומען אין לאַנד. שפּעטער וועלן מיר זען, אַז הגם יידן האָבן היינט דעם העכסטן באַשעפֿטיקונגס־סטאַטוס אין יאַנקי סיטי, העכער אפֿילו ווי די יאַנקיס גופֿא, איז אָבער זייער סאָציאַלער סטאַטוס אַסך אַ נידעריקערער, ווי עס וואָלט זיי געקומט לויט זייער עקאָנאָמישער פּאָזיציע. אָט די דיספּראָפּאָרציע וועט אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך זיין פֿאַר אונדז איינער פֿון די שליסלען צו די אייגנ־אַרטיקע אַספּעקטן פֿון דער יידישער אַנטוויקלונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דערווייל אָבער באַטראַכטן מיר נאָך אַלץ די ענלעכקייט פֿון דער דאָזיקער אַנט־וויקלונג מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דעם לאַנד בכלל און זעען, אַז דער שנעלערער טעמפּאָ רייסט זיך אַריין אויף שריט און טריט — און אין ערגעץ ניט אַזוי ראַשיק, ווי אין די פּראָפֿעסיעס און „ווייסער־קאָלנערײַ".

## 12.

די נאַטיווע יידישע אינטעליגענץ הייבט אָן אַרויסווייזן אַ גרעסערע נטיה צו „אינטעליגענטע" באַשעפֿטיקונגען ווי צו האַנדל.

דאָס אַלגעמיינע וואָרט „האַנדל" גיט, ווי מיר וועלן זען אונטן, אַ פֿאַרקרימט בילד פֿון דער ראָלע פֿון יידן אין דעם קאָמערציעלן לעבן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָס וואָרט „האַנדל" דערציילט ניט פֿון די קאָנפּעקטן און דעליקאַטעסן

קרעמלעך, פון די גראָסעריס און בעקערייען, פון די „לאָנטש־רומס" און „רומינג־הייזער", פון די צייטונגס־קיאָסקן און ציגאַר־בודקעס, וואו יידן פּראַצעווען „גאַנס שטונדן", וואו זיי האָבן ניט קיין שבת און יום טוב און וואו זיי פאַרדינען אַפּט ניט מער — אַמאָל ווייניקער, — ווי אַ גוט־באַצאָלטער לוין־אַרבעטער. אין פאַרגלייך מיט פּעדלעריי איז אַ שפּייז־קראָם זיכער פּראָגרעס און לגבי דעם שוויץ־שאָפּ איז אַ רעסטאָראַן אפשר עקאָנאָמישער פאַרשריט, אָבער צייטן האָבן זיך געביטן און באַדינגונגען זיינען היינט אַנדערע. גראָד די יידישע קרעמלעך און באַקאַלייען זיינען ניט געפאַלן אונטער דעם דרוק פון די „קייטן" (טשיינס) דערפאַר, ווייל די ערשטע האָבן געהאַט זייערע אייגענע עקאָנאָמישע געזעצן, אונטער וועלכע קיין שום מאָדערנער האַנדל וואָלט ניט געקאָנט געפירט ווערן. דער יידישער שפּייז־הענדלער, קצב אָדער פּאַפּיראָסן־פּאַרקויפער האָט ניט גערעכנט פאַר זיין צייט, האָט ניט געהאַלטן, אַז מען דאַרף ווייב און קינד באַצאָלן פאַר אַרויסהעלפן אין געשעפט, האָט ניט געוואוסט פון קיין נאָרמאַלן אַרבעטס־טאָג און האָט אָפט געשפּאָרט דירה־געלט מיט דעם, וואָס ער האָט געוואוינט הינטער דער קלייט. מיט אַזאַ „עקאָנאָמיע" האָט ער ניט געהאַט וואָס צו מורא האָבן פאַר דעם טראָסט, בפרט ווען ער האָט געהאַנדלט מיט כשרע פּראָדוקטן.

פון פּעדלער־זאַק און דעם „באָנדל" צו קליין־האַנדל איז געווען דער וועג פון דעם יידישן אימיגראַנט. אָבער זיין זון און טאָכטער ווייזן אַרויס קנאַפּן חשק דעם זעלביקן וועג דורכצומאַכן. אין אַלגעמיין גערעדט — מאַכט ניסן גאָלד־בערג דעם סך הכל — „ווילן ניט אַמעריקאַנער־געבוירענע יידן זיין אייגנטימערס פון קאָנפעקטן, ציגאַרן אָדער אַנדערע לאַחודימדיקע קלייטן"[1]. ער קומט צו אָט דעם אויספיר נאָך דעם, ווי ער אַנאַליזירט די דינאַמיק פון דער יידישער עקאָנאָמישער שיכטונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן זינט 1900. דער דאָזיקער אויספיר ווערט באַשטעטיקט דורך יעדער ספּעציעלער שטודיע וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין די לעצטע צען יאָר און מער. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען נאָר עטליכע. דר. קעניג האָט געפונען, אַז אין 1938 האָבן 575 יידישע אימיגראַנטן־פאַרדינערס אין סטעמפאָרד אַרויסגעגעבן אַזוי פיל זעלבסטבאַשעפטיקטע, וויפיל 859 געבירטיקע פאַרדינערס[2]. אַ צווייטע אויספאָרשונג אין דעם שטאַט קאָנעטיקאַט — דורכגעפירט דורך דר. בעסי בלום וועסל — באַווייזט, אַז בעת 54.5 פּראָצענט פון די 326 יידישע פאַרדינערס זיינען אין ניו לאָנדאָן געווען זעלבסטבאַשעפטיקט, זיינען אין דעם שכנותדיקן, אָבער מער אימיגראַנטישן, נאָרוויטש 64.0 פּראָצענט פון די 315 יידן אין האַנדל געווען זעלבסטבאַשעפ־טיקט[3].

אין טרענטאָן האָט דר. סאָפיאַ ראָביסאָן געפונען, אַז „די פרעמד־געבוירענע יידן האָבן אויף אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב ווי די נאַטיווע גרופע אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ זיך צו קאָנצענטרירן אין האַנדל" [4]). לינאַ מייערס האָט פאַרגליכן אַ גרופע פרעמד־געבוירענע יידן אין ניו לאָנדאָן, סטעמפאָרד און סטעטאָן איי־לאַנד מיט אַ גרופע דאָ־געבוירענע אין די זעלביקע שטעט. די צאָל פון ביידע גרופעס איז געווען כמעט אַ גלייכע: 2,272 פרעמד־געבוירענע, 2,313 געבירטי־קע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ערשטע האָבן געגעבן 2 מאָל אַזוי פיל, ווי די צווייטע, באַשעפטיקטע אין אינדוסטריע, דערפאַר האָבן די געבירטיקע געגעבן דריי מאָל אַזוי פיל באַשעפטיקטע אין די פראָפעסיעס. אינטערעסאַנט איז, אַז בעת די פרעמד־געבוירענע האָבן געגעבן 62.2 פראָצענט אין האַנדל, איז דער פראָצענט אין האַנדל ביי די געבירטיקע געווען ניט מער ווי 53.0 [5]). עס איז ניט נייטיק צו ברענגען ווייטערדיקע ביישפילן. יעדער סטודענט פון יידישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן קומט צו דעם אויספיר, אַז אויב די איצטיקע טענדענצן וועלן זיך ניט ענדערן — און דאָס איז קוים צו דערוואַרטן — וועט די צאָל יידן אין האַנדל פאַלן און די צאָל אין ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונגען און אין די פראָפעסיעס וועט זיך הויבן.

סומירן דעם עקאָנאָמישן מצב פון יידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן קאָן מען אין עטלעכע ווערטער. זיי זיינען אין אַ ספעציעל־גינציקער לאַגע צו טראָגן זיך אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן שטראָם פון לאַנד מיט אַ גרע־סערער אינטענסיווקייט און האַסטיקערן אימפעט ווי די אַנדערע עטנישע גרופעס. זיי האָבן דעם שטראָם ניט אַרויסגערופן, זיי קאָנען אים ניט קירע־ווען אין אַנדער ריכטונג אַפילו ווען זיי וואָלטן עס געוואָלט, אָבער זיי זיינען געווען בעסער ווי אַנדערע צוגעגרייט צו שווימען אין אים. מען מוז דערי־בער קומען צו דעם שלוס, אַז אויך אין דעם פרט פון עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג איז דער אונטערשייד צווישן יידן און אַנדערע ניט אַזוי אין די פראָצעסן גופא, ווי אין זייער קאַפאַציטעט אין די פראָצעסן זיך אַריינצורייסן. אין דעם זין קאָן מען פעסטשטעלן, אַז יידן האָבן גיכער זיך אַקאָמאָדירט צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען ווי אַנדערע עטנישע גרופעס.

## .13

אַלע פאַקטאָרן פון יידישער אַקאָמאַדאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס זיינען דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפיטלעך, זיינען געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז אין אַנדערע עטנישע גרופעס האָבן זיי געהאַט אַ דעזאינטעגרירנדיקע אויסווירקונג. פון איין זייט האָט די גרעסערע פעאי־

קייט זיך אַרײַנצוגיסן אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן שטראָם און דאָס שנעלערע קלעטערן אויף דעם סאָציאַלן לייטער געדאַרפֿט אַרויסרופֿן בײַ ייִדן אַן אַנטשפּרעכנדיק־שטאַרקערן פֿאַרלאַנג וואָס פֿריִער זיך אויפֿצולייזן אין דעם אַרום. פֿון דער אַנדערער זייט האָט די גוואַלטיקע סאָציאַלע, קולטורעלע און אפֿילו רעליגיעזע צעטיילטקייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג געדאַרפֿט אָפּשוואַכן איר ווידערשטאַנד צו דעם דרוק פֿון די דעעטניזירנדיקע איינפֿלוסן. פֿון בײדע זייטן וואָלט דעריבער די אַסימילאַציע פֿון ייִדן געדאַרפֿט זײַן אַ גרינגלעכערע און ראַשיקערע אויב זיי וואָלטן דאָ געווען אונטערגעוואָרפֿן די געזעצן פֿון אַנטוויקלונג, וואָס מיר האָבן געפֿונען אַז אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס זײַנען פֿון זיי געטריבן געוואָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. איז דאָס געווען דער פֿאַל מיט דער ייִדישער גרופּע? אַסימילירט זי זיך שנעלער ווי אַנדערע? אַסימילירט זיך לכל הפּחות אין דער זעלביקער מאָס ווי אַנדערע? ווײַזט אויך זי אַרויס אַ טענדענץ זיך מיט דער צײַט אין גאַנצן אויפֿצולייזן? דער ענטפֿער אויף אָט אַלע פֿראַגעס איז: ניין — און אין דעם באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. זי איז אין דעם פּרט אַן איינצל־דערשיינונג — אַנדערש פֿון יעדער אַנדערער ווײַסער עטנישער גרופּע אין לאַנד. וועט די אייגנאַרט אָנהאַלטן, וועלן ייִדן זײַן די איינציקע פֿון די דאָזיקע גרופּעס ניט צו פֿאַרלירן איר קאָלעקטיווע אידענטיטעט.

דאָס גיכע צופּאַסן זיך מצד ייִדן צו דעם לאַנד, דאָס אוטיליטאַרישקייט, דאָס אַרײַנדרינגען אין האַנדל, די שנעלע אַבסאָרבירונג פֿון דער ענגלישער קולטור און דער רעזולטירנדיקער אומפּראָפּאָרציאָנעלער אַנטייל אין „אינטעליגענטע" באַשעפֿטיקונגען, דאָס פֿלייסיקע איבערנעמען שטיקער אַמעריקאַנער שטייגער־לעבן, די ליידנשאַפֿטלעכע אַקצעפּטירונג פֿון אַמעריקאַנער פֿאַרווײַלונג־פֿאָרמען, דער כמעט אומאונטערגעבראָכענער עקאָנאָמישער פּראָגרעס — אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט צוגעאײַלט אַסימילאַציע בײַ אַלע עטנישע גרופּעס אין לאַנד — צי האָט דאָס גאָר ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף דער ייִדישער גרופּעשקייט?

דער ענטפֿער איז, אַז עס האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג. ייִדן־יחידים זײַנען אָפּגעפֿאַלן פֿון ייִדישן כּלל. זייער צאָל איז אוממעגלעך פֿעסטצושטעלן, אָבער אַז זי איז היפּש גרויס איז אויסער יעדער ספֿק. משפּחות גאַנצע זײַנען אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער ייִדישער מחנה. מען קאָן דאָס זען פֿון דער גרויסער צאָל ייִדישע נעמען בײַ ניט־ייִדישע פֿאַמיליעס. די מערסטע משפּחות וואָס האָבן זיך נאָך אויפֿגעהאַלטן פֿון דעם ספֿרדישן פּעריאָד און פֿון דעם אָנהייב פֿון דעם דײַטשן פּעריאָד זײַנען מסתּמא הײַנט שוין מער ניט אין

דער יידישער קהלה. אַ ריטשקעלע פון אפטריניקע האָט זיך אַלע מאָל גע־צויגן פון דער יידישער גאַס צו דעם גרויסן אָרום און אין אים שפּורלאָז פאַרשוואונדן. מחמת אָט דעם ריטשקעלע לאָזט גרינשטיין צו דעם געדאַנק, אַז ווען אימיגראַציע וואָלט אָפּגעשטעלט געוואָרן אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, וואָלט היינט קיין יידן ניט געווען אין ניו יאָרק [1]. אָבער אויב ראַביי גרינשטיין האָט נאָך ספקות בנוגע ניו יאָרק, איז ראַביי פייבעלמאַן פולשטענדיק זיכער בנוגע ניו אָרלעאַנס. „אַזוי פיל איז באַשטימט" — זאָגט ער — „אויב די אָריגינעלע יידישע געמיינדע וואָלט ניט צוגעקראָגן קיין פאַרגרעסערונג פון דייטשע און שפּעטער מזרח־אייראָפּעאישע צוגעקומענע, וואָלט היינט ניט געווען קיין יידישע קהלה אין ניו אָרלעאַנס" [2].

מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק האָט יצחק מאיר וויז זיך געקלאָגט פאַר ראַביי לעסער אין פילאַדעלפיע, אַז יידן פאַרלאָזן דאָס הויז פון ישראל. „פון די אַלע יידן וואָס זיינען צוגעקומען צו די היגע ברעגעס צווישן 1620 און 1829" — האָט ער געטענהט — „זיינען ניט געבליבן קיין צוויי הונדערט משפחות וואָס האָבן געהערט צו שולן, בעת די גרויסע מערהייט איז פאַר־שוואונדן צווישן די מאַסן". און וויז גיט צו: אין משך פון אָט די צוויי הונדערט יאָר זיינען דאָך טויזנטער יידן אַריינגעקומען אין אַמעריקע פון האָלאַנד, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און פוילן [3]. אין אַ פאַרלאַנג נאָך הילף צו בויען אַ שול, וואָס אַ גרופּע יידן פון סינסינעטי האָבן אין 1825 אַדרעסירט צו די יידן פון טשאַרלסטאָן, ווערט געזאָגט:

> מיר זיינען פולשטענדיק זיכער, אַז אַסך יידן ווערן פאַרלוירן דאָ אין לאַנד מחמת זייער ניט געפינען זיך אין דער שכנות פון דער שול. זיי האָבן אָפּט חתונה מיט קריסטן און... פאַרלירן אויף שטענדיק דעם ריכטיקן גלויבן אין גאָט [4].

דאָס רעדט זיך אַלץ פון דער צייט, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד איז געווען זייער קליין. אָבער ווען מען באַטראַכט די צייט ווען דאָ האָט זיך שוין געפונען אַ יידישער ישוב וואָס האָט זיך געציילט אין די מיליאָנען, זעט מען אַז אויך דאַן האָט זיך געצויגן דאָס ריטשקעלע פון אַפּטריניקייט. די צאָל געמישטע חתונות, הגם זי איז נאָך אַלץ, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, ניט גרויס ביי יידן, וואַקסט פונדעסטוועגן כסדר.

די יידישע שפּראַך, וואָס האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן געשאַפן אַ פרעכטיקע ליטעראַטור און זייער באַטייטיקע קולטור, גייט איצט כסדר באַרג־אַראָפּ. אַלע יידישע טאָג־צייטונגען דרויסן פון ניו יאָרק האָבן זיך פאַרמאַכט, די פאַר וואָכן־צייטונגען וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן זיינען אויך אויף דעם וועג פון ליקווידאַציע. אין ניו יאָרק גופא האַלט די פרעסע אויף יידיש אין איין פאַרלירן לייענערס. דער מאַרק פאַר ביכער אין יידיש איז כמעט ווי

אין גאַנצן פֿאַרשוואונדן. די קינדער־שולן וואָס האָבן געשטעלט די יידישע שפּראַך אין צענטער פֿון זייער דערציאונג־סיסטעם האַלטן אין איין פֿאַלן אין צאָל. אין די לעצטע יאָרן פֿאַרמאַכן זיי זיך דער עיקר דערפֿאַר, ווייל זיי קאָנען ניט צוציִען גענוג קינדער צו באַרעכטיקן זייער עקזיסטענץ, הגם זייער מאַטעריעלע לאַגע איז איצט דווקא בעסער, ווי אין די צייטן ווען די דאָזיקע שול האָט זיך אָנגעהייבן. דער עולם, וואָס גייט צו פֿאַרזאַמלונגען וואָס ווערן געפֿירט אויף יידיש — ווערט אַלץ עלטער און שיטערער. פֿון די פּאָר צענדליק יידישע טעאַטערס וואָס האָבן עקזיסטירט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין דער צייט, ווען דאָס טעאַטער אויף יידיש האָט געבליט — און דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק — זיינען דאָ פֿאַרבליבן בלויז אַ פֿיר־פֿינף, און זיי צאַנקען אויך. אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט און דער יידישער לערער־סעמינאַר, וואָס זיינען געווען די קרוין פֿון דער קולטור־טעטיקייט אויף יידיש, נעמען אַריין אַלץ מער און מער ענגליש אין זייער פּראָגראַם. עס איז פֿון דער אַמע־ריקאַנער יידישער יוגנט אין דעם לעצטן פֿערטל יאָרהונדערט ניט צוגעקומען קיין טוצן שריפֿטשטעלער וואָס באַנוצן זיך מיט דער יידישער שפּראַך אין זייער שרייבן — און דאָס ניט געקוקט אויף דעם מיליאָן מיט דריי־פֿערטל יידן וואָס האָבן אָנגעגעבן יידיש פֿאַר זייער מאַמע־לשון אין 1940. דאָס זיינען אַלץ פֿאַרלוירענע פּאָזיציעס פֿאַר דער יידישער עטנישקייט.

און דאָך, ווען מען נעמט דאָס אַלץ צענויף — סיי די אַמאָליקע פֿאַר־לוסטן, סיי די הײַנטיקע — און מען וואַרפֿט אויף זיי דאָס ליכט פֿון די דערזאינטעגרירנדיקע פֿאַקטאָרן וואָס מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט — דאַרף מען זיך ניט וואונדערן, וואָס די פֿאַרלוסטן זיינען געווען אַזוי גרויס, ווי דאָס, וואָס זיי זיינען געווען אַזוי קליין. ווי אַן עטנישע געמיינדע איז דער יידישער ישוב אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי קאָנסאָלידירט און אַזוי אַקטיוו. מיר האָבן געזען, אַז געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אויף אַן עטנישן באָדן איז ביי אַנדערע גרופּעס כמעט דורכאויס אַן אימיגראַנטישע טעטיקייט. זעלטן געפֿינט מען אין איר אַ צווייט־דוריקן און קיין מאָל ניט קיין דריט־דוריקן, סיידן אפֿשר אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פּאָליטישן וואָס זוכט עטנישע שטימען. פֿאַרקערט, איז די מערהייט פֿון דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט שוין אַ צווייט־דוריקע, מיט אַ גרויסן און שטייגנדיקן פּראָצעס דריט־דוריקע און אַ רעלאַטיוו ניט קליינער צאָל פֿערט־ און פֿינפֿט־דוריקע. נאָך הײַנט געפֿינט מען אין דער יידישער קאָמונאַלער אַרבעט משפּחות וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט אין דעם 18טן יאָרהונדערט.

„קאָן אַט דער אוניווערסאַלער פּרעמדער" — פרעגן אין 1936 די רע־דאַקטאָרן פון דעם זשורנאַל „פּאָרטשון", נאָך דעם ווי זיי האָבן דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג וועגן דעם יידישן עקאָנאָמישן מצב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועגן וועלכער עס וועט נאָך אונדז אויסקומען צו רעדן, — „אַבסאָר־בירט ווערן אין דעם לאַנד וואָס האָט אַבסאָרבירט יעדער אַנדערן אייראָפּעאישן מין? וויל ער אַבסאָרבירט ווערן? קאָן ער לעבן גליקלעך און אין פרידן אויב ער וועט ניט אַבסאָרבירט ווערן?" און די רעדאַקטאָרן ענטפערן אויף זייערע אייגענע פראַגעס: מען קאָן „בלויז פראוון טרעפן" [5]).

שוין דאָס אַליין, וואָס די מחברים פון דער „פּאָרטשון"־שטודיע האַלטן, אַז בנוגע צו דער יידישער צוקונפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אוממעגלעך צו רעדן מיט באַשטימטקייט און מען קאָן וועגן דעם ניט אויפשטעלן קיין שום פּראָגנאָז — שוין דאָס אַליין באַווייזט, אַז זיי האָבן ניט קיין ספקות בנוגע צו דעם איצטיקן סטאַטוס פון דעם יידישן ישוב. און ניט קיין וואונדער: וויסנשאַפטלעכע פאָרשערס, סאָציאַלע געלערנטע און פּראַקטישע געזעלשאַפט־לעכע טוערס — יידישע ווי ניט יידישע — זיינען אַבסאָלוט אייניק וועגן דעם, אַז יידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ פעסטערע אינערלעכע גרופּע־צעמענטירט־קייט און האָבן ביז איצט אַרויסגעשטעלט אַ דערפאָלגרייכערן ווידערשטאַנד צו דעם אַסימילירנדיקן דרוק פון דעם אַרום, ווי וואָסער עס איז אַנדערע ווייסע עטנישע גרופּע אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. עס ווערן אָנגעגעבן פאַרשיידענע דערקלערונגען און אויסטייטשונגען — וועגן דעם פאַקט גופא איז צווישן די וואָס שטודירן דעם ענין קיין מיינונגס־פאַרשיידנקייט ניטאָ. יידן האַלטן דאָ אָן זייער עטנישע אידענטיטעט — דאָס איז אַ טאַטזאַך. וואָס איז שייך צו דער צוקונפט, זיינען אויך אַלע מסכים, אַז אויב די יידישע גרופּעשקייט וועט זיך דאָ בכלל ווען עס איז אויפליזן — וועט עס נעמען זייער אַ לאַנגע צייט.

אויבן האָב איך געבראַכט די קלאַסיפיקאַציע, אין וועלכער וואַרנער און סראָל האָבן איינגעטיילט די עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אויף דעם באַדן פון אַט דער קלאַסיפיקאַציע פרואוון די מחברים אָנצייכענען די צייט־טערמינען וואָס עס דאַרף געדויערן פאַר די פאַרשיידענע גרופּעס צו אויפליזן זיך. אין דער דאָזיקער קלאַסיפיקאַציע ווערן יידן איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס. צו דער ערשטער געהערן יידן וואָס שטאַמען פון ענגלאַנד; צו דער צווייטער — „לייכט־הויטיקע" אייראָפּעאישע יידן; צו דער דריטער — „טונקל־הויטיקע" יידן פון אייראָפּע און פון דעם נאָענטן מזרח. אויב מען קאָן הערוואַרטן, אַז די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס וועלן אפשר פאַרשווינדן אין פון זעקס ביז מער דורות, איז עס אַפילו היפּאָטעטיש איצט אוממעגלעך —

דערקלערן וואַרנער און סראָל — אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג ווי לאַנג עס דאַרף נעמען פֿאַר דער לעצטער קאַטעגאָריע צו פֿאַרשווינדן [6]). סטאָנקוויסט רעכנט אויס די סיבות פֿאַר דער מערקווירדיקער וויטאַליטעט פֿון דעם יידישן קאָלעקטיוו (מיר וועלן נאָך צו זיי זיך אומקערן) און קומט צו דעם אויספֿיר אַז „עס וואָלט געווען נאַריש צו פֿאָראויסזאָגן אַ פּריען סוף צו זייער [יידישער] גרופּע־אידענטיטעט” [7]). פֿאַראַן אויך סאָציאַלע פֿאָרשערס וואָס האַלטן — און איך בין מיט זיי מסכים, — אַז אין די עקזיסטירנדדיקע סאָציאַלע באַדינגונגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ביי דעם איצטיקן סטאַטוס פֿון יידן אין דער וועלט איז בכלל ניט מעגלעך, אַז יידן זאָלן ווי אַ גרופּע זיך אויפֿלייזן דאָ אין לאַנד. אויב יידן וועלן בלייבן די איינציקע אָפּגעזונדערטע ווייסע עטנישע גרופּע, איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז זיי וועלן אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַלער סטרוקטור זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ מין קאַסטע. פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז שוין געהערן זיי גיכער צו אַ קאַסטע — ווי צו אַ קלאַס־טיפּ. דער סטאַטוס פֿון יידן — זאָגט ריימאָנד קענעדי — איז, פֿון איין זייט, באַטייטיק אַנדערש פֿון דעם סטאַטוס פֿון וואָסער עס איז אַנדערער ווייסער נאַציאָנאַליטעטן־גרופּע און, פֿון דער אַנדערער זייט, אַנדערש פֿון דעם סטאַטוס פֿון קאַסטישע ראַסן־גרופּעס, ווי נעגערס אָדער אָריענטאַלן. די סאָציאַלע פּאָזיציע פֿון יידן — זעצט קענעדי פֿאָר — געפֿינט זיך אין ערגעץ „צווישן דער פֿון די איראָפּעאישע אימיגראַנטן־גרופּעס וואָס מיר קאָנען באַצייכענען ווי „אויסלענדישע עטנישע קלאַסן” און צווישן דער פּאָזיציע פֿון די ראַסן־גרופּעס ווי די נעגערס, וואָס עס איז קלאָר אַז זיי זיינען קאַסטעס” [8]). די באַגריפֿן „קלאַס” און „קאַסטע” ווערן דאָ אַ היפּש־ביסל לויז גענוצט, די סאָציאַלע געאָגראַפֿיע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווערט דאָ אָבער ריכטיק דעפֿינירט. פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אָט דער געאָגראַפֿיע איז ה. ג. וועלס געווען באַרעכטיקט צו באַצייכענען די יידישע געגנט אין ניו יאָרק ווי אַ שטאָט אין אַ שטאָט. אָבער אַסך נענטער צום אמת איז פּראָפֿ. קאַלען, וועלכער איז מסכים מיט וועלסעס כאַראַקטעריזירונג, אָבער ער גיט דערביי צו, אַז הגם די יידישע געגנט „איז אַסך מער אין טאָן מיט אַמעריקאַניזם ווי די אַנדערע קוואַרטאַלן, איז זי אויך אַסך מער אויטאָנאָם אין גייסט און זעלבסט־באַוואוסטזיניק אין קולטור” [9]).

קאַלען האָט זיך דאָ דערגרונטעוועט צו דער סאַמע מקור פֿון יידישער איינגעבאַרט אין פֿאַראייניקטע שטאַטן. יידן האַלטן דאָ אין זייער עטנישע אידענטיטעט ניט דערפֿאַר, ווייל זיי קאָנען זיך ניט צופּאַסן צו דעם לאַנד, נאָר, פֿאַרקערט, זיי האַלטן אָן זייער אידענטיטעט טראָץ דעם, — קאַלען אַליין וואָלט געזאָגט: דוקא דערפֿאַר, — וואָס זיי פּאַסן זיך צו צו אַמעריקאַנער באַדינגונגען. יידן דערגרייכן דורך אַקאָמאָדאַציע און אַדאַפּטאַציע אַ גראַד פֿון צו־

פּאַסונג צו און אַריינלעבונג אין אַמעריקע, וואָס ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס פּאָדערט עס אַסימילאַציע. מען קאָן דאָס אויך אַנדערש פאָרמולירן: ביי אַנדערע איז אָדער אַסימילאַציע אָדער איזאָלאַציע; ביי ייִדן איז אי אַסימילאַציע אי איזאָלאַציע.

אָט די צווייאיקייט איז דער יסוד פון דער ייִדישער איינאָרדנונג און אַנטוויקלונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאַרפן מיר, ערשטנס, פעסטשטעלן פון וואַנען די צווייאיקייט נעמט זיך און וואָס עס זיינען אירע קאָנקרעטע מאַניפעסטאַציעס. דערנאָך וועלן מיר זען, ווי אַזוי די צווייאיקייט פּאַסט זיך אַריין אין דער געזעצמעסיקייט וואָס כאַראַקטעריזירט די אינטעגראַציע פון עטנישע גרופּעס אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַלער סטרוקטור.

## 14.

„די געפאַנגענשאַפט פון ייִדן שטעלט פאַר אַ בילד פון אַ גאַנץ פאָלק וואָס ווערט פיזיש טראַנספּערירט צו אַ פרעמד לאַנד, און ניט נאָר האַלט עס פונדעסטוועגן אין זיין רעליגיע, נאָר עס לייטערט זי נאָך — דערפאַר, ווייל זיינע נביאים, כהנים און לויים זיינען געגאַנגען מיט דעם פאָלק אין גלות; דערפאַר, ווייל עס איז געבליבן אַ באַזונדערע איינהייט אפילו אין גלות" — אַזוי כאַראַקטעריזירט די ייִדישע וואַנדערונגען דער קאַטוילישער פאָרשער געראַלד שאונעסי [1]). שאונעסי האָט נאָר פאַרפעלט צו דערמאָנען, אַז ניט צו איין לאַנד איז דאָס ייִדישע פאָלק טראַנספּערירט געוואָרן, נאָר צו אַסך לענדער; און אַז אפילו ווי געפאַנגענע — האָט מען ייִדן ניט געלאָזט זיך האַלטן אויף איין אָרט און כסדר זיי געצוואונגען צו זוכן נייע היימען. אַמעריקע איז געוואָרן איינע פון אָט די היימען.

ווען אַנדערע האָבן עמיגרירט, זיינען זיי געווען ווי בלעטער, וואָס סאָציאַלע ווינטן האָבן פאַרטראָגן אין אַ פרעמד לאַנד; דער בוים, וואָס פון אים זיינען די בלעטער אָפּגעריסן געוואָרן, איז געבליבן פאַרוואָרצלט אין דער אַלטער טעריטאָריע. ווען ייִדן האָבן עמיגרירט, האָבן ניט בלעטער זיך געטראָגן, אפילו ניט נאָר צווייגן, נאָר שטיקער בוים. ווייל זינט ייִדן האָבן פאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, איז דער ייִדישער בוים גופא געווען אויסגעוואָרצלט. אימיגראַנטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געזוכט נייע אינדיווידועלע היימען פאַר זיך; ייִדישע אימיגראַנטן זיינען געווען ברוכטיילן פון אַ פאָלק וואָס איז אַליין געווען היימלאָז. אַנדערע זיינען ערשט אין אַמעריקע געוואָרן מינדערהייטן; ייִדן זיינען געווען אַ מינדערהייט אומעטום. פאַר אַנדערע איז מינדערהייט-סטאַטוס געווען אַן אויסנאַם; פאַר

ייִדן — אַ כלל. אַנדערע זיינען אין אַמעריקע צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן פאַר דעם פּראָבלעם פון צופּאַסן זיך צו פרעמדע נאַציאָנאַלע באַ־דינגונגען; פאַר ייִדן איז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אומאויפהערלעך געשטאַנען אין משך פון לאַנגע הונדערטער יאָרן. אַנדערע זיינען אין דעם נייעם לאַנד גע־קומען מיט איין קולטור; ייִדן זיינען געקומען מיט צוויי, אַמאָל מיט מער, קולטורן. איין קולטור — זייער אייגענע — האָבן זיי געטראָגן טיף אין זיך, אין זייער אינערלעכן גייסטיקן און פּסיכישן מהות; די צווייטע האָבן זיי געטראָגן אויף זיך, ווי אַן אויסערלעכן בגד. יעדער מאָל, ווען זיי האָבן באַטראָטן נייע ערד, האָבן זיי געביטן זייער אויסערלעכן בגד, אָבער אין אַן איבערראַשנדיקער מאָס האָבן זיי באַוויזן איינצוהאַלטן זייער אינערלעכע קולטור.

זיינען זיי דעריבער געווען די איינציקע עטנישע גרופּע, וואָס איז געקו־מען אין אַמעריקע מיט אַ דערפאַרונג פון מינדערלעכקייט און האָבן דערפאַר געקאָנט אַריבעשפּרינגען דעם גאַנצן פּעריאָד פון צוגעוויינען זיך צו אַ מיעוט־סטאַטוס, וואָס דאָס האָט פון אַנדערע, ווי מיר האָבן געזען, געפאָדערט אַזוי פיל ענערגיע און איז געווען פאַרבונדן מיט אַזוי פיל פיזישע און גייסטיקע יסורים. איך רעכן, אַז אַט דעם פאַקט האָט פּראָפעסאָר ראָבערט ע. פּאַרק געהאַט אין זינען אין אַ טיפּזיניקער באַמערקונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין הקדמה צו עווערעט סטאָנקוויסטס בוך וועגן דעם מאַרגינאַלן מענטשן. דער מאַרגינאַלער מענטש, וואָס איז געצוואונגען צו לעבן אין צוויי וועלטן און צוויי קולטורן, זאָגט פּאַרקס, זאַפּט אין זיך איין מער לעבנס־דער־פאַרונג און וויזט אַרויס אַ גרעסערע צופּאַסונג־דערפינדערשקייט און פע־איקייט, ווי דער מענטש וואָס לעבט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. דעריבער — זעצט פּאַרק פאָר — איז „דער מאַרגינאַלער מענטש תמיד די פאַרהעלטניש־מעסיק מער ציוויליזירטע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. ער פאַרנעמט די פּאָזיציע וואָס איז, היסטאָריש, געווען די פּאָזיציע פון דעם ייִדן אין דער דיאַספּאָראַ. דער ייִד, ספּעציעל דער ייִד וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פון דעם פּראָווינציאַליזם פון דעם געטאָ, איז אומעטום און שטענדיק געווען דער סאַמע ציוויליזירטסטער פון די מענטשלעכע באַשעפענישן" [2]). אויב מיר וועלן זיך האַלטן ביי אונדזער דעפיניציע פון קולטור, ווי דעם סכום גייסטיקע ווערטן וואָס דער מענטש פאַרמאָגט און פון ציוויליזאַציע ווי דעם סכום פון זיינע מאַטעריעלע שאַפונגען, וועלן מיר געפינען, אַז ייִדן האָבן זייער אויסער־לעכע קולטור געקאָנט נוצן ווי אַ בריק צו דער ציוויליזאַציע פון אַנדערע. אַריינלעבן זיך אין אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די לענדער, אין וועלכע ייִדן האָבן זיך געפונען ווי מינדערהייטן, האָבן זיי געקאָנט נאָר אין

דער שפּראַך, אין דעם סאָציאַלן שטייגער, פּאָליטישן קלימאַט און אין די מנהגים פון די מערהייטן. דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט אַנדערע עטנישע גרופּעס וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון מינדערלעכקייט. מיט איין גרויסן אונטערשייד אָבער: כדי זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, האָבן אַנדערע געדאַרפט אויפגעבן זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן; ייִדן האָבן נאָר געדאַרפט אויסבייטן איין פרעמדע קולטור אויף אַ צווייטער פרעמדער קולטור.

צוליב דעם האָבן ייִדן געקאָנט פאַרשמעלערן דעם מהלך צווישן דער קולטור און דער ציוויליזאַציע. לאָמיר זיך דערמאָנען ווי אַזוי ער האָט זיך אין אַמעריקע געשאַפן. ביי די יאַנקיס האָט ער זיך גענומען פון דעם, וואָס די סעטלערס האָבן געבויט אַ נייע ציוויליזאַציע אויף די יסודות פון אַן אַלטער קולטור. ביי די עטניקערס האָט ער זיך געשאַפן פון דעם, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אויפגעבן די אַלטע קולטורן כדי זיך צו צופּאַסן צו דער נייער ציוויליזאַציע. ביז די עטניקערס האָבן זיך אַריינגעלעבט אין דער אַמעריקאַנער קולטור, האָבן זיי זיך געפונען אין אַ קולטורעלער אויסגעליידיקטקייט. זייער אויסערלעכע קולטור האָט ייִדן פון אָט דער צייטווייליקער קולטורעלער אויסגעליידיקטקייט געראַטעוועט. פון דער אַנדערער זייט, האָט די ייִדישע אינערלעכע קולטור אין אירע טיפסטע יסודות געהאַט אַסך געמיינזאַמס מיט דעם גייסט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. צווישן די סאָציאַלע וויזיעס פון די נביאים און די פּרינציפּן פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט איז דאָ אַ היפּשע קרובהשאַפט, וואָס האָט ייִדן געמאַכט זיך דאָ צו פילן מער היימיש ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון זייער צעשפּרייטקייט. אָט די קרובהשאַפט האָט אויף אַ נעגאַטיוון אופן געשפּירט, הגם ניט קלאָר פאַרשטאַנען, וואַלדאָ פראַנק, ווען ער האָט געשריבן:

> ער [דער ייִד] האָט מיט אַ גרעסערער גרינגקייט געענטפערט אויף די פאָדערונגען פון דעם פּיאָנער דערפאַר, ווייל ער האָט דערגרייכט אַ מאָמענט, ווען זיינע מיסטישע כלי זיין האָבן [אים] אויסגעזען צו זיין נוצלאָז. צווישן אָט די מיסטישע כלי זיין האָט זיך געפונען די קולטור פון דעם ייִדן. ווען ער האָט איינס אַוועקגעוואָרפן, איז דאָס צווייטע אָפּגעפאַלן. דעריבער האָט ער ניט געהאַט, ווי דער לאַטיינער אָדער סלאַוו, דורכצומאַכן אַ פּיינלעכע קולטורעלע אַסימילאַציע. ווי ביי דעם פּוריטאַנער, זיינען זיינע קולטורעלע מנהגים שוין געווען שוואַך ווען ער איז געקומען, [מיט דעם] האָט זיין כח צו באַגעגענען אַ נייע וועלט זיך אַנטשפּרעכנדיק פאַרגרעסערט [3].

וואָס פראַנק וויל מיט די ציטירטע ווערטער זאָגן איז, אַז ייִדן זיינען געקומען אין אַמעריקע שוין מיט אַ צעטרייסלטער ייִדישקייט און די דאָזיקע צעטרייסלקייט האָט פאַר זיי גרינגער געמאַכט דאָס צופּאַסן זיך צו די נייע

באַדינגונגען. אין דעם איז דאָ אַ קערנדל אמת, אָבער פראַנק זעט ניט, פון איין זייט, דעם צווייענדיקן כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור און, פון דער אַנדערער זייט, איבערטרייבט ער, ווי מיר וועלן זען, דעם גראַד יידישע אַסימי־לירטקייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. ווי עס זאָל ניט זיין, אין הלכות „באַגעגענען נייע וועלטן" זיינען יידן געווען געאיבט. אַ מענטש, זאָגט וויליאַם דזשיימס, האָט אַזוי פיל פּערזענלעכקייטן, וויפיל סאָציאַלע סביבות עס זיינען דאָ צו וועלכע ער דאַרף זיך צופּאַסן. אַזוי אויך אַ פאָלק. און יידן האָבן זיך גע־דאַרפט צופּאַסן צו אַסך סאָציאַלע סביבות; דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי זיי איז דאָס, וואָס זיי האָבן פונדעסטוועגן געקאָנט אויפהיטן זייערע אייגענע פּערזענלעכקייט.

די צווייקולטורישקייט פון יידן קומט צום אויסדרוק אין דער ראָלע, וואָס שפּראַך פאַרנעמט ביי זיי. מיר האָבן געזען, אַז ביי אַלע, אָן אויסנאַם, עטנישע גרופּעס איז שפּראַך געווען די רייף וואָס האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען ווי געמיינדעס. אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן זייער אייגענע שפּראַך, האָט זיך זייער גרופּעשע אידענטיטעט פּאַקטיש אויסגעלאָשן. פונקט דעם היפוך געפינען מיר ביי יידן. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע און דייטשע יידן זיינען לכתחילה געקומען אָן אייגענע שפּראַכן, נאָר מיט די שפּראַכן פון די לענדער פון זייער אָפּשטאַם. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן יאָ גע־בראַכט אַהער אַן אייגענע שפּראַך, אָבער דאָס אויפהערן נוצן זי ברענגט לחלוטין ניט אַזאַ גראַד פון אַסימילאַציע, וואָס זאָל כאָטש אין אַ קליינעם פּראָצענט אַנטשפּרעכן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע וואָס דאָס ניט באַנוצן זיך מיט דער עטנישער שפּראַך הויבט אויף ביי אַנדערע. דער איבערגאַנג צו ענגליש האָט ביי אַנדערע אָנגעזאָגט אַרדיסטריט פון דער עטנישער גרופּע; דאָס מערקווירדיקע אין דער יידישער אַנטוויקלונג איז דאָס, וואָס ערשט דורך ענגליש האָט זיך פון די באַזונדערע, פריער־אָפּגעגרעניצטע, יידישע קאָלאָ־ניעס אויסגעקריסטאַליזירט אַ קאָנסאָלידירטער יידישער ישוב. ביי אַלע אַנ־דערע גרופּעס איז שפּראַך געווען דאָס סאַמע האַרץ פון זייער עטנישער קולטור; ביי יידן האָט שפּראַך געהערט צו די אויסערלעכע לבושים, וואָס זיי האָבן אָן גאָר גרויסע שוועריקייטן פאַרביטן אויף אַנדערע. אַט פאַרוואָס עס איז מעגלעך געווען, אַז יידן זאָלן פּאַקטיש זיין די איינציקע גרופּע צו שאַפן אַן אייגענע עטנישע קולטור אויף ענגליש. ניט־רעכנענדיק מימעגראַפירטע בלעטלעך און צייטווייליקע בולעטינען, האָט יאַראָסלאַוו טשיז אָנגעציילט אין 1943 פון 200 ביז 250 פּעריאָדישע שריפטן וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך עטנישע גרופּעס אין אַמעריקע אין ענגליש. פון זיי ווערן גאַנצע 140 אַרויס־געגעבן פון און פאַר יידן. דאָס הייסט, אַז יידן אַליין האָבן אַ גרעסערע

פּרעסע אויף ענגליש, ווי אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס אין לאַנד צוזאַמענגענומען [4]).

פּאַרק סטאָנקוויסט און אַנדערע סאָציאָלאָגן שטעלן אַרויס דעם ייד פאַר דעם קלאַסישן ביישפּיל פון אַ מאַרגינאַלן מענטשן. די יידישע פּערזענלעכקייט איז שטענדיק אַ צעשפּאָלטענע דערפאַר, ווייל זי לעבט, ווי אָנגעוויזן, אין צוויי אָדער מער קולטורן און האָט פאַר זיך אַלע מאָל דאָס פּראָבלעם פון צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען וואָס ניט־יידן האָבן געשאַפן און צו אַריינלעבן זיך אין פּראָצעסן וואָס ניט־יידן האָבן געזעצט אין באַוועגונג. ווי אַ גרופּע, דאַרפן יידן, ווי אַן אומעטומיקע מינדערהייט, כסדר פירן אַ מלחמה פאַר נאַקעטער פיזישער עקזיסטענץ און תמיד ברענגען באַשטעטיקונגען, אַז זיי האָבן אַ רעכט צו לעבן ווי אַ קאָלעקטיוו. ווייסן מיר, אַז אַנדערע מאַרגינאַלע גרופּעס פּרוּוון אָפּשאַפן זייער מאַרגינאַלישקייט אויף איינעם פון צוויי אופנים: 1) דורך ווערן די הערשנדיקע גרופּע אין אַ געוויסער סאָציאַלער סביבה, אָדער 2) דורך פולשטענדיקער אַסימילאַציע אין דער הערשנדיקער גרופּע. יידן האָבן געשאַפן אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן זייערע וואָרצלען איןביידע אופנים, אָבער אַזוי לאַנג זיינען זיי געווען אין אַ מאַרגינאַלער לאַגע, אַז מאַסן פון זיי האָבן אָנגעהייבן די מאַרגינאַלישקייט גופא צו באַטראַכטן פאַר אַ נאָרמאַלער, נאָך מער: פאַר אַ געווינטשטער, פון העכערע כחות באַשטימטער לאַגע. די, וואָס טראַכטן אַזוי, ווילן דעריבער ניט, אַז יידן זאָלן אין ערגעץ ווערן אַ מערהייט און אין דער זעלביקער צייט ווילן זיי ניט, אַז יידן זאָלן פאַרשווינדן. זיי זעען אין דער מאַרגינאַלישקייט ניט נאָר, ווי דר. פּאַרקס, אַ העכערע ציוויליזירטקייט, נאָר אויך אַ געטלעכע שליחות. געווען אַ צייט, ווען אפשר די מערהייט פון די דייטשע יידן אין לאַנד האָט אַזוי געטראַכט, אָבער ניט נאָר דייטשע יידן. זיי האָבן געוואָלט אָפּשאַפן די טראַגישע קאָמפּליקאַציעס פון מאַרגינאַלישקייט דורך פאַראייביקן דער מאַרגינאַליזם ווי אַ יידישע לעבנס־פאָרמע.

ביי רעפאָרמירטע יידן האָט אָט דער פאַרלאַנג געקראָגן זיין טעאָרעטישע באַגרינדונג אין דער פאָרמולע, אַז יידן זיינען אַ רעליגיעזע גרופּע, ניט קיין פאָלק. די דאָזיקע פאָרמולע האָט געפּרוּווט נעמען סטאַנדאַרטן פון דרויסן, וואו פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּירונגען געהערן צו איין גלויבן, און אים אָנווענדן אויף יידישער קאָלעקטיווער עקזיסטענץ, וואָס איז באַזירט אויף גאָר אַנדערע יסודות. מיט דעם, וואָס די יידישע רעליגיע שטייט אין אויסשליסלעך ביי איין גרופּע — מיט דעם ווערט שוין די יידישע רעליגיע גופא דער וויכטיקסטער צענטער פון יידישער עטנישקייט. פּראָטעסטאַנטיזם, קאַטוילי־ציזם אָדער מאַכמעדאַניזם הויבן זיך אויף איבער נאַציאָנאַלע גרעניצן; די

יידישע רעליגיע שאַפט אין דעם הימלישן רייך גופא אַ געטאָ. צי יידן זיינען געוואָרן אַן עטנישע איינהייט דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַן אויסשליסלעכע רעליגיע, אָדער זיי האָבן אַנטוויקלט אַן אויסשליסלעכע רעליגיע דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער בעסטער וועג צו פאַרזיכערן זייער עטנישע איינהייט — איז אין דער איצטיקער פאַזע פון יידישער געשיכטע ניט וויכטיק: נאָך אַזוי פיל טויזנטער יאָר האָבן זיך סיבה און רעזולטאַט שוין אַזוי אויסגעמישט, אַז עס איז אוממעגלעך צו באַשטימען וואו איינס פאַרענדיקט זיך און דאָס צווייטע הייבט זיך אָן. וויכטיק איז, אַז קיין אַנדער עטנישע גרופּע וויל פון יידן די מאָנאָפּאָל אויף דער יידישער רעליגיע ניט צונעמען און אַז יידן אַליין זוכן ניט קיין פּראָזעליטן.

אין אַמעריקע האָבן יידן די ערשטע צייטן ניט נאָר ניט געזוכט קיין גרים, נאָר מיט אַלע מיטלען געזוכט פאַר זיי צו פאַרשטעלן דעם וועג צו דער יידישער קהילה שוין נאָך דעם, ווי זיי האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. ביז דעם 19טן יאָרהונדערט האָט די שארית ישראל שול אין ניו יאָרק ניט געגעבן קיין מיטגליד־רעכט אַ יידן וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין אפילו ווען די לעצטע האָט זיך מגייר געווען. אָנהייב 19טן יאָרהונדערט איז די שול געוואָרן אַ ביסל ליבעראַלער, אָבער אין 1836 האָט זי פון דאָס ניי איינגעפירט אַ תקנה, וואָס האָט זיך אַזוי געלייענט: „יעדער פּערזאָן, וואָס האָט חתונה אין סתירה צו אונדזער רעליגיעזן דין אָדער זאָגט זיך אָפּ פון יידישקייט, זאָל ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַ ווײלער אָדער מיטגליד פון אָט דער קאָנגרעגאַציע“ [5]. די תקנה האָט נאָך דערלויבט אַ יידן וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין צו דינגען אַ פּלאַץ אין שול צו דאַווענען, אָבער אין 1847 איז די דאָזיקע פּריווילעגיע אויך צוגענומען געוואָרן. אפילו אַ קבר אויף דעם בית עולם פון שארית ישראל האָט אַזאַ ייד ניט געקאָנט קריגן נאָך זיין טויט. אומגעפער די זעלביקע רעגולאַציעס האָבן געגילט אין די אַנדערע שולן. דאָס, דאַרף מען געדענקען, רעדט זיך אַלץ וועגן דעם ייד וואָס איז געווען אַ צד אין אַ געמישטער חתונה. וואָס איז שייך דעם גרישן עזר כנגד — איז אים אָדער איר ביז אין מיטן 19טן יאָרהונדערט ניט דערלויבט געווען אונטער קיינע אומשטענדן צו האָבן אַ פּלאַץ אין שול — פון זיין אַ מיטגליד איז אָפּגערעדט — אָדער אויף דעם בית עולם. אפילו דער ליבעראַלער ניו יאָרקער טעמפּל עמנואל האָט געהאַט די ערשטע צייטן אַ תקנה, וואָס האָט דערלויבט דעם יידישן צד אין אַ געמישטער חתונה פולע מיטגלידערשאַפט־רעכט, אָבער אָפּגעזאָגט דעם צווייטן צד פּלאַץ אין שול אָדער אַ קבר אויף דעם בית עולם [6]. ערשט אַרום 1860 האָט מען אָנגעהייבן

איינשליסן גרים אין דער יידישער געמיינדע. אָבער צו יענער צייט איז די צאָל גרים שוין זיכער געווען אַ קלענערע ווי די צאָל משומדים.

אַ צווייטער חסרון פון דער טעאָריע, אַז יידן זיינען ניט מער ווי אַ רעליגיעזע סעקטע, ליגט אין איר ניט קאָנען זיך אַן עצה געבן מיט ניט־רעליגיעזע יידן, צווישן וועמען עס איז אויך אַמאָל שטאַרק פאַרשפּרייט געווען די מיינונג, אַז יידן זיינען ניט קיין פאָלק. אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן אויספירלעכער, ווען מיר וועלן קומען צו דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג.

## .15

יידן, האָב איך געזאָגט פריער, דערגרייכן דורך אַקאָמאָדאַציע דאָס, וואָס אַנדערע דערגרייכן ערשט דורך אַסימילאַציע. עס קומט אָבער צו אַ פּונקט, ווען ווייטערדיקע אַקאָמאָדאַציע איז ניט מעגלעך אָן אַסימילאַציע — און פון דעם נעמט זיך דאָס ריטשקעלע אפּטריניקעס, פון וועלכן איך האָב גערעדט אויבן. אפילו יידן קאָנען זיך ניט צופּאַסן צו אַמעריקאַנער באַדינגונגען בלויז אויף דעם יסוד פון פאַרבייטן די אויסערלעכע קולטור; און די, ביי וועמען די אינערלעכע קולטור האָט שוין דערגרייכט דעם גראַד פון אָפּגעשוואַכטקייט אויף וועלכער עס האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט וואַלדאָ פראַנק, הייבן זיך אָן ביסלעכווייס אויסצעליידיקן פון איר כדי זיך גרינגער מאַכן דעם וועג צו דעם אַרום. ווען ג. פּאַזנאַנסקי האָט אין 1841 אויסגערופן אין טשאַרלסטאָן: „אַמעריקע איז אונדזער ציון און וואַשינגטאָן אונדזער ירושלים" — האָט ער געטראָפן אין סאַמע הארץ פון דער אינערלעכער יידישער קולטור און ניט בלויז איר אויסערלעכן לבוש. אויב אָבער מיר געפינען הונדערט יאָר שפּעטער, אַז בלויז אַ נישטיקע צאָל אין דעם יידישן לעבן האָבן אָט דעם אויפרוף פאַר־וואַנדלט אין אַ פּראָגראַם, בעת די ריזיקע מערהייט, אַריינגערעכנט אירע פאַרמעגלעכע טיילן, האָט זיך צו דעם אויפרוף ניט צוגעהערט, מוזן מיר קומען צו דעם שלוס, אַז די אַסימילאַציע פון יידן שטויסט זיך אָן אויף שוועריקייטן, וואָס עס באַגעגנט ניט קיין שום אַנדערע ווייסע גרופּע פון אַן עטנישן כאַראַקטער. און אויב מיר וועלן זיך דאָ דערמאָנען מיין אַמענדמענט צו פראַנציס בראַונס דעפיניציע פון מינדערהייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נעמלעך, אַז דאָס איז אַ גרופּע, וואָס אירע באַציאונגען מיט דער מערהייט ווערן געשטערט דורך פאַראורטיילן און דיסקרימינאַציעס, וואָס די ערשטע באַגעגנט מצד דער לעצטער, — דאַן דאַרפן מיר די דערקלערונג פאַר דער רעלאַטיוו־קליינער אַסימילאַציע פון יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זוכן ניט בלויז אין די אינערלעכע יידישע ווידערשטאַנדס־קרעפטן, נאָר אויך אין

דער שטערונגען פון דרויסן — אין די איזאָלירנדיקע פאַקטאָרן, ווי מיר האָבן דאָס אָנגערופן. דאָ מוזן מיר זיך אומקערן צו דער עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

עקאָנאָמישע איינאָרדנונג, האָבן מיר פעסטגעשטעלט אין דער צווייטער טייל, איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון אַסימילאַציע. וואָס שנעלער די איינאָרדנונג און וואָס גרינגלעכער — אַלץ האַסטיקער די אַסימילאַציע. דע־ריבער איז די אַסימילאַציע־טענדענץ שאַרפער ביי די רייכערע טיילן פון די עטנישע גרופּעס ווי ביי די אָרעמערע. אומעטום זיינען די פאַרמעגלעכע עלעמענטן די ערשטע צו רייסן מיט זייער עטנישער סביבה. יידן האָבן אַזעלכע עלעמענטן געהאַט אין אַ העכערער פּראָפּאָרציע ווי אַנדערע גרופּעס. די ספרדים זיינען געווען אַ פאַרמעגלעכער עלעמענט ווען זיי זיינען געקומען אַהער; די דייטשע זיינען דאָס דאָ שנעל געוואָרן; די מזרח־אייראָפּעאישע — ניט אַזוי שנעל און ניט אין אַזאַ פּראָפּאָרציע — אויך; טאָ פאַרוואָס האָבן די דאָזיקע עלעמענטן אַרויסגעגעבן ניט אַ גרעסערע אַסימילאַציע, נאָר אַ קלענערע, ווי די באַזיצנדיקע קלאַסן פון די אַנדערע עטנישע גרופּעס? די דייטש־יידישע אימיגראַציע גיט אונדז דעם בעסטן באַדן צו זוכן אַן ענטפער, ווייל זי האָט געבראַכט אַהער יידן וואָס האָבן זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון מאַטעריעלן דערפאָלג, וואָס יידן האָבן ווען עס איז דערגרייכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס, וואָס ווערט דאָ געזאָגט וועגן די דייטשע יידן, קאָן אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אָנגעווענדט ווערן אויף אַנדערע יידישע גרופּעס, פון וואַנען זיי זאָלן ניט האָבן געקומען אָדער אָפּגעשטאַמט, וואָס געהערן עקאָנאָמיש צו דער העכערער מיטל־בורזשואַזיע און צו דער גרויס־בורזשואַזיע. אין אַנדערע ווערטער: דאָס, וואָס מיר וועלן איצט פעסטשטעלן בנוגע די שייכותן צווישן עקאָנאָמישער פאַרוואָרצלונג און עטנישער קאָנסאָלידאַציע ביי די דייטשע יידן, קאָן מען כאַראַקטעריזירן ווי די געזעצמעסיקייט וואָס רעגולירט די אַקאָמאָדאַציע־פּראָצעסן פון די פאַמעגלעכע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער אויסדרוק „דייטשע יידן" ווערט דאָ גענוצט ווי אַ סימבאָל.

לאָמיר אין קורצן נאָך אַמאָל אויסרעכענען די פאַקטאָרן, וואָס וואָלטן ביי אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון אַן עטנישער גרופּע פאַרגיכערט די אַסי־מילאַציע פון די דייטשע יידן. הגם זיי האָבן, ווי אַרויסגעבראַכט אויבן, אַרויסגעוויזן אַ זייער גרויסע איבערגעבנקייט צו דער דייטשער קולטור, האָבן זיי אָבער פונדעסטוועגן זי שנעל אויסגעביטן אויף דער ענגלישער. אין עטלעכע צענדליק יאָר איז ענגליש געוואָרן די אויסשליסלעכע שפּראַך פון זייער גאַנצער רעליגיעזער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

װען זײ זײַנען געקומען אַהער, איז שױן זײער אײנערלעכע קולטור אױך געװען באַטײַטיק צעטרײסלט און זי איז דאָ נאָך מער צעטרײסלט געװאָרן — אױף אַזױ פֿיל, אַז דער רעפֿאָרמיזם איז אין זײַנע רעליגיעזע פֿאָרמען אין אַ באַשטימטן זין געװען נענטער צו די מער־ליבעראַלע פֿליגלען פֿון דעם פּראָטעסטאַנטישן קריסטנטום, װי צו דער ייִדישער טראַדיציאָנעלער אמונה. זײ האָבן זיך דאָ אױסגעשפּרײט אױף אַ זײער ברײטן געאָגראַפֿישן שטח און, אױסער ניו יאָרק, קײן גאָר גרױסע ישובים ניט אױסגעבילדט. גיך האָבן זײ זיך דאָ מאַטעריעל אײַנגעאָרדנט און זיך פֿאַרװאָרצלט אין האַנדל, װאָס האָט זײ געמאַכט אָפּהענגיק פֿון ניט־ייִדישע עלעמענטן. זײ האָבן געקוקט פֿון אױבן־אַראָפּ אױף מזרח־אײראָפּעאישע ייִדן און געזוכט אױסמײַדן פֿיזישן און גײַסטיקן באַריר מיט זײ. שנעל האָבן זײ זיך אונטערגעגעבן דער טיראַנײ פֿון דער מערהײט, אָנגענומען די אױסערלעכע לעבנס־פֿאָרמען פֿון דער „אַריסטאָקראַטיע״, און די פֿאַרװײַלונגס־מעטאָדן פֿון דעם אָרום. דורך אַסך װײניקער אַסימילירנדיקע פֿאַקטאָרן זײַנען אַנדערע עטנישע גרופּעס אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מצב פֿון דעזאינטעגראַציע. דאָס איז ניט געװען דער פֿאַל מיט די דײַטשע ייִדן, הגם דאָס ריטשקעלע פֿון אָפּטריניקײט האָט זיך פֿון זײ געטראָגן מיט אַ גרעסערן אימפּעט װי פֿון די אַנדערע ייִדישע גרופּעס.

אין דער צײַט פֿון דער רעװאָלוציע זײַנען, װי מיר האָבן געזען, געװען 5 שולן אין לאַנד אױף אַ ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון אַרום 3,000 — אַ דורכשניט פֿון אײן שול אױף יעדע 600 ייִדן. אין 1848 איז די צאָל שולן געװאַקסן ביז 77 אױף אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַרום 50,000 — אַ דורכשניט פֿון קאַרגע 650 ייִדן אױף אַ שול. אין 1877 זײַנען אױף אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַרום אַ פֿערטל־מיליאָן געװען 277 שולן — אַ דורכשניט פֿון אַרום 900 ייִדן אױף אַ שול[1]). דער װאוקס איז דער עיקר דער רעזולטאַט פֿון דער דײַטשער אימיגראַציע. דער העכערער דורכשניט אין 1877 אין פֿאַרגלײַך מיט 30 יאָר פֿריער איז צום טײל געװען אַ רעזולטאַט פֿון דער אָרגאַניזאַציע־פֿעאיקײט פֿון די דײַטשע ייִדן, װאָס האָבן װאו נאָר מעגלעך אױסגעמיטן פֿאַרשװענדונג, צום טײל — פֿון זײער גרױסער עקספּאַנסיע. שױן אין די פֿערציקער פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט געפֿינען מיר שולן אין אַזעלכע שטעט אין מיטל־מערב װי סינסינעטי, לואיװיל און שיקאַגאָ און אין אַזעלכע מערב שטעט װי סאַן פֿראַנציסקאָ. נעמט מען נאָך אין אַכט, אַז אין די אָנגעגעבענע צאָלן גײען אַרײַן שטעט, װאו עס איז אפֿשר קוים געװען גענוג ייִדן אױף אַ מנין, באַגרײַפֿט מען ערשט װאָס פֿאַראַ אױפֿטו עס איז געװען דער אױפֿבױ פֿון אַזױ פֿיל שולן. פֿון דעם אַלײן זעט מען שױן, אַז אַסימילאַציע האָט ניט אַנטשפּראָכן דעם גראַד אײַנאָרדנונג אין לאַנד בײַ די דײַטשע ייִדן.

נאָך אַ גרעסערער באַווייז איז דער אויפקום און אומגעהייערע אויסשפּרייטונג פון אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכן אינסטיטוציאָנאַליזם דרויסן פון דער סינאַגאָגע. מיר האָבן שוין געזען אויבן וואָס עס האָט דעם דאָזיקן אינסטיטוציאָנאַליזם אַרויסגערופן צום לעבן. פון דער קאָלאָסאַלער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט ווי אַ צעמענטירונגס־מיטל פון יידישער עטנישקייט, וועט גערעדט ווערן אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל. דאָ וועט זיין גענוג צו אונטערשטרייכן, אַז שוין אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז איבער דעם יידישן ישוב אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געווען אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון יידישע שפּיטאָלן, יתומים־הייזער, משבֿי זקנים, קינדער־שולן, קולטור אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס פון סאָציאַלער דינסט, הילף־ און זעלבסט־הילף אָרגאַניזאַציעס וכדומה.

די דאָזיקע אינסטיטוציעס, האָב איך געזאָגט אויבן, האָבן זיך ניט געבויט מיט קיין פּלאַן: זיי זיינען אימפּראָוויזירט געוואָרן מיט דעם וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד און מיט דער פאַרגרעסערטער צאָל יידישע נויטבאַדערפטיקע. מיר האָבן שוין געזען, וואָס פאַר אַ באַציאונג עס האָט צו די דאָזיקע נויטבאַדערפטיקע געהערשט. די אינסטיטוציעס זיינען לכתחילה געגרינדעט געוואָרן באַזונדער — דורך יעדער יידישער גרופּע, וואָס האָט זיך געזוכט צו אָפּגרעניצן פון די אַנדערע יידישע גרופּעס. די דאָזיקע גרעניצן זיינען אָבער גיך אָפּגעווישט געוואָרן און זיי זיינען היינט אויף דעם וועג פון פאַרשווינדונג.

שוין אין דער פֿאַראייניקונג, אין 1860, פון דער ניו יאָרקער היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי, וואָס שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן האָבן געגרינדעט, מיט דער דזשוירמאַן היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי געפינען מיר די אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געפירט צו דער שפּעטערדיקער קאָנסאָלידאַציע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און צו דער פאַרוואַנדלונג פון פּאַראָכיאַלע יידישע אינסטיטוציעס אין אַ יידישן קאָמונאַלן אינסטיטוציאָנאַליזם. אויב די באַזונדערע עקזיסטענץ פון אָט צוויי חברות איז לכתחילה געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער סאָציאַלער דיסטאַנץ וואָס איז געלעגן צווישן די ספרדים און אשכנזים, האָט די פֿאַראייניקונג קודם כּל אָפּגעשפּיגלט די דערנענטערונג, וואָס האָט זיך מיט דער צייט געשאַפן צווישן זיי. עס איז ניט נאָר, וואָס אין מיטן 19טן יאָרהונדערט איז די ספרדישע קהילה אין ניו יאָרק געווען נישטיק־קליין און האָט מער ניט געקאָנט זיך האַלטן אין אַ מצב פון סעגרעגאַציע; עס איז אויך דאָס, וואָס צו יענער צייט האָט זיך שוין געהאַט גרינטלעך געביטן די מאַטעריעלע לאַגע פון די דייטשע יידן. די לעצטע זיינען שוין עקאָנאָמיש געווען ניט וייט אָפּגעשטאַנען

לגבי די ספרדים: זיי זיינען געווען אויף דעם וועג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער אויסגלייכונג מיט דער יידישער „אַריסטאָקראַטיע”. דייטשע יידן האָבן שוין אַליין אַרויסגעגעבן פּרעזידענטן פון שולן און טעמפּלען, גרינדערס פון וויכטיקע סעקולערע אָרגאַניזאַציעס, ווי בני ברית, וואָס זיי האָבן געשאַפן אין 1843, און פון פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן, וואָס זיינען געוואָרן מוסטערן פאַרן גאַנצן לאַנד. אין דער זעלביקער צייט האָבן דייטשע יידן פאַרנומען פּאָזיציעס אין דער קאָמערציעלער וועלט און זיך אויפגעהויבן גאַנץ הויך קולטורעל. זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין נעמערס און אַליין געוואָרן געבערס — און געבערס פון אַ פיל גרעסערן פאַרנעם, ווי די ספרדים.

דער יידישער ישוב האָט זיך געקאָנט דערלויבן דעם לוקסוס פון סעגרע־גאַציע כל זמן ער איז נאָך געווען זייער קליין און יעדער גרופּע האָט געקאָנט זאָרגן פאַר אירע אייגענע נויטבאַדערפטיקע. מיט דעם וואוקס פון דעם ישוב אָבער און מיט דער אַנטשפּרעכנדיקער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל יידן וואָס האָבן געמוזט האָבן הילף — זיינען די יחוס־גרעניצן געקומען אין קאָנפליקט מיט אַ יידישער טראַדיציע, וואָס האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דעם גאַנצן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע און איז געווען איינער פון די הויפּט־גורמים פאַר דעם אויפהאַלט פון דעם יידישן פאָלק אין גלות. דאָס איז געווען די טראַדיציע פון אחריות פון איין יידן פאַר דעם צווייטן, פון דעם יידישן יחיד פאַר דעם יידישן כלל און פון דעם מאַטעריעל בעסער־סיטואירטן יידן פאַר דעם נצרך. ווען פּעטער סטייוועסאַנט האָט פון די ערשטע יידן אין ניי־אמסטערדאַם (ניו יאָרק) געפאָדערט, אַז זיי זאָלן זאָרגן פאַר זייערע נויטבאַדערפּ־טיקע און זען, אַז די לעצטע זאָלן ניט פאַלן צו לאַסט דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג האָט ער זיך געבראַכן אין אָפענע טירן. אמת, די יידן פון דער סט. טשאַרלס זיינען געקומען אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן די ערשטע צייטן געמוזט אָנ־קומען נאָך הילף צו דער קריסטלעכער קירכע, שפּעטער אָבער וואָלט עס יענע יידן, ווי די יידן וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, אַפילו אויף אַ מינוט ניט איינגע־פאַלן אַריבערצוטראָגן אויף דער ניט־יידישער גאַס די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו העלפן יידישע אָרעמעלייט. זיי האָבן געקאָנט אַריינשרייבן אַזאַ אָדער אַנדערע תקנה וועגן דעם סאָרט יידן, פאַר וועלכע זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך, אָבער די דאָזיקע תקנות האָבן געהאַט זייער ווייניק האַפט אויב זיי זיינען געקומען אין סתירה צו יידישע קהלשע פאַרפליכטונגען. זיי האָבן געקאָנט פאַראורזאַכן די פּלאַנלאָזיקייט און אימפּראָוויזאַציע, וועגן וועלכער איך האָב גערעדט; זיי האָבן געקאָנט פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן פאַרשיידענע יידישע עלעמענטן, — אָבער אין דעם לעצטן סך הכל האָבן זיי זיך געמוזט בויגן פאַר דעם דרוק פון דער יידישער טראַדיציע.

ווי שטאַרק — און כסדרדיק — עס איז געוואַקסן די צאָל יידן וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף, באַווייזן די ווייטערדיקע ציפערן, וואָס דר. מאָריס קאַרפּף ברענגט: אַרום 1853 האָט די ניו יאָרקער היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי (אָנגעפירט פון ספרדים) אַליין געשטיצט אַרום 1200 אַפּליקאַנטן אַ יאָר. אין 1856 איז די צאָל געשטיגן ביז 1900, אויף וועלכע די סאָסייעטי האָט אויסגעגעבן אַרום 5,000 דאָלאַר אַ יאָר — גאָר ניט קיין קליינע סומע, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין ניו יאָרק האָט זיך דאַן געפונען בסך הכל פון 15 ביז 20 טויזנט יידן. פון זיי האָבן פון צען ביז צוואַנציק פּראָצענט — אַ ריזיקע פּראָפּאָרציע! — געמוזט אָנקומען צו הילף, וואָס ניט נאָר די „היברו" האָט צוגעשטעלט [2]). די געבראַכטע ציפערן זיינען ווי אַ טראָפּן אין ים ניט נאָר אין פאַרגלייך מיט די סומעס, וואָס ווערן היינט מצד דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט געשאַפן פאַר הילף, נאָר אפילו אין פאַרגלייך מיט די סומעס, וואָס זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אין דעם לעצטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען די דריטע אימיגראַנטן־כוואַליע האָט זיך אַהער געטראָגן. און פונקט, ווי די ספרדישע יידן האָבן, טראָץ זייערע תקנות, געמוזט געבן הילף דייטשע יידן, אַזוי האָבן דייטשע יידן, טראָץ זייער ווידערווילן, געמוזט העלפן — אין אַ ניט־אין־ערך גרעסערער מאָס — מזרח־אייראָפּעאישע יידן. איך נוץ דאָס וואָרט „געמוזט" אַבזיכטלעך: איך וויל מיט אים אונטערשטרייכן, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָצעס וואָס איז געווען ווידעראַנאַנדיק צו די לכתחילהדיקע באַוואוסטזיניקע איינשטעלן פון די באַזונדערע יידישע גרופּעס. אָבער, ווי אַלע מאָל אין דער יידישער געשיכטע, האָט אין דעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט טובת־הכלל גענומען די אויבערהאַנט איבער אינדיווידועלע אידעאָלאָגיעס.

פאַראַן סאָציאָלאָגן און היסטאָריקער וואָס זעען די דאָזיקע דערשיינונג נאָר ווי אַן אויסווירקונג פון נעגאַטיוון דרוק. דאָס דאַרף הייסן: מחמת די רדיפות און דיסקרימינאַציעס וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד דער דרויסנקער וועלט, האָט זיך ביי זיי פאַרשטאַרקט די אינערלעכע אָנגעוויזנקייט איינער אויף דעם צווייטן. פון דעם דרינגען זיי, אַז יידישע פאָלקס־עקזיסטענץ האָט ניט קיין פּאָזיטיוון יסוד; אַז וואָלטן יידן ניט באַגעגנט קיין רדיפות און דיסקרימינאַציעס, וואָלט זייער אינערלעכע געשלאָסנקייט צעשטערט געוואָרן און זיי וואָלטן מיט דער צייט פאַרשוואונדן ווי אַן עטנישע אידענטיטעט. די דאָזיקע טעאָריע האָט אַסך מער קרובהשאַפט מיט מעטאַפיזישער האָרשפּאַלטעניש, ווי מיט סאָציאַלער ווויסנשאַפט וואָס בויט אויף דיאַלעקטישע אויסווירקונגען פון געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן. אין אָט די פּראָצעסן איז ניטאָ קיין רעזולטאַט וואָס פאַרוואַנדלט זיך ניט מיט דער צייט אין אַ סיבה. וואָס עס וואָלט געווען ווען מ'וואָלט יידן געלאָזט לעבן רואיק אויף איין אָרט און מ'וואָלט זיי ניט געטריבן

פון לאַנד צו לאַנד און זיי וואָלטן ניט געדאַרפט געוועזט איבערטראָגן אָט די אַלע צרות וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן, — צי דאָס וואָלט געבראַכט צו זייער פולשטענדיקער אַסימילאַציע, — איז אוממעגלעך צו זאָגן. אָבער ייִדישע געשיכטע איז געווען דאָס, וואָס זי איז געווען — און זי האָט אויסגעשמידט ביי ייִדן אַ ווילן צו קאָלעקטיוון לעבן, וואָס זיין גלייכן האָט מען ביי קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט ניט געקאָנט געפינען. וואָס ס'זאָל ניט האָבן געווען דער אורשפרונג פון אָט דעם ווילן, איז ער אָבער געוואָרן איינער פון די גרויסע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן אין דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן און האָט געהאָלפן פורעמען ייִדישן גורל. רעליגיע און נאַציאָנאַלע אחריות זיינען די וויכטיקסטע פּאָזיטיווע קוואַלן, פון וועלכע דער ווילן צו לעבן שפּייזט זיך ביי ייִדן. דאָס זעען מיר בולט אָפּגעשפּיגלט ביי די דייטשע ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן — און ווידער צי איך אויפמערקזאַמקייט, אַז „דייטשע ייִדן" זיינען כולל אַלע ייִדן וואָס געהערן צו די באַזיצנדיקע קלאַסן.

ניט געקוקט אויף די עקסטרעמע פאָרמען, וואָס דער ייִדישער רעליגיעזער רעפאָרמיזם האָט, ווי מיר האָבן געזען, אָנגענומען, האָט ער פונדעסטוועגן קיין אַנדערע עטנישע גרופּעס ווי ייִדן ניט צוגעצויגן און אויך ניט געהאַט גיין גרויסן חשק צו צוציען. ער איז פאַרבליבן אויסשליסלעך אין דער ייִדישער סביבה און בלויז פון איר געקאָנט באַקומען פאַרשטאַרקונג. וועלן מיר זיך דעריבער שפּעטער ניט וואונדערן, ווען מיר וועלן געפינען, אַז אַנשטאָט ער זאָל גיין ווייטער אין דער ריכטונג פון פאַרקלענערן די דיסטאַנץ צו די קריסטלעכע גלויבנס, האָט ער זיך גאָר אומגעקערט צו אַ גרעסערער אַקצעפּטירונג פון ייִדישן טראַדיציאָנאַליזם. און אודאי וועלן מיר זיך ניט וואונדערן צו זען דעם אינסטיטוציאָנאַליזם, וואָס האָט ביי זיין אַנטשטייאונג אָפּגעשפּיגלט די דיפערענצירטקייט און צעברעקלטקייט פון דעם ייִדישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די הויפּט־זיילן פון ייִדיש־עטנישער צעמעטירטקייט. וואָרום גאָרניט ווי ביי אַנדערע גרופּעס האָבן זיך די ייִדישע אינסטיטוציעס אַנטוויקלט. ביי די אַנדערע האָט מען זיי לכתחילה געגרינדעט ווי שמאָלע דענאָמינאַציאָנעל־עטנישע שטיץ־פּונקטן און שפּעטער זיינען זיי געוואָרן ברייטע רעליגיעזע פּאָזיציעס; די ייִדישע אינסטיטוציעס האָט מען געגרינדעט מחמת רעליגיעזע מאָטיוון, הגם דרויסן פון דער סינאַגאָגע, און זיי זיינען געוואָרן פעסטונגען פון ייִדישער עטנישקייט. צו די פּאָזיטיווע פאַקטאָרן וואָס האָבן דערביי געשפּילט אַ ראָלע איז אויך צוגעקומען אַ צאָל נעגאַטיווע מאָמענטן, אין וועלכע מיר דאַרפן אַריינקוקן איידער מיר גייען ווייטער.

### .16

יידן האָבן מיט אַ שנעלערן טראָט ווי אַנדערע, האָבן מיר קאָנסטאַטירט, געקלעטערט אויף דעם סאָציאַלן לייטער. אָבער וואָס העכער זיי זיינען געגאַנגען, אַלץ אַ גרעסערן ווידערשטאַנד האָבן זיי באַגעגנט ביז זיי האָבן דערגרייכט אַ שטאַפּל, וואָס העכער פון אים האָבן זיי בשום אופן ניט געקאָנט שטייגן. דער ווייטערדיקער וועג איז פאַר זיי געווען פאַרמאַכט. דאָס הייסט, זיי האָבן געקאָנט גיין ווייטער אין רייכקייט, אָבער ניט אין עקאָנאָמישן געוויכט. זיי האָבן ניט געקאָנט גיין ווייטער סאָציאַל. צווישן זיי און דער „אַריסטאָקראַטיע" פון לאַנד איז פאַרבליבן אַ מחיצה, וואָס זיי האָבן קיין מאָל ניט געקאָנט אַריבערשפּאַנען. דעריבער געפינען מיר, אַז שנעלער קלעטערן יידן נאָר פון די נידריקע שטאַפּלען צו די מיטעלע, פון די מיטעלע אָן אָבער פאַרלאַנגזאַמט זיך דער גאַנג ביז ער שטעלט זיך אין גאַנצן אָפּ אויף דעם בלאָקירטן שטאַפּל. פריער האָב איך דערמאָנט דעם באַשעפטיקונגס־אינדעקס פון יידן אין יאַנקי סיטי און אָנגעוויזן, אַז אין די ערשטע צוואַנציק יאָר האָט זיך דער אינדעקס געהויבן אויף 22 פונקטן, וואָס די אירלענדער האָט עס גענומען צוויי מאָל אַזוי לאַנג. אָבער דאָס דאָזיקע שנעלע באַוועגן זיך מצד יידן מערקט זיך נאָר ווען מען נעמט די ערשטע דריי און פערציק יאָר — 1850 ביז 1893 — פון דער אירלענדישער איינוואַנדערשאַפט אין יאַנקי סיטי און מען פאַרגלייכט זי מיט די ערשטע צוואַנציק יאָר — פון 1913 ביז 1933 — פון יידישער איינוואַנדערשאַפט. גייט מען אָבער אַוועק פון די ערשטע יאָרן באַקומט זי שוין גאָר אַן אַנדער בילד. אירלענדער האָבן אין 1913, ווען עס אַנטשטייט אַ יידישער ישוב אין יאַנקי סיטי, געהאַט אַן אינדעקס פון 2.14; יידן האָבן דאַן אָנגעהייבן מיט 3.10. צוואַנציק יאָר שפּעטער איז דער יידישער אינדעקס אַרויפגעגאַנגען ביז 3.32 און דער אירלענדישער — ביז 2.52. דאָס הייסט, אַז אין משך פון אָט די צוואַנציק יאָר האָבן די אירלענדער פּראָגרעסירט בנוגע זייער באַשעפטיקונגס־סטאַטוס באַלד צוויי מאָל אַזוי שנעל ווי יידן [1]). די פאָרשערס פון יאַנקי סיטי מיינען, אַז דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס אַ העכערע פּראָפּאָרציע יידן האָט פאַרלאָזט די שטאָט ווי אַנדערע. אַ מאָס אמת איז אין דעם מסתמא פאַראַן, אָבער דער גאַנצער אמת ליגט אין דעם, וואָס איך האָב נאָר וואָס אַרויסגעבראַכט: יידן באַוועגן זיך מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ פון אונטן צום מיטן, אָבער מיט אַ לאַנגזאַמערן טעמפּאָ ווי אַנדערע — פון דעם מיטן צום אויבן.

פאַר יידן, צי זיי זיינען גלויביקע אָדער ניט, צו וואָסער רעליגיעזער ריכטונג זיי זאָלן ניט געהערן און ווי רייך זיי זאָלן ניט זיין, זיינען באַשטימטע עקאָנאָמישע געביטן אַבסאָלוט פאַרמאַכט. בדרך כלל קאָן מען פעסטשטעלן

אַזאַ פּרינציפּ: וואָס מערער פינאַנציעלע און פּאָליטישע מאַכט אַן עקאָנאָמישער געביט פאַרטרעט, אַלץ ווייניקער יידן וועט מען אין אים געפינען. אַט האָבן יידן מיטגעבראַכט אַ זייער רייכע דערפאַרונג אין באַנק־ענינים און זיי האָבן אַמאָל אויף אַט דעם געביט אויך געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע, הגם קיין מאָל ניט קיין ערשט־ראַנגיקע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער דאָס איז געווען דאַן, ווען די באַנקען זיינען געווען קליינע און אומאָפּהענגיקע; ווען אָבער עס האָט זיך אָנגעהייבן אין לאַנד די אומגעהייערע קאָנצענטראַציע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, האָט זיך אויך אָנגעהייבן אַן אַרויסשטויסונג פון יידן פון די באַנקען. אין 1936 האָט די שטודיע פון דעם זשורנאַל „פאָרטשון" געפונען ניט מער ווי 30 יידן צווישן 420 דירעקטאָרן פון די 19 באַנקען וואָס האָבן אין 1933 געהערט צו דעם קלירינג־הויז (די פאַרבינד־צענטראַלע פון די גאָר גרויסע באַנקען אין ניו יאָרק). פון זיי איז אַ העלפט געווען אין צוויי באַנקען, וואָס יידן האָבן אין זיי געהאַט אַ גרעסערע אינוועסטיציע, און די אַנדערע פופצן יידישע דירעקטאָרן זיינען געווען צעוואָרפן צווישן גאַנצע 17 באַנקען [2]). זינט דאַן איז די צאָל יידן אין דער פירערשאַפט פון די באַנקען געוואָרן נאָך קלענער. אויב דאָס איז דער פאַל אין ניו יאָרק, איז שוין ניט שווער זיך צו משער זיין וואָס די לאַגע איז אין דער פראָווינץ.

מיר האָבן געזען ווי הויך עס איז דער פּראָצענט פון יידישע באַשעפטיקטע אין האַנדל. ווען מען רעדט אָבער פון האַנדל אין אַלגעמיין, באַקומט מען אַ פאַלש בילד פון דער יידישער ראָלע אויף אַט דעם געביט דערפאַר, ווייל האַנדל שליסט איין אי מייסיס אָדער גימבלס דעפּאַרטמענט סטאָרס אי אַ סאָדע־וואַ־סער קרעמל אויף דעם ראָג־גאַס. וואָס עס איז יאָ כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז בלויז 5 פּראָצענט פון די קייט־קראָמען (טשיין סטאָרס) שטייט אין אין יידישע הענט.

וואָס איז שייך צו אינדוסטריע, זאָגט וועגן דעם „פאָרטשון":

> אויב יידן האָבן אַ סובאָרדינירטן פּלאַץ אין פינאַנץ, וואָס מען זאָגט אָפט אַז זיי קאָנטראָלירן עס כלומרשט, האָבן זיי נאָך אַ ווייניקער־אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער שווערער אינדוסטריע [3]).

דאָ קאָן מען קאָנסטאַטירן, אַז אין די אינדוסטריעס וואָס קאָנטראָלירן דעם טעכנישן לעבן פון לאַנד זיינען יידן אין גאַנצן ניטאָ (אויסער ווי דעהלאזע אַק־ציע־אייגנטימערס). מען געפינט זיי אַ ביסל מער אין דער לייכטער אינדוסטריע, ספּעציעל אין יענע צווייגן אירע, וואו, ווי „פאָרטשון" כאַראַקטעריזירט דאָס, „פאַבריקאַנט און סוחר באַגעגענען זיך" [4]). דעם סך הכל האָבן מיר אין די ווייטערדיקע ווערטער פון איתמר עלענבאָגען:

עס איז מערקווירדיק, ווי קנאַפּ עס איז דער ייִדישער אַנטייל אין דער קאָלאָסאַלער אַנטוויקלונג פֿון פֿינאַנץ, קאָמערץ און אינדוסטריע. אין אָט די געביטן, וואָס זיינען אַנדערש־וואו באַטראַכט געוואָרן פֿאַר די ספּעציעלע ספּערן פֿון דעם ייִד, האָבן ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן קיין מאָל ניט דערגרייכט די ערשטע רייען [5]).

די דערשיינונג איז ניט אַזוי מערקווירדיק, אויב מען נעמט אין אַכט, אַז נאָך דעם, ווי זיי דערגרייכן די הויך, וואָס זיי קאָנען בכלל דערגרייכן, באַגעגענען ייִדן אין די פֿאַרזוכן צו גיין ווייטער אַ ווידערשטאַנד, וואָס זיי קאָנען בשום אופֿן ניט גובר זיין. וואָרום זיי שטויסן זיך דאָ ניט אָן אויף געוויינלעכער געשעפֿטס־קאָנקורענץ, וואו דער פֿעאיקערער אָדער באַזיצער פֿון בעסערע טעכנישע און גייסטיקע כלי־זיין קומט אַרויס דער געווינער. זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט דיסקרימינאַציעס, וואָס נעמען זיך פֿון דעם, וואָס ייִדן זיינען אַ מינדערהייט אין לאַנד. און ווייל זיי וויייכן אַזוי שטאַרק אָפּ פֿון דעם סטאַנדאַרטיזירטן סטערעאָטיפּ פֿון אַן אַמעריקאַנער, וואָס די טיראַניי פֿון דער מערהייט האָט געשאַפֿן אין דער אַמעריקאַנער פֿאָלקס־פֿאָרשטעלונג, איז עס אַזוי גרינג אַנטקעגן זיי אַרויסצורופֿן דעם אומצוטרוי וואָס דאָס לאַנד ווייזט געוויינטלעך אַרויס צו דעם אַנדערשדיקן, ווי מיר האָבן עס געזען אין דער ערשטער טייל. אויף אַזאַ אופֿן פֿלעכט זיך געשעפֿטלעכע קאָנקורענץ דורך מיט רעליגיעזע, ראַסן און נאַציאָנאַלע פֿאָראורטיילן. עס מאַכט ניט אויס, ווי לאַנג אַ ייִדישע משפּחה איז אין לאַנד — פֿאַר די, וואָס ווערן באַהערשט פֿון אָט די פֿאָראורטיילן, זיינען אירע מיטגלידער סיי ווי סיי אַ „פֿרעמדע", בעת אין שייכות צו אַנדערע גרופּעס ווערט דער באַגריף „פֿרעמדער" אָנגעווענדט נאָר אויף אימיגראַנטן, אָבער ניט אויף זייערע קינדער און קינדס־קינדער. שרייבט סטאָנקוויסט:

זייער [די ייִדנס] הינטערגרונט פֿון אורבאַנישער דערפֿאַרונג, זייער אינטענסיווע גרופּע־באַוואוסטזיניקייט און זייערע אַנטוויקלטע אָרגאַניזאַציעס דערמעגלעכן זיי צו מאַכן שנעלן פּראָגרעס אין דער צופּאַסונג צו אַמעריקאַנער באַדינגונגען. אויף אַזאַ אופֿן שטעלן זיי אַרויס אַ שאַרפֿע קאָנקורענץ צו די עלטערע איינוואוינער און רופֿן אַרויס זייער שנאה [6]).

די שנאה און די פֿאָראורטיילן נעמען זיך ניט פֿון די עקאָנאָמישע פֿונקציעס וואָס ייִדן פֿילן אויס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — און אַלע אַנדערע לענדער, — נאָר פֿון דעם פֿאַקט, וואָס ייִדן פֿילן זיי אויס. די זעלביקע פֿונקציעס, וואָס ווערן פֿאַררעכנט פֿאַר רעספּעקטעבאַלער עקאָנאָמישער טעטיקייט ווען אַנדערע באַשעפֿטיקן זיך מיט זיי, באַקומען עפּעס אַ דראָענדיקן כאַראַקטער, ווען ייִדן פֿאַרנעמען זיך מיט זיי. מעטאָדן, וואָס אַנדערע ווענדן אָן אין געשעפֿט, ווערן עפּעס פֿאַרשווערונגען ווען ייִדן באַנוצן זיך מיט זיי. „קיין זאַך איז ניט

אַזוי דערפאָלגרייך ווי דערפאָלג״ — איז איינער פון די מאָטאָס פון דעם אַמעריקאַנער שטייגער־לעבן; און אַ דערפאָלגרייכער סוחר, אויב ער איז ניט קיין ייד, רופט אַרויס צו זיך ניט נאָר דרך ארץ, נאָר אויך באַוואונדערונג — ספּעציעל אַזאַ וואָס האָט אָנגעהייבן מיט גאָר ניט און האָט זיך אויפגעהויבן אַ דאַנק זיינע אייגענע פעאיקייטן. וואָס עס מיינט אין אַמעריקע דערפאָלג, קאָן מען זען פון איר „סוקסעס״־ליטעראַטור, וואָס איז די גרעסטע אין דער וועלט. עס איז ניטאָ קיין איין ראָמאַן אָדער פילם אין דער דאָזיקער ליטעראַטור, וואָס זאָל דעם דערפאָלג פון דעם העלד מאָלן אין טערמינען פון בלייבן אַ שווערער פאַבריק־אַרבעטער אָדער קליינער פאַרמער. שטענדיק איז דאָס די געשיכטע פון אַן אָרעמען יינגל פון אַ קליין־שטעטל אָדער פאַרם, וואָס איז איינער אַליין אַרויס אויף דער ברייטער וועלט, זיך אָנגעשטויסן אויף אומגעהייערע שטרויכלונגען, באַגעגנט האַרץ־ברעכנדיקע שוועריקייטן, אָבער האָט זיי אַלע גובר געווען. ער געפינט צום סוף זיין שכר פאַר זיין ערלעכקייט, מוטיקייט, אונטערנעמערישער געוואַגטקייט און שווערער פּראַצע אין דעם, וואָס ער ווערט אַ גרויסער סוחר, באַנקיר, אינדוסטריאַליסט אָדער פּראָפעסיאָנאַל. גראַד דאָס, וואָס איינער האָט זיך געקאָנט אַרויסהויבן פון דלות און דערשלאָגנקייט צו רייכקייט און כבוד — גראַד דאָס געווינט פאַר אים דעם אַפּלאָז פון די מאַסן אפילו דאַן, ווען ער באַנוצט זיך ניט אַלע מאָל מיט זויבערע מעטאָדן. אין דער פּסיכיק פון דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער מענטשן זיינען אַנטשלאָסנקייט, איניציאַטיוו, אַגרעסיוויקייט, די פעאיקייט אויסצונוצן געלעגנהייטן, דאָס איבערכיטרעווען קאָנקורענטן — מידות טובות וואָס טראָגן אין זיך זייער אייגענע באַלוינונג. די מידות טובות פאַרוואַנדלען זיך אָבער אין מידות רעות ווען עס קומט צו יידן: דאָס, וואָס רופט אַרויס אַפּלאָז צו אַ ניט־יידן, רופט אַרויס פאַראורטיילן צו יידן. ריכטיק כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע טאָפּלע באַציאונג ריימאָנד קענעדי:

> דער „סעלף־מייד מען״ און דער פּרעזידענט וואָס איז געקומען צו דעם ווייסן הויז פון דער הילצערנער כאַטע זיינען די טיפּישע העלדן פון אונדזער נאַציאָנאַלן פאָלקלאָר. מיר אידעאַליזירן אונדזער געזעלשאַפט, וואָס איז אָפן פאַר אַלע קלאַסן, — אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל אונדזערע קאַסטע־ליניעס דערלויבן. דער דערפאָלג פון אַ יידן אין געשעפט אָדער אין די פּראָפעסיעס ווערט אין אַלגעמיין ניט געלויבט; קאַפּויער, עס ווערט באַטראַכט ווי אַ געפאַר. מען זאָגט ניט ווען זיי, אַז זיי האָבן פון דעם באַקלייד־געשעפט אָדער פילם־אינדוסטריע „געמאַכט אַ דערפאָלג״, נאָר אַז זיי האָבן „פאַרכאַפּט קאָנטראָל״ איבער די דאָזיקע [7].

די פולע קאָנסעקווענצן פון די עקאָנאָמישע באַגרעניצונגען וואָס יידן האָבן אין אַמעריקע געפונען וועלן פאַר אונדז אַרויפשווימען, ווען מיר וועלן האָבן

פֿאַר זיך אַ בילד פֿון דעם גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד. דאָ איז די רעד נאָך אַלץ וועגן זיין פֿאַרמעגלעכער טייל, וואָס מיר באַצייכענען זי מיט דעם אַלגע־מיינעם אויסדרוק: „דייטשע יידן". פֿון דעם עטנישן שטאַנדפּונקט זיינען די שווערסטע שטערונגען, וואָס אַט דער עלעמענט האָט געדאַרפֿט אַריבערגיין — און ניט געקאָנט — געווען סאָציאַלע.

די מחברים פֿון דעם באַריכט פֿון דער אונטערזוכונג וועגן די באַציאונגען צווישן די פֿאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז, ווי איך האָב דערמאָנט אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל, דורכגעפֿירט געוואָרן דורך דעם אינסטיטוט פֿאַר רעליגיעזער און סאָציאַלער פֿאַרשונג, האָבן געפֿונען, אַז די באַציאונג מצד ניט־יידן צו רעפֿאָרמירטע יידן איז אַ פֿריינטלעכערע ווי צו אָרטאָדאָקסישע. זיי שרייבן: „דאָרט, וואו רעפֿאָרם־יידישקייט איז געווען פֿאַר־גלייכמעסיק שטאַרק, אין פֿאַרהעלטניש צו אָרטאָדאָקסישער יידישקייט, האָט די אַנטיפּאַטיע פֿון גויים צו יידן געשיינט צו זיין קענטיק מאָדיפֿיצירט" [8].

דאָ איז דער וואָגן געשטעלט פֿאַר דעם פֿערד. די מאָדיפֿיקאַציע שטאַמט ניט פֿון מאָדערנקייט אין די גלויבנס־פֿאָרמען, נאָר פֿון דעם פֿאַקט, אַז דאָרט וואו רעפֿאָרמיזם איז שטאַרקער פֿון דער אָרטאָדאָקסיע, זיינען די יידן מער־פֿאַרמעגלעכע, לענגער אין לאַנד, געפֿינען זיך אויף אַ העכערן בילדונג־ניוואָ און זיינען אַסך ענלעכער צו דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג אין זייער קליידונג און פֿאַרוויילונגס־פֿאָרמען. וואָסער יידישע שיכט עס וואָלט זיך ניט געפֿונען אין אַט אַזאַ לאַגע, וואָלט די באַציאונג צו איר פֿון ניט־יידן געווען די זעלביקע. זיכער זוכן רעפֿאָרמירטע יידן, מער ווי אָרטאָ־דאָקסישע, קענטשאַפֿט מיט זייערע קריסטלעכע שכנים, אָבער אונדז אינ־טערעסירט דאָ אויסצוגעפֿינען, צי די קריסטלעכע שכנים ווייזן אַרויס אַ ווילינקייט סאָציאַל אויפֿצונעמען יידן אויף דעם באָדן פֿון גלייכקייט. אַלע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סימנים ווייזן, אַז אין גרויסן גאַנצן איז דער ענטפֿער: ניין. ניין איז אויך דער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, צי די פֿאַר־אורטיילן קעגן יידן און די טענדעצן זיי צוצושרייבן פֿאַרכאַפּערישע כוונות, באַציען זיך בלויז אויף אימיגראַנטן און יידן פֿון אַ באַשטימטן רעליגיעזן שטיי־גער. פֿאַרקערט. פֿאַראַן פֿאָראורטיילן — ספּעציעל פֿון אַן עקאָנאָמיש־סאָ־ציאַלן כאַראַקטער, — וואָס שטייגן אין דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דעם דער־פֿאָלג, וואָס יידן, אָנווענדנדיק אויסגעפּרואווטע אַמעריקאַנער מעטאָדן, האָבן דאָ אין זייער צופּאַסן זיך צום לאַנד. אַזוי, למשל, וואַקסט די צאָל מענטשן וואָס גלייבן, אַז יידן האָבן צופֿיל עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פֿאַרשיידענע אויספֿאָרשונגען באַשטעטיקן אַט דעם

וואוקס. די לעצטע אויספאָרשונג, דורכגעפירט דורך דעם זשורנאַל „פאָרטשון“ אונטער דער אויפזיכט פון עלמאָ ראָפּער, גיט אָט וואָסער רעזולטאַט:

36 פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האַלט, אַז יידן האָבן צופיל עקאָנאָמישע מאַכט אין לאַנד. בלויז 2 פּראָצענט האַלט, אַז פּראָטעס־טאַנטן האָבן צופיל מאַכט און בלויז 12 פּראָצענט — אַז קאַטאָליקן האָבן צופיל עקאָנאָמישע מאַכט. עס איז די מיינונג פון 21 פּראָצענט, אַז יידן האָבן צופיל פּאָליטישע מאַכט — אַנטקעגן 4 פּראָצענט וואָס מיינט, אַז פּראָטעסט־אַנטן און 15 פּראָצענט וואָס מיינט, אַז קאַטאָליקן האָבן צופיל פּאָליטישע מאַכט.

פון דער אַנדערער זייט, ווייזט די זעלביקע אויספאָרשונג, אַז אין די ענטפערס אויף דער פראַגע: די לאַגע פון וואָסער גרופּע וואָלט געדאַרפט זיין בעסער אין לאַנד? — איז דאָ אַ קנאַפּער אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן. אַזוי האַלט 7 פּראָצענט, אַז די אַמעריקאַנער קאַטאָליקן פאַרדינען אַ בעסערע מערכה, 8 פּראָצענט האַלט אַזוי אין שייכות צו די פּראָטעסטאַנטן און אַרום 10 פּראָצענט אין שייכות צו יידן [9].

איך בין ניט איבערצייגט, אַז די ציפערן גיבן טאַקע אַ גענוי בילד פון די שטימונגען וואָס הערשן אין לאַנד אין באַציאונג צו די פאַרשיידענע רע־ליגיעזע טיילן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. הגם עלמאָ ראָפּער האָט זיך באַנוצט מיט די אַנטוויקלטסטע מעטאָדן אין זיין פאָרשונג. אָבער דאָס גייט אונדז איצט ווייניקער אָן, ווי דער פאַקט, אַז די צאָל פון די, וואָס טראַכטן וועגן יידן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן ווי וועגן אַ גרופּע וואָס האָט מער עקאָנאָמישע מאַכט ווי סע קומט איר, הויבט זיך. ווי ווייניק באַרעכטי־קונג אַזאַ טראַכטן האָט — האָבן מיר געזען. פאָראורטיילן קעגן יידן האָבן זיך קיין מאָל ניט געשטיצט אויף פאַקטן, נאָר אויף איינרעדענישן. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז דער אייגנאַרטיקער אויסזען פון דער יידישער עקאָ־נאָמישער סטרוקטור מאַכט עס גרינגער די דאָזיקע איינרעדעניש איינצוהאַלטן און פאַרשפּרייטן. די אייגנאַרטיקייט האָבן מיר געזען, איז טאַקע מער אין גראַד ווי אין תוך, סיי ווי סיי פאַרלייכטערט זי אָבער די אַרבעט פון די וואָס שפּילן אויף די אַנטי־יידישע פאָראורטיילן. „וואָס איז מערקווירדיק אין שייכות צו די יידן אין אַמעריקע“ — זאָגן די רעדאַקטאָרן פון „פאָרטשון“, „איז ניט זייער אינדוסטריעלער כח, נאָר זייער מאָדנע אינדוסטריעלע פאַר־טיילונג, זייער טענדענץ זיך אַריינצוקוועטשן אין באַשטימטע קעסטעלעך פון דעם שאַכבערעט“ [10]. אָט די טענדענץ פירט צו דעם, „אַז הגם זיי זיינען זייער ווייט . . . פון צו מאָנאָפּאָליזירן די אַמעריקאַנער אינדוסטריע, האָבן זיי פונדעסטוועגן געמאַכט נישקשהדיקן פּראָגרעס אין דער ריכטונג פון מאָ־

באַפּאַליזירן יענע צווייגן פון דער אינדוסטריע, אין וועלכע זיי האָבן זיך עטאַבלירט" [11]).

דער ענין איז גאָר ניט אַזוי מערקווירדיק אויב מען דערמאָנט זיך, אַז יידן מוזן זיך האַלטן אַריינגעפּרעסט אין אַ באַשטימטן עקאָנאָמישן קרייז, וועלכן דער דרוק פון דרויסן לאָזט זיי ניט דורכבּרעכן. אויב עס איז דאָ עפּעס מערקווירדיקס אין אָט דער דערשיינונג, ליגט עס אין דער גוואַלטיקער דיספּראָפּאָרציע וואָס עס הערשט צווישן דעם עקאָנאָמישן מצב פון יידן און זייער סאָציאַלן פּרעסטיזש.

.17

פאַר אַלע עטנישע גרופּעס זיינען, ווי מיר האָבן געזען די סאָציאַלע באַריערן די שווערסטע צו באַזייטיקן — פאַר יידן איז דאָס צייטנווייז אין גאַנצן אוממעגלעך. יאַנקי סיטי גיט אונדז אַן אינטערעסאַנטן אַריינבליק אין אָט דער דערשיינונג. די פאָרשערס האָבן איר באַפעלקערונג איינגעטיילט אין זעקס קלאַסן: 1) אויבערשטע העכסטע; 2) אונטערשטע העכסטע; 3) אויבערשטע מיטעלע; 4) אונטערשטע מיטעלע; 5) אויבערשטע נידריקע; 6) אונטערשטע נידריקע. פינאַנציעלע הכנסה שפּילט, נאַטירלעך, אַן אָנגעזעענע ראָלע ביים באַשטימען קלאַס-צוגעהעריקייט, אָבער בשום אופן ניט די איינציקע און אָפט אַפילו ניט די וויכטיקסטע ראָלע. אין די אונטערשטע גרופּירונגען זיינען אַמאָל דאָ גרעסערע פאַרדינערס ווי אין די אויבערשטע, למשל: ווי אַ גרופּע, האָבן די אונטערשטע העכסטע אַ גרעסערע הכנסה פּער פּערזאָן ווי די אויבערשטע העכסטע. די אַנטשפּרעכנדיקע ציפערן זיינען: $2.652.61 אַ פּערזאָן ביי די אונטערשטע העכסטע, $2.133.61 אַ פּערזאָן ביי די אויבערשטע העכסטע [1]). ווען מען באַטראַכט דעם עטנישן באַשטאַנד פון די 6 קלאַסן, זעט מען, אַז וואָס העכער דער קלאַס — אַלץ קלענער איז אין אים דער פּראָצענט עטניקערס. קלאַס איינס איז הונדערט פּראָצענט יאַנקיש; קלאַס צוויי — 94 פּראָצענט; קלאַס דריי — 81.2 פּראָצענט; קלאַס פיר — 58.2 פּראָצענט. אירלענדער, וואָס לעבן שוין הונדערט יאָר אין יאַנקי סיטי, האָבן קוים געקאָנט דערגיין ביז 6 פּראָצענט פון די אונטערשטע העכסטע. איז שוין קיין וואונדער ניט אַז מען געפינט ניט יידן, וואָס, ווי מיר האָבן געזען, האָבן זיי דעם העכסטן באַשעפטיקונס-אינדעקס אין יאַנקי סיטי, ניט אין ערשטן קלאַס און ניט אין דעם צווייטן און בלויז אין אַ נישטיקער צאָל — אין קלאַס דריי. זיי זיינען קאָנצענטרירט אויף 52 פּראָצענט אין קלאַס פיר פון די אונטערשטע מיטעלע און אויף קאַרגע 40 פּראָצענט אין קלאַס פינף פון די אויבערשטע נידריקע [2]).

די לאַגע אין יאַנקי סיטי איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן לאַנד. ביים אַריבערשפּרייזן די סאָציאַלע ליניע, וואָס טיילט אָפּ מינאָריטעט גרופּעס פון די העכערע קלאַסן פון דער מערהייט, זאָגט פּראָפעסאָר דאָנאַלד יאַנג, באַגעגענען אייראָפּעאישע אימיגראַנטן ניט קיין גרעסערע שוועריקייטן, ווי עס באַגעגנט אין פאַל פון קלאַסן־איבערגאַנג אַ „נאַטיווער פאַרם־בחור פון פּיאָנערישן אָפּשטאַם, וואָס מאַכט גוט". אַנדערש איז דאָס מיט דעם ייִדן: ער „האָט געדאַרפט באַשאַפן זיינע אייגענע סאָציאַלע קלאַסן, הגם אַסך [ייִדישע] יחידים פאַרקערן פריי מיט גויים פון אַלע שיכטן" [3]). אפילו אָט דער פאַרקער צווישן יחידים איז אין דער אמתן אַ פרייער כל זמן ער ווערט געהאַלטן אויף אַן אינדיווידועלער פלאַך אָדער ער דרייט זיך אַרום אָרגאַניזאַציעס פון אַ געמישטן כאַראַקטער; ער שטעלט זיך אָבער אָפּ ביי די טירן פון די עקסקלוזיווע אינסטיטוציעס וואָס בלייבן אויף שטענדיק פאַרמאַכט פאַר ייִדן. אַזוי איז דאָס געווען אין די קאָלאָניאַלע צייטן. אַניטאַ ליבמאַן לעבעסאָן שרייבט וועגן די ערשטע ייִדן אין ניו יאָרק: סאָציאַל זיינען ייִדן געווען „אַן עלעמענט וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פון זייערע קריסטלעכע שכנים" [4]). אַזוי איז דאָס היינט, ווען ייִדן, ווי פּ. א. בושי קאָנסטאַטירט, „חברן זיך וויניק מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן דער עיקר דערפאַר, ווייל אַזוי ווילן די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן" [5]).

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָבן ייִדן שנעל איבערגענומען די פאַרווייליגנגס־פאָרמען פון דער מערהייט, אָבער אַנשטאָט צו האָבן אַ דעצענטראַלירנדיקע אויסווירקונג, האָט דאָס גאָר געשאַפן אַ נייעם פאַקטאָר פון עטנישער אָפּגעגרעניצטקייט. וואָרום דוקא די פאַרמעגלעכע ייִדן, וואָס האָבן זיך געקאָנט דערלויבן עקאָנאָמיש אַריינצוטרעטן אין די קלובן און רעקרעאַציע־צענטערן פון דער „אַריסטאָקראַטיע", האָבן אויסגעפונען, אַז פאַר ייִדן זיינען די דאָזיקע אינסטיטוציעס געשלאָסן און לגבי זיי עקזיסטירט ניט דער נאָרמאַלער איינטריט־סטאַנדאַרט. זיי האָבן דעריבער געמוזט גרינדן פּאַראַלעלע אינסטיטוציעס מיט אַן אויסשליסלעך־ייִדישער מיטגלידערשאַפט. דאָס איז מסתמא געווען די אורזאַך, פאַרוואָס די ייִדן פון ניו יאָרק האָבן נאָך אין 1761 אָרגאַניזירט דעם אויבן־דערמאָנטן קלוב פאַר פאַרווייליגנגס־צוועקן. דאָס איז זיכער געווען די סיבה, פאַרוואָס די דייטשע ייִדן האָבן געמוזט גרינדן אייגענע גאָלף, יאַכט און „קאַונטרי" קלובן, אייגענע ספּאָרט און אַמוזיר־אַנשטאַלטן. ווען רייכע ייִדן האָבן געוואָלט איינשטיין אין אַ בעסערן האָטעל אָדער פאַרברענגען זייער וואַקאַציע אין אַ בעסערן רעזאָרט, האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז דער ענין איז גאָר ניט אַזוי פּשוט. דזשיימס זעליגמאַן האָט אין 1876 שוין אַ געהערט צו די רייכסטע מענטשן אין לאַנד אַ געהאַט וויניק

פֿאַרבינדונג מיט יידיש לעבן, אָבער אין גראַנד האָטעל אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס האָט מען אים סיי ווי סיי ניט אַריינגעלאָזט נאָר דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען אַ ייד. אָבער אויב דאָס האָט צו יענער צייט אַרויסגערופֿן אַ שטורם פֿון פּראָטעסט, איז דאָס שפּעטער געוואָרן אַזאַ נאַטירלעכע זאַך, אַז מען האָט זיך אַפֿילו אויפֿגעהערט אומצוקוקן אויף דעם. עס וועט זיין כדאי אין אָט דער פֿאַרבינדונג נאָך אַמאָל צו ציטירן יאַנגן:

> וואַרשיינלעך איז קיין אַנדער ווייסע מינדערהייט־גרופּע [אויסער יידן], וואָס האָט אַ געצוונגדיקן געלטלעכן און קולטורעלן גלאַנץ זיך אַריינצופּאַסן אין די אָנגענו־מענע סטאַנדאַרטן פֿון וואַקאַציע־לעבן, ניט אַזוי גרינטלעך אויסגעשלאָסן פֿון דעם געוויינלעכן זומער־רעזאָרט [6]).

ווען די לינדס זיינען צום ערשטן מאָל געקומען אין מידלטאַון אין די צוואַנציקער פֿון דעם היינטיקן יאָרהונדערט, האָבן זיי געפֿונען, אַז „יידישע סוחרים פֿאַרקערן פֿריי מיט אַנדערע געשעפֿטסלייט אין די קלענערע געזעל־שאַפֿטלעכע קלובן, אָבער עס זיינען ניטאָ קיין יידן אין ראָטאַרי. מען אַק־צעפּטירט יידן געזעלשאַפֿטלעך מיט פּונקט גענוג רעזערוואַציעס זיי צו געבן צו פֿאַרשטיין אַז אין גאַנצן „געהערן" זיי ניט" [7]). ווען די לינדס זיינען אַהין געקומען צום צווייטן מאָל — זיבן יאָר שפּעטער, — איז די לאַגע געווען אין אַסך פּרטים ערגער. דער דורכשניטלעכער מידלטאַונער האָט געהאַלטן, אַז „אינדיווידועלע יידן קאָנען אפשר זיין „אַל רייט", אָבער ווי אַ ראַסע איז בעסער ווען מען מישט זיך מיט זיי ניט צופֿיל" [8]). דאָס איז די שטימונג, וואָס די פֿאָרשערס פֿון יאַנקי סיטי האָבן געפֿונען אין יענער שטאָט. אַן ענלעכע לאַגע האָט לענאַרד בלום געפֿונען אין בונאַ, וואָס איז דער פּסעוודאָ־נים פֿאַר אַ שטאָט ערגעץ אין דעם „אַמעריקאַנער אינדוסטריעלן מיטל־מערב". בונאַ האָט אַ יידישן ישוב פֿון אַרום 5,000 נפֿשות, אַרום צוויי פּראָ־צענט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין שטאָט [9]). די זעלביקע דערשיינונג פֿון יידי־שער סאָציאַלער סעגרעגאַציע האָבן פֿאָרשערס געפֿונען אומעטום. די סע־גרעגאַציע איז צום טייל אַ געצוואונגענע, צום טייל אַ פֿרייוויליקע.

דערפֿאַר איז שוין גאָר ניטאָ פֿרייוויליקס אין דער רעזידענצאַלער סעג־רעגאַציע פֿון אַ טייל רייכע יידן. זיי וואָלטן גרייזלעך, ווי מיר וועלן זען אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל, זיך ניט אָפּגעטיילט, אָבער זיי קאָנען זיך ניט העלפֿן, ווייל ניט פֿון זיי איז דאָס אָפּהענגיק. מיט סאָציאַלער סעגרעגאַציע דערקלערט זיך אין אַ גרויסער מאָס פֿאַרוואָס דער פּראָצענט געמישטע חתונות איז פּראָפּאָרציאָנעל אַזוי קליין צווישן רייכע יידן בעת ביי מענטשן פֿון דעם זעלביקן עקאָנאָמישן שטאַנד ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס איז דער

פּראַצענט זייער הויך. עס איז זייער פּשוט: ביי אַנדערע איז אַ יחותדיקער שידוך מיט אַ מיטגליד פון דער „אַריסטאָקראַטיע" אָדער פון אַ גרופּע וואָס איז נאָענט צו איר אַן אַריינטריט־קאַרט צו אַ העכערער סאָציאַלער ספערע; ווען די געמישטע חתונה איז מיט אַ יידן — געשעט דאָס פאַרקערטע. דער ייד וואָס האָט חתונה מיט דעם יחותדיקן ניט־ייד געווינט מיט דעם ניט אין סאָציאַלן סטאַטוס, דערפאַר פאַרלירט פּרעסטיזש דער ניט־ייד. אויך וועגן דעם האָט יאַנג עפּעס אינטערעסאַנטס צו זאָגן:

> דער נאָרדיק זעצט פאַר צו האָבן געמישטע חתונות, גאַנץ פריי און אָן סאָציאַלן חרם, מיט אַלע ווייסע גרופּעס אויסער דער יידישער. ווען יידישע און קאָלירטע גרופּעס זיינען פאַרמישט, אָבער מיט דער אויסנאַם פון די אינדיאַנער, ווערט־סטאַזש אַנגעוואָרן דורך דער געמישטער חתונה און די קינדער פון אַזאַ חתונה ווייזט מען צוריק ווי מיטגלידער פון דער מערהייט [10]).

אַ שניידנדיקן ביישפּיל אויף ווי גרויס עס קאָן זיין דער פאַרלוסט פון סאָציאַלן פּרעסטיזש ביי אַ ניט־יידן וואָס האָט חתונה מיט אַ יידן, האָט אין 1948 געגעבן אַ פּאַסירונג אין וואַשינגטאָן. אין אַן אַריסטאָקראַטישער געגנט אין יענער שטאָט, וואו די איינוואוינער האָבן צווישן זיך געהאַט אַ קאָנטראַקט ניט צו פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען זייערע הייזער צו אַ יידן אָדער אַ נעגער, האָט אַ קריסטלעכע פרוי געקויפט אַ הויז. אַזוי שנעל, ווי די שכנים האָבן זיך דערוואוסט, אַז זי האָט אַ יידישן מאַן, האָבן זיי אָנגעהייבן אַ פּראָצעס אין געריכט צו צווינגען די משפּחה זיך אַרויסצוקלייבן פון דער געגנט. זיי האָבן דעם פּראָצעס געמוזט אויפגעבן צוליב דעם פּראָטעסט וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן, זיי האָבן אָבער פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן געפינען אַ וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם ניט געווינשטן שכן.

אַרום און אַרום שאַפט זיך אַ פּאַראַדאָקסישע לאַגע: דוקא די רייכע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַט, מער ווי אַנדערע שיכטן אין דער יידישער באַפעלקערונג, אַן אינטערעס צו פאַרלאָזן זייער עטנישע סביבה, דוקא זיי זיינען געווען די ערשטע צו דערפילן, אַז עס איז דאָ אַ גרעניץ, וואָס קיין ייד קאָן ניט אַריבערטרעטן. זיי זיינען געווען די ערשטע צו בלייבן שטיין אויף דעם פאַרבלאָקאַדירטן טרעפּ פון דעם סאָציאַלן לייטער. און דוקא זיי, וואָס האָבן זיך געזען ווי מיטגלידער פון בלויז אַ רעליגיעזער גרופּע אָן אַן עטנישן יסוד און זייער שטאַרק געגלייבט אין דעם רוף: זיי אַ ייד אין דער היים און אַ מענטש אין גאַס, — דוקא זיי האָבן געפונען, אַז אפילו פאַר זיי איז אָפן בלויז די יידן־גאַס. צו די אייגענע סינאַגאָגעס, זיינען צוגעקומען אייגענע געזעלשאַפטלעכע און צדקה־אינסטיטוציעס, אייגענע פאַרוויילונגס־אַנשטאַלטן און רעקרעאַציע צענטערן, אייגענע קלובן. דער סאָציאַלער קרייז איז געווען

דער עיקר אַ יידישער, אין רעזאָרט האָט מען זיך געטראָפן מיט נאָך יידן, די היים האָט מען געמוזט האָבן אין אַ יידישער געגנט. ווען מען וויל אָט דאָס אַלץ כאַראַקטעריזירן מיט איין וואָרט, איז דאָס וואָרט — געטאָ.

## 18.

געטאָס, האָבן מיר געפונען, האָבן געהאַט אַלע עטנישע גרופּעס אין אַמעריקע. עס איז אָבער צווישן זיי און דעם יידישן געטאָ געווען איין פונדאַמענטאַלער אונטערשייד: זיי זיינען געווען ביי די אַנדערע אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, ביי יידן איז דאָס געטאָ געוואָרן אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע.

אַנדערע האָבן ערשט דאָ געשאַפן פאַר זיך געטאָס, יידן האָבן געבראַכט דאָס געטאָ מיט זיך. אין משך פון לאַנגע הונדערטער יאָר איז דאָס געטאָ געווען די נענטסטע זאַך צו אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, וואָס יידן האָבן פאַרמאָגט. עס זיינען געווען צייטן און לענדער, ווען און וואו די ווענט פון דעם געטאָ זיינען געווען פעסט־געבויטע און שטרענג־באַוואַכטע פון דרויסן; און עס זיינען געווען צייטן און לענדער ווען און וואו די ווענט זיינען געווען אומזיכטבאַרע און אומגעשיצטע. אַמעריקע האָט געהערט צו די לעצטע לענדער. די גרעניצן פון דעם געטאָ זיינען דאָ געווען בלויז סימבאָלישע, און טעאָרעטיש האָבן יידן פון די גרעניצן לייכט געקאָנט אַרויסטרעטן. פאַרמעלוואַלטן זיי אין דעם דאָזיקן אַרויסטריט געהאַט דעם געזעץ אויף זייער זייט, ספּעציעל דאָן און דאָרט, וואו דאָס געזעץ איז נאָך געווען באַזעלט מיט דעם גייסט פון דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. אָבער יידן האָבן זיך געהאַט צו רעכענען מיט אַ ניט־געשריבענעם — און דערפאַר פיל ווירקזאַמערן — געזעץ: דאָס געזעץ פון אייגענע עטנישע באַדערפנישן און אומפריינטלעכע סאָציאַלע באַציאונגען. דעם סכום רעליגיעזע פירונגען, געזעלשאַפטלעכע נויטן און קולטורעלע הצטרכותן, וואָס יידן האָבן שטענדיק געמוזט קאָנסערווירן כדי אָנצוהאַלטן אַ קאָלעקטיוו לעבן, האָבן זיי געקאָנט בלויז אין אַן אייגענער סביבה אָפּהיטן. פון דעם האָבן זיך גענומען די פּסיכישע דראַנגען, וואָס זיינען געווען דער אינערלעכער צעמענט פון די אומזיכטבאַרע ווענט. פון דער אַנדערער זייט האָבן יענע יידן, וואָס די פּסיכישע דראַנגען זיינען ביי זיי געווען אָפּגעשוואַכט, אויב ניט אין גאַנצן אויסגעלעבט, שנעל דערפילט, אַז די אומזיכטבאַרע ווענט האַלטן זיך אויך מיט דעם צעמענט פון דרויסנדיקן דרוק. פון דעם איז קלאָר, אַז עס איז פאַלש צו זען אין דעם געטאָ נאָר עפּעס וואָס ווערט אויף יידן אַרויפגעצוואונגען פון דרויסן: עס איז אויך דאָ אַן אינערלעכער יידישער כח וואָס האַלט אים. דר. קעניג

כאַראַקטעריזירט ניט שלעכט אָט דעם צווייענדיקן אויסזען פון דעם געטאָ, ווען ער שרייבט אין שייכות מיט דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין סטעמפאָרד:

> עס איז, פון איין זייט, דאָ אַ שטאַרקער דראַנג ביי יידן צו פּרעזערווירן זייער קולטורעלע ירושה און גרופּע־לעבן, דאָס הייסט צו לעבן אַ לעבן וואָס איז זייער אייגנס, און פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַן אומוויליקייט מצד די גוים זיי אַריינצונעמען אין זייער געזעלשאַפט ווי גלייכע. דעריבער זיינען יידן געווען געצוואונגען צו שאַפן אַזאַ סאָציאַלע סטרוקטור, וואָס זאָל, אַזוי צו זאָגן, באַפרידיקן די נויטן וואָס זיי האָבן אַליין אַרויסגערופן, אַזוי גוט ווי די וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דרויסנדיקע כחות [1].

ווי אַלע אימיגראַנטן, ווייזן אַרויס אויך יידישע אימיגראַנטן — און ספּעציעל זייערע געבוירטיקע קינדער — אַ טענדענץ זיך אַרויסצוציען פון די געטאָס אַזוי שנעל, ווי זיי קאָנען זיך עקאָנאָמיש דערלויבן אַריינצוקלייבן אין בעסערע געגנטן. אָבער בעת פאַר אַנדערע איז דער געטאָ־עפּיזאָד פאַרענדיקט נאָך דעם ווי זיי קלייבן זיך אַרויס פון דעם אימיגראַנטישן געטאָ — קאָנען יידן בלויז אויסבייטן אַן אַלט געטאָ אויף אַ נייעם: טראַדיציאָנעלע יידן — דערפאַר, ווייל זיי ווילן ניט אַוועקגיין פון אַ יידישער סביבה; אַסימילירטע יידן — דערפאַר, ווייל זיי קאָנען ניט אַוועקגיין.

אָרטאָדאָקסישע יידן מוזן לעבן נאָענט צו אַ שול און אין אַ סביבה וואָס גיט זיי אַ מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זייערע רעליגיעזע און רעליגיעז־שטייגערישע הצטרכותן. די אַדרעסן פון דער שארית ישראל שול, זינט זי האָט זיך געגרינדעט מיט באַלד דריי הונדערט יאָר צוריק, גיבן דעם מאַרשרוט פון דעם ערשטן יידישן געטאָ אין ניו יאָרק. דער דאָזיקער מאַרשרוט איז ניט געווען קיין גלייכער און ער האָט געהאַט אַסך אָפּצווייגונגען וואָס האָבן אַנטשפּראָכן די געאָגראַפישע און סאָציאַלע איינאָרדנונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. די לאָקאַציע פון די געטאָס איז די מאַפּע פון דער יידישער קאָנצענטרירטקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

כל זמן עס איז אָנגעגאַנגען אַן אימיגראַציע, זיינען די אַלטע געטאָס קיין מאָל ניט פאַרבליבן ליידיק: פרישע יידישע אימיגראַנטן פון אויסלאַנד האָבן פאַרנומען דעם אָרט פון די אַלטע תושבים וואָס האָבן זיך געצויגן צו נייע געגנטן. אַסך פון די דאָזיקע אַלטע תושבים האָבן בפירוש געוואָלט, ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, אויסמיידן פיזישן און גייסטיקן באַריר מיט די שפּעטער־געקומענע און זיך פאַרקליבן אַזוי ווייט ווי מעגלעך פון די אַלטע געטאָס. היות ווי די לעצטע האָבן זיך תמיד געפונען אין די אָרעמסטע און אָפּגעלאָזנסטע געגנטן, האָבן די וואָס האָבן זיי פאַרלאָזט, גע־

מוזט בויען זייערע היימען אָדער אין געהויבענע אַלטע געגנטן, וואו עס האָבן פריער געוואוינט מער־פאַרמעגלעכע ניט־ייִדן, אָדער אין גאַנצן אין נייע געגנטן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך אין די גרעסערע שטעט געשאַפן פיזישע מחיצות צווישן די פאַרשיידענע ייִדישע געטאָס אין דער פאָרם פון קלענערע ניט־ייִדישע געגנטן. די דאָזיקע פיזישע מחיצות, פאַרשטאַרקט דורך די סאָציאַלע מחיצות פון יחוס און מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, האָבן אָפּגעשפּיגלט די שיכטונג אין דעם ייִדישן לעבן.

ווי ווייניק ענלעך די נייע ייִדישע געגנטן זיינען אין עסטעטישן און גייסטיקן זין געווען צו די אַלטע, האָבן זיי אָבער געהאַט איין געמיינזאַמען שטריך — זיי זיינען פּאַקטיש געווען „גוים־ריין". וואָרום האָבן די מער־פאַרמעגלעכע ייִדן זיך אַריינגעקליבן אין אַ בעסערער שוין־עטאַבלירטער געגנט, האָבן די גוים פון דאָרט זיך שנעל אַרויסגעצויגן; האָבן ווידער די דאָזיקע ייִדן אָנגעהייבן אַ נייע געגנט, זיינען גוים שוין אַהין ניט געגאַנגען. סיי אין דעם ערשטן סיי אין דעם צווייטן פאַל — זיינען די שכנים געווען ייִדן; און דאָס האָט די געגנטן געגעבן זייער געטאָ־כאַראַקטער. די אַסימילירטע ייִדן פון מערב־אייראָפּעאישן אָפּשטאַם, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן מער געמיינזאַמס מיט די ניט־ייִדישע תושבים אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווי מיט די ייִדישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, האָבן מיט אַמאָל דערזען, אַז די ניט־ייִדישע תושבים האָבן וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג. די ייִדן האָבן אויסגעפונען, אַז זיי קאָנען פאַרלאָזן דאָס געטאָ, אָבער ניט באַפרייען זיך פון אים. „אין איר פאַרזוך צו אַנטלויפן פון דעם געטאָ" — זאָגט פּראָפעסאָר לואיס ווירט — „האָט די טיילוויז־אַסימילירטע גרופּע אַנטדעקט, אַז דאָס געטאָ איז איר נאָכגעגאַנגען צו די נייע געגנטן" [2]).

דאָס מיינט ניט — פונקט ווי בנוגע די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַגרענ־ניצונגען, וועגן וועלכע עס איז גערעדט געוואָרן, — אַז עס האָט זיך אַמאָל ניט איינגעגעבן אַ ייִדישן יחיד דורכצוברעכן די געטאָ־ווענט. אָבער פּטור ווערן פון אַלע פּעדים וואָס האָבן אים געהאַלטן געבונדן צו דעם געטאָ, — האָט ער געקאָנט נאָר דאַן ווען ער האָט איבערגעריסן יעדער פאַרבינדונג מיט דער ייִדישער גרופּע בכלל. עס זיינען געווען, ווי מיר האָבן געזען, אַזעלכע אויך, אָבער זיי זיינען די אויסנאַם, דער כלל האָט אַזאַ עמאַנציפּאַציע פון דעם געטאָ ניט געוואָלט.

אויבן האָב איך גערעדט וועגן די אומפריינטלעכע באַציאונגען וואָס האָבן געהערשט צווישן די פאַרשיידענע ייִדישע גרופּעס, וואָס די דריי אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן אַהער געבראַכט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט דער עיקר אויף דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן יסוד פון דער דאָזיקער אומפריינטשאַפט.

עס איז אָבער געווען נאָך אַ סיבה. די מער־אַקאָמאָדירטע ייִדן האָבן מורא געהאַט, אַז די אוממאָדערנע ייִדן פון מזרח־אייראָפּע וועלן פאַרשלעפּן אַ ייִדן־פראַגע קיין אַמעריקע, וואָס דאָס לאַנד וואָלט אָן זיי אפשר דאָס אין גאַנצן אויסגעמיטן. פון דעם האָט זיך גענומען די קעגנערשאַפט פון די דייטשע ייִדן צו דער מאַסן־איינוואַנדערונג פון רוסישע, פּוילישע און גאַליציאַנער ייִדן. פון דעם, וועלן מיר זען, האָט זיך אויך גענומען דער פאַרזוך פון די ערשטע צו רעגולירן די עקאָנאָמישע איינאָרדנונג פון די לעצטע נאָך דעם ווי זיי זיינען געקומען אַהער. אָבער די דערשיינונגען, וואָס איך האָב אַנאַליזירט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, האָבן סוף כל סוף געצוואונגען דעם רוב פון דער ייִדישער „אַריסטאָקראַטיע" צו קוקן אויף דעם ענין מיט אַנדערע אויגן. זיי האָבן ענדלעך געמוזט איינזען, אַז דאָס וואָס מען באַטראַכט דעם ייִדן ווי אַ „פרעמדן" אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם לאַנד פון זיין אָפּשטאַם. והראיה, אַ ייִד, וואָס זיין אַמעריקאַנער יחוס שפּרייט זיך אויס איבער פיר און פינף און זעקס און מער דורות, איז נאָך אַלץ אַ „פרעמדער" פאַר גרויסע טיילן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. עס מאַכט ניט אויס ווי גוצלעך ייִדן מאַכן זיך אין לאַנד אָדער ווי טיף עס זיינען זייערע וואָרצלען אין אַמעריקאַנער ערד — די דאָזיקע גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג גייען פאָרט צו אַנדערש צו זיי ווי צו מיטגלידער פון אַנדערע עטנישע און רעליגיעזע גרופּעס. אין 1931 האָט דער ניט־לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר פעלדמאַן די דאָזיקע אַנדערשדיקייט פאָרמולירט אין די ווייטערדיקע ווערטער:

> אַמעריקאַנער האָבן אַ טענדענץ צו אונטערשיידן צווישן געוויינלעכע אימיגראַנטן און ייִדן. למשל: הגם ייִדן באַגעגענען דאָ די געוויינלעכע פאָראורטיילן פון אַלע „פרעמדע", בלייבט אָבער דער ייִד צו אַסך מענטשן אין אַמעריקע אַ „פרעמדער" אפילו אויב ער איז פון צווייטן אָדער דריטן דור דאָ־געבוירענע און פולשטענדיק אַסימילירט [3]).

מיר זעען דאָ אַן אַלגעמיינעם פּראָצעס אומגעקערט. די זעלביקע אַמעריקע, וואָס האָט מיט אַזאַ ברוטאַלקייט און קאָמפּראָמיסלאָזיקייט געפאָדערט פון עטנישע גרופּעס אומבאַדינגטע און תיכפדיקע אויפלייזונג, וויל די ייִדן ניט פאַרשלינגען. ריכטיקער: זי לאָזט זיי ניט פאַרשווינדן און קאָן זיי, גלייכצייטיק, ניט מוחל זיין אַלעמאַי זיי בלייבן לעבן.

ניט מיט אַמאָל און ניט גערן איז דער ייִד, וואָס עס האָט אים געצויגן צו אַסימילאַציע, געקומען צו דער אַנערקענונג, אַז אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם איז דאָ אַ ייִדישע פראַגע און אַז זי רירט אָן ניט בלויז דעם אָרטאָדאָקסישן אָדער נאַציאָנאַליסטישן ייִד פון מזרח־אייראָפּע און ניט בלויז דעם

אימיגראַנט. לואיסווירט, וואָס שטייט גייסטיק אַליין ניט ווייט פון דער אַסי־מילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע, גיט איבער די געפילן פון אַט אַזאַ ייד:

נאָך דעם ווי ער איז געווען דערפאָלגרייך אין געשעפט אָדער אין זיין פּראָפעסיע, מיינט לכתחילה דער ייד, וואָס האָט פאַרזוכט די פּירות פון דער גויישער וועלט אין פרייען פאַרקער מיט זיין מער אינטימען קרייז פון פאַרבינדעטע, מיט חברים־סטודענטן אין אוניווערזיטעטן אָדער מיט די מיטגלידער פון זיין פּראָפעסיאָנעלער גרופּע, אַז די געשיכטעס וועגן פאַראורטייל און אויסשלוס זיינען אָדער איבער־געטריבן אָדער זיי זיינען ניט אָנווענדבאַר אויף אים אַליין.

לאַנג קאָן אָבער אַזאַ איינער זיך אַליין ניט נאַרן. ניט־ווילנדיק מוז ער קומען צו דעם שלוס, אַז

די דרויסנדיקע וועלט וויל אים ניט אויפנעמען ווי אַ יחיד, נאָר זי וויל דווקא אָנ־הענגען דעם צעטל „ייד" אויף אים און זיינע קינדער, ניט רעכנענדיק זיך מיט דעם פאַקט, אַז ער פילט זיך מער ניט ווי אַ טייל פון זיין פאָלק און דאָס פאָלק באַטראַכט אים מער ניט פאַר אַ טייל פון זיך.

דאָ ערשט אַנטפּלעקט זיך זיין מאַרגינאַלישקייט אין איר פולן פאַרנעם. זאָגט ווירט: „ער שטייט אויף דער מאַפּע פון צוויי וועלטן און פילט זיך ניט אין דער היים אין קיין איינער פון זיי. זיין זעלבסט איז צעטיילט צווישן דער וועלט פון וועלכער ער האָט דעזערטירט און דער וועלט וואָס וויל אים ניט האָבן"[4].

אַ מענטש, וואָס פילט זיך אין ערגעץ ניט אין דער היים, מוז זיך אַליין און אַנדערע שטעלן פראַגעס וועגן דעם זין פון זיין לעבן. עס איז די טראַ־געדיע פון יידן, זאָגט פּראָפעסאָר קאַלען, וואָס כסדר דאַרפן זיי זייער עקזיס־טענץ באַרעכטיקן אי אין די אייגענע אויגן אי אין די אויגן פון דער וועלט. פּונקט ווי פּאָטענציעלע זעלבסטמערדער, דאַרפן זיי תמיד זיך דערמאָנען, אַז זיי האָבן צוליב וואָס צו בלייבן לעבן. און קאַלען גיט צו:

וואָס מער מאַרגינאַל אַ ייד איז — דאָס הייסט וואָס גרעסער עס איז דער סכום און די פאַרשיידנאַרטיקייט פון זיינע אַקטועלע און וואַרשיינלעכע באַציאונגען מיט ניט־יידן — אַלץ גרעסער איז זיין געפיל פון אומזיכערקייט און זיין דראַנג „אַפּ־צושאַצן" זיין עקזיסטענץ ווי אַ ייד; אַלץ טיפער פילט ער די „יידישע פראַגע"[5].

שוין דאָס איינע שטעלן פראַגעס וועגן דעם תוך פון יידישער עקזיס־טענץ האָט אַן עטניזירנדיקע ווירקונג אפילו אויף אַזאַ איינעם, וואָס קומט צו אַן אַסימילאַטאָרישן ענטפער. עס איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז אין אַמע־ריקע איז קיין מאָל ניט אויפגעקומען קיין אָרגאַניזירטע יידישע גרופּע, וואָס זאָל אָפן פּרעדיקן יידישן גרופּע־אויפלייז ווי אַן ענטפער אויף דער יידישער

פראגע. מען האט דא אנטוויקלט אידעאלאגיעס, וואס האבן אביעקטיוו גע־לייגט א בריק צו אסימילאציע, סוביעקטיוו האט דאס אבער קיינער ניט פארגעלייגט ווי א פראגראם; עס קאן זיין אז דערפאר, ווייל דער, וואס האט זיך ארומגעטראגן מיט אזא פראגראם, האט זי דורכגעפירט פאר זיך פער־זענלעך און זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם גורל פון יידן ווי א גרופע. די ריזיקע מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג — און דאס שליסט איין אלע אירע שיכטן — האט געזוכט אזא ענטפער אויף דער יידישער פראגע, וואס זאל פארזיכערן קאלעקטיוון קיום.

עס איז דעריבער ניט ריכטיק צו באטראכטן דאס געטא, ווי דאס טוט פראפעסארווירט, ווי א פראדוקט פון נאר נעגאטיווע מאמענטן. עס איז ניט געווען קיין שום דרוק פון דרויסן, וואס האט געצוואונגען שפאניש־פארטו־געזישע מאראנען צוריק צו ווערן יידן אין אמעריקע. די איזאלירטע דייטשע יידן, וואס האבן זיך — אמאל צו צוויי אדער דריי און אמאל אפילו איינציקווייז — באזעצט טויזנטער מיילן ווייט פון די גרויסע יידישע צענטערן האבן אלע, ווי אסך פון זיי האבן עס טאקע געטאן, זיך געקאנט אויפלייזן אין דער ארומיקער באפעלקערונג אנשטאט צו פארלייגן דעם יסוד פאר א יידישן קאמו־נאלן לעבן אין די פארוואָרפנסטע ווינקלען פון לאנד. די דאזיקע פאר־איינצלטע יידן וואלטן קיין ווידערשטאנד צו זייער פולשטענדיקער אסימי־לאציע ניט באגעגנט. אויב זיי זיינען געבליבן אין דער יידישער מחנה, איז עס געווען דערפאר, ווייל זיי האבן געוואלט בלייבן. בלייבן אין דער יידישער מחנה האט געמיינט בויען יידישע פאזיציעס. דאס געטא האט די אלע פאזיציעס ארומגערינגלט מיט אן עטנישן גארטל און זיי פארוואנדלט אין א פעסטן בנין.

א טעות איז אויך צו קוקן אויף דעם געטא נאר ווי אויף א יידישן אומגליק. אזא איז עס געווען דאן, ווען מען האט יידן דארט אריינגעשפארט ווי אין א תפיסה, וואס האט געהאלטן געשמידט דעם יידישן גוף און דער־דריקט די יידישע נשמה. אין זיינע וואלונטיריסטישע אספעקטן איז דאס געטא געווען דאס פלאץ, וואו יידן — אן אומעטומיקע מינדערהייט — זיינען געווען א מערהייט. אבער אפילו אין אמעריקע זיינען די וואלונטיריסטישע אספעקטן געווען בלויז איין זייט פון דעם געטא; די אנדערע זייטן האבן זיך געהאלטן אויף דרויסנדיקן דרוק.

דאס געטא באגלייט דעם יידן וואס וויל בלייבן א ייד פון זיין וויגעלע ביז זיין קבר. די ראלע פון דעם בית עולם אין דער פארמירונג פון א יידישן קהילה־לעבן אין אמעריקע איז ממש ניט אפצושאצן. אין א באשטימטן זין האט ער פארנומען נאך א גרעסערן פלאץ ווי די שול. וואָרום אויב א ייד

האָט געקאָנט לעבן צווישן גוים, האָט מען אָבער ביי אים ניט געקאָנט פועלן אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון קבר ישראל. זעען מיר טאַקע, אַז יידיש קאָמונאַל לעבן האָט זיך אומעטום אָנגעהייבן מיט אַ שול און בית עולם. אַמאָל איז דער בית עולם נאָך געקומען פריער פון דער שול; וואָרום אויב עס איז נייטיק לכל הפּחות אַ מנין יידן צו אָנהייבן אַ שול, איז גענוג איין יידישער מת צו עפענען אַ בית עולם. אין גאַנצן אַ פיר יידישע משפחות זיינען געווען אין באָסטאָן אַרום דעם ערשטן פערטל פון דעם 18טן יאָרהונדערט. פון קיין שול איז נאָך קיין סימן ניט געווען, אָבער צוויי יידן — מיכאל־אשר און יצחק סאָלאָמאָן — האָבן פונדעסטוועגן געקויפט אַ שטיקל לאַנד און דאָס אָפּגעטיילט פאַר אַ בית עולם פון „דער יידישער נאַציע"[3]. עס ווערט אָנגענומען, אַז די ערשטע שול האָט זיך געגרינדעט אין פילאַדעלפיע אין 1747, אָבער שוין אין 1738 איז דאָרט געעפנט געוואָרן אַ בית עולם. נאָך איידער די קאַרגע דריי מנינים יידן, וואָס זיינען געקומען קיין ניי־אַמסטערדאַם (ניו יאָרק) אין 1654 מיט דער שיף סט. טשאַרלס און פאַרלייגט דעם יסוד פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע, האָבן באַוויזן אָפּצעטרייסלען פון זייערע פיס דעם אויס־לענדישן שטויב, האָבן זיי שוין אָנגעהייבן צו זאָרגן וועגן אַ בית עולם. יידן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון דער דיסציפּלין, וואָס די ערשטע אַמע־ריקאַנער שולן האָבן איינגעשטעלט, האָבן שנעל חרטה געהאַט, ווען עס האָט זיך פאַר זיי געשטעלט די געפאַר צו באַגראָבן ווערן צווישן גויים. אין די היינטיקע צייטן האָבן הונדערטער און הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטן און חברות זייער עקזיסטענץ צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס זיי קאָנען באַזאָרגן זייערע מיטגלידער מיט קרקע. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אפילו דער קאָ־מוניסטיש־געשטימטער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן האָט פאַר זיין יידישער סעקציע אויך געגרינדעט אַ באַזונדערן בית עולם. „דער בית עולם" — זאָגט פּראָפעסאָר סאַלאָ באַראָן — „דערשיינט אויפן צווייטן אָרט צווישן די יידישע קאָמונאַלע אינסטיטוציעס נאָר אין פאַרהעלטניש צו דער סינאַגאָגע. דער פאַקט איז, אַז מחמת דער מעגלעכקייט צו דאַווענען אין פּריוואַטע ערטער, האָבן אַסך קהילות געזוכט אַ פּלאַץ פאַר אַ בית עולם נאָך איידער זיי האָבן אויסגעבויט אַ שול"[4]. פּראָפעסאָר באַראָן האָט עס גע־שריבן אין שייכות מיט די אַלטע יידישע קהילות אין אייראָפּע און אַפריקע, אָבער דאָס איז פונקט אַזוי אמת אין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע.

דאָס געטאָ אין אין אין און דער זעלביקער צייט אי אַ פיזישע אינסטיטו־ציע אי אַ קוואַל פון גייסטיקער השפעה. עס לעבט איינצייטיק סיי אין גע־אָגראַפישע גרעניצן סיי אין דער פּסיכיק פון דעם יידן און ניט־יידן. די

ווענט פון דעם געטאָ ציען זיך פון די ספרדישע יידן, וואָס זיינען געקומען אַהער זוכן שוץ פון דער אינקוויזיציע ביז די לעצטע דייטשע יידן, וואָס זיינען געקומען אַהער זוכן שוץ פון די נאַצישע גאַז־אויוונס. די הויך־דימענסיע פון דעם געטאָ ציט זיך פון דעם נידריקסטן שטאַפּל פון דעם סאָציאַלן לייטער ביז דעם העכסטן שטאַפּל, וואָס יקדן קאָנען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן דערגרייכן. דער צענטער פון דעם געטאָ איז די סינאַגאָגע און די אַלע סאָציאַלע, קולטור־רעלע, פילאַנטראָפּישע, פּאָליטישע, אידעאָלאָגישע, זעלבסט־הילף און פּאַרוויי־לונגס־אינסטיטוציעס וואָס פילן אויס דאָס לעבן פון דעם מאָדערנעם יידן, און זיין פּעריפעריע זיינען אַלע יידישע כלל־אינטערעסן סיי אין לאַנד סיי אין אויסלאַנד. דאָס געטאָ איז די היים פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און די אַמבאַסאַדע אין אַמעריקע פון די יידן פון דער וועלט. עס קלייבט צונויף צעשטויבטע יידן און קנעט זיי אויס אין אַ יידישער געמיינשאַפט. אין דעם געטאָ ווערן סאָציאַל און עקאָנאָמיש דיפערענצירטע יידן עטניש קאָנסאָלידירט. דר. ווירט כאַראַקטעריזירט אַזוי די אויסווירקונג פון דעם געטאָ:

> ביז לעצטנס האָבן די דייטשע יידן, ד. ה. דער רעפאָרם עלעמענט, און די רוסישע יידן, אָדער דער אָרטאָדאָקסישער עלעמענט, יעדער געהאַט זייער באַזונדערע נעץ קאָמונאַלע אינסטיטוציע. דויערנדיקע קאָנסאָלידאַציע פון די מער וויכטיקע קאָמונאַלע אונטערנעמונגען איז צעשטערט געוואָרן דורך אינערלעכע צוויסטיקייטן צווישן פראַקציעס. אונטער דער ווירקונג, ווידער, פון דרויסנדיקן דרוק איז די גרופּע צונויפגעשמידט געוואָרן אין אַ סאָלידער מאַסע.

ווי געוויינלעך, וויל ווירט בשום אופן ניט אַנערקענען די פּאָזיטיווע פאַק־טאָרן וואָס האָבן געבראַכט צו דער קאָנסאָלידאַציע. מיר האָבן געזען אַז אַזעלכע פאַקטאָרן זיינען געווען און געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע, אָבער אַלץ אין די ראַמען פון דעם געטאָ.

עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס באַצייכענען דאָס געטאָ אין אַמעריקע ווי אַ שטאַט. דאָס איז פאַלש. אַלע שטאַט־פונקציעס ליגן אין די הענט פון דער מלוכה, ניט פון דעם געטאָ. זייערע פליכטן צו דעם שטאַט דערפילן יידן, פונקט ווי אַלע אַנדערע בירגער, דורך רעגירונג־אַנשטאַלטן; און זייערע בירגער־פּריווילעגיעס געניסן זיי אויך אויף דעם זעלביקן שטייגער. דאָס געטאָ באַפרידיקט נאָר די ספּעציפיש־יידישע קהלשע־אינטערעסן פון דעם יידן — און דאָס אויך נאָר אויף אַ ריין־פּריוואַטן אופן. דער יידישער ישוב אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָט ניט די באַגרעניצטע מלוכהשע פּרעראָגאַטיוון אַפילו בנוגע צו ריין־יידישע ענינים, וואָס קהילות האָבן געהאַט אין אַנדערע לענדער. אַ וואָלונטערע יידישע קהילהשאַפט, וואָס הגם זי איז געבויט אויף

דורכאויס פּריווילּיקע פּרינציפּן, איז זי אָבער זייער ווירקזאַם און ברייט־אַרומנעמענדיק — דאָס איז דאָס נייע, וואָס אַמעריקע האָט אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן.

דאָס געטאָ איז ניט האָמאָגען פון דעם סאָציאַלן שטאַנדפּונקט. פאַרקערט, עס איז דיפערענצירט און צעטיילט. דערווייל האָבן מיר געזען, פאַרוואָס איין טייל זיינע האָט ניט דורכגעמאַכט דעם ראַשיקן אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס ענלעך־סיטואירטע טיילן פון אַנדערע גרופּעס האָבן דורכגעמאַכט. מיר האָבן ביז איצט אַלץ גערעדט וועגן אַ גרופּע אין דעם געטאָ וואָס האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפל פון דעם סאָציאַלן לייטער און געפונען פאַר זיך דעם וועג צו ווייטערדיקן קלעטערן פאַרהאַקט. לאָמיר איצט לאָזן שטיין אויף אָט דעם שטאַפל און זען, וואָס איז דערווייל געוואָרן מיט די, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די נידריקערע שטאַפלען.

.19

די גרעסטע אויפטוען פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע, וואָס האָט אין צאָל שנעל פאַרשוועקט אי די ספרדישע אי די דייטשע יידן און אין דריי דורות פאַרוואַנדלט דעם יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין דעם גרעסטן אין דער וועלט, — זיינען פון דעם שטאַנדפּונקט פון יידיש־עטנישער צעמענטירטקייט דאָ אין לאַנד געווען זעקס:

1. די פאַרוואַנדלונג פון דער אָרטאָדאָקסיע אין דעם מערהייט־גלויבן פון דער יידישער באַפעלקערונג;
2. די באַשאַפונג פון אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג;
3. די באַשאַפונג פון אַ יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און קולטור אויף דער יידישער שפּראַך;
4. די באַשאַפונג פון אַ סעקולערן יידישן נאַציאָנאַליזם;
5. די אויסבילדונג פון אַ יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט באַדינט דעם ישוב מיט געזעלשאַפטלעכע פירערס, לערערס און טוערס;
6. די דעמאָקראַטיזירונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אויסשפּרייטונג פון דער באַזע פון דעם יידישן אינסטיטוציאָנאַליזם.

דערגרייכט האָט דאָס אַלץ די מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַציע מיט דעם כוח פון איר מאַסנהאַפטיקייט, קאָנצענטרירטקייט, קאָמפּאַקטקייט און מיט איר פאָלקס־כאַראַקטער. ניט יחידים האָבן זיך געטראָגן אויף דער דריטער אימיגראַציע־כוואַליע, נאָר שטעטלעך און שטעט גאַנצע. דאָס פאָלק האָט עמיגרירט

מיט זיין גאַנצער מאַטעריעלער אָרעמקייט און גייסטיקער אָנגעלאָדנקייט. מיט דער סטיכישער קראַפט פון דער לאַוואַ פון אַ וואולקאַן וואָס האָט פּלוצים אויפגעריסן האָט זיך די וואַנדערונג געטראָגן; און פּונקט אַזוי ווייניק ווי די לאַוואַ פון אַ וואולקאַן — האָט מען זי געקאָנט קאָנטראָלירן. די קעגנערשאַפט פון די איינגעאָרדנטע יידישע תושבים צו אַ גרויסער יידישער איינוואַנדערונג אין לאַנד איז גיך און אָן צערעמאָניעס אַראָפּגעשווענקט געוואָרן, אָבער — ניט די מורא פון די דאָזיקע תושבים, אַז די מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַציע ברענגט מיט זיך צרות און צעטרייסלונגען. מוראָ געהאַט האָבן זיי טאַקע פאַר איר קאָמ־פּאַקטקייט און פאָלקישקייט — און אויב זיי האָבן די פאַרפלייצונג ניט געקאָנט אָפּשטעלן, האָבן זיי זי געפּרוּווט רעגולירן. אונטער דעם דרוק פון דער אי־מיגראַנטן־מאַסע האָבן די דייטשע יידן שנעל אויפגעגעבן זייער באַשלוס צו באַגרעניצן זייער צדקה־טעטיקייט נאָר אויף זייערע לאַנדסלייט. צוערשט אומגערן, שפּעטער מיט מער פעסטקייט און נאָך שפּעטער אפילו מיט ענטוזיאַזם האָבן זיי זיך גענומען העלפן די פרישע אימיגראַנטן מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט. פון דער מורא האָבן זיי זיך ניט געקאָנט באַפרייען; פאַרקערט — ווען זיי האָבן געזען, ווי אַזוי גאַנצע געגנטן אין די גרויסע אַמעריקאַנער צענטערן הייבן אָן אויסזען, אין דעם שטייגערישן זין, ווי קליינע שטעטלעך אין פּוילן איז זייער שרעק געוואַקסן און זיי האָבן געפּרוּווט דורך זייער הילף באַווירקן די פירונגען און איינאָרדנונג פון די ניי־אָריינגעקומענע. אין דעם סטיכישן אויסברוך האָבן זיי געפּרוּווט אַריינטראָגן אַ מאָס פון געפּלאַנטקייט. דער עיקר איז זיי געגאַנגען אין פאַנאַנדערשפּרייטן די יידישע אימיגראַציע איבער ווייניקער באַזעצטע טיילן פון לאַנד. פון דעם נעמען זיך די פאַרשיידענע פאַרזוכן צו אַג־ראַריזירן יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער ערשטער פאַרזוך אַזאַ, ווי מאָדנע דאָס זאָל אונדז היינט ניט אויסזען, איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין 1837, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד האָט קוים באַטראָפן אַנדערטהאַלבן צענדליק טויזנט נפשות. אין יענעם יאָר האָט זיך געגרינדעט אין ניו יאָרק אַ חברה, וואָס האָט זיך גערופן צעירי הצון און געהאַט דעם ציל באַזעצן יידן אויף ערד (מרדכי עמנואל נח האָט נאָך מיט צוואַנ־ציק יאָר פריער אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון יידישער אַגראַריזאַציע). פּראַק־טיש האָט די דאָזיקע חברה גאָרניט אויפגעטאָן, אָבער זי האָט סטימולירט די גרינדונג, אין 1838, אויף דער איניציאַטיוו פון דער אנשי חסד שול, די יידישע קאָלאָניע „שלום" אין אָלסטער קאָנטי, ניו יאָרק. מער ווי אַ דריי־פיר יאָר האָט זיך די קאָלאָניע ניט געהאַלטן.

אין 1855 האָט די ניו יאָרקער לבנון לאָזשע פון בני ברית אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו גרינדן אַ יידישע געזעלשאַפט צו העלפן יידן גיין אויף לאַנד. דער

הויפּט־פירער פון דעם פּראָיעקט און מחבר פון דעם אויפרוף איז געווען דר. ס. וואַטערמאַן, וועלכער האָט אויסגעדריקט געדאַנקען, וואָס מען האָט אין 20טן יאָרהונדערט אָזוינס געלייענט ביי דר. חיים זשיטלאָווסקין און אַנדערע אידעאָלאָגן פון יידישע אָגראַריזאַציע. יידן, האָט דר. וואַטערמאַן געטענהט, שטופּן זיך דער עיקר אין האַנדל און אַ ביסל אין קוואַליפיצירטע מלאכות. קיין פּאַרמערס האָבן זיי ניט, און דאָס רופט אַרויס צו זיי די קעגנערשאַפט פון דעם אַרום וואָס באַטראַכט זיי פאַר פרעמדע. אויב יידן וועלן זיך ווייטער שטופּן אין זייערע אַלטע פּרנסות, וועלן „זיי גיין אויף אַ וועג, וואָס איז שעדלעך פאַר דעם וואוילזיין פון אונדזער לאַנד"[1].

פון אַ גרעסערן פאַרנעם זיינען געווען די פּרוּוון צו פאַרקלענערן די קאָמפּאַקטקייט פון די אימיגראַנטן־קאָלאָניעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין די אַכציקער פון דעם 19טן יאָרהונדערט. „האַיאַס" — פּאַקטיש די ערשטע גרעסערע הילף־אָרגאַניזאַציע וואָס איז געשאַפן געוואָרן דער עיקר דורך מזרח־אייראָפּעאישע יידן הגם מיט אַ היפּשער מאָס אונטערשטיצונג מצד דייטשע יידן — האָט אַריינגעשריבן אַ פּונקט אין זיין קאָנסטיטוציע, וואָס האָט צווישן זיינע אויפגאַבן איינגעשלאָסן דאָס געבן הילף און ראָט צו אימיגראַנטן פון יידישן גלויבן וואָס קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון לענדער, וואו זיי האָבן געליטן פון אונטערדריקנדיקע געזעצן מצד אַ פיינטלעכער באַפעלקערונג, צו באַזעצן זיך אויף לאַנד. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט טאַקע זייער אַסך צוגעטראָגן צו דער גרינדונג פון עטלעכע יידישע קאָלאָניעס אין קאָלאָראַדאָ און ניו דזשוירזי. אין דער זעלביקער צייט זיינען אַהער געקומען עטלעכע גרופּעס פון דעם עם עולם, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין רוסלאַנד מיט דעם צוועק צו שאַפן יידישע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזעלכע האָבן די עם עולמניקעס דאָ געשאַפן אין לואיזיאַנאַ, אָרעגאָן און די דאַקאָטאַס. קיין אריכת ימים האָבן זיי קיינע ניט געהאַט.

דער וויכטיקסטער און דערפאָלגרייכסטער פּרוּוו איז געווען די גרינדונג פון דעם באַראָן הירש פאָנד, וואָס איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין פעברואַר, 1891 מיט אַ קאַפּיטל פון 2,400,000 דאָלאַר. באַזעצן יידן אויף ערד איז געווען זיין הויפּט־, אָבער בשום אופן ניט איינציקער, ציל. די פּראָגראַם פון דעם פאָנד האָט איינגעשלאָסן אַנדערע פאָרמען פון יידישער פּראָדוקטיוויזאַציע וואָס האָבן געהאַט אין זיך די טענדענץ צו פאַרשפּרייטן יידן איבער אַ ברייטן געאָגראַפישן און עקאָנאָמישן שטח. אין 1900 האָט דער פאָנד, צוזאַמען מיט „ייקאַ", געגרינדעט „די יידישע אַגריקולטור און אינדוסטריעלע הילף געזעלשאַפט", וואָס הגם זי האָט איבערגענומען די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון דעם באַראָן הירש פאָנד, איז זי פונדעסטוועגן, ווי מען זעט פון איר נאָמען, ניט געווען

קיין אויסשליסלעכע אַגריקולטור־אינסטיטוציע. די פּראָגראַם פון דער געזעל־שאַפט, ווי זי איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן, שליסט איין די ווייטערדיקע פּונקטן:

1. די דערמוטיקונג און דירעקציע פון אַגריקולטור צווישן יידן, איינוואוינער פון די פאַראייניקטע שטאַטן — דער עיקר אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, רומעניע און גאַליציע, — דאָס אַריבערפירן אַזעלכע מענטשן פון די געדיכטע טיילן פון שטעט צו אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע דיסטריקטן, און די צייטווייליקע באַזאָר־גונג פון זייער אויפהאַלט.

2. דאָס געבן הלוואות צו מעכאַניקערס, האַנטווערקערס און הענדלערס — צו מאַכן עס מעגלעך פאַר זיי צו איינשאַפן זיך גרעסערע פאַרדינסטן און צו אַקו־מולירן שפּאָרונגען כדי צו קויפן היימען אין אויסערשטאַטישע, אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע געגנטן.

3. דאָס אַריבערציען אינדוסטריעס, וואָס ווערן איצט געפירט אין טענעמענטס אָדער שעפּער אין געדיכטע טיילן פון די שטעט, דורך העלפן פאַבריקאַנטן און קאָנטראַקטאָרס צו טראַנספּערירן זייערע שעפּער און געשעפטן צו אַגריקולטור־רעלע דיסטריקטן, וואו זייערע באַשעפטיקטע וועלן קאָנען פאַרזעצן זייער אַרבעט און זיך איינשאַפן אינדיווידועלע היימען.

4. די דערמוטיקונג פון קאָאָפּעראַטיווע מילכערייען און שעפּער און ווערהייז־זער צו קאָנסערווירן, צו פּרעזערווירן פּרוכט און גרינס און צו מאַכן ווייַן [2].

כדי בעסער צו אָרגאַניזירן איר אַרבעט, האָט די געזעלשאַפט אין 1901 פון זיך אויסגעטיילט דעם „אינדוסטריאַל רעמואוואַל אָפיס,” וואָס האָט איבער־גענומען אירע ניט־אַגריקולטורעלע פונקציעס. דער „רעמואוואַל אָפיס” האָט גע־געבן אַלע מעגלעכע הילף צו יידן וואָס האָבן געוואָלט זיך באַזעצן אין ווייניקער־באַפעלקערטע טיילן פון לאַנד. ער האָט אָנגעהייבן אַ באַוועגונג צו אַריינפירן יידישע אימיגראַנטן ניט דורך די מזרחדיקע האַפן־שטעט, נאָר דורך גאַלוועסטאָן — מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן שוין פאַרבלייבן אין טעקסאַס און דערבייאיקע שטאַטן און זיך ניט ציען קיין ניו יאָרק.

פון דעם אַלעמען איז צו זען, אַז עס האָבן ניט געפעלט קיין פאַרזוכן צו אַריינטראָגן אָרגאַניזירטקייט אין דער פאַרוואָרצלונג פון יידישע אימיגראַנטן אין דעם אַמעריקאַנער באָדן. כדי נאָך אַמאָל צו באַשטעטיקן, אַז אין די דאָזיקע פאַרזוכן זיינען, פון איין זייט, געקומען צום אויסדרוק די אויפריכטיקע כוונות פון די רייכע דייטשע יידן באַהילפיק צו זיין זייערע אָרעמע „גלויבנסגענאָסן” און, פון דער אַנדערער זייט, די שרעק פון די ערשטע, אַז די לעצטע וועלן שאַפן קאָמפּליקאַציעס פאַר אַלע יידן אין לאַנד, וויל איך דאָ ברענגען נאָך צוויי כאַראַק־טעריסטישע אויסצוגן פון דער ליטעראַטור פון סוף 19 יאָרהונדערט. „די דזשואיש מעסענדזשער” פון ניו יאָרק, וואָס האָט אויסגעדריקט די אידעאָלאָגיע

פון די רייכע דייטשע יידן, אָדער „יהודים״, ווי מען האָט זיי גערופן, האָט אין 1881 געשריבן, אַז אויב מען וועט די מזרח־אייראָפּעאישע יידן דערלויבן צו בלייבן אין דעם ניו יאָרקער געטאָ, „וואו זיי האָבן די מעגלעכקייט צו קאָפּירן איינער דעם אַנדערנס חסרונות, וועלן זיי קיין מאָל ניט ווערן קיין פיינע, אינ־טעליגענטע יידן, נאָר פאַרבלייבן אַ רעליגיעזער און סאָציאַלער פּראָלעטאַ־ריאַט״[3]).

וואָסערע צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט דער פּאַרוואַלטער פון דעם „רע־מוּוואַל אָפיס״ איבערגעחזרט מיט הנאה די ווערטער פון דעם אימיגראַציע־קאָמיסאַר סאַרדזשענט: „די קאָלאָניעס פון די אימיגראַנטן אין אונדזערע גרויסע שטעט זיינען אַ סכנה פאַר דעם פיזישן, מאָראַלישן און פּאָליטישן וואויל־זיין פון אונדזער לאַנד. די דאָזיקע קאָלאָניעס זיינען פּראָפּאַגאַנדע־נעסטן פאַר יענע שעדלעכע אידייען וועגן פּאָליטישער און פּערזענלעכער פרייהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין אומגעהאָרכזאַמקייט צו דער רעגירונג״[4]). די רעד וועגן אַ „סאָציאַלן פּראָלעטאַריאַט״ און „אומגעהאָרכזאַמקייט צו דער רעגירונג״ זיי־נען ניט געווען קיין צופעליקע: אין זיי איז געקומען צום אויסדרוק די קלאַסן־דיפערענצירונג אויף דער יידישער גאַס.

די גוואַלטיקע אָנשטרענגונגען און ריזיקע סומעס וואָס זיינען אויסגעגעבן געוואָרן צו דעקאָנצענטרירן די יידישע איינוואַנדערונג און די עקאָנאָמישע איינאָרדנונג פון די אימיגראַנטן איז געווען — ווי גיסן וואַסער אין אַ זיפּ. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פון 1901 ביז 1917 זיינען אַריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן קאַרגע אָנדערטהאַלבן מיליאָן יידן, וואָס פון זיי איז וואָ־סערע צוויי־דריטל געבליבן אין ניו יאָרק, האָט זיך אין משך פון אָט די יאָרן איינגעגעבן דעם „רעמוּוואַל אָפיס״ אַריבערצופירן אין די קלענערע שטעט ניט מער ווי 79 טויזנט יידן[5]). קיין וואונדער ניט, וואָס דער אָפיס האָט זיך פאַרמאַכט צו דער צייט, ווען דאָס לאַנד איז אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער מלחמה. די מיינונג ווערט אָפט אויסגעדריקט, אַז עס וואָלט אין אַמעריקע גע־ווען אַ סך ווייניקער אַנטיסעמיטיזם, ווען יידן וואָלטן געווען מער אויסגעשפּרייט איבערן לאַנד, וואָלטן געווען ניט אַזוי געדיכט באַשעפטיקט אין אַ באַגרעניצטער צאָל עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און וואָלטן מער געווען פאַרטראָטן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט. דאָס איז קיין מאָל ניט באַוויזן געוואָרן און לויט מיין מיינונג קאָן עס ניט באַוויזן ווערן. אָבער ניט דאָס איז וואָס גייט אונדז אָן אין אָט דער אַרבעט. וויכטיק איז, אַז יידן האָבן זיך דאָ איינגעאָרדנט אין הסכם מיט די עקאָנאָמישע פּראָצעסן פון לאַנד און מיט זייער אייגענער דערפאַרונג און טרע־נירונג. אפילו מלוכות האָבן ניט געהאַט קיין הצלחה, ווען זיי האָבן געפּרואווט אומדרייען עקאָנאָמישע פּראָצעסן פון גראַוויטאַציע צו דער שטאָט צו גראַוויטאַ־

ציע צו דער אַגריקולטור, און אודאי האָט מען ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז דאָס וועט געלינגען אימפּראָוויזירטע יידישע חברות מיט באַשרענקטע מיטלען. וואָס מען זאָל ניט טראַכטן וועגן די קאָנסעקווענצן פון דער יידישער איינאָרדנונג פון דעם שטאַנדפּונקט פון באַציאונג מצד דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט פון צעמענטירן יידישע עטנישע גרופּעשקייט אין לאַנד — זיינען די פאָרמען, וואָס די דאָזיקע איינאָרדנונג האָט אָנגענומען, געווען אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר. אָן די דאָזיקע פאָרמען איז אַ גרויסע פראַגע, צי יידן וואָלטן אַסך לענגער ווי די אַנדערע געקאָנט איינהאַלטן זייער עטנישע אידענטיטעט. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק, ווען מיר באַטראַכטן די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע.

## 20.

די אימיגראַנטן פון די ערשטע צוויי כוואַליעס זיינען געקומען מיט צוויי קולטורן, די אימיגראַנטן פון דער דריטער כוואַליע זיינען געקומען מיט איין קולטור. אויב מען וויל זיין זייער גענוי, קאָן מען זאָגן, אַז זיי זיינען געקומען מיט צוויי טיילן פון איין קולטור: איינע האָט איינגעשלאָסן אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט העברעאיש, די צווייטע — אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידיש. דאָס איז איין קולטור דערפאַר, וויילביידע טיילן זיינען אויסשליסלעך יידישע — שאַפונגען פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן געניוס. אויב די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע און דייטשע יידן האָבן געהאַט מיטגעבראַכט אַן אויסערלעכע קולטור וואָס זיי האָבן גיך געקאָנט אויסבייטן אויף דער אַמעריקאַנער קולטור און דערביי ניט ענדגילטיק צעטרייסלען זייער אינערלעכע קולטור, — האָבן די מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַנטן, מחמת זייער אומגעהייערער קאָמפּאַקטקייט, די ערשטע צייטן געפונען, אַז זיי קאָנען זיך באַגיין מיט זייער אייגענער קולטור. אָנשטאָט אַ שטער, איז די יידישע שפּראַך גאָר פאַר זיי געווען אַ וויכטיקער מיטל פון עקאָנאָמישער פאַרוואָרצלונג. בעת אַנדערע גרופּעס האָבן זיך פּראָדוקטיוויזירט אין דער זעלביקער מאָס ווי זיי האָבן זיך אַנגליציזירט, האָבן יידן זיך פּראָדוקטיוויזירט אין און דורך יידיש; און יידישע פּראָדוקטיוויזאַציע האָט, סוף 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט באַטייט, ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אונטערשטראָכן, — פּראָלעטאַריזאַציע.

אַזאַ אופן פון פּראָדוקטיוויזאַציע מצד אַן עטנישער גרופּע איז איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. מעגלעך איז דאָס געוואָרן בלויז אַ דאַנק דעם געטאָ. באָראָכאָוו האָט דעפינירט אַ נאַציע, ווי

אַ גרופּע, וואָס חוץ אַ געמיינזאַמער געשיכטע און קולטור, האָט זי אויך אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק אָפּגעגרעניצטע ווירטשאַפט. פֿון אָט דעם שטאַנדפּונקט קאָן מען וועגן דער יידישער באַפעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ביז אומגעפֿער דער ערשטער וועלט־מלחמה רעדן ווי וועגן אַ נאַציאָנאַליטעט. יידישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט פֿאַר יידישע באַלעבאַטים און די קלאַסן־קאַמפֿן צווישן זיי זיינען געפֿירט געוואָרן אין אַ יידיש־עטנישער סביבה אין די ראַמען פֿון דעם געטאָ. אין שטעט ווי ניו יאָרק, שיקאַגע, פֿילאַדעלפֿיע, באַלטימאָר א. אַ. וו. זיינען אַרבעט־געבער און אַרבעטס־נעמער אין די נאָדל־אינדוסטריעס געקומען ניט נאָר פֿון די זעלביקע לענדער, נאָר גאַנץ אָפֿט אויך פֿון די זעלביקע שטעט. אין די שעפּער האָט ניט זעלטן געהערשט אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט גייסט, און אַלע האָבן זיך דאָרט צונויפֿגערעדט אויף מאַמע־לשון. די יידישע ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ אָט דעם שטעטלדיקן כאַראַקטער פֿון דעם יידישן פּראָדוקציע־אופֿן. דעם זעלביקן כאַראַקטער מערקט מען אויך, ווען מען עקזאַמינירט די פֿאָדערונגען, וואָס נאָדל אַרבעטער האָבן אין יענע צייטן אַרויסגעשטעלט צו זייערע באַלעבאַטים. אַזוי געפֿינען מיר, אַז אַרבעטער האָבן פֿאַרלאַנגט מען זאָל זיי דערלויבן צייט צו דאַוונען מנחה אָדער מעריב אין שאַפּ. אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געפֿאָדערט, מען זאָל וואַרפֿן די אַרבעט פֿריער פֿרייטיק נאָכמיטאָג כדי זיי זאָלן ניט דאַרפֿן מחלל שבת זיין. היות ווי אַסך שעפּער האָבן זיך געפֿונען אין די היימען פֿון די באַלעבאַטים און היות ווי די דאָזיקע באַלעבאַטים פֿלעגן זיך פֿירן אויף זייער אַלט־שטעטלדיקן שטייגער און אויסנוצן זייערע אַרבעטער אויך פֿאַר פֿאַמיליע־הצטרכותן, פֿלעגן אַרבעטער אָפֿט אַרויסשטעלן די פֿאָדערונג, אַז די באַלעבאַטים זאָלן די דאָזיקע מנהגים ניט פּראַקטיצירן. אַב. קאַהאַן דערציילט, אַז בעת ער האָט אַמאָל געהאַלטן אין שליכטן אַ סטרייק אין אַ שניידער־שאַפּ, האָט אַן אַרבעטערין פֿאַרלאַנגט אַריינצושרייבן אַ פּונקט אין דעם אָפּמאַך, אַז די באַלעבאָסטע טאָר זיך ניט שלאָגן.

יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו ווערן באַלעבאַטימלעך אָדער קאָנטראַקטאָרס, פֿלעגן באַגעגענען ניי־געקומענע ביי די שיפֿן און זיי צורעדן צו גיין אַרבעטן ביי זיי. דער ניט־יידישער אימיגראַנט איז אַוועק אַרבעטן אין אַ פּלאַץ, וואָס איז געווען ווייט פֿון זיין עטנישער סביבה. דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַן עטנישן קאָנגלאָמעראַט און אַ בבל פֿון שפּראַכן. דעם באַלעבאָס פֿון דער אייזנבאַן, קוילן־גרוב, וואַסער־לייטונג, שאָסיי אָדער פֿאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט ער קיין מאָל ניט געזען און מיט דעם פֿאָרמאַן האָט ער זיך געקאָנט צונויפֿרעדן נאָר אויף ענגליש. דערצו האָט מען אים דאָרט געהאַלטן אין איין דערמאָנען זיין אָפּגעשטאַנענקייט, פֿרעמדקייט און אָפּגעלאָזנקייט. מען האָט געהאַלטן אין איין חוזק מאַכן פֿון זיין עטנישער גרופּע.

דערקעגן איז דער ייִדישער אימיגראַנט גלייך אַריינגעטראָטן אין אַ מיליי, וואָס איז געווען אַסך ענלעכער צו דער סביבה אין זיין געבוירן־לאַנד ווי צו דער הערשנדיקער סביבה אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט געקאָנט אין ניו יאָרק אָפּלעבן יאָרן און ניט קומען אין באַריר מיט דער ניט־ייִדישער וועלט און ניט האַרפן זיך באַנוצן מיט דער ענגלישער שפּראַך. ער איז געקומען אין שרעקלעכער אָרעמקייט: טאָמער האָט ער עפּעס מיטגענומען פון דער אַלטער היים, איז דאָס ביי אים אַוועקגעגאַנגען אין וועג, — אַ וועג, וואָס האָט זיך געצויגן איבער פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע און וואָס עס האָט גענומען וואָכן — אַמאָל חדשים — אים דורכצומאַכן. עס וועט זיין כדאַי צו ברענגען דאָ עטלעכע באַשרייבונגען, צו זען וואָס דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַנט האָט דאָ געפונען, ווען ער איז געקומען, און ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען זיין אַרבעטס־פּלאַץ.

ב. וויינשטיין, וועלכער איז געקומען אַהער אין 1882 און איז שפּעטער געוואָרן אַ וויכטיקער טרייד יוניאָן טוער, דערציילט וועגן די אימיגראַנטן פון דעם אַלטן רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע:

קיין פריינט און קיין קרובים האָבן זיי ניט געהאַט. פלעגן די מערסטע פון זיי אָנקומנדיק אין ניו יאָרק, זיין געצוואונגען צו זיצן אין „קעסטל־גאַרדן“, ביים ברעג ים. דאָרטן איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער הויף און די דייטשע יהודים פון קאָמיטעט האָבן געפּועלט ביים קאָמישאָנער פון אימיגראַציע, אַז מען זאָל לאָזן די „גרינע“ ייִדן שלאָפן אויפן הויף פון קעסטל־גאַרדן, אָדער אויף די „באַרדזשעס,“ וואָס זיינען געשטאַנען דאָרט ביים ברעג ים [1]).

איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די היימישע שניידערס אָדער די ייִדן, וואָס האָבן דאָ באַקומען אַ מעגלעכקייט צו ווערן שניידערס, האָבן זיך ניט געלאָזט בעטן און געגאַנגען אַרבעטן צו די באַלעבאַטים אָדער קאָנטראַקטאָרס וואָס האָבן זיי באַגעגנט ביי די שיפן. חוץ די דאָזיקע באַגעגענישן, פלעגן באַלעבאַטים און אַרבעטער זיך אויך טרעפן אויף די בערזשעס, אין די לאַנדסמאַנשאַפטן, שולן און סאָסייעטיס. סוף 19טן יאָרהונדערט האָבן זיך צווישן די באַלעבאַטים געפונען דייטשע ייִדן, עס האָט לאַנג ניט גענומען און די גאַנצע אינדוסטריע איז אַריינגעפאַלן, חוץ זעלטענע אויסנאַמען, אין די הענט פון מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַנטן. אָט ווי אַזוי דער זעלביקער וויינשטיין באַשרייבט אַן אַמאָליקן שניידער־שאָפּ:

דער באַלעבאָס פון שאָפּ האָט דאָרט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. דער פאָדערשטער צימער און קיך פלעגן באַנוצט ווערן אַלס אַרבעטס־צימערן. שלאָפן פלעגט די גאַנצע פאַמיליע אין איין פינצטערע בעד־רום. אין פאָדערשטן צימער ביי די פענצטער פלעגן שטיין די ניי־מאַשינען פאַר די אָפּע־

רייטאָרס. ביי די זייטן פלעגן אויף שטולן זיצן די בייסטערס און אין מיטן שטוב, אויפן פּאָדלאָגע, פלעגן זיין אָנגעוואָרפן גרויסע פּעק מיט סחורה אויס־געמישט מיט מיסט און שטויב. דאָ, אויף די ווייכע פּעק, פלעגן זיצן אויסגע־זעצט די עטלעכע פינישערינס... אַלטע לייט... פלעגן שטיין און וואַרעמען די פּרעס־אייזנס און ביים שיין פון גער־ליכט פלעגן זיי פּרעסן אויף אַ ספּע־ציעלער ברעט די פּאַרטיקע מאַנטלען, די רעק, די הויזן און אַנדערע קליידער [2].

מאַקס פּיין, איינער פון די וויכטיקסטע יוניאָן־בויערס אין אַמעריקע, מאָלט ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ שניידער:

איך האָב באַטראַכט די אומגעבונג. די צימערלעך, פון וועלכע „די פאַבריקע" איז באַשטאַנען, האָבן געדינט אי פאַר אַ שאָפּ, אי פאַר אַ וואוינונג. ביים אַריינ־גאַנג איז געווען אַ מין קיך, אויף אַ טשוגון־אויוון זיינען געווען אויסגעשטעלט און האָבן געגליט אַ טוצן פּרעס־אייזנס. אַ הויכער, דאַרער ייִד מיט אַ שוואַרץ בערדל האָט געפּרעסט הויזקעס, צאַפּלענדיק זיך און אונטערשפּרינגענדיק.

אין דעם צווייטן צימער, דעם גרעסטן, זיינען געשטאַנען אַרום 9־10 מאַשינעס. זיי זיינען געווען אַזוי צוגערוקט איינע צו דער אַנדערע, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי די אָפּערייטאָרס וואָלטן געווען אַריינגעקוועטשט אין זייערע ערטער.

דער קאָנטראַקטאָר איז צוגעקומען צו מיר, האָט מיך שטייענדיק באַטראַכט, אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע גראָבע ליפּן פון אונטער די געדיכטע, געלע דראַטענע וואָנצעס.

— אַ געזונטער חברה־מאַן — האָט ער געזאָגט — רויטע בעקעלעך, אַ גוטער קייער, וועסט זיין אַלרייט אין אַמעריקע!

שטייענדיק האָבן מיר אָפּגעמאַכט דעם „באַרגיין". איך דאַרף אים געבן 25 דאָלאַר און דריי וואָכן דאַרף איך אַרבעטן אומזיסט. ווען איך וועל אַרויס פון דער לערע גיי איך אַריין אין מיין אייגענעם רשות [3].

דער דערמאָנטער ב. וויינשטיין, ווען ער איז שוין געווען דער סעקרעטאַר פון די פּאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפטן, האָט, צוזאַמען מיט אַ געזעלשאַפט־לעך־געשטימטן קריסטלעכן גייסטלעכן, אַ דר. פּאַרקהורסט, געמאַכט אַן אינ־ספּעקציע אין די שעפּער, וואו ייִדן זיינען געווען באַשעפטיקט סוף 19טן יאָרהונ־דערט. זיי זיינען געקומען אין אַ שאָפּ וואו מען האָט סאָרטירט אַלטע שמאַטעס. דער עיפּוש און די שמוציקייט, די פינצטערניש און די אָפּגעלאָזנקייט זיינען געווען אומדערטרעגלעך. עס האָבן דאָרט געאַרבעט אי זקנים אי יונגע קינדער.

איך האָב זיך גענומען פאַנאַנדערפרעגן ביי די אַרבעטער, ווי קומט עס, וואָס אַזוי פיל ייִדישע אַרבעטער אַרבעטן ביי שמאַטעס? האָט מען מיר געענטפערט: פאַ־ראַנען געוויס עלטערע ייִדן, וואָס דאַרפן אַ לעבן מאַכן, אין אַנדערע טריידס נעמט מען זיי ניט צו, אַרבעט מען ביי שמאַטעס. און ביי שמאַטעס זיינען אי די באָסעס,

> אי די אַרבעטער פרומע ייִדן. מען אַרבעט זונטיק אָנשטאָט שבת, דערפאַר ווילן אַסך פרומע עלטערן, אַז זייערע טעכטער זאָלן בעסער אַרבעטן ביי אַזעלכע באַלעבאַטים אַבי ניט דאַרפן מחלל שבת זיין.
>
> אין אַן אַנדער חורבה האָבן מיר געטראָפן צווישן די שוויץ־שעפּער אַ שול. ביי־טאָג האָט מען דאָרט געאַרבעט און פרייטיק צו נאַכט און שבת פלעגן ייִדן דאָרטן דאַוונען [4]).

די נאָדל־פאַכן זיינען ניט געווען דער אויסשליסלעכער יסוד — און זיינען היינט ניט דער אויסשליסלעכער יסוד — פון דער ייִדישער פּראָלעטאַריזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין גאַנץ היפּשע צאָלן זיינען ייִדישע אַרבעטער אויך געווען באַשעפטיקט אין די אינדוסטריעס פון טאַבאַק, בוי, מעטאַל, זייגערמאַכעריי, צירונג, טראַנספּאָרט א. אַ. וו. די צאָל ייִדישע „שוואַרצע" אַרבעטער איז אויך ניט געווען קיין קליינע אַמאָליקע צייטן. אָבער דאָס זיינען אַלץ צווייגן פון דעם פּראָלעטאַריזאַציע־בוים; דער בוים גופא איז געווען — און פאַרבליבן — די באַקלייד־אינדוסטריע. אָט די אינדוסטריע מוזן מיר שטודירן אויב מיר ווילן וויסן, ווי אַזוי די ייִדישע קולטור האָט געהאָלפן ייִדן עקאָנאָמיש זיך צו פאַרוואָרצלען אין אַמעריקע.

.21

הגם די אַנדערע „נייע" אימיגראַנטן האָבן אין זייער גרויסער מערהייט אפשר ניט געאַרבעט אין שוויץ־שעפּער, זיינען וואַרשיינלעך זייערע פאַרדינסטן און אַרבעטס־באַדינגונגען ניט געווען בעסער, ווי די פון די ייִדישע נאָדל־אַרבעטער. ניט אויף אָט דער פלאַך איז דעריבער געלעגן דער אונטערשייד צווישן ייִדן און ניט־ייִדן אין דעם פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע. ער איז געלעגן, ווי שוין אָנגעטייט אויבן, דער עיקר אין דעם, וואָס קאַפּיטאַל און אַרבעט האָבן זיך געפונען אין באַזונדערע עטנישע ספערעס ביי ניט־ייִדן, בעת ביי ייִדן האָבן זיי געהערט צו איין ספערע. ניט־ייִדישע אַרבעטער האָבן מיט זייערע באַלעבאַטים ניט געהאַט קיין שום סאָציאַלע אָדער קולטורעלע באַריר־פונקטן, בעת ייִדישע אַרבעטער און באַלעבאַטים האָבן געוואָרצלט אין איין עטנישער סביבה און געצויגן זייער יניקה פון דעם זעלביקן קולטור־קוואַל. ווי מיר האָבן געזען אין דער צווייטער טייל, האָבן אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואָס האָבן געהאַלטן באַשעפטיקט אימיגראַנטישע אַרבעטער אָפט געדאַרפט עפענען קורסן צו לערנען די דאָזיקע אַרבעטער ענגליש כדי אויסצומיידן אומגליקס־פאַלן אין די פאַבריקן אָדער אונטערנעמונגען. פאַר ייִדישע באַלעבאַטים איז אַזאַ פּראָבלעם לחלוטין ניט געשטאַנען. די אַרבעטער האָבן זיך בכלל ניט געניטיקט אין ענג־

ליש, און וואָס איז שייך די באַלעבאַטים — האָבן בלויז יענע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פֿאַרקויפֿן — און דאָס איז געווען אַ גאָר קליינער פּראָצענט, — זיך אין דעם געניייטיקט. די מערסטע אַרבעטס־געבער האָבן אין די שניידער־שעפּער ניט פּראָדוצירט פֿאַר דעם לעצטן קאָנסומענט; זיי זיינען געווען — און דאָס איז אויך היינט דער פֿאַל אין ניו יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעט — קאָנטראַקטאָרס וואָס פּראָדוצירן פֿאַר אַנדערע, ממילא האָבן זיי מיט דעם געברויכער ניט געהאַט קיין דירעקטן קאָנטאַקט. זייער עקאָנאָמישע אָנגעוויזנקייט אויף ענגליש איז געווען זייער אַ קליינע.

ביי אָט דער לאַגע האָבן זיך יידישע אַרבעטער געקאָנט אָרגאַניזירן נאָר אין יידישע יוניאָנס. אַנדערע פּרעמד־שפּראַכיקע אַרבעטער האָבן געהאַט, ווי מיר האָבן געזען, זייערע אייגענע לאָקאַלן; די דייטשן האָבן אפילו געהאַט זייער אייגענע טרייד־יוניאָן צענטראַלע — פֿון דעם טאָקע שטאַמט דער נאָמען געווערקשאַפֿטן, וואָס יידישע אַרבעטער האָבן שפּעטער איבערגענומען; אָבער בלויז אין שייכות מיט די יידישע נאָדל־אַרבעטער האָט מען געקאָנט רעדן וועגן גאַנצע יידישע יוניאָנס. וואָרים ניט נאָר אין יידישע הענט, נאָר אין ייִדיש־רעדנדיקע הענט איז אַמאָל איינגעשטאַנען די טייל פֿון דער אינדוסטריע וואָס איז געווען אָרגאַניזירט. די גרינדערס פֿון די יידישע יוניאָנס האָבן דוקא, ווען מיר באַלד זען, געהאַט אַ קנאַפּן אידעאָלאָגישן אינטערעס אין דער יידישער קולטור; עס האָט זיי אָבער לאַנג ניט גענומען זיך צו איבערצייגן, אַז אויב זיי ווילן אָרגאַניזירן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש די יידישע אַרבעטער — מוזן זיי רופֿן צו הילף די יידישע שפּראַך.

די דאָזיקע גרינדערס זיינען, חוץ זעלטענע אויסנאַמען, געווען אימיגראַנטן פֿון דעם אַלטן רוסלאַנד. מערסטנטיילס זיינען זיי געקומען פֿון מיטלקלאַס היימען און זיינען ערשט דאָ געוואָרן אַרבעטער. זייער סאָציאַלן פּאַטאָס האָבן זיי ניט געצויגן פֿון דער אייגענער סביבה — אין דעם אַלטן וואוין־לאַנד איז נאָך קיין יידישע אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען און פֿון דעם היגן יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט מען אין די אַכציקער און ניינציקער פֿון דעם פֿאַריקן יאָרהונדערט קיין באַגייסטערונג ניט געקאָנט שעפּן. די פּיאָנערן פֿון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך דעריבער כמעט אַלע געפֿונען אונטער דער השפּעה פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און פֿון דעם מערבֿ־אייראָפּעאישן סאָציאַליזם, דער עיקר — דעם דייטשישן. זייער כוונה איז געווען ניט צו שאַפֿן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר צו צוציען די יידישע אַרבעטער צו די אַמעריקאַנער יוניאָנס און צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ניט צופֿעליק האָט זיך די יידישע סאָציאַליסטישע טעטיקייט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָנגעהייבן אין ניו יאָרק מיט דער גרינדונג, אין 1887, פֿון

דעם 8טן צווייג פון דער סאציאליסטישער פארטיי און פון דעם „רוסישן פראגרעסיוון פאראיין" מיט א יאר פריער.

ווען עס איז געווארן רייף דער מאמענט צו ארגאניזירן די געקומענע און דא־געווארענע יידישע ארבעטער, זיינען די יידן־סאציאליסטן געווען די איינציקע וואס האבן געקאנט נעמען אויף זיך אט די היסטארישע אויפגאבע. עס איז געווען זייער גרויסער אויפטו, וואס זיי האבן פון די פארווארלאזטע יידישע אימיגראנטן אויסגעקנעט א מעכטיקן סאציאלן כח, וואס האט ניט נאר געענדערט דעם גאנג פון דער יידישער געשיכטע אין אמעריקע, נאר אפגעדריקט זיין שטעמפל אויף דער גאנצער ארבעטער־אנטוויקלונג אין לאנד. מיט דעם דערקלערט זיך די מערקווירדיקע דערשיינונג, וואס דערשלאגענע ארבעטער, וואס האבן געפראצעוועט אין די פריער־געשילדערטע קלעגלעכע באדינגונגען, וואס האבן ניט געהאט קיין שום טראדיציע פון א זעלבסטשטענדיקער ארבעטער־באוועגונג, וואס זיינען געווען הימל־ווייט פון א פראלעטארישער פסיכאלאגיע און וואס זיינען אין גרויסע צאלן — אפשר אין זייער רוב — געווען ארטאדאקסיש־רעליגיעז געשטימט, האבן זייערע ערשטע יוניאנס געגרינדעט ווי סאציאליסטישע ארגאניזאציעס. די סאציאליסטישע אידעאלאגיע פון די פירערס האט געקראגן א ווארעמען אפקלאנג אין דעם געפיל פון סאציאלן יושר וואס לעבט אין דעם הארצן פון דעם דורכשניטלעכן יידן — א געפיל, וואס נעמט זיך פון א פאראייניקונג פון דער טראדיציע פון די נביאים מיט אן אומגערעכטער באהאנדלונג מצד דער ניט־יידישער וועלט. „דער ייד" — זאגט מילטאן שטיינבערג — „איז ראדיקאל דערפאר, ווייל זעענדיק אז די גוייש־דאמינירטע געזעלשאפט איז קעגן אים, מאכט ער יד אחת מיט די וואס אדער זיי ווילן די געזעלשאפט בייטן אדער זי פארניכטן" [1]).

די פיאנערן פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג זיינען ניט געווען קיין נאציאנאל־געשטימטע יידן. פארקערט — זיי האבן כמעט אלע געגוויגט צו אסימילאציע, וואס האט ביי זיי באקומען די קאסמאפאליטישע באקליידונג פון אוניווערסאלער ברודערשאפט. זיי זיינען אקארשט ארויס פון חדר אדער ישיבה, און זייער ערשטער רעוואלוציאנערער אקט איז געווען — א ריס מיט דעם ארטאדאקסישן גלויבן, וואס האט ביטער געקעמפט קעגן יעדער פארם פון סעקולאריזאציע אינעם יידישן לעבן. די פיאנערן זיינען דעריבער ניט געווען יידיש־רעליגיעז און צווישן זיי האט זיך געפונען א היפשע צאל מיליטאנטע אטעאיסטן. זיי זיינען געגאנגען ווייטער ווי די דייטשע יידן, וואס האבן יידן געזען ווי א רעליגיעזע גרופע און זי געוואלט פארזעצן ווי אזעלכע. די ערשטע יידישע סאציאליסטן האבן יידישע קאלעקטיווע עקזיסטענץ געזען ווי א פלאנץ וואס קאן געדייען נאר אין באדינגונגען פון אונטערדריקונג און רדיפות און מוז פאר־

וויאַנען אונטער דער ווירקונג פון דעמאָקראַטישע שטראַלן. זיי האָבן דעריבער געזוכט ניט סעגרעגאַציע אין שייכות מיט די ניט־יידישע אַרבעטער אין לאַנד, נאָר די ענגסטע אינטעגראַציע. אָבער דוקא מיט דעם, וואָס זיי האָבן אין די יוניאָנס גלייך פון אָנהייב אַריינגעבלאָזן אַ סאָציאַליסטישן גייסט, — האָבן זיי די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אָפּגעטיילט פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד. יענע איז, ווי מיר האָבן געזען אין דער ערשטער טייל, געווען ווייט פון אַ קלאַסן־צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און האָט ניט געזוכט קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דעם עקזיסטירנדיקן סאָציאַלן שטייגער. פאַר זייער מוסטער האָבן די יידישע יוניאָנס ניט גענומען די אַמעריקאַנער יוניאָנס, נאָר די אַרבעטער־באַוועגונג אין איראָפּע. הגם די יוניאָנס פון די יידישע אַרבעטער האָבן זיך דאָ פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט (א. פ. ל.), זיינען זיי אָבער ניט געגאַנגען מיט איר אין טראָט. דוקא די סאָציאַלע צילן פון מענטשלעכער איינהייט וואָס זיינען געלעגן אין דעם יסוד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן אָביעקטיוו — קעגן די סוביעקטיווע כוונות פון אירע גרינדערס און פירערס — געשטאַרקט אין איר די טענדענץ צו עטנישן סעפּעראַטיזם.

די דאָזיקע טענדענץ איז געשטאַרקט געוואָרן אויך פון דעם, וואָס די יונגע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס האָבן געשעפּט זייער אינספּיראַציע ניט פון דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, נאָר פון אייראָפּעאישע סאָציאַלע אידעאַלן און האָבן די אונטערשטיצונג פון דער רעוואָלוציע קעגן דעם רוסישן צאַריזם געמאַכט פאַר איינער פון זייערע צענטראַלע אויפגאַבעס; דאָס האָט פאַרטיפט דעם איינפלוס פון אידעאָלאָגיעס אויף דער יידישער אימיגראַציע — און, ווי מיר האָבן געזען, איז אידעאָלאָגישע באַוואוסטזיניקייט ביי אַלע עטנישע גרופּעס געווען אַ צעמענטירנדיקער פאַקטאָר. אויף די יידישע מאַסן האָט געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע געווירקט אויף אַ צווייענדיקן אופן. אין די געדאַנקען פון יענע יידן, וואָס האָבן נאָך אין זיך געטראָגן די באַוואוסטזיניקע זאָרג פאַר דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק, האָט עס די נאַציאָנאַלע אורזאַכן פאַר אייגענער אידענטיטעט פאַרשטאַרקט מיט סאָציאַלע צילן. ביי יענע יידן, ווידער, וואָס צוגעבונדקייט צו יידישער רעליגיע האָבן זיי שוין געהאַט פאַרלוירן און קיין יידיש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס האָבן זיי ניט געהאַט — האָבן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן אַרויסגערופן אַן אינטערעס פאַר אָרגאַניזירטער אָפּגעזונדערטקייט פון דעם אַרום, כדי אין אים זיך ניט צו פאַרלירן אידעאָלאָגיש.

אויף אַזאַ אופן זיינען יוניאָנס, וואָס ביי אַלעמען זיינען זיי, נאָך דער שול, געווען אפשר דער וויכטיקסטער אַסימילירנדיקער פאַקטאָר, ביי יידישע אַרבעטער געוואָרן דער וויכטיקסטער מיטל פון עטנישער קולטור־בויאונג אין דער

ייִדישער־שפּראַך. פּאַראַלעל מיט דעם אויפקום פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג — און אין אַ גאַר גרויסער מאָס, ווי אַ רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן אויפקום — האָט זיך דאָ אויך אַנטוויקלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע ייִדישע קולטור. עס האָט זיך געשאַפן אַ ייִדישע ליטעראַטור פון גאַר אַ גרויסן פאַרנעם — די וויכטיקסטע ניט־ענגלישע ליטעראַטור, וואָס איז ווען עס איז אויפגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ייִדיש טעאַטער, ייִדישע פּרעסע, ייִדישע וויסנשאַפט, ייִדישע מוזיק־אינסטיטוציעס, ייִדישע קינדער שולן און קורסן פאַר דערוואַקסענע — אַט דאָס אַלץ, און מער, איז צו דער גרעסטער טייל אַ רעזולטאַט פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַרום דער רעלאַטיוו ווירטשאַפטלעכער אָפּגעגרעניצטקייט האָט זיך געשאַפן אַ קולטורעלע ראָם, וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פון דעם געטאָ. ווען מען גיט צו דעם צו די אַלע פּראָטערנאַלע, הילף־, בילדונג־ און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פון איין זייט, און די ייִדישע סעקציעס און פעדעראַציעס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אַנדערע גרופּירונגען, פון דער אַנדערער זייט, — זעט מען ווי דער ייִדישער אַרבעטער האָט ניט געדאַרפט אַרויסגיין פון דער ייִדישער סביבה כדי צו באַפרידיקן וועלכע עס איז פון זיינע געזעלשאַפטלעכע באַדערפנישן. ער האָט געלעבט אין אַ מין סאָציאַלער אויטאַרקיע.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די ברייטע מאַסן פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט זיינען, ווי די מערסטע פירערס זייערע, געווען אומרעליגיעז אָדער נאַציאָנאַל־גלייכגילטיק בנוגע ייִדישער קאָלעקטיווער עקזיסטענץ. פאַרקערט — זיי האָבן אין גרויסע צאָלן אויסגעפילט די אָרטאָדאָקסישע שולן, וואָס האָבן זינט 1882 זיך דאָ אַנגעהייבן עפענען אין די צענדליקער און הונדערטער. זיי האָבן אויך צוגעשטעלט אַנהענגער פאַר דעם סעקולערן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אויפגעקומען אויף די כוואַליעס פון דער מאַסן־אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע, ד. ה. אַ נאַציאָנאַליזם וואָס האָט געזען ייִדן ניט נאָר ווי אַ רעליגיעזע געמיינדע, נאָר אויך ווי אַ פאָלק און האָט געזוכט ייִדישע קאָנטינואיטעט אויף אַ באַזע פון נאָרמאַלער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. אָבער דאָס האָבן די ייִדישע אַרבעטער געטאָן ווי יחידים — די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געשטעלט ניט נאַציאָנאַלע, נאָר סאָציאַלע צילן. די גאַנצע פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט, וואָס זי האָט געפירט, האָט ניט געוואָלט אין דראַנג צו דערווערבן פאַר זיך אַן אָנפירנדיקן אָרט אין דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן, נאָר האָט אַרויסגעשטראָמט פון אַ פאַרלאַנג צו פאַרפעסטיקן אירע קלאַסן־פּאָזיציעס אין דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע און קעגן אַנטי־אַרבעטער אידעאָלאָגיעס.

.22

ווי באַלד ייִדישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט פאַר ייִדישע באַלעבאַטים, איז דאָס געטאָ שוין אויך געוואָרן די אַרענע פאַר די קלאַסן־קאַמפן אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן. וועגן דעם עקאָנאָמישן אַספּעקט פון די דאָזיקע קאַמפן האָבן מיר גערעדט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. מחמת דעם סאָציאַליסטישן גייסט פון די ערשטע יוניאָנס, האָט דער פּאָליטישער אַספּעקט פון דעם קלאַסן־קאַמף געשפּילט אין דעם געטאָ נאָך אַ גרעסערע ראָלע ווי דער עקאָנאָמישער. און ניט בלויז דערפאַר, ווייל די באַלעבאַטים זיינען געווען רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן און די אַרבעטער — סאָציאַליסטן. מיר האָבן געזען, אַז אַ וויכטיקער מאָמענט איז דאָ אויך געווען דער קולטורעלער. די אַרבעטער האָבן נאָך אין די אַלטע היימען זיך געפּרואווט באַפרייען פון דער העגעמאָניע פון דעם אָרטאָדאָקסישער פירערשאַפט און דאָ האָבן זיי געפונען זייערע באַלעבאַטים אין שפּיץ פון די שולן און טעמפּלען; און די לעצטע האָבן זיך ניט צוריקגעהאַלטן צו נוצן רעליגיע ווי אַ מיטל צו קעמפן קעגן די אַרבעטער אויף דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט. אין דעם ערשטן באַנד פון דער „געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג“ שרייבט א. טשעריקאָווער:

> דער ייִדישער ארבעטער האָט געארבעט כמעט אויסשליסלעך ביים ייִדישן אונטערנעמער, פּונקט ווי דאָס איז געווען אין דער אלטער היים. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געמוזט שפּילן — און האָט געשפּילט — ניט קיין קליינע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון די סאָציאַלע קאָנפליקטן אויף דער ייִדישער גאַס. דערצו איז דער פאַבריקאַנט, בפרט די ערשטע יאָרן, געווען בעיקר אַן ארויפגעארבעטער ח ײ ט ש ע ר ייִד, און דער ארבעטער אַ פריש־געקומענער מזרח ייִד, דאס רוב אַ ר ו ס י ש ע ר. דער ייִדישער אַרבעטער איז אָבער ניט געשטאַנען דירעקט, פּנים־אל־פּנים קעגן דעם ייִדישן גרויס־פאַבריקאַנט מיט זיין „אינסייד שאַפּ“. אין מיטן פון אָט די צוויי סאָציאַלע קלאַסן האָט זיך געפונען דער „קאָנטראַקטאָר“ (טשעריקאָווערס שטריך) [1].

דאָ זעען מיר, ווי עס קומען זיך צונויף אָט די אַלע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, קולטורעלע און שטייגערישע שיקד־ליניעס, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אויבן, און צעטיילן דאָס געטאָ אין קעגנגעזעצטע שיכטן. וואָלט די ייִדישע אַרבעטער באַוועגונג דאָ געשטאַנען אויף דעם זעלביקן אידעאָלאָגישן יסוד ווי די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, וואָלט דער קאַמף צווישן די דאָזיקע שיכטן ניט געווען אַזאַ פאַרביטערטער. אָבער דער סאָציאַליסטישער גייסט פון די ייִדישע יוניאָנס האָט שנעל געמאַכט אַ סוף צו דעם אידילישן לאַנדסמאַנשאַפט־כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע אין די שניידער־שעפּער, נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַריבער אין מזרח־אייראָפּעאישע הענט. אין דער צייט, ווען די

אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבן זיך געפירט לויט דעם מאָטאָ פון דער א. פ. ל.: „אַ יושרדיקער לוין פאַר אַ יושרדיקן טאָג אַרבעט", — האָט די פּרינציפּן־דער־קלערונג פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין 1890 קאָנסטאַטירט, „אַז אַלע רייכטימער און מיטלען פון פּראָדוקציאָן ווערן באַשאַפן דורך אַרבעט און דערפאַר האָט דער אַרבעטער דאָס פולע רעכט צו געניסן די פריכטע פון זיין אַרבעט, וועלכע ער באַשאַפט". נאָך דעם, ווי די פּרינציפּן־דערקלערונג רעכנט אויס די אומגערעכטיקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, אונ־טערשטרייכט זי, „אַז אַזאַ מין סיסטעם איז אַן אומגערעכטע און מוז אומגעענ־דערט ווערן, און אַז אויף איר פּלאַץ מוז אויפגעבויט ווערן אַן אמת מענטשלעכע געזעלשאַפט, וואו יעדער זאָל באַקומען דעם ריכטיקן ווערט פון זיין אַרבעט". די מחברים פון דער פּרינציפּן־דערקלערונג זיינען איבערצייגט, אַז „עס קאָן קיין פרידן ניט זיין צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט אין די היינטיקע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמע" [2]).

אויב אַזאַ איז געווען דער איינשטעל פון די שוואַכע יידישע יוניאָנס אין דעם לעצטן צענדליק יאָר פון דעם 19טן יאָרהונדערט, — יוניאָנס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון נעכטיקע קליינבירגער, לופטמענטשן, האַנטווערקערס און אַר־בעטער אָן וואָסער עס איז דערפאַרונג פון אָרגאַניזירטקייט, — איז שוין ניט צו וואונדערן זיך איבער דעם נאָך אויסגעשפּראָכענערן סאָציאַליזם פון די יו־ניאָנס אין די ערשטע פאַר צענדליק יאָר פון דעם 20טן יאָרהונדערט. די דאָזיקע יוניאָנס האָבן שוין סיי אין זייער פירערשאַפט, סיי אין זייער מיטגלידערשאַפט געהאַט באַטייטיקע קאַדרען פון אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען אַהער מיט אַ סטאַזש פון יאָרן סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין די אַלטע היימען. וואָרום אין 1896 האָט זיך אין דעם אַלטן רוסלאַנד געגרינדעט דער „בונד", די ערשטע יידישע אַרבעטער פאַרטיי אין דער וועלט. עטלעכע יאָר שפּעטער זיינען געקומען די פּועלי ציון און טעריטאָריאַליסטישע פאַרטייען. ווי אַנטאַגאָניס־טיש די דאָזיקע פאַרטייען זיינען געווען איינע צו דער אַנדערער בנוגע צו צילן און פּראָגראַמען, האָבן זיי אָבער אַלע געהאַט איין זאַך וואָס האָט זיי פאַראייניקט — זיי זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטישע פאַרטייען און האָבן ניט געלאָזט, אַז זייערע אָנהענגער זאָלן אויסבייטן צייטווייליקע פאַרבעסערונגען פאַר זייערע היסטאָרישע סאָציאַלע צילן. דעריבער געפינען מיר, אַז די אינטערנעשאַנאַל פון די אַרבייטער ביי פרויען־קליידער האָט אין איר קאָנסטיטוציע אַריינגעשריבן אַ פּרעאַמבל וואָס האָט פאַר דער יוניאָן געשטעלט די אויפגאַבע „צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן סדר, וואָס אין אים וועלן אַרבעטער באַקומען דעם פולן ווערט פון זייער פּראָדוקציע". די דאָזיקע אויפגאַבע, זאָגט ווייטער דער פּרע־אַמבל, קאָן דערגרייכט ווערן נאָר מיט דער „הילף פון אַ פּאָליטישער פאַרטיי,

וואָס איר צוועק איז אָפּצעשאַפֿן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם". ביז 1924 האָט די אינטערנעשאַנאַל פֿאַרבאָטן אירע מיטגלידער צו קאַנדידירן פֿאַר פּאָליטישע אַמטן אויף וואַל־ליסטעס פֿון ניט־אַרבעטער אָדער ניט־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען [3].

די קאַפּנמאַכער יוניאָן האָט אין איר קאָנסטיטוציע דערקלערט, אַז „די קאָנצענטראַציע פֿון רייכטום און מאַכט אין די הענט פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס איז די סיבה פֿאַרוואָס דער אַרבעטער ווערט עקאָנאָמיש אונטערדריקט" [4]. די קאָנסטיטוציע פֿון דער פּוטערוואַרג יוניאָן רעדט פֿון דעם „קאַמף וואָס גייט אָן ביי אַלע פֿעלקער פֿון דער ציוויליזירטער וועלט צווישן די אונטערדריקערס און אונטערדריקטע... אַ קאַמף צווישן דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבעטער וואָס שטייגט אין שאַרפֿקייט פֿון יאָר צו יאָר" [5].

די אַמאַלגעמייטעד, די יוניאָן פֿון אַרבעטער ביי מענער־קליידער, וואָס האָט זיך געגרינדעט ערשט אין 1914, דערקלערט אין איר קאָנסטיטוציע, אַז „אינדוסטריעלע און צווישן־אינדוסטריעלע אָרגאַניזירטקייט, געבויט אויף דעם פֿעסטן פֿעלז פֿון קלאָרן וויסן און קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט, וועט דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס אַריינפֿירן אין דעם ווירקלעכן קאָנטראָל פֿון דער פּראָדוקציע־סיסטעם, און דער אַרבעטער קלאַס וועט דאַן זיין גרייט איבער־צונעמען דעם באַזיץ פֿון דער דאָזיקער סיסטעם" [6]. אין 1920 האָבן די ניו יאָרקער קליידער פֿאַבריקאַנטן געפֿאָדערט אין געריכט דעם אויפֿליז פֿון דער אַמאַלגעמייטעד אויף דעם גרונט פֿון דעם, וואָס דאָס איז ניט קיין יוניאָן, נאָר אַ קאָנספּיראַציע קעגן דער מלוכה. זיי האָבן ציטירט די געבראַכטע שורות פֿון דער קאָנסטיטוציע ווי זייער וויכטיקסטן באַווייז. זיי זיינען אָבער אין זייער פּאַרזוך דורכגעפֿאַלן.

אויב די יידישע יוניאָנס האָבן געזען אין די אַרבעטער אַ באַזונדערן קלאַס, האָבן זיי אָבער, ווי שוין אָנגעוויזן, ניט אַנערקענט די עקזיסטענץ פֿון אַ יידישן פֿאָלק. דעם 4טן אָקטאָבער, 1890 האָט זיך אין ניו יאָרק געעפֿנט אַ נאַ־ציאָנאַלער צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. זיין כאַראַקטער האָט אויסגעדריקט איינער פֿון די פּלאַקאַטן, מיט וועלכע עס זיינען געווען באַצירט די ווענט פֿון דעם זאַל. „די וועלט איז אונדזער פֿאָטערלאַנד, סאָציאַליזם אונדזער רעליגיע" — האָט זיך געלייענט דער פּלאַקאַט [7]. פֿאַזנאַנסקיס רוף: „אַמעריקע איז אונדזער ציון און וואַשינגטאָן אונדזער ירושלים" האָט געקראָגן אַ פּראָלעטאַרישע אָנווענדונג. דער צוזאַמענפֿאָר האָט געגרינדעט די יידישע אַרבעטער פֿעדעראַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו „פֿאַרגלייכן דעם יידישן אַרבעטער מיט זיינע אַמעריקאַנער ברידער און אים העלפֿן לערנען די אַרבעטער פֿראַגע — די פֿראַגע

פון דעם פארקנעכטעטן קלאס, צו וועלכן ער באלאנגט; אים צו לערנען קעמפן און מיטווירקן אין דעם קומענדן נצחון פון די ארבעטנדע מענטשהייט.״ וואס איז שייך צו יידישע ענינים, האט דער צוזאמענפאר געפונען פאר נייטיק צו אונטערשטרייכן:

> מיר האבן קיין יידן־פראגע אין אמעריקע. די איינצעלנע יידן־פראגע, וועלכע מיר אנערקענען איז די פראגע, ווי צו פארהיטן, אז דא זאל ניט קומען צו אזעלכע „יידן־פראגעס״.

ווי באלד אזוי, איז צו וואס דארף מען א באזונדערע יידישע ארבעטער־פעדעראציע? איז דער ענטפער:

> בלויז וויל נאר מיר, יידיש־שפרעכנדע בירגער, קאנען ווירקן צווישן די יידישע עמיגראנטן; בלויז וויל מיר רעדן זייער שפראך און זיינען באקאנט מיט זייער לעבן — בלויז דעריבער מאכן מיר דיזע ספעציעלע יידישע קערפערשאפט. די יידישע שפראך איז אונדזער געצייג; אפצומעקן אלע גרעניצן צווישן ייד און ניט־ייד אין דער ארבעטער־וועלט איז איינער פון אונדזערע צילן [8].

אנדערע ארבעטער־אימיגראנטן זיינען א שטיק צייט געבליבן אין אן אפגעגרעניצטער עטנישער סביבה מחמת דעם, וואס דא האט זיך ביי זיי אויסגעפורעמט א נאציאנאליזם וואס איז געווען פארבונדן מיט די לענדער פון זייער אפשטאם; יידישע ארבעטער זיינען געבליבן אפגעגרעניצט מחמת זייער אינטערנאציאנאליסטישער אידעאלאגיע, וואס די אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג האט ניט געטיילט. הגם זיי האבן די יידישע שפראך באטראכט פאר א מיטל און ניט פאר א ציל, זיינען זיי פונדעסטוועגן געווארן די וויכטיקסטע טרעגערס פון דער פיל־פארצווייגטער קולטור אויף יידיש.

אזא איז די אייגנארט פון דער יידישער פראדוקטיוויזאציע אין די פאראייניקטע שטאטן, אז אויף ביידע פאליוסן פון איר קלאסן־גלידערונג ווערט זי באווירקט פון אביעקטיוו־עטניזירנדיקע טענדענצן, וואס גייען מערסטנטייל אין היפוך צו די סוביעקטיווע פראגראמען פון די אידעאלאגן פון די קעגנזעצלעכע סאציאלע שיכטן. אויף איין פאליוס האבן מיר פריער געפונען די יידישע גרויס־בורזשואזיע פארבלאקאדירט, דורך סאציאלע און עקאנאמישע דיסקרימינאציעס, אין דער יידישער סביבה. אויף דעם אנדערן פאליוס געפינען מיר איצט די ארגאניזירטע יידישע ארבעטערשאפט, וואס מחמת איר אידעאל פון אסימילירנדיקן אוניווערסאליזם, שאפט זי נאציאנאל־יידישע ווערטן און טוט אן סעקולערע רייפן אויף דער יידישער עטנישקייט אין די פאראייניקטע שטאטן אין א צייט ווען די רעליגיעזע רייפן ווערן לויזער.

ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די געזעלשאפטלעכע טעטיקייט

פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט געווען יידיש אין דעם זין פון סביבה און מעטאָדן, אָבער ניט אין זין פון נאַציאָנאַלע צילן. דעריבער האָט זי זיך ניט באַטייליקט אין אַלגעמיין־יידישע אַקטיוויטעטן — אין בעסטן פאַל איז זי געבליבן גלייכגילטיק צו זיי, און ניט זעלטן האָט זי זיך צו זיי אפילו באַצויגן אַנטאַגאָניסטיש. ניט נאָר האָט זי געבויט אירע אייגענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, ניט נאָר האָט זי געשאַפן אַן אייגענע נעץ פון קינדער־שולן, אַן אייגענע פּרעסע און אייגענע זעלבסט־הילף און קעגנזייטיקע הילף אינסטיטוציעס, נאָר אויך וואו נאָר עס איז געווען מעגלעך, — אירע אייגענע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן. עס איז איינער פון די איראָנישע שטריכן פון דער יידישער קאָמונאַלער אַנטוויקלונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אַז דוקא דאָ, ווען עס איז אין לאַנד געווען אַ פּאַקטיש־זעלבסטשטענדיקע יידישע אַר־בעטער באַוועגונג, האָט זי, מחמת אַן עקסטרעמען קלאַסן־איינשטעל, זיך געהאַלטן ביי אַ ניהיליסטישער באַציאונג צו יידישע פאָלקס־פּראָבלעמען און איז פאַקטיש ניט געווען אינטעגרירט אין דעם יידישן כלל־לעבן. פאַרקערט, זיינען יידישע אַרבעטער געוואָרן אַקטיוו אין אַלגעמיין־יידישע אַקציעס ערשט נאָך דעם, ווי די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט ווי אַ זעלבסטשטענדיקער כח אויפגעהערט צו עקזיסטירן און איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער לאַנדישער אַרבע־טער־באַוועגונג.

### 23.

אויב די אייגנאַרטיקע פאָרמען פון דער יידישער פּראָלעטאַריזאַציע האָבן געשפּילט אַזאַ דעצידירנדיקע ראָלע אין שמידן יקדישע גרופּעשקייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט דאָך די יידישע דעפּראָלעטאַריזאַציע, וואָס האָט ווי, מיר האָבן געזען אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, אַריינגעפירט יידן אין האַנדל, אין די פּראָפעסיעס און אין ווייסער־קאָלנער באַשעפטיקונגען אין אַ העכערער פּראָ־פּאָרציע ווי וואָסער עס איז אַנדערע גרופּע פון דער „נייער" אײַנוואַנדערונג, — געדאַרפט האָבן אַ דעעטניזירנדיקע ווירקונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג. אין אַסך פּרטים איז דאָס טאַקע אַזוי געווען. קודם כל האָט געליטן די יידישע שפּראַך. די אָפּשוואַכונג, וואָס מיר האָבן אין שייכות צו איר קאָנסטאַטירט אויבן, איז טאַקע אין אַ גאַר גרויסער טייל אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס יידן האָבן פאַרלוירן זייער מאָנאָפּאָל־פּאָזיציע אין דער קליידער־אינדוסטריע אין די גרויסע שטעט. ערשטנס האָט זיך פאַרקלענערט די אַבסאָלוטע צאָל פון יידישע אַרבעטער אין דער דאָזיקער אינדוסטריע און מיט דעם איז אַ היפּש ביסל צעבראָקלט געוואָרן די יידישע עקאָנאָמישע קאָמפּאַקטקייט, וואָס איז

געווען אַזאַ וויכטיקער עטנישער פאַקטאָר. צווייטנס איז די וואָג פון די יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען געבליבן אין דער אינדוסטריע — און זיי ציילן זיך דאָ נאָך אַלץ אין די הונדערטער טויזנטער — געפאַלן אין פאַרהעלטניש צו דער צאָל אַרבעטער וואָס זיינען בכלל באַשעפטיקט אין די נאָדל־פאַכן. בלויז צווישן די פוטערוואַרג־אַרבעטער, די קלענסטע גרופּע אין די דאָזיקע פאַכן, זיינען יידן נאָך אַלץ אַ מערהייט; אין אַלע אַנדערע נאָדל־פאַכן זיינען יידן אַן אַלץ קלענער־ווערנדיקע מינדערהייט. די נאָדל־יוניאָנס שפּיגלען זייער בולט אָפּ די די איבעררוקונג פון זייער מיטגלידערשאַפט. פון איין זייט איז צוזאַמען מיט דער יידישער מערהייט פאַרשוואונדן דער סאָציאַליסטישער כאַראַקטער פון די דאָזיקע יוניאָנס. זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דעם גייסט פון דער אַלגעמיינער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, הגם זיי פאָרמירן אין איר נאָך אַלץ דעם פּראָגרעסיווסטן פליגל. אין די דרייסיקער פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט איז ניט פאַרבליבן קיין איין נאָדל־יוניאָן, וואָס האָט ניט אויסגעשטראָכן פון איר קאָנסטיטוציע די סאָציאַליסטישע פּונקטן, וואָס זי האָט ביי איר גרינדונג אַריינגעשריבן. פון דער אַנדערער זייט זיינען די יוניאָנס, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן געזען, זיך פּאַקטיש געגרינדעט ווי יידישע אָרגאַניזאַציעס, אַרויסגעטראָטן פון די געטאָ־גרעניצן. פון דער אַמאָל זייער רייכער און גרויסער פּרעסע, וואָס די דאָזיקע יוניאָנס האָבן דירעקט אַרויסגעגעבן אין יידיש, איז פאַרבליבן בלויז איין חודש־זשורנאַל פון דער „אינטערנעשאָנאַל". יידיש איז די שפּראַך נאָר פון אַ פּאָר געציילטע לאָקאַלן פון די דאָזיקע יוניאָנס אין ניו יאָרק און שיקאַגאָ — און דאָס איבערגיין צו ענגליש איז אויך אין די דאָזיקע לאָקאַלן אַ פראַגע פון אַ קורצער צייט. מחמת זייער טראַדיציע און יידישער פירערשאַפט, באַטייליקן זיך נאָך די דאָזיקע יוניאָנס אין געוויסע יידישע אַקטיוויטעטן און גיבן פינאַנציעלע ביישטייערונגען אויף יידישע צוועקן, אָבער — אויך דאָס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט.

עס וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז אַלע יידן וואָס פאַרלאָזן די נאָדל־פאַכן, ווערן באַשעפטיקט אין האַנדל אָדער ביי אינטעליגענטע מלאכות. מען דאַרף דאָ אויך דערמאָנען, אַז פיל טויזנטער יידישע אַרבעטער געפינען זיך אין אַלערליי אינדוסטריעס. אָבער די דאָזיקע אינדוסטריעס זיינען ניט אין דעם געטאָ און דער אַנטייל פון יידן אין זיי האָט גיכער געפירט צו דעעטניזירנדיקע, ווי צו עטניזירנדיקע, רעזולטאַטן פון דעם שטאַנדפּונקט פון יידישער גרופּעשקייט. מיט דער צעטרייסלונג אין די נאָדל־פאַכן האָט די יידישע שפּראַך פאַרלוירן איר וויכטיקסטן שטיץ־פּונקט און זי מאַכט איצט דורך אַ ירידה, וואָס וועט מסתמא מער קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט ווערן.

אָבער שפּראַך־אַסימילאַציע פירט ביי יידן ניט צו דער מאָס נאַציאָנאַלער

אַסימילאַציע, וואָס ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס. הגם אויך ביי יידן שוואַכט שפּראַך־אַסימילאַציע אָפּ די עטנישע ווידערשטאַנדס־קרעפטן. באַלד צוויי טויזנט יאָר האָבן יידן געשאַפן יידישע קולטור נישט נאָר אין זייער אייגענער העברעאישער און אייגענער יידישער שפּראַך, נאָר אויך אין די שפּראַכן פון די לענדער, וואו זיי האָבן געלעבט. זיי האָבן אויך פאַרלייגט דעם יסוד פאַר אַ יידישער קולטור אין ענגליש — פּאַקטיש די איינציקע עטנישע קולטור אין דער ענגלישער שפּראַך. און ווי אין אַלצדינג וואָס יידן שאַפן ווי אַ גרופּע, מישן זיך דאָ אויס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע סיבות און טרייב־קרעפטן. די פּאָזיטיווע סיבות זיינען די זעלביקע, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויבן: דער עטנישער כאַראַקטער פון דער יידישער רעליגיע, דער ווילן פאַרצוזעצן יידישע קאָלעקטיווע עקזיסטענץ. צו זיי קומען צו אַנדערע פאַקטאָרן וואָס וועלן אַרויסשווימען שפּעטער. וואָס איז שייך די נעגאַטיווע סיבות, דאַרפן מיר איצט זען ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויסגעווירקט אויף דער עקאָנאָמישער אומשיכטונג פון די יידישע באַשעפטיקטע, וואָס חוץ אַ טיפערן אַריינדרינגען אין האַנדל — מיינט דאָס אויך דער איבערגאַנג פון פיזישער אַר־בעט צו אינטעלעקטועלער.

אין האַנדל האָבן שפּעטער־געקומענע יידן זיך אָנגעשטויסן אויף די זעל־ביקע שוועריקייטן און דיסקרימינאַציעס וואָס די פריער־געקומענע — נאָר אין אַ גרעסערער מאָס און, מחמת טעמים וואָס וועלן שפּעטער אויפגעקלערט ווערן, אין אַן אינטענסיווערער פאָרם. אין די סאָציאַלע גרעניצן, וואָס די פאַר־מעגלעכע יידן קאָנען נישט אַריבערטרעטן, האָבן מיר געזען דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר, וואָס דערלאָזט נישט, אַז די דאָזיקע שיכט זאָל זיך אַסימילירן אין דעם פאַרנעם און מיט דער שנעלקייט וואָס ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס. אַן ענלעכע לאַגע געפינען מיר ביי די יידישע אינטעלעקטועלע גרופּעס, וואָס ביי נישט־יידן געהערן זיי צו די עלעמענטן וואָס מאַכן שנעל דורך דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע אין דער הערשנדיקער מיליי. עס איז נאָך צו פרי צו רעדן וועגן אַן אָרגאַניזירטן אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָבער אויף וויפל עס איז געווען אַ באַוואוסטזיניקע פּאָליטיק צווישן דער אַמערי־קאַנער „אַריסטאָקראַטיע“ צו פאַרמאַכן פאַר יידן — אַלס יידן — די טיר צו באַשטימטע פּאָזיציעס, האָט זיך דאָס, נאָך די רייכע קלובן, רעזאָרטן און האָטעלן, געפילט דער עיקר אין די קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן. אַקוראַט דאַן, ווען די יידישע יוגנט איז געווען מאַטעריעל און גייסטיק קוואַליפיצירט זיך אַריינצוגיסן אין דעם אַלגעמיינעם קולטור־שטראָם פון לאַנד און דורך דעם אפשר מיט דער צייט זיך אויך אָפּצערייסן פון דעם אינערלעכן קולטור־קוואַל, — אַקוראַט דאַן האָט זי אפשר צום ערשטן מאָל זיך דערוואוסט, אַז עס איז

דאָ אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַ יידן־פּראַגע, וואָס רירט אָן יעדער איינעם פון איר פּערזענלעך. אויף אַ צווייענדיקן אופן האָט זיך די יידישע יוגנט פון דעם דערוואוסט: איין מאָל, ווען זי האָט אויסגעפונען, אַז פאַר אַ יידן איז אַסך שווערער אַריינצוגיין אין אַ הויך־שול ווי פאַר אַ ניט־יידן, און אַ צווייטן מאָל — ווען די, וואָס זיינען שוין יאָ אַריינגעגאַנגען, האָבן געטראָפן די טירן פון די סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס פאַרמאַכט פאַר יידן.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן נאָר עטלעכע הויך־שולן פון די סאַמע אַריסטאָקראַטישסטע אין לאַנד געהאַט רעסטריקציעס קעגן יידישע סטו־דענטן — און דאָס אויך ניט אָפן. זינט דאַן זיינען די רעסטריקציעס געוואָרן אַ מער אַי אָפענער. עס איז כמעט ניט צו געפינען אַ הויך־שול פון אַ ניט־שטאַט אָדער מוניציפּאַלן כאַראַקטער וואָס האָט ניט איינגעפירט אַ קוואָטא־סיסטעם לגבי יידישע סטודענטן (אַלע אַזעלכע שולן דיסקרימינירן אויך קעגן נעגערס און אַנדערע מינדערהייטן). די שולן מאַכן מער דערפון קיין סוד ניט. עס איז געקומען צו דעם, אַז אַ באַשטימטע צאָל יידן, פון די וואָס ווילן שטו־דירן מעדיצין, דאַרף פאָרן לערנען אין אַנדערע לענדער. אַ שטודיע, וואָס דאָס באַשעפטיקונגס־ביוראָ פון בני ברית האָט דורכגעפירט אין 1935 און נאָך אַמאָל אין 1926 גיט אַ מעגלעכקייט צו פעסטשטעלן דעם רעזולטאַט פון די דיסקרימינאַציעס און פּראָצענט־נאָרמעס אין די הויך־שולן. אַזוי דערוויסן מיר זיך, אַז הגם די פאַרהעלטניש צווישן יידישע סטודענטן און דער סטו־דענטשאַפט אין די קאָלעדזשעס בכלל האָט זיך פּאַקטיש ניט געביטן אין די עלף יאָר — 8.8 פּראָצענט פון דער גאַנצער סטודענטשאַפט אין 1935 אַנט־קעגן 9.0 פּראָצענט אין 1946 — האָט זיך די פאַרהעלטניש געביטן אין שולן וואו מען לערנט פּראָפעסיעס. אין 1935 האָבן יידישע סטודענטן אויסגעמאַכט 8.8 פּראָצענט פון גאָר דער סטודענטשאַפט אין די פּראָפעסיאָנעלע הויך־שולן, אין 1946 — שוין ניט מער ווי 7.0 פּראָצענט. די אויספאָרשונג זעט די סיבה בלויז אין דער דיסקרימינאַציע קעגן יידן. אין 67 מעדיצינישע שולן איז דער פּראָצענט יידישע סטודענטן געפאַלן פון 15.9 ביז 12.7. הגם די גאַנצע סטודענטשאַפט פון די דאָזיקע שולן איז געשטיגן פון 20,039 אין 1935 ביז 21,575 אין 1946, איז די יידישע סטודענטשאַפט געפאַלן פון 3,179 ביז 2,737.

אין 31 דענטיסטישע שולן איז דער פּראָצענט יידישע סטודענטן געפאַלן פון 28.2 ביז 18.9; אין 38 פאַרמאַצעטישע שולן — פון 24.5 ביז 15.1 פּראָצ.; אין 77 יורידישע שולן — פון 25.8 ביז 11.1 פּראָצענט; אין זיבן וועטערינאַרן־שולן — פון 11.1 ביז 1.8 פּראָצ.; אין 62 אינדזשינערן־שולן — פון 6.5 ביז 5.6 פּראָצ.; פון 8.5 ביז 4.4 פּראָצ. אין אַרכיטעקטור־שולן; פון

13.6 ביז 11.1 פּראָצ. אין שולן פאַר געזעלשאַפטלעכער דינסט; פון 16.7 ביז 10.7 פּראָצ. אין די קאָמערץ־שולן; פון 15.5 ביז 8.4 פּראָצ. אין קונסט־שולן, א. אַ. וו. געהויבן האָט זיך דער פּראָצענט יידישע סטודענטן אין אַזעלכע פּראָפעסיעס ווי אָסטעאָפּאַטיע, קראַנקע־אויפזיכט, מיליטערישע וויסנשאַפט, בילדונג, טעאָלאָגיע וכדומה. מיליטערישע וויסנשאַפט האָט זיכער געהאַט צו טאָן מיט דער צווייטער מלחמה, און וואָס איז שייך די צוויי קאַטעגאָריעס בילדונג און טעאָלאָגיע — האָט דאָס מערסטנטיילס צו טאָן מיט דער יידישער גאַס, ד. ה. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל יידן וואָס שטודירט אויף רבנות און געשטיגן די נאָכפראַגע אויף לערער אין דער יידישער בילדונג סיסטעם [1].

די, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם געטאָ, האָבן איבערגעלעבט זייער ערשטע אַנטוישונג ביים אַריינטרעטן אין שול. אין שול גופא האָט אויף זיי געוואַרט די צווייטע אַנטוישונג: ניט־יידישע סטודענטן ווילן מיט זיי ניט געהערן צו די זעלביקע ברודערשאַפטן, שוועסטערשאַפטן אָדער קלובן. יידישע סטודענטן זיינען דעריבער געצוואונגען צו שאַפן זייערע אייגענע געזעלשאַפטן און קלובן, וואָס זיינען גוים־ריין — אַ נייע געטאָ. פאַר סך יידישע יונגעלייט איז די סטודענטישע חברה די ערשטע אַפיליאַציע מיט אַ יידישער אינסטיטוציע — אַ מין אַריינפיר אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די העכערע אינסטיטוציע, וואָס ביי די סטודענטן פון אַנדערע עטנישע גרופּעס האָט זי פאַרשאַרפט דעם דראַנג צו אַסימילאַציע, האָט ביי די יידישע סטודענטן אַקצענטירט דעם געפיל פון עטנישער אָפּגעזונדערטקייט.

אָבער ערשט, ווען דער יידישער בחור אָדער מיידל האָט פאַרענדיקט די שול און געפּרואווט זיך איינאָרדנען אין אַ פּראָפעסיע, האָט ער אָדער זי דערפילט די גאַנצע לאַסט פון יידישער אַנדערשדיקייט — אַן אַנדערשדיקייט, וואָס זיי אַליין האָבן זי אפשר ניט געוואָלט אָנערקענען, וואָס אַנדערע האָבן אָבער אויף זיי אַרויפגעצוואונגען. האָבן זיי געזוכט לויך־באַשעפטיקונג, האָבן זיי באַגעגנט דיסקרימינאַציע אין ניט־יידישע אונטערנעמונגען; האָבן זיי געוואָלט זיין אַליין־באַשעפטיקט, האָבן זיי אויף קיין גרויסן פּראָצענט ניט־יידישע קליענטן ניט געקאָנט אויסשטעלן. אין גרויסן גאַנצן זיינען זיי דעריבער געווען אָנגעוויזן אָדער אויף יידישע אַרבעטס־געבער אָדער אויף יידישע קונדן — אין ביידע פאַלן זיינען זיי געבליבן אין דעם קרייז פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס האָט געמוזט אין זיי באַטייטיק אָפּטעמפּען די אַסימילאַציע־טענדענצן, וואָס אינטעלעקטואַליזאַציע פאַרשאַרפט געוויינלעך.

עס זיינען דאָ עטלעכע שטודיעס וואָס באַווייזן, ווי ווייט יידן אין די אינטעליגענטע באַשעפטיקונגען זיינען אָפּהענגיק פון דער יידישער סביבה. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די „קאָנפערענץ וועגן יידישע באַציאונגען" (קאָנ־

פערענץ אַן דזשואיש רעליישאַנס) דורכגעפירט אַ פאָרשונג וועגן דעם מצב פון יידישע אַדוואָקאַטן אין ניו יאָרק. מעלווין מ. פייגין האָט פאַרעפנטלעכט די רעזולטאַטן אין דעם יאַנואַר, 1939 נומער „דזשואיש סאָשעל סטאַדיס.״ איז אַט וואָס מיר געפינען דאָרט:

פון די 511 יידישע אַדוואָקאַטן וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן פון אַרבעטן פאַר אַנדערע אַדוואָקאַטן, זיינען 323 געווען באַשעפטיקט ביי יידישע אַדוואָקאַטן אָדער אין אויסשליסלעך יידישע אַדוואָקאַטן־פירמעס. נאָך 79 זיינען געווען באַשעפטיקט אין אַדוואָקאַטן־פירמעס וואָס זיינען אין זייער גרויסער מערהייט געווען פון יידישן צוזאַמענשטעל. דאָס הייסט, אַז באַלד אַכט פון יעדע צען באַשעפטיקטע יידישע אַדוואָקאַטן אין ניו יאָרק האָבן געאַרבעט פאַר יידן, איינער האָט געאַרבעט פאַר אַ פירמע וואָס האָט געהאַט אי יידישע אי ניט־יידישע באַלעבאַטים און נאָך איינער — פאַר אַ פירמע וואָס איז געווען אַ פרעדאָמינירנדיק אַ ניט־יידישע [2].

אַ ביסל בעסער האָט אויסגעזען דאָס בילד פון די אַדוואָקאַטן וואָס זיינען געווען זעלבסט־באַשעפטיקט. פונדעסטוועגן האָבן פון די 2968 יידישע אַד־וואָקאַטן וואָס האָבן געאַרבעט פאַר זיך אַליין, 1621, אָדער 54.26 פּראָצענט, געהאַט אַ קליענטור וואָס איז געווען אויף מער ווי אַ העלפט אַ יידישע; 1,113, אָדער 37.50 פּראָצענט, האָבן געהאַט מער ווי אַ העלפט ניט־יידישע קליענטן און 234, אָדער 7.88 פּראָצענט, האָבן זייער קליענטור ניט ספּעציפירט [3]. וועגן די ניט־יידישע קליענטן פון יידישע פּראָפעסיאָנאַלן וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אונטן.

די זעלביקע אָרגאַניזאַציע האָט אויך דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג וועגן דעם מצב פון יידישע דאָקטוירים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די פאַקטן, וואָס אַט די פאָרשונג האָט אַרויסגעבראַכט, געפינען מיר אין די „דזשואיש סאָשעל סטאַדיס״ פאַר אָקטאָבער, 1939. קודם כל גיט די שטודיע אַ באַגריף פון דעם פאַרנעם פון דער דיסקרימינאַציע קעגן יידישע סטודענטן אין די מעדיצינישע שולן. פון די 1346 אַמעריקאַנער וואָס האָבן אין 1937־38 שטו־דירט אויף דאָקטאָר־מעדיצין אין אויסלאַנד זיינען וואַרשיינלעך אַריבער 1200, ד. ה. 90 פּראָצ. געווען יידן וואָס האָבן קיין פּלאַץ ניט געקאָנט קריגן אין די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן [4]. די שטודיע, וואָס האָט אַרומגענומען 16,000 יידישע דאָקטוירים אין לאַנד, האָט אַרויסגעבראַכט, אַז אין די קלע־נערע שטעט איז זייער פּראַקטיקע אַסך ווייניקער באַגרעניצט צו יידישע פּאַ־ציענטן ווי אין די גרויסע צענטערן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין 1936 האָט זיך אין 6 שטאַטן — ניו יאָרק, אילינאָיס, פּענסילוויינע, ניו דזשוירזי, מאַסאַטשוסעטס, קאַליפאָרניע — געפונען דריי־פערטל פון גאָר די יידישע

דאָקטוירים אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. ניו יאָרק אַליין האָט געהאַט באַלד אַ העלפט פון אַלע יידישע דאָקטוירים[5]. די פּראָצענטועלע פּאַרטיילונג פון די יידישע דאָקטוירים אַנטשפּרעכט אויף אַזאַ אופן די פּאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. יידישע דאָקטוירים ציען זייער חיונה דער עיקר פון יידישע פּאַציענטן.

דר. לי דזש. לעווינדזשער האָט אין 1938 דורכגעפירט אַ שטודיע פון דער פּאָזיציע, וואָס יידן פאַרנעמען אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס אין דעם שטאַט אָהייאָ. די שטודיע — אירע רעזולטאַטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „דזשואיש סאָשל סטאַדיס" פאַר אָקטאָבער, 1940 — האָט אַרומגענומען די ווייטערדיקע באַשעפטיקונגען: דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן, לערערס, פאַרמאַצעווטן, אינדזשינערן און אַרכיטעקטן. לעווינדזשער איז געקומען צו דעם אויספיר, אַז די קליענטור פון די יידישע פּראָפעסיאָנאַלן איז ניט דורכאויס, און אפילו ניט בעיקר, אַ יידישע. פאַר אַ באַווייז ברענגט ער דעם פאַקט, אַז עס זיינען דאָ אַסך מער ניט־יידן אויף יעדער ניט־יידישן דאָקטאָר, דענטיסט אָדער אַדוואָקאַט, א. אַ. וו. ווי יידן אויף יעדער יידישן פּראָפעסיאָנאַל פון אַן ענלעכער קאַטעגאָריע. די ווייטערדיקע טאַבעלע, צונויפגעשטעלט אויף דעם באַדן פון לעווינדזשערס ציפערן, באַווייזט דעם אונטערשייד צווישן יידן און דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין פאַרהעלטניש צו דער צאָל פּראָפעסיאָנאַלן:

טאַבעלע 19. צאָל מענטשן אויף יעדער פּראָפעסיאָנאַל אין 1936 אין אָהייאָ[6]

| פּראָפעסיע | צאָל מענטשן אויף יעדער פּראָפעסיאָנאַל אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג | צאָל יידן אויף יעדער יידישן פּראָפעסיאָנאַל |
|---|---|---|
| דאָקטוירים | 756 | 231 |
| דענטיסטן | 1,603 | 469 |
| אַדוואָקאַטן | 682 | 147 |
| לערערס | 162 | 318 |
| פאַרמאַצעווטן | 1,179 | 303 |
| אינדזשינערן און אַרכיטעקטן | 944 | 1,100 |

לעווינדזשערס שטודיע, פּונקט ווי די פאָרשונגען וועגן יידישער אַד־וואָקאַטור אין ניו יאָרק און וועגן דאָקטוירים אין די פּאַראייניקטע שטאַטן,

באַווייזט, אַז יידישע פּראָפעסיאָנאַלן גיבן אַ פיל העכערן פּראָצענט אַליין־באַשעפטיקטע ווי ניט־יידישע פּראָפעסיאָנאַלן. אַ גרויסע ראָלע שפּילט אין דעם אָן ספק די דיסקרימינאַציעס וואָס ווערן פּראַקטיצירט לגבי יידן וואָס זוכן באַשעפטיקונג. לעווינדזשער ווייזט אויך, אַז בעת יידן מאַכן אויס אַרום 2.5 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין אָהייאָ, שטעלן זיי צו 8.1 פּראָצענט פון די דאָקטוירים אין 56 שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון 10,000 און העכער יעדער; 10.6 פּראָצענט פון די דענטיסטן; 13 פּראָצענט פון די אַדוואָקאַטן; 13.1 פּראָצ. פון די פאַרמאַצעווטן. ווען מען נעמט די ציפערן פאַר זיך אַליין, קאָן מען לייכט אַריינפאַלן אין דעם טעות, וואָס דר. לעווינדזשער מאַכט, און קומען צו דעם אויספיר, אַז יידן האָבן אַסך אַ גרעסערן פּראָצענט ניט־יידישע קליענטן ווי זיי האָבן טאַקע. כדי דעם טעות אויסצומיידן, איז נייטיק צו האָבן אין זינען צוויי פאַקטן. ערשטנס, אַז די טאַבעלע שליסט איין אַ שטאָט ווי קליוולאַנד מיט אַ באַפעלקערונג נאָנט צו אַ מיליאָן און 9 פּראָצענט יידן, און קליינע שטעטלעך מיט ניט מער ווי 10 טויזנט באַפעלקערונג יעדער, וואו יידן זיינען ניט מער ווי אַרום אַנדערטהאַלבן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. וואָס קלענער די שטאָט, אַלץ קלענער די יידישע באַפעלקערונג און וואָס קלענער די יידישע באַפעלקערונג — אַלץ נענטער איז די צאָל פּראָפעסיאָנאַלן וואָס זי גיט אַרויס צו איר פּראָפּאָרציע אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. און פאַרקערט — וואָס גרעסער די שטאָט, אַלץ גרעסער די יידישע באַפעלקערונג און אַלץ העכער דער פּראָצענט יידישע פּראָפעסיאָנאַלן אין פאַרהעלטניש צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דעם צווייטן פאַקט וואָס מען דאַרף האָבן אין זינען איז, אַז די אויסגערעכנטע פּראָפעסיעס זיינען אַלע פון אַזאַ מין, וואָס די פּראָפּאָרציע אַליין־באַשעפטיקטע אין זיי איז זייער אַ הויכע. פון ביידע פאַקטן איז קלאָר, אַז דר. לעווינדזשער האָט צופיל — און אומבאַרעכטיקט — געגענעראַליזירט, ווען ער האָט פון דער קלענערער צאָל יידן פער יידישן פּראָפעסיאָנאַל געוואָלט דרינגען, אַז יידישע פּראָפעסיאָנאַלן האָבן אַ גרויסן פּראָצענט ניט־יידישע קליענטן. עס איז גיכער פון דעם צו דרינגען, אַז די געדיכטקייט פון דעם פּראָפעסיאָנאַלטום איז אויף דער יידישער גאַס שווערער ווי אויף דער ניט־יידישער גאַס. יידן, וואָס אַזוי פיל פון זיי זיינען אין קליין־ און מיטל־האַנדל און אין הייזער־פאַרקויף, קומען אָן צו אַדוואָקאַטן אָפטער ווי אַנדערע גרופּעס וואָס האָבן אַ העכערע פּראָפּאָרציע אַרבעטער. דערפאַר טאַקע זיינען דאָ מער יידישע אַדוואָקאַטן, אָבער, ווי די ניו יאָרקער פאָרשונג באַווייזט, פאַרדינען זיי אין דורכשניט ווייניקער ווי די ניט־יידישע אַדוואָקאַטן און האָבן אין אַ גרעסערער מאָס ווי די לעצטע — זייטיקע באַשעפטיקונגען. עס איז דעריבער קלאָר, אַז די גרעסערע צאָל יידישע אַדוואָקאַטן איז מער אַ סימן פון אַן אי־

בערפּלוס אין דער דאָזיקער פּראָפעסיע צווישן יידן גופא, ווי פון טיפער איינ־וואָרצלונג צווישן ניט־יידן.

וואָס איז שייך צו דאָקטוירים, איז עס אַ גוט־באַוואוסטער פאַקט, אַז יידן זוכן אָפטער מעדיצינישע ראַט ווי ניט־יידן, דעריבער איז אויך די קלענערע צאָל יידן פאַר יידישן דאָקטער דער עיקר אַ רעזולטאַט פון באַדינגונגען אין דער יידישער סביבה גופא און ניט פון דעם, וואָס יידישע דאָקטוירים האָבן אַ זייער הויכן פּראָצענט ניט־יידישע פּאַציענטן. נאָך אַ באַשטעטיקונג, אַז דאָס איז אַזוי, באַקומען מיר ווען מיר זעען ווי קליין עס איז דער אַנטייל פון יידן אין אַזעלכע פּראָפעסיעס ווי לערערייַ, אינזשיניערינג און אַרכיטעקטור. דאָס זיינען פּראָפעסיעס וואָס האָבן אַ זייער קליינעם פּראָצענט אַליין־באַשעפטיקטע און וואָס זייער קליענטור דעקט זיך מער מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג ווי מיט אַ באַשטימטער טייל פון דער באַפעלקערונג. אין אַנדערע ווערטער: די קליענטור אין די דאָזיקע פּראָפעסיעס — ספּעציעל אין לערעריי — איז ניט אַזוי סעלעקטירט און סעגרעגירט ווי אין מעדיצין אָדער אַדוואָקאַטור. געפינען מיט טאַקע, אַז יידישער אַנטייל אין זיי איז נידריקער ווי די יידישע פּראָפּאָרציע אין דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע פּראָפּאָרציע, האָבן מיר געזען, איז פאַר דעם גאַנצן שטאַט אָהייאָ אַרום 2.5 פּראָצענט, אָבער יידן מאַכן אויס בלויז 2.1 פּראָצענט פון די אינזשינערן און אַרכיטעקטן און ניט מער ווי 1.3 פּראָצענט פון די לערערס. די אונטערשטע שורה איז, אַז אינטעלעקטואַליזאַציע פירט ניט אַרויס פון דער יידישער סביבה אַזאַ הויכן פּראָצענט פּראָפעסיאָנאַלן ווי דאָס איז דער פאַל מיר דער אינטעלעקטואַליזאַציע אין אַנדערע עטנישע גרופּעס. דעריבער איז וויכטיק צו געדענקען נאָך איין זייער וויכטיקן פאַקט. אַ גרויסע פּראָפּאָרציע פון די יידישע פּראָפעסיאָנאַלן וואָס זיינען ניט אָפּהענגיק עקאָנאָמיש פון יידישע קליענטן, ציען ניט זייער חיונה פון דער ניט־יידישער „אַריסטאָקראַטיע", נאָר פון אַנדערע מינדער־הייטן. דער באַטייט פון אָט דעם פאַקט ליגט אויבן־אויף. דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע ציט זיך שטענדיק אין דער ריכטונג פון דער הערשנדיקער גרופּע, קיין מאָל ניט אין דער ריכטונג פון אַן עטנישער גרופּע, וואָס איז אַליין אויף דעם וועג פון אויפלייזן זיך. וואָלטן יידישע פּראָפעסיאָנאַלן געהאַט אַ גרעסערן צוטריט — דאָ רעדט זיך וועגן די וואָס זיינען ניט אָנגעוויזן אויף יידן גופא — צו די „נאָרדישע" שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָלט עס אומגעהייער געשטאַרקט זייער דראַנג זיך אין אָט די שיכטן צו אויפלייזן; צוטריט צו איטאַליענער, פּאָליאַקן, אוקראַינער א. אַ. וו. קאָן אַזאַ דראַנג ניט אַרויסרופן.

יעקב לעשטשינסקי האָט אָנגעוויזן וואָס פאַראַ גרויסן פּראָצענט קליענטן עס שטעלן צו צו יידישע פּראָפעסיאָנאַלן און הענדלערס ניט־יידישע אי־

מיגראַנטן און זייערע אָפּשטאַמיקע פֿון לענדער אין מזרח־אייראָפּע, וואו די באַפֿעלקערונג איז געווען געוויינט אָנצוקומען צו יידישע קרעמערס, דאָקטוירים, דענטיסטן, פֿאַרמאַצעווטן, א. אַ. וו.). ער האָט דערביי צופֿיל גענעראַליזירט, זיינען דעריבער זיינע אויספֿירן געווען צו עקסטרעוואַגאַנט, אָבער אַז אימיגראַנטן און זייערע קינדער שטעלן צו אַ גרויסע טייל פֿון די קליענטן, וואָס יידן האָבן, איז אַ פֿאַקט וואָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן וואו נאָר עס זיינען דאָ באַטייטיקע אימיגראַנטן־קאָלאָניעס. מען קאָן גיין נאָך ווייטער און זאָגן: פֿון דער ניט־יידישער אָרעמשאַפֿט רעקרוטירט זיך אַ היפּשע פּראָפּאָרציע פֿון די וואָס האַנדלען מיט יידן. מען זעט עס צווישן די סלאַווישע עלעמענטן אין די אַטלאַנטישע שטאַטן, צווישן די נעגערס און „ווייסן מיסט" און די דרום־שטאַטן און צווישן די מעקסיקאַנער אין די פּאַציפֿישע שטאַטן. לגבי אָט די גרופּעס שטעלן יידן מיט זיך פֿאָר אַ העכערע סאָציאַלע שיכט, ממילא קאָן שוין דער פֿאַרלאַנג זיך אויסצומישן מיט די דאָזיקע גרופּעס זיין זייער קליין ביי די יידן. אויף אַזאַ אופֿן ווערט די אַסימילירנדיקע טענדענץ פֿון קאָמערציאַליזאַציע און אינטעלעקטואַליזאַציע היפּש נייטראַליזירט. אויב עקאָנאָמישע אָנגעווינזנקייט אויף יידן האַלט אַ גרויסע טייל פֿון די יידישע הענדלערס און פּראָפֿעסיאָנאַלן אין דעם געטאָ, האָט די טייל וואָס איז אָנגעוויזן אויף די סאָציאַל־אָפּגעשטאַנענערע ניט־יידישע גרופּעס ווייניק סטימול צו פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ. עס בלייבט נאָך אַלץ אַ טייל — ווי גרויס איז אוממעגלעך צו זאָגן, — וואָס קומט עקאָנאָמיש אין באַריר מיט די סאָציאַל בעסער־געשטעלטע גרופּעס און אפֿילו מיט דער „אַריסטאָקראַטיע" און איז דעריבער אויף זיי מאַטעריעל אָנגעוויזן — איז טאַקע אָט די טייל דער הויפּט־קוואַל פֿאַר דעם רישטקעלע פֿון אפּטריניקייט וואָס טראָגט זיך פֿון דעם געטאָ צו דעם ניט־יידישן אַרום. גרויס איז די דאָזיקע אָפּטריניקייט ווען מען פֿאַרגלייכט זיי מיט דער אָפּטריניקייט אין די אַנדערע יידישע גרופּעס, אָבער אומבאַטייטיק־קליין אין פֿאַרהעלטניש צו פֿאַראַלעלע עלעמענטן ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס.

מיר האָבן שוין איצט דעם יידישן ישוב אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַר זיך אין אַלע זיינע עקאָנאָמישע אָפּצווייגונגען, און מיר זעען, פֿאַרוואָס אַ ראַשיקער טעמפּאָ אין אַלגעמיינע עקאָנאָמישע פּראָצעסן האָט ניט געהאַט קיין ראַשיקערע אויסווירקונג אין זין פֿון פֿאַנאַנדערלאָזן די עטנישע צעמענטירטקייט פֿון דער יידישער גרופּע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. טיילווייז האָט גראָד דער ראַשיקערער טעמפּאָ פֿון מאַטעריעלער עקספּאַנסיע פֿאַרלאַנגזאַמערט דעם טעמפּאָ פֿון אַסימילאַציע ביי יידן.

## .24

מיר האָבן שוין באַטראַכט אַלע באַזונדערע טיילן פֿון דעם יידישן ישוב און די דריי אימיגראַנטן־כוואַליעס. עס איז מער ניט צו דערוואַרטן קיין גרויסער יידישער צואוואוקס פֿון דרויסן און די יידישע אַמעריקע איז, ווי מיר האָבן געזען, אין אַ שטייגנדיקער מאָס אַ נאַטיווע. מיר האָבן דעריבער פֿאַר זיך דעם ישוב ווי אַ ישוב פֿון תּושבים; מיר זעען אים אין זיין עקאָנאָמישער גלידערונג און סאָציאַלער דיפֿערענציאַציע. ער האָט נאָך ווייט ניט פֿאַרלוירן זיין פֿליסיקייט, אָבער ער האָט שוין דערגרייכט אַ גאָר הויכן גראַד סטאַביליזאַציע — און אויב עס וועט זיך ניט ראַדיקאַל בייטן די הערשנדיקע לאַגע אין לאַנד — איז שוין ניט צו דערוואַרטן קיין גאָר גרויסע ענדערונגען אין דער מאַטעריעלער דינאַמיק פֿון דעם יידישן ישוב: די ענדערונגען וועלן גיין אין דער ריכטונג וואָס איז שוין איצט אין גרויסן גאַנצן אויסגעקריסטאַליזירט. ווען אַנדערע עטנישע גרופּעס האָבן דערגרייכט דעם פּונקט פֿון אַנטוויקלונג, אויף וועלכן עס געפֿינט זיך איצט דער יידישער ישוב, האָט זיך ביי זיי בולט אַרויסגעשטעלט עטנישע צעלעכערטקייט, ביי יידן האָט זיך גאָר אויף דעם פּונקט אָנגעהייבן אַן אינערלעכע קאָנסאָלידאַציע.

אויבן האָבן מיר די פֿאַרמעגלעכע יידישע עלעמענטן געלאָזט פֿאַרבלאָקאַדירט אויף אַ שטאַפּל פֿון דעם סאָציאַלן לייטער, פֿון וועלכן זיי האָבן ווייטער ניט געקאָנט גיין. דאָס האָט די שפּעטער־געקומענע געגעבן אַ געלעגנהייט זיי אָנצוזאָגן. אַ דאַנק די עקאָנאָמישע און קולטורעלע פֿאַרענדערונגען, וואָס אַלע יידישע שיכטן האָבן דאָ דורכגעמאַכט, זיינען די פֿריערדיקע שאַרפֿקייטן צווישן זיי אָפּגעטעמפּט געוואָרן, הגם אין גאַנצן זיינען זיי נאָך ניט פֿאַרשוואונדן. די סאָציאַלע אונטערשיידן וואָס זיינען געווען צווישן די אימיגראַנטן פֿון מערב־ און מזרח־אייראָפּע, זיינען שוין ניט אַזוי גרויס צווישן זייערע קינדער, נאָך קלענער צווישן זייערע אייניקלעך און עקזיסטירן בכלל ניט צווישן די אור־אייניקלעך. די אונטערשיידן ווערן שוואַכער אין דירעקטער פּראָפּאָרציע ווי די נאַטיוויזאַציע פֿון דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב הויבט זיך. די אָפּשטאַמיקע פֿון דער ספרדישער אימיגראַציע זיינען בכלל צו ווייניק אין צאָל צו זיין אַן ערנסטער פֿאַקטאָר אין דעם יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַן אָנגעזעענע ראָלע שפּילן די אָפּשטאַמיקע פֿון דייטשלאַנד, אָבער זייער השפּעה פֿאַלט בעת די השפּעה פֿון די אָפּשטאַמיקע פֿון מזרח־אייראָפּע שטייגט. סיי מחמת זייער גרעסערער צאָל סיי מחמת זייער טיפֿערער פֿאַרוואָרצלונג אין דער יידישער סביבה, שטעלן די לעצטע צו כמעט גאָר די יידישע אינטעליגענץ אין לאַנד. די דאָזיקע אינטעליגענץ שליסט איין: דעם ראַבינאַט און אַנדערע

יִדישע כלי קודש, רעדאַקטאָרן פון יידיש־ענגלישע צייטונגען, זשורנאַ־ליסטן, מחברים, לעקטאָרן, דירעקטאָרן וכדומה. דער רעפאָרם טעמפל איז, ווי מיר האָבן געזען, אַמאָל געווען די רעליגיעזע ציטאַדעל פון די רייכע יידן פון דייטשן אָפּשטאַם און דער רעפאָרם־ראַביי איז געווען דער שומר פון אָט דער ציטאַדעל. היינט איז די גרויסע מערהייט פון דער טעמפל מיטגלידער־שאַפט אַ געבוירענע אָדער אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, ליטע, א. אַ. וו. און דער ראַביי קומט פון דער איסט סייד פון ניו יאָרק — אָפט איז ער דער זון פון אַ געוועזענעם אָדער היינטיקן מאַנטל־מאַכער אָדער מענער־שניידער. דער אָרדער בני ברית, וואָס האָט אַמאָל ניט געוואָלט האָבן אין זיינע רייען יידן פון מזרח־אייראָפּע, איז היינט די אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן קליין־ און מיטעלן בירגערטום, וואָס רעקרוטירט זיך אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון דער דריטער אימיגראַציע־כוואַליע.

מיט דעם דערקלערט זיך פאַרוואָס דער ריס צווישן די פאַרשיידענע יידישע רעליגיעזע גרופּעס האָט זיך ניט פאַרטיפט, נאָר האָט זיך אין אַ היפּשער מאָס פאַרהיילט. צו דעם רעפאָרמירטן טעמפל און דער אָרטאָדאָקסישער שול איז צוגעקומען די קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגע, וואָס פאַראייניקט אין זיך אַ סך פון דער טראַדיציאָנעלישקייט פון דער אָרטאָדאָקסיע מיט אַ צאָל אויסערלעכע פאָרמען פון דעם רעפאָרמיזם — און אַלע דריי גרופּעס לעבן בשלום צווישן זיך און זיינען אפילו פאַראייניקט אין איין סינאַגאָגישן ראַט. ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס האָבן רעליגיעזע ריכטונגען זיך דערווייטערט איינע פון דער אַנדערער אין דער זעלביקער מאָס, ווי זיי האָבן זיך אַמעריקאַניזירט. ביי יידן איז דאָס פאַרגעקומען אַקוראַט פאַרקערט: וואָס טיפערע וואָרצלען די יידישע באַפעלקערונג האָט געשלאָגן אין לאַנד, אַלץ מער האָבן זיך די פאַר־שיידענע רעליגיעזע גרופּירונגען דערנענטערט צווישן זיך. אמת, אין משך פון די אָפּגעלאָפענע יאָרן האָט זיך די אָרטאָדאָקסישע שול אַ היפּש ביסל מאָדערניזירט און זי גייט ביסלעכוויס אַריבער אין די הענט פון אַמעריקאַנער־געבוירענע רבנים, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זיך דער רעפאָרמירטער טעמפל אַ היפּש ביסל פאַריידישט. ער האָט כמעט אומעטום אָפּגעשאַפט די פאַרבייטונג פון זונטיק אויף שבת, איינגעפירט אַסך העברעאיש אין די תפילות איז בכלל געוואָרן מער פאָלקיש. סאָציאַל שטאַמט דער היינטיקער רעפאָרם ראַביי, ווי דער קאָנסערוואַטיווער ראַביי, פון דער זעלביקער שיכט וואָס דער געבירטיקער אָרטאָדאָקסישער רב און דערפאַר זעט מען זיי אָפט צוזאַמען ניט נאָר אין יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, נאָר אויך אין אַלגעמיין־אַמערי־קאַנער אַקציעס. דער פאַרביטערטער אַנטי־ציוניזם פון דעם אַמאָליקן רע־פאָרמיזם איז כמעט אין גאַנצן פאַרשוואונדן. דער ראַבינאַט פון אַלע גרופּי־

רונגען איז אין זײַן ריזיקער מערהייט ציוניסטיש־געשטימט. אין אַלגעמיין איז די שול און דער טעמפּל היינט ווי צוויי שפּיצן פֿון אַ האַלבער לבֿנה — אין מיטן געפֿינט זיך די קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגע — וואָס רוקן זיך אַלץ נענטער און נענטער איינער צו דעם אַנדערן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז זיי וועלן מיט דער צײַט זיך באַגעגענען און שליסן אַ קרײַז וואָס וועט אַרומנעמען די גאַנצע רעליגיעזע טייל פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום. שרײַבט דר. דוד דע סאָלאַ פּול, דער איצטיקער רבֿ פֿון דער ניו יאָרקער שארית ישראל שול:

> פֿון דעם וואָס די מזרח־אייראָפּעאישע אָרטאָדאָקסיע גיט אויף, אונטער דער ווירקונג פֿון דעם אַמעריקאַנער לעבן, איר שטײַפֿקייט און וואָס דער רעפֿאָרם נעמט אַרײַן מער פֿון די קולטורעלע און היסטאָרישע אַספּעקטן פֿון ייִדנטום, דאַרף אַרויסקומען אַ מער פֿאַראייניקטע ייִדנשאַפֿט, וואָס וועט זיך אויסצייכענען מיט אַ גרעסערער פֿאַרשטענדניש און קאָאָפּעראַציע [1].

מיר ווען זען, אַז די דערנענטערונג צווישן די רעליגיעזע גרופּירונגען איז ניט דער איינציקער רעזולטאַט פֿון „דער ווירקונג פֿון דעם אַמעריקאַנער לעבן." די וויכטיקסטע סיבה פֿאַר דער דאָזיקער דערנענטערונג איז דער נומערישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אויפֿשטײַג פֿון די מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַנטן און זייער אָפּשטאַמיקע. מען דאַרף אָבער אויך ניט מינימיזירן דעם פֿאַקט, אַז די אָפּשטאַמיקע פֿון דײַטשלאַנד האָבן זיך ביסלעכווײַז באַפֿרײַט פֿון זייער סנאָבישער באַציאונג צו די „רוסן". געשען איז דאָס אונטער דער ווירקונג פֿון דרײַ פֿאַקטאָרן: 1) דער דיסקרימינאַציע, וואָס אַלע ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין; 2) פֿון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישקייט און 3) פֿון די געשעענישן אין אייראָפּע און זייער אויסווירקונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מער נאָך ווי אויף דער סינאַגאָגע האָבן די דאָזיקע פֿאַקטאָרן געהאַט אַ קאָנסאָלידירנדיקע אויסווירקונג אויף דעם ייִדישן סעקולערן אינסטיטוציאָנאַליזם.

דער ייִדישער אינסטיטוציאָנאַליזם איז אַ באַראָמעטער, וואָס רעגיסטרירט צו יעדער צײַט פּינקטלעך דעם קלימאַט אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אייגנטלעך קאָן מען ערשט אין אונדזערע טעג רעדן וועגן אַ ייִדישן קאָמונאַלן אינסטיטוציאָנאַליזם, וואָס איז, נאָך דער סינאַגאָגע, דער וויכטיקסטער קהלשער פֿאַרמעגן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פֿריער האָט מען בלויז געקאָנט רעדן וועגן ייִדישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן געזען, עקזיסטירט אויף אַ פּאַראַכיאַלן אופֿן און זיך ניט אָנגעקערט איינע מיט דער אַנדערער. די דאָזיקע אינסטיטוציעס, וואָס ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס זײַנען זיי געווען פֿאַרבונדן בלויז מיט דעם אימיגראַנטן־דור און

זיינען געוואָרן שוואַכער אָדער זיך אין גאַנצן ליקווידירט אין פּראָפּאָרציע צו דער אַמעריקאַניזירונג פֿון די דאָזיקע גרופּעס, — זיינען ביי ייִדן געוואָרן שטאַרקער, ווירקזאַמער און אָנגעזעענער גראָד דערפֿאַר, ווייל דער ייִדישער ישוב איז געוואָרן מער אַמעריקאַניזירט. געגרינדעט האָבן זיי זיך ווי סעקטאַנטישע אָנשטאַלטן צו באַזאָרגן מיט פֿינאַנציעלער, קולטורעלער און געזעלשאַפֿטלעכער הילף די נויטבאַדערפֿטיקסטע פֿון די באַזונדערע ייִדישע גרופּירונגען; היינט זיינען זיי דער צום בעסטן אָרגאַניזירטער, צום מיינסטן קאָנסאָלידירטער און צום פֿעסטסטן אינטעגרירטער סעקטאָר פֿון ייִדיש־עטנישער צעמענטירטקייט אין לאַנד.

די דיסקרימינאַציע, וואָס אַלע ייִדישע שיכטן האָבן געהאַט אויסצושטיין פֿון דרויסן, האָט געבראַכן די דיסקרימינאַציע וואָס איין ייִדישע גרופּע האָט פּראַקטיצירט לגבי דער אַנדערער פֿון אינווייניק. דאָס איז געווען די אויסווירקונג פֿון די נעגאַטיווע פֿאַקטאָרן פֿון דער אַמעריקאַנער רעאַליטעט; ניט קיין קלענערע ראָלע האָבן אָבער דערביי געשפּילט אירע פּאָזיטיווע פֿאַקטאָרן. די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישקייט, וואָס רעכנט זיך מער מיט יחוס עצמי ווי מיט יחוסדיקן אָפּשטאַם, האָט געהאָלפֿן אָפּטעמפּן די שאַרפֿקייט פֿון די יחוס־שפּיצן אין דער ייִדישער סאָציאַלער גלידערונג. הגם פּריוווילעקע קהלשע טעטיקייט, און בפֿרט איר פֿילאַנטראָפּישע טייל, קאָן ניט זיין אין גאַנצן דעמאָקראַטיש, און הגם די השפּעה פֿון די רייכסטע ייִדן איז אין די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס נאָך אַלץ די דאָמינירנדיקע, מערקט זיך אָבער אַ טענדענץ אין זיי אויסצוברייטערן זייער באַזע און אַריינצוציען אין זייער פֿירערשאַפֿט די „מאַסן" און ניט בלויז די „קלאַסן". אויב די „קלאַסן" זיינען אונטער דער ווירקונג פֿון אַמעריקאַנער באַדינגונגען געוואָרן פֿאָלקסטימלעכער, האָבן די „מאַסן" אונטער דער זעלביקער ווירקונג זיך אויסגעלערנט צו קאָאָפּערירן מיט די ערשטע אין געמיינזאַמע געזעלשאַפֿטלעכע אַקציעס. די ייִדישע אַרבעטער, וואָס אַזאַ קאָאָפּעראַציע איז פֿאַר זיי געווען פֿאַרראַט צו דער קלאַסן־ראָלע פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אין די יאָרן ווען זיי זיינען געווען אָפּגעריסן פֿון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, האָבן פֿאַרלוירן זייער קלאַסן־סעקטאַנטיזם ווען זיי זיינען געוואָרן אַן אָרגאַנישע טייל פֿון דער היגער אַרבעטערשאַפֿט. זיי האָבן איינגעזען, אַז אָנטייל אין טעטיקייט פֿון אַ פֿאָלקס־כאַראַקטער שטאַרקט, ניט עס שוואַכט אָפּ, אַרבעטער־השפּעה. היינט צו טאָג קאָן מען דעריבער געפֿינען אַרבעטער, סיי ווי יחידים סיי ווי אָרגאַניזירטע גרופּעס, צווישן די אַקטיווסטע טוערס אין אַלע אַל־ייִדישע אַקטיוויטעטן.

די אַמעריקאַנער אוטיליטאַרישקייט האָט זיך צוגעקלעפּט צו דעם ייִדישן

ישוב ניט ווינציקער ווי צו די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. אַ צווייענדיקע אויסווירקונג האָט די דאָזיקע אוטיליטאַרישקייט געהאַט אויף דעם ייִדישן אינסטיטוציאָנאַליזם. ערשטנס — אין דער ריכטונג פון שפּאָרונג — שפּאָרונג אין צייט און שפּאָרונג אין געלט. די הונדערטער באַזונדערע געלט־קאָמפּאַניעס, וואָס מען פלעגט אַמאָל פירן אויף דער ייִדישער גאַס, האָבן ניט נאָר פאַרשווענדט אוצרות אויף אומזיסטיקע הוצאות, נאָר זיי האָבן אויך אומזיסט פאַרטאַכלעוועט אַ שלל מיט געזעלשאַפטלעכער ענערגיע. די ריזיקע סומעס, וואָס די ייִדישע אַמעריקע האָט, ווי מיר וועלן זען שפּעטער, געמוזט שאַפן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, וואָלטן קיין מאָל ניט געקאָנט צונויפגעבומען ווערן, ווען די ייִדישע אינסטיטוציעס פאַראייניקן זיך ניט און ווענדן ניט אָן די סאַמע מאָדערנסטע מעטאָדן ביים זאַמלען געלט. עס וואָלט פשוט אין די פאַראייניקטע שטאַטן ניט געסטייעט קיין ייִדישע טוערס, ווען זיי וואָלטן זיך געדאַרפט כסדר אויסשפּרייטן אויף אומצאָליקע באַזונדערע קאָמפּאַניעס. חוץ דעם האָבן די געבערס אָנגעהייבן פּראָטעסטירן וואָס מען באַלעסטיקט זיי אַזוי אָפט און האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט רעפאָרמען. די קאָנסאָלידאַציע פון די געלט־זאַמלונגען איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט.

די צווייטע און מער פונדאַמענטאַלע אויסווירקונג פון דער אוטיליטאַרישקייט איז דאָס, וואָס זי האָט אויסגעלערנט אַמעריקאַנער ייִדן צו מעסטן געזעלשאַפטלעכע צוועקן און אָרגאַניזאַציעס ניט מיט דער מאָס פון אידעאָלאָגישער קאָנסעקווענץ, נאָר מיט דער מאָס פון פּראַגמאַטישער צוועקמעסיקייט. אויב אַ באַוועגונג אָדער אינסטיטוציע האָט די טענדענץ צו שטאַרקן ייִדישע גרופּע־צעמענטירטקייט אָדער צו סטימולירן ייִדישע גייסטיקע שעפערישקייט — פאַרדינט זי די אונטערשטיצונג פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. אויף וויפיל די באַוועגונג אָדער אינסטיטוציע האָט אין זיך היסטאָרישן אמת, וועט די צוקונפט באַווייזן, וואָס איז פון באַלדיקער וויכטיקייט איז איר קאָנסטרוקטיווקייט און איר פעאיקייט אַריינצוברענגען אין דער ספערע פון ייִדישער כלל־טעטיקייט ייִדן וואָס וואָלטן אָן דער געגעבענער באַוועגונג אָדער אָרגאַניזאַציע אפשר געבליבן דרויסן פון דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויב עס איז צוליב דעם אַמאָל נייטיק, אַז אַ ייִדישע גרופּירונג זאָל אין איר פינאַנציעלער אונטערשטיצונג פון ייִדישע צוועקן אפשר מאַכן פּרינציפּיעלע הנחות, ווערט זי קאָמפּענסירט מיט דעם, וואָס זי קריגט דערפאַר אַרויס הנחות פון אַ צווייטער גרופּירונג.

אויף אַזאַ אופן ווערט דער באָדן פאַר געזעלשאַפטלעכער קאָנסאָלידאַציע רייף אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן סיי סאָציאַל, סיי עקאָנאָמיש און סיי פּסיכאָלאָגיש. פונדעסטוועגן וואָלט די קאָנסאָלידאַציע ניט אָנגענומען די מאַסן־

פֿאַרמעגן, וואָס מיר ווילן שפּעטער זען אַז זי האָט אָנגענומען און וואָלט ניט אַוועקגעגאַנגען מיט אַזאַ ראַשיקן גאַלאָפּ ווען עס קומט ניט אַ מעכטיקער שטויס פֿון אייראָפּע און ארץ ישׂראל.

.25

אין דער צווייטער טייל האָבן מיר געזען, אַז די לאַגע פֿון אַ פֿאָלק אין אויסלאַנד האָט געהאַט אַ דירעקטע ווירקונג אויף די אָפּשטאַמיקע פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. וואָס ערגער די דאָזיקע לאַגע איז געווען פֿון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, אַלץ מער געשלאָסנקייט האָט עס אַריינגעבראַכט אין דער אַנטשפּרעכנדיקער עטנישער גרופּע דאָ אין לאַנד. און פֿאַרקערט: אין דער זעלביקער מאָס ווי עס האָט זיך פֿאַרבעסערט די לאַגע אין אויסלאַנד, איז צעשמעלצט געוואָרן די געשלאָסנקייט פֿון דער עטנישער גרופּע אין אַמעריקע. דער עיקר איז דאָס געווען אַזוי מיט די אימיגראַנטן און זייערע אָפּשטאַמיקע וואָס זיינען אַרויסגעקומען פֿון נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע פֿעלקער.

יידן זיינען געקומען פֿון דעם סאַמע אונטערדריקסטן פֿאָלק; און עס איז קיין מאָל ניט געווען אַ מאָמענט אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב, ער זאָל זיין אין גאַנצן פֿריי פֿון זאָרג פֿאַר יידן אין אַנדערע לענדער און פֿאַר דעם יידישן מצב אין דעם וועלט־מאַסשטאַב. נאָך מער: אויב די לאַגע פֿון אַנדערע אונטערדריקטע פֿעלקער האָט מיט דער צייט זיך בדרך כּלל פֿאַרבעסערט פֿון דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און דאָס האָט פֿאַרקלענערט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זייער וואוילזיין ביי די אַנטשפּרעכנדיקע עטנישע גרופּעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז די יידישע לאַגע כּסדר געוואָרן ערגער אָדער אין לאָקאַלן זין אָדער אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. הילף פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקטע ברידער איבער גאָר דער וועלט איז אין משך פֿון טויזנטער יאָר געווען איינער פֿון די עיקרים פֿון יידישער קאָלעקטיווער עקזיסטענץ — און אַמעריקאַנער יידן האָבן אָט דעם עיקר אָפּגעהיט אויף אַ פֿאַרנעם וואָס האָט אין ערגעץ צו זיך קיין גלייכן ניט. נאָך די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן, וואָס האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף אַן אַריסטאָקראַטישער קאַסטע, האָבן אַריבערגעשיקט פֿאַרהעלטנישמעסיק־באַטייטיקע סומעס אויף יידישע הצטרכותן אין אייראָפּע און ארץ ישׂראל. הגם זיי זיינען ניט געווען געדרן אויפֿצונעמען שליחים פֿון יענע וועלט־טיילן — שליחים, וואָס זיינען אגב כּמעט שטענדיק געווען אשכּנזים, — זיינען פֿונדעסטוועגן שליחים פֿון צייט צו צייט פֿאַרט געקומען. די דאָזיקע שליחים, ווי די הילף־טעטיקייט

בכלל, האָט געדינט ווי אַ בריק צווישן די יידן אין אַמעריקע און זייערע „גלויבנס־ברידער" אין אַנדערע מקומות און מיט דעם איינגעגלידערט דעם קליינעם און יונגן יידישן ישוב אין דער ספערע פון יידישע וועלט־אינטערעסן. „יעדער רוף פאַר הילף פון שווער־געטראָפענע יידן אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט" — שרייבט היימאַן ב. גרינשטיין — „האָט אויפגעלעבט יידיש לעבן אין ניו יאָרק דורך דערמאָנען ניו יאָרקער יידן וועגן זייער אייגן פאָלק" [1]. דאָס, וואָס דר. גרינשטיין זאָגט וועגן די ערשטע יידן אין ניו יאָרק, קאָן מען פונקט אַזוי אָנווענדן אויף די שפּעטערדיקע יידישע געמיינדעס אין אַלע אַמע־ריקאַנער שטעט.

די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון די יידן מעבר לים האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן און אַנטשפּרעכנדיק איז געשטיגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אפילו יידן, וואָס זיינען געווען ווייט פון יידישע אינטערעסן און שוין זיך אפשר געטראָגן אין דעם ריטשקעלע פון אפטריניקייט, האָבן ניט געקאָנט גובר זיין דעם דרוק פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע צו העלפן אַ ברודער אין נויט. די צאָל יידישע יחידים, וואָס וואָלטן אינדיווידועל געקאָנט פאַרלאָזן דאָס געטאָ און זיינען דאָך אין אים געבליבן דורך דעם כח פון אָט דער טראַדיציע, איז זייער גרויס. קיין סטאַטיסטיק איז נאַטירלעך פון דעם ניטאָ, אָבער מען קאָן די אויס־ווירקונג פון אָט דעם פאַקטאָר פילן אין יעדער ווינקל פון דעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ ריזיקער פּראָצענט פון דער יידישער קאָמונאַלער פירערשאַפט איז צום ערשטן מאָל אַריינגעטראָטן אין יידישער כלל־טעטיקייט אַ דאַנק דעם רוף נאָך הילף פון אויסלאַנד. ביי אָט דער טייל פון דער יידישער פירערשאַפט איז דער ענטפער אויף דעם רוף לכתחילה געקומען פון אַ געפיל פון רחמנות, אָבער מיט דער צייט האָט זיך דאָס געפיל פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלן פליכטס־באַוואוסטזיין, וואָס האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויף די ניט־פילאַנטראָפּישע און קאָנסטרוקטיווע טעטיקייטן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַנדערש וואָלט ניט געווען מעגלעך פאַר די אַמעריקאַנער יידן צונויפצוברענגען די ממש פאַנטאַסטישע סומעס, וואָס די אַרבעט אין אייראָפּע און ארץ ישראל האָט געפאָדערט זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה. בלויז פאַר דעם פאַראייניקטן יידישן אַפּיל, וואָס שליסט איין הילף פאַר די יידן אין אייראָפּע, יידישן בוי אין ארץ ישראל און די איינאָרדנונג פון יידישע פליטים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן אַמע־ריקאַנער יידן געשאָפן אין 1946 די סומע פון 102 מיליאָן דאָלאַר און האָבן זיך אונטערגענומען צו שאַפן 250 מיליאָן דאָלאַר אין 1948. ווען מען זאָל צוגעבן די אַנדערע צוועקן, פאַר וועלכע זיי שאַפן מיטלען, און די לאָקאַל־אַמערי־

קאַנער יידישע אינסטיטוציעס, וואָס זיי דאַרפן אויסהאַלטן, וועט זיך באַקומען אַ סך הכל פאַר 1948 פון וואָסערע 350 מיליאָן דאָלאַר. בלויז גרויסע מלוכות שליסן איין אין זייערע רעגירונגס־בודזשעטן אַזעלכע ריזיקע סומעס אויף סאָציאַלער דינסט.

אָבער ניט נאָר פינאַנציעלע הילף האָבן אַמעריקאַנער יידן געגעבן זייערע ווייניקער־גליקלעכע ברידער אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן אויך געדאַרפט געבן פּאָליטישע הילף אין די לענדער, וואו יידן זיינען אויסגעשטאַנען רעליגיעזע רדיפות און עקאָנאָמישע באַיקאָטן און וואו זייער פיזישע עקזיסטענץ איז געווען אין געפאַר. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז צום ערשטן מאָל האָבן די אַמעריקאַנער יידן געהאַנדלט ווי אַן אָרגאַניזירטע קהילה אין 1840, אין שייכות מיט דער באַרימטער דמשק־אַפערע.

דער תוך פון דער דמשק־אַפערע איז ניט געווען קיין נייער אין דער יידישער געשיכטע, עס איז אָבער געווען צום ערשטן מאָל, אַז אַ מאָדערן דעמאָקראַטיש לאַנד זאָל זיין פאַרמישט אין אַזאַ אַפערע. די פאַקטן זיינען באַקענט: אַ קריסטלעכער מאָנאַך איז פאַרשוואונדן אין דמשק. באַלד האָבן זיינע חברים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס האָבן יידן אים דערהרגעט פאַר ריטועלע צוועקן. געהאָלפן אין דעם עלילת דם האָט דער פראַנצויזישער קאָנסול. מען האָט אַרעסטירט אַ צאָל יידן און זיי אַזוי פיל געפּייניקט, אַז זיי האָבן זיך „מודה" געווען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע פאַלשקייט פון דעם בלבול און די פון די אַרעסטירטע יידן וואָס זיינען ניט געשטאָרבן אין תפיסה זיינען באַפרייט געוואָרן, אָבער ערשט נאָך דעם, ווי עס זיינען געמאַכט געוואָרן גוואַלטיקע אָנשטרענגונגען מצד די יידן אין די פרייע לענדער אונטער דער אָנפירונג פון משה מאָנטעפיאָרי אין לאָנדאָן און אַדאָלף קרעמיע אין פּאַריז.

די דמשק־אַפערע האָט אויפגערודערט די יידן פון דער וועלט. סעמועל דזשאָסעף מיינט אפילו, אַז מיט דער אַפערע הייבט זיך אָן די מאָדערנע יידישע געשיכטע. דער באַרימטער אַמעריקאַנער ייד מרדכי עמנואל נח האָט דערקלערט, אַז ווי אַ רעזולטאַט פון די יידישע פּראָטעסטן און פּאָליטישע אינטערווענצן, האָט דמשק געגעבן יידן אַ סטאַטוס צווישן די פעלקער פון דער וועלט [3].

דמשק האָט פאַראייניקט די אַמעריקאַנער יידן, ווי קיין געשעעניש ביז דאַן האָט דאָס באַוויזן צו טאָן. זינט דאַן האָבן אַקציעס לטובת יידן אין אַנדערע לענדער כסדר זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ ווירקזאַמערער מיטל צו שאַפן איינהייט צווישן היגע יידן, ווי וואָסער עס איז אַנדער פאַקטאָר. מען דאַרף דעריבער זיך ניט וואונדערן, וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה האָט ממש אַריינ־

געבראַכט אַ רעוואָלוציע אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אויב דער יידישער ישוב איז אַריינגעגאַנגען אין דער מלחמה ווי אַ קאַנגלאָמעראַט פֿון אָפּגעזונדערטע יידישע קרייזן און קליינלעך, איז ער פֿון איר אַרויסגעקומען ווי אַ קאָנסאָלידירטע געמיינדע, ווי אַן אויסגעקריסטאַליזירטע עטנישע אידענטיטעט.

ווי מיר האָבן געזען, איז דער מאָמענט פֿאַר אַזאַ קריסטיליזאַציע געווען רייף. אַלע אינערלעכע און דרויסנדיקע פֿאַקטאָרן וואָס האָבן געשפּייזט יידישע עטנישע צעמענטירטקייט האָבן זיך באַגעגנט און געשאַפֿן אַ סיטואַציע, וואָס אַמעריקאַנער יידן האָבן געקאָנט אויפֿנעמען נאָר דורך קאָאָפּעראַציע צווישן זייערע פֿאַרשיידענע גרופּירונגען און שיכטן. עס איז אָבער אַוועק די צייט פֿון צופֿעליקע באַגעגענישן און ספּאָנטאַנע אַקציעס; עס איז געקומען דער מאָמענט פֿון אָרגאַניזירטקייט און פּלאַנירטקייט. די אַנטוויקלונגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן עס געפֿאָדערט און נאָך מער האָט עס געפֿאָדערט די יידישע לאַגע אין דער וועלט. פֿון איין זייט האָט די מלחמה געבראַכט חורבן אין דעם יידישן לעבן אין אייראָפּע און איבערגעלאָזט הונדערטער טויזנטער יידן אין אַ לאַגע, אַז אָן הילף פֿון זייערע ברידער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן וואָלטן זיי געמוזט אומקומען; פֿון דער אַנדערער זייט האָט זי געבראַכט די באַלפֿור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דעם גלות געשאַפֿן אַ רעאַלע פּערספּעקטיוו פֿאַר יידן זיך צוריק צו קאָנסטיטוּאירן ווי אַ נאָרמאַלע נאַציע אין אַן אייגן לאַנד.ביידע זאַכן האָבן פֿאַרלאַנגט ריזיקע געלט־רעסורסן; ביידע זאַכן האָבן אויך געמוזט האָבן מאַקסימאַלסטע פּאָליטישע אונטערשטיצונג. דער יידישער ישוב איז שוין געווען גענוג עקאָנאָמיש סטאַביליזירט צו קאָנען נעמען אויף זיך די פֿינאַנציעלע פֿליכטן און האָט שוין געהאַט געשלאָגן גענוג טיפֿע וואָרצלען אין דער אַמעריקאַנער ערד צו קאָנען געבן פּאָליטישע הילף יידן אין אַנדערע לענדער. די פּאָליטישע הילף האָט געדאַרפֿט קומען פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, און האָט געדאַרפֿט גיין אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. די הילף האָט איינגעשלאָסן אַמעריקאַנער מלוכהשע אונטערשטיצונג פֿון יידישע פֿאָדערונגען אין אייראָפּע, אינטערווענץ לטובת יידישע אַספּיראַציעס אין ארץ ישראל, פּראָטעסט קעגן דער פֿאַרלעצונג פֿון יידישע רעכט אין אַנדערע לענדער און ענלעכע אַקציעס. דאָס אַלץ האָט קודם כל פֿאַרלאַנגט יידישע אייניקייט.

עס איז געווען גרינגער איינצושטעלן אייניקייט אויף די געביטן פֿון הילף, רעקאָנסטרוקציע און סאָציאַלע דינסטן, ווי אויף די געביטן וואָס האָבן אָנגערירט אידעאָלאָגיע — און דערפֿאַר איז טאַקע דער יידישער אינסטיטוציאָנאַליזם געוואָרן דער צענטער פֿון יידיש־עטנישער אייניקייט אין די פֿאַראייניקטע

שטאַטן. פריער איז געקומען די באַוועגונג צו פאַראייניקן די לאָקאַלע ייִדישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין איין צענטראַלער אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל פאַר זיי אַלע שאַפן די נייטיקע בודזשעטן פון איין געלט־קאַמפּאַניע און זאָל האָבן אויפזיכט איבער זייערע אַדמיניסטראַטיווע פירונגען אָן צו אָנרירן דער־ביי זייער אידעאָלאָגישע אויטאָנאָמיע. דער אָרגאַניזירטער אויסדרוק פון אָט דער באַוועגונג איז געווען — די פעדעראַציע. הגם די ערשטע פעדעראַציע האָט זיך געגרינדעט אין באָסטאָן נאָך אין 1895, איז זי אָבער אין גרויסן גאַנצן אַ פּראָדוקט פון דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די פּסיכאָלאָגישע שטימונג פאַר אייניקייט און די סאָציאַלע ענדערונגען וואָס האָבן געשאַפן אַ באַזע פאַר אייניקייט האָבן די פעדעראַציעס אַריינגעפירט אין אַלע שטעט מיט אַ באַטייטיקער ייִדישער באַפעלקערונג.

אָבער בעת די פעדעראַציע האָט געזאָרגט נאָר פאַר די לאָקאַלע הצטרכותן פון די אַמעריקאַנער ייִדן גופא, איז דער רוף פון אויסלאַנד געוואָרן אַלץ הילכיקער. דער ענטפער איז געקומען אין דער פאָרם פון דעם „דזשאָינט", פון דעם פאַראייניקטן ארץ ישראל אַפּיל און אַנדערע. האָט דאָס אָבער לכתחילה נאָר פאַרמערט די געלט־זאַמלונגען אויף דער ייִדישער גאַס, בעת דער דראַנג איז געווען צו אַ קלענערער צאָל, אָבער בעסער־אָרגאַניזירטע, קאַמפּאַניעס. און דאָ איז אויפגעקומען דער נאַציזם אין דייטשלאַנד און אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס פון די אַמעריקאַנער ייִדן הצטרכותן, וואָס לגבי זיי זיינען אַלע פריערדיקע אונטערנעמונגען געווען נישטיק־קליין. נייע אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען זיינען געוואָרן דער געבאָט פון דער שעה. דער וועלפער פאָנד איז געבוירן געוואָרן.

פון אַ פינאַנציעלן שטאַנדפּונקט הייבט דער וועלפער פאָנד אָן דאָרט, וואו די פעדעראַציע פאַרענדיקט. ער שליסט איין אַלע צוועקן, אינסטיטוציעס און באַוועגונגען וואָס גייען אַרויס פון די גרעניצן פון לאָקאַלע הצטרכותן, הגם עס איז דאָ אַ צאָל וועלפער פאָנדן, וואָס זיינען גלייכצייטיק אויך פעדע־ראַציעס. אָבער די וועלפער פאָנדן זיינען מער ווי אינסטרומענטן צו שאַפן גרעסערע געלט־סומעס מיט ווייניקער הוצאות: זיי זיינען צענטערן פון ייִדישער געזעלשאַפטלעכער קאָנסאָלידאַציע און פעסטונגען פון ייִדישער גרופּעשקייט. זיי זיינען די אָרענע, אויף וועלכער עס באַגעגענען זיך אַלע ייִדישע עלעמענטן און שיכטן סיי אין שייכות צו פּראַקטישע אויפגאַבעס סיי כדי צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג בנוגע צו אידעאָלאָגישע חילוקי דעות. זיי זיינען דער וויכטיק־סטער אָרגאַניזאַטאָרישער אויסדרוק פון דעם גייסט פון אוטיליטאַרישקייט, פון דער פילאָסאָפיע פון פּראַגמאַטיזם אין דער ייִדישער סביבה. זיי דעקן שוין היינט צו כמעט די גאַנצע ייִדישע פּראָווינץ, און אַ וועלפער פאָנד איז אין דעם

פּראָצעס פֿון ווערן אויך אין ניו יאָרק. אויב עס וועט ווען עס איז אויפֿקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַ קהילה מיט דער אויטאָריטעט פֿון דער אַמאָליקער קהילה, אָבער אָן איר צוואַנג־פּרעראָגאַטיוון, — וועט עס זײַן אויף דעם יסוד פֿון דעם וועלפֿער פֿאָנד.

אָבער דער אויפֿקום פֿון דעם נאַציזם האָט זיך געלאָזט פֿילן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ניט בלויז אין דעם זין פֿון אינטעסיפֿיצירן די אָנשטרענגונג גען פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן לטובֿת זייערע ברידער אין דעם היטלערישן יאַמערטאָל. פֿאַשיאַ־נאַציזם האָט מיט אַמאָל געשטעלט די אַמעריקאַנער ייִדן פֿאַר דעם פֿאַקט, אַז ייִדיש לעבן איז אין ערגעץ ניט פֿולשטענדיק זיכער, און אַז עס איז ניטאָ אַ לאַנד, וואָס איז אימון צו ייִדן־האַס. גראָד אין אַ צײַט, ווען אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען זײַנען געווען גינציק פֿאַר אַ פֿאַרשנעלערונג פֿון די אַסימילאַציע־פּראָצעסן אין דער ייִדישער באַפֿעלקערונג; גראָד דאַן, ווען די דעפּראָלעטאַריזאַציע, קאָמערציאַליזאַציע און אינטעלעקטואַליזאַציע זײַנען געווען אין פֿולן שוואונג און דער ישובֿ איז געווען אויף דעם וועג צו נאַטיוויזאַציע; גראָד דאַן, ווען די אינערלעכע ייִדישע קולטור איז שוין געווען שטאַרק צעטרייסלט צווישן די תּושבֿים און די ייִדישע שפּראַך האָט פֿאַרלוירן פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע אַפֿילו צווישן די אימיגראַנטן — גראָד דאַן איז אויפֿגעקומען אַן אָרגאַניזירטע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז אַנטיסעמיטיזם איז דורכאויס אַן אימפּאָרטירטער פּראָדוקט אין אַמעריקע: מיר האָבן געזען, אַז דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן און מאַניפֿעסטאַציעס פֿון ייִדן־האַס זײַנען אויך געווען אין לאַנד פֿריער, אָבער דער אייראָפּעאישער היטלעריזם האָט די אַנטי־ייִדישע עלעמענטן געגעבן דעם סטימול צו שאַפֿן אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס — עפּעס, פֿון וואָס מען האָט אין אַמעריקע פֿריער ניט געוואוסט. דער קלימאַט אין לאַנד האָט זיך אָנגעהייבן בייטן. די פּראָצענט־נאָרמעס אין די הויך־שולן, דאָס אויסשליסן ייִדן פֿון געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, דאָס פֿאַרמאַכן פֿאַר זיי אַ צאָל באַשעפֿטיקונגס־מעגלעכקייטן — אַלץ זאַכן, וואָס מען האָט פֿריער פּראַקטיצירט אין אַ באַגרענעצטער מאָס, און אַ ביסל פֿאַרשעמט — איז געוואָרן אַ מאַסנהאַפֿטיקע דערשיינונג, פֿאַר וועלכער מען האָט זיך אַפֿילו אויפֿגעהערט צו אַנטשולדיקן. ייִדן זײַנען געוואָרן אַ פּראָבלעם אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן; מצד געוויסע קרייזן האָט מען אַרויסגעזען אַ קלאָרע טענדענץ זיי צו אַרויסרוקן ווי די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר אַלץ וואָס איז ניט צופֿרידנשטעלנדיק אין לאַנד.

.26

און ניט צופרידנשטעלנדיק זיינען געווען אַסך זאַכן. דער אויפקום פון דעם נאַציזם אין דייטשלאַנד איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אין אָקטאָבער, 1929. יידן האָבן אין עקאָנאָמישן זין זיכער ניט געליטן פון דעם קריזיס מער ווי די אַנדערע טיילן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג און אַסך ווייניקער ווי נעגערס און אַנדערע ראַסן־מינדערהייטן, אָבער טיפער ווי וואָסער עס איז אַנדער גרופּע — האָבן זיי פון אים געליטן פּסיכאָלאָגיש. צום ערשטן מאָל האָבן יידן זיך דאָ דערפילט אומזיכער בנוגע זייער אייגענער עקזיסטענץ. אמת, אויף פולע הונדערט פּראָצענט האָט מען יידן קיין מאָל ניט אַקצעפּטירט אין אַמעריקע, אָבער זיי אַליין האָבן זיך געפילט אַזוי טיף פאַרוואָרצלט, אַז זיי האָבן אַפילו צום געדאַנק קיין מאָל ניט צוגעלאָזט די מעגלעכקייט, אַז ווען עס איז קאָן קומען אַ שטורם וואָס זאָל זיי אויך פון דער אַמעריקאַנער ערד אַרויסרייסן.

יידן האָבן ניט געקאָנט טראַכטן פון ווערן אַ מערהייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זיי זיינען דעריבער קיין מאָל ניט געווען קיין געפאַר — ניט פאַר דער הערשנדיקער רעליגיע, ניט פאַר דער דאָמינירנדיקער סאָציאַלער גרופּע. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אין אַסך פּרטים איז דאָ זייער אַנטוויקלונג געווען אַ רואיקערע און גלאַטערע, ווי די פון די קאַטוילישע עלעמענטן, וואָס האָבן, ווי מיר האָבן געזען, יאָ אַמביציעס צו ווערן אַ מאַיאָריטעט. ביי די פוריטאַנער און אַנדערע סעטלערס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער רעליגיעזן פאַנאַטיזם, האָבן יידן, בדרך כלל, געהאַט אַ בעסערע מערכה ווי די קאַטאָליקן און אַנדערע רעליגיעזע מינדערהייטן. דאָס מיינט ניט, אַז מען האָט זיי באַטראַכט פאַר גלייכע, אָבער מען האָט זיי טאָלערירט. „אין די גרעסערע פאַרמעסטן וואָס זיינען אָנגעגאַנגען" — זאָגט גוסטאַוואוס מייערס, רעדנדיק פון באַדינגונגען אין דעם ערשטן פערטל פון דעם 19טן יאָרהונדערט, — „זיינען זיי [יידן] געווען סובאָרדינירט אין אַ ניט־אָנגעזעענער פּאָזיציע, חוץ אין אַין היבזיכט וואָס האָט געשיינט צו צושטעלן אַ גענוגנדיקן אַרויסגאַנג פאַר לויערנדיקער אומטאָלעראַנץ. אויב אַ קאָנגרעגאַציאָנאַליסט, באַפּטיסט, מעטאָדיסט, עפּיסקאָפּעלער, קאַטאָליק אָדער אַנדער סאָרט קריסט האָט געגנבעט אָדער איז באַגאַנגען עפּעס אַן אַנדער ענלעכן ערנסטן פאַרברעך, איז אין די געדרוקטע באַריכטן ניט דערמאָנט געוואָרן זיין אמונה אָדער רעליגיעזע אַפּיליאַציע. זאָל אָבער אַ ייד אַריינפאַלן אפילו אין אַ לייכטער זינד, ווערט ברייט און ווייט באַקענט געמאַכט דער פאַקט, אַז ער איז אַ ייד" [1].

אַט דאָס האַלטן דעם יידישן כּלל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די האַנדלונגען פון אַ יידישן יחיד ציט זיך דורך ווי אַ רויטער שנור דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע אין גלות — און אין דער נייער וועלט ווי אין דער אַלטער. יידן האָבן אויך דאָ געדאַרפט, אין די קאָלאָניאַלע צייטן, קעמפן פאַר זייערע בירגער־רעכט און נאָך דער רעוואָלוציע — קעגן פּאָליטישע און סאָציאַלע דיסקרימינאַציעס. די דאָזיקע קאַמפן זיינען שוין פאַר זיך אַליין געווען עטני־זירנדיקע פאַקטאָרן, ווייל פון דעם, וואָס זיי האָבן געזוכט צו באַקעמפן, האָבן געליטן אַלע יידן אָן אויסנאַם. אָבער וויכטיק איז, אַז זיי האָבן זיך געפילט פעסט אין דער היים און דווקא זייער אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם האָט ניט דערלויבט, אַז זיי זאָלן, למען צוועקמעסיקייט, מאַכן קאָנצעסיעס צו די אַנטי־דעמאָקראַטישע מאַניפעסטאַציעס פון וועלכע זיי האָבן געליטן. די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס זיינען ניט געווען גענוג אָפט און גענוג דראָענדיק צו באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם שוץ פון רעכט פון יידן אין אַמעריקע. אויב די דאָזיקע רעכט זיינען אַמאָל אַטאַקירט געוואָרן, האָבן דעם קאַמף אויפגענומען אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן צו שיצן יידישע רעכט אין אַנדערע לענדער. ערשט זינט דעם אויפקום פון דעם היטלעריזם איז עס פאַר די אַמעריקאַנער יידן געוואָרן נייטיק אויפצוהאַלטן אָרגאַניזאַציעס, וואָס דער עיקר פון זייער עקזיסטענץ איז די באַקעמפונג פון אַנטיסעמיטיזם אין די פּאַראייניקטע שטאַטן גופא. און ווייל אַ גרויסע אומרואיקייט האָט אַרומגעכאַפּט די יידן אין אַמעריקע, טראָגן זיי היינט אַריין אין דער דאָזיקער באַקעמפונג אַסך מער אַפּאָלאָגעטיק און זיינען מער מסוגל צו מאַכן קאָמפּראָמיסן, ווי די יידן אין 18טן, 19טן און אין די ערשטע פאַר צענדליק יאָר פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. עס איז די טראַגעדיע פון דעם יידישן ישוב אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואָס דווקא דאַן ווען ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מאַטעריעלער איינאָרדנונג, איז ער אָפט געצוואונגען צו פאַרקוקן פאַרגוואַלטיקונגען פון זיינע עלעמענטאַרסטע ציווילע רעכט.

דאַרף מען זיך שוין ניט וואונדערן, וואָס עס האָט אין די לעצטע יאָרן זיך זייער אַסך פאַרשטאַרקט דער יידישער נאַציאָנאַליזם צווישן די אַמעריקאַנער יידן. ווידער איז דאָ פאַרגעקומען פּונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס איז געשען ביי אַנדערע עטנישע גרופּעס. ביי די לעצטע — וואָס לענגער זיי זיינען געווען אין לאַנד, אַלץ מער האָבן זיי זיך אויסגעלייזט פון דעם היימישן נאַציאָנאַליזם, ביז ער האָט זיך ביי זיי אין גאַנצן אויסגעוועפּט; ביי יידן איז ער מיט דער צייט אַנטשטאַנען אַפילו ביי יענע עלעמענטן, וואָס האָבן דעם עצם געדאַנק פון יידישן נאַציאָנאַליזם לכתחילה באַקעמפט. אַזעלכע עלעמענטן

זיינען געווען די, וואָס מיר האָבן כולל געווען אונטער דעם באַגריף דייטשע יידן און אַ צאָל סאָציאַליסטיש־געשטימטע יידישע אַרבעטער. מיט גאָר קליינע אויס־נאַמען זיינען זיי היינט אַלע אַקטיוו אין דעם פּראָצעס פון בויען ארץ ישראל. אַלע אָביעקטיווע פאָרשונגען באַשטעטיקן, אַז פון 80 ביז 90 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ציוניסטיש געשטימט. זי זעט אין דעם לחלוטין ניט קיין ווידערשפּרוך צו איר געטריישאַפט און פּאַט־ריאָטישער לאָיאַלקייט צו אַמעריקע. אַמעריקע איז די אינדיווידועלע היים פון די אַמעריקאַנער יידן, אָבער זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס יידישע פאָלק מוז האָבן אַ נאַציאָנאַלע היים.

דערפאַר איז דוקא אין די לעצטע יאָרן געקומען צו אַזאַ ענגער צוזאַמענ־אַרבעט צווישן די פאַרשיידענע יידישע גרופּירונגען. עס האָט אויפגעוואַכט דער אינטערעס צו יידישע ענינים ביי אַזעלכע יידן, וואָס אָדער זיי האָבן אים קיין מאָל ניט געהאַט אָדער ער האָט אין זיי איינגעשלאָפן. אויב צדקה האָט אומעטום געהאַט די טענדענץ צו פאַרגליווערן קלאַסן־ און קאַסטע־שיכטונג, האָט זי אין דעם יידישן לעבן צוגעטראָגן ניט ווייניק צו דער דעמאָקראַטי־זירונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט דערפאַר, ווייל ביי יידן קאָן צדקה ניט טראָגן קיין ריין־פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער. אפילו די, וואָס זיינען צו יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט געקומען אויף דעם וועג פון פילאַנ־טראָפּיע, האָבן געמוזט דערגיין צו אַן אָפּשאַץ פון יידישע גייסטיקע ווערטן און צו אַ פאַרלאַנג זיי צו פּרעזערווירן. מיט דעם דערקלערט זיך די פאַרגרע־סערטע אויפמערקזאַמקייט צו דער פראַגע פון געבן יידישע קינדער אַ יידישע דערציאונג.

כאַראַקטעריסטיש אין אָט דער פאַרבינדונג איז די פּאָזיציע, וואָס די יידישע שפּראַך פאַרנעמט איצט אין דער גייסטיקער באַלעבאַטישקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. יידיש ווי אַ גערעדטע שפּראַך גייט אונטער, אָבער די אַנערקענונג אַז יידיש איז אַ וויכ־טיקער פּראָדוקט פון דער יידישער פאָלקס־שאַפונג, איז היינט צו געפינען אפילו צווישן יענע עלעמענטן וואָס האָבן אויף יידיש אַמאָל געקוקט ווי אויף אַ העסלעכן זשאַרגאָן. דערפאַר איז מעגלעך, אַז צו די יידישע בילדונגס־ראַטן וואָס שאַפן זיך לעצטנס אין אַלע גרעסערע שטעט זאָלן געהערן ניט נאָר די שולן פון די פאַרשיידענע יידישע רעליגיעזע גרופּעס, נאָר אויך די סעקולערע שולן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג וואָס זיינען געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון יידיש ווי די לערן־שפּראַך. די וועלפער פאַנדן שטיצן היינט אי תלמוד תורות אי יידיש־וועלטלעכע שולן. צום טייל איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס אויסלערנענדיק זיך צו רעדן ענגליש, האָבן יידישע אַרבעטער

און סאָציאַליסטן געקראָגן צוטריט צו דער פירערשאַפט פון די יידישע אינסטי־טוציעס, וואָס זיינען פריער פאַר זיי געווען פאַרמאַכט. ענגליש ווי אַ מיטל פון עטנישער קאָנסאָלידאַציע — דאָס איז אַ דערשיינונג, וואָס בלויז ביי יידן קאָן מען זי זען.

מיר קאָנען איצט באַטראַכטן די פראַגע פון געמישטע חתונות, וואָס איז, ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט, דער סימן מובהק פון עטנישן גרופּע־אויפליז. עס פעלט אַזאַ אויסשעפּנדיקע סטאַטיסטיק פון געמישטע חתונות ביי יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווי עס איז דאָ אין קאַנאַדע, אָבער עס זיינען דאָ גענוג ציפערן צו דערלויבן אַ באַשטימטן אויספיר, איבערהויפּט ווען דער שרייבער פון אָט די שורות געפינט אַ באַשטעטיקונג אויף דעם דאָזיקן אויספיר אין לאַנגיאָריקע פערזענלעכע אָבסערוואַציעס וואָס נעמען אַרום אַלע וויכטיקערע שטעט אין לאַנד. און דער אויספיר איז: הגם מען האָט צווישן די צוויי מלחמות — סיי צוליב דער עקאָנאָמישער אומשיכטונג, סיי צוליב דער שטייגנדיקער נאַטיוויזאַציע, סיי צוליב דעם טיפערן אַריינדרינגען אין דער אַמעריקאַנער קולטור און סיי צוליב אַ כמעט פולשטענדיקער אַדאַפּטאַציע צו אַמעריקאַנער פאַרוויילונגס־ און רעקרעאַציע פאַרמען — געהאַט אַלע אורזאַכן צו דערוואַרטן אַן אומגעהייערן וואוקס פון געמישטע חתונות ביי יידן, איז דער דאָזיקער וואוקס נ י ט געקומען. דאָס מיינט ניט, אַז די צאָל געמישטע יידישע חתונות האָט זיך ניט פאַרגרעסערט, אָבער די פאַרגרעסערונג שטייט בשום אופן ניט אין פּראָפּאָרציע צו די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן און גינציקע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ גוטע לאַגע פאַר אַזעלכע חתונות. געמישטע חתונות זיינען זיכער אַ פּראָבלעם ביי יידן, אָבער ווייט פון צו זיין אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די וויכטיקסטע שטודיע איז נאָך אַלץ די, וואָס דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר יוליוס דרעקסלער האָט געמאַכט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ניו יאָרק און וואָס מיט אירע ניט־יידישע אַספּעקטן האָבן מיר זיך באַשעפטיקט אין דער צווייטער טייל פון אָט דער אַרבעט. וואָס איז שייך צו יידן, האָט דרעקסלער געפונען, אַז אין דעם פינף יאָר פּעריאָד 1908־1912 האָבן געמישטע חתונות ביי יידן אויסגעמאַכט עפּעס מער פון איין פּראָצענט (1.17). בלויז צווישן ווייסע און שוואַרצע איז פאַרגעקומען אַ קלענערער פּראָצענט געמישטע חתונות (1.08). אָבער שוין דאַן איז געווען צו מערקן, אַז געמישטע חתונות מערן זיך אין פּראָפּאָרציע צו דער סעקולערער אַנטוויקלונג פון אַ יידישער גרופּע. אַזוי האָבן, למשל, רומענישע יידן אַרויסגעגעבן ווייניקער פון אַ האַלבן פּראָצענט געמישטע חתונות, רוסישע יידן — קאַרגע צוויי־דריטל

פון איין פּראָצענט, בעת דייטשע ייִדן האָבן שוין געגעבן 5.16 פּראָצענט געמישטע חתונות און פראַנצויזישע ייִדן — 6.54 פּראָצ. אַמעריקאַנער געבוירענע פון דאָ־געבוירענע עלטערן האָבן געגעבן 4.26 פּראָצענט און ענגלישע ייִדן — 3.47 פּראָצענט [2]). אויבן האָב איך שוין דערמאָנט, אַז בעת ייִדישע אימיגראַנטן האָבן געגעבן ניט מער ווי צוויי־דריטל פון איין פּראָצענט געמישטע חתונות, איז דער פּראָצענט אויסגעוואָקסן ביים צווייטן דור ביז 4.51 — די צאָל געמישטע חתונות האָט זיך, הייסט עס, געצפּלט זיבן מאָל [3]). דאָס באַווייזט, אַז די טענדענץ פון די היגע דורות איז אין דער ריכטונג פון אַ העכערער ראַטע פון געמישטע חתונות. ווען מען נעמט דערביי אין אַכט, אַז די סטאַטיסטיק איז פאַר דער שטאָט ניו יאָרק, וואו עס געפינט זיך אַרום אַ העלפט פון גאָר דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לאַנד, און פאַר די יאָרן פון דער גרעסטער ייִדישער מאַסן־איינוואַנדערונג, ווען מאַסן ייִדן האָבן, ווי איך האָב געזאָגט אויבן, געקאָנט אויסלעבן זייער גאַנצן לעבן אָן באַריר מיט ניט־ייִדן — זעט מען, פאַרוואָס מען האָט מיט אַזאַ זיכערקייט געקאָנט פאָראויסזען אָן אומגעהייערן וואוקס פון געמישטע חתונות אין די שפּעטערדיקע יאָרן און בפּרט אין די קלענערע שטעט. די פאַרגרעסערונג, וואָס איז געקומען, האָט אין קיין שום פּרט ניט אַנטשפּראָכן די פאָראויסזעאונג.

קיין פאָרשונג פון דעם פאַרנעם, וואָס דר. דרעקסלער האָט דורכגעפירט אין ניו יאָרק, איז פאַרן לאַנד ווי אַ גאַנצן קיין מאָל ניט געמאַכט געוואָרן. אויך איז אַזאַ ערנסטע שטודיע פאַר ניו יאָרק גופא זינט אים ניט אונטערגענומען געוואָרן. עס איז דעריבער ניט מעגלעך צו מאַכן וואָסערע עס איז פאַרגלייכן, אָבער אַ באַגריף פון דער דינאַמיק אין געמישטע חתונות קאָן מען באַקומען פון אָפּגעריסענע ציפערן וואָס זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע פאָרשונגען. דר. בריקנער האָט געפונען, אַז די פעסטונג פון רעפאָרמירטן ייִדנטום, סינסינעטי, וואָס האָט אין דעם 20־טן יאָרהונדערט צוגעצויגן אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינעם צופלוס פון ייִדישע אימיגראַנטן און וואו די ייִדישע באַפעלקערונג האָט דערגרייכט אַ הויכן גראַד נאַטיוויזאַציע, האָט אין די יאָרן 18־1916 געהאַט 21 געמישטע חתונות אויף אַן אַלגעמיינער צאָל 582 ייִדישע חתונות, וואָס דאָס מאַכט אויס קאַרגע צוויי פּראָצענט, כמעט אידענטיש מיט דרעקסלערס ציפערן פאַר ניו יאָרק [4]). נאָך אַ קלענערע פּראָפּאָרציע האָט בעסי בלום וועסעל פעסטגעשטעלט פאַר וואונסאַקעט אין 1926 — בלויז אַרום איין פּראָצענט חתונות ביי ייִדן איז געווען פון אַ געמישטן כאַראַקטער [5]). די זעלביקע מחברין גיט אָן אין אַ צווייטער פאָרשונג, אַז אין בלויז 27 פון די 517 ייִדישע משפּחות אין ניו לאָנדאָן איז אין 1938 איינער פון די עלטערן געווען אַ ניט־ייִד [6]). אין סטעמפאָרד האָט, פאַר דעם זעלביקן יאָר, דר. קעניג געפונען אַ העכערן

פּראָצענט געמישטע חתונות. צווישן די 823 פּאָרלעך אין דער יידישער באַפעלקערונג, זיינען 59 געווען געמישטע. דאָס מאַכט אויס 7.2 פּראָצענט, אָדער ווען מען זאָל רעכענען ניט פּאָרלעך, נאָר יחידים — 3.7 פּראָצענט [7].

פֿאָרשונגען, וואָס זיינען אין דער זעלביקער צייט דורכגעפירט געוואָרן אין דער שטאַרק־אַמעריקאַניזירטער שטאָט סאַן פראַנציסקאָ, האָבן באַוויזן, אַז אומגעפער אין איין יידישער משפחה פון צען האָט זיך געפונען אַ ניט־יידישער מיטגליד [8]. אין דער נאָך מער אַמעריקאַניזירטער און היפּש־אַסימילירטער ניו אָרלעאַנס, — די איינציקע שטאָט אין לאַנד מיט אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון אַריבער הונדערט טויזנט צו האָבן מער רעפאָרמירטע יידן איידער אָרטאָדאָקסישע — האָט ראַבּיי פייבעלמאַן פעסטגעשטעלט, אַז איין יידישע משפחה פון יעדער 17 האָט אַ ניט־יידישן מיטגליד [9]. נאַטירלעך דעקן די ציפערן ניט אויף דעם פולן פאַרנעם פון געמישטע חתונות אין די צוויי שטעט, ווייל אַ גרויסער — אויב ניט דער גרעסטער — פּראָצענט יידן וואָס האָבן חתונה מיט ניט־יידן פאַלט אין גאַנצן אַרויס פון דער יידישער סביבה און רעכנט זיך מער ניט ווי אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. די ציפערן באַווייזן אָבער יאָ, אַז ניט אין אַלע געמישטע חתונות איז דאָס דער פאַל. די צאָל יידן וואָס פאַרלאָזן די יידישע עטנישע גרופּע ווען זיי האָבן חתונה מיט קריסטן איז זיכער גרעסער פון דער צאָל קריסטן וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט איר נאָך דעם ווי זיי האָבן חתונה מיט יידן, אָבער אין גאַנצן קיין איינזייטיקער פּראָצעס איז דאָס ניט. דער בעסטער באַווייז איז, אַז אין כמעט אין אַלע רעפאָרמירטע טעמפּלען געפינען זיך מיטגלידער פון ניט־יידישן אָפּשטאַם. אַזעלכע מיטגלידער האָבן אויך די קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס, און אפילו אין אָרטאָדאָקסישע שולן פעלן זיי ניט. דערמאָנט מען זיך, וואָס מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אַרויסגעבראַכט, נעמלעך, אַז אין אַ חתונה צווישן אַ ייד און קריסט געווינט ניט דער ייד אין סאָציאַלן סטאַטוס, נאָר דער קריסט פאַרלירט — דאַרף מען זיך ניט וואונדערן וואָס עס איז פונדעסטוועגן ניט אין גאַנצן פאַרמאַכט דער וועג פון דער ניט־יידישער צו דער יידישער גאַס.

איך האָב געזאָגט פריער, אַז געמישטע חתונות זיינען נאָך ניט קיין ערנסטע געפאַר פאַר יידיש־עטנישער קאָנטינואיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס וועט קלאָר, ווען מען פאַרגלייכט די לאַגע דאָ מיט די לענדער אין מערב־אייראָפּע פאַר דער היטלער־קאַטאַסטראָפע. דר. ענגעלמאַן ברענגט די וויכטערדיקע ציפערן וואָס זיינען באַזירט אויף רופּינען און אַנדערע קוואַלן.

פון 1921 ביז 1929 איז די צאָל געמישטע חתונות אויסגעוואַקסן אין דייטשלאַנד פון 29.4 אויף יעדע 100 האָמאָגענע יידישע חתונות ביז 59.0 אויף יעדע הונדערט. אין דער שווייץ זיינען אין 1920 געווען 13.2 געמישטע

חתונות אויף יעדע הונדערט האַמאַגענע, אין 1930 — 19 אויף יעדע 100. אין אונגאַרן זיינען אין 1933 געווען אויף יעדע 100 האָמאָגענע חתונות 32 געמישטע; אין עסטרייך, אין 1931, — 29.6 געמישטע חתונות אויף יעדע הונדערט האָמאָגענע; אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין 1933, — 11.3 אויף יעדע 100. "אַ דריטל פון אַלע חתונות ביי יידן אין קאָפּענהאַגען איז זינט דעם אָנהייב פון דעם 20טן יאָרהונדערט געווען געמישטע. אין אַמסטערדאַם האָט זיך דער פּראָצענט געמישטע חתונות אויפגעהויבן פון 5 ענדע 19טן יאָרהונדערט ביז 70 אין 1933. אין טריעסט איז דער פּראָצענט געשטיגן פון 17.9 אין 1903 ביז 56.1 אין 1927 [10]). אין קאַנאַדע האָבן זיך געמישטע חתונות אויפגעהויבן ביז 11.3 פּראָצענט אין 1943 [11]).

עס איז אוממעגלעך צו מאַכן וואָסער עס איז באַגרינדעטן סך הכל פון דער פּראָפּאָרציע געמישטע חתונות אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אָבער אויף דעם באָדן פון דעם פּאַראַנענעם מאַטעריאַל און פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס, דערלויב איך מיך צו מאַכן צוויי גענעראַליזאַציעס: 1) דער גרויסער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, די עקאָנאָמישע אומשיכטונג, דאָס סאָציאַלע געטאָ און די אָפּטעמפּונג פון די יחוס־שפּיצן אינערהאַלב אים האָבן פּאַר־קלענערט די נויטווענדיקייט פּאַרן יידן צו זוכן אַ שידוך דרויסן פון זיין אייגענער סביבה און זיינען געווען אַ פּאַקטאָר אין ניט דערלאָזן, אַז די פּאַר־מערונג פון געמישטע חתונות ביי יידן זאָל גיין מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ ווי זי איז געגאַנגען; 2) די אויפגעוואַכטע נאַציאָנאַלישקייט ביי די אַמעריקאַנער יידן נאָך דער היטלער־טראַגעדיע אין אייראָפּע האָט דעם טעמפּאָ נאָך מער פּאַרלאַנגזאַמערט. ווי עס זאָל ניט זיין, קאָן מען מיט באַשטימטקייט זאָגן, אַז די פּראָפּאָרציע פון געמישטע חתונות איז צווישן די אַמעריקאַנער יידן פון די סאַמע נידריקסטע וואָס מען קאָן געפינען אין לענדער פון יידישער עמאַנ־ציפּאַציע — פּערזענלעך בין איך גענויגט צו גלייבן: די נידריקסטע.

## 27.

פון וואָסער ווינקל מען זאָל ניט צוגיין צו יידישער אַנטוויקלונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, מוז מען קומען צו דעם זעלביקן אויספיר: יידן זיינען אַמאָל געגאַנגען מיט אַ באַזונדערן וועג, שטענדיק זיינען זיי געגאַנגען שנע־לער, אָבער געגאַנגען זיינען זיי אין דער זעלביקער ריכטונג, ווי דאָס לאַנד. זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אַלע איינפלוסן פון דער אַמעריקאַנער סביבה, זיך אַקאָמאָדירט צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען גיכער און גרינטלעכער ווי

אַנדערע, אָבער מחמת אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות, מחמת פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פאַקטאָרן — איז די אויסווירקונג פון די דאָזיקע פּראָצעסן ביי זיי ניט געווען די זעלביקע, ווי ביי אַנדערע. זיי זיינען די איינציקע ווייסע גרופּע וואָס פאַרלירט ניט איר אייגענע עטנישע קאָנסאָלידאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער דאָזיקער קאָנסאָלידאַציע פלעכטן זיך דורך ראַסן־מאָמענטן מיט קולטורעלע, סאָציאַלע מיט עקאָנאָמישע, רעליגיעזע מיט נאַציאָנאַלע. מען קאָן יידן ניט אַריינשטעלן אין קיין איינער פון די קאַטעגאָריעס, לויט וועלכע די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז גרופּירט. זיי זיינען ניט קיין אימיגראַנטן־קאָלאָניע, ניט קיין פּאָליטישע מינדערהייט און ניט קיין ראַסן־קאַסטע.

רעליגיע, האָבן מיר געזען, שפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אין דער יידישער גרופּע־אידענטיטעט — אַ פיל גרעסערע ראָלע, ווי מען קאָן מיינען בלויז פון דער פּראָפּאָרציע יידן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער סינאַגאָגע, וואָרום אַפילו די סעקולערע יידישע אינסטיטוציעס זיינען ניט פריי פון רע־ליגיעזער השפעה אָדער אַפיליאַציע. פונדעסטוועגן וואָלט עס געווען אַ טעות צו באַצייכענען דעם יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן בלויז ווי אַ רעליגיעזע געמיינדע. לויט דר. לינפעלדן, איז דער וואוקס פון דער צאָל שולן גרעסער ווי דער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. דאָס איז אָבער נאָך ניט קיין גענוגנדיקער באַווייז, אַז די רעליגיעזע שטימונגען פון די אַמעריקאַנער יידן האָבן זיך פאַרשטאַרקט אָדער אַז די השפעה פון דער סינאַגאָגע האָט זיך אויסגעברייט. אויף דעם באָדן פון זיינע אייגענע אָבסער־וואַציעס איז דער שרייבער גענויגט צו צושרייבן די פאַרגרעסערטע צאָל שולן צו די ווייטערדיקע סיבות: 1) מחלוקתן אין אַלטע שולן, וואָס פירן צו שפּאַל־טונגען אין די עקזיסטירנדיקע און דער גרינדונג פון נייע שולן; 2) איבער־רוקונג פון וואוינונג־געגנטן; 3) אינלענדישע מיגראַציעס, וואָס שאַפן יידישע קהילות דאָרט, וואו זיי זיינען פריער ניט געווען. מען קאָן, אמת, קאָנסטאַטירן אַ העכערונג אין דעם סך הכל מיטגלידער אין די שולן, אָבער דער דורכשניט מיטגלידער פער שול פאַלט אַפילו לויט לינפעלדס ציפערן. אַזוי געפינען מיר אין דעם רעליגיעזן צענזוס, אַז אין 1926 איז דער דורכשניט פער שול געווען 1309 יידן, אין 1936 — 1245 יידן [1]). איך זאָג יידן און ניט מיטגלידער דערפאַר, ווייל צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות פאַררעכנט דר. לינפעלד, דער דירעקטאָר פון דעם יידיש־רעליגיעזן צענזוס אין 1926 און 1936, יעדער יידן פאַר אַ מיטגליד פון אַ שול. אַז דאָס איז אַ פאַלשע קלאַסיפיקאַציע, וואָס אַנטשפּרעכט אין קיין שום פּרט ניט דיווירקלעכקייט, וועט באַשטעטיקן יעדער אָבסערוואַטאָר פון יידיש לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און יעדער פּרואוו־

פאָרשונג וואָס איז אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן — שוין ניט צו רעדן פון דעם, וואָס דר. לינפעלדס ציפערן פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג בכלל צייכענען זיך ניט אויס מיט פינקטלעכקייט. די בירדס מאַכן די קאַטעגאָרישע באַהויפטונג, אַז אין 1926 איז ניין־צענטל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — אַנטקעגן אַ העלפט פון דער ניט־ייִדישער — „געווען דרויסן פון דעם גדר פון אָרגאַניזירטער רעליגיע"[2]). איך מיין, אַז דאָ איז זייער שטאַרק אונטערגעשאַצט די צאָל מיטגלידער אין די שולן, אָבער אַז די ייִדישע צוגעהעריקייט צו דער סינאַגאָגע איז פּראָפּאָרציאָנעל קלענער ווי די צוגעהעריקייט פון קריסטן צו דער קירכע — איז אויסער יעדער ספק.

וועגן סטעמפאָרד דערציילט דר. קעניג, אַז בעת 100 פון די 150 ייִדישע משפחות וואָס האָבן זיך אין 1908 געפונען אין שטאָט, האָבן אין יענעם יאָר געהערט צו דער אָרטאָדאָקסישער שול, האָבן בלויז 148 פון די 960 משפחות וואָס זיינען געווען אין סטעמפאָרד אין 1938, צו איר געהערט. אמת, עס איז פאַר דער צייט צוגעקומען אַ קאָנסערוואַטיווע שול, זי האָט אָבער ניט אַריינגעצויגן אַפילו קיין קליינע טייל פון די וואָס זיינען אָפגעפאַלן פון דער אָרטאָדאָקסישער שול[3]). אין סאַן פראַנציסקאָ האָבן בלויז 18 פון יעדע הונדערט משפחות אין 1938 געהאַט איינעם אָדער מער מיטגלידער אין אַ סינאַגאָגע[4]). די פאָרשונג פון דער ניו יאָרקער יוגנט, וואָס איז שוין אַ פאָר מאָל דערמאָנט געוואָרן, האָט דורכגעפירט אַן אַנקעטע צווישן די אויסגעפרעגטע וועגן דעם, צי זיי זיינען געווען אין אַ קירכע אָדער אין שול אין דער וואָך איידער די אַנקעטע איז גענומען געוואָרן. אָט זיינען די ענטפערס: 60.5 פראָצענט פון די 2,092 אויסגעפרעגטע קאַטוילישע בחורים און 37.8 פראָצענט פון 739 פראָטעסטאַנטישע בחורים זיינען געווען אין אַ קירכע, אָבער בלויז 10.8 פראָצענט פון 1,324 ייִדישע בחורים זיינען געווען אין אַ שול. 69.5 פראָצענט פון די 2,229 קאַטוילישע מיידלעך און 42.2 פראָצענט פון די 844 פראָטעסטאַנטישע האָבן געענטפערט מיט יאָ אויף דער פראַגע, צי זיי זיינען אין דער באַטרעפנדיקער וואָך געווען אין אַ קירכע. פון די ייִדישע 1,465 מיידלעך זיינען בלויז 6.6 פראָצענט געווען אין אַ שול[5]). אויף דעם גרונט פון פאָרשונגען, וואָס די ברוקלינער פעדעראַציע פון פראָטעסטאַנטישע קירכעס און מיסיעס (ברוקלין טשוירטש ענד מישיאָנערי פעדעריישאָן) האָט דורכגעפירט אין די יאָרן 1945־6, דריקט זי אויס די מיינונג, אַז מאַקסימום אַ פערטל פון דעם מיליאָן ייִדן וואָס וואוינען אין ברוקלין געהערט צו אַ שול[6]). מען וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך ביישפּילן צו באַשטעטיקן, אַז די מערהייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז ניט־אַפיליאירט צו דער סינאַגאָגע. נאָך אַמאָל איז נייטיק צו אונטערשטרייכן, אַז דאָס מיינט ניט אַז די אומאַפיליאירטע האָבן ניט עפּעס אַן אַנ־

דער פאַרבינדונג מיט אָרגאַניזירטער רעליגיע. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי בני ברית, קאָמיוניטי צענטערן און אַנדערע זיינען אין זייער עצם רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

די ניט־רעליגיעזע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיינען, ניט ווייניקער פון די רעליגיעזע, פאַראינטערעסירט אין אויפהאַלטן און פאַרזעצן יידיש־עטנישע אידענטיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער רעליגיעזער מאָמענט איז אפשר געווען אַן אַנטשיידנדיקער אין דער גרינדונג פון די יידישע פילאַנטראָפּישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס — שוין די איין פראַגע פון כשרות איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גרינדונג פון צענדליקער יידישע שפּיטאָלן, מושבי זקנים, יתומים הייזער א. א. וו. אַנדערע רעליגיעזע הצטרכותן און מנהגים האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון נאָך אינסטיטוציעס, וואָס זיינען היינט ביכולת צו באַפרידיקן אַלע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן פון דעם יידישן מענטשן, אַזוי אַז ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען ניט צו גויישער פּריוואַטער הילף ניט צו מלוכהשע אינסטאַנצן. אַ צאָל פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן זיך אויפגעהערט פירן אין הסכם מיט דעם יידיש־רעליגיעזן שטייגער, נאָך אַ גרעסערע צאָל ווערט אָנגעפירט פון יידן, וואָס האָבן אַליין קיין שום אינטערעס ניט אין דעם דאָזיקן שטייגער און שליסן אים אויס פון זייער פּערזענלעכן לעבן — פונדעסטוועגן איז זייער פאַראינטערעסירטקייט אין די אינסטיטוציעס דורך דעם ניט קלענער געוואָרן. ווי מיר האָבן געזען, איז דער יידישער אינסטיטוציאָנאַליזם קיין מאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק און אַלץ־אַרומנעמענדיק ווי איצט; קאָן מען דאָס ניט צושרייבן בלויז צו רעליגיע.

בכלל ווערט די ווירקונג פון רעליגיע שוואַכער אין די גרויסע שטעט. „דער זשאַווער פון אורבאַנישער מאָדערנקייט" — דערקלערט די דערמאָנטע פאָרשונג פון דער ברוקלינער פּראָטעסטאַנטישער קירכע — „האָט אַ צעפרעסנדי ווירקונג אויף פּראָטעסטאַנט, ייד און קאַטאָליק צוגלייך" ⁷). ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: אויף דעם ייד איז די ווירקונג אַ גרעסערע, ווייל ער איז דער אורבאַנישסטער פון די דריי. אָבער זיין עטנישע אידענטיטעט — ניט ער וויל עס אויפגעבן, ניט מען לאָזט אים אויפגעבן. אין דעם אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ לייזט ער זיך ניט אויף. ער האָט איינגעהאַלטן זיין פעאיקייט צו אַריינטראָגן אַן אייגנאַרטיקן טאָן אין דעם אָרקעסטער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע אַפילו נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרלוירן זיין אייגענעם שפּראַך־אינסטרומענט. אין דעם זין פון גייסטיקער אייגנאַרט, רעליגיעזער באַזונדערקייט, עטנישער קאָנסאָלידאַציע און סאָציאַלער סאָלידאַריטעט, — אָבער ניט אין דעם זין פון

פּאָליטישער אײנהײט — קאָן מען יידן באַטראַכטן פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

.28

מיר זיינען ביים סוף פון אונדזער אַנאַליז. עס בלייבט אונדז בלויז צו סומירן דאָס געזאָגטע.

1. די אַלגעמיינע פּראָצעסן וואָס האָבן דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקע געגעבן איר ספּעציפישן אויסזען, האָבן אויך געפורעמט דאָס לעבן פון אַלע עטנישע גרופּעס און געגעבן ריכטונג זייער איינאָרדנונג אין לאַנד. דער גייסטיקער באַגאַזש, וואָס די דאָזיקע גרופּעס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, האָט באַווירקט דעם טעמפּאָ פון די פּראָצעסן און זייער אויסווירקונג.

2. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג איז דער מהלך צווישן קולטור און ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן אין אַלע אַרויסשטראַלן פון דעם אַמעריקאַנער געניוס.

3) אַ דאַנק דעם דאָזיקן מהלך האָט די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע איינ־געזאַפּט אין זיך עלעמענטן פון גייסטיקער סטאַנדאַרטיזאַציע וואָס זיינען געווען זייער ניט־גינציק פאַר דער אַנטוויקלונג פון פאַרשידנאַרטיקייט אין דער אַמע־ריקאַנער קולטור.

4. להיפּוך צו די פּיאָנערן, וואָס האָבן געבויט אַ נייע ציוויליזאַציע אויף דעם יסוד פון אַן אַלטער קולטור, האָבן די עטניקערס פאַרוואָרפן אַלטע קול־טורן כדי בעסער זיך צו אַריינפּאַסן אין דער נייער ציוויליזאַציע. וואָס גרינט־לעכער די דאָזיקע צופּאַסונג איז געווען מצד אַן עטנישער גרופּע, אַלץ מער האָט זי זיך דערוויטערט פון דער קולטור און פון דעם לעבן־שטייגער פון דעם פאָלק פון איר אָפּשטאַם און אַלץ לויזער איז געוואָרן איר פאַרבינדונג מיט אים.

5. וואָס מער אַן עטנישע גרופּע איז נאַציאָנאַל געדריקט אין איר אַלטן וואוין־לאַנד, אַלץ לענגער האַלט זי זיך ווי אַ גרופּע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

6. וואָס גרעסער עס איז דער אונטערשייד — רעליגיעז, ראַסיש, קולטורעל אָדער סאָציאַל — צווישן אַן עטנישער גרופּע און די יאַנקיס, אַלץ דויערנדיקער איז איר עטנישע סאָלידאַריטעט.

7. עקאָנאָמישער פאַרשריט פאַרטיפט סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין די עטנישע גרופּעס און די סאָציאַלע דיפערענציאַציע פירט צו עטנישער דעזאינ־טעגראַציע. יידן זיינען אין דעם פרט אַן אויסנאַם.

8. שפּראַך־אַסימילאַציע פּירט ביי אַלע עטנישע גרופּעס צו נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע. יידן זיינען אויך אין אַט דעם פּרט אַן אויסנאַם.

9. יידן האָבן דורכגעמאַכט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן די זעלביקע פּראָצעסן, וואָס אַנדערע עטנישע גרופּעס, אָבער מחמת אַ ריי אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות, איז די אויסווירקונג ביי זיי געווען אַן אייגנאַרטיקע. די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט איז נאָך געוואָרן אינטענסיפֿיצירט מיט דעם, וואָס אין דער יידישער אַנטוויקלונג האָט זיך געמערקט אַ ריי דערשיינונגען, וואָס עס איז ניט צו געפֿינען ביי קיין שום אַנדער גרופּע אין לאַנד.

10 אַ דאַנק אָט די סיבות און דערשיינונגען האַלטן יידן אויף זייער עטנישע אידענטיטעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אינערלעכע גייסטיקע כחות פֿאַראייניקן זיך מיט דרויסנדיקן דרוק צו באַשאַפֿן אַ פּערמאַנענטע געטאָ, וואָס באַגלייט דעם יידן פֿון זיין געבוירן ביז זיין שטאַרבן.

11. דאָרט, וואו יידישע אַנטוויקלונג גייט פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דעם לאַנד בכלל, ווייזן יידן אַרויס אַ טענדענץ זיך צו באַוועגן אין אַ שנעלערן טעמפּאָ. גורם דערצו איז זייער גרעסערע אורבאַנישע טראַדיציע, זייער ברייטערע דערפֿאַרונג אין צופּאַסונגס־מעטאָדן און דער קלענערער מהלך ביי זיי צווישן קולטור און ציוויליזאַציע.

12. אין די הערשנדיקע סאָציאַלע באַדינגונגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ביי דעם עקזיסטירנדיקן מצב פֿון דעם יידישן פֿאָלק אין דער וועלט איז ניט פֿאַראויסצוזען, אַז יידן וועלן זיך דאָ אויפֿלייזן ווי אַ באַזונדערע גרופּע. אין דעם זין זיינען זיי ענלעכער צו די פֿאַרביקע ראַסן, — נעגערס, כינעזער, יאַפּאַנעזער, אינדיאַנער א. אַ., — וואָס געפֿינען זיך דאָ אין אַ צושטאַנד פֿון קאַסטעס אָדער האַלבע־קאַסטעס, ווי צו די אַנדערע אימיגראַנטן־גרופּעס וואָס זיינען אַהער געקומען פֿון אייראָפּע. אָבער בנוגע צו יידן איז דער דאָזיקער צושטאַנד בלויז צום טייל אַרויפֿגעצוואונגען דורך דער טיראַניי פֿון דער מערהייט. ער איז אויך אין ניט קיין קלענער מאָס דער רעזולטאַט פֿון פֿרייען אויסוואַל מצד די יידן גופֿא. דעריבער פּאַסט זיך פֿאַר זיי דער באַגריף נאַציאָנאַליטעט בעסער ווי קאַסטע. אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען שטייט פֿאַר זיי ניט פֿאַר קיין אַנדער סטאַטוס ווי דער סטאַטוס פֿון אַ מינדערהייט, אָבער ניט פֿון אַזאַ אונטערדריקטער מינדערהייט ווי די נעגערס. אין די ראַמען, אין וועלכע זיי מוזן זיך באַוועגן, איז נאָך דאָ אַ פּלאַץ פֿאַר עקספּאַנסיע און פּראָגרעס.

עס איז ניט די אויפֿגאַבע פֿון אָט דער אַרבעט צו ענטפֿערן, צי עס איז גוט פֿאַר יידן דאָס, וואָס זיי וועלן אפשר מיט דער צייט פֿאַרבלייבן די איינציקע אויסנאַם פֿון צווישן די ווייסע עטנישע גרופּעס. פֿאַר דעם לאַנד איז

דאָס זיכער קיין רעה ניט. וואָרים, נאָר ווי אַ געמיינדע קאָנען ייִדן צום בעסטן און ווירקזאַמסטן אַריינטראָגן זייער טאָן אין דער אַמעריקאַנער סימפֿאָניע און דורך דעם העלפֿן פֿאַרשיטן דעם תהום צווישן דער קולטור און ציוויליזאַציע. פֿאַר ייִדן גופֿא איז דאָס אַ פֿאַקט: זיי עקזיסטירן ווי אַן עטנישע גרופּע און אין דער פֿאָראויסזעבאַרער צוקונפֿט וועלן זיי ווי אַזאַ פֿאַרבלייבן אַפֿילו נאָך דעם, ווי עס וועט אויפֿגעבויט ווערן דער ייִדישער שטאַט אין ארץ ישׂראל. פֿאָדערן דעריבער סיי זייער אייגענער וואוילזיין סיי די אינטערעסן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַז זיי זאָלן זייער עטנישקייט אָנפֿילן מיט וואָס מער פּאָזיטיוון אינהאַלט און זייער גרופּעשע אידענטיטעט טראָגן מיט שטאָלץ. דער אונטערשייד צווישן זיי און אַ קאַסטע אָדער האַלב־קאַסטע איז די פֿרייוויליקייט וואָס זיי ברענגען אַריין אין זייער באַזונדערקייט. אויב זיי וועלן זיך האַלטן ווי אַן עטנישע גרופּע נאָר דערפֿאַר, ווייל די מערהייט וויל זיי ניט איינשלינגען — וועט זייער עקזיסטענץ טראָגן דעם צייכן פֿון די אַלע פֿרוסטראַציעס און ביטערנישן וואָס באַגלייטן אַרויפֿגעצוואונגענע אָפּגעזונדערטקייט, און דער גאַנצער אומגליק פֿון מאַרגינאַלישקייט וועט זיך אָראָפּדריקן אויף זייער נשמה. אויב, פֿאַרקערט, זייער גרופּעשקייט וועט זיין באַזירט אויף זייער ווילן צו לעבן און צו באַרייכערן אַמעריקע מיט אַלץ, וואָס איז שעפֿעריש־אייגנאַרטיק אין זיי — וועלן זיין זייער אויסנאַמיקייט פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿרייד פֿאַר זיך און אין אַ ברכה פֿאַר די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

# נאָטיצן און ביבליאָגראַפיע

# ערשטע טייל

## קאַפּיטל 1.

1. עדוואַרד דזשאַוורים: היסטאָרי אָוו די פּראָגרעס אָוו פּאָפּולײשאָן אין די יונײַטעד סטײטס, ז. 5.
2. טשאַרלס און מערי בירד: די רײַז אָוו אַמעריקאַן סיווילײזײשאָן, 1־טער באַנד, ז. 125. (ציטירט מיט דערלויבניש פון מעקמילאַן קאָ.)
3. גאַנאַר מורדאַל: די אַמעריקאַן דילעמא, ז. 50.
4. בראַון און רוטשעק, רעד.: אור רײשיעל ענד נעשאָנאַל מינאָריטיס, ז. 6. (ציטירט מיט דער דערלויבניש פון פּרענטיס־האָל קאָ.)

## קאַפּיטל 2.

1. פ. דזש. טורנער: די פראָנטיר אין אַמעריקאַן היסטאָרי, ז. 12.
2. גערעלד שאונעסי: העס די אימיגראַנט קעפּט היס פּעיט? ז. 36.
3. מאַרקוס לי האנסען: די אימיגראַנט אין אַמעריקאַן היסטאָרי, ז. 111.

## קאַפּיטל 3.

1. ריטשמאנד מאַיאָ סמיט: עמיגרײשאָן ענד אימיגרײשאָן, ז. 53.
2. גוסטאַוואוס מײערס: היסטאָרי אָוו ביגאָטרי אין די יונײַטעד סטײטס, ז. 3.
3. ווערנאָן לואיס פּאַרינגטאָן: מײן קורענטס אין אַמעריקאַן טהאוט, 1־טער באַנד, ז. 191.
4. טשאַרלס עדוואַרד מעריאַם: א היסטאָרי אָוו אַמעריקאַן פּאָליטיקאַל טהאוט, ז. 1.
5. סטואַרט ג. נאָבל: א היסטאָרי אָוו אַמעריקאַן עדיוקײשאָן, ז. 7.
6. האָוואַרד ק. ביל: א היסטאָרי אָוו פרידאָם אָוו טיטשינג אין אַמעריקאַן סקולס, ז. 12.
7. ריטשאַרד ג. בון: עדיוקײשאָן אין די יונײַטעד סטײטס, ז. 63.
8. ביל, ז. 5.

## קאַפּיטל 4.

1. בירד, ערשטער באַנד, ז. 525.
2. טורנער, ז. 3.
3. ד. ג., ז. 184.
4. וו. פ. קאַלווערטאָן: די ליבערײשאָן אָוו אַמעריקאַן ליטעראַטשור, ז. 1.
5. ביל, ז. 79.

### קאַפּיטל 5.

1. פאַרינגטאָן, צווייטער באַנד, ז. IV.
2. ציטירט פון נאַבל, ז. 133.
3. בירד, ערשטער באַנד, ז. 631.

### קאַפּיטל 6.

1. אַלעקסיס דע טאָקוויל: דעמאָקראַסי אין אַמעריקאַ, ערשטער באַנד, ז. 45.
2. מעריאַם, ז. 84.
3. דזשיימס ברייס: די אַמעריקאַן קאָמאָנוועלט, צווייטער באַנד, ז. 17.
4. דזשאָן דיואַי: פרידאָם ענד קאַלטשור, ז. 8.
5. די פעדעראַליסט, ז. 46.
6. ד. ג., ז. 211.
7. מעריאַם, ז. 289.
8. ברייס, ערשטער באַנד, ז. 25.
9. פאַרינגטאָן, דריטער באַנד, ז. 285.

### קאַפּיטל 7.

1. מוירדאַל, ז. X VII.
2. וויליאַם סאַמנער דזשענקינס: פּראָ־סלייווערי טהאָוט אין די אָלד סאַוט, ז. 212.
3. ד. ג., זז. 3־192.
4. ד. ג., ז. 149.

### קאַפּיטל 8.

1. אַרטור מ. שלעזינגער, דער יונגער: די איידזש אָוו דזשעקסאָן, ז. 8.
2. ד. ג., ז. 18.
3. ד. ג., ז. 312.
4. ביל, ז. 75.

### קאַפּיטל 9.

1. טורנער, ז. 259.
2. דאָנאַלד ר. טעפּט: היומען מייגריישאָנס, ז. 231.
3. ביל, ז. 75.
4. דע טאָקוויל, ערשטער באַנד, ז. 300.
5. ד. ג., ז. 267.
6. ביל, ז. 77.
7. דע טאָקוויל, ערשטער באַנד, ז. 43.

### קאַפּיטל 10.

1. נאָבל, ז. 11.
2. בראַון און רוטשעק, ז. 760.

3. בריס, צווייטער באַנד, ז. 281.
4. מעריאַם, ז. 328.
5. וויליאַם דזשיימס: פּראַגמאַטיזם, ז. 50.
6. ד. ג., זז. 54־5.
7. דזשאָן דיואי: קעריעקטערס ענד איווענטס, ז. 448.
8. ציטירט פון עווערעט סטאַנקוויסט: די מאַרדזשינאַל מען, 211.
9. נאָבל, ז. 47.

### קאַפּיטל 11.

1. קאַלווערטאָן, ז. 232.
2. דזשיימס בריס, צווייטער באַנד, ז. 260.
3. ד. ג., ז. 261.
4. פּארינגטאָן, דריטער באַנד, XXIV.
5. טורנער, ז. 31.
6. מאָריס הילקוויט: היסטאָרי אָוו סאָשעליזם אין די יונייטעד סטייטס, ז. 319.

### קאַפּיטל 12.

1. בריס, צווייטער באַנד, ז. 281.
2. בירד, ערשטער באַנד, ז. 529.
3. דזשאָן דיואי: קעריעקטערס ענד איווענטס, ז. 450.
4. ביל, ז. 71.
5. קאַלווערטאָן, ז. 84.
6. בירד, ערשטער באַנד, ז. 462.
7. וואַלדאָ פראַנק: אור אַמעריקאַ, ז. 30.

### קאַפּיטל 13.

1. טורנער, ז. 158.
2. לאַק און שטערן, רעדאַקטאָרן: ווהען פּיפּלס מיט, ז. 229.
3. פּארינגטאָן, דריטער באַנד, ז. 15.

### קאַפּיטל 14.

1. בירד: צווייטער באַנד, ז. 205.
2. ד. ג., ז. 257.
3. סטואַרט טשייס: די ראָוד ווי אַר טראַוועלינג, ז. 12.
4. בירד: צווייטער באַנד, ז. 426.

### קאַפּיטל 15.

1. בירד: צווייטער באַנד, ז. 399.

### קאַפּיטל 16.

1. דזשאַוורים, ז. 11.
2. לאַרימער און אַסבאַרן: דיינאַמיקס אָוו פּאָפּיולייּשאָן, ז. 13.
3. האַנסען, זז. 5־24.

---

## צווייטע טייל

### קאַפּיטל 1.

1. ט. דזש. וואָופּטער, דער יונגער: רייסעס ענד עטניק גרופּס אין אַמעריקאַן לייף, זז. 3־2. (ציטירט מיט דערלויבניש פון מעקגראָו־היל־בוק קאָ.)
2. פרעדעריק ט. וויטקע: ווי הו בילט אַמעריקאַ, ז. 3.
3. ד. ג., ז. 96.
4. וואָופּטער, זז. 23־22.
5. הענרי פּ. פערטשיילד: אימיגריישאָן, ז. 33.
6. אייזיק א. הורוויטש: אימיגריישאָן ענד לייבאָר, ז. 63.
7. ד. ג., ז. 63.

### קאַפּיטל 2.

1. בירד: ערשטער באַנד, ז. 640.
2. ד. ג., ז. 641.

### קאַפּיטל 3.

1. לאָרענס ג. בראַון: אימיגריישאָן, ז. 20.
2. לאַק און שטערן, ז. 708.
3. ל. ג. בראַון, ז. 119.
4. ד. ג., ז. 213.
5. ד. ג., ז. 123.
6. טעפּט, ז. 247.
7. העראָלד א. פאָוקנער: אַמעריקאַן עקאָנאָמיק היסטאָרי, ז. 360.

### קאַפּיטל 4.

1. עדוואַרד פּ. ראָבערטס: איירלאַנד אין אַמעריקאַ, ז. 20.
2. ד. ג., ז. 41.
3. הורוויטש, זז. 6־65.
4. ד. ג., ז. 232.
5. טאָמאַס ס. עדעמס און העלען ל. סומנער: לייבאָר פּראָבלעמס, ז. 71.
6. שאָונעסי, ז. 129.
7. ראָבערטס, ז. 76.
8. וויטקע, ז. 153.
9. ד. ג., ז. 156.

קאַפּיטל 5.

1. שאָונעסי, ז. 57־8.

קאַפּיטל 6.

1. בריס, צווייטער באַנד, ז. 291.

קאַפּיטל 7.

1. ראָבערטס, ז. 80.
2. מייערס, ז. 161.
3. ד. ג., ז. 169.
4. ד. ג., ז. 188.
5. ד. ג., ז. 200.

קאַפּיטל 8.

1. הערמאַן פעלדמאַן: ריישיעל פעקטאָרס אין אַמעריקאַן אינדוסטרי, ז. 137.
2. ד. ג., ז. 137.
3. ראָבערטס, ז. 110.
4. וויטקע, ז. 177.
5. בראַון און רוטשעק, ז. 643.
6. ראָבערטס, ז. 176.
7. בירד, ערשטער באַנד, ז. 811.
8. שאָונעסי, ז. 262.
9. ראָבערטס, ז. 210.

קאַפּיטל 9.

1. דזשאַן א. האוגוד: די טראַדזשעדי אָוו דזשוירמאַן־אַמעריקאַ, ז. 41.
2. ד. ג., ז. 270.
3. הילקוויט: סאָציאַליזם א. אַ. וו., ז. 225.
4. ד. ג., ז. 258.
5. דזשערעמאַיאַ וו. דזשענקס און וו. דזשעט לאוק: די אימיגריישאַן פּראָבלעם, ז. 315.
6. וויטקע, ז. 74.
7. בראַון און רוטשעק: וואַן אַמעריקאַ, ז. 101. (אַלע ציטאַטן מיט דער דערלויבניש פון דער פּרענטיס־האָל קאָמפּאַניע, וועלכע האַלטן, אַלס פאַרלעגער דעם קאָפּירייט)
8. ל. ג. בראַון, ז. 74.
9. האוגוד, ז. 123.
10. ד. ג., ז. 128.
11. ד. ג., ז. 199.
12. ד. ג., ז. 38.
13. ד. ג., ז. 99.
14. ד. ג., ז. 109.
15. זעכצנטער צענזוס, פּאָפּולייטשאַן, מאָטהער טאָנג, טאַבעלע 2.

### קאַפּיטל 10.

1. לאַק און שטערן, ז. 479.
2. ראַלף וואָוד, רעד.: פּענסילווייניע דזשווירמאַנס, ז. 245.
3. ד. ג., ז. 48.
4. ד. ג., ז. 49.
5. ד. ג., ז. 49.
6. ד. ג., ז. 105.
7. ד. ג., ז. 112.

### קאַפּיטל 11.

1. ל. ג. בראַון, ז. 104.
2. האַוגוד, ז. 233.
3. ד. ג., ז. 100.
4. 16־טער צענזוס: מאָטהער טאָנג, טאַבעלע 8.
5. קאָמאָן קאָנסיל פאָר אַמעריקאַן יוניטי: טהיס אַמעריקא; אינטוירפּרעטער רעליסעס, 26־טן יולי, 1935; סעפּטעמבער, 1941; יאָראָסלאַוו טשיז; אָקטאָבער 13, 1943; יוני 12, 1947.
6. טאָמאַס טשאַפּעק: הי טשעקס אין אַמעריקא, ז. 5־164.

### קאַפּיטל 12.

1. האַנסען: זז. 85־84.
2. דזשאַן ר. קאָמאָנס: רייסעס ענד אימיגראַנטס אין אַמעריקא, ז. 214.
3. ד. ג., ז. 220.
4. וויטקע, ז. 263.
5. ד. ג., ז. 280.
6. וואָן אַמעריקא, ז. 66.
7. קאָמאָן קאָנסיל: אינ. רעליס, אָקט. 13, 1943.
8. ד. ז. אינטער. רעליס, יוני 12, 1947.
9. וואָן אַמעריקא, ז. 55.
10. 16־טער צענזוס, מאָטהער טאָנג, טאַבעלע 11.
11. וואָן אַמעריקא, ז. 56.
12. עדמונד דע ס. ברונער: אימיגראַנט פאַרמערס ענד טהעיר טשילדרען, ז. 157.
13. ד. ג., ז. 173.
14. ד. ג., ז. 173.

### קאַפּיטל 13.

1. וואָן אַמעריקא, ז. 98.
2. האָוארד מ. דזשאָנס: אַמעריקא ענד פרענטש קאַלטשור, ז. 351.
3. פעדעראַלער שרייבער פּראָיעקט: ניו אָרלעאַנס סיטי גייד, ז. XXI.
4. ד. ג., ז. 111.

5. פּעדעראַלער שרייבער פּראָיעקט: לואיזיאַנאַ — אַ גייד טו די סטייט, ז. 87.
6. ד. ג., ז. 136.
7. 16־טער צענזוס: מאַטהער טאָנג, טאַבעלע 2.

### קאַפּיטל 14.

1. טעפּט, ז. 249.

### קאַפּיטל 15.

1. פאוקנער: זז. 409־408.
2. סעמועל דזשאָסעף: דזשואיש אימיגריישאָן טו די יונייטעד סטייטס, ז. 191. (ציטירט מיט דערלויבניש פון קאָלומביאַ פּרעס)
3. מאָריס צוקער: די פילאָסאָפי אָוו אַמעריקאַן היסטאָרי, צווייטער באַנד: פּיריאָדס אין אַמעריקאַן היסטאָרי, ז. 556.

### קאַפּיטל 16.

1. הורוויטש, ז. 221.
2. דזשענקס און לאוק, ז. 152.
3. פערטשיילד, ז. 358.
4. עדעמס און סומנער, ז. 109.
5. הורוויטש, ז. 221.
6. לאָרימער און אָסבאָרן, ז. 23.
7. ד. ג., ז. 19.
8. הורוויטש, ז. 421.
9. דזשעראָם דייוויס: די ראָשיאַן אימיגראַנט, זז. 18־17.
10. טאָמאַס בורדזשעס: גריקס אין אַמעריקאַ, ז. 169.
11. טשאַפּעק, זז. 8־57.
12. פּעדעראַלער שרייבער פּראָיעקט: די איטאַליאַנס אָוו ניו יאָרק, זז. 3־62.
13. וו. לאָיד וואָרנער און לעאָ סראָל: דריטער באַנד יאַנקי סעריע: די סאָשעל סיסטעמס אָוו אַמעריקאַן עטניק גרופּס, ז. 63. (ציטירט מיט דערלויבניש פון יעיל פּרעס)
14. ד. ג., ז. 65.
15. דאָנאַלד יאָנג: אַמעריקאַן מינאָריטי פּיפּלס, ז. 101.
16. פעלדמאַן, ז. 140.
17. מוירדאַל, ז. 52.
18. יאָנג, ז. 80.
19. וויליאַם מ. לייזערסאָן: אַדזשאַסטינג אימיגראַנט ענד אינדוסטריע, ז. 29.
20. קאַראָלין פ. וועיר: די קולטשוראל אַפּראָוטש טו היסטאָרי, ז. 63.
21. ראָבערט ע. פּאַרק און הערבערט א. מילער: אָלד וואָרלד טרעיטס טרענספּלענטעד, ז. 142.

### קאַפּיטל 17.

1. קעטאָליק קאַלעדזשעס ענד סקולס אין די יונייטעד סטייטס, ז. 70. (ציטירט מיט דערלויבניש פון נאַציאָנאַלער קאַטוילישער וועלפער קאָנפערענץ)
2. פריינק וו. טאָמפּסאָן: סקולינג אָוו די אימיגראַנט, ז. 128.

3. ד. ג., ז. 135.
4. בעסי בלום וועסל: די עטניק סוירוויי אָוו וואונסאָקעט, ר. א., ז. 9.
5. ברונער, ז. 127.
6. ד. ג., ז. 119.
7. וואַן אַמעריקאַ, ז. 138.
8. ניילס קאַרפּענטער און דניאל קאַץ: אַ סטאַדי אָוו אַקאַלטשוריזיישאַן אָוו די פּאָליש גרופּ אין באַפאַלאָ, ז. 127.
9. ד. ג., ז. 110.
10. ד. ג., ז. 115.
11. פרענק וו. טהאָמפּסאָן, ז. 5.
12. שאונעסי, ז. 218.
13. ד. ג., ז. 218.
14. וואַן אַמעריקאַ, ז. 251.

קאַפּיטל 18.

1. וויטקע, ז. 414.
2. טשאַפּעק, ז. 119.
3. וואַן אַמעריקאַ, ז. 152.
4. ד. ג., ז. 152.
5. וויטקע, ז. 413.

קאַפּיטל 19.

1. וואַן אַמעריקאַ, ז. 261.
2. איטאַליאַנס אָוו ניו יאָרק, ז. 15.
3. פּאַרק און מילער, ז. 146.
4. איטאַליאַנס אָוו ניו יאָרק, ז. 22.
5. ברונער, ז. 105.
6. לייזערסאָן, ז. 31.
7. ד. ג., ז. 31.
8. איטאַליאַנס אָוו ניו יאָרק, ז. 91.

קאַפּיטל 20.

1. וואופּטער, ז. 73.
2. מוירדאל, ז. 183.
3. פאוקנער, ז. 487.
4. ד. ג., ז. 480.
5. טשייס: די ראָוד ווי טרעוועל, ז. 31.
6. קאָמאָנס, זז. 6־115.

קאַפּיטל 21.

1. קאָמאָן קאָונסיל, יוני 12, 1947; טהיס אַמעריקאַ, 1926.
2. ד. ג.
3. ב. גאָלדבערג: ייוואָ־בלעטער, נאָוו. 1941.

4. 16־טער צענזוס: מאַטהער טאַנג, טאַבעלע 8.
5. ד. ג., טאַבעלע 1.
6. בעסי וועסל בלום, ז. 204.
7. וואַרנער און סראל, ז. 235.
8. 16־טער צענזוס: מאַטהער טאַנג, ז. 3.

קאַפּיטל 22.

1. קאַמאַנס, ז. XXIX.
2. ל. ג. בראון, ז. 251.
3. וויליאַם י. טאָמאַס און פלאָריאַן זנאַניעצקי: די פּאָליש פּעזאַנט אין יוראָפּ ענד אַמעריקאַ, ערטשער באַנד, ז. IX.
4. דייוויס, ז. 84.
5. וואַרנער און סראל, ז. 145.
6. עווערעט וו. סטאָנקוויסט: די מאַרדזשינאַל מען, ז. 203.
7. בראון און רוטשעק, ז. 698.
8. איטאַליאַנס אָוו ניו יאָרק, ז. 223.
9. וואַרנער און סראל, ז. 137.
10. ד. ג., ז. 138.
11. טאַדעאוש זלעזשינסקי: די סעקאַנד דזשענערייישאָן אָוו אימיגראַנטס; די אַנאַלס אָוו די אַמעריקאַן אַקאַדעמי אָוו פּאָליטיקאַל ענד סאָשיאַל סייענס, יאַנ. 1921, ז. 158.
12. ד. ג., ז. 159.
13. האַניבאַל ג. דונקאַן: אימיגריישאָן ענד אַסימילייישאַן, ז. 827.
14. וואַרנער און סראל, ז. 148.
15. פראַנץ באַאַז: די מיינד אָוו פּרימיטיוו מען, ז. 266.
16. ר. מ. סמיט, ז. 73.
17. איטאַליאַנס אָוו ניו יאָרק, ז. 224.
18. וויטקע, ז. 308.
19. וואַרנער און סראל, זז. 1־155.
20. וואָן אַמעריקאַ, ז. 473.
21. באַאַז, ז. 94.
22. ד. ג., ז. 124.
23. וואָן אַמעריקאַ, ז. 484.

קאַפּיטל 23.

1. סטואַרט טשייס: מען ענד מאַשינס, ז. 104.
2. לייזערסאָן, ז. 92.
3. ד. ג., ז. 235.
4. ד. ג., ז. 245.
5. ד. ג., זז. 5־244.
6. ברונער, ז. 227.
7. ד. ג., ז. 239.
8. ד. ג., ז. 220.

9. ד. ג., ז. 210.
10. ד. ג., ז. 16.
11. ד. ג., ז. 14.
12. ניו יאָרק לוירנס — פעדעראַלער שרייבער פּראָיעקט — ז. 62.
13. ד. ג., ז. 64.
14. קאַרפּענטער און קאַץ, ז. 109.
15. וואָרנער און סראָל, ז. 233.
16. ברונער, 227.
17. קעטאָליק קאָלעדזשעס ענד סקולס אין די יונייטעד סטייטס, ז. 66.
18. ד. ג., ז. 70.
19. ד. ג., ז. 61.
20. קלאַריס עדווין סילקאָקס און גיילען ג. פישער: קעטאָליקס, דזשוס ענד פּראָטעס־טאַנטס, ז. 211.
21. וואָרנער און סראָל, ז. 241.
22. ר. מ. סמיט, ז. 73.
23. בריס, צווייטער באַנד, ז. 95.
24. סילקאָקס און פישער, ז. 81.
25. וואָרנער און סראָל, זז. 6־295.
26. ד. ג., ז. 141.
27. נעטי פּ. מעקגיל און עלען נ. מעטיוס: די יוט אָוו ניו יאָרק סיטי, זז. 4־222.
28. וואָרנער און פּאָול ס. לאַנט: די סאָשיאַל לייף אָוו אַ מאָדערן קאָמיוניטי, ערשטער באַנד פון יאַנקי סיטי סעריע, ז. 415.
29. ד. ג., ז. 416.
30. ד. ג., ז. 415.
31. בראַון און רוטשעק, זז. 570־569.
32. דזשוליוס דרעקסלער: דעמאָקראַסי ענד אַסימילײשאַן, ז. 147.
33. וואופּטער, ז. 207.
34. דרעקסלער, ז. 108.
35. ברונער, ז. 90.
36. דרעקסלער, ז. 148.
37. ד. ג., ז. 149.
38. בלום וועסל, ז.
39. ד. ג., זז. 9־31.
40. וואָן אַמעריקאַ, ז. 546.

## קאַפּיטל 24.

1. ווערי, 1. 67.
2. ציטירט פון קאַלען, ז. 175.
3. בוירדזשעס, ז. 85.
4. דרעקסלער, זז. 11־10.
5. פּאַרק און מילער, ז. 99.
6. סילקאָקס און פישער, ז. 103.

7. וויטקע, ז. 308.
8. קאַרפּענטער און קאַץ, ז. 115.

קאַפּיטל 25.

1. האראס מ. קאלען: קאַלטשור ענד דעמאָקראַסי אין די יונייטעד סטייטס, ז. 214.
2. דזשאַן דיואי: קערעקטערס ענד איווענטס, ז. 451.
3. ד. ג., ז. 452.
4. ציטירט פון קאלען 2־131.
5. וועיר, זז. 9־88.
6. קאלען, ז. 42.
7. ד. ג., ז. 3־62.
8. ד. ג., ז. 69.
9. 16־טער צענזוס: פּאָפּולײשאַן, קאַנטרי אָוו אָרידזשין, ז. 273.
10. לארימער און אָסבאָרן, ז. 41.
11. ד. ג., ז. 48.
12. וואָרען ס. טאָמפּסאָן: פּאָפּולײשאַן פּראָבלעמס, זז. 5־254.
13. ד. ג., ז. 118.
14. לאק און שטערן, ז. 717.
15. ד. ג., ז. 717.
16. וואָן אַמעריקא, ז. 551.
17. וואָרנער און סראָל, 295.
18. ד. ג., ז. 155.

---

# דריטע טייל

קאַפּיטל 1.

1. דזשאָסעף, ז. 132.
2. ליבמאַן הערש: אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע: יידן א׳, ז. 465.
3. ד. ג., ז. 464.
4. דזשאָסעף, ז. 137.

קאַפּיטל 2.

1. לואיס ווירט: די געטאָ, ז. 135.
2. היימאַן ב. גרינשטיין: די רייז אָוו די דזשואיש קאָמיוניטי אָוו ניו יאָרק — 1654־1860, ז. 169.
3. אַניטא ליבמאַן לעבעסאָן: דזשואיש פּיאָנירס אין אַמעריקאַ, ז. 173.
4. לי דזש. לעווינזשער: אַ היסטאָרי אָוו די דזשוס אין די יונייטעד סטייטס, ז. 181.
5. ווירט, ז. 183.
6. געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ערשטער באַנד, ז. 59.
7. ד. ג., ז. 202.

8. אייזאַק מ. ווייז: רעמיניסענצעס, ז. 21.
9. באַרנעט ע. עלזאַס: די דזשוס אָוו ס. קאַראָליינאַ, ז. 261.
10. גרינשטיין, ז. 172.

## קאַפּיטל 3.

1. סטאַנקוויסט, זז. 22־121.
2. גרעץ (ענגליש), 5־טער באַנד, ז. 587.
3. אורי צבי ענגלמאַן: די רייז אָוו די דזשו אין די וועסטערן וואָרלד, ז. 191.
4. לעבעסאָן, ז. 290.
5. מילטאָן שטיינבערג: די מייקינג אָוו אַ מאָדערן דזשו, ז. 96.
6. ענגלמאַן, ז. 121.

## קאַפּיטל 4.

1. ווייז, זז. 24־23.
2. ד. ג., ז. 211.
3. דוד פיליפּסאָן: מיי לייף עס אַן אַמעריקאַן דזשו, ז. 96.
4. אייזיק גרייבער און סטואַרט ה. בריט, רעדאַקטאָרן: דזשוס אין אַ דזשענטייל וואָרלד, ז. 186.
5. איתמר עלבאָגען: אַ סענטשורי אָוו דזשואיש לייף, ז. 130.
6. אַדאָלף קראַוז: רעמיניסענצעס ענד קאָמענטס, זז. 2־151.

## קאַפּיטל 5.

1. פיליפּסאָן, ז. 27.
2. הערבערט ט. עזעקיעל און גאַסטאָן ליכטענשטיין: די היסטאָרי אָוו די דזשוס אין ריטשמאָנד, ז. 225.
3. געש. פון דער ייד. אַרב. באַוו., ערשטער באַנד, ז. 56.

## קאַפּיטל 6.

1. מאָריס א. גוטשטיין: די סטאָרי אָוו די דזשוס אָוו ניופּאָרט, ז. 171.
2. סאָלאָמאָן גרייזעל: אַ היסטאָרי אָוו די דזשוס, ז. 492.
3. לעבעסאָן, ז. 128.
4. עלזאַס, זז. 4־153.
5. גרינשטיין, ז. 50.

## קאַפּיטל 7.

1. דזשאָסעף, ז. 145.
2. ענגלמאַן, ז. 126.
3. ד. ג., ז. 129.
4. הורוויטש, ז. 370.
5. דזשאָסעף, 191.
6. גרינשטיין, ז. 129.
7. דזשאָשוא טראַכטענבערג: קאָנסידער די יירס, ז. 125.

### קאַפּיטל 8.

1. סאָפיא מ. ראָביסאָן, אין אַ פּריוואַטער שטודיע פאַר דעם מחבר.
2. דזשוליאן ב. פייבעלמאַן: אַ סאָשיאַל ענד עקאָנאָמיק סטאָדי אָוו די ניו ארלעאַנס דזשואיש קאָמיוניטי, זז. 14־12.
3. גרייבער און בריט, ז. 206.
4. דזשואיש פּאָפּיוליישאָן סטאַדיס, סאָפיא מ. ראָביסאָן, רעדאַקטאָר, ז. 119.
5. ד. ג., ז. 177.
6. ד. ג., ז. 90.
7. ראָביסאָן.
8. ד. ז.
9. גרייבער און בריט, ז. 201.
10. פייבעלמאַן, ז. 33.
11. סעמועל מאפּסיק: די דזשואיש פּאָפּיוליישאָן אָוו וואוסטער, ז. 43.

### קאַפּיטל 9.

1. חעיר, ז. 67.
2. אַמעריקאַן דזשואיש יער בוק, נום. 47, 1945־46, ז. 642.
3. אָסקאַר י. יאַנאָווסקי, רעד.: די אַמעריקאַן דזשו, ז. 173.
4. רודאָלף גלאַנץ: נאָוטס אָן אוירלי דזשואיש פּעדלינג אין אַמעריקא, ז. 119.
5. יאַנאָווסקי, ז. 173.

### קאַפּיטל 10.

1. די דזשואיש פּיפּל, פּעסט ענד פּרעזענט, ז. 392.
2. נ. גאָלדבערג: די דזשואיש רעוויו, יאַנואַר־מערץ, 1946, ז. 275.
3. ד. ג., אָקטאָבער־דעצעמבער, 1945, ז. 172.
4. דזשואיש פּיפּל, 399.
5. ראָביסאָן.
6. ה. דיואי אַנדערסאָן און פּערסי ע. דייווידסאָן: אָקיופּיישאָנאַל טרענדס אין די יונייטעד סטייטס, זז. 17־16. (ציטירט מיט דערלויבניש פון סטענפאָרד יוניווער־סיטי פּרעס)
7. ד. ג., ז. 7.
8. לואיס קארי: די מידל קלעס, ז. 6. (ציטירט מיט דערלויבניש פון „ענטיאָק רעוויו")
9. דזשאָעל סיידמאַן: די נידל טריידס, ז. 13.
10. געש. פון דער ייד. אַר. באַוו., ערשטער באַנד, ז. 350.
11. דזשואיש רעוויו, אַפּריל, 1945, ז. 14.
12. ה. בורגין: די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, ז. 103.
13. קארי, ז. 4.
14. ד. ג., ז. 4.
15. ד. ג., ז. 14.
16. ד. ג., זז. 5־4.
17. אַנדערסאָן און דייווידסאָן, זז. 7־436.

### קאַפּיטל 11.

1. עדמונד דזש. דזשיימס, רעד. : די אימיגראַנט דזשו אין אַמעריקאַ, ז. 190.
2. מעקגיל און מעטיוס, ז. 62.
3. מאַקס פּ. בער, נעשאַנאַל דזשואיש מאַנטלי, אָקטאָבער, 1947, ז. 70.
4. לארימער און אסבארן, ז.
5. שמואל קעניג : ייוואָ־בלעטער, מאַי־יוני, 1945, ז. 380.
6. ווארנער און סראל, דריטער באַנד, ז. 61.

### קאַפּיטל 12.

1. דזשואיש רעוויו, יאַנואַר־מערץ, 1946, ז. 277.
2. גרייבער און בריט, ז. 211.
3. דזשואיש פּאָפּיולײשאַן סטאדיס, זז. 78־66.
4. ד. ג., ז. 16.
5. דזשואיש רעוויו, יאַנואַר־מערץ, 1946, זז. 6־265.

### קאַפּיטל 13.

1. גרינשטיין, ז. 168.
2. פייבעלמאַן, ז. 136.
3. ווייז, ז. 57.
4. ווירט, זז. 40־139.
5. רעדאַקטאָרן פון „פּאָרטשון" : דזשוס אין אַמעריקאַ, זז. 9־78.
6. וואָרנער און סראָל, ז. 294.
7. סטאָנקוויסט, ז. 82.
8. גרייבער און בריט, ז. 420.
9. קאלען, ז. 113.

### קאַפּיטל 14.

1. שאונעסי, ז. 268.
2. סטאנקוויסט, ז. XVIII.
3. פראַנק, ז. 85.
4. טשיז, קאַמאַן קאָונסיל אויסגאַבע.
5. גרינשטיין, ז. 376.
6. ד. ג., ז. 379.

### קאַפּיטל 15.

1. אַמעריקאַן דזשואיש ייר בוק, גומ. 47., ז. 644.
2. מאריץ דזש. קארפף : דזשואיש קאָמיוניטי אָרגאַניזיישאַן אין די יונייטעד סטייטס, זז. 6־75.

### קאַפּיטל 16.

1. ווארנער און סראל, ז. 60.
2. „פּאָרטשון," ז. 39.
3. ד. ג., ז. 42.
4. ד. ג., ז. 52.

5. עלבאָגען, ז. 584.
6. סטאַנקוויסט, ז. 102.
7. גרייבער און בריט, ז. 423.
8. סילקאקס און פּישער, ז. 36.
9. „העראַלד טריביון,“ ניו יאָרק, 30־טן אָקטאָבער, 1947.
10. „פאָרטשון,“ זז. 77־76.
11. ד. ג., זז. 2־31.

קאַפּיטל 17.

1. וואָרנער און לאַנט, באַנד 1, ז. 290.
2. וואָרנער און לאַנט, באַנד 2 : די סטייטוס סיסטעם אָוו אַ מאָדערן קאָמיוניטי, ז. 75.
3. יאַנג, ז. 318.
4. לעבעסאָן, ז. 116.
5. פּערטשיילד, ז. 362.
6. יאַנג, ז. 296.
7. ראָבערט ס. און העלען מ. לינד : מידלטאַון, ז. 479.
8. ד. ז. : מידלטאַון אין טרענסישאָן, ז. 408.
9. גרייבער און בריט, ז. 181.
10. יאַנג, ז. 396.

קאַפּיטל 18.

1. גרייבער און בריט, ז. 217.
2.ווירט, זז. 5־254.
3. פּעלדמאַן, ז. 162.
4. ווירט, ז. 264.
5. יאַנאָווסקי, ז. 271.
6. אבראַם וו. גודמאַן : אַמעריקאַן אָווערטשור, ז. 20.
7. סאַלאָ וו. באַראָן : די דזשואיש קאָמיוניטי, צווייטער באַנד, ז. 146.

קאַפּיטל 19.

1. גרינשטיין, ז. 123.
2. לעאָנאַרד ג. ראָבינסאָן : די אַגריקולטשוראַל אַקטיוויטיס אָוו די דזשוס אין אַמע־ריקאַ, ז. 51.
3. ייוואָ־בלעטער, י. ליפּשיטץ : דעצעמבער, 1932.
4. דר. י. מ. רובינאָוו : „צוקונפט,“ נאָוועמבער, 1906.
5. קארפּף, ז. 5.

קאַפּיטל 20.

1. ב. וויינשטיין : יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע, ז. 45.
2. ד. ג., ז. 50.
3. מאַקס פּיין : געווערקשאַפטן 50 יאָר יובל־בוך.
4. ב. וויינשטיין, זז. 6־65.

קאַפּיטל 21.

1. שטיינבערג, ז. 209.

קאַפּיטל 22.

1. געש. פון דער ייד. אַר. באַוו., ערשטער באַנד, ז. 255.
2. ד. ז., צווייטער באַנד, ז. 409.
3. ויידמאַן, ז. 225.
4. ד. ג.
5. ד. ג., ז. 226.
6. ד. ג.
7. געש. פון דער ייד. אַר. באַוו., צווייטער באַנד, ז. 413.
8. ד. ג., ז. 416.

קאַפּיטל 23.

1. מאַקס פּ. בער, נעשאַנאַל דזשואיש מאַנטלי, נאָוועמבער, 1947.
2. מעלווין מ. פייגין, דזשואיש סאָשיאַל סטאַדיס, יאַנואַר, 1939, ז. 103.
3. ד. ג., ז. 98.
4. דזשייקאָב א. גאָלדבערג: דזשוס אין מעדיקאַל פּראָפעשאַן, ז. 332.
5. ד. ג., ז. 333.
6. דר. לי דזש. לעווינדזשער, דזשואיש סאָשיאַל סטאַדיס, אָקטאָבער, 1940.
7. יעקב לעשטשינסקי, ייוואָ־בלעטער XVIII, זז. 113־129, 193־210.

קאַפּיטל 24.

1. יאַנאָווסקי, ז. 48.

קאַפּיטל 25.

1. גרינשטיין, ז. 19.
2. ד. ג., ז. 420.

קאַפּיטל 26.

1. גוסטאַוואוס מייערס, זז. 127־8.
2. דרעקסלער, ז. 128.
3. ד. ג., ז. 133.
4. סילקאָקס און פישער, ז. 264.
5. וועסעל, ז. 109.
6. דזשואיש פּאָפּולײשאַן סטאַדיס, ז. 67.
7. גרייבער און בריט, זז. 235־6.
8. דזשואיש פּאָפּולײשאַן סטאַדיס, ז. 176.
9. פייבעלמאַן, ז. 22.
10. ענגעלמאַן, זז. 192־201.
11. לואיס ראָזענבערג: אַמעריקאַן דזשואיש יירבוק, 1946־7, ז. 48.

קאַפּיטל 27.

1. דזשואיש קאָנגרעגיישאַנס: צענזוס פון רעליגיעזע קערפּערשאַפטן, 1936.
2. בירד: צווייטער באַנד, ז. 750.
3. גרייבער און בריט, ז. 227.
4. דזשואיש פּאָפּולײשאַן סטאַדיס, ז. 180.
5. מעקגיל און מעטיוס, ז. 241.
6. ברוקלין פּראָטעסטאַנטיזם, ז. 19.
7. ד. ג., ז. 11.

# BIBLIOGRAPHY

Adams, Thomas S. and Sumner, Helen L.: Labor Problems; Macmillan Co. 1905.

American Jewish Year Books. American Jewish Committee and Jewish Publication Society.

Anderson, H. Dewey and Davidson, Percy E.: Occupational Trends in the United States; Stanford University Press, 1940.

Baer, Max F.: Counting the Jewish College Students; The National Jewish Monthly, Oct.-Nov. 1947.

Baron, Salo W.: The Jewish Community; Jewish Publication Society, 1945.

Beale, Howard K.: A History of Freedom of Teaching in American Schools; Charles Scribner's Sons, 1941.

Beard, Charles and Mary: The Rise of American Civilization; Macmillan Co., 1927.

Berkson, Isaac B.: Theories of Americanization; Teachers College, Columbia University, 1920.

Boaz, Franz: The Mind of Primitive Man; Macmillan Co., 1938.

Boone, Richard G.: Education in the United States; D. Appleton and Co. 1907.

Brooklyn Protestantism, 1930-1945 (mimiographed); Brooklyn Church and Mission Federation, 1946.

Brown, Lawrence G.: Immigration; Langman, Green & Co., 1933

Brown, Francis J. and Roucek, Joseph S. eds.: One America; Prentice-Hall, Inc., 1945.

— — — — — — — — — — — — — — — — : Our Racial and National Minorities, 1937.

Brunner, Edmund de S., ed.: Immigrant Farmers and Their Children; Doubleday, Doran & Co., 1929.

Bryce, James: The American Commonwealth; Macmillan Co., 1899, 1931.

Burgess, Thomas: Greeks in America; Sherman, French & Co., 1913.

Calverton, V. F.: The Liberation of American Literature; Charles Scribner's Sons, 1932.

Capek, Thomas: The Czechs in America; Haughton Mifflin Co., Unil versity Press, 1920.

Carpenter, Niles and Katz, Daniel: A Study of Acculturization of the Polish Group of Buffalo; University of Buffalo Studies.

Catholic Colleges and Schools in the United States. National Catholic Welfare Conference, Department of Education, 1944.

Chase, Stuart: Men and Machines; Macmillan Co., 1929.

— — — — : The Road We Are Traveling: Twentieth Century Fund, 1942.

Cohen, Israel: Jewish Life in Modern Times; Methuen & Co., London, 1929.

Common Council for American Unity: Publications and Releases.

Commons, John R.: Races and Immigrants in America; Macmillan Co., 1920.

Corey, Lewis: The Crisis of the Middle Class; Covici-Friede, 1945

— — — — : The Middle Class, reprint from Antioch Review, 1945.

Council of Jewish Federations and Welfare Funds: Publications and Bulletins.

Davis, Jerome: The Russian Immigrant; Macmillan Co., 1922.

Dewey, John: Characters and Events, edited by Joseph Ratner; Henry Holt & Co., 1929.

— — — — : Freedom and Culture; G. Putnam's Sons, 1939.

Drachsler, Julius: Democracy and Assimilation; Macmillan Co., 1920.

Duncan, Hanibal G.: Immigration and Assimilation; D. C. Heath & Co., 1933.

Elbogen, Ismar: A Century of Jewish Life; Jewish Publication Society, 1944.

Elzas, Barnett E.: The Jews of South Carolina; Lippincott Co., 1905.

Engleman, Uriah Z.: Educational and Cultural Activities; American Jewish Year Book, vol. 48.

— — — — — — : Jewish Statistics in the United States Census of Religious Bodies; Conference on Jewish Relations, 1947.

— — — — — — : Medurbia; Contemporary Jewish Record, Aug.-Oct., 1941.

— — — — — — : The Rise of the Jew in the Western World; Behrman's Jewish Book House, 1944.

Ezekiel, Herbert T. and Lichtenstein, Gaston: The History of the Jews in Richmond; Herbert T. Ezekiel, 1917.

Fagen, Melvin M.: The Status of Jewish Lawyers in New York City, Jewish Social Studies, Jan., 1939.

Fairchild, Henry P.: Immigration; Macmillan Co., 1933.

Faulkner, Harold U.: American Economic History; Harper and Brothers, 1931.

The Federalist; The Colonial Press, 1901.

Federal Writers Project: The Italians of New York; Random House, 1938.

— — — — — — — — — : Louisiana; Hastings House, 1940.

— — — — — — — — — : New Mexico; The Coronado Curato Centennial Commission, 1940.

— — — — — — — — — : New Orleans; Haughton Mifflin Co., 1938.

— — — — — — — — — : New York Learns; Barrows & Co., 1939.

Feibelman, Julian B.: A Social and Economic Study of the New Orleans Jewish Community; University of Pennsylvania, 1941.

Fortune, Editors of: Jews in America; Random House, 1936.

Feldman, Herman: Racial Factors in American History; Harper & Brothers, 1931.

Frank, Waldo: Our America; Boni and Liveright, 1919.

Friedman, Lee M.: Jewish Pioneers and Patriots; Jewish Publication Society, 1942.

Galitzi, Christine H.: Assimilation Among Roumanians in the United States; Columbia Press, 1929.

Glanz, Rudolf: Notes on Early Jewish Peddling in America; Conference on Jewish Relations, 1945.

Goldberg, Jacob A.: Jews in the Medical Profession; Conference on Jewish Relations, 1939.

Goldberg, Nathan: Occupational Patterns of American Jews; The Jewish Review, vol. 3, Nos. 1, 3, 4; Jewish Teachers Seminary and Peoplės University.

Goodman, Abram V.: American Overture; Jewish Publication Society, 1947.

Graeber, Isaacque and Britt, Stewart H. eds.: Jews in a Gentile World; Macmillan Co., 1941.

Grant, Madison: The Conquest of a Continent; Charles Scribner's Sons, 1933.

Grayzel, Solomon: A History of the Jews; Jewish Publication Society, 1947.

Grinstein, Hyman B.: The Rise of the Jewish Community of N. Y.; Jewish Publication Society, 1945.

Gutstein, Morris A.: The Story of the Jews of Newport; Block Publishing Co., 1936.

Hansen, Marcus L.: The Immigrant in American History; Howard University Press, 1940.

Hawgood, John A.: The Tragedy of German-America; G. P. Putnam's Sons, 1940.

Hillquit, Morris; History of Socialism in the United States; Funk & Wagnalls Co., 1903-6.

— — — — — : Loose Leaves From A Busy Life; Macmillan Co., 1934.

Hourwich, Isaac A.: Immigration and Labor, G. P. Putnam's Sons, 1912.

James, Edmund J., ed.: The Immigrant Jew in America; F. Buck Co., 1907.

James, William: Pragmatism; Longmans, Green & Co., Toronto, 1931.

Janowsky, Oscar I. ed.: The American Jew; Harper and Brothers, 1942.

Jarvis, Edward: History of the Progress of Population in the United States from 1790 to 1870; American Statistical Ass'n, 1877.

Jenkins, William S.: Pro-Slavery Thought in the Old South; University of North Carolina Press, 1935.

Jenks, Jeremiah W. and Lauck, W. Jett: The Immigration Problem; Funk & Wagnalls Co., 1926.

Jewish Communal Register, the: Kehillah (Jewish Community) of N. Y., 1918.

Jewish National Welfare Board: Annual Reports.

Jewish Occupational Council: Patterns of Jewish Occupational Distribution in the United States and Canada; Report No. 6, 1940.

Jewish People - Past and Present, The vol. I; Jewish Encyclopedic Handbooks, Central Yiddish Culture Organization, 1946.

Jones, Howard M.: America and French Culture - 1750-1848; University of North Carolina Press, 1927.

Joseph, Samuel: Jewish Immigration to the United States, from 1881 to 1910; Columbia University, 1914.

Kallen, Horace M.: Culture and Democracy; Boni and Liveright, 1924.

Kaplan, Mordecai M.: Judaism as a Civilization; Macmillan Co., 1934.

Karpf, Maurice J.: Jewish Community Organization in the United States; Bloch Publishing House, 1938.

Krause, Adolph: Reminiscences and Comments, 1925.

Lebeson, Anita Libman: Jewish Pioneers in America; Behrman's Jewish Book House, 1938.

Leiserson, William M.: Adjusting Immigrant and Industry; Harper and Brothers, 1924.

Lestshinsky, Jacob: The Economic Development of the Jews in the United States; Jewish People - Past and Present, vol. I.

Levinger, Lee J.: A History of the Jews in the United States; Union of American Hebrew Congregations, 1932.

— — — — — — : Jews in the Professions in Ohio; Jewish Social Studies, Oct., 1940.

Lock, Alain and Stern, Bernhard J.: When Peoples Meet; Progressive Education Association, 1912.

Lorimer, Frank and Osborn, Frederick: Dynamics of Population; Macmillan Co., 1934.

Lynd, Robert S. and Helen M.: Middletown; Harcourt, Brace and Co., 1929.

— — — — — — — — — — — : Middletown in Transition, 1937.

McGill, Nettie P. and Matthews, Ellen N.: The Youth of New York City; Macmillan Co., 1940.

Merriam, Charles E.: A History of American Political Thought, Macmillan Co., 1928.

Meyers, Gustavus: A History of Bigotry in the United States; Random House, Inc., 1943.

Mopsik, Samuel: The Jewish Population of Worcester; Conference on Jewish Relations, 1945.

Myrdal, Gunnar: The American Dilemma; Harper & Brothers, 1944.

Noble, Stuart G.: American Education; Farrar & Rinehart, Inc. 1938.

Padover, Saul K.: Democracy by Thomas J. Jefferson; D. Appleton-Century Co., 1939.

Park, Robert E. and Miller, Herbert A.: Old World Traits Transplanted; Harper Brothers, 1921.

Parrington, Vernon L.: Main Currents in American Thought; Harcourt, Brace & Co., 1930.

Philipson, David: My Life as an American Jew; John G. Kidel & Son, Inc., 1942.

Roberts, Edward F.: Ireland in America; G. P. Putnam's Sons, 1931.

Robison, Sophia M, ed.: Jewish Population Studies; Conference on Jewish Relations, 1943.

Robinson, Leonard G.: The Agricultural Activities of the Jews in America; American Jewish Committee, 1912.

Rosenberg, Louis: Canada's Jews; Canadian Jewish Congress, 1939.

— — — — — — : The Jewish Population of Canada; American Jewish Year Book, vol. 48.

Rupin, Arthur: The Jewish Fate and Fortune, translated by E. V. Dickens, Macmillan & Co., London, 1940.

Schlessinger, Arthur M. Jr.: The Age of Jackson; Book Find Club, 1945.

Shaughnessy, Gerald: Has the Immigrant Kept His Faith? Macmillan Co., 1925.

Seidman, Joel: The Needle Trades; Farrar and Rinehart, Inc. 1942.

Silcox, Claris E. and Fisher, Galen N.: Catholics, Jews and Protestants; Harper Brothers, 1934.

Smith, Richard M.: Emigration and Immigration; Charles Scribner's Sons, 1890.

Steinberg, Milton: The Making of a Modern Jew; George Routledge & Son, Ltd. London, 1934.

Steiner, Edward A.: Nationalizing America; Fleming H. Revell Co., 1916.

Stonequist, Everett V.: The Marginal Man; Charles Scribner's Sons, 1937.

Strauss, Oscar S.: Under Four Administrations; Haughton Mifflin Co., 1922.

Taft, Donald R.: Human Migration; The Ronald Press, 1936.

Thomas, William I. and Znaniecki, Florian: The Polish Peasant in Europe and America; Richard G. Badger, 1920.

Thompson, Frank V.: Schooling of the Immigrant; Harper & Brothers, 1920.

Thompson, Warren S.: Population Problems; McGraw-Hill Book Co, Inc., 1942.

Tocqueville, Alexis de: Democracy in America, translated by Henry Reeve; The Colonial Press, 1900.

Trachtenberg, Joshua: Consider the Years; Centennial Committee of Temple Brith Shalom, Easton, Pa., 1944.

Turner, Frederick J.: The Frontier in American History; Henry Holt & Co., 1935.

U. S. Deprtment of Commerce; Census of Religious Bodies, 1936.

— — — — — — — — — — — : Sixteenth Census, 1940; a) Mother Tongue, b) Country of Origin of Foreign Stock.

Ware, Caroline F., ed.: The Cultural Approach to History; Columbia University Press, 1940.

Wessel, Bessie Bloom: The Ethnic Survey of Woonsocket, R. I.; University of Chicago Press, 1931.

Wiernik, Peter: History of the Jews in America; Jewish Press Publishing Co., 1912.

Wirth, Louis: The Ghetto; University of Chicago Press, 1929.

Wise, Isaac M.: Reminiscences, translated by David Philipson; Leo Wise and Co., 1901.

Wittke, Karl F.: We Who Built America; Prentice-Hall, Inc. 1939.

Wood, Ralph, ed.: The Pennsylvania Germans; Princeton University Press, 1942.

Wolf, Simon: The Presidents I Have Known; Byron S. Adams, 1918.

Woofter, T. J. Jr.: Races and Ethnic Groups in America; MaGraw-Hill Book Co., 1933.

Yankee City Series; Yale University Press: a) Volume one: W. Lloyd Warner and Paul S. Lunt: The Social Life of a Modern Community, 1941. b) Volume two, W. Llyod Warner and Paul S. Lunt: The Status System of a Modern Community, 1942. c) Volumes three, W. Lloyd Warner and Leo Srole: The Social Systems of American Ethnic Groups, 1945.

Young, Donald: American Minority Peoples; Harper and Brothers, 1932.

Zucker, Morris: The Philosophy of American History; Arnold-Howard Publishing Co., 1945.

אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע: ייִדן א׳, דובנאָװ־פֿאָנד, פּאַריז, 1939.

— — — ייִדן ג׳ דובנאָװ־פֿאָנד און ציקאָ, ניו יאָרק, 1942.

באָראָכאָװ, ד. ב.: פּועלי ציון שריפֿטן, ערשטער באַנד; פּועלי ציון פֿאַרלאַג, 1920.

בורגין, ה.: די געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג; פֿאַראייניקטע ייִדישע געװערקשאַפֿטן, 1915.

גאָלדבערג, נ.: די ייִדישע פּרעסע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, 1900־40, ייוואָ־בלעטער, נאָװ.־דעצ., 1941.

— — — די צירקולאַציע פֿון ייִדישע צייטונגען אין אַמעריקע, ייוואָ־בלעטער, מאַי־יוני, 1944.

געװערקשאַפֿטן 50 יאָר יובל־בוך, 1938.

הערש, ל.: ייִדישע עמיגראַציע, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, ייִדן א׳.

װײַנשטיין, ב.: ייִדישע יוניאָנס אין אַמעריקע, פֿאַראייניקטע ייִדישע געװערקשאַפֿטן, 1929.

טשערעקאָװער, א., רעד.: געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער באַװעגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ערשטער באַנד — 1943, צווייטער באַנד — 1945, ייִדישער װיסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט.

ייִדישע שרײַבער גרופּע אויפֿן פֿעדעראַלן שרײַבער פּראָיעקט: ייִדישע לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿון ניו יאָרק, פּרץ שרײַבער פֿאַראיין, 1938.

לעשטשינסקי, יעקב: דאָס סאָציאַלע פּנים פֿון אַמעריקאַנער ייִדנטום, ייוואָ, 1941.

קאַהאַן, אַב.: בלעטער פֿון מיין לעבן, „פֿאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאָן, 1912.

שערמאַן, בצלאל: צענטראַליזירטע צדקה, „צוקונפֿט,״ נאָװ., 1938.

— — — ייִדיש לעבן אין אַמעריקע, „צוקונפֿט,״ יולי־אָקטאָבער, 1940.

— — — די ראָלע פֿון דער פּראָװינץ אין דער ייִדישער אַמעריקע, „צוקונפֿט,״ דעצ. 1943.

— — — אויפֿן װעג פֿון ייִדישע קהילות, „צוקונפֿט״, פֿעברואַר, 1945.

# זוך־צעטל


## א

אַבעל, טעאָדאָר — 201, 202.
אוטיליטאַריזם (אוטיליטאַרישקייט) — 49, 52, 53, 54, 65, 76, 86, 112, 130, 142, 187, 256, 270, 302, 369, 370, 375.
אויסטראַליע — 78, 81.
אויסלענדישער מין — 131, 136, 139, 299, 280.
אונגאַרן — 383.
אוקראַינע — 364.
איטאַליענער (שפּראַך, אימיגראַנטן, פּרעסע, א. א. וו.) — 40, 116, 135, 154, 158, 164, 169, 172, 179, 180, 181, 182, 186, 187, 188, 191, 192, 195, 199, 205, 213, 219, 221, 222, 223, 224, 281, 299, 364.
איינהאָרן, דוד, ראַביי — 257, 262.
אילינאָיס — 93, 95, 120, 361.
„אינדוסטריאַל רעמואוואַל אָפּיס" — 341, 342.
אינדיאַנער — 17, 18, 21, 27, 29, 47, 91, 116, 188, 329, 388.
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן — 336.
אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן — 353, 354, 357.
אינטערקולטורעלע דערציאונג — 230.
אינסטיטוט פאַר סאָציאַלער און רעליגיעזער פאָרשונג — 138, 162, 201, 202, 207, 324.
אינקוויזיציע — 240, 252, 253, 337.
איסטאָן, פּאַ. — 273.
אירי, פּאַ. — 188.
אירי קאַנאַל — 92.
אירלענדער (אירלאַנד, דרום־אירלאַנד, אירלענדישע א. אַז. וו.) — 82, 90, 91, 92־116, 117, 118, 119, 120, 124, 131, 133, 134, 142, 152, 154, 155, 156, 159, 161, 168, 170, 176, 185, 191, 200, 208, 213, 219, 223, 239, 281, 299, 320, 326.
אַלאַסקאַ — 53.
אַלבאַני — 260, 263.
אַלינגער, גוסטאַוואוס — 130.
אָמאַהאַ — 58.
אַמאַלגאַמייטעד קלאָטהינג וואָרקערס יוניאָן — 354.
אַמסטערדאַם — 265, 383.
אַמעריקאַן פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן (א. פּ. א.) — 106.
אַנגלאָ־זאַקסן (עלעמענטן, לענדער, השפּעה א. אַז. וו.) — 14, 17, 74, 77, 78, 82, 86, 89, 91, 92, 108, 119, 122, 131, 139, 178, 194, 218, 223, 227, 236, 250, 298.
אַנדערסאָן, נעלס — 202, 203.
אַנדערסאָן, ה. דיואי און דייווידסאָן, פּערסי ע. — 287, 290, 291, 293, 295.
אַנטיסעמיטיזם — 104, 172, 342, 358, 376, 378.
אנשי חסד (שול) — 268, 338.
אַסקאָוו, מינ. — 137, 138, 139, 201.
א. פּ. ל. (אַמעריקאַן פּעדעריישאָן אָוו לייבאָר) — 176, 197, 350, 353.
אַפריקע — 18, 41, 81, 86.
אַרמעניער — 154, 213, 299.

אָרעגאָן — 340.
ארץ ישראל — 268, 371, 372, 374, 375, 379, 389.

## ב

באָז, פראַנץ — 190, 191, 192.
באַלטימאָר — 24, 127, 262, 263, 291, 344.
באַלטימאָר, לאָרד — 98.
באַלפור דעקלאַראַציע — 374.
באָסטאָן — 93, 103, 291, 336, 375.
באָפאַלאָ — 95, 162, 205, 224, 286.
באָרד אָוו דעלעגייטס — 269.
באַראַכאָוו, בער — 132, 193, 343.
באַראָן, סאַלאָ וו. — 336.
בודיסטן — 240.
בוירדזשעס, טאָמאַס — 154, 224.
בון, ריטשאַרד ג. — 25.
„בונאַ" — 261, 328.
„בונד" — 353.
„בונד פון פרייע מענער" — 127.
בונקען, ע. — 127.
בורגין, ה. — 292.
בוש, פּ. א. — 327.
ביל, האוואַרד ק. — 24, 25, 29, 46, 48, 49, 62.
בירגער־קריג — 29, 30, 33, 39, 42, 43, 53, 68, 70, 85, 88, 91, 106, 110, 111, 133, 134, 140, 145, 147, 245, 260.
בית אלהים, ק. ק. (טשאַרלסטאָן, ס. ק.) — 256, 266, 267.
בירדס, טשאַרלס און מערי — 14, 27, 32, 61, 64, 68, 70, 71, 74, 86, 113, 385.
בלום, לעאָנאַרד — 261, 328.
בני ברית — 250, 297, 317, 338, 359, 367, 386.
בני ישורון (שול) — 267, 268.
בעלגיע — 69.
בעלוויל, איל. — 120.
בערלין — 250, 255.
בראון, לאורענס ג. — 87, 88, 89, 90, 119, 184.
בראון, פראַנציס — 16, 17, 169, 193, 213, 219, 313.
בראון, סענאַטאָר — 43.
בראונס, ערנסט — 119.
בראַזיל — 76, 78, 252.
ברונער, עדמונד דע ס. — 138, 162, 170, 204, 216, 217, 218.
ברוקלין — 205, 385.
ברוקלין טשוירטש ענד מישיאָנערי פעדריי־שאָן — 385, 386.
בריים, דזשיימס — 34, 40, 50, 51, 56, 61, 102, 109, 209, 221.
בריקנער, באַרנעט — 381.

## ג

גאָלדבערג, ניסן — 279, 284, 285, 291, 292, 300.
גאַלוועסטאָן — 341.
גאַליטצי, קריסטין — 213.
„גומבאַ" — 141.
„גילדערנע עפּאָכע" (אַמעריקע) — 68, 71, 147, 245.
גיסענער געזעלשאַפט — 121, 122.
גלאַנץ, רודאָלף — 249.
געטאָס — 89, 90, 93, 102, 103, 130, 134, 156, 170, 177, 195, 196, 200, 210, 212, 220, 249, 253, 254, 257, 258, 308, 312, 329, 330־8, 342, 343, 344, 351, 352, 357, 360, 372, 383, 388.
געמישטע חתונות (זע געמישטע חתונות ביי ייִדן) — 120, 121, 204, 213, 328, 329.
„גערמאַניאַ" — 117, 121.
גראַף, אַרטור ד. — 123.
גרונטוויגיאַנער — 137.
גרייזעל, סאַלאָמאָן — 265.
גריכן (גריכנלאַנד, גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירכע א. אַז. וו.) — 69, 83, 164, 166, 187, 212, 213, 221, 224, 258, 281, 299.

גרינשטיין, היימאַן ב. — 248, 250, 273, 303, 372.
גרעץ, הענריק — 255.

ד

דאַטש וועסט אינדיס געזעלשאַפט — 98.
דאַלאַס — 286, 297.
דאַקאָטאַס — 340.
דונקאַן, האַניבאַל ג. — 190.
דונקערס — 122.
דזשאַווריס — 77.
דזשאָינט — 375.
דזשאָנס, האַוואַרד מ. — 140.
דזשאָנסאָן, טשאַרלס ס. — 67.
דזשאָנסאָן, טשעסטער ס. — 155.
דזשאָסעף, סעמועל — 145, 242, 243, 244, 373.
דזשאָרדזשיאַ — 98, 249.
דזשוּאיש סאָשעל סטאַדיס — 361, 362.
דזשיימס, וויליאַם — 51, 310.
דזשענקינס, וויליאַם ס. — 41.
דזשענקס, דזשערעמאַיאַ וו. און לאוק, דזשעט וו. — 118, 150, 153.
דזשעפערסאָן, טאָמאַס — 33, 35, 36, 37, 38, 43, 44, 45, 46, 56, 57, 87, 140.
דזשעקסאָן, ענדרו — 45, 46, 48, 49, 57, 60, 66, 93, 100.
דזשערמאַן היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי — 268, 316.
דזשערמאַנטאון — 118.
דיואי, דזשאָן — 37, 51, 52, 62, 225, 226, 227, 228, 230.
דייווי, מאָריץ ר. — 219, 235.
דייוויס, דזשעראָם — 153, 185.
דייטשן (דייטשלאַנד, דייטשע אימיגראַנטן, דייטשע שפּראַך און פּרעסע א. אַז. וו. זע יידן פון דייטשלאַנד) — 14, 40, 68, 69, 70, 78, 82, 84, 90, 117, 118, 129, 133־116, 134, 142, 156, 164, 165, 166, 170, 176, 178, 179, 180, 181, 182, 199, 221, 222, 223, 239, 241, 244, 246, 247, 253, 256, 263, 264, 281, 348, 368, 375, 377, 382.
דילינגהאַם־קאָמיסיע — 150, 151, 153, 272.
דמשק־אָפּערע — 373.
דעטראָיט — 174, 276, 286.
דעלאַווער — 134.
דעמאָקראַטישע פּאַרטיי — 55, 59, 110, 113, 133, 352.
דענער (דענמאַרק, דענישע שפּראַך, פּרעסע א. אַז. וו.) — 69, 134, 137, 138, 139, 201.
דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט — 13, 22, 24, 26, 33, 35, 40, 44, 55, 99, 100, 101, 309, 330.
דריטע פּאַרטייען — 56, 57, 59, 176.
דרעקסלער, דזשוליוס — 214, 216, 218, 221, 380, 381.

ה

האוגוד, דזשאָן א. — 120, 121, 122, 127, 129.
האָודע, ב. דזש. — 137.
האַיאָס — 340.
האָלאַנדער (האָלאַנד, שפּראַך, פּרעסע א. אַז. וו.) — 14, 69, 140, 169, 191, 201, 224, 241, 265, 303.
האַמילטאָן, אַלעקסאַנדער — 33, 36, 37, 45.
האָמסטעד־געזעץ — 69, 88.
האַנסען, מאַרקוס ל. — 20, 78, 133, 208.
האַרבי, אייזיק — 256, 267.
הוגענאָטן — 82, 139, 140.
הורוויטש, יצחק אייזיק — 150, 153.
היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי — 268, 316, 318.
היוז, בישאָפּ — 105.
הייגעצן — 116.
הילקוויט, מאָריס — 118.
הירש, באַראָן, פאָנד — 340.

הענדריק בוירטאָן — 248.
הערמאַן, מיזורי — 120.
הערש, ל. — 242, 243.

## וו

וואונסאָקעט, ראָוד איילאַנד — 161, 183, 219, 381.
וואוסטער, מאַס. — 161, 278, 285.
וואופטער, ט. דזש., דער יונגער — 81, 82, 173, 216, 218.
וואַטערמאַן, ס. — 340.
וואַנדער־פייגל — 171, 242, 243.
וואַלד, ליליען — 226.
וואַקער, פראַנציס א., גענעראַל — 83, 151, 152.
וואָרנער, לאָיד — 298.
וואָרנער, ל. און לאַנט — 212.
וואָרנער, ל. און סראָל, לעאָ — 154, 183, 184, 186, 188, 208, 210, 211, 235, 236, 305, 306.
וואַשינגטאָן, ד. ק. — 111, 313, 329, 354.
וואַשינגטאָן, דזשאָרדזש — 45, 93.
וויטמאַן, וואָלט — 53.
וויטקע, קאַרל פ. — 82, 97, 111, 118, 119, 134, 135, 166, 167, 191, 224.
ווייז, יצחק מאיר — 250, 257, 259, 260, 263, 303.
ווייז, שמואל — 257.
וויינשטיין, ב. — 345, 346.
וויליאַמס, ראָדזשערס — 19.
וויסקאָנסין — 120, 121, 122, 131, 216, 217.
ווירדזשיניאַ — 19, 201, 202.
ווירט, לואיס — 249, 332, 334, 335, 337.
וועיר, קאַראָלינאַ פ. — 122, 158, 220, 280.
וועלס, ה. ג. — 306.
וועלפער פאַנד — 375, 376, 379.
וועסעל, בעסי בלום — 161, 183, 219, 228, 300, 381.

## ז

זונדערלאַנד, מאַס. — 201, 202, 206.
זיידמאַן, דזשאָעל — 289, 290.
זנאַניעצקי, פלאָריאַן — 222.
זעליגמאַן, דזשיימס — 327.
זענקער, פעטער — 130.
זשיטלאָווסקי, חיים — 348.

## ט

טאָמאַס, וויליאַם י. און זנאַניעצקי, פלאָריאַן — 185, 202.
טאָמפּסאָן, וואָרען ס. — 232.
טאָמפּסאָן, פרענק וו. — 161, 163.
טאַפּט, דאָנאַלד — 47, 90, 142.
טאָקוויל, אַלעקסיס דע — 33, 48, 49, 50, 51, 60, 67, 76.
טורנער, פרעדעריק דזש. — 17, 26, 27, 32, 47, 57, 66, 78, 227, 246.
טיילאָר, זכריה, פרעזידענט — 81.
„טיראַניי פון דער מערהייט" — 48, 49, 54, 55, 62, 65, 77, 102, 108, 112, 114, 131, 172, 186, 193, 194, 211, 225, 227, 232, 240, 256, 270, 315, 322, 388.
טעאָקראַטיע — 19, 34, 98.
טעקסאַס — 53, 69, 120, 122, 341.
טראַכטענבערג, יהושע — 273, 301.
טראַשער — 188.
טריעסט — 383.
טריפּאָלי — 99.
טרענטאָן — 286.
טשאַפּעק, טאָמאַס — 130, 154, 167.
טשאַרלסטאָן, מאַס. — 103.
טשאַרלסטאָן, ס. קאַראָליינאַ — 140, 250, 256, 266, 303, 313.
טשיז, יאַראָסלאַוו — 135, 137, 310.
טשיינאַטאַון — 89.
טשיים, סטואַרט — 70, 175, 195.
טשעכן (טשעכאָסלאָוואַקיע, שפּראַך, פּרעסע, א. אַז. וו.) — 116, 154, 159, 166, 167,

168, 179, 182, 201, 202, 203, 205, 383.
טשעריקאָווער, א. — 352.

י

יאַנג, דאָנאַלד — 157, 327, 328, 329.
יאַנג מענס קריסטיאַן אַסאָסיאיישאַן — 210.
יאַנקי סיטי — 154, 183, 186, 188, 190, 191, 206, 208, 211, 212, 219, 298, 299, 320, 326, 327, 328.
יאַנקיס — 89, 94, 106, 111, 145, 153, 212, 213, 280, 298, 299, 309, 326, 387.
יאַפּאַנעזער — 388.
יוגאָסלאַוון — 159.
יוטאַ — 239.
יונג־גערמאַנען — 121.
יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס — 176.
יידן — 17, 82, 83, 90, 116, 123, 147, 149, 154, 156, 166, 167, 181, 184, 188, 191, 192, 193, 199, 207, 212, 213, 214, 219, 223, 224, 231, 235, 236, 239־389. גאַליציש — 249, 333, 341, 345, 367. דייטשע — 241, 244, 245, 246, 247, 248, 249, 250, 253, 254, 255, 256, 257, 259, 263, 264, 266, 267, 269, 273, 282, 283, 284, 302, 303, 310, 311, 314, 315, 316, 317, 318, 319, 324, 332, 333, 335, 338, 339, 340, 341, 342, 343, 345, 349, 352, 366, 367, 368, 379, 381. ליט־ווישע — 257, 367. ענגלישע — 381. פּוילישע — 199, 248, 249, 250, 257, 266, 269, 303, 339, 367. פראַנצויזי־שע — 381. רומענישע — 257, 341, 345, 380. רוסישע — 176, 244, 248, 249, 250, 257, 269, 271, 284, 291, 292, 333, 341, 348, 380. שפּאַניש־פּאָרטוגע־זישע — זע ספרדים.
יידן — אשכנזים — 248, 249, 250, 265, 266, 267, 268, 316, 345, 352, 367, 371.
יידן — ספרדים — 241, 244, 245, 246, 247, 248, 249, 250, 252, 253, 354, 255, 256, 259, 263, 265, 266, 267, 268, 282, 302, 310, 314, 316, 317, 318, 335, 337, 338, 343, 366, 371.
יידן — אין אינדוסטריע — 271, 272, 282־6, 289, 290, 291, 292, 300, 301, 325, 326, 352, 353, 356. אין אינטעליגענטע מלא־כות — 282־6, 293, 294, 295, 301, 302, 334, 356, 357, 358, 365, 371, 376. אין האַנדל — 282־6, 291, 292, 299, 300, 301, 302, 315, 317, 321, 322, 323, 325, 334, 340, 345, 346, 347, 348, 349, 356, 357, 358, 363, 365, 376.
יידן — בית עולם — 262, 265, 268, 312, 335, 336. געמישטע חתונות — 214, 219, 303, 312, 328, 380־3. גרים — 312, 313. דיסקרימינאַציעס קעגן יידן — 240, 241, 270, 296, 313, 318, 321, 322, 327, 332, 355, 358, 359, 360, 361, 363, 368, 369, 376, 378.
יידן — הילף צו יידן אין אַנדערע לענדער — 371־76. לאַנדסמאַנשאַפטן — 267, 269, 336, 345. סינאַגאָגע (שולן, טעמפּלען) — 14, 210, 250, 253, 256, 259־262, 263, 265, 266, 267, 268, 315, 316, 317, 319, 329, 331, 335, 336, 337, 345, 351, 352, 367, 368, 382, 384, 385, 386. עמאַנצי־פּאַציע — 241, 253, 254, 255, 257, 332, 383.
יידן — אידעאָלאָגיעס — 240, 259, 311, 313, 318, 319, 334, 335, 337, 338, 340, 341, 348, 349, 350, 351, 354, 355, 365, 367, 368, 370, 374, 375, 378, 383. אַר־בעטער־באַוועגונג — 176, 292, 313, 338, 347־56, 357, 369, 379. געזעלשאַפטלעכע הילף (פילאַנטראָפּיע, סאָציאַלע דינסט א. אַז. וו.) — 265, 267, 268, 269, 316, 317, 318, 319, 329, 337, 339, 340, 351, 356, 368־75, 379, 386. דעמאָגראַפיע — 273־381, 321, 322, 340, 343, 344, 376.

יידן — קולטור און שפּראַך — 179, 180, 181, 182, 188, 205, 246, 259, 263, 264, 303, 304, 338, 344, 347, 348, 351, 355, 356, 357, 358, 376, 379.
יידיש־ענגלישע קולטור און פּרעסע — 264, 310, 311, 358, 367.
יידישע אַגריקולטור און אינדוסטריעלע געזעלשאַפט — 340.
יידישע אַרבעטער פעדעראַציע — 354, 355.
ייוואָ־בלעטער — 179.
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — 304.
יידישער לערער סעמינאַר — 304.
ייקאָ — 340.

כ

כינעזער — 91, 388.

ל

לאַדינאָ — 263, 264.
לאַזאַרוס, עמאַ — 81.
לאַיד, דייוויד — 138, 139.
לאַפּאַיעט — 141.
לאַרימער, פרענק און אַסבורן, פרעדעריק — 152, 231, 297.
לואיזיאַנאַ — 27, 140, 141, 142, 340.
לואיוויל, קענ. — 127, 315.
לואיס, מאורער טשאַרלס — 124.
לוטעראַנער (לוטעראַנישע קירכע) — 124, 125, 134, 136, 162.
לי, הענרי — 35.
ליטע — 367.
לייזערסאָן, וויליאַם מ. — 157, 171, 196, 197, 198.
ליליענטאַל, מאַקס — 257, 259.
לינד, ראָבערט ס. און העלען מ. — 211, 212, 328.
לינפעלד, הערי ס. — 274, 275, 297, 384, 385.
לינקאָלן, אב. — 42, 69.
לעבעסאָן, אַניטאַ ליבמאַן — 249, 256, 266, 327.
לעווינדזשער, לי דזש. — 249, 362, 363.
לעסער, יצחק — 259, 260, 303.
לעשטשינסקי, יעקב — 284, 285, 291, 364.

מ

מאַכמעדאַנער — 240, 311.
מאַנטיפיאָרי, משה — 373.
מאַסאַטשוסעטס — 19, 25, 31, 93, 98, 103, 106, 161, 361.
מאַראַנען — 252, 265, 335.
מאַרגינאַלישקייט (מאַרגינאַליזם, מאַרגינאַלער מענטש) — 254, 255, 257, 308, 311, 333, 389.
מאַרס, סעמועל פ. — 104.
מאַרמאָנען — 239.
מאַרקס, קאַרל — 37.
מוירדאַל, גאַנאַר — 16, 41, 51, 156, 173, 174, 247.
מונק, פאַלען און פרידריך — 121.
מוסאָליני — 172.
מיאַמי ביטש — 239.
מידלטאָן — 211, 212, 328.
מיזורי — 78, 120.
מיזורי־קאַמפּראָמיס — 42.
מייערס, גוסטאַוואוס — 21, 377.
מייערס, לינאָ — 301.
מילוואָקי — 120, 121, 132.
מינעסאָטאַ — 134, 137.
מיסיסיפּי — 27, 43.
מישיגאַן — 191, 201.
מעדיסאָן, דזשיימס, פּרעזידענט — 37, 38, 39.
מעזבאַכער, ראַביי — 257, 259.
מענאָניטן — 122.
מעקגיל, נעטי פ. און מעטיוס, עלען ג. — 211, 296.
מעקסיקאַנער — 17, 179, 365.
מעריאַם, טשאַרלס — 22, 34, 40, 51, 98.
מערילאַנד — 98.

נ

נאַטיוו־אַמעריקאַנער פּאַרטיי (א. פּ. א.) — 104, 105.
נאַבל, סטואַרט ג. — 24, 50, 52.
נאַציס (נאַציזם, נאַצישע) — 115, 128, 222, 223, 264, 337, 375, 376, 377.
נאַציאָנאַלע רעסורסן קאָמיסיע — 88, 234.
„נאָרדיקס" (נאָרדיקיזם, נאָרדישע) — 74, 83, 84, 86, 94, 116, 151, 153, 178, 298, 329, 364.
נאָרוויטש, קאָנ. — 286, 300.
נאָרוועגיער (נאָרוועגיע, שפּראַך, פּרעסע, קיר־כע, א. אַז. וו.) — 69, 115, 128, 134, 135, 136, 137.
נח, מרדכי עמנואל — 339, 373.
ניו אָרלעאַנס — 78, 140, 141, 276, 278, 285, 297, 303, 382.
ניו דזשורזי — 93, 99, 162, 221, 340, 361.
ניו העמפּשייר — 98.
ניו יאָרק — 13, 83, 84, 92, 93, 99, 105, 117, 131, 154, 171, 174, 188, 189, 191, 205, 211, 215, 216, 217, 219, 221, 248, 250, 251, 262, 264, 265, 267, 268, 273, 274, 278, 280, 281, 283, 285, 290, 291, 296, 303, 306, 315, 316, 317, 318, 321, 327, 331, 336, 338, 341, 342, 344, 345, 348, 354, 357, 361, 362, 367, 368, 372, 376, 380, 381, 385.
ניו לאָנדאָן — 286, 300, 301, 381.
ניו מעקסיקאָ — 183.
ניו ענגלאַנד — 31, 82, 97.
ניופּאָרט, ראָוד איילאַנד — 26, 265, 327.
„ניט־וויסערס" (נאָו נאָטהינג) — 105, 106.
ניי־אַמסטערדאַם — 14, 98, 317, 338.
ניי־בראַנפעלס, טעקסאַס — 120.
ניי־דייטשלאַנד — 121, 122, 123.
נייער דיל — 59.
נעבראַסקאַ — 59, 216, 217.
נעגערס — 13, 17, 18, 40־44, 51, 66, 67, 70, 75, 85, 86, 102, 117, 141, 173, 174, 203, 213, 215, 240, 249, 306, 329, 359, 365, 379, 380, 388.
נעמור, דופּאָנט דע — 36.
נעפּאָליטאַנער — 192.

ס

סאָלאַ, פּול דע, דוד — 368.
סאָלאָמאָן, מיכל אשר און יצחק — 336.
סאַן פראַנציסקאָ — 274, 276, 286, 315, 382, 385.
סאָציאַליזם (סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און איינפלוסן, סאָציאַליסטישע פעדעראַציעס, א. אַז. וו.) — 57, 59, 118, 126, 127, 133, 166, 168, 176, 178, 208, 348, 349, 350, 351, 352, 353, 354, 357, 379, 380.
„סאָקאָל" — 167.
סומנער, העלען ל. — 94, 151.
סט. טשאַרלס — 317, 336.
סט. לואיס — 132.
סט. מאַרטינוויל — 141.
סטאָנקוויסט, עווערעט וו. — 254, 255, 306, 308, 311, 322.
סטייוועסאַנט, פּעטער — 98, 317.
סטינע, קלייד ס. — 125.
סטעטאָן איילאַנד, נ. י. — 301.
סטעמפּאָרד, קאָנ. — 276, 278, 285, 300, 301, 331, 381, 385.
סייער, וואָלטער ס. — 112.
סילקאָקס, קלאַריס ע. און פישער, גאַלען נ. — 207.
סינסינעטי — 261, 263, 286, 297, 303, 315, 381.
סלאָוון — 90, 135, 156, 186, 195, 219, 221, 309, 365.
סלעזשינסקי, טאַדעאוש — 188, 189.
סמיט, וויליאַם ס. — 36.
סמיט, ריטשמאָנד מאיאָ — 21, 151, 190, 208.
סעטלמענט הייזער — 226, 227.

סעטלערס — 13, 14, 18, 20, 21, 22, 23, 24, 34, 49, 50, 75, 108, 119, 140, 194, 225, 245, 309, 377.
ספּאַלדינג, ביסקופּ — 95.
סקאַנדינאַווין — 14, 84, 134, 199.

## ע

עבאַט, גרייס — 226.
עדעמס, דזשיין — 226.
עוואַנגעליציזם — 61, 62, 100, 225.
עלבאָגן, איתמר — 322.
עלזאַס, באַרנעט — 267.
עם עולם — 340.
עמנואל, טעמפּל (ניו יאָרק) — 262, 312.
עמערסאָן, ראַלף וואַלדאָ — 31.
ענגלאַנד (ענגלענדער, א. אַז. וו.) — 13, 14, 15, 18, 19, 20, 21, 22, 23, 24, 25, 26, 27, 28, 29, 31, 34, 35, 38, 63, 68, 69, 75, 77, 82, 83, 90, 91, 92, 93, 96, 97, 99, 102, 103, 107, 111, 115, 119, 140, 148, 219, 221, 223, 241, 250, 266, 303, 305.
ענגעלמאַן, אוריה צבי — 255, 258, 271, 382.
עסטרייך — 69, 164, 167, 181, 383.

## פ

פאוקנער, האַראַלד י. — 91, 145, 174, 175.
פּאָזנאַנסקי, ג. — 313, 354.
פּאָליטיס, מ. דזש. — 166.
פּאָליאַקן (פּוילן, שפּראַך, פּרעסע, קירכע א. אַז. וו.) — 116, 154, 158, 159, 160, 162, 163, 164, 165, 168, 178, 179, 180, 181, 182, 185, 187, 199, 201, 202, 205, 206, 213, 222, 224, 244, 281, 299, 339, 364, 367.
פּאָלקס פּאַרטיי פון קענזאַס — 57, 58.
פּאַסייק — 286, 294.
פּאָפּוליזם — 56, 57, 58, 59.
פּאַר וואָרקערס יוניאָן — 354.
פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן — 346, 353.
פּאַראייניקטער ארץ ישראל אַפּיל — 375.
פּאַראייניקטער יידישער אַפּיל — 372.
פּאָרטוגאַל (פּאָרטוגעזיש) — 246, 262, 263.
„פּאָרטשון", זשורנאַל — 305, 321, 325.
פּאַרמשכשנטע דינערס — 18, 94.
פּאַרינגטאָן, ווערנאָן ל. — 22, 31, 40, 55, 56, 57, 68.
פּאַרק, ראָבערט ע. — 308, 311.
פּאַרק, ראָבערט ע. און מילער, הערבערט א. — 159, 170.
פּאַשיזם — 172, 222, 223, 376.
פּועלי ציון — 353.
פּוריטאַנער (פּוריטאַניזם, פּוריטאַניש, א.אַז.וו.) — 36, 60, 62, 70, 75, 76, 82, 97, 103, 140, 225, 309, 377.
פּיטסבורג — 127, 174, 274, 276, 297.
פּייבעלמאַן, דזשוליאַן ב. — 303, 382.
פּייגען, מעלווין מ. — 361.
פּיין, דזשאַרדזש א. — 50.
פּיין, מאַקס — 346.
פּילאַדעלפיע — 14, 66, 92, 103, 118, 121, 132, 174, 259, 262, 291, 296, 336, 344.
פּיליפּסאָן, דוד — 261, 263.
פּינער — 168.
פעדעראַליסט — 37.
פעדעראַלער שרייבער פּראָיעקט — 140, 154, 170, 171, 188, 291, 205.
פעדעראַציע — 375.
פעטערסבורג — 202, 203.
פעלדמאַן, הערמאַן — 108, 156, 333.
פענסילווייניע — 20, 82, 83, 93, 118, 119, 120, 122, 131, 188, 273, 361.
פענסילווייניע דייטשן — 122-126, 128, 132, 133, 201.
פערטשיילד, הענרי פּ. — 83, 150.
פּראַגמאַטיזם — 51, 52, 375.

פראָטעסטאַנטן (פראָטעסטאַנטיזם, פראָטעסטאַנ־טישע קירכע, א. אַז. וו.) — 14, 17, 75, 76, 83, 88, 91, 97, 98, 99, 101, 103, 105, 113, 118, 123, 139, 164, 167, 168, 207, 208, 210, 212, 223, 248, 256, 261, 311, 315, 325, 385, 386.
פראַנטיר (פראַנטירמאַן, פראַנטירמענטשן, א. אַז. וו.) — 27, 28, 29, 30, 31, 47, 52, 54, 57, 60, 61, 62, 76, 77, 86, 88, 100, 133, 134, 148, 226, 246, 282.
פראַנצויזיש (פראַנקרייך, שפּראַך, פּרעסע, השפּעה, א. אַז. וו.) — 14, 27, 68, 69, 70, 139, 140, 141, 142, 161, 164, 165, 183, 213, 221.
פראַנצויזיש־קאַנאַדער — 139, 142, 154, 161, 162, 164, 165, 183, 188, 191, 206, 219, 299.
פראַנק, וואַלדאָ — 64, 65, 309, 310, 313.
פריינקלין, בענדזשאַמין — 83.

## צ

צוגעדעקטע וועגענער — 134, 246.
צוקער, מאָריס — 147, 148.
צוריקוואַנדערער — 242, 243, 244.
צעירי הצון — 339.
צענטראַלע קאָנפערענץ פון רעפאָרמירטע ראַ־בייס — 261.
צענזוסן (פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג) — 14, 70, 92, 103, 128, 131, 136, 139, 168, 173, 180, 204, 231, 279, 281, 289, 291, 384.
צפון־אירלענדער — 92, 119.

## ק

קאַהאַן, אב. — 344.
קאַטאָליקן (קאַטוילישע קירכע, שולן, א. אַז. וו.) — 17, 25, 66, 83, 97, 98, 99, 100, 101, 102, 103, 104, 105, 106, 107, 113, 114, 124, 139, 140, 141, 161, 162, 164, 165, 183, 205, 206, 207, 208, 210, 212, 223, 239, 248, 253, 258, 261, 311, 325, 377, 385, 386.
קאַטוילישע וועלפער קאָנפערענץ — 206.
קאָלאָניאַלער פעריאָד — 13, 14, 15, 24, 82, 92, 99, 119, 139, 142, 245, 378.
קאָלאָניעס (אויסלענדישע) — 83, 87, 88, 89, 90, 95, 120, 154, 167, 170, 172, 189, 195, 199, 200, 201, 202, 203, 206, 208, 220, 222, 224, 245, 246, 310, 327, 342, 365, 384.
קאָלאָניעס (אַמעריקאַנער 13) — 25, 27, 29, 34, 38, 82, 83, 85, 92, 97, 98, 99, 253, 340.
קאָלאָראַדאָ — 59, 340.
קאָלהון, דזשאָן סי. — 42, 43, 44.
קאָלווערטאָן, וו. פּ. — 28, 54, 63.
קאָליאַרווי, טהאָרסטען וו. — 191.
קאָליפאָרניע — 53, 93, 361.
קאָלען, האָראַס מ. — 224, 225, 228, 229, 230, 306, 334.
קאָמאָן קאָנסיל פאָר אַמעריקאַן יוניטי — 129.
קאָמאָנס, דזשאָן ר. — 133, 176, 184, 190, 197.
קאָמוניזם (קאָמוניסטישע פּאַרטיי, א. אַז. וו.) — 59, 126, 168, 178.
קאָמיוניטי צענטער — 386.
קאַנאַדע — 27, 53, 76, 95, 111, 164, 183, 354, 380, 383.
קאָנעטיקאָט — 93, 99, 162, 298, 300.
קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנפערענץ — 40, 42, 55.
קאָנסטיטוציע (פעדעראַלע) — 22, 36, 39, 40, 42, 44, 98, 99, 100, 101, 210.
קאָנפעדעראַציע, אַמעריקאַנער — 39.
קאָנפערענץ אָן דזשואיש רעליישאָנס — 360, 361.
קאָפּענהאַגען — 383.
קאַראָליינאַ, נאָרט — 99.
קאַראָליינאַ, סויט — 99.
קאַרי, לואיס — 289, 293, 294.
קאַרפּענטער, ניילס און קאַץ, דניאל — 162, 205, 224.

קאַרפּף, מאָריץ דזש. — 318.
קובאַ — 53.
קווייקערס — 20, 118.
קולטורעלער פּלוראַליזם — 227, 228, 230, 233, 234, 235.
קליוולאַנד — 174, 363.
קליין־איטאַליע — 89, 170, 220.
קליין־אירלאַנד — 89, 93, 115.
קליין־האָלאַנד — 201.
קליין־פּוילן — 89.
קליין־שוועדן — 134.
קעטסקילס — 239.
קענזאַס — 58, 59.
קענטאַקי — 127.
קעניג, שמואל — 192, 298, 300, 330, 381, 385.
קענעדי, ריימאָנד — 306.
קעפּ און מילינערי וואָרקערס יוניאָן — 354.
קערנער, גוסטאַוו — 116.
קראוז, אַדאָלף — 262.
קרעמיע, אַדאָלף — 373.

ר

ראָביסאָן, סאָפיאַ מ. — 276, 277, 301.
ראָבערטס, עדוואַרד פּ. — 96, 103, 110, 112, 115.
ראָוד איילאַנד — 19, 82, 265.
ראָיס, מ. וו. — 228.
ראָפּער, עלמאַ — 325.
רוזוועלט, פריינקלין ד. — 59.
רוטענער — 159.
רוטשעק, דזשאָסעף ס. — 135, 162, 167, 219, 228.
רוסישער פּראָגרעסיווער פּאַראיין — 349.
רוסן (רוסלאַנד, שפּראַך, פּרעסע א. אַז. וו.) — 68, 69, 116, 153, 154, 164, 185, 188, 205, 213, 242, 244, 270, 272, 291, 292, 299, 340, 341, 345, 348, 350, 353, 367, 368.
ריאָ דע זשענייראָ — 78.
ריטשמאָנד, ווירדזשיניאַ — 263.
רייך, נתן — 282.
ריס, דזשייקאָב — 69, 226.
ריפּלי, וויליאַם ז. — 197.
רעוואָלוציע (קעגן ענגלאַנד) — 14, 22, 23, 26, 29, 31, 33, 35, 54, 60, 74, 82, 83, 85, 92, 99, 116, 119, 142, 144, 266, 378.
רעפּובליקאַנער פּאַרטיי — 55, 58, 110, 133, 134, 147, 352.

ש

שאונעסי, געראַלד — 19, 95, 98, 103, 114, 164, 206, 307.
שאָטלענדער (שאָטלאַנד) — 14, 82, 92, 119.
שארית ישראל, שול (ניו יאָרק) — 267, 268, 312, 331, 368.
שווייץ — 69, 382.
שוועדן (פּרעסע, שפּראַך, אימיגראַנטן, א. אַז. וו.) — 134, 135, 136.
שטיינבערג, מילטאָן — 257, 349.
שיקאַגע — 132, 134, 167, 174, 186, 250, 262, 281, 291, 296, 315, 344, 357.
„שלום", קאָלאָניע — 339.
שלעזינגער, אַרטור מ., דער יונגער — 45, 46.
שמעלץ־טאָפּ — 15, 116, 211, 233, 235, 236, 270, 386.
שערי שמים, שול — 268.
שפּאַניע (שפּאַנישע פּרעסע, שפּראַך, א. אַז. וו.) — 69, 174, 179, 180, 182, 183, 244, 246, 252, 262, 263.
שקלאַפערייַ, שקלאַפן־אייגנטימער — 13, 18, 28, 30, 31, 33, 38, 40, 41, 42, 43, 44, 67, 70, 85, 92, 94, 102, 110.
שרייאַק, ריטשאַרד ה. — 123.